STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 11735

DI SHVARTSE HAND, ODER, DER GOYEL HADAM

Ponson du Terrail

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דיא שוואַרצע האַנד,

—אָדער—

דער גואל הדם.

ערשטער קאפיטעל.

ווער איז זיא?

—נוא, וואס וועט דאָ היינט זיין, וועלין מיר דאָ אזוי איינשלאפין ביין טיש? האט נעפרעגט א יונגער מאנן, איינער פון דיא געסט ביי א רייך־געדעקטען טיש.

—ניין, ניין! איך וועל אייך באלד עטוואס מיטטהיילען וואס וועט אייך אלעמען אויפמונטערן — האָט געענטפערט דיא קלינגענדע שטימע פון א דאמע פון א יאהר איינינע און צוואנציג.

דיעזע פראגע מיט דיעזען אנטוואָרט זיינען געהערט געוואָרען ארום פינף אוהר פארטאָג, אין שפייזע־זאל פון א גאלאנטער דאמע, וועלכע איז בעריהמט געוועזען אין פאריז אין 1860.

פריילין פולמען איז געוועזען דיא קעניגין פון אלע באַ־עט־טענצערינס אין יענער צייט, אָבער זיא איז ניט אזוי פיעל בעריהמט געוועזען דורך איהר טאלענט אויף דער ביהנע, אלס דורך דיא ליעבע פון דעם רייכען אירלענדישען לאָרד מעררזיל, און דורך דעם טויט פון עטליכע יונגע לייטע פון דער בעסערן געזעלשאפט, וועלכע האָבען זיך געגענזייטיג אומגעבראכט צוליעב איהר אויף דועלס.

ביי דיעזער דאמע אין הויז איז יעצט צוגעגאנגען א פרייליכער מאָהלצייט, און איהר פראכטפאָלע וואוינונג אויף דיא שאנז־עליזע, אויף וועלכע דער לאָרד מעררזיל האָט זיך געלאָזט קאָסטען איבער צוויי הונדערט טויזענד פראנק, האט געשטראהלט און געפונקעלט וויא א גן־עדן.

ארום טיש זיינען געזעסען ניט מעהר וויא צעהן געסט, פון וועלכע דער עלטעס־טער איז געוועזען א האָלענדישער באנקיער פון א יאָהר דרייסיג, און דער איינגסטער איז געוועזען א יונג פון א יאהר זיעבצעהן, א טהעאַטער שפיעלער אין וואָדעווילס.

נאָכדעם וויא דיא טהייערסטע וויינען האבען ניט אויפגעהערט זיך צו גיסען פון האלבע נאכט ביז פארטאָג, האָט זיך ענדליך דיא שיינע הויז ווירטהין אויפגעהויבען און האט געזאָגט:

—מיינע גוטע פריינדע, איך האב אייך דאָ היינט צוזאמענגערופען אום צו הערען אייער מיינונג וועגען א געגענשטאנד וועלכער האט פיר מיך א גרויסע בעדייטונג.

—אָה, אָה! — האָבען עטליכע געסט אויסגערופען.

—ווילסט דוא פיליכט הייראטהען ? — האט געפרעגט מאלווינא, א ברונעטע מיידיל מיט געקרייזעלטע האר.

—געטראָפען ! — האט דיא שיינע פולמען גלייכגילטיג געענטפערט.

—איז דאס מעגליך ?

—זעהט איהר ניט קינדערלאך דאס איך הויב אָן צו ווערן אלט ?

—וויא אלט ביסט דוא דען ? — האט געפרעגט מאַרים סטעפען, א שרייבער פון א צייטונג.

—דאס איז זעהר א גראָבע פראגע, מיין פריינד, נאָר אזוי וויא דא האנדעלט זיך וועגען געשעפט, וועל איך דיר ענטפערן אָפען. א פרוי האט דריי עלטערס: איינס האט יא, איינס זאָגט זיא און איינס וויל זיא ווייזען.

—בראוואָ !

—איך גיעב אָן מיינע יאהרען אויף 23, איך זעה אויסצו־ווייזען 20, אין אמת'ן אבער בין איך 27 יאָהר.

—דאָס איז ערנסט ! — האט געזאָגט דער באנקיער — דוא ביסט אין אזא עלטער ווען מ'ון דארף זאָרגען פאר א תכלית.

—אָבער מיט ווֶעמען הייראטסט דו ?

—מיט לאָרד מעררייל.

—א גוטע פארטיע ! — האט דער באנקיער צוגעשטימט — לאָרד מעררייל האט פופציג טויזענד פינט שטערלינג איינקונפט א יאהר.

דיא איינגעלאַדענע דאמען האבען צוגעשטימט וועהרענד דערנייד (קנאה) האט זיי געפונקעלט פון דיא אויגען.

—ווילסט דוא מיט מיר מאכען א וועטע ? — האט מאַרים געזאגט צו דער שיינער ווירטהין.

—וועגען וואס ?

—דאס אויב איך וועל ניט וועלין ווערסט דוא ניט הייראטהען לאָרד מעררייל.

—דוא מאכסט מיך נייגיעריג, אויף מיין וואָרט.

—דוא דארפסט נאָר אריינגעהן מיט מיר אין א בעזונדער צימער און אויסהערען עטליכע ווערטער.

—איך בין בערייט ! — האט פולמען געזאגט און האט זיך אויפגעהויבען פון טיש, מיינע דאמען און הערען, איך קום צוריק אין איינינע מינוטען.

פולמען האט דעם צייטונג־שרייבער אריינגעצויגען אין איהר בודואר און האט צוגעשלאָסען דיא טהיר.

—איצטער לאָז מיך הערן דאס שרעקליכע ווארט וואס דארף צו שטערן מיין הייראט מיט לאָרד מעררייל.

מארים האט א ווילע אנגעקוקט שארף דיא שיינע יונגע פרוי, און האט דאן געזאגט:

—און ארמאנד ?

פולמען האט אויפגעציטערט אם גאנצען קערפער און איז געווארען בלאס.

—וויא? דוא ווייסט וואס ביי מיר אין דער זעעלע געהט פאר?

—דיינע פערשטאהלענע בליקען אויף דעם אונגליקליכען ארמאנד היינטיגען אבענד האבען מיר אלעס דערקלערט.

—דוא האסט געטראפען — איך ליעב איהם! — האט פולמען געזאגט טרויעריג.

—און דאך געהסט דוא הייראטהען לארד מעררילל?

—ארמאנד שיינט מיין ליעבע ניט צו מערקען; מיר שיינט דאס ער ליעבט איינע אנדערע.

—און דוא, דיא בעצויבערנדע פולמען, קענסט ניט בעזיעגען דיא ליעבע פון ארמאנד צו איין אנדערער, און אפפערסט אזוי לייכט דיינע אייגענע געפיהלע? איך האב איטער פון דיר עטוואס אנדערס געהאלטען... ביסט דוא ארעם?

—ניין, איך האב דרייסיג טויזנד פראנק איינקונפט א יאהר.

—נון?

—איך הייראט ניט לארד מעררילל!

—בראווא, פולמען, דיין הערץ איז אויפען ריכטיגען פלאטץ.

—איך וויל גערן אונטערנעהמען דעם קאמפף מיט דער אונבעקאנטער געגנערי צוליעב דעם געליעבטען, און איך בעט דיך מיר צו העלפען.

—אנגענומען!

—אלזא, צוריס צו דיא געסט!

אריינקומענדיג צוריק אין שפייזע־זאל האבען זיי געטראפען דיא געסט טרינקענ־דיג און לאבענדיג.

—נון — האבען אלע אויסגערופען — האט מארים געזיעגט?

—פילייכט! — האט פולמען געענטפערט — דאס איז מיין געהיימניס.

—מיין ארעמע פולמען — האט דער באנקיער געזאגט — פאלג ניט וואס א פאעט זאגט דיר; דיא פאעטען מיט זייערע גאלדענע רייד פיהרען איינעם צום דלות! הייראט לארד מעררילל, ער האט 50 טויזענד פונט שטערלינג א יאהר...

—דער באנקיער איז טרוקען וויא א ציפער־בלאט — האט מארים סטעפען זיך גע־ערגערט, ווערהרענד ער האט זיך אוועקגעזעצט אויף זיין פריהעריגען פלאטץ, נעבען דעם יונגען מאן וועלכען ער האט בעצייכענט מיט'ן נאמען ארמאנד.

דאס איז געוועזען א יונגער מאנן פון א יאהר 28, וועלכער האט דעם גאנצען אבענד קוים ארויסגערעדט עטליכע ווערטער, האט געשמייכעלט נאר מיט דיא שפיט־צען ליפען און איז געוועזען זייער מעלאנכאליש.

ער האט געהייסען ארמאנד לעאן, און איז געוועזען דער זאהן פון דעם רייכען קאלאנעל לעאן, וואס איז געוועזען בעקאנט צו יענער צייט אין פאריז. מען האט נאך דאנן זיך עראינערט אין פאריז, דאס קאלאנעל לעאן איז געוועזען דער אנפיהרער פון דיא „קאמראדען פון שווערד", וועלכע זיינען געוועזען זיעבען פערזאן, און האבען גע־מאכט פיעל אויפזעהן דורך דיא ערמאָרדונג פון מארקיז דע לאסי. ארמאנד איז גע־

ווען דאס אויג אין קאפ ביי זיין פאטער און איז ערצויגען געווארן אין ליעבע און רייכקייט.

אין דער צייט וואס מיר דערציילען איז שוין געוועזען פיער יאהר נאכין טויט פון מארקיז דע לאסי, דיא „קאמראדען פון שווערד" האבען זיך אויפגעלייזט, און פאריז האט שוין געהאט אן דעם פארגעסין.

וועהרענד פולמען האט געקעהרט פון צייט צו צייט איהרע זעהנזיכטיגע בליקע אויף ארמאנד, האט מאַרים סטעפען ארויפגעפיהרט דאס געשפרעך אויף ליעבע און איהרע זיסע שמערצען. אלע האבין זיך געוויצעלט און געלאכט דאריבער, יעדערער אויף זיין ארט.

—און טראטץ אייער געלעכטער — האט מאַרים אויסגערופען — איז דאך פאראנע אונטער אונז איין עהרליכעס הערץ, וועלכעס פיהלט דיאווירקליכע ליידען פון ליעבע.

—ווער איז ער? — האבען אלע געפרעגט.

פולמען האט עטוואס אויפגעציטערט.

—דאַ איז דער שולדיגער; — האט מאַרים געזאגט און האט אָנגעוויזען מיטן פינגער אויף ארמאנד.

דיעזער איז געווארן עטוואס בלאס, האט אבער באלד אונטערדריקט זיינע אויפרעגונג. דאן האט זיך בעוויזען איין אומעדינער שמייכעל אויף זיינע ליפען.

פולמען האט בענוצט דעם אויגענבליק פון זיין צומישטקייט אום אנצופילען נאך אמאהל זיין בעכער מיט שטארקען שפאנישען וויין, וועלכער, וויא זיא האט געהאפט וועט איהם ענדליך אפבינדען דיא צונג.

—מיין ארעמער ארמאנד — האט מאררים סטעפען געזאגט — דוא ביסט איינמאהל אריינגעפאלען און וועסט מוזען מודה זיין.

—מודה זיין וואס?

—דאס אויפען גרונד הארצען ליעגט ביי דיר וואס.

—איך גלויב אבער אז דא איז ניט דער פלאטץ דערפאר.

—אַ, דוא דארפסט נאר צוגעבען אז עס איז אזוי, דיא אומשמענדע וועסט דוא דערציילען איין אנדערס מאהל.

איך גיעב צו — האט ארמאנד געזאגט ערנסט.

—איהר האט אלזא ליעב? — האט פולמען געפרעגט וועהרענד איהר שטימע האט עטוואס געציטערט פון אויפרעגונג.

—איך ליעב.

—מיט ליידענשאפט?

מיט פערצווייפלונג!

—ווער איז דען יענע גליקליכע? — האט געפרעגט א דאמע ביין טיש.

—איך וויים ניט!

—הערר ארמאנד מאכט שפאס פון אונז — האט געזאגט פריילין מאלווינא וואס האט ביז איצטער געשוויגען.

—איך ווינש איהר וואלט געהאט רעכט ; ליידער האט דיא דאמע וואס איך ליעב קיין נאמען — האט ארמאנד געזאגט ערנסט.

—א דאמע אהן א נאמען ? דאס איז קאמיש ! — האט מאלווינא בעמערקט.

—אזוי הויבט זיך אָן א ראמאן — האט מארים געשפאסט.

—אויב איהר ווילט דורך אוים וויסען א נאָמען, רופט זיא „דיא דאמע מיט דיא שווארצע האנד".

—אָה ! אָה !

—קיין אַנדער נאמען וויים איך ניט פאר איהר !

—מיינע העררען — האט געזאָגט פריילין ניני — ארמאנד איז אביסל שכור־לאָך.

—דאס איז מעגליך, מאדאם — האט ארמאנד צוגעשטימט?

—און ער רעדט פון וועג.

—קיין ווארט.

—ווארום אלזא אזא מערקווירדיגער נאמען : „דיא דאמע מיט דיא שווארצע האנד"?

—וויל איך האב אימטער געזעהן איהר רעכטע האנד בעדעקט מיט א האנדשוה פון שווארצע פארבע.

—איין־איינציגען האנדשוה? און איהר האט עס געזעהן ?

—איבעראל וואו איך האב איהר בעגעגענט.

—דיזע דאמע איז פיליירכט א שאטען.

—פיליירכט. . . .

—דאס איז ! עהר פיקאנט — האט פולמען בעמערקט כלומרשט גאנץ אונשולדיג און האט אנגעגאסען ווידער ווין אין ארמאנד'ס גלאָז.

אויף ארמאנדס בלאסען געזיכט האט זיך שוין פון א היבשע ווילע געלאזט מערקען דיא רויטקייט וועלכע קומט פון צו פיעל טרינקען. פולמען האט עס בעמערקט און האט זיך אינגערליך געפרייט ; דער ווין, האט זיא געטראכט, וועט איהם מאכען פלוידערן אלעס.

—מיין טהייערע פריינדין — האט ארמאנד געזאגט — דיא דאמע מיט דער שווארצער האנד קומט מיר אין מיין וועג איבעראלל וואוהין איך געה שוין צייט א יאהר. אומעדום לויף איך איהר נאך. און קען איהר קיינמאהל ניט דעריאָגען דאס איז עפּעס גאר ניט א פרוי, נאר א קופט־ערשיינונג, א טרוים וואס פליהט פון מיר, וואס מעהר איך יאָג מיך נאך איהר.

—וויא זעהם זיא אוים ? — האט מאָרים געפרעגט.

—זיא איז הויך, שלאנק, און בלאנד. איהרע אויגען זיינען פון טיפסטען בלוי און איהרע ווימפערן זעהר לאנג. הויבט זיא זיי אויף און טהוט אויף איינעם א בליק נעהמט זיא איהם דורך וויא מיט איין עלעקטרישען שטראם.

—מיר נעהט איבער א קעלט איבערן לייב — האט ניני געלאכט.

—אויב דיזע פרוי איז איין ענגעל אדער א טייפעל — דאס וויים איך ניט. איך וויים נאר אז איך האב זיא ליעב . . . דיא ליעבע וועלכע זיא האט מיר געווארפען אין הערצען ווירקט וויא א טראפין גיפט אויף מיין גאנצעס לעבען.

ניני האט ביי דיא לעצטע ווערטער צונעלייגט איהר פינגער צו איהר שטערן, פונקט וויא זיא וואלט וועלין זאגען: אָט־דאָ פעהלט ביי דעם יונגען מאנן א קלעפקע.

מאָרים האט בעמערקט דיעזע בעוועגונג און האט געזאגט ערנסט: דאס איז גרויזאם!

ניני איז רויט געוואָרן און האט זיך ענטשולדיגט, וועהרענד מאָרים האט אויסגערופען:

—אויב דוא ווילסט מען זאל רעספעקטירען דיינע געפיהלע, מוזט דוא דערציילען אלעס בסדר, עס זאל אויסזעהן ווייניגער גייסטערהאפט און מעהר נאטירליך.

אייניגע מינוטען איז ארמאנד געזעסען שטיל און אין זיך געקלעהרט, פונקט וויא ער וואלט זיך שלאגען מיט דער דעה, אויב ער זאל עס טהאן אדער ניט; פלוצלונג אבער האט ער אויסגערופען:

—זאל זיין אזוי! אז איהר ווילט יא אזוי וויסען פאר וואס איך לייד, דאן זאלט איהר עס ערפאהרען. איך וויל אייך דערציילען וואו איך האב געטראפען דיא דאמע מיט דער שווארצער האנד.

פולמען און מאָרים האבען זיך איבער געווארפין א בליק פון צופרידענהייט; נאך א פאר מענער און א פאר דאמען האבען זיך צוגערוקט נעהענטער, וועהרענד ארמאנד האט אנגעהויבען צו דערציילען.

—פאר א יאהרען בין איך געוועזען אין איטאליען—האט ער געזאָגט—צוזאַמען מיט מיין פריינד אלבערט, דעם יונגען טאלענטפאללען מאלער, וועלכען איהר אללע קענט.

דאס איז געוועזען א לוסטרייזע טהייל צו פוס, און טהיילווייזע אויף א וואָגען. אַלבערט פלעגט צייכענען לאנדשאפטען און איך האב מיר געמאכט נאָטיצען.

איין אבענד זיינען מיר געוועזען אינמיטען דיא אפענינישע בערג, אויף דעם שטיל סטען און איינזאמסטען פלאטץ. דיא נאכט איז אנגעקומען און מיר זיינען געוואר זעהר אונרוהיג, דען יענע געגענד איז געוועזען אונזיכער געמאכט פון איטאליענישע באנדיטען.

מיר האָבען בעשלאָסען צו געהן וויטער אזוי שנעל וויא מיר קענען ביז צו א הערבערג (קרעטשים) וועלכע דארף זיין ניט גאנץ וויט. קוים זיינען מיר אָפגעגאנגען א מייל, אלס מיר האבען דערהערט פון וויט הינטער אונז א שיסעריי און א לארעם וועלכער איז געקומען נעהענטער צו אונז.

—דארטען מוז געוויס ערמארדעט ווערען וועלכער רייזענדער—האב איך געזאגט—אדער פיליכט האבען זיך דיא באנדיטען צוזאמען געטראפען מיט דיא סאלדאטען פון פאפסט.

— מיין פריינד — האט אלבערט געזאגט פילאזאפיש — העלפען קענען מיר דארטען ניט, לאמיר געהן וואס שנעלער אונזער וועג און קומען אין דארף.

איך האב אפילו איינגעווענדעט, און האב איהם געוואלט בעווייזען אז מיט אונזערע ביקסען קענען מיר דארטען העלפען דעם שוואכערן; איך האב אבער געמוזט נאכגעבען. נאך א האלבער שטונדע זיינען מיר אנגעקומען צו א קליינעם איינזאמען גאסטהויז וואס איז געשטאנען ביים וועג.

איין אלטע פרוי מיט א פנים פון א ריכטיגע מכשפה האט אונז געפענט דיא טהיר. נעבען איהר איז געשטאנען א יונגער איטאליענישער בויער, איהר זאהן.

זיא האט אונז אנגעקוקט בייז, נאר אלס מיר האבען איהר געוויזען א גאלד־שטיק, האט זיא אונז אריינגעלאזען.

— ענטשולדיגט, מיינע גוטע — האט זיא געזאגט אין א שלעכטען איטאליעניש — אין אזעלבע צייטען מוז מען זיין א ביסל מיסטרויאיש. עס פארגעהט ניט א טאג וואס מען זאל ניט הערן פון א בלוטיגער טהאט פון דעם באנדיט גיאקאמא מיט זיין באנדע.

— אה, איהר האט דא באנדיטען ניט וויט? — האט אלבערט געפרעגט.

—אויב מיר האבען? א פראגע א ביסל? דיא אפענינען שוויבלען און גריבלען פון דיא באנדיטען. לעצטע וואכע האבען זיי דא ערמארדעט ביי אונז דריי רייזענדע.

—דא?

—יא, מיין הערר! אונז טהוען זיי ניט, נאר דיא רייזענדע.

—דאס איז זעהר בערוהיגענד — האט אלבערט געזאגט מיך אנקוקענדיג.

אין דעם אויגענבליק האבען מיר דערהערט א גערויש פון דרויסען און מיר האבען זיך געכאפט פאר אונזערע ביקסען; אבער אונזער שרעק איז געוועזען אומזיסט. נאך איינינע מינוטען איז צוגעפאהרען א געדעקטער פאסט־וואגען מיט צוויי פערד.

דער קוטשער וועלכער איז אראפגעשפרונגען פון וואגען איז געוועזען אין גאנצע בעדעקט מיט בלוט דאס געזיכט, און מען האט געקענט מערקען אז ער האט דורכ־געמאכט א הארטען קאמפף.

אין דעם אויגענבליק האט זיך אויך געעפינט דאס טירל פון וואגען און א דאמע איז ארויס געגאנגען. דיאביידע זיינען איבער געבליעבען פון זעכס פערזאן. פיער זיינען ערמארדעט געווארען, און דיא דאמע האט זיך גערעטעט נור דורך איהר מוטה און דורך דעם וואס איהר דיענער האט נימ פארלארן דעם קאפ. וועהרענד זיא האט פון וואגען ארויסגעשאסען און האט אניעדערגעלייגט צוויי באנדיטען, האט זיך איהר דיענער ארויפגעכאפט אויפען פלאטץ פון געפאלענעם קוטשער און איז אנטלאפען אזוי שנעל וויא דיא גוטע פערד האבין געקענט טראגען.

איהר פערשטעהט שוין וואהרשיינליך אז דיא וואס איז ארויס פון פאסט־וואגען איז געוועזען דיא דאמע מיט דער שווארצער האנד, און עס איז גענוג געוועזען פיר מיך א בליק צו טהון אויף איהר, אום אויפצוציטערן פון קאפ ביז פיס, און צו פיהלען גלייך יענע שמערצליכע זעהנזוכט, וואס האט מיך נאך ביז איצטער ניט אפגעלאזען.

דיעזע דאמע, וואס איז ענטרונען פון טויט וויא דורך א וואונדער און וואס האט איצטער דערשאסען צוויי מענשען, איז געוועזען אזוי קאלט און רוהיג, פונקט וויא זיא וואלט איצטער ארויס פון א באל.

זיא האט אונז דערציילט וואס עס האט פאסירט און האט אונז געזאגט, אז זיא וועט צוברייננען דיא נאכט אין גאסטהויז אויף א שטוהל, דען דיא פערד זיינען טויט מיעד און קענען ניט געהן ווייטער.

איהר פערשטעהט שוין, דאס איך בין געוועזען געבלענדעט און ענטציקט פון

דעם ערשטען אוינענבליק וואס איך האב דיא דאמע דערזעהן, און בין ניט אים שטאנדע געוועזען צו זאגען צוויי ווערטער וואס זאלין קלעפּין. אלבערט איז געוועזען גליקליכער פון מיר. מיט זיין לייבטערן כאראקטער האט ער נאר בעטראכט דיא דאמע אלס אין ראָמאנטישער אומגעבונג ווען אויך יונג און שעהן, און האט עס גענומען לייכט.

אין צוויא־דריי געשיקטע ווענדונג האט ער איהר געמאכט א קאמפּלימענט פאר איהר מוטה און האט איהר אנגעבאטען אונזער ביישטאנד.

— איהר קענט פערלאנגען פיר זיך א בעט מאדאם, און שלאפען רוהיג, מיר וועלין האלטען וואכע, און מען וועט צו אייך ניט צו קומען סיידען מיר וועלין ליגען טויט.

זיא האט אונז געדאנקט מיט א זיסען שמייכעל און האט אונז איינגעלאדען צום אבענדעסען.

יענער מאהלצייט וועט מיר בלייבען אויף אייביג אין מיין געדעכטניס. זיא האט געהאט אזא טרויעריג־זיסען שמייכעלע וואס האט איינעם געמאכט פיהלען וועה, און האט אריינגעבראכט א קעלט אין הערצען. איהר מעלאדישע שטימע האט מאנכעס מאהל געהאט מערקווירדיגע קלייגע. זיא האט פון אלצדינג גערעדט, האט אלץ געוואוסט האט אלצדינג געזעהן.

ארום האלבע נאכט האט זיא זיך געלאזט בעוועגען צו געהן צו רוה, און האט זיך צוגעשפּארט אויפען בעט, ניט אויסגעקליידעט.

אלבערט און איך האבען זיך געשטעלט וואכע אין ערשטען צימער פון גאסטהויז, ביי פערשלאסענע טהירען, און מיט אונזערע ביקסען אין דיא הענד. דער דיענער פון דער דאמע האט געהאלטען איין אויג אויף דיא אלטע מכשפה און איהר זאהן.

צו זיינען מיר געוועזען צו מיעד אדער האבען מיר געהאט א שלאף־טרונק, נאר נאך א דריי שטונדען זיינען מיר געפאלען שלאפען וויא געהרג'עט. און ערשט שפּעט אין טאג האבען מיר זיך אויפגעכאפּט. . . דיא אומבעקאנטע דאמע איז געוועזען פארשוואונדען.

דיא אלטע פרוי און איהר זאהן האבען אונז מיט געטהיילט אז זיא איז אוועק־געפאהרען א שפּראָץ אויף טאג און דאס זיא האט איבערגעלאזען פאר אונז א צעטיל.

דער צעטיל איז געוועזען אהן אונטערשריפט און האט נור ענטהאלטען דיא פאל־גענדע דריי ווערטער געשריעבען מיט א בליישטיפט:

—„דאנקע! אויף ווידערזעהן!"

א מאָנאט שפּעטער זיינען מיר געוועזען אין טהאטער דע־לא־סקאלא אין מילאן א לאָזשע האט זיך געעפינט פונקט אנטקעגען אונז און איך האב קוים אונטערדריקט איין אויסרוף פון ערשטוינען אלס איך האב דערזעהן אריינגעהענדיג אונזער אונבעקאנ־טע פון דיא אפּעניגען, בעגלייטעט פון א אלטען מאנן מיט א ווייסען בארד, וועלכער האט זיך מיט דעם גרעסטען רעספּעקט געזעצט הינטער איהר? איז דאס געוועזען איהר פאָטער? איהר מאנן? א יונגער עסטרייכישער אפיציער וואס איז געזעסען נעבען האט אָנ־געשטעלט זיין לארגנעט אויף יענע לאזשע און האט געזאגט זיך קעהרענדיג צו אונז:

—אהא! דארט איז דיא דאמע מיט דער שווארצער האנד!

—איהר קענט זיא? — האב איך געפרעגט אין אויפרעגונג.

—מילאן הערט ניט אויף צו ריידין פון איהר זייט צוויי וואכען.

—זיא איז א פראנצעזין, ניט וואהר?

—מען ווייס ניט, איהר נאמען איז אונבעקאנט.

—און דער מאנן וואס זיצט ביי איהר?

—מען ווייס אויך ניט ווער ער איז... דיא דאמע איז איין אונדורכדרינגליכעס געהיימניס.

וועהרענד דער יונגער אָפיציער האט אזוי צו אונז גערעדט, האט דיא דאמע מיט דער שווארצער האנד געריכטעט איהר בליק אויף אונז און האט אונז דערקענט' מיר האבען זיא בעגריסט, און זיא האט געענטפערט מיט א לייכטער פערנייגונג מיט'ן קאָפּ; באלד אבער האט זיא זיך צוגעבויגען צום אלטען מאנן הינטער איהר און האט איהם וואס געזאגט אויפען אויער. דיעזער האט זיך גלייך אויפגעהויבען, האט איהר גערייכט זיין ארעם און זיי זיינען ארויס פון דער לאזשע.

—אָ, איך וועל וויסען ווער זיא איז! — האט אלבערט געזאגט.

אויף מארגען האט ער אויפגעזוכט איהר האטעל און איז געגאנגען אהין. צו-זיין ערשטוינען האט ער אויסגעפונען אז דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט נאך נעכטין פארלאזען מילאן, אינמיטען נאכט, צוזאמען מיט איהר בעגלייטער.

איך האב פון דער שטונדע אן איינגעזעהן דאס איך האב זיא ליעב, און איך האב מיין ליעבע איינגעשטאנדען צו אלבערט.

אָ, מיר וועלען זיא געפינען - האט ער מיך געטרויסט — וועז מיר זאָלין אפילו מוזען דורכזיפען דיא גאנצע וועלט.

—האט איהר זיא געפונען? — האט מאָריס סטעפען געפרעגט.

—יא, אין וויען, דריי מאָנאטע שפּעטער. זיא האט דארט געלעבט זעהר צוריקגע־צויגען, אין א הויז פון א פאָרשטאדט. אלבערט האט איהר אבגעשטאטעט א בעזוך. דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט איהם פריינדליך עמפּאנגען און האט איהם געפרעגט וואס איז דער צוועק פון זיין בעזוך, און האט אָפּגעלייקענט אז זיא האט איהם א מאהל געזעהן.

דעם נעכסטען טאג האט זיא פארלאזין וויען. ענטשיעדען, זיא לויפט פון אונז...

ביי דיא ווערטער האט זיך דיא ווירקונג פון ווייז גענומען ווייזען זעהר שטארק אויף ארמאנד און דיא צונג האט זיך אפגעזאגט איהם צו דיענען. ער האט נאך ארויס־גערעדט עטליכע אונפערשטענדליכע ווערטער און איז געפאלען הינטערווערליכס אויפען שטוהל, טויט־שכור.

דיא געסט האבען זיך אלע גענומען קלייבען נאך הויז.

—איך וועל דעם ארעמען ארמאנד מיטנעהמען אין מיין וואגען און איהם אפּפיהרען אהיים — האט געזאגט דער האָלענדישער באנקיער.

—ארמאנד בלייבט דא! — האט פולמען געזאגט.

זיא האט איהם געלאזען אוועקלייגען אויף א קאנאפּע און האט איהם צוגעדעקט מיט איהר קאשעמירענער מאנטילע וואס זיא האט געטראגען אויף דיא שולטערן.

—איך וויל וויסען דעם סוף פון דער געשיכטע — האט זיא געזאגט מיט א שמייכעל.

פולמען ערקלערט זיך אלס געגנערין פון דער דאמע מיט דער שווארצער האנד — האט ניני בעמערקט.

—פיליייכט — האט פולמען געענטפערט, וועהרענד איהרע אויגען האבען אויפגעלויכטען — פון דעם אויגענבליק אן געהערט ארמאנד צו מיר.

צווייטער קאפיטעל.

דער פלאן פון ראכע.

אונגעפעהר אכטאג נאך דיעזען אבענד וועלכען מיר האבען יעצט בעשריעבען, אין איינעם פון יענע שיינע ווינטער־פריהמארגענס וועלכע זאגען אן דעם פריהלינג, איז א קאוואליער געריטען מיט דעם ברעג פון דער סיינע וועלכער איז בעצייכענט מיט „מאקאליי".

זיין פערד איז געוועזען א פראכטפאלעס עקזעמפּלאר, פול מיט פייער. דער רייטער איז געוועזען א מאנן פון א יאהר פערציג, וועלכער האט אויסגעזעהן מיט צעהן יאהר עלטער וויא ער איז געוועזען. זיין געזיכט איז געוועזין פארשטערט, דיא אויגען טיעף, פונקט וויא ער וואלט געוועזען זעהר קראנק.

א פופציג טריט הינטער איהם איז געריטען א דיענער אין א ליווריע, וועלכער האט צושטרייט געקוקט אויף אלעס וואס עס טהוט זיך ארום איהם.

אנגעקומען צו דער עקע פון דער רוע באק האט דער רייטער פארלאזין דעם ברעג וואסער און האט זיך פארנומען נאך דער רוע ווערנאל, אימער מרה־שחורה'דיג, פארטיעפט אין געדאנקען.

אין א ווילע ארום איז ער געבליעבען שטעהן פאר איין פיינעם האטעל, וואו דיא טהירען האבען זיך באלד פאר איהם געעפינט.

ער איז אראפּגעשפרונגען פון פערד, האט איבערגעגעבען זיין פערד צום דיענער, און איז אריין אין דאס שיינע אלטע געביידע, וואו ער האט זיך בעגעבען גלייך נאך דער ביבליאטהעק, וועלכע האט איהם אויך געדיענט אלס ארבייטסצימער.

דיעזער רייטער איז געוועזען הערר העקטאר לעמלין, א געוועזענער לייטענאנט פון גענעראל רוביני. נאכדעם וויא דיעזער גענעראל איז דערשלאגען געווארען אויף א דועל פון מארקיז דע לאסי, האט הערר לעמלין געהייראטעט דעם גענעראל'ס אלמנה וועלכע איז אויך באלד געשטארבען אונטער זעהר געהיימניספאלע צושטענדע.

דאס האטעל וואס הערר לעמלין האט בעוואוינט, האט פריהער געהערט צום גענעראל רוביני, פון איהם איז דאס איבערגעגאנגען צו זיין פרוי, און פון דער פרוי צו קאפיטאן לעמלין, מיט וועלכען זיא האט געהייראטעט.

צייט דיא פרוי איז געשטארבען האט קאפּיטאן לעמלין אימער געוואוינט אין פאריז, זעהר צוריקגעצויגען און אפּגעשלאסען פון דער וועלט.

אלס ער איז אריין צו זיך אין ביבלאטהעק האט ער זיך געווארפען אין א פאטעל

און האט אָפּגעשפּאַרט זיין קאָפּ אן זיינעביידע אויסגעמאָגערטע הענד און איז אזוי געבליעבען זיצען.

דער אמאָהליגער העלדישער קאַפּיטאַן לעמלין איז איצטער נור געוועזען דער שאָטען פון זיך אליין. דער יונגער מוטהיגער אָפיציער, וועלכען דעם גענעראַלס יונגע אלמנה מאַרטהא רוביני האט אמאהל אזוי געליעבט, איז איצטער געוועזען איין מרה־שחורה׳דיגער קראַנקער אלטער מאַנן.

קוים איז ער אזוי געזעסען עטליכע מינוט, איז ערשיענען זיין דיענער טראָגענדיג א וויזיטען־קאַרטע אויף א זילבערנער פּלאַטע.

—איך וויל קיינעם ניט זעהן — האט הער לעמלין געענטפערט האַסטיג, ניט קוקענדיג אפילו אויף דיא קאַרטע.

—מיין העררע, דער מאַנן טרעט ניט אָפּ — האט נעזאגט דער דינער. ער זאגט ער איז איין אלטער פריינד.

—זשערמען! עס איז שוין צייט דוא זאָלסט קענען דיין לעקציאָן, איך בין פאַר קיינעם ניט צו הויז.

—אבער דער מאַנן האט דעם העררן געזעהן אריינקומענדיג און ער זאגט אז ער האט אייך וואס וויכטיגעס מיטצוטהיילען.

דער קאַפּיטאַן האט גענומען דיא קאַרטע און האט איבערגעלעזען:

„מאַיאָר אָרלאָוו“.

—איך קען גאָר דעם מאַיאָר ניט, בעט איהם ער זאָל מיר שרייבען... איבעריגענס פיהר איהם אריין, לָאָמיר זעהן וואס מען וויל פון מיר.

פינף מינוטען שפּעטער איז קאַפּיטאַן לעמלין ארויסגיגאַנגען פון זיין ביבלאָטהעק נאָך דעם עמפּפאַנגס־זאַל, וואו דער פרעמדער האט איהם ערוואַרטעט.

דער מאַיאָר אָרלאָוו איז געוועזען א מאַנן פון א יאהר זעכציג, הויך געוואַקסען, מיט זילבער ווייסע האַר אין באַרד, און אין אלגעמיין איינע זעהר פאָרנעהמע געשטאַלט.

—ענטשולדיגט, מיין העררע, וואס איך בין אזוי צודרינגליך געוועזען — האט דער גאַסט געזאגט — איך האב געמאכט א רייזע פון פּעטערסבורג אהער נור אום אייך צו זעהן און מיט אייך צו ריידען.

דער קאַפּיטאַן האט איהם פערוואונדערט אָנגעקוקט ווערענד דער מאַיאר האט ווייטער גערעדט:

—מיין נאָמען איז אייך פיליכט אזוי אונבעקאַנט וויא מיינע פּערזאָן, ערלויבט מיר דעריבער אייך צו זאגען, דאס איך בין גראַף אָרלאָוו, איין רוסישער ארטילעריע־אָפיציער.

קאַפּיטאַן לעמלין האט זיך פערנייגט.

דער מאַיאר האט שאַרף אָנגעקוקט קאַפּיטאַן לעמלין און האט פּלוצלונג א פרעגע געטהאַן.

—זייט איהר ניט געוועזען, מיין העררע, לייטענאַנט פון גענעראַל באַראָן רוביני?

קאפיטאן לעמלין האט עטוואס אויפגעציטערט פון דער אונערווארטעטער פראגע.
יין געזיכט איז געווארן נאך בלאסער ווי פריהער אלס ער האט געענטפערט:
—יא, מיין הערר.
—און איהר האט געהייראטעט זיין אלמנה?
—איך בעווין איהר איצטער, מיין הערר — האט לעמלין געענטפערט מיט א פינסטערע שטימע.
—וואס איך האב מיט אייך צו ריידען, מיין הער, האט א שייכות מיט דעם גענעראל רוביני. איהר ווייסט דאך געוויס, הערר קאפיטאן, דאס דער גענעראל איז געוועזען מיטגליעד פון דער פראנצעזישער געזאנדשאפט מיט א יאהר 15 צוריק?
—קאפיטאן לעמלין האט צ: טימענד געשאקעלט דעם קאפ.
—ווי איהר ווייסט — האט דער מאיאר וויטער גערעדט — איז באראן רוביני געוועזען א מוטהיגער בעהערצטער מאנן, א וואגהאלדז און איין וואנדער־לוסטיגער. אלס אונזער רעגירונג האט געשיקט איינע עקספעדיציאן נאך דיא געבירגע אין קאווקאז, אין וועלכער איך האב טהיילגענומען אלס דער שעף פון דער מיליטערישער בעגלייטונג, האט זיך דער גענעראל פרייוויליג אנגעשלאסען אן אונז. איך וויל אייך דערמיט זאגען, אז איך האב דעם גענעראל גוט געקענט.
—וואוהין וויל ער פיהרען? — האט קאפיטאן לעמלין געטראכט פיהלענדיג עטוואס אונרוהע.
דער מאיאר האט וויטער דערציילט:
דאס איז געוועזען וועהרענד דיעזער עקספעדיציאן דאס מיר און דעם גענעראל האט פאסירט עטוואס אונגעוועהנליכעס. איין נאכט, ווען מיר זיינען אזוי געריטען זייט ביי זייט צווישן דיא געבירגע, האט זיך פלוצלינג דערהערט א שוס, און דאס פערד אויף וועלכען דער גענעראל איז געזעסען איז געפאלען טויט.
מיר האט אין ערשטען אויגענבליק אויסגעוויזען אז דער גענעראל איז געטעדטעט; אבער ער האט זיך באלד אויפגעהויבען פריש און געזונד, און שמייכלענדיג.
—דאס איז גאר ניט — האט ער געזאגט — אבער דיא באנדיטען האבען מיר געקוילעט דאס בעסטע פערד וואס איך האב אין מיין לעבען געהאט.
וועהרענד מען האט דעם גענעראל צוגעפיהרט איין אנדער פערד, האב איך קאמאנדירט א דוצענד פון מיינע רייטער צו יענעם פלאטץ פון וואנען דער שוס איז געקומען. דיעזע האבען נאך לאנגען זוכען ענטדעקט א יונגע פרוי מיט א ביקס אין דער האנד, און האבען זיא געבראכט צו אונז.
דער אנבליק פון דיעזער פרוי אין יענעם ארט און צו יענער צייט איז אונז פארגעקומען וואונדערבאר. זיא איז געוועזען געקליידעט ווי א רייכע אייראפעאישע דאמע, און אלס מען האט זיא צוגעפיהרט האט זיא זיך געוועדנעט צו מיר אין פראנצעזיש:
—ענטשולדיגט מיך, מאיאר, איך בין קיינע פיינדין פון דיא רוססען, דאס האב איך געציעלט אויף דעם פראנצעזישען אפיציער. איך האב מיין ציעל פערפעהלט און איך בין גאנץ פערצווייפעלט.
ווי זיא האט אזוי גערעדט האט דער גענעראל זיא אנגעקוקט, האט זיך ווי

עס שיינט דערמאהנט וואס, און ער איז געווארן בלאס און האט כמעט אויפגעשריען פאר ערשטוינען. ער האט זיא, וויא עס האט אויסגעזעהן, דערקענט.

—מאיאָר, איך בעט אייך — האט ער געזאגט צו מיר — לאָזט פריי דיעזע פרוי און פרעגט מיך יעצט קיינע פראגען — פיליכט אמאָהל שפעטער וועל איך אייך קענען פערענטפערען אייער וואונדער.

אלס מען האט דיא פרוי אָפגעלאָזען האט זיא זיך געווענדעט צום גענעראל און האט געזאגט:

—איהר זייט אונגירעכט וואס איהר זייט אזוי גרויסמיטהיג געגען מיך; דאס קען אייך נאך אמאָהל פערניכטען!

נאכדעם וויא זיא האט מיך בעגריכט מיט א גראציעזער בעוועגונג איז זיא פערשוואונדען צווישען דיא געבירגע.

—איך בעט אייך, מאיאָר, פערלאנגט ניט איך זאל אייך געבען ערקלערונגען ביז איך וועל אייך אליין דערציילען — האט דער גענעראל געבעטען — אין וועג!

—דאס איז ווירקליך וואונדערבאר! — האט אויסגערופען קאפיטאן לעמלין, וועלכער האט פון גענעראל קיינמאהל קיין ווארט דערפון געהערט.

—פון יענער צייט אן האב איך מיט דעם גענעראל ניט מעהר דערפון גערעדט — האט דער מאיאָר פאָרטגעזעצט — אבער זעכס מאָנאטען שפעטער, אלס מיר זיינען שוין געוועזען צוריק אין פעטערסבורג, האב איך ערהאלטען פון גענעראל איינע איינלאָדונג, איך זאל קומען צו איהם אבענדס צו טהיי.

איך האב נאטירליך געפאָלגט דער איינלאָדונג. איך האב געפונען דעם גענעראל אליין, מיך ערווארטענדיג. ער איז געוועזען זעהר פארזארגט און אומעטיג.

—מאיאָר! — האט ער געזאגט צו מיר, דריקענדיג מיין האנד — מיר זיינען נאך אפילו ניט גאנץ אלטע פריינדע אָבער דאך רעכען איך, אז איך מעג מיך אנפערטרויען אייך. איך פארלאז מארגען רוסלאנד און איך האב פון אייך צו פערלאנגען א גרויסען דיענסט.

איהר מעגט מיר אלעס אנפערטרויען, גענעראל — האב איך געזאגט.

—געדיינקט איהר יענע פרוי וואס האט אויף מיר געשאָסען?

— געוויס!

—נון, דיעזע פרוי וועט פריהער אדער שפעטער קומען צו אייך און פרעגען וועגען מיך (ביי דיעזע ווערטער האט דער גענעראל ארויסגענומען א בריעפטאַשע פון זיין שרייב־טיש); אויב דיעזע פרוי קומט איינער־אליין זאלט איהר איהר איבערגעבען דיא 20 טויזענד פראנק וועלכע ליעגען דאָ, און פארברענגען דעם בריעף וואס ליעגט דערביי.

—זעהר גוט, ווען זיא אבער ניט אליין?

—אויב זיא פיהרט מיט זיך א קינד, וועלכעס איז נאך איצטער א קליינע מיידעלע מיט בלאָנדע האָר און בלויע אויגען, זאלט איהר איהר געבען דאס געלד. אבער איהר זאָלט צונעהמען דאס קינד.

—אה! — האב איך אויסגערופען פערוואונדערט.

—דאן מיין פריינד, זאלט איהר עפענען דעם בריעף, און געדיינקענדיג אונזער פריינדשאפט און אייער פערשפרעכען זאלט איהר פאָלגען פונקט פאר פונקט אלעס וואס אין איהם שטעהט.

—איך שווער עס אייך, גענעראל.

ער האט ווידער געדריקט מיין האנד.

—אַדיע — האט ער געזאגט — איך פעררייז מארגען, און מיר זאגט מיין הערץ אז איך וועל אייך ניט מעהר זעהן.

קאפיטאן לעמלין איז געוועזען טויט־בלאס אלס דער מאיאָר האט איהם ביי דיא לעצטע ווערטער אנגעקוקט. ער האט זיך אבער באלד געפאסט און געפרעגט:

—איך זעה נאך ניט איין, מיין הערר, וואס אייער געשיכטע האט צו טהאן מיט אייער בעזוך ביי מיר.

—דאס וועט איהר גלייך זעהן, מיין הערר. מיט א יאהר דריי צוריק, אלס איך בין איין אָבענד געזעסען ביי מיר צו הויז, ווערט מיר אנגעמעלדעט דאס א דאמע מיט איונגע מיידיל ווילען מיך זעהן.

איך האב שוין דאן געהאט אין גאנצען כמעט פארגעסען דעם אויפטראג פון גענעראל, וועלכער האט שוין מיט צוועלף יאהר צוריק פארלאזען רוסלאנד. קוים האב איך דערזעהן דיא דאמע, האב איך אין איהר גלייך דערקענט יענע יונגע פרוי וואס האט געשאסען אויפען גענעראל. זיא איז יעצט אלט געוועזען א יאהר 45, נאך זעהר שעהן, וועהרענד דיא יונגע איז געוועזען א יאהר צוויי־דריי און צוואנציג. און האט מיט איהר יעדען צוג עראינערט דעם גענעראל.

דיא מוטער האט זיך צו מיר געווענדעט:

—געדיינקט איהר נאך באראן דע רוביני?

—געוויס! — האב איך געענטפערט.

איך האב ארויסגענומען פון מיין שרייב־טיש דעם פאקעט וואס דער גענעראל האט מיר מיט 13 יאהר צוריק אנפערטרויט, האב פריהער איבערגעציילט דאס געלד און האב באלד געעפענט דעם בריעף. היער איז דער בריעף אין גענעראלס האנד־שריפט, וועלכען איהר וועט מיר ערלויבען אייך פאָרצולעזען.

הער לעמלין האט צוגעשאָקעלט מיטן קאָפּ פערזונקען אין דער געשיכטע וואס ער הערט, וועהרענד דער מאיאָר אָרגאָוו האט געלעזען:

„מיין ליעבער מאיאָר!

„מארגען פילייכט, און פילייכט אויך אין צעהן יאָהר ארום וועט יענע פרוי וואס „האט אויף מיר געציעלט אין קאווקאז, קומען פרעגען אויף מיך, און וועט אייך בריינ־„גען מיין קינד. אויב דאס וועט געשעהן, שיקט אוועק דיא מוטער צוריק פון וואנען „זיא וועט קומען, און זוכט ניט צו דערגעהן ווער זיא איז. אבער דיא טאָכטער זאלט „איהר מיר בריינגען נאך פאריז. אויב דאס שיקזאל וויל אז איך זאל דאמאלס שוין זיין „טויט, זאלט איהר דאך בריינגען מיין קינד נאך פראנקרייך, צום שלאס רוביני, אין „נארמאָנדיע.

„דארט וועט איהר געפינען דאס פערמעגען וואס איך לאז איבער פאר מיין

„טאכטער. איהר וועט זיך לאזין אריינפיהרען אין מיין שלאָפצימער, איהר וועט אָפרוקען
„מיין בעט וועלכעס שטעהט דארטען פון יאהרען, און דעם אכטען מארמאָר־קאסטען
„פון פוסבאָדען אין דער צווייטער צייל פון וואנט, זאלט איהר ארויסנעהמען, און דארט
„וועט איהר געפינען א קליינעס אייזערנע קעסטעלע.

„דאס קעסטעלע ענטהאלט מיין טאָכטערס פערמעגען און עטליכע אינסטרוקציעס
„וועלכע איך בעט אייך פינקטליך דורך צופיהרען. „מיט פריינדשאפט און דאנק

„באראָן דע רוביני".

אלס דער מאיאָר האָט געענדיגט לעזען דעם בריעף האט ער אויפגעהויבען זיין בליק אויף קאפיטאן לעמלין:

—פערשטעהט איהר עס יעצט?

דער קאפיטאן איז געוועזען זעהר בלאס און האט געשוויגען.

—איידער איך האב אנגעטרעטען מיינע רייזע אהער, האב איך מיך פריהער ערקיני־דיגט וועגען גענעראל רוביני, און האב ערפאהרען, אז ער האט אין דיא צוועלף יאהר געהייראטעט, איז נים גאנץ לאנג צוריק געשטארבען, און דאס אויך זיינע פרוי איז געשטארבען, נאך וועלכער איהר טראגט יעצט טרויער. איהר דארפט עס דעריבער געפינען גאנץ נאטירליך, מיין הערר, וואס איך האב מיך געווענדעט צו אייך.

דער מאיאר האט דיא גאנצע צייט נים אראָפגענומען קיין אויג פון קאפיטאן לעמלין, וועלכער איז געזעסען צערשטריים, מיט טראפען שוויס אויפן שטערען.

—מיין הערר — האט דער קאפיטאן ענדליך געזאָגט אין א טרוקענעם טאן — אלץ וואס איהר דערציילט מיר דא קלינגט זעהר וואונדערבאר.

—דאס איז דיא ווארהייט, מיין הערר!

—איך האב קיין ווארט דערפון געהערט נים פון גענעראל, מיט וועלכען איך בין אזוי לאנג געוועזען צוזאמען, און נים פון זיין אלמנה, וועלכע איז נאכהער געוועזען מיינע פרוי.

דער מאיאָר האט געקניישט דעם שטערן:

—מיין הערר, איהר האט קיין גרונד צו צווייפלען אין דעם וואס איך זאג אייך אזוי וויא איך האב אייך גיגעבען דיא בעסטע בטוויזע. ערשטענס איז דעם גענעראל'ס טאָכטער דאָ אין פאריז, און צווייטינס ברייננ איך אייך דעם בריעף פון גענעראל, און איהר קענט דאך געווים זיין האנדשריפט?

דאס זאָגענדיג האט ער איבערגיגעבען דאָס פאפיער וואס ער האט גער האלטען דעם קאפיטאן, און דיעזער האט גוט בעראכט דיא האנדשריפט.

—דאס שיינט ווירקליך צו זיין דעם גענעראלס האנדשריפט — האט ער מעלט שטיל.

—יעצט, מיין הערר, אויב איהר וואלט אונז וועלען ערווייזען דיא עהרע און צו אונז שפייזען היינט אבענדס אויף דעם באָוואַ פלאטץ. . .

דער קאפיטאן האט געמאכט איינע אבוועהרענדע בעוועגונג;

—אח, מיין הערר, איהר זעהט דאך איך טראג טרויער, און האב נאך מעהר טרויער אין הערצען, און בין נים פיר געזעלשאפט.

—דאן וועל איך בריינגען דעם גענעראלס טאכטער אהער...

—אבער, מיין הערר, וואס קען איך טהאן פיר דיא טאכטער... פון... גענע־ראל? — האט הערר לעמלין געפרעגט, און מען האט געקענט מערקען דאס ער האט פונקט וויא מורא געהאט ארויסצורייזען דעם נאמען.

—איהר קענט איהר געבען איהר פערמעגען!

—ווער ווייס אויב אזא פערמעגען עקזיסטירט?

—איהר זעהט דאך דעם בריעף.

—איהר ווילט אלזא רייזען נאך רוביני, מיין הערר?

—איך רעכען אזוי.

—מיין אינטענדאנט וועט אייך בעגלייטען.

—ניין, מיין הערר, מיר ערווארטען איהר זאלט אליין מיט אונז אהין פאהרען.

—איך! — האט דער קאפיטאן אויסגעשריען כמעט מיט שרעק.

—איהר פארשטעהט דאך, מיין הערר, דאס עס קען זיך מאכען אז אין אייזער־נעם קעסטיל וועלען נים ליעגען באנק־בילעטען אליין, זאנדערן ווערטה־פאפיערען, וועלכע ערבשאפטס־דאקומענטען, וועלכע מען קען נים בעקאנט מאכען אהן א געוויסער פייערליכקייט. אייער געגענווארט איז דורכאוס נייטיג אין רוביני.

—אבער, מיין הערר!

—איך זעה. הערר קאפיטאן, עס וועט נייטיג זיין אז דיא יונגע דאמע אליין זאל נעברויכען איהר שפראכע אום אייך דערצו צו בעוועגען... און זיא וועט עס טהאן. איך וויל נים בעשטעהן אויף מיינע איינלאדונג צום אבענדעסען אבער, איך בעט אייך, קאפיטאן, סומט וועניגסטענס אום ניין אוהר אויף א האלבע שטונדע.

דיא שפראכע און דער בליק פון מאיאר, טראץ דעם וואס ער איז אין גאנצען גע־וועזען אזוי געשליפען און פיין, האבען געהאט אין זיך עטוואס שטרענגעס און בעפעה־לערישעס וואס דער שוואך־געווארענער קאפיטאן לעמלין האט נים געקענט ווידערשטעהן.

—איך וועל קומען — האט הערר העקטאר לעמלין צוגעזאגט.

דער מאיאר האט גענומען אבשיעד און איז אוועקגעגאנגען, בעגלייטעט בי צום טהיר פון הויזווירטה. דיעזער האט זיך דערנאך א ווארף געטהאן וויא פערניכ־טעט אין א שטוהל און האט בעדעקט זיין געזיכט מיטביידע הענד.

—א, דאס הארץ־וועה, דיא געוויסענביסע; האט ער געמורמעלט.

א פאר שטונדען איז ער אזוי געבליעבען אונבעוועגליך, דאן האט ער זיך שנעל אויפגעהויבען און האט זיך גענומען שפרייזען איבערן צימער אין אויפרעגונג, וועהרענד ער האט מעהרערע מאהל ווידערהאלט:

—א, דיא געוויסענביסע, דאס הערצוועה! — און עס האט אויסגעזעהן אז דיא אויס דופע צורייסען איהם דיא האלדז.

איז עס געוועזען דער בלוטיגער שאטען פון רוביני וואס איז איהם געשטאנען פאר די אויגען ?

ניין, עס האט אויסגעזען אז ער האט אויף דער זעלע נאך גאָר א פרישען פער־ברעכען, וויל דיעזע געהיימניספאָלע פיין איז אין איהם ארויסגערופען געווארן ערשט דאָ ניט לאנג, נאכין טויט פון זיין פרוי מארטהא, די געוועזע אלמנה פון רוביני.

וועלכע נייע לאסט האט געדריקט די זעלע פון דיעזען מענשען ?

דער גאנצער טאָג איז געוועזען פאר איהם אן אבוועכסלונג צווישען ערשעפּונג און שרעקליכער זעלענפיין.

אלס דער אבענד איז שוין געוועזען אנגעקומען האט נאך דער קאפּיטאן אלץ ניט געוואוסט אויב ער וועט געהן צום מאיאָר אָרלאָוו אדער ניט ער האט געהאט א פאָרגעפיהל פון עטוואס שרעקליכעס, פון נייע שמערצען אין נייעם אונגליק פיר איהם. אבער די נייגירדע, ד״ר וואונש צו זעהן דאס אונבעקאנ־טע, האט איהם געטריבען אנצונעהמען די איינלאַדונג.

—לאמיר געהן! — האט ער זיך געזאגט — איך מוז געהן, פיליכט וועט דיעזע גוטע טהאט נעגען דעם גענעראלס טאכטער בריינגען עטוואס רוהע אין מיין הערצען.

אונטער דעם איינפלוס פון דיזען געדאנקען האט דער קאפּיטאן העקטאר לעמלין אום אכט אוהר פערלאנגט זיין וואָגען. אום ניין אוהר פינקטליך האט ער זיך געלאזט אנמעלדען ביים מאיאָר אָרלאָוו.

א שווייצער האט געעפענט די קארטע פארן קאפּיטאן און צוויי דיענער אין ליווערס זיינען צוגעקומען אום איהם צו העלפען אויסשטייגען און צו נעהמען זיין קארטע. איינער פון זיי האט געווארפן א בליק אויף די קארטע און האט געזאָגט :

—דער גראף ערווארטעט אייך, מיין הערר.

דער קאפּיטאן איז נאכגעגאנגען דעם דיענער, וועלכער האט איהם ארויף־געפיהרט אויפען ערשטען עטאזש.

דאס איז געוועזען א פּראכטפאָל־איינגעריכטעטע קליינע וואוינונג, מיט שיינע בילדער און אלטע פיינע מעבעל. דער קאפּיטאן האט דורכגעשפּרייזט א ווינטער־גארטען, א זאמער־סאלאָן, און איז געבליעבען שטעהן מיט דעם דיענער ביי דער טהיר פון א שיינעם בודואר, וועלכעס איז געוועזען באלויכטען פון איין אלבאסטער־לאמפּע וואס איז אראָפּגעהאנגען פון מיטען פּלאפאָנד, און וואו ער האט בעמערקט איין אלטען מאנן און א יונגע דאמע.

דער אלטער איז געוועזען קיין אנדערער אלס דער רוסישער מאיאָר.

וואס אנבעטרעפט די דאמע וועלכע איז געזעסען נעבען איהם, איז דער קאפּי־טאן געבליבען וויא געבלענדעט אזוי שנעל וויא ער האט זיא דערזעהן.

זיא איז געוועזען וואונדערבאר שעהן, און איהר שענהייט האט געהאט עטוואס בעצויבערענדעס וואס האט געווירקט אויפען קאפּיטאן לעמלין וויא א מאגנעט.

מאיאָר אָרלאָוו איז איהם געקומען אנטקעגען :

T. S. H.

—איך דאנק אייך, קאפּיטאן, אייער פּינקטליכקייט איזווירקליך מילי-טעריש.

דער קאפּיטאן איז אריינגעגאנגען מיט איין אונזיכערן טריט, און אזוי וויא דער בלענדענדער אנבליק פון דער יונגער דאמע האט איהם אין גאנצען פערווירט, האט ער געמורמעלט איינינע ווערטער אן א צוזאמענהאנג אלס ענטשולדיגונג, און האט זיך געזעצט אויפען שטוהל וואס דער מאיאָר האט איהם אָנגעוויעזען.

דיא יונגע דאמע האט געריכטעט אויף איהם א פייערינען בליק און האט גע-ענטפערט שוויינענדיג אויף זיין גרוס.

—מיין הערר — האט דער מאיאָר געזאָגט, אנווייזענדיג אויף איהר מיטן פינגער — געפינט איהר ניט דאס דיעזע דאמע איז זעהר ענליך צום גענעראל?

דער קאפּיטאן האט געקלערט וואס צו ענטפערן.

—ווירקליך . . . איך גלויב . . . . עס איז מעגליך — האט ער געמורמעלט.

דיא יונגע דאמע איז געוועזען געליידעט אין שווארצען; איין האנד האט זיא געהאלטען נאַקעט, דיא אנדערע איז געוועזען בעדעקט מיט א שווארצען האנדשוה.

דיעזע זאנדערליכקייט איז דעם קאפּיטאן אויפגעפאלען.

—קאפּיטאן — האט דער מאיאָר ווייטער געזאָגט — איהר האט מיר היינט מאָר-גענס ארויסגעוויעזען אייער ווידערווילען אונז צו בעגלייטען נאך דעם שלאָס רוביני, נים וואהר?

דיא פערווירונג פון קאפּיטאן איז נאך גרעסער געוואָרן:

יא . . . ווירקליך . . . . איך וויים ניט! — האט ער געמורמעלט.

—אָ, מיין הערר, — האט דיא דאמע געבעטען, ריכטענדיג אויף איהם דעם בליק פון איהרע טיעף־בלויע אויגען, וועלכע האבען געהאט אזא שרעקליך־פערפיהרערישע קראפט — אָ מיין הערר, איהר, קענט עס אונז ניט ענטזאגען. . . .

—איך וועל געהן, — האט ער געענטפערט.

אין דעם איינציגען וואָרט האט זיך געהערט וויא דיא ערגעבענהייט פון דעם שקלאפען, אויף וועלכען עס לאסטעט שווער דער ווילען פון זיין הערר.

דער קאפּיטאן איז געבליעבען אונגעפעהר א שטונדע אין בודואר פון דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה.

דאס וואס האט פּאסירט אין דיעזער שטונדע איז געוועזען פאר איהם וויא א פער-ווירטער חלום, פון וועלכען דער פערשטאנד בעגרייפט ניט די בעדייטונג.

ער האָט געשפּראָכען און האָט ניט געוואוסט, ניט וואס ער רעדט און ניט וואס ער הערט. האלטענדיג דעם בליק אימער אויפען געזיכט פון דער בלענדענד־שיינער דאמע, און היטענדיג יעדע בעוועגונג פון איהרע ליפּען, האט דער קאפּיטאן פערשפּירט דאָס ערשטע זאנדערבאַרע הערצוועה, פון וועלכען דער יונגער ארמאנד, דער זאהן פון קאָלאָנעל לעאָן, האט שוין געליטען זייט א יאָהר.

אלס דיא וואנד־אוהר האט געשלאגען צעהן, האט זיך דער קאפּיטאן אויפגעהאפּט פונקט וויא פון א שווערען טרוים, און האט גענומען אבשיעד.

—קאפיטאן — האט דער מאיאָר אָרלאָוו איהם געזאגט — איבערמאָרגען פריה פער־רייזען מיר נאָך רוביני.

—איך וועל אייך בעגלייטען, מיין העדר.

דער קאפיטאן האט זעהר אונטערגעבען בעגריסט דיא דאמע מיט דעם שוואר־צען האנדשוה און איז געגאנגען, בעגלייטעט פון מאיאר ביז ארונטער דיא טרעפ. ער האט געוואקעלט אין געהן פונקט וויא בעטרונקען.

– נאָך הויז ! — האט ער צוגערופען זיין קוטשער.

אלס דער מאיאר איז צוריק אריין אין בודואר, האט זיך דיא דאמע מיט דער שווארצער האנד צו איהם געווענדעט :

— גוטער הערמאן, דיזער מאנן איז א גרויסער פערברעכער.

—איך גלויב אויך אזוי — האט דער מאיאר געענטפערט.

—ער האט בעגאנגען פערברעכען נאָך אויסער יענעם פיר וועלכעס איך וועל איהם פערפאָלגען, מיר שיינט, ער האט אויך ערמאָרדעט זיינע פרוי.

דער מאיאר האט געמאכט א בעוועגונג פון ערשטוינען און אונווילען.

—ווארט נאר מיר וועלין זיין אין שלאָס רוביני, וואו מיר האָבין שוין פאָרבעריי־טעט דיא קאָמעדיע וועלכער ער וועט פאלען צום אָפפער, און דארטען וועלין מיר זיך איבערצייגען אויך דארין.

—וויא אזוי קענט איהר קריעגען דעם בעוויז דערצו ?

—מיין ארעמער פריינד — האט דיא יונגע דאמע געענטפערט מיט א קאלטען שמייכעל — איהר זייט נאָך יונג און פערטרויענספאָל טראָטץ דעם וואס דער שנעע בע־דעקט שוין אייער קאָפּ.

אבער האט איהר ניט בעמערקט, מיין ארעמער הערמאן, דאס איך האב הער־פאָרגעבראכט אויף דיזען מאנן יענע בעצויבערענדע ווירקונג וואס מיין אויג בעזיצט? איהר וועט זיך ניט דארפען וואונדערן ווען איהר וועט זעהן דאס דיזער מאנן וועט זיין פערליעבט אין מיר בעפאר אכט טעג וועלין פאראיבער געהן, און ער וועט ליעגע צו מיינע פיס מיט געפאלטעטע הענד.

—איך גלויב עס — האט דער מאיאָר געזאגט מיט איבערצייגונג.

—נון, דענקט איהר דאס א געליעבטע פרוי קען ניט ארויסציהען א געהיימניס פון דעם מאנן וואס ליעבט זיא, ווען אפילו דיזעס געהיימניס זאל איהם פיהרען צום עשאפאָט ?

—דאס איז ריכטיג, מאדאם.

—דיזער מאנן, וועט ריידען אין איין אנפאָל פון אויפרעגונג, איהר וועט זעהן...

אויף דיא בלאסע ליפען פון דיזער זאָנדערבארער פרוי האט זיך בעוויזען א שמייכעל פון א טייפעל.

—דיזער איז שוין מיינער געווים — האט זיא געזאגט — לאמיר יעצט זעהן וויא עס שטעהט מיט דיא איבעריגע פינף „קאמעראדען פון שווערט". קענט איהר מיר פון זיי בעריכטען, הערמאנן ?

—געוויס מאדאם, איך וויים אלעס וואס האט א בעציהונג צו דיעזע אמאהליגע „קאמראדען פון שווערט".

—וואס וויסט איהר, צום ביישפיעל, פון קאלאנעל לעאָן, דעם הויפט־אנפיהרער פון דיא „קאמראדען"?

—דיעזער איז יעצט אלט 68 יאהר, איז א שוואכער, געברעכליכער אלטער. ער געהט ניט אנדערש ארויס פון הויז וויא אין א וואגען און טראָגט זיין רייכקייט וואלט זיין עלטער געוועזען איין זעהר טרויעריגעס, ווען ער וואלט ניט געהאט זיין זאָהן וועלכען ער ליעבט איבער אלע מאסען.

דאס געזיכט פון דער יונגער דאמע האט זיך פערפינסטערט אלס זיא האט דער־הערט דיא לעצטע ווערטער.

—וואו וואוינט ער ער? — האט זיא וויטער געפרעגט.

—אין א קליינעם הויז אין פאסי, ביין וואסער?

—זעהט ער זיך גאר ניט מיט זיין זאהן?

—אָ יא, יעדען טאג פאהרט דער זאהן ארויס רייטענדיג נאך פאסי, אום זיך צו זעהן מיט זיין פאָטער. איבעריגענס דאָ האט איהר נאטיצען איבער דאס לעבען און דיא געוואוינהייטען פון יעדערן פון דיא קאמראדען.

דערביי האט דער מאיאר ארויסגענומען א פעקיל פאפיערען פון זיין טאשע וועלכעס ער האט עס איבערגעגעבען דער דאמע, דיעזע האט זיך פלייסיג גענומען בלע־טערן אין זיי און אויפמערקזאם לעזען.

—אָהאָ, אונזער הער ריטער שיינט צו זיין דער גליקליכסטער מענש אין דער וועלט — האט זיא געזאגט — זיין פרוי ליעבט איהם. . .

ווען דער מאנן וועמען דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט בעצייכענט מיט דעם נאמען „ריטער" וואלט געשטאנען דערביי און וואלט געזעהן דעם בייזען שמייכעל אויף איהרע ליפפען, וואלט ער געוויס אויפגעציטערט געוואָרען פאר שרעק.

זיא האט געלעזען וויטער:

„דער באראן איז געבליעבען אונפארהייראטהעט און לעבט זיך פערגעניגט אלס איין אלטער יונג־געזעל. ער האט א פערהעלטניס מיט א דאמע פון באלעט, א מענ־צערין ביים נאמען ראָזא, אין וועלכע ער איז פערליעבט".

—האט איהר וואס ערפאהרען איבער דיא פערזאן פון דיעזער טענצערין? — האט דיא דאמע מיט דער שווארצער האנד געפרעגט דעם מאיאָר.

—יא, דאס איז א פרוי אהן הערץ און אהן צארט־געפיהל און פעהיג אויף דיא שענדליכסטע זאכען. פאָריגעס יאהר האט זיא ארויסגעבראכט א דועל צווישען איהרע צוויי פערעהרער, און איינער איז געטעדטעט געוואָרן.

—זעהר גוט! —

—דעם זעלביגען אבענד — האט הערמאן גיענדיגט — האט מען איהר גיזעהן אין איטאליענישען טהעאטער.

—דאס איז א פרעכטיגע פרוי וואס מיר דארפען ניט פארלירען פון דיא אויגען.

אונד דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט גילעזען וויטער:

„דער מארקיז, האט צוויי רייצענדע טעכטערלעך פון זיין הייראט מיט דער אלמנה ון באראָן מאָנטראַן, ער איז דעפוטירטער אין פארלאמענט און האָפט צו זיין סענאַ־ טאָר ביי דיא ערסטע גילעגענהייט. יעצט אין דעם אויגענבליק איז ער אין פאריז. דער מארקיז איז א גוטער פאָטער, א גוטער מאן, אָבער זיין ערפאָלג אלס רעדנער מאכט איהם צו דיינקען זעהר פיעל פון זיך, און עס ווילט זיך איהם זעהר שטארק ווערין מיניסטער".

—דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה איז א ווילע געבליעבען פערטראכט, און האט דאן ווייטער געלעזען:

„דער גראף איז געבליעבען א שפיעלער און האט שוין באלד פערשוועגדעט דיא גאנצע ירושה וואס ער האט ערהאלטען אין ענגלאנד".

—קאפיטאן לעמלין איז אלזא דער לעצטער—האט דיא דאמע גיזאגט אוועקלייגענדיג דאס פעקיל פאפיערען אויפען טיש — אבער מיט איהם וועל איך אנהויבען; גאיך וועל זיין וויא דער תליון וואס לאזט דיא גרעסטע פערברעכער צום לעצטען.

א בייזער שמייכעל האט זיך בעוויעזען אויף דיא ליפפען פון דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה — דאן האט זיא זיך אומגיקוקט צום קאַמין, האט אויפגע־ הויבען דיא הילע פון א מאַרמארנעם בילד, האט עס א ווילע בעטראכט און האט דאן געמורמעלט וויא צו זיך אליין.

—אַ, דוא הערצענסנעליעבטער אומגליקליכער מאן! דיין בלוט וועט בעצאהלט ווערין!

דריטעס קאפיטעל.

דאס פערברעכען און זיינע שרעקען.

דריי טאג נאך דיא ערסטע בעגעגענים פון קאפיטאן העקטאָר לעמלין מיט מאיאָר אָרלאָוו, און מיט דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה, איז אום 8 אוהר אבענדס א פאסט־וואָגען ארויפגעפאהרען אויפען הויף פון דעם שלאָס רוביני.

דיא פערוואונדערונג פון דיא דיענער פון שלאָס, וועלכע האבען גאנץ אונער־ווארטעט דערזעהן דעם קאפיטאן אנקומענדיג, בלאָס, פערמאטערט, אויסגעמאָגערט און במעט גרייז־גראָה, איז געוועזען זעהר גרויס.

ער איז אויסגעשטיגען פון וואגען, איז גיגאנגען גלייך אין גרויסען זאל פון שלאָס און האט גיפאָדערט צו זיך זיין אינטענדאנט. דיעזער איז גיוועזען איין אלטער מאנן וואס האט געדיענט אונטער גענעראל רוביני. פיר איהם איז קאפיטאן לעמלין גיוועזען ניט מעהר וויא א טיראַן, וועמען ער האט פינקטליך געפאלגט, אָבער אָהן לוסט און אהן ערגע־ בענהייט. —

—מייסטער פיערר — האט זיך דער קאפיטאן צו איהם געווענדעט — איך ער־ווארטע דיעזען אבענד בעזוכער אויס פאריז, און איהר וועט אזוי גוט זיין זעהן אז דער שלאָס זאל זיין אין א צושטאנד, זיי צו עמפאנגען.

—זעהר גוט מיין הערר, — האט דער אינטענדאנט געענטפערט זיך פערניינענדיג.

דער קאפיטאן איז ארויף אויפען ערשטען עטאזש, האט אויפגעפענט א פענס-טער, וועלכעס האט ארויסגעקוקט אויפען ים. דאס מעער האט זיך אונטען-אויסגעברייטעט פאר זיינע אויגען און א גאנצע מענגע עראינערונגען פון גליקליכערע צייטען האבען אויפגעוואכט אין זיין ברוסט.

צווישען מעער און איהם איז געלעגען א פראכטפאללער גארטען און ער האט זיך דערמאהנט אן יענע גליקליכע טעג, ווען ער פלעגט זיך גנבה'נען דורך דיא אלעען פון דיעזען גארטען צו זיין פארגעטערטער מארטהא, וועלכע פלעגט איהם ערווארטען ענגסט-ליך און ציטערענדיג.

דאן איז דער קאפיטאן געווען גליקליך.

צוויי לאנגע שטונדען איז ער אזוי געזעסען אנגעשפארט אויף זיינע הענד, דורכ-לעבענדיג אין געדאנקען דיא זיסע פערגאנגענהייט, און פערגעסענדיג דיא געגענווארט מיט איהרע פיינען.

—אָה מארטהא! מארטהא! — האט ער געמורמעלט אייניגע מאהל מיט פערצווייפלונג.

פלוצלונג איז ער אויפגעשפרונגען, פונקט וויא א שרעקליכער געדאנקען וואלט איהם דורך-געפלויגען דורך זיין געהירן.

—ניין, ניין! — האט ער גערעט צו זיך אליין — זיי דארפען ניט אריין געהן פרי-הער פון מיר אין מארטהאס צימער! ווער ווייס אויב דארטען איז ניט איבערגעבליע-בען וועלכע שפור, וועלכער בעווייז פון מיין פערברעכען?...

און טויט-בלאס פון שרעק איז דער קאפיטאן צוגעלאפען צום טהיר און האט געצויגען דיא שנור פון א גלאָק.

זיין קאמער-דיענער איז ערשיענען.

—זשערמען — האט איהם דער קאפיטאן געזאגט — געה זוך מיר אויס דעם בונד שליסלען וואס ליגט אין קופערט פון מיין וואגען.

וועהרענד זשערמען איז ארויסגעגאנגען ערפיללען דעם וואונש פון זיין הערן, איז דער קאפיטאן אריבערגעגאנגען א פּאָר מאהל איבערן זאל ציטערענדיג פון דעם איינציגען געדאנקען דאס ער וועט באלד מוזען איינדרינגען אין דאס צימער פון זיין טויטער פרוי.

באלד דארויף איז דער דיענער צוריק געקאממען מיט דעם בונד שליסלען.

—גוט, דוא מעגסט געהן! — האט דער קאפיטאן געשריען.

—מיין הערר איז פערריקט! — האט זשערמען געמורמעלט אוועקגעהענדיג.

דיעזער דיענער זשערמאן איז געווען דער איינציגער פערטרויטער פון קאפיטאן לעמלין. ער איז איינגעטרעטען צום קאפיטאן אין דינסט נור אייניגע מאנאטען בעפאר מארטהא איז געשטארבען. ער איז אליין געזעסען מיט קאפיטאן לעמלין ביי איר קראנקען בעט. דיא אנדערע דינער פון שלאָס האבען אין מיטען יענער נאכט עט-ליכע מאהל גיה'רט וויא זשערמאן איז ארויס און אריינגאנגען אין מארטהאס קראנקען צימער, און האבען אויך גיזעהן אין פריה מארגען ווי זשערמען איז ארויס געלאפען פון איהר צימער בלאָס ערשראָקען און שרייענדיג אויפען קול:

—מאדאם איז טויט! מאדאם איז געשטארבען!

דיא דיענער האבען זיך אין גרויסער פערווירונג א לאז געטהאן צום צימער פון זייער געשטארבענער ווירטהין. אבער אויפען שוועל האבען זיי אנגעטראפען קאפיטאן לעמלין וועלכער האט געשריען:

—צוריק! לאזט מיר זיין מיט איהר אליין ביז צום לעצטען אויגענבליק!

דיא קליידער פון קאפיטאן לעמלין זיינען געווען אין גרויס אונארדענונג. זיינע האר צערשטערט און זיינע אויגען איינגעזונקען. וואס האט דארט פאסירט אין דער נאכט? וואס האט זיך דארט צו געטראגען אין טויטען צימער דעם גאנצען טאג און דיא גאנצע נאכט?

דיא דיענער פון שלאס רוביני האבען דאס קיין מאהל ניט געוואוסט.

קאפיטאן לעמלין האט זיך אליין בעשעפטיגט, האט זיא אליין אריינגעלייגט אין זארג, מיט דער הילפע פון זשערמאן און האט ניט אב געטראטען פון דער לייבע ביז זיא איז בעערדיגט געווארען אין דער פאמיליען־גרופט פון רוביני. דאן האט זשערמען צוגעשלאגען דיא פענסטער און פארשלאסען דיא טהיר פון דעם טויטען צימער, און האט דעם שליסעל איבערגעגעבען צום קאפיטאן. פון יענער צייט אן האט קיינער ניט אריבערגעטראטען דיא שוועל פון יענעם צימער.

אום איינצודרינגען אין יענעם צימער האט דאס יעצט לעמלין פארלאנגט דעם שליעסעל פון זיין דיענער.

אלס דער דיענער איז ניגאנגען, איז לעמלין געבליעבען איינינע מינוטען אונבעוועגליך. פלוצלונג אבער האט ער זיך אויפגעהאפט און האט גיזאגט צו זיך אליין:

—לאמיר געהן! מען מוז!

ער האט גינומען דאס ליכט וואס זשערמען האט איבערגעלאזען אויפען טיש צו זאמען מיט דיא שליסלען, און מיט ציטערענדע קניע, און מיט אונגלייבע שריט, איז ער ארויסגעגאנגען פון צימער.

וואס נעהנטער ער איז גיקומען צו דער טהיר פון יענעם צימער וואו מארטהא איז געשטארבען, איז איהם זיין הערץ אלס טיפער און טיפער געזונקען, און ווען ער האט אריינגערוקט דעם שליסעל אין טהיר האבען איהם זיינע הענד אזוי אנגעהויבען צו ציטערן דאס דער לייכטער איז איהם ארויסגעפאלען פון האנד און דאס ליכט האט זיך פערלאשען.

איין אונגעהייער שרעקט הא ערפאסט קאפיטאן לעמלין, אים האט זיך אויסגעוויזען דאס איין אונזיכטבארער גייסט האט פערלאשען דאס ליכט און האט ארויס געשלאגען דעם לייכטער פון זיין האנד. איין אויסרוף פון שרעק האט זיך ארויסגעריסען פון זיין ברוסט, און ער איז אנטלאפען.

אויף דעם אנדערען ענד פון קארידאר האט ער געפונען זשערמען, וועלכער האט איהם עמפפאנגען אין זיינע ארימס.

—מיין הערר — האט איהם דער דיענער גיזאגט — איהר וועט זיך אן מאכען ווער וויסט וואס ווען איהר ווילט זיך שפילען מיט פיינליכע ערינערונגען.

—שווייג, שווייג. האט געמורמעלט דער קאפיטאן אין פערצווייפלונג.

און אָבשפּארענדיג זיך אויף דעם ארים פון זיין דיענער האט דער קאַפּיטאַן זיך א וואָרף געטהאן אויף א שטול גאנץ צובראכען און פערניכטעט.

איינינע מינוטען איז ער אזוי געבליעבען פערזונקען אין זיך אליין. און האט פּלוצ־לונג אויסגעבראכען אין טרערען.

—אה, מארטהא! האט ער איינינע מאהל ווידערהאלט מיט א הערץ רייסענדע שטיממע.

—דער הערר האנדעלט ניט פערנינפטיג—האט איהם דער דיענער צוגעשפּראכען — דער הערר וועט זיך אויף דיעזע ווייזע טויטען.

דער קאַפּיטאַן האט אויפגהויבען דעם קאָפּ:

—שווייג! שווייג! האט ער גערופען מיט שרעק.

—דער הערר דאַרף ניט פערגעסען דאס ער ערוואַרטעט יעצט מאיאָר אָרלאָוו מיט זיין שיטצלינג, און זיי קענען יעדען אויגענבליק אנקומען.

ביי דיעזע ווערטער האט דער קאַפּיטאַן אויפגעציטערט מיט זיין גאנצען קערפּער.

—עס איז שוין 8 אוהר יעצט און עס איז קיין צווייפעל אז דער מאיאר וועט אָנקומען בעפאָר האלבע נאכט — האט זשערמען ווייטער גערעדט — דער הערר דאַרף ניט וויינען און דאַרף זיך ניט וויזען גאנץ פערווירט, דאס קאן נאך געבען איינעם צו דענקען . . . —

—דוא האסט רעכט — האט דער קאַפּיטאַן געענטפערט — איך וועל זיך דיא מיהע געבען צו זיין רוהיג.

קוים האט דאס דער קאַפּיטאַן ארויסגערעדט, אלס פון דרויסען האט זיך גע־לאָזט הערען דער גערויש פון א וואגען, און דאס קנאקען פון א בייטש.

—דאס זיינען זיי האט זשערמען אויסגערופען.

—אָה מיין גאט! מיין גאט! האט דער קאַפּיטאַן געזאגט מיט א פערשטיקטע שטיממע.

ער האט זיך איין געקוקט אין שפּיגעל און איז צוריק געשפּרונגען פאר שרעק. זיין געזיכט איז אזוי געוועזען בלאס און זאָ שרעקליך אָנציזעהען דאס ער האט מורא גע־האט פיר זיך אליין.

זשערמען האט א שפּרונג געטהאן צום טהיר.

—בערוהיגט אייך, בערוהיגט אייך, מיין הערר איך געה עמפּפאנגען דעם מאיאָר.

דאס איזווירקליך געוועזען דער מאיאר אָרלאָוו, וואס איז אָנגעקמען מיט דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה.

אלס זשערמען האט אויפגעעפענט דאס טהירעל פון וואָגען, האט זיך צום ערשטען בוויעזען דיא דאמע, וועלכע האט ארויף געלייגט איר האנד אויף זשערמענס שולטער, אום זיך אנצוהאלטען ביים אויסשטייגען, און האט דאן פערטרויליך גיפרעגט.

— איז אייער הערר געקומען?

יא, מאדאם . . .

זשערמאן האט זיך פערנייגט, און דיא דאמע האט איהם אנגעקוקט מיט איהר

שארפען, רעװאָלהאפטען בליק, און האט בעמערקט א פיעלבעדייטענדם שמייכעלע אויף זשערמען׳ס געזיכט.

—דאס האט געמאכט א שטארקע ווירקונג אויף מיין העררן ווען ער איז צוריק גע־קומען נאך רוביני — האט דער דיענער געזאגט גאנץ שטיל.

—אה! — האט די דאמע אויסגערופען, און אין דעם אויסרוף האט זיך געהערט א מערקווירדיגער קלאנג. דער מאיאר האט איהר גערייכט זיין ארעם, וועהרענד מייס־טער פיערר, דער אלטער אינטענדאנט, איז אונטערגעקומען, און האט זיך געווענדעט צום מאיאר, מיט פיעל צערעמאָניע:

—אויב דער הערר מאיאר וויל האבען די גיטע און מיר פאלגען אין זאל...

—דער הערר קאפיטאן קומט גלייך ארונטער — האט איהם זשערמען אונטערבראָ־כען — ער קליידעט זיך אן.

און זיך ווייניג קיממערענדיג וועגען דעם אלטען אינטענדאנט מיט זיינע צערע־מאָניעס, האט זשערמען אריין געפיהרט די געסט אין עמפפאנג זאל, וואו דער מאיאר אָרלאָוו מיט דער דאמע האבען זיך געזעצט ווארטען אויף דעם קאפיטאן לעמלין.

מיט א קריטישען בליק האט די דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה ארום געקוקט אלעס ארום זיך, האט בעטראכטעט די רייכקייט און דעם גלאנץ, אויף וועל־כע עס איז געלעגען דער זיעגעל פון אבגעלאָזענקייט און פון טרויער.

—ארעמע פרוי! — האט זי געזיפצעט.

ענדליך האט זיך דערהערט פון קארידאר א שווערער אונגלייכער טריט, וועלכער האט געלאזט שליסען אויף די אינערליכע אויפרעגונג פון קאפיטאן, און גלייך דארויף האט ער זיך אויך בעוויזען אויפען שוועל, וואו ער איז א ווילע געבליעבען שטעהן, פונקט וויא עס וואלט איהם געפעהלט דער מוטה צו געהן ווייטער

ענדליך אבער האט ער זיך דאך בעהערשט, איז צוגעגאנגען צו דער יונגע דאמע, און האט זי בעגריסט מיט דער גאנצער העפליכקייט און געשליפענהייט פון א וועלט־מענשען.

—מיין הערר — האט דער מאיאר פון זייט געזאגט, ענטפערענדיג אויף די בעגריי־סונג פון קאפיטאן לעמלין | איהר מוזט צוגעבען דאס מיר זיינען זעהר פינקטליך.

—איך גיב דאס אויך גערן צו — האט קאפיטאן לעמלין געענטפערט, וועהרענד דער רוהיגער, קאלטער, פערפירערישער בליק פון דער יונגער דאמע מיט דעם שווארצע האנדשוה, האט גירוהט אויף זיין געזיכט.

עס האט זיך אנגעפאנגען א געשפרעך וועגען אלערליי גלייכגילטיגע זאכען פון העפליכקייט וועגען, און דער קאפיטאן האט אין גאנצען פערגעסען זיין שרעק און אונ־רוהע פון א שטונדע פריהער, און האט זיך איבערגעגעבען מיט לייב און זעעלע דעם בעצויבערענדען איינפלוס פון דער יונגער שעהנער דאמע.

דער אינטענדאנט האט אנגימעלדעט אז דער טיש איז געגרייט און דער קאפיטאן האט גערייכט זיין ארעם צו דער דאמע, און האט זי געפיהרט צום טיש.

אין פערלויף פון א גאנצער שטונדע האט זיך דיעזער מענש געפונען וויא ניי בע־

לעבט, האט פערגעסען זיין זעללע־פיין, און געוויסענסביסע און האט זאגאר אנגעהויבע צו שפירען אין זיין הערצען בעשטימטע האפנונגען. . .

אבער איין ווארט פון מאיאר האט איהם פלוצלונג אראפגעווארפען וויא פון זיבע־טען הימעל אין דער העללע אריין.

—קאפיטאן — האט דער מאיאר געזאגט זיך אויפהויבענדיג פון טיש ווילט איהר אזוי פריינדליך זיין, און יעצט געהן מיט אונז זעהן, אויב דאס אייזערנע קעסטעלע וואס איז ער־אינערט אין דעם גענעראל'ס בריעף געפינט זיך נאך אויף דעם זעלבען פלאטץ?

העקטאר לעמלין האט אויפגעציטערט, און א שרעליכע בלאסקייט האט ווידער בעגאסען זיין געזיכט; דען דאס צימער וואו דאס קעסטעלע האט זיך געזאגט געפינע איז געוועזען דאס זעלבע וואו מארטהא איז געשטארבען, און וואו דער קאפיטאן האט מיט א שטונדע פריהער ניט געוואגט אריינצוגעהן.

פירטעס קאפיטעל.

דער נאכטליכער אונערוואַרטעטער בעזוך.

מיר ווערען איבערלאזען מאיאר אָרלאָוו, דיא דאמע מיט דעם שוארצען האנד־שוה און קאפיטאן העקטאר לעמלין, וועלבע האבען זיך פארבערייטעט איינצודריגען אין דאס טויטען צימער פון מארטהא רוביני, און ווענדען זיך אומקערען צוריק נאך פאריז.

א לאנגע צייט נאך דעם וויא דיא לעצטע געסט האבען פערלאזען דאס הויז פון דער מענצערן פולמען, האט זיך אונזער יונגער פריינד ארמאנד אויפגעהאפט און האט געווארפען ארום זיך א בליק פון פערוואונדערונג. אין אנפאנג האט ער גאר ניט פערשטא־נען וואס מיט איהם טהוט זיך. און וואו ער בעפינדעט זיך. ער האט זיך געפונען אליין אין א פראכטפאָל־אויסגעשטאטעטען צימער, אויף א זאָפא. דיא לעצטע שטראה־לען פון טאגעסליכט האבען בעלויכטען דאס צימער, און איינע אוהר וועלכע איז גע־שטאנען אויפען קאַמין האט געוויזען 5 אוהר און א האלב.

ארמאנד האט געשלאפען 15 שטונדען.

—וואו צום טייפעל בין איך דאָ? איז געוועזען דיא ערשטע פראגע וועלבע אר־מאנד האט זיך געשטעלט.

ער האט געזוכט צוזאממען צונעמען זיינע ערינערונגען פון געסטערען, און האט גערעדט צו זיך אליין:

—לאמיר זעהן! געסטערען בין איך געווען איינגעלאדען. . . וואו בין איך געווען? אה! איך ערינער מיך אן מאררים, מאלווינע. . . אהא! ביי פולמען!. . . איך האב געטרונקען. . . בין געווארען שיכור, מען האט מיך וואהרשיינליך אוועקגעטראגען. . .

ער האט זיך אנידער גיזעצט, און האט ווידער זיך ארומגעקוקט אין צימער. פלוצלונג האט ער דערזעהן א פאר טריט הינטער זיך צו קאפען פון דיוואן אויף וועלבען ער איז געלעגען, דיא שיינע פולמען זיצענדיג אין א פאָטעל, שטום, אונבעוועגליך, און האלטענדיג אויף איהם איהרע גרויסע שווארצע אויגען.

—פולמען! —האט ער געזאגט ערשטוינט.

—גוט מאָרגען,—האט זיא געזאגט — האט איהר גוט געשלאָפען פון 4 אוהר פארטאג ?

— איך האב מיך אלזאָ גוט אנגעטרונקען ביי אייך ? האט ארמאנד געזאגט — און איהר האט מיר געגעבען ביי אייך א פלאטץ צום שלאפען.

—איך האבע עס געמוזט.

—איהר זייט זעהר גוט — האט ארמאנד דאנקענד געזאגט.

— אה, איך האב עס ניט גיטהאן פון אייערט וועגען.

—ניט פון מיינטוועגען ?

—ניין, איך בין צו איינגעניטציג, — האט פולמען געענטפערט זיך זעצענדיג לעבען איהם אויפען דיוואן, — אייער בלייבען ביי מיר אין הויז איז נור א פערראטה פון מיינער זייטע.

ארמאנד האט זיא אן געקוקט אימער שמייכעלדיג.

דיא שיינע זינדערין איז אין דעם אויגענבליק געוועזען דיא רייצענדסטע פערפיהדרערקע, וועלכע א פאעט וואלט זיך א מאהל געקענט פארשטעלען.

איינגעהילט אין איהר ווייסען דורכזיכטיגען מאנטעל פון מוסלין, דורך וועלכען עס האבען ארויסגעקוקט די שיינע פארמען פון איהר הערליבען קערפער־געביי, איהרע קליינע פיסלאך אין ווייסע אטלאס־שוה, און איהרע שווארצע רייכע האר פאנאנדער גילאזט אויף איהרע שולטערין, האט זיא געמעגט דיענען אלס מאָדעל פיר דיא געטין פון ליעדבע. זיא האט ארום געדרייט איהר ארעם ארום ארמאנד וועהרענד זיא האט געזאגט:

—יא, מיין טהייערער פריינד, איהר זייט געבליעבען ביי מיר פון 4 אוהר מאָרגענס און איהר וועט באלד ווערן גאנץ ערשטוינט ווען איהר וועט ערפאהרען ווארום.

—דיא זאך איז גאנץ נאטירליך, איך בין געוועזען בעטרונקען.

—ניין! ניין! דער האללענדער האט אייך געוואלט אבפיהרען אין זיין וואָגען נאך הויזע.

—און איהר האט עס ניט דערלאָזען ?

—געוויס ניט!

—ווארום דען ? — האט ארמאנד געפרעגט.

—דערפאר וואס איך בין זעהר נייגיעריג.

—אויף וואס זייט איהר דען נייגיעריג.

—צו וויסען דעם סוף פון דער ערציילונג וואס איהר האט געסטערען אנגעפאנגען.

ארמאנד האט א ווילע נאכגעדאכט, האט זיך פלוצלונג א קלאפ געטהאן מיטען האנד אין שטערין, און האט אויסגערופען:

—אה! איצטער דערמאהן איך מיך! איך האב אייך געהאט ערצעהלט...

—פון דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה—האט פולמען אונטערגיכאפט.

—און איהר האט מיר געגלויבט אויפען ווארט ?

—געוויס האב איך אייך געגלויבט — האט פולמען געענטפערט.

—אבער דאס איז ניט מעהרער געוועזן וויא א שפאס!

דאס זאָגענדיג האט ארמאנד אָנגעקוקט פולמען עטוואס מיט אונרוהע און פער־לעגענהייט, וועהרענד טראָפּען שוויים האבען בעדעקט זיין שטערן.

אָבער פולמען האט גענומען זיינע ביידע הענד אין איהרע, האט איהם שארף אנ־געקוקט מיט איהרע שווארצע אויגען מיט טרויער און צערטליכקייט, ״וויא א מוטער, און האט ארויס גערעדט דאס איינציגע ווארט:

—קינד!

—אָבער.... איך שווער אייך!...

—שווערט ניט! — האט זיא געזאגט — איהר קענט צו ווענינ דיא פרויען, ווען איהר דענקט אז עס איז זיי לייכט אפצונארען.

—אבער... איך נאר אייך ניט...

—הערט אויס — האט זיא ווייטער געזאגט, לייגענדיג איהר ארעם אויף ארמאנד׳ס שולטער — זאָל זיך אייך דוכטען דאס איך בין אייער מוטער...

—אָה, פאר אזא ראָליע זייט איהר נאך א ביסל צו יונג — האט ארמאנד געלאכט.

—נו, זאָל זיין א שוועסטער.

—אָנגענומען!

—אבער א שוועסטער דערצעהלט מען אלעס. און וואס וועט זיין ווען איך זאָל אייך פרעגען דיא געהיימניסע וואס איהר טראָגט אין הארצען?...

—אָבער איך האב ניט קיין געהיימנים...

—שוין ווידער!

פולמען האט אטופע געטהאן מיט איהר שיינעם שיכעל אויפען פארקעט פאַן צימער פאר אונגעדולד.

—איהר האט פיליכט רעכט — האט זיא געזאגט נאך אקורצע ווילע — מען דער־צעהלט ניט אלעס אבי וועמען.

—ניין, איהר זייט נישט ביי מיר אבי־ווער — האט ארמאנד פערזיכערט — איהר זיים מיין פריינדין.

מעהר וויא דאס — האט פולמען געענפערט — איך האב אייך ליעב!

—איהר... האט מיך ליעב!... האט דער יונגער מאן אויסגערופען איבעראשט.

—פון יענער נאכט אָן.

—אבער דאס איז דאך אונמעגליך!

—אָ, יונגער נאר! דענקט איהר, דאס איך וואלט אייך זאנסט געלאזט אָנטרינקען און אייך היטען דיא גאנצע נאכט, ווען...

און דער בעצויבערנדער בליק פון פולמען האט גיענדיגט וואס זיא האט געוואלט זאָגען.

אך! — האט ארמאנד נור געזיפצט.

און איהר האט ליעב דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה?

א פיינער שפעטישער שמייכעלע האט געשפיעלט אויף דיא ליפען פון דער שענער מענצערין:

דאָ זעהט איהר שוין — האט זיא ווייטער געזאגט — וויא אזוי מען ציהט ארויס א געהיימניס פון א יונגען מאנן.

—דאס איז וואהר — האט דער יונגער מאנן געמורמעלט אראפּלאָזענדיג דעם קאָפּ—איך בין געפאנגען.

—איצטער מעגען מיר פלוידערען וויא אלטע פריינדע — האט פולמען געזאגט וועהרענד זיא האט איהם געצוואונגען זיך צו זעצען נעבען איהר — איך האב אייך נישט ליעב... איהר האט מיך נישט ליעב... וויל איהר זייט גאר פארליעבט אין דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנרשוה, אבער— דאך איז דאָ עטוואס וואס בינדעט אונז צוזאמען.

—און וואס איז דיעזעס עטוואס? האט ארמאנד געפרעגט ערשטוינט.

—דאס וועט איהר גלייך הערען. איהר האט ליעב דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה, ניכט וואהר? זיא איז א זאנדעבארע פרוי וועלכע פליהט ארום איבער דער וועלט וויא דער עווינער איד, אהן רוה און אהן ראסט...

—זיא איז אין פאריז! — האט ארמאנד לעבהאפט אויסגערופען.

—אה — האט פולמען געמאכט, און אין דעם אויסרוף האט זיך געהערט וויא א טאָן פון פריידע,— דאס איז נאך בעסער; דאן וועט איהר פארשטעהן דאס איהר האט מיך נייטיג; איך קען אייך זעהר פיעל העלפין, אום אויסצוגעפינען יענע רעטזעלהאפטע דאמע, וועלכע איהר האט ליעב!

—וויא, איהר ווילט מיר העלפען?...

—ווארום ניט?

איין צוג פון קוממער האט בעדעקט דאס געזיכט פון יונגען מאנן, וועהרענד ער האט פערלעגען געפרעגט:

—זאגט איהר דאס אויפריכטיג?

—יא —האט פולמען געענטפערט אָפענהערציג.

—אבער... דאָ ניט לאנג...

—דאָ ניט לאנג האב איך אייך געזאגט, דאס איך האב אייך ליעב—האט איהם פולמען אונטער געזאגט מיט איין שמייכעלע אויף איהרע ליפּפען — נו גוט, איך בין אייך מודה, איך האב אייך ליעב, און דערפאר וויל איך אייך העלפען.— מיין גאט! דאס הערץ פון איין פרוי איז אזוי וואונדער באר! — איך האב מיך געשוואָרען אייך צו ליעבען און געליעבט צו ווערען פון אייך!

ארמאנד האט טרויעריג אראָפּגעלאָזען דעם קאָפּ.

—איך קען ניט ליעבען צוויי מיט אמאהל — האט ער געזאגט.

—איך וויים עס, און דעריבער וויל איך אנהויבען נור מיט פריינדשאפט. איהר זוכט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה. איך וועל זיא אייך געפינען...

—איהר! — האט ארמאנד אויסגערופען.

—נו, יא! גלויבט איהר דען ניט, מיין פריינד, אז ווען איך זאל מיר נעמען דיא מיהע דורכצוזיפען דיא גאנצע וועלד אין אכט טעג, וועל איך ניט איבער געהן קיין איינציגען ווינקעלע נים דורכגעפארשט? אָה, איהר קענט נאך ניט פולמען...

און דיא יונגע זינדערין האט אפגעבויגען דעם קאפף שטאלץ אויף הינטען, און איהרע אויגען האבען מערקווירדיג אויפגעלויכטען.

—איך וועל אייך געפינען דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה — האט זיא ווייטער געזאגט — איך וועל זיא אריינפיהרען אין אייערע ארעמס, איך וויל זיא זאל אייך ליעבען. . . .

—איהר ווילט דאס ? — האט ארמאנד אויסגערופען ערשטוינט.

—געוויס ! האט פולמען געענטפערט — איך ווייס אז ווען דיא הינדערניסע וועלען זיין אריבערגעקומען, דיא שוויריגקייטען בעזיעגט, און דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנד־שוה וועט אייך עפענען איהרע ארעמס, וועט איהר זיך ארומזעהן דאס איהר האט זיא נאר ניט ליעב. . .

—א ! — האט ארמאנד אויסגערופען — איז דאס מעגליך ?

—איהר וועט זעהן . . . אבער יעצט ענטפערט מיר אויף מיין פראגע : איהר האט געזאגט אז דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה איז יעצט אין פאריז ? האט איהר זיא געזעהן ?

—געסטערן פריה. אלס איך בין געוועזען אויפען בולווארד אן דער עקקע פו רוע־דיפאט איז מיר א וואגען פארביי געפאהרען הארט ביי מיר און זיא איז געזעסע! אינעוויינינג . . . מיין אויפרעגונג אין דעם אויגענבליק איז געוועזען אזוי שטארק, דאס איך בין געבליעבען שטעהן אונבעוועגליך וויא פארשטיינערט, נאכקוקענדיג דעם וואגען וואס האט זיא אוועקגעפיהרט.

איך האב געזעהן וויא דער וואגען האט פארקעהרט נאך דער רוע ראיאל, און איידער איך האב בעוויזען איהר נאך צופאלגען איז זיא געוועזען פארשוואונדען.

—דאס איז גוט — האט פולמען געזאגט — מען וועט זיא געפינען.

דיא רוהע, מיט וועלכע דיעזע פערזיכערונג איז געזאגט געווארן, האט געמאכט א טיעפען איינדרוק אויף ארמאנד. ער האט געהאט פערטרויען צו איהר.

—מיר וועלען זיא געפינען — האט פולמען וויעדערהאלט — און נאך איידער אכט טעג וועלען פאראיבער ; פילייכט נאך מארגען . . . פילייכט נאך דיעזען אבענד. . .

—אה, מארגען, דיעזער פריינד ! — האט ארמאנד אויסגערופען — וואס פאר א מאכט בעזיצט איהר דען ?

—מיין פריינד — האט פולמען געענפערט ערנסט — עס זיינען דא לייטע וועלכע זיינען בערייט צו שטארבען פיר מיין איינציגען צארניגען בליק, וויא אזוי ווילט איהר דאס איך זאלל ניט האבען דיא מאכט אומצוקעהרען פאריז אין פיער אונד צוואנציג שטונדען וויא א האנדשוה ? — דאס זאגענדיג האט פולמען געגעבען א דריק אויפען קנאפף פון א גלעקיל, און א יונגעס שענעס קאמערמעדכען איז ערשיענען.

—גרייט צום טיש ! — האט איהר פולמען בעפאהלען.

און דאן האט זיא זיך געווענדעט צו ארמאנד :

—איהר וועט שפייזען מיט מיר דיעזען אבענד . . . איך וויל אייך פיהרען צו דער איטאליענישער אפערא.

אלס זיא האט בעמערקט וויא ארמאנד האט געמאכט א אונצופריעדענע בעוועגונג, האט זיא צו געזעצט:

—אויב איהר וועט ניט פאלגען וועט איהר ניט געפינען אייער אומבעקאנטע, פארשטעהט איהר מיך?

—איך וויל אייך פאָלגען — האט דער יונגער מאן געמורמעלט מיט אונטערגעבונג.

דעם נעקסטען טאג געפינען מיר ארמאנד ביי זיך אין הויז האלב ליגענדיג אויף א דיוואן אין זיין רייכער וואהנונג, און בעדיענט פון זיין אלטען געטרייען דיענער זשאן.

ער איז געלעגען מיט האלב פארמאכטע אויגען, האט געריכערט, און געטרוימט.

איין קלונג פון האט גלעקעל ביין טהיר האט איהם אויפגעוועקט פון זיי' טרוימעריי.

מארים סטעפען און דיא בעקאנטע פריילין ניני זיינען געקומען אפשטאטע איין בעזוך.

—גוט מארגען, וויא געהט עס? האט ארמאַנד געפרעגט זיי קומענדיג אנטקעגען.

—דיא פראגע דארף מען דיר שטעלען—האט מארים געענטפערט. — אבער פריהער ערלויב מיר דיר פארצושטעלען מאדאם סטעפען.

—אויסגעצייכענט! — האט מארים געזאגט שמייכלענדיג.

ער האט ערגריפען דיא האנד פון דער יונגער דאמע און האט צוגערוקט איין פאָטעל צו איהר.

— אונעהייר! האט ניני אויסגערופען מאכענדיג א בייזע מיענע — וויא אזוי קענסטו בעליידיגען איין ארעמע מיידעל, וועלבע האט ניט מעהר וויא איהרע אונשולד צו בעשיצען. . .

—שווייג, שווייג — האט מארים געענטפערט לאכענדיג - קיין שטארקע פעסטונג איז דיין אונשולד ניט! און דוא, ארמאנד, וויא געהט עס דיר? איך געפין אז דוא ביזט ניט מעהר אזו מרה־שחורה'דיג וויא פאָרגעסטערען, ווען דוא האסט דערציילט דיין בעגעגנים מיט דער דאמע מיט דעם שווארצען האַנדשוה.

ארמאנד האט פערדריסליך געקנייצט דעם שטערין אלס ער האט דערהערט דיזען נאמען.

—אלע טייפעל! — האט מארים גערופען — פולמען איז איין אויסגעצייכענטער דאָקטאר!

—וואס ווילט איהר דאמיט זאגען? האט ארמאנד געפרעגט.

—איך זאג, דאס לויט דעם געזעטץ דאס איין ליעבע פערטרייבט דיא אנדערע, האט דיך פולמען וואונדערבאר שנעל אויסגעהיילט.

—פולמען? — האט ארמאנד געפרעגט ערשטוינט.

—דאס איז גוט — האט פריילין ניני אויסגערופען לאכענדיג — דענקט איהר נאך א יצטער צו מאכען איין געהיימנים פאר אונז?

—מיר ווייסען אלעס — האט מאָרים צוגעשטימט.

—דערצעהלט מיר איך וואס, דען איך וויס גאר נישט.

טא—טא—טא ! — האט מארים אויסגערופען — וויא ? ווילסטו אונז מאכען פיר אזעלכע נארען ?

—אבער איך שווער איך . . .

—נו גוט, דאן וועל איך דיר אליין פארשטעלען דיינע האנדלונג צייט דיא לעצטע צוויי טעג, און דוא זאלסט מיר אליין דיינע ערקלערונגען געבען. ערשטענס האבען מיר דיך איבערגעלאזען געסטערן פריה ביי פולמען . . : דוא האסט דארט צוגעבראכט דעם גאנצען טאג און דוא האסט דארט גענעסען. . .

—וואס בעווייזט דאס ?

—גארנישט ; אבענד האט מען איךביידען גזעהן אין טהעאטער. . .

—זיא האט מיך איינגעלאדען צו נעהמען א פלאטץ אין איהר לאזשע. . .

—און אונזער פריינד מארים סטעפען איז אזוי נייגעריג, אז ער וואלט וועלען אלעס וויסען און וויס קיין זאך ניט — האט פלוצלונג גזאגט א שטיממע אויפען שוועל פון צימער.

מארים, ניני אונד ארמאנד האבען זיך אומגעקוקט. אין דער אפפענער טיר איז געשטאנען פולמען.

—ביי גאט, דא קומט איינע וואס וועט בעשטעטיגען מיינע בעהויפטונגען.

—דוא האסט אין גאנצען איין טעות, מיין ליעבער מארים . . . אבער איך קום איצטער רעדען מיט אונזער פריינד ארמאנד וועגען וויכטיגערע געשעפטען — און פולמען האט אנגענומען איין האלב קאמישע און האלב פייערליכע שטעלונג—און דריבער וועל איך מיך ערלויבען איך און פריילין ניני ארויסצו־ווארפען דורכען טהיר.

—אה אה אה ! — האט פריילין ניני געמורמעלט — וואס פאר א טאן !

מארים האט זיך פערשטענדניספאל אויפגעהויבען.

לאמיר געהן, ניני, לאמיר זיי ניט שטערן זייערע פליטער־וואכען.

און ער האט געדריקט דיא האנד פאן ארמאנד. וועלכער איז געשטאנען גאנץ ערשטוינט, און האט גענומען זיין בעגלייטערין ביין ארעם, און זינגענדיג זיינעןביידע אראפ פון דיא טרעפ.

דאן ערשט האט זיך ארמאנד ערהאלט פון זיין ערשטוינונג און האט אויסגערופען :

—איהר דא, פולמען ?

—פולמען האט ניט גלייך געענטפערט ; זיא האט אראפגענומען איהר שאל און האט עס געווארפען אויפען דיוואן, האט אראפגענומען איהר הוט, האט אראפגעצויגען איהרע האנדשוה, און האט אנגעקוקט דעם יונגען מאנן מיט א שמייכעל.

—לאמיר זעהן אויב מיין בעזוך דארף איך אין ערשטוינען פערזעטצען — האט זיא גזאגט.

—איך האב אייך נישט ערווארטעט . . .

דאן איז עס אייער שולד . . . ערשטענס, מיין פריינד, דענקט גאנץ פאריז דאס איך בין מינדענסטענס אייערע פריינדין, צייט מען האט אונז צוזאמען געסטערן

געזעהן אין דער איטאַלעניש[ע]ן אָפּערא. מיין גאָט! פּאַריז האָט אַ טעות, אָבער פיליכט
ווע[ט] עס אַמאָהל וואהר זיין. . .

—גלויבט איהר אַזוי? האָט אַרמאַנד געלאַכט מעכאַנכאַליש שמייכלענדיג.

—פּולמען האָט איהם דורך גענומען מיט איהר בעצויבערענדען בליק, און האָט אויך
געוואָרפען איין בליק אין שפּיעגעל:

—בעשטימט! — האָט זיא געזאָגט — אָבער איהר דאַרפט ניט זיין אומרוהיג. איך קום
ווענן געשעפט און איך קום אייך זוכען.

—מיך? האָט אַרמאַנד אויסגערופען נאָך מעהרער ערשטוינט.

—יאַ, האָט פּולמען געענטפערט — קליידעט זיך אָן לאָמיר גהען.

ווערהענד אַרמאַנד האָט גענומען זיינע קליידער האָט פּולמען אַריבער געוואָרפען
איהר שאַל איבער דיא שולטערן און האָט אַרויפגעזעצט איהר הוט.

—איצטער קענען מיר גהען — אויפען וועג וועל איך אייך אַלעס דערצעהלען.

—אָבער וואוהין ווילט איהר מיך פיהרען? — האָט אַרמאַנד געפרעגט.

—קומט, קומט, איהר וועט שפּעטער ערפאַהרען!

—זאָנדערבאַרע פרוי! — האָט דער יונגער מאַן געמורמעלט.

—דרויסען איז קאַלט — האָט פּולמען צוגעזעצט — נעמט אייער וואַרעמסטען מאַנ־
טעל. איך וויל ניט דאָס איהר זאָלט זיך ערקעלטען. שליעסליך בין איך פאַר אייך
פעראַנטוואָרטליך. . .

—אַה! — האָט אַרמאַנד געמאַכט מיט אַ שמייכעל!

—איהר לאַכט ניט — האָט פּולמען געזאָגט — איהר דאַרפט וויסען דאָס איך האָב
פאַר אייך אויסזיכטען אין דער צוקונפט.

אַלס אַרמאַנד איז געשטאַנען אָנגעטהאָן אין זיין ווייס־קאַשעמירענעם מאַנטעל
און פערטיג צום גהען האָט פּולמען אויסגערופען:

—ניין, מיין פריינד, ניט אַזוי וויל איך אייך איצטער האָבען אָנגעטהאָן. אַ ווייסער
פּאַלטאָ קען אונז איצטער שטערען. . .

—אָבער איהר וועט דאָך ניט וועלען דאָס איך זאָל איצטער שפּיעלען דיא ראָליע
פון אַ פערברעכער?

—פיליכט.

—טייפעל! איז פיליכט נייטיג דאָס איך זאָל מיטנעהמען איין פּיסטאָלעט. . .

פּולמען האָט איהם איבערגעשלאָגען מיט אַ האַנד־בעוועגונג:

—איך האָב ניט זעהר גערען יענע לייטע וועלכע גהען אום אין פּאַריז מיט אַ פּיס־
טאָלעט אין דער טאַשע; איין פּיסטאָלעט איז ניט געפעהרליך, אָבער אַגאַנץ קליי־
נער דאָלך.

—וויא? האָט אַרמאַנד געפרעגט איבערראַשט.

—איך זאָג, דאָס אַמאָהל, וויא חיינטיגען אָבענד צום ביישפּיעל, קען גאָר ניט שאַטען
דאָס איהר זאָלט מיטהאָבען מיט זיך איין קליינעם דאָלך.

—וועל איך דען זיין אין געפאַהר?

T. S. H.

—פילייכט . . . פילייכט נישט. . .

—עהרענוואָרט — האט ארמאנד געמורמעלט — איהר זייט א געהיימניספאלע פרוי און איהר האט דיא מאכט מיך צו בעוועגען צו טהאן זאנדערבארע זאכען.

—דאס איז אויף א פערדינסט — האט פולמען געזאגט שמייכלענדיג.

—ארמאנד איז שוין יעצט געשטאנען אנגעטאן אין איין דונקעלען מאנטעל. דאן האט ער פון זיין שרייב־טיש ארויסגענומען איין קליינעם דאָלך אין איין שווארץ לעדער־נעם שייד און האט עס געוויזען פולמען.

—דאס איז אויס געצייכענט — האט זיא געזאגט — איצטער קענען מיר געהן; מיין וואָגען ערווארטעט אונז אונטען.

—קענט איהר מיר איצטער זאגען וואוהין מיר געהען? האט ארמאנד געפרעגט.

—זאל גאט היטען?

פולמען האט ארונטערגערוקט איהר ווייסען ארעם אונטער זיינעם, האט איהם ארויסגעפיהרט פון צימער און זיינען באלד ארונטער דיא טרעפ.

אונטען איז געשטאנען דער אלטער דינער דזשאן.

—אין וועלכע שטונדע קומט דער העדר צוריק? — האט ער געפרעגט מיט רעספעקט.

ארמאַנד האט ביי דיעזער פראגע אנגעקוקט פולמען.

—מען קען נישט וויסען — האט זיא געזאגט — עס קען זיין האלבע נאכט, און עס קען זיין מארגען פארטאג. . .

זיא האט זיך געלאזט עפענען דאס טירעל פון איהר וואגען, איז איינגעשטיגען צום ערשטען, און האט דאן מיט איין שעהנע האנדבעוועגונג איינגעלאדען ארמאַנד צו נעהמען פלאַטץ נעבען איהר.

—וואהין געהט מאדאם? — האט געפרעגט דער פוהרמאן צומאכענדיג דאס טהירל פון וואגען.

—הארפ־שטראסע, אן דער עקקע פאָן עסטראפאד—האט פולמען געענטפערט.

דער לאַקיי האט־זיך ארויפגעהאפט אויפען זיטץ נעבען קוטשער, און דער וואגען האט זיך געזעצט אין בעוועגונג.

—איצטער — האט פולמען געזאגט — אז איהר זייט אין מיין געוואלט און איהר קענט פון מיר מעהר ניט אנטלויפען, איצטער לאמיר פלוידערן. . .

—אָה, יא — האט ארמאנד געזאגט — לאמיר רעדען, דען איך בין אזוי פאר אינ־טריגירט, דאס איך ווייס ניט וואו איך בין אין דער וועלט.

—מיין טהייער קינד — האט פולמען געענטפערט — איך האב אייך געסטערן גע־זאגט דאס איך האב אייך ליעב צייט איך האב אייך ערקענט, און איך האב אייך נאך מעהר ליעבער בעקומען צייט איך האב זיך דערוואוסט דאס איהר ליעבט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה, און בעזאנדערס האב איך אייך ליעב דערפאר וואס איהר האט מיך ניט ליעב, און איך האב זיך פארגענומען צו געווינען אייער הערץ נאך דעם ווען איך וועל איבערקאמען טויזענדער הינדערניסע.

—דאס איז נאריש — האט ארמאנד אויסגערופען ערגרייפענדיג איהר האנד.

—איך ווייס עס גאנץ גוט— האט פולמען געענטפערט מיט איהר שטאָלצען שמייכעל

אויף איהרע ליפּפּען אבער ווייסט איהר ניט מיין טהייערער פריינד דאס דיא אמת'ע ווייזהייט איז א משוגעת.

—און פולמען האט אויסגעבראכען אין א פריילּיכען געלעכטער וועהרענד זיא האט ווייטער געזאגט:

—אבער איהר מוזט מיך אויסהערען אונד שווייגען, דען ווען איהר אונטערברעכט מיר אלע ווילע וועט איהר קיינמאהל ניט וויסען דאס וואס איהר ווילט. . .

—איך הער אייך מיט דער גאנצער זעעלע. . .

—איך האב אייך שוין געזאגט דאס איך האב אייך ליעב און איך רעכען אמאהל געליעבט צו—ווערען פון אייך פריהער אדער שפּעטער. . .

—מיין הערץ איז פערגעבען אויף אימער — האט ארמאנד געמורמעלט, אראפּלאזענדיג דעם קאָפּף.

—אבער איך בין נישט א פרוי וויא אלע פרויען, און אנשטאט מיינע געגנערין צו פארניכטען, אנשטאט זיא ניעדעריג צו מאכען אין אייערע אויגען, וויל איך איהר אין געגענטהייל העלפען, און אייך אויך דיענען אין דערזעלביגער צייט.

—א זאָנדערבארע סטראטעגיע! האט ארמאנד געזאגט מיט א שמייכעל.

—אזוי האב איך בעשלאסען. איך וועל אַפּראמען אללע הינדערניסע פון אייער וועג און וועל וויסען יענע דאמע צו צווינגען אייך צו ליעבען.

איין פריידענרוף האט זיך ארויסגעריסען פון ארמאנד'ס ברוסט. ער האט זיך אבער באלד פערשעמט זיינע געפיהלע ארויסצו-ווייזען אין דער געגענווארט פון דער דאמע וועלכע האט איהם ליעב.

—ענטשולדיגט מיך— האט ער געבעטען שטיל.

—איך ענטשולדיג אייך גערן, מיין פריינד, דען איך האב דיעזען פריידען-רוף פון אייך ערווארטעט.

—אבער — האט ארמאנד געזאגט — וועל איך זיא איין מאהל ערררייכען. . . וועט איהר דען ניט פערלירען. . .

—מיינע לעצטע האפנונג ווילט איהר זאָגען?

ארמאנד האט געמאכט א צושטימענדע בעוועגונג מיט דעם קאָפּ.

—איהר האט א טעות, מיין פריינד; א פרוי וועלכע ווערט עררייכט איז שוין אין פאראויס האלב פערלאסען. איך וויל נוצען ציהען פון מיין געגנערין און פון אייער גליק.

—איהר זייט א זאנדערבארע פרוי — האט ארמאנד געמורמעלט.

—ווייסט איהר וואוהין מיר געהען? האט פולמען פּלוצלונג געפרעגט.

—איך וויים עס נישט, איך פארש דאס דעם גאנצען אבענד אומזיסט.

—נו, איהר געהט זיא זעהן. . .

—ארמאנד האט אויפגעציטערט און פולמען האט בעמערקט וויא ער איז בלאס געווארען.

—פון געסטערען אָן, צייט איך האב געהערט פון אייך דאס זיא איז אין פאריז, האב איך שוין עטוואס פון איהר ערפאהרען.

און פולמען האט איהם אנגעקוקט מיט א שמייכעל פאן טריאומף.

—מיין נאט ! וואס האט איהר ערפאהרען, און וואס ווייסט איהר ?—האט ארמאנד אויסגערופען.

—ערשטענס וויים איך וואו אייער אומבעקאנטע וואהנט.

—איהר ווייסט עס! . . .

—איך וויים נאך פיעלע אנדערע זאכען, פון וועלכע מיר קענען אין דיעזען אויגענבליק נים ריידען.

—ווארום נים ?

—וויל מיר האבען נישט דיא צייט דערצו. מארגען אין דער צייט, אויב איהר וועט נאך זיין אונטער דיא לעבעדינע, וועט איהר ביי מיר שפייזען צום אבענד און דאן וועל איך אייך מעהר זאגען.

—אלזא פיהרט איהר מיך איצטער צו איהר ?.

—דאס הייסט איך וועל אייך געבען דיא מיטעל צו איהר צו קומען. מיר האבען נור איינינע מינוטען צייט און איך וועל אייך שנעל בעקאנט מאכען מיט דיא פערהעלטניסע וועלכע איהר מוזט וויסען. דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה שטאמט, וויא עס ווייזט אויס, פון רוסלאנד. דער אלטער מאן, איהר בעגלייטער, איז איין רוסישער מאיאר און ער הייסט גראף ארלאוו.ביידע זיינען אין פאריז זייט פופצעהן טעג, און וואהנען אויפען פלאטץ עסטראפאד. צו איז דער מאיאר איהר פאטער, איהר מאנן, איהר געליבטער ? קיינער אין דער וועלט וויים דאס נים. זיי האבען איין איינציגע דיענסט, א דייטשע פרוי פון א יאהר פערציג — פופציג, וועלכע טראגט א קאסטיום פון א ביירישער בויערפרוי.

—און וואס ווייטער ? — האט ארמאנד געפרעגט מיט דער גרעסטער געשפאנטהיים.

—דער מאיאר געהט ארוים אללע פריהמארגען און קומט צוריק נאך הויז שפעט אבענדס . . . ווען ער זאל אייך אנטרעפען ביי זיין שיטצלינג, טאכטער, אדער פרוי, וועט ער אייך טעדטען . . . און דערפאר האב איך אייך געהייסען נעמען דעם דאלך.

—א, איך פארשטעה ! — האט ארמאנד גערופען אין אויפרעגונג.

—עס איז זעהר מעגליך דאס איהר וועט האבען אויסצוברעכען א שויב אדער א פענסטער נאכדעם וויא איהר וועט האבען ארויפצוקלעטערען אויף א קוימען. . .

—גוט ! און דערנאך ?

—דאס אלעס דערשרעקט אייך אלזא נים ?

—נאך נים א האר!

דאן כאמיר געהן ! — האט פולמען געמורמעלט לאבענדיג — איך זעה אז איהר זייט דער מאנן פון וועלכען איך האב געטרוימט, און ווען דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה וועט אייך מעהר נים ליעבען. . .

—ערוואריטעט איהר דען אז זיא וועט מיך אנהויבען צו ליעבען ?

—עס האלט שוין נים וויים דערפון.

—איז דאס וואהר ? איהר גלויבט אזוי ?

—איך בין אין דעם איבערצייגט.

פולמען האט אויסגעשפּראכען דיא לעצטע ווערטער מיט א טאָן פון איבער־ציינונג.

דערווײלע איז דער וואגען געבליעבען שטעהן אויף דעם פּלאַטץ עסטראפּאַד, ניט ווייט פון יענעם אלטען הויז, וואו דער לעזער האט מיט א פּאָר טעג צוריק געזעהן אריינגעהענדיג דעם אלטען מאַנן, וועלכען מיר קענען שוין איצטער אונטערן נאָמען „מאיאָר אָרלאָוו“. דאס איז געוועזען איין ארעמע אלטע געביידע פון פיער עטאזש, שווארץ, פאררויכערט, און בעוואוינט מייסטענטהיילס פון ארעמע סטודענטען און אר־בייטער.

עס איז קוים געוועזען אכט אוהר אבענדס, און דאך האט זיך קיין שיין פון ליכט מעהר געזעהן אין דעם גאַנצען הויז, און עס האט אויסגעוויעזען פּונקט וויא קיינער וואלט דארין ניט געוואוינט.

—שטייגט אויס! — האט פולמען געזאגט צו ארמאַנד און קלאַפּט אָן אין יענע טיר.

ארמאַנד איז אויסגעשטיגען פון וואגען און האט אנגעקלאַפּט.

דיא יונגע דאַמע האט דאַן ארויסגעצויגען פון איהר מופטע צוויי געגענשטענדע, און האט עס איבערגיגעבען ארמאַנד אין דעם אויגענבליק ווען דיא טיר האט זיך גע־עפינט. דאס איז געוועזען א טאַשען לאַנטערנע און א שליעסעל.

—צינדט אָן אייער ליכט — האט איהם פולמען געזאגט.

ארמאַנד איז אריין אין דיא געעפינטע טיר, געפאלגט פון פולמען, אבער קיינע לעבעדיגע זעעלע האט זיך בעוויעזען. ער האט אנגעצונדען דיא טאַשען־לאַנטערנע.

—איהר געהט מיט דעם קאררידאָר ביז צום אנדערן ענד און איהר געפינט דאָרט א טרעפּ — האט איהם דיא פּיהרערקע געזאגט — איהר וועט ארויפקלעטערן ביז צום דריטען עטאזש וואו איהר וועט געפינען עטליכע טירען. איהר זאלט אויסזוכען נו׳ 10.

—און דאַנן?

—איהר וועט עפענען יענע טיר מיט דיעזען שליעסעל און איהר וועט אריינקומען אין א צימער פון א סטודענט.

—א לעערעס צימער?

—יא, דער איינוואוינער איז דאָרטען איצטער ניטאָ, און ער וועט ניט זיין גאַנצע צוויי טעג.

—און נאכהער? — האט דער יונגער מאַנן געפרעגט.

—דער נאך וועט איהר עפענען דאס פענסטער. . . .

דיזעס אלעס האט ארמאַנד דורכגעפיהרט, וועהרענד פולמען איז געגאַנגען הינטער איהם, טריט ביי טריט.

אלס דאס פענסטער פון דעם איינזאמען צימער איז געעפענט געווארן, האט ארמאַנד דערזעהן פאר זיך דאס דאך פון איין אנדער געביידע. אנווייזענדיג מיט׳ן פינגער אויף דאס דאך, האט פולמען געזאגט:

דאָ וואהנט זיא!

ארמאנד האט אויפגעציטערט.

—קלעטערט ארויף אויפען דאך און קריכט צו ביז צום אנדערן ענד. איהר וועט דערזעהן וועלכע גלעזערנע שויב, אדער א דאך־פענסטערל מיט א ליכט אינעווייניג. יענער צימער איז דאס שלאף־צימער פון דער דאמע . . . וואס ווייטער וועט זיין וועט איהר שוין אליין זעהן . . . דערווייל, אדיע! — האט פוקמען געענדיגט איהרע אינ־סטרוקציאנען — אויף וויעדערזעהן! . . . לאמיר האפפען אז מאיאר ארלאוו וועט אייך נים ערמארדען. . .

—לאמיר האפפען, איהר האט רעכט!

—אויף וויעדערזעהן! איך ערווארטע אייך מארגען פריה ביי מיר צו הויז.

לאכענדיג האט זיא גיגעבען ארמאנד דיא האנד און איז געגאנגען צוריק טאנצענ־דיג אין דער פינסטער, איבערלאזענדיג ארמאנד אליין ביין אפענעם פענסטער. א ווילע שפעטער האט ער געהערט וויא אונטען האט זיך דיא טיר פארמאכט הינטער איהר.

דיא אויפרעגונג פון ארמאנד איז געוועזען אין דעם אויגענבליק אזוי גרויס, דאס זיין הערץ איז איהם שיער צושפרונגען אין דער ברוסט. דאס דאך פון דעם צווייטען געביידע איז געוועזען זעכס פוס ניעדעריגער פון פענסטער, און עס איז נייטיג געוועזען ארונטער צושפרינגען.

אום זיך עטוואס צו בערוהיגען און אום זיך פארצובריימען צום שפרונג, האט ארמאנד גענומען בעקוקען מיט זיין טאשענלאנטערנע דיא אומגעבונג פון צימער, אין וועלכען ער האט זיך געפונען.

דאס איז געוועזען איין ארעם מעבלירטע צימער מיט א טיש, א בעט, א פאר שטור־לען, א ביסל ביכער אין ארדנונג, און דאס איז אלעס. אויפען וואנד נים וויים פון פענס־טער איז געהאנגען א בילד. ארמאנד האט א פליכטיגען בליק געטהאן אויף דאס בילד און צו זיין גרעסטער איבערראשונג האט ער בעמערקט דאס איין האנד פון דער פיגור אויפען בילד איז בעדעקט מיט א שווארצען האנדשוה. ער האט האסטיג צוגערוקט זיין בלינדע לאנטערנע צום בילד און האט עס בעסער בעטראכט. עס איז געוועזען א גרויסע עהנליכ־קייט אבער פארן קליינעם פייערל פון זיין לאנטערנע האט ער נור געקענט זעהן א טהייל פון דעם בילד מיט איין מאהל, און ער האט אויף קיין פאל געוואלט גלויבען, אז דאס איז א בילד פון דער דאמע וועלכע ער זוכט.

—איך בין משוגע! — האט ער זיך אליין פארגעווארפען — וויא קען זיא געבען איהר בילד? אדער איז עס פיקייכט איהר געליעבטער. . .

דיעזער געדאנקען אליין האט געמאכט פארגליווערען דאס בלוט אין ארמאנדס אדערן, אבער דאס האט אויך געווירקט אויף איהם וויא עלעקטריציטעט, ער האט שנעל אוועק־געשטעלט זיין לאנטערנע אויפען טיש, און האט זיך גענומען בעקוקען דאס פענסטער און דאס דאך און דיינקען וויא אזוי ארונטערצושפרינגען.

דאס דאך פון אונטען איז געוועזען זייער משופע און עס איז געוועזען א גרויסע סכנה ארונטער צושפרינגען, ווייל דער קלענסטער פעהלטריט האט איינעם געקענט מאכען אראפ־קייקלען זיך פון דאך און צוריסען ווערן אין שטיקלאך. דיא געפאהר האט ארמאנדען גע־

מאכט צוזאמענצוזעהמען זיינע גאנצע קאלטבלוטיגקייט און פאר זיכטיקייט. ער האט זיך ארויסגעהאנגען דורכן פענסטער אין דער גאנצער לייגג, האלטענדיג זיך מיט׳ביידע הענד פאר פענסטער, און האט דאן א לייכטען שפרונג געטהאן אויף דאס דאך. ער איז געבליעבען זיטצען רייטענדיג אויפען שארף פון דאך. אלס ער האט זיך ארומגעקוקט וואו ער איז אין דער וועלט האט ער אויפען צווייטען ענד פון דאך בעמערקט א שיין פון א דאך־פענסטער, און האט גענומען אהין קלעטערן, האלטענדיג דעם דאך אין איין האנד און צוהאלטענדיג זיך מיט דער אנדערער אן דאך.

מיט לעבענסגעפאהר איז ער אהין צוגעקראכען און האט געזוכט איינצודרינגען מיט זיין בליק הינטער דאס דאך־פענסטער, דורך וועלכעס עס האט זיך געזעהען ליכט.

דאס דאך־פענסטער איז געוועזען פערהאנגען מיט א פארהאנג, אבער דאך דורך איינינע בלויזען האט ער געקענט זעהן וואס עס טהוט זיך אינעווייניג.

ער האט דערזעהן פאר זיך א קליינעס צימער, פיין אויסמעבלירט מיט אנטיקען מעבעל, און איבערן קאמין א ביוסט (א האלבע סטאטוע) פערהאנגען מיט א שווארצען שלייער.

דאס הערץ פון דעם יונגען מאן האט אנגעפאנגען זעהר שטארק צו שלאגען, אלס ער האט דערזעהן א יונגע דאמע זיצענדיג אין א פאטעל און האלטענדיג א בוך אין דער האנד. ער האט געמוזט זיך פעסט אנהאלטען אן פענסטער אום ניט ארונטער צופאלען פון דער געפעהרליכער פאזיציאן אין וועלכער ער האט זיך געפונען.

אין אנפאנג האט ער זיך מורא געהאט צו ריהרען פון ארט, אום ניט צו מאכען קיין גערויש; דאן האט ער מורא געהאט פיליכט איז דאס ניט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה. ער האט דעריבער געווארט איינינע מינוטען ביז וואנען דיא דאמע האט געמאכט א בעוועגונג, און ער איז געווען אים שטאנדע צו בעטראכטען איהר געזיכט. דערווייל האט ער אויך צייט געהאט צו בעדענקען וואס ער האט דא צו טאן. טראטץ דעם וואס ער איז געווען פערליעבט ביז וואהנזין, האט ער דאך איינגעזעהן דיא שוועריגקייטען פון זיין לאגע. פולמען האט איהם געוויזען דעם וועג און האט איהם, געגעבען דעם מיטעל וויא צו־צוקומען צו דער דאמע מיט דער שווארצען האנדשוה. פולמען האט איהם געראטהען ער זאל איינפאך צוברעכען דאס פענסטער און אריינ־קומען צו דער פרוי וועלכע ער ליעבט.

אבער פולמען האט פיליכט ניט פאראויס געזעהן אלע געפאהרען מיט וועלכע דאס איז פערבונדען, און בעזאנדערס יענע געפאהר, אריינצופאלען אין דיא הענד פון דער פאליציי פיר איינברעכען אין א פרעמדעס הויז.

—ווען איך זאל איינברעכען דאס פענסטער — האט זיך ארמאנד געזאגט — וועט זיא מיך אננעהמען פאר א גנב, און וועט רופען צו הילף . . . אבער ווען איך זאל איצטער ניט איינדרינגען, דאן וויא אזוי אנדערש וועל איך קענען צו איהר צו קומען? איבעריגענס, וועלכע פרוי פערצייהעט ניט א מאהל א ביסעלע דרייסטיגקייט?

אין דעם אויגענבליק וויא ארמאנד האט אזוי געטראכט האט זיך דיא דאמע אויפגעהויבען פון איהר פאטעל און איז געגאנגען נעהמען איין עלפאנט־ביין מעסער פון

איהר טיש, אום איבערצושניידען דיא בלעטער פון איהר בוך. ארמאנד האט געפיהלט וויא זיין בלוט הייבט אן שטארקער צו פליסען דורך זיינע אדערן.

דאס איז געוועזען דיא זעלביגע דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה, וועלכע ער האט געזעהן אין דיא אפעינען, אין פלארענץ, אין נעאפעל, אין מילאן, אין פעטערסבורג און אין פאריז, און וועלכע לויפט פון איהם אהן אויפהער.

—אה! דיעזעס מאהל מוז זיא מיך אויסהערען און מוז מיך זעהן ביי איהרע פיס.

אין דעם אויגענבליק האט ארמאנד געמאכט א קליינע בעוועגונג וועלכע האט אנ־געמאכט א קליינעם גערויש. דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט עס, וויא עס שיינט, בעמערקט, דען זיא האט זיך שנעל אויפגעהויבען, איז צוגעגאנגען צום פענסטער האט עס אויפגעעפענט, און פונקט וויא זיא וואלט איינעם האבען ערווארטעט דורך דיעזען וועג, האט זיא געפרעגט גאנץ שטיל:

—זייט איהר עס?

מיט איין שפרונג איז ארמאנד געוועזען אין צימער.

מיט שרעק איז דיא יונגע דאמע צוריק געשפרונגען, האט אויפגעשריען און איז צו־געלאפען צום קאמין און האט ערפאסט א רעוואלווער און האט איהם אנגעשטעלט געגען דיא ברוסט פון ארמאנד.

—קיין טריט ווייטער!... ווער זייט איהר? וואס ווילט איהר דא?

ניט פאר איהם אליין האט דאס דיא דאמע געעפענט דעם דאך־פענסטער!

דיעזער געדאנקען איז וויא איין ברענענדער בליטץ דורך געגאנגען דורך ארמאנדס געהירן און ער האט זיך ערינערט אן דאס ביכעל וואס ער האט א ווייל פריהער געזעהן אין דעם צימער פון דעם שטודענטען...

און דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט געזעהן וויא ארמאנד האט צוזאמען געקלייבט דיא הענד אויף דער ברוסט און איז געבליבען שטעהן אונבעוועגליך, שטום, האלטענדיג אויף איהר זיין ברענענדען בליק וועהרענד דער דאלך איז איהם ארויס געפאלען פון דער האנד אויפען פארקעט.

א היבשע ווילע זיינען דיעזע ביידע פערזאנען געשטאנען איינע געגען דיא אנדערע, זיך מעסטענדיג מיט דיא אויגען אין העכסטער ערשטוינונג; דיא צונג פון דער דאמע איז וויא עס האט אויסגעוויזען, געוועזען געלעהמט דורך איבערראשונג, וועהרענד ארמאנד איז געוועזען וויא דערשלאגען פון דעם געדאנקען דאס דיא דאמע האט פיליכט ערווארטעט א גליקליכערן וויא ער איז, דען דיא פראגע „זייט איהר עס“? האט אויף קיין פאל געקענט זיין אדרעסירט צו איהם...

דיעזע געדאנקען האט ארמאנד געמאכט שטום און נאר ער שטעהענדיג אנטקעגען דעם רעוואלווער, וואס דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט געהאלטען געגען זיין ברוסט.

אבער דיעזער שווייגען און דיעזע אונבעוועגליכקייט האט ניט געקאנט גאנץ לאנג אנהאלטען פון ביידע זייטען, און דיא דאמע האט צום ערשטען געבראכען דיא שטילקייט. זיא האט געמאכט איין טריט נעהנטער צו ארמאנד און האט איהם דורכגענומען מיט איהר פייערדיגען בליק.

—ווער זיינט איהר? וואס ווילט איהר? — האט זיא געפרעגט.

ארמאנד האט אויך פון זיין זייט געמאכט א טריט נעהענטער צו איהר, זיך ווע-ניג קימערנדיג וועגען מויל פון רעוואָלווער וואס איז געווען אויף איהם געריכטעט.

איין שטראַל פון דער ברענענדער לאמפע איז געפאלען אויף זיין געזיכט און האט איהם אין גאנצען בעלויכטען, אזוי אז דיא דאמע האט איהם אין גאנצען געקאנט זעהן.

—בערוהיגט אייך מאדאם — האט ער געזאגט מיט איין בעוועגטער שטימע — איך בין קיין דיעב.

צו האט איהם דיא דאמע דערקענט, אדער צו האט זיא איינגעזעהן נאך זיינע קליידער, נאך זיין טאָן, נאך זיינע מאניערען דאס זיא האט ניט פאר איהם וואס מורא צו האבען, נאָר זיא האט אראפגעלאזען דיא האנד מיט דעם פיסטאָלעט און האט זיך איין טריט צוריקגעצויגען.

—פערצייהעט מאדאם — האט ארמאנד געזאגט, מיט עטוואס דרייסטיקייט — פערצייהעט מיר פיר דעם זאנדערבארען וועג וואס איך האב מיר אויסגעקליבען אום צו אייך צו קומען. . . .

—ווירקליך זאָנדערבאר, מיין הערר!

און אוועקלייגענדיג איהר פיסטאָלעט אויפען קאמין האט זיא זיך אניעדער געזעצט אויף דער אנטגעגענגעזעצטער זייטע פון צימער און האט ניט אויפגעהערט צו קוקען אויף ארמאנד מיט איהר דורך־דרינגענדען בליק:

—איהר פערזיכערט מיך, מיין הערר, דאס איהר זייט ניט קיין דיעב. צו אורטהיי־לען דורך אייער אויפרעגונג מוז איך גלויבען אז איהר זאגט דיא ווארהייט. אבער ווילט איהר מיר אזוי גוט זיין ערקלערען וואס איהר זייט איינגעדרונגען צו מיר אויף דעם אופן? . . .

—בעטראכטעט מיך גוט מאדאם . . . איך קען אייך נישט — האט דיא דאמע געענטפערט קאלטבליטיג.

—האט איהר מיר קיינמאָהל ניט געזעהן?

—קיינמאָהל.

—אָה! — האט ארמאנד אויסגערופען אין א האלב פערשטיקטער שטימע.

—מיין הערר! — האט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה גערעדט אין דעם זעלביגען אייז־קאלטען טאָן—איך גלויב דאס ווען איהר וואלט ווירקליך געוועזען מיינער א בעקאנטער, וואלט איהר צו מיר אריינגעקומען דורכין טיר . . . פיליכט זייט איהר א נאכט־וואנדלער וואס קלעטערט ביי דער נאכט איבער דיא דעכער, אדער אפשר זייט איהר א פערליעבטער וואס האט געהאט א טעות אין פענסטערל. . .

דיא לעצטע ווערטער פון דער דאמע, וועלכע זיינען געזאגט געוואָרען מיט עטוואס שפאָט, האבען געגעבען ארמאנד דיא געלעגענהייט צו קומען צום וואָרט.

—איהר זייט גערעכט, מאדאם — האט ער געזאגט לעבהאפט — איך בין פערליעבט, אויב דיעזעס ווארט קען אויסדריקען דיא שרעקליכע טיעפע ליידענשאפט וועלכע פאָלטערט מיין הארץ זייט א יאָהר.

—אויב דאס איז אזוי, מיין הערר האט איהר געהאט א טעות אין דאך־פענסטער — האט איהם דיא דאמע אונטערבראכען.

און זיא האט איהם אָנגעקוקט מיט איין שפּעטישען און בעדויערנדען בליק צו גלייך.

ארמאנד האט אויפגעהויבען דעם קאָפּף.

—איהר גלויבט אזוי, מאדאם? — האט ער געפרעגט.

זיא איז אויפגעשפּרונגען, פּונקט וויא א שלאַנג וואלט איהר א ביס געטהאן:

—וואס איז דאס מיין הערר? — האט זיא געזאגט — מאכט איהר שפּאס? איך קען אייך נישט... איהר קומט אריין בּיי נאכט דורכין פענסטער און איהר וואגט עס מיר צו זאגען...

דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט ארויסגערעדט דיא ווערטער מיט אזא טאָן פון פעראכטונג און אויפרעגונג, דאס ארמאנד האט געפיהלט וויא א קעלט איבער'ן לייב.

אין דיעזען אויגענבליק האט זיך ארמאנד ווידער עראינערט אָן דער פראגע „זייט איהר עס?", וועלכע דיא דאמע האט געפרעגט אלס זיא האט אויפגעעפענט דאס דאך־פענסטערל פאר איהם — דיא זעלבע דאמע וועלכע בעהאנדעלט איהם איצטער מיט אזוי פיעל שפּאָט און פעראכטונג. ער האט זיך אין דעם אויגענבליק אין גאנצען פערגעסען אָן זיין ברענענדע ליידענשאפט צו איהר און האט געענטפערט כמעט גראָב:

—אבער, מאדאם, איהר האט דאך איינעם ערווארטעט? — און מיט דעם פינגער האט ער אנגעוויעזען אויף דאס דאך־פענסטער.

— אַה! דאס איז מעהרער וויא דרייסטיקייט — האט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה אויסגערופען — דער אונפערשעמטער!

דאס זאגענדיג האט זיא זיך אין צארן אומגעקערט צום וואנד, האט ערגריפען א גלאָקען שנור, וועלכע איז דארט אראפּגעהאנגען.

דער אנבליק פון דיעזע בעוועגונג האט ארמאנד אין גאנצען פערניכטעט. ער איז שנעל געפאלען אויף דיא קניע, און האט אויסגעשטרעקט זיינע הענד וויא אין געבעט. דיא דאמע האט אפּגעלאזען דיא גלאָקען-שנור און האט ווידער געמאכט איינעגע טריט צו איהם.

—זאגט מיר, מיין הערר, וואס ווילט איהר? וויא קומט איהר אהער?

ארמאנד האט זיך אויפגעהויבען און איז געבליעבען שטעהן פאר איהר שטום, בלאַס, און אזוי עהרפורכטספאָל, דאס זיא האט איינפאך רחמנות געהאט אויף איהם.

—מאדאם — האט ער אנגעפאנגען — איידער איך וועל אייך דערצעהלען ווארום און וויא אזוי איך האב געוואגט איינצודרינגען צו אייך...

—רעדט, מיין הערר — און זיא האט זיך געזעצט אויף איהר פריהערדיגען פּלאטץ.

—איין אווענד — האט ארמאנד געזאגט — אונגעפעהר פיט א יאהר צוריק, האב

איך געררייזט מיט מיין פריינד אין איטאליען, און אונז איז אויסגעקומען צו בלייבען דיא נאכט אין א קליינער קרעטשעם אין דיא אפענינען.

ארמאנד איז געבליעבען שטיל און האט אנגעקוקט דיא דאמע. דיעזע איז געזעסען פונקט וויא ניט איהר מיינט מען דאס.

—מיר האבען געהערט פון וויטען א שיסעריי, און נאך איינער שטונדע איז אונטער געקומען אהין אין יענער קרעטשים א יונגע פרוי, געקליידעט אין שווארצען, און בעגלייטעט פון איין איינציגען דיענער, וועלכער איז געוועזען פערוואונדעט.

ארמאנד איז ווידער געבליעבען שטעהן. דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט איהם צוגעהערט מיט דער גרעסטער שפאנונג, אבער פון איהר מינע איז ניט געוועזען צו דערקענען דאס זיא האט געמיינשאפטליכעס מיט יענער פרוי, פון וועלכער ארמאנד האט דערצעהלט.

—יענע פרוי זייט איהר געוועזען! — האט ארמאנד געענדיגט.

—איך? — האט זיא אויסגערופען.

און אין דיעזען איינפאכען ווארט האט זיך אזוי קונציג געהערט דער טאָן פון ערשטוינען דאס דער יונגער מאן האט ניט געוואוסט וואס דאָ טהוט זיך מיט איהם, און האט געמאכט איין טריט צוריק.

—אָדער זיא איז געוועזען אזוי עהנליך צו אייך. . . האט ער צו געזעצט.

—אזעלכע עהנליכקייטען זיינען ניט זעלטען — האט דיא דאמע איהם אונטערבראכען.

—אבער זיא האט אויך געטראגען אזוי וויא איהר איין איינציגען שווארצען האנדשוה אויף דער לינקער האנד.

—נו, וואס איז דען?

—אייניגע טעג שפעטער, אין מילאן, האב איך דיא זעלביגע דאמע געטראפען אין טהעאטער; איין אלטער מאן האט זיא באגלייטעט. . . מיין פריינד און איך האבען זיא בעגריסט.

—קענט איהר מיר זאגען, מיין הערר, וואס פאר איין שייכות עס איז פאראן צווישען מיר און יענער דאמע? — האט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה ווידער אונטערבראכען.

—יענע דאמע זייט איהר — האט ער געזאגט מיט איבערצייגונג.

דיא דאמע האט ארויסגעשאָסען מיט א געלעכטער, וועהרענד ער האט פאָרטגעזעצט:

—ענדליך, מאדאם, האב איך אייך געטראפען אין פלאָרענץ, אין וויען, אין פעטערסבורג, אין פאריז — און איבעראל האט איהר געלייקענט אז איהר זייט יענע דאמע וועלבע איך האב געטראפען אין דיא אפענינישע געבירגע. און דאך, מאדאם קען איך אייך זייט דאמאלס ניט פארגעסען. . .

מיט איין האנד בעוועגונג האט איהם דיא דאמע אונטערבראכען:

—ענטשולדיגט מיין הערר, אנשטאט אויסצוהערען אייערע זאנדערבארע ערקלערונגען, ערלויבט מיר בעסער צו פרעגען וויא אזוי איהר קומט ביז אהער. . .

און מיט דעם פינגער האט די דאמע אנגעוויזען אויף דאס אפענען דאך־פענסטערל.

ארמאנד איז געוועזען אין דער גרעסטער פערווירונג. וויא אזוי קען ער, ניט זאגענדיג קיין ליעגען, ערקלערען דיא פרוי וועלכע ער ליעבט, דאס ער האט עס צו פערדאנקען איין אנדער פרוי וואס ער האט געטראפען דעם וועג צו איהר איבערן דאך.

—איך ווארט אויף אייער אנטווארט — האט געזאגט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה עטוואס אונגעדולדיג.

—מאדאם האט ער געמורמעלט — איך קען ניט. . .

—און איהר וואגט עס מיר צו קומען רעדען פון ליעבע, מיר ערצעהלען דאס איהר געהט מיר שוין נאך צייט איין יאהר, און איהר קענט מיר ניט איינגעשטעהן. . . אַה מיין הערר! אייער פרעכהייט איז זאנדערבאר!

—פערצייהעט, מאדאם!

—איך זעה דאָ פערראטה, און וויל אייך ניט מעהר פרעגען דאריבער. דער וואס האט מיך פערראטהען דער וועט ווערען בעשטראפט.

ארמאנד האט געוואלט נאך עטוואס ענטפערן, אָבער פּלוצלונג האט זיך דערהערט א קלאפּ אין א ווייטערדיגע טיר, און ער האט בעמערקט וויא דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט אויפגעציטערט, און דער אויסדרוק פון שרעקליכער אונרוהע האט זיך בעוויעזען אויף איהר געזיכט.

—מיין גאט!—האט זיא אויסגערופען מיט שרעק — דאָ קומט ער, פליהט. . און מיט א האסטיגער בעוועגונג האט זיא איהם אנגעוויזען דאס אפענע פענסטער. ארמאנד האט זיך אויפגעריכטעט, אבער אנשטאט צו פליהען האט ער זיא אנגעקוקט דרייסט און אונערשראָקען.

—פליהט, מיין הערר, אנטלויפט! — האט דיא יונגע דאמע ווידע־האָלט — דאָ קומט גראף אָרלאָוו . . . ער וועט אייך אומברייגגען.

איין שטאָלצער שמייכעל האט זיך בעוויעזען אויף דיא ליפען פון דעם יונגען מאנן, דאן האט ער אויפגעהויבען זיין דאָלך:

—אָה! האט קיין מורא ניט — האט ער געזאגט.

—אָבער פערלאָזט מיך מיין הערר. געהט ארויס! . . איהר וועט מיך אין פערדערבען שטירצען צוזאמען מיט זיך אליין!

דיעזע ווערטער האבען אין גאנצען דערשטיקט דיא דרייסטיגקייט און דיא בעגייסטערונג פון ארמאנד, ער האט פערשטאנען דאס דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה ערזוכט איהם צו פליהען, ניט פון זיינט־וועגען, נאָר פון איהרט־וועגען; ער האט ניט מעהר גערדאכט אָן זיין דאָלך.

—איך געה, מאדאם — האט ער געזאָגט — אבער איך בעט אייך אום הימעלס ווילען . . פערשפּרעכט מיר אז איהר וועט מיר ערלויבען אייך ווידער צו זעהן . . . איך מוז עס . . . איך קען ניט אנדערש! . .

יאָ . . . — האט זיא געשטאמעלט פּונקט וויא זיא וואלט געוועזען אין טוידטשרעק - אבער געהט שנעל, פליהט!

—ווען ? וואו ? — האט ער געפרעגט שנעל.

—היער . . . מאָרגען . . . פליהט ! — האט זיא ווידערהאָלט מיט אלע צייכענס פון אינערליכע אנגסט.

ער האָט געהאט דיא דרייסטיגקייט איהר צו קיססען דיא האנד, און שנעל וויא איין שאטען איז ער ארויסגעשפרונגען דורכען דאך־פענסטער און האט געקלעטערט איבערן דאך צוריק צו יענעם צימער פון דעם ארעמען שטודענטען. ער האט נאטירליך נישט געקאנט בעמערקען דעם קאלטען שמייכעל וועלכער האט זיך איצט בעוויזען אויף דיא ליפען פון דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה, און דעם גרויזאמען אויסדרוק פון איהר געזיכט. ארמאנד איז אהנע צווייפעל געוועזען דער נאר פון עפעס א שרעקליכער קאָמעדיע, וועלכע איז דאָ, וויא עס האט אויסגעוויעזען, צוליעב איהם אויפגעשפיעלט געווארען.

פינפטער קאפיטעל.

דער תם פון דער הגדה.

איינינע מינוטען שפעטער איז דער יונגער מאנן ווידער אריינגעקומען אין צימער פון שטודענט, דורך וועלכעס ער איז פריהער דורכגינאנגען.

אין דער אויפרעגונג האט ארמאנד גאר ניט געדאכט דערפון וואס ער איז דאס ערשטע מאהל אין זיין לעבען אין דיעזעם צימער. איהם איז פארגעקומען פונקט וויא ער וואלט שוין געקענט דיזעם צימער פון לאנג אן. טראָץ דעם וואס עס איז געוועזען אין צימער שטאָק־פינסטער האט ער דאָך געוואוסט וואו עטוואס שטעהט, פונקט וויא ער וואלט דאָ געהאט געוואוינט. דאס צימער האט זיך טיעף איינגעשניטען אין זיין גע־דעכטניס ביי דעם ערשטען מאהל זיין אין איהם. ער האט געזוכט ביי דיא זייטען פון פענסטער נאך א בעהעלטער פון צינדהעלצלאך, און האט אויך ווירקליך געפונען. אויפען טיש איז געשטאנען א ליכט וועלכעס ער האט אנגעצונדען, און מיט דער פלאמע אין דער האנד איז ער צוגעגאנגען צו יענעם פלאטץ וואו ער האט פריהער געהאט בעמערקט דאס בילד אויפען וואנד.

דאס איז ווירקליך געוועזען דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה. אבער דער אנבליק פון דיעזען בילד אין דעם איינזאמען צימער און ביי זיין אויפרעגונג, האט אויף איהם געמאכט אזא איינדרוק דאס איהם איז געווארן אונהיימליך צו מוטה. ער האט פארלאָשען דאס ליכט און איז שנעל אוועקגעגאנגען.

אלזא, דער מאנן וואס בעזיצט דאס פאָרטרעט פון דיעזער פרוי וועלכע ער ליעבט, דער מאנן וועלכער איז וואהרשיינליך ערוואָרטעט געווארן אנשטאט איהם ווענ־רענד דאס פענסטערל איז געעפענט געווארן פאר איהם, ארמאנד, — דיעזער מאנן איז איין אָרעמער שטודענט וואס וואוינט אין דאך־שטיבעל.

דיעזער געדאנקען האט געפאַלטערט ארמאנדס הערץ און זיין געהירן. קוים איז ער אראָפּגעגאנגען דיא האלדז־ברעכערישע טרעפ פון דעם פינסטערן געביידע, האט ער זיך אריינגעהאפט אין דעם ערשטען פיאקער וועלכען א קוטשער האט פארבייגעפיהרט, און האט געהייסען זיך פיהרען נאך אוועגו־מארבעף אזוי שנעל וויא נור מעגליך.

אין פיאקער האט ער גענומען זיין קאפ איןביידע הענד און איז א היבשע צייט אזוי געבליעבען זיטצען, דאנן האט ער געמורמעלט מיט פערצווייפלונג אין דעם געדעמפפ־טען טאָן פון זיין שטימע:

—אָ, פולמען מוז פון אלעס וויסען . . . פולמען וועט מיר אללעס זאגען . . .

א האלבע שטונדע שפעטער, דאס הייסט, ארום עלף אוהר, איז ארמאנד אנגעקו־מען צו דער וואוינונג פון דער טענצערין.

פולמען איז צוריקגעקומען פון דער אָפּערא, וואו זיא האט יענעם אָבענד געטאנצט.

זיא האט זיך געהאט אומגעקליידעט אין דעם איינענבליק אלס ארמאנד איז צו איהר אריינגעקומען א בלאסער, איין אויפגערעגטער, מיט ברענענדע אויגען וויא פון פיבער.

—אַה, מיין גאט! וואס איז אייך געשעהן?! — האט זיא אויסגערופען דערשראָ־קען — האט איהר געשפרונגען דורכען פענסטער?

ארמאנד האט זיך א וואָרף געטהאן אויף א שטול, און אין ערשטען אויגענבליק איז ער ניט אים שטאנד געוועזען ארויסצורײידען איין וואָרט.

—וואס איז געשעהן? — האט פולמען ווידערהאָלט.

—מיר איז געשעהן א בייזער שפאס — האט ארמאנד געזאגט.

—א שפאס? האט ווער מיט אייך געטריעבען שפאס?

—יא.

—יעדענפאלס האב איך עס ניט געטהאן.

פולמענס טאָן איז געוועזען אזוי אויפריכטיג, דאס ארמאנד האט ניט מעהר גע־צווייפעלט אז זיא זאגט אמת.

—אבער ענדליך ענטפערט מיר וויא עס געהערט צו זיין — האט איהר זיא ניט געזעהן?

—יא, אין גענענטהייל.

—נון?

—נון, זיא האט געהאט איינעם ערוואַרטעט . . . דורך דעמזעלבען וועג וואס איך בין אריינגעקומען . . . און יענער איינער איז ניט איך . . .

און ארמאנד האט אין קורצען דערציילט זיין גאנצע בעגעגנים מיט דער דאמע, און דיא זאָנדערבארע ענטדעקונג וועלכע ער האט געמאכט אין צימער פון דעם ארעמען שטודענט.

פולמען האט איהם אייסגעהערט מיט א נעקנייטשטען שטערן.

—אָה! — האט זיא ענדליך גערופען — ניט מיט אייך האט מען געשפיעלט דעם בייזען שפאס, נאר מיט מיר.

—מיט אייך? — האט ארמאנד געמאכט ערשטוינט.

דיא טענצערין האט א ווײלע געשוויגען. אבער איהרע גרויסע אויגען האבען גע־בליצט פון אינערליכע אויפרעגונג, און זיך זעצענדיג נעבען ארמאנד אויף א צווייטען שטוהל, האט זיא זיך צו איהם געווענדעט:

—הערט אויס, האט איהר פערטרויען צו מיר?

—יא — האט ארמאנד גענטפערט.
—וועט איהר טהאן וואס איך וועל אייך ראטהען ?
—בעפעהלט, און איך וועל אייך געהארכען.
—גוט ! איך שווער אייך דאס אין אכט טאג זאל איה ארונטעררייסען דיא מאסקע פון דיעזער דאממע און איהר זאלט אלעס ויסען וועגען איהר.
—גלויבט איהר ?
—איך בין זיכער.
—וואס דארף איך טהאן ?
—מארגען פריה, א שפּראָץ אויף טאג, זאלט איהר צוריקקעהרען צו יענעס הויז וואו עס געפינט זיך דאס צימער פון דעם שטודענטען וואו איהר האט געזעהן דאס פּאָרטרעט.
—איך וועל געהן . . . וואס ווייטער ?
—איהר וועט געפינען דעם בחור צו הויז. . .
—אה, איך וועל איהם אומבריינגען — האט ארמאנד געשריען אין צאָרן.
—ניין אָבער איהר זאלט איהם געבען אויסצוקלייבען: אדער זיך שלאגען מיט אייך מיט דעם וואפען וואס איהר וועט מיטנעהמען, אָדער ער מוז גלייך געהן מיט אייך צו מיר. . .
—און דאן ?
—איהר וועט מיט איהם איינשטייגען אין א וואָגען און וועט איהם אהער בריינגען
—אויב איך געפין איהם אבער נית צו הויז ?
—וועט איהר ווארטען ביז ער קומט.
—אבער איך קען איהם ניט.
—ער הייסט פרעדריק דיקאָנג. יעדען טאג אום 11 אוהר געפינט מען איהם אין קאפע טאבורעט ביין אָדעאָן־טהעאטער. אבער איהר וועט איהם טרעפען אין צימער... עס איז ניט מעגליך ער זאל ניט זיין צוריקגעקומען.

ארמאנד האט גענומען אבשיעד פון דער טענצערין און איז שנעל געפאהרען צו זיך נאך הויז. ער האט געטראכטען זיין אלטען זשאן איהם ערוואַרטענדיג מיט אונגעדולד.
—אה, הערר ארמאנד ! איך וויים אליין ניט וואס איך האב געשפירט צייט איהר זייט אויסגעגאנגען.
—ווארום דען, מיין אלטער פריינד ?
—דאס הערץ האט מיר געזאגט אז אייך וועט פאסירען איין אונגליק.
—דוא ביסט נארעש — האט ארמאנד גענטפערט, און איז גלייך געגאנגען צו זיך אין צימער.

ער האט זיך אבער ניט געלייגט צו בעט, ער האט זיך געזעצט צום טיש, און האט ערוואַרטעט טאג, ווארפענדיג יעדען אויגענבליק זיינע אויגען אויף דיא וואנד־אוהר. אום פינף אוהר האט ער געקלונגען.

זיין דיענער וועלכער האט טהיילווייזע געארבייטעט אין שטאל און טהיילווייזע אין צימער, איז אריינגעקומען מיט פארשלאפענע אויגען.
—פעטער, דוא וועסט מיר זאטלען מיין טאָם.

דער דיענער האט אויסגעקראַצט א פּאָר אויגען ווייל ער איז ניט געאווינט געוועזען צו אזעלכע פריהעדיגע עקסקורסיאנען. ער איז אבער דענאך געגאנגען ערפילען דעם פער־גאנג פון זיין הערען.

דערווייל האט ארמאנד ווידער גענומען זיין מאנטעל, און האט גענומען אונטער׳ן אָרעם א הילצערנע קעסטעלע מיט א פּאָר פּיסטאלעטען.

נאך א פירטעל שטונדע איז זיין טאם געשטאנען געזאטעלט פארן הויז און דער דיענער האט צוגעפיהרט פיר זיך א צווייטעס געזאטעלטעס פערד אום זיין הערען צו בעגלייטען.

ביידע האבען זיך געווארפען אויף דיא פערד, און נאך א שנעלען ריט פון א האלבע שטונדע זיינען זיי געוועזען אויפען פלאטץ עסטראפּאד.

ארמאנד איז אראָפּגעשפּרונגען פון פערד און האט געזאגט צו זיין דינער:

—נעה מיר נאך. דוא וועסט בלייבען ביי דער טיר און וועלכע איך וועל אריינגעהן, און וועסט מיך ערווארטען.

עס איז איצטער־ערשט קוים טאָג געוואָרן. דער גאנצער פלאטץ איז געוועזען לעער און א רעגען האט געהאלטען אין איין פאלען.

דיא טיר איז געוועזען געשלאסען וויא לעצטע נאכט; ער האט אָנגעקלאפּט, און פּונקט וויא לעצטע נאכט האט זיך דיא טיר געעפענט און קיין לעבעדיגער מענש האט זיך בעוויעזען.

אין דער פינסטער האט ארמאנד געקלעטערט אויף דיא טרעפּ ציילענדיג דיא סטאנציעס און טאפּענדיג. ענדליך איז ער געקומען צו דער געווינשטער טיר, פון צימער נומער 10.

דיעזע טיר האט ארמאנד געלאזען אָפען אלס ער איז פריהער שנעל אוועקגעגאנ־גען, איצטער איז זיא געוועזען פארמאכט אויפען שלאָס, און ארמאנד האט אומזיסט גע־זוכט דעם שליסעל וואס ער האט איבערגעלאָזען אין טיר. עס איז געוועזען לייכט צו פער־שטעהן, דאס איינער איז דאָ געוועזען צייט ער איז ארויסגעגאנגען.

דאס הערץ פון דעם יונגען מאן האט שטארקער אָנגעהויבען צו קלאפּען פאר אויפרעגונג.

—ער איז צוריקגעקומען — האט ער ביי זיך געטראכט, און ניט טראכטענדיג לאנג האט ער אָנגעקלאפּט.

קיינער האט ניט געענטפערט, אבער צולייגענדיג דעם אויער צום טיר האט ער גע־הערט איינעם חראָפּענדיג.

ער האט ווידער געקלאפּט, אלס שטארקער און שטארקער, און אינמיטען גערויש האט זיך געלאָזט הערען א קוויטשענדיגע שטימע פון אונטען:

—וואס איז דארט פאר א לערם?

ארמאנד האט זיך עטוואס ארונטערגעבויגען און האט געזאגט:

—דאס איז א פריינד פון הערען פרעדריק דילאָנג, וועלכער האט איהם נייטיג צו זעהן אין א וויכטיגע אנגעלעגענהייט.

—הערר דילאָנג?—האט איבערגעפרעגט דיא הויזמייסטערין, דען דאס איז געוועזען דיא הויזמייסטערין וועלכע האט אזוי געקוויטשעט — אה, ער איז אין א שיינעם צושטאנד!

—ער איז אָבער ביי זיך אין צימער.

—געוויס, אבער ער איז בעטרונקען. איהר מעגט ברייגגען אפילו אהער א הארמאט און שיסען פאר זיין טיר וועט איהר איהם ניט אויפוועקען.

—אבער איך מוז איהם נויטווענדיג זעהן.

ארמאנד איז אראָפּגעגאנגען פון דיא טרעפּ טאפּענדיג, געהענדיג נאָכצו שיין פון דער ליכט וואס דיא הויזמייסטערין האט געהאלטען, און קומענדיג צו איהר האט ער איהר אריינגערוקט א גאָלדשטיק אין האנד. דיזעס האט געווירקט וויא א קמיעה:

—אָ, מיין הערר — האט דיא אלטע פרוי אָנגעהויבען מיט א גאנץ אנדער ניגון — אויב איהר מוזט איהם דורכאויס זעהן וועל איך אייך געבען נאָך א שליעסעל צו זיין טיר, פילייכט וועט איהר איהם קענען דערוועקען ווען איהר וועט זיין איגעווייניג.

דיא אלטע האָט געזוכט אין דעם גרויסען בונד שליסלען ביז זיא האט איינעם גע־פונען און אראָפּגענומען, און האט עס איבערגעגעבען ארמאנד:

—וויל דער הערר פילייכט ליכט? — האט זיא זיך געפרעגט מיט רעספּעקט.

—ניט עס מיר — האט ארמאנד געזאגט, נעהמענדיג דאָס לייכטער פון איהר האנד.

—איך קען אייך גאר ניט זאגען וואס פאר א העללישעם לעבען דער הערר דילאנג האט דיזע נאכט געפיהרט. ער איז געקומען און איז צוריק אוועקגעגאנגען און איז דא ויעדער געקומען נאך האלבע נאָכט טויט־שכור, און מאכענדיג א גרויסען לערם.

דיזע ווערטער האבען געגעבען צו פערשטעהן ארמאנד דאס מען האט איהם אנגענומען פארן סטודענטען אלס ער איז דאָ דיא נאכט געוועזען. ער איז געקומען צוריק אויפען אויבערשטען עטאזש פיהלענדיג ניט גוט פון דעם געדאנקען, דאס יענע דאמע, פיר וועלכע ער וואלט זיך געאָפּפערט, און וועלכע איז דיא פערקערפּערונג פון עלעגאנץ און פאָרנעהמקייט, זאל צולאזען אז איהר בילד זאל הייגגען אין א צימער פון איין ארעמען שכור פון א שטודענט.

זיין האנד האט געציטערט פון צארן אלס ער האט אומגעדרעהט דעם שליעסעל אין טיר; אָבער אלס ער האט דיא טיר געעפינט איז ער ניט־ווילענדיג א טריט צוריק־געטרעטען, אלס ער האט דערזעהן דעם איינוואוינער פון צימער.

ער איז געלעגען אָנגעקליידעט אויפען בעט און פעסט געחראָפּעט, אבער זיינע קליידער זיינען געוועזען צוריסען, זיינע וועש בעגאסען פון וויין. ארמאנד האט בעטראכט זיין געזיכט. דאס איז געוועזען א שטארקער קערל פון א יאהר 35 און פון א גאנץ געוועהנלי־כע פּאָרטע, אָהן א ברעקיל אינטעליגענץ.

מען האט דענאך אָן איהם געקענט דער קענען דעם שטודענטען, אבער איינעם פון יענע וואס שטודירען זייער גאנצעס לעבען פון צעהן יאהר אן, און ענדיגען אין וויינהויז דיא ערציהונג וועלכע איז שלעכט אָנגעהויבען געווארן.

איז דאס דיא פּערזאָן וועמען דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט געקענט

אויסקלייבען ? ארמאנד האט אוועקגעשטעלט דעם לייכטער אויפען טיש, איז צוגעגאנ־גען צום בעט, האט אנגענומען דעם שלאָפער פארן ארעם האט איהם צו טרייסעלט או נערופען ביים נאמען.

דיעזער האט אויפגעשפרונגען, האט אויפגעעפענט מיט גרויס מיהע דיא אויגען, און זיך צודעקענדיג מיט דער דעקע האט ער געווארפען ארום זיך איין בליק פון העכס־טען ערשטוינען.

—ווער רופט מיך ? — האט ער געפרעגט מיט א פארשיכורטע שטימע.

—איך — האט ארמאנד געענטפערט.

דער אלטער שטודענט האט איהם אנגעקוקט גאנץ ערשטוינט.

—איך קען אייך ניט — האט ער געזאגט.

—איך הייס ארמאנד לעאָן.

—בין איך דאס אייך שולדיג דאס געלד פארן בילעט ?

דיעזע פראגע האט בעוויעזען ארמאנד, אז דער שטודענט קען איהם ניט און האט קיינמאל ניט געהערט זיין נאמען.

—איך קום צו אייך פון פולמען — האט ארמאנד געזאגט.

—פולמען ?

דאס ערשטוינען פון דעם אויפגעוועקטען איז נאך פיעל גרעסער געוואָרן ביי דיזען נאמען אלס ביי דעם פריהערינען.

—איהר קענט זיא ניט ? — האט ארמאנד געפרעגט.

—איך גלויב ניט. . .

ארמאנד האט וויעדער געמיינט אז מען טרייבט שפאס מיט איהם.

—מיין העררע, ווילט איהר אויפשטעהן און מיך ערנסט אויסהערן ? איך האב אייך וואס וויכטיגעס צו זאָגען.

דער שטודענט האט אויסגעגלאָצט א פאָר אויגען אלס ער האט דערהערט דעם ערנסטען טאָן פון ארמאנד:

—ענטשולדיגט מיך מיין העררע פיר אזא אויפנאהמע — האט ער געזאגט — אבער מיר איז היינטיגע נאכט געשעהן עטוואס אויסערגעוועהנליכעס, אזוי דאס איך וויים נאך ניט אין גאנצען וואו איך בין אין דער וועלט. ווילט איהר אזוי גוט זיין זיך זעטצען. . . .

—אויסערגעוועהנליכעס ? — האט ארמאנד איבערגעפרעגט, געשפאנט.

—יא, מיין העררע, אבער. . .

—וואס האט אייך פאסירט ?

— דאס איז זעהר ערנסט מיין העררע . . . אבער פריהער ערלויבט מיר צופרעגען מיט וואס איך קען אייך דיענען ?

דער טאָן פון דילאָנג איז געוועזען אויפריכטיג און ארמאנד האט פארשטאנען אז ער רעדט דיא ווארהייט.

—איך האב אייך שוין געזאגט, מיין העררע, אז איך הייס ארמאנד לעאָן, און בין צו אייך געשיקט פון פולמען.

—איך הער אייער נאמען צום ערשטען מאהל, און ווייס ניט ווער מאדאם פולמען איז.

—א טענצערין.

—אָ, יא . . . א שיינע דאמע מיט פראַכטפאָלע אויגען . . .

—ריכטיג!

—און איהר קומט פון איהר?

יאָ, מיין הערר.

—דאן קען זיא מיר אלזא?

דיא לעצטע ווערטער האבען ארמאנד פערוועצט אין ערשטוינונג, ענטוועדער מאכט דער שטודענט שפאַס מיט איהם, אדער פולמען אליין האט זיך גענומען איהם פאראינטריגירען.

—מיין הערר, — האט ער געזאגט צום שטודענטען, אוועקלייגענדיג אויפען טיש דאס קעסטעלע מיט דיא פיסטאָלעטען, וועלכע ער האט ביז איצטער געהאט געהאלטען אונטערען אָרעם — ווילט איהר מיר אזוי גוט זיין און ענטפערן אויף מיינע פראגען? איך פערזיכער אייך אז דאָ האנדעלט זיך פון גאנץ ערנסטע זאכען.

—רעדט, מיין הערר.

—איהר זאגט אז לעצטע נאכט האבען אייך פאסירט אויסעראָרדענליכע זאכען.

—געוויס, מיין הערר.

—גוט! איך קום צו אייך פילייכט וועגען דעם.

דער שטודענט האט אויסגעשטעלט א פּאָר בייזע אויגען:

—זייט איהר פילייכט איינער פון יענע חברה-לייט וואס האבען מיר גינעבען דיא קלעפּ?

—איך? איהר זייט פעררירקט, מיין הערר; קוקט מיך אָן!

—איך האב נעבטען געמוזט זיך לאזין פארבינדען דיא אויגען און ארמפיהרען, און צום סוף בין איך נאך געשלאָגען געווארן.

וועהרענד דער שטודענט האט אזוי גערעדט, האט ארמאנד אויפגעהויבען זיין בליק נאך יענעם פלאטץ אויפען וואנד וואו ער האט געסטערן געהאט געזעהן דאס בילד פון דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה, און האט אזש אויסגעשריען פאר איבערראשונג. דאס בילד איז געוועזען פארשוואונדען.

—וואס איז אייך? — האט דילאָנג געפרעגט ערשטוינט.

—וואו האט איהר אהינגעטהאן דאס פּאָרטרעט?

—וועלכעס פּאָרטרעט?

—איהר פּאָרטרעט!

—איהר פּאָרטרעט? . . . — דילאָנגס ערשטוינען איז געוועזען גרענצלאָז.

—יא, דאס פּאָרטרעט פון דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה.

—דאָ איז ווידער א נאמען וואס איך הער צום ערשטען מאהל.

דיעזע ווערטער וועלכע זיינען ארויסגעזאגט געווארן מיט דער נאטירליכסטע אויפריכטיגקייט אין דער וועלט, האבען אין גאנצען צומישט ארמאנד.

—איהר מאכט שפּאס, מיין הערר ! — האט ער געשריען.

—עהרענוואָרט, מיין הערר, איך האב דאס איצטער־ערשט אייך געוואלט זאגען. איך האב אייך קיינמאל ניט געזעהן, איהר קומט אריין צו מיר אין צימער, איך ווייס וויא, איהר רעדט מיר פון א טענצערן וועלכע איך קען ניט, און איהר רעדט צו מיר אין א טאָן פון א אונטערזוכונס־ריכטער. . . און . . .

ארמאנד האט אויפגעעפענט דאס קעסטעלע און האט ארויסגענומען דיא פּיסטאָ־לעטען, וועלכע ער האט גלייכגילטיג אנגעלאדען.

—וואס טהוט איהר מיין הערר ? — האט דיקאָנג געפרעגט, און איז געבליעבען וויא פערשטיינערט.

—איך מאך פּאָרבערייטונגען צו ערפאהרען דיא וואהרהייט.

נאך דיא ענטשלאָסענהייט מיט וועלכער ארמאנד האט געזאגט דיעזע ווערטער, האט דער שטודענט איינגעזעהן, דאס ער איז ענטשלאָסען איהם צו טעדטען, אויב ער וועט איהם ניט ענטפערן כסדר אויף זיינע פראגען. אבער דיקאָנג איז ניט געוועזען קיין טרוס און איז געבליבען קא לטבליטיג.

—ווילט איהר מיך ערמאָרדען ? — האט ער געפרעגט — איך זאג אייך אין פּאָראוים, מיין הערר, אז מיין פערמעגען בעשטעהט פון 75 סענטים, און דאס מיין איינציגער נייער קאָסטיום איז פארזעצט. דיא צעהן פראנק וואס איך האב געסטערן געהאט האט מען פון מיר לעצטע נאכט צוגענומען.

דיעזע איינפאַכע האלב־שפּעטישע און האלב־ערנסטע ווערטער האבען געמאכט אויף אַרמאנד א טיעפערן איינדרוק אלס דער שטודענט האט געמיינט צו מאכען. ער האט אוועקגעלייגט דיא פּיסטאָלעטין אויפען טיש.

—איהר זייט איינפאך פעררירקט מיין הערר אויב איהר האלט מיך פיר פעהיג אייך צו ערמאָרדען אדער צו בערויבען. אבער איך פאָהרער פון אייך איינעקאטיגאָרישע ערקלע־רונג און איך מוז זיא פון אייך ארויסקריעגען ווען איך זאל אפילו וויסען צו געברויכען געוואלט.

—איך וויל אייך געבען דיעזע ערקלערונג מיטען גוטען ווילען מיין הערר.

—זאגט מיר וואו איז אהינעקומען דאס פּאָרטרעט ?

—אָבער איך האב קיינמאהל נישט געהאט קיין פּאָרטרעט.

—וויא . . . דאָרט . . . ביי יענעם פענסטער . . .

—דאָרט איז קיין מאהל קיין פּאָרטרעט געוועזען !

—איך האב דאך אבער ניט געטרוימט דיעזע נאכט . . .

—הא ? — האט דער שטודענט געמאכט.

—איך זאָג, איך האב דאך ניט געטרוימט אלס איך בין אהער געקומען דיעזע נאכט . . .

—זייט איהר געקומען אהער דיעזע נאכט ?

—געוויס !

—אָה ! | האט הער שטודענט אויסגערופען זיך א קלאַפּגעבענדיג אין שטערן—דאס

איז אלזאָ פון אייערטוועגען דאס איך מוז פערלאזען יעדען טאג אום אכט אוהר דאס צימער שוין זייט פופצעהן טעג ?

—פון מיינטוועגען ? . . . שוין זייט פופצעהן טעג . . . יעדען אבענד . . . — האט ארמאנד ווידערהאָלט מיט אַ פערשטיקטע שטימע — אַה איך פערשטעה . . . אדער ניין איך פערשטעה ניט . . .

—מיר שיינט, מיין הערר, דאס צווישען אונז איז דאָ אַ גרויסען מיספערשטענד־ יס . . . לאָמיר זוכען דאס אויפצוקלעהרען . . . איהר זאגט אז איהר זייט דיעזע נאכט דאָ געוועזען ?

—יא — האט ארמאנד געזאגט.

—אָבער מיט וועמען ? און וויא אזוי ?

—אליין ; מיט אַ שליסעל וועלכען מיר האט איבערגעגעבען פולמען.

—און איהר זייט געקומען אליין ?

—אליין.

—אבער צו וועלכען צוועק ? . . . און וואס האט איהר געוואלט טהאָן ? דער יעניגער וועמען איך באָרג מיין צימער איז נישט אליין . . .

—איך האב געעפענט דיעזען פענסטער.

—און ארמאנד האט אנגעוויזען מיט'ן פינגער אויפען פענסטער.

—און נאָכ הער ?

—איך האב ארויסגשפרונגען אויפען דאך און בין צוגעקלעטערט צו יענעם דאך־פענס־ טער, פון צווייטען הויז.—

—עהרענ־וואָרט מיין הערר איהר האט מוהט — האט דער שטודענט געזאגט — דאס דאך איז זעהר משופע'דיג.

—דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט מיר געעפענט דאס דאך־ פענסטער.

—אָבער וואס איז דארטען פאר אַ דאמע מיט אַ שווארצען האנדשוה ?

—דאס איז יענע דאמע וועמענס פאָרטרעט איז ביי אייך געהאנגען לעצטע נאכט.

—דאס אלעס קלינגט זעהר זאנדערבאר.

און דער שטודענט האט אָנגעקוקט ארמאנד זעהר אייפמערקזאם פונקט וויא ער וואָלט וועלען איבערצייגען, אויב ער האט דאָ ניט צו טהאן מיט אנ'אמת'ען משוגענעם וואס איז אנטלאָפען געווארען פון דול־הויז. ארמאנד האט פערשטאנען דיעזען בליק און, איז געווארען איבערצייגט דאס דער שטודענט איז אויפריכטיג.

—מיין הערר — האט ער איהם געזאגט — איך פאנג אן צו גלויבען דאס אלע ערקלע־ רונגען פון דער וועלט וועלין צו קיין רעזולטאט פיהרען, אזו לאנג וויא אַ דריטע פערזאָ וואס איז אין דער זאכע פערמישט וועט אונז ניט קומען צו הילפע. ווילט איהר אזוי גוט זיין מיטגעהן מיט מיר ?

—אבער וועד איז יענע פערזאָן ?

—פולמען.

—זאל זיין אזוי, מיין הערר, איך געה מיט, דען איך פיהל אז איך פערליר מיין קאָפּ.

דער שטודענט האט זיך אויפגעהויבען און האט גענומען זיין הוט.

—איהר וועט מיר ענטשולדיגען מיין קאָסטיום — האט ער געזאגט צו ארמאנד.

—לאָמיר געהן, מיין הערר, מיר נעמען א וואָגען.

ביידע זיינען ארונטער דיא טרעפּ. ארמאַנד האט געגעבען א ווינק צו זיין דיענער דאס ער קען געהן, און אוועק פיהרען זיין פערד, און האט זיך אריינגעזעצט מיט דעם שטודענטען אין ערשטען וואָגען וואס איז זיי געקומען אנטקעגען.

—בולווארד מארבעף, צו פולמען — האט ארמאנד קאמאנדירט צום קוטשער.

וועהרענד דער וואגען איז געפאהרען האבען ארמאנד און דילאָנג ווידער אויפגענו־מען זייער אונטער בראָכענעם געשפּרעך.

—איך בין ניט אימער אזוי געוועזען ארעם וויא איצטער — האט דער שטודענט גע־זאגט — עס איז געוועזען א צייט ווען איך האב ניט געמוזט לעבען וויא איצטער מיט הונדערט פראנק א מאנאט. איך האב געהאט מיין ירושה און איך בין אויך געוועזען א בעל דורך צו ברייננגען א הונדערט טויזענד פראנק אין איינציגע מאנאטע. און צו לעבען אַ גוטען טאג.

—אזוי, אזוי, אזוי! — האט ארמענד אויסגערופען, ניט וויסענדיג וואוהין דאס וויל פיהרען.

—אין יענער צייט פון מיין גלאנץ בין איך געוועזען בעקאנט מיט א שיקארנע דאמע פון דער גאלאנטער וועלט. זיא האט געהייסען בילדא, און איז פערגעטערט געוועזען פון א געוויסען מארקיז עמאנועל דע קארני וועלכער האט איהר געגעבען אלע מיטעל צו לעבען אויפען גרויסען שטייגער.

—איך קען בלידא זעהר גוט — האט ארמאנד געזאגט — זיא איז שוין ניט מעהר יונג; זיא מוז אלט זיין א יאהר פינף און דרייסיג.

—זיא איז עס . . . זיא האט מיר צוריבען מיינע הונדערט טויזענד פראנק אין זעכס מאנאטע. אבער זיא איז נאך גאר נישקשה פון א פרוי, און האט מיר נאך ניט אין גאנצען פערגעסען: זיא קומט נאך אפטמאהל מיך בעזוכען אין א עקיפּאזש און לאדעט מיך אָפט צום אבענדעסען.

—אבער מיין הערר, ווענן וואס דערצעהלט איהרמיר דאס אלעס — האט ארמאנט געפרעגט.

—דאס וועט איהר באלד הערן . . . מיט א פּאָר וואָכען צוריק איז בילדא צו מיר געקומען און זאגט מיר: „איך בין געקומען, מיין אלטינקער דיך איינלאדען צום אבענדעסען היינט.

—קומסט אין א שלעכטע צייט, איך בין זעהר געדריקט.

—ביסטו פערריקט? — האט זיא אויסגערופען—איך וויל דיר באָרגען צוואנציג פראנק; דוא וועסט מיר אָפּגעבען אין א מאָנאט.

—אזוי זיינען מיר געגאנגען צו ריסבעק אין רעסטאָראנט מיר, האבען געגעסען א גוטע מיטאג און האבען געטרונקען א גוט גלעזעל באָרדאָ. און ווען איך טרינק א גלעזעל באָרדאָ

קען מען מיט מיר מאכען וואס מען וויל; ווען מען זאל פון מיר פערלאנגען אייער קאפ וועל איך זיא גערן אוועקגעבען.

—א שיינער בעל צדקה — האט ארמאנד געלאכט.

—דאן אלזא, ווען איך בין געוועזען א ביסל פרייליך, האט מיר בלידא געמאכט דעם פארשלאג, איך זאל איהר פערדינגען מיין צימער פיר דריי מאהל א וואך פון אכט ביז עלף אוהר אבענדס. זיא האט מיר דערציילט א גאנצע געשיכטע און געזאגט, אז זיא דארף עס האבען פאר א יונגע דאמע וועלכע איז פערהייראטעט און וועלכע קומט איינעם ער־ווארטען . . . איהר פערשטעהט?

—דאס הייסט איך פערשטעהט אז איהר האט זיך געלאזט מאכען צום נארען פונקט וויא איך — האט ארמאנד געזאגט, ניט צווייפלענדיג מעהרער אין דער אויפריכטיקייט פון דעם שטודענטען.

—אהה, הערט נאר ווייטער! — האט דילאנג געזאגט.

אבער אין דעם אויגענבליק איז דער וואגען געבליעבען שטעהן פאר פולמען׳ס הויז.

—אלעס וועט זיך באלד אויפקלערן! — האט ארמאנד געמורמעלט אויסשטייגענדיג.

דער שטודענט איז געגאנגען הינטער איהם.

דיא דיענער פון הויז האבען אהנע איינצומעלדען אריינגעלאזען ארמאנד מיט זיין בעגלייטער. דער ערשטער האט זיך גלייך בעגעבען צו פולמענס צימער.

פולמען איז שוין געוועזען אויפגעשטאנען און ארמאנד האט זיא געטראפען אין א שנעע־ווייסע הויז-קלייד פון באטיסט, אין קאקעטע שיבלאך, איהרע רייכע האר נאכלע־סיג פערוויקעלט אויפען קאפ. איהרע אויגען האבען בעוויעזען דאס זיא האט דיא גאנצע נאכט ניט געשלאפען.

—ענדליך! — האט זיא אויסגערופען אלס זיא האט דערזעהן ארמאנד מיט זיין בעגלייטער.

—מאדאם — האט ארמאנד געזאגט — איך ברייננ אייך דא הערן פרעדעריק דילאנג, וועלכער קען אייך גאר ניט, וויא מיר ווייזט אויס.

—דאס איז וואהר — האט פולמען געזאגט איינפאך — אבער איך קען איהם יא.

—מיך קענט איהר מאדאם? — האט דער שטודענט געפרעגט איבעררראשט און פערבייגענדיג זיך ביז צו דר׳ערד.

—דאס הייסט איך קען בלידא, און איך האב זיא אפט געהערט ריידענדיג פון אייך. איך גלויב זיא האט אייך געליעבט.

—הי—הי— האט פרעדריק געשמייכעלט זיך אין בערדיל.

—נון? — האט פולמען געפרעגט אנקוקענדיג ארמאנד.

—מאדאם, איינער טרייבט דא שפאס מיט מיר און מיט דיעזען הערן — האט אר־מאנד געזאגט שטרענג — אבער ווער, ווייס איך ניט.

און ער האט דערציילט אלעס וויא עס איז צוגעגאנגען ביי איהם און דילאנג און דער לעצטער האט אלעס בעשטעטיגט.

—אזוי איז עס! האט פולמען אויסגערופען — אלעס ווערט דא אזוי וואונדערבאר!

אבער איידער איך וועל אויסהערן דיא ערצעהלונג פון העררן דיקאנג וועגען זיינע נעכטליכע ערפאהרונג, וויל איך אייך ערקלערן מיינע בעציהונגען צו בלידא, דען אויב איינער טרייבט שפאס מיט אייך, מיינע העררען, דאן טרייבט ער עס מיט מיר אויך.

פולמען האט איינגעלאדען דיא ביידע מענער זיך צו זעטצען און האט אנגעפאנגען:

—איך קען בלידא זייט פינף יאהר. איך ווייס אז זיא האט א וויטע בעקאנטשאפט אונטער דיא רייכע אויסלענדער און איצטער האט זיא צום געליבטען א יונגען רוסישען גראף נאמענס פאילאוו. אלס איהר, מיין ליעבער ארמאנד, האט מיר מיט א פאר טעג צוריק דערציילט דאס איהר האט געטראפען דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה, האב איך בעשלאסען אנצופאנגען מיינע פארשונג פון דיעזער זייטע.

איך האב אויפגעזוכט בלידא און האב איהר געזאגט: „האסטו אמאהל געהערט דיין קליינעם פאילאוו ריידענדיג פון א בלאנדער דאמע וועלכע האלט אין רייזען איבער איירא פא, מיט איין האנד אימער אין א שווארצען האנדשוה?

און איך האב איהר געגעבען דיא בעצייכענונג פון דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה, אזוי גוט וויא איך האב עס געוואוסט פון אייך.

—זיי זיכער — האט מיר בלידא געענטפערט — דאס אויב יענע דאמע איז אמאהל געוועזען אין פעטערסבורג וועל איך עס היינט ביי נאכט וויסען, דען איך האב געמאכט איין אבענד פיר מיין רוססען און האב איינגעלאדען איינעם פון זיינע פריינדע וועלכער איז א הויכער פאליצייבעאמטער אין רוסלאנד.

אויף מארגען איז בלידא ווירקליך געקומען צו מיר און זאגט מיר:

—דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה איז אין פאריז; זיא איז דיא טאכטער פון א פראנצעזישען גענעראל, באראן דער רוביני, און פון א יידישער פרוי פון מאסקווא. זיא טראגט דעם שווארצען האנדשוה צום אנדענקען אן א מאנן וועלכען זיא האט גע־ליעבט. דער מאנן וועלכער בעגלייטעט זיא איז א רוסישער מאיאר, גראף ארקאוו, וועלכער זאל זיין איהר ערציהער, איז אבער אין אמת'ן איהר ליעבהאבער, און איז איי־פערזיכטיג גענוג אום צו טעדטען יעדען איינציגען וואס זאל זיך עטוואס ערלויבען געגען איהר. זיי וואוינען איצטער אין איין אלטען הויז אויף דעם פלאטץ עסטראפאד, און האבען נור איין־איינציגען דיענער.

און בלידא האט מיר געגעבען אויסקונפט, וועלכע איהר האט פון מיר ערהאלטען, מיין ליעבער ארמאנד.

—דאס איז וואונדערבאר! — האט ארמאנד געמורמעלט.

—איך האב דאן דערציילט בלידא דאס מיינער א פריינד האט א שרעקליכע ליידענ־שאפט פיר יענע דאמע, און אזוי וויא זיא איז געוועזען אויפגעלייגט מיר צו דיענען, האב איך איהר געגעבען דעם אויפטראג זיא זאל זעהן צוזאמען ברייגגען א בעגעגענים צווישען אייך.

דעמזעלבינען אבענד, איידער איך בין צו אייך געקומען, איז זיא ביי מיר געוועזען און האט מיר דערציילט:

—איך האב אמאהל געהאט א פערעהרער וועלכער איז עד היום געבליעבען מיין

פריינד. דאס איז איין ארעמער שטודענט וועלכער בריינגט צו זיין לעבען אין קאפע טאבורעט און הייסט פרעדריק דילאַנג. ער בעוואוינט א צימער אויפען דריטען שטאָק פון א הויז אויפען פלאַטץ עסטראַפאד, און ער איז צופריעדען אפצוגעבען דיזעס צימער פיר דריי שטונדען דיזען אבענד.

און דאן האט זיא מיר געגעבען אלע איינצעלהייטען פון דעם פלאַטץ און וויא אזוי זיך צו בענעהן, און האט מיר דאן אויך מיטגעטהיילט אז דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה בלייבט אליין פון אכט ביז עלף אוהר.

וויא ארמאנד, אזוי אויך דילאַנג, האבען אויסגעהערט פולמען׳ס ערצעהלונג מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקייט.

—מאדאם—האט דילאַנג ענדליך געזאָגט—מען זעהט קלאר אז בלידא האט מיט אייך געשפיעלט א בייזען שפאַס, וועהרענד זיא האט זיך כלומרשט געמאכט ניט וויסענדיג וועגען דיא מיטטהיילונגען וואס זיא האט אייך געמאכט. שוין זייט 15 טאג וויא איך פארלאַז יעדען אבענד מיין צימער אום אכט אוהר און קום צוריק אום עלף. איינער, וועמען איך קען ניט, קומט צו מיר אין צימער ווען איך בין ניטאָ. לעצטע נאכט האב איך אין מיין צימער געפונען אָפען מיר און פענסטער.

—אבער דאס פאָרטרעט — וואו איז אהין געקומען דאס פאָרטרעט וואס איך האב געזעהן ? — האט ארמאנד לעבהאפט אריינגערעדט.

פולמען איז געווארען נאכדענקליך. דאנן האט זיא ערגריפען ארמאנדס האנד.

—הערט אוים — האט זיא געזאגט — איהר האט א ווילע געצווייפעלט אין מיר, צווייפעלט איהר נאך איצטער אויך ?

—ניין! איך זעה איין אז איהר זייט אויפריכטיג מיט מיר.

—גוט, ווילט איהר פאלגען מיין ראטה ?

—יאַ.

—נעהמט נאך הויזע און פערגעסט אויף א קורצע צייט יענע דעמואלהאפטע פרוי, ביז איך וועל אליין ארויסגראַבען דיא גאנצע אינטריגע. מיר שיינט אז דיזע פרוי וועלכע לויפט כלומערשט פון אייך, האט שרעקליכע פלענער וועגען אייך.

—אונזינן — האט ארמאנד אויסגערופען לאַכענדיג.

—פיליכט.

—וואס קען זיא פון מיר וועגין מאכען ?

—דאס קען איך אייך ניט זאגען, איך זאָג . . יך נאָר וואס איך פיהל.

פולמען׳ס שטימע איז געוועזען בעוועגט און טרויעריג, און ארמאנד איז געווארען ערנסט.

איבריגענס, וואס קימערט מיך! — האט ער געמורמעלט — איך וויל זיא נאָך זעהן.

—אָבער ווילט איהר אויך פאלגען וואס איך זאָג אייך ?

—איך האב עס אייך פערשפראָכען.

—זיא האט אייך געוויסען ווירער קומען היינט אכט אוהר אבענדס ?

—יא.

—און איהר וועט גערן?

—געוויס!

—איך גערן מיט אייך.

—איהר?

—יא.

—דאס איז דאך אבער אונמעגליך! — האט ארמאנד אויסגערופען.

—אָ, זייט רוהיג, איך וועל ניט אריינגעהן . . . איך וועל בלייבען אויפען דאך.

און נאך איידער ארמאנד האט צייט געהאט צו ענטפערן, האט זיך פולמען געווענדעט צום שטודענטען:

—איהר וועט אונז איבערלאָזען אייער צימער פיר דיעזען אָבענד, ניט וואהר?

—איך וועל אייך זאגען, אז איך וואג ניט מעהר אריינצוגעהן צו מיר אין צימער נאכדעם וואס עס איז געשעהן.

—אהה, דאס איז ריכטיג! — האט פולמען אויסגערופען — איהר האט דאך אונז נאך ניט דערצייילט וואס מיט אייך האט ריעזע נאכט פאסירט! — לאָזט אונז הערן! פיליכט וועט [illegible]ייער אבענטייער פון לעצטע נאכט אריינברייננגען עטוואס מעהר ליכט אין דער גאנצער געשיכטע.

—איך האב לעצטע נאכט, וויא געוועהנליך, פארלאזין מיין צימער אום אכט אוהר— האט דער שטודענט געזאגט — און בין רוהיג געגאנגען צום קאפע טאבורעט, וואו איך האב געשפיעלט דאָמינאָ און ביליארד ביז עלף אוהר. אָבער צוריקגעהענדיג אהיים, אלס איך בין צוגעקומען צום אָדעאָן־טהעאטער, איז מיר אנטקעגענגעקומען א מאנן און האט מיר איבערגעגעבען א צעטיל. איך בין צוגעגאנגען צו א לאנטערנע און האב איבערגעלעזען פאָלגענדעס:

„איינע אלטע פריינדין, וועלכע וואלט וועלין ווידערזעהן העררן דילאָנג בעט איהם צו קומען מיט דעם איבערברייננגער פון דיעזען צעטיל".

איך האב אין אנפאנג געגלויבט אז דאס איז געוויס איינע פון יענע אבענטייער וואס פאסירען אָפט אין יענעם קווארטאל, און האב אנגעהויבען צו זאגען דאס נייטיגע געשעפטען האלטען מיך צוריק, אז"וו, אז"וו... אבער דער שליח האט זיך רעספעקטפאָל פערנייגט און האט געזאגט:

דער וואגען פון מאדאם ערווארטעט אייך אויפען פלאטץ אָדעאָן.

—אָהאָ! — טראכט איך מיר ביי זיך — דער וואגען פון מאדאם, דאס איז וואס אנדערס!

איך בין געגאנגען מיט'ן שליח צום פלאטץ אָדעאָן, וואו א קארעטע איז געשטאַנען געשפאנט צו צוויי טהייערע פערד. א לאקיי איז ארונטערגעשפרונגען און האט געעפינט דאס טירל פון דער קארעטע, ווערענד דער שליח איז זיך אוועקגעגאנגען.

אלס איך בין איינגעשטיגען אין וואגען זאגט צו מיר דער לאקיי:

—דער הערר וועט מיר ערלויבען צו נעהמען פלאטץ אין וואגען, אזוי וויא איך האב דעם הערן וועלבע מיטהיילונג צו מאכען.

—וויא איהר ווילט — האב איך געענטפערט.

דער וואגען איז אוועקגעפאהרען.

צו מיין ערשטוינען האב איך איינגעזעהען אז דיא פענסטערלאך פון קארעטע זיינען בלינדע און זיינען געמאכט אז מען זאל ניט קענען דורכקוקען דורך זי' אויפען גאס.

—מיין הערר — האט זיך דער לאקיי געווענדעט צו מיר — אויב איר ווילט זעהן מאדאם מוזט איהר ערלויבען איך זאל אייך פערבינדען דיא אויגען.

דער פארשלאג האט מיר אויסגעוויעזען זעהר אריגינעל, און איך האב עס ערלויבט. איך האב געלעזען אזעלכע געשיכטען אין ראמאנען, און אזוי וויא איך האב קיינמאל קין מורא ניט. . .

—וייטער, וייטער! — האט איהם פולמען אנגעטריעבען — וואס וייטער?

—נאך צוואנציג מינוטען אונגעפעהר איז דיא קארעטע געבליעבען שטעהן, דער דיענער האט מיר געזאגט: „וויל דער הערר נעהמען מיין האנד און אויסשטייגען?

איך בין אויסגעשטיגען און האב מיך געלאזט פיהרען. מען האט מיך געפיהרט א היבשע ווילע, וועהרענד וועלבער איך האב געפיהלט וויא דער זאמד האט געסקריפעט אונטער מיינע פיס, און דאס האט מיך געבראכט אויפען געדאנקען, דאס איך געה דורך א גארטען; דאן האט מען מיך ארויפגעפיהרט א טרעפ.

—האלט — האט ארמאנד אויסגערופען — דאס האט מיר אויך אמאהל פאסירט!

ארמאנד האט זיך עראינערט אן דיא זאנדערבארע געהיימע בעזוכע וועלבע ער פלעגט אמאהל מאכען צו דער קליינער באראנעסע סאינט־לוס.

—אלס איך בין אויפגעשטיגען א דוצענד טרעפ, האט מיין פיהרער געעפינט א טיר, און האט מיך אריינגעלאזען אין א צימער, וואס איז בעדעקט געוועזען מיט א דיקען טעפפיך, וועלבער האט דערשטיקט דעם קלאפ פון מיין טריט. ער האט מיך צוגעפיהרט צו א פאטעל און האט געזאגט:

—אין פינף מינוטען וועט איהר אבונטערנעהמען דאס באנד פון אייערע אויגען.

—איך האב געהערט וויא ער האט זיך צוריקגעצויגען און פארשלאסען דיא טיר הינטער זיך צוויי מאהל. אייניגע מינוטען האב איך געווארט . . . דאס הערץ האט מיר שטארק געקלאפט . . . איך האב אנגעהויבען מורא צו האבען. . . .

ענדליך האב איך אראפגענומען דאס באנד פון דיא אויגען. . . .

—און איהר האט זיך געפונען אין א פיינעם בודואר — האט איהם ארמאנד צום צוויי־טען מאהל אונטערבראכען — וואס איז געוועזען טאפעצירט מיט א פיינעם צארטען זייד פון א לייכטען גרוי, און פראכטפאל אויסמעבלירט, און מיט איין אלבאסטערנער לאמפע אראפהייננענדיג פון מיטן פלאפאנד. . .

—ריכטיג! אקוראט! — האט דילאנג אויסגערופען איבערראשט — אבער פון וואנען ווייסט איהר דאס?

—וארט,ווארט! — האט ארמאנד ווייטער גערעדט, ווהערענד פולמען האט אזש אויפגעשריען פון גרויס וואונדער — אויף דיא ווענד היינגען טייערע בילדער פון שפאנישער שולע, און וואזען מיט בלומען געפינען זיך אויף דיא פענסטער. דיא פאָרהאנגען פערדעקען זעהר נעט דיא פענסטער.

—גאנץ ריכטיג!

—און נאכדעם וויא איהר האט געווארט צעהן מינוטען האט זיך געעפענט א טיר.

—יא. . . .

—און א מאסקירטע דאמע איז איינגעטרעטען. . . .

—ניין — האט דער שטודענט געענטפערט — איך האב קיינע פרוי געזעהן . . . דיעזעס מאהל האט ארמאנד געלאזט הערן איין געשריי פון פערוואונדערונג.

—ווען דען האט איהר געזעהן? — האט ער געפרעגט.

—א מאנן — האט דער שטודענט געענטפערט.

—דערציילט, דערציילט! — האט ארמאנד געבעטען — איך זעה אז דער וואלקען וואס האט זיך געהאט אנגעהויבען אויפצוקלערן האט זיך ווידער צוזאמענגעצויגען. וואס איז דאס געוועזען פאר א מאנן?

—אָה! הערט נאר אוים. איך האב ניט געווארט צעהן מינוטען, נאר א גאנצע שטונדע. אויפען טיש האב איך בעמערקט א פלאש מיט א גלאָז, און פאר לאנגווייל האב איך איינס געטרונקען. דאס איז געוועזען גוטער ווייסער וויין. איך האב מיר אָנגעגאָסען א צווייטע, און נאכהער א דריטע, און ווען דיא טיר האט זיך ענדליך געעפינט בין איך געוועזען א ביסעלע פריילאך. אנשטאט דער ערווארטעטער דאמע איז אריינגעקומען א מאנן פארדעקט מיט א מאסקע, אבער מיט ווייסע האר אויפען קאָפּ.

ארמאנד און פולמען האבען זיך אנגעקוקט. אנשטאט זיך אויפצוקלערען איז דיא אינטריגע געווארן נאך דיקער.

—וואס איז געוועזען נאכהער? — האט דיא טענצערין געפרעגט.

—דער מאנן האט מיר אויסגעוויעזען פון א יאהר זעכציג. ער איז הויך געוואכסען געקליידעט אין שווארצען. . .

—דאס איז דער רוסישער מאיאָר — האט פולמען געמורמעלט.

—שטיל! לאזט הערן! — האט ארמאנד דערמאהנט.

—ער איז צו מיר געקומען און האט געפרעגט, איהר זייט אהער געקומען אויף איינע איינלאדונג אהן א נאמען?

—יא.

—איהר האט געהאפט דאָ צו טרעפען א דאמע?

—יא, איינע אלטע בעקאנטע.

—דאס האב איך אייך געשריעבען דעם צעטיל.

—איהר? איך קען אייך ניט.

—איהר ווערט מיך קענען האט ער געענטפערט לאַבענדיג.

—אבער צו וואס איז דיא מאסקע ווען איך קען אייך ניט?

—דערפאר וואס איך וויל איהר זאלט מיך ניט דערקענען אין פאל ווען איהר וועט ניט אננעהמען מיין פּאָרשלאג.

—איהר האט מיר אלזאָ צו מאכען פּאָרשלעגע?

—פיליייכט. . . .

דערביי האט ער מיך אָפּגעקוקט פון קאָפּ ביז דיא פיס און האט דאנן געזאגט:

—איהר זייט א שטודענט פון מעדיצין, ניט וואהר?

—יא.

—שוין צעהן יאהר מינדענסטענס?

—דאס איז מעגליך, אבער וואס קימערט עס אייך? . . .

—דאס הייסט, איהר וועט קיינמאהל ניט זיין קיין דאקטאר.

—וואס ווייטער?

—איהר לעבט מיט פופצעהן הונדערט פראנק א יאהר . . . דאס איז ווייניג, בעזאנדערס ווען מען האט ליעב אריינצוגעהן אין א ווייןהויז און זיך זעהען מיט דאמען . . .

—ווילט איהר מיך דען רייך מאכען?

—פיליייכט יא. . .

—רעדט קלאָר, וואס ווילט איהר פון מיר און ווארום האט איהר מיך אהער געלאזט ברייננען מיט פארבונדענע אויגען?

—הערט אויס! מען וועט אייך דאָ צו קיין זאך ניט צווינגען און איהר זייט פריי אנצונעהמען אדער צוריקצו־ווייזען דעם פארשלאג וואס איך וועל אייך מאכען. ווילט איהר פערדיענען 50 טויזענד פראנק?

—אָהאָ. געוויס! — האב איך אויסגערופען — ווען איהר זאלט מיר נאר ניט פארשלאָגען א פארברעכען.

—ניט גאנץ אזוי. אין דיא אויגען פון געזעטץ וועט עס זיין א פער־ברעכען, אבער אין דיא אויגען פון גאט וועט עס נאר זיין א פערדינטע בעשטראפונג.

—דאס הייסט, איהר ווילט מיך מאכען פאַרן תליון?

—דאס איז ריכטיג.

—איהר זייט א שורקע! — האב איך אויסגעשריען אין צאָרן, אויפשפּרינגענדיג, מיט איין אויסגעשטעלטער פויסט.

איך האב געמאכט א פּאָר טריט צום אונפערשעמטען אלטען, אבער ער האט זיך צוריקגעצויגען און האט אין דערזעלביגער צייט א קלאַפּ געטהאן מיט'ן פוס אין פּאָר־קעט. א טיר האט זיך געעפענט, צוויי לאַקייען זיינען אריינגעלאָפען און האבען זיך איבער מיך געוואָרפען, און מיך אזוי געשלאָגען, דאס איך בין געבליעבען אהנמעבטיג. . .

—וואס איז געוועזען נאכהער?

—דאס ווייס איך ניט, און וועל עס וואהרשיינליך קיינמאהל ניט וויסען. ווען איך בין געקומען צו זיך האב איך מיך געפונען ליעגענדיג אויפען טראָטואר מיט דיא פיס אין

רינשטאָק אויפען פּלאַטץ עסטראַפּאַד, און האָב מיך געפיהלט טויט־שכור. דאס האט אנגעמאכט דער וויסער ווײן . . . אין מיין טאַשע האָב איך מעהר קיין פעניג געהאט און האָב געטראַכט אַז די שורקען האָבען מיר אויסגעלעערט מיינע טאַשען . . . איך בין געקומען אהײם טאַפּענדיג די ווענד, און האָב קוים אויפגעזוכט מיין צימער און מיין בעט, וואו איך וואלט נאָך געוויס געהאט געשלאָפען ווען איהר וואלט מיך נים אויפגעריסען.

—דאס אלעס איז זעהר וואונדערבאר ! — האט פולמען געזאגט, אלס פרעדריק דילאָנג האט געענדיגט זיין ערצעהלונג — אבער איהד זייט זעהר אונגעשיקט מיין הערר.

—אין וועלכער הינזיכט ?

—איידער איהר האט זיך געחאפּט שלאָגען צום אלטען מאַסקירטען כאָן פאר זיין פאָרשלאָג, האט איהר פריהער געזאלט אויסהערען וואס דער פאָרשלאָג איז. נאכדעם וויא איהר וואלט געוואוסט זיין סעקרעט וואלטען די שורקען נים געוואגט אייך אַזוי צו בעהאנדלען.

—איהר האט רעכט, מאַדאם — האט דער שטודענט געענטפערט — אבער איך בין איין עהרענמאן, ווען אויך איך בין אָרעם . . . איך האָב מיינע עמפּערונג נים געקענט צוריקהאלטען.

—כאָמיר אַלזאָ בעטראַכטען די פאַקטען — האט פולמען געזאגט. — דאס וואס איהר דערציילט דאָ האט אייך פּאַסירט פונקט אין דער צייט וואס איהר זייט געוועזען אויסען הויז, בלידא׳ן צוליעב.

—אָה, איך גלויב אַז בלידא וויים דערפון מעהר אלס מיר.

—איך גלויב עס אויך — האט פולמען געזאגט — און מיר מוזען אונז היינט פערטהיי־לען. הערר דילאָנג בלייבט דאָ, וויל זאָגסט שיינט מיר, איז ער אין געפאהר. איהר, הערר ארמאַנד, זאלט זיך היינט ארומשלעפּען ארום דעם האָטעל פון סאינט־לוס, וויל די געשיכטע האט עהנליכקייט מיט יענע סצענען וואס פלעגען זיך דארט אָפּשפּיעלען א מאהל, וויא איהר אליין וויסט. איך ווידער וועל אויפזוכען בלידא, און איך פערזי־כער אייך . . . זיא וועט ריידען.

—וועט איהר מיך אַלזאָ היינט אָבענדס נים בעגלייטען ? — האט ארמאַנד געפרעגט.

—אין געגענטהייל.

דיעזע אלע אויסאיינאַנדערזעטצונגען און ערקלערונגען האָבען פאַרנומען דעם גאנצען פריהמאָרגען, און פולמען האט פערהאַנדלט די ביידע מענער צום פריהשטיק.

די יונגע פרוי און איהרע ביידע געסט האָבען נאָך אלאַנגע צייט געקלעהרט, ארויסגעזאגט אלערליי מיינונגען אין פערמוטהונגען, האָבען געזוכט א פאָדעם וואס זאָל זיי פיהרען דורך דעם נעבעל וואס האט איינגעוויקעלט די גאנצע געשיכטע, אבער אלעס איז געוועזען אומזאנסט.

נאכדעם וויא דער פריהשטיק איז געוועזען צו ענדע, האט פולמען איבערגעלאזען

דעם שטודענט אין א צימער מיט א פרעשעל ליקאָר און א ציגאַר, און נאכדעם ווי זיא האט געמאכט איהר טואַלעטע, האט זיא זיך געווענדעט צו אַרמאנד:

—איך נעהם אייך מיט אין מיין וואָגען; איך געה צו בלידא... וואוהין ווילט איהר?

—אויף דיא בולוואַרדס.

—גוט! אבער איך ערוואַרט אייך אום 6 אוהר אבענדס.

—איך וועל זיין פּינקטליך.

דיא קאַרעטע איז אָנגעקומען אויף בולוואַרד דעז־איטאַליען, וואו אַרמאנד איז אויסגעשטיעגען, וועהרענד דער וואגען האט דיא שיינע מענטערין אוועקגעפיהרט ווייטער.

פּונקט אום 6 אוהר האט זיך אַרמאנד איינגעפונען ביי פּולמען.

—נון? — האט ער געפרעגט אזוי שנעל וויא ער האט זיא דערזעהן.

— איך האב קיין גליק געהאט אין מיינע אונטערזוכונגען — האט פּולמען געענטפערט טרויעריג. בלידא האט דיעזע נאכט פארלאזען פּאַריז מיט איהר גראף פּאָליאָוו און קייגער ווייס ניט וואו זיא איז. איך דיינק אבער אז היינט ביי נאכט וועלען מיר עטוואס ערפאַהרען.

שפּעט אין אָבענד האט מען אויפגעוועקט פרעדריק דיקאָנג.

—אה, וויא שאַדע! — האט ער געמורמעלט — איך האב אזוי געשמאַק געשלאָפען.

— איהר האט געשלאָפען צוועלף שטונדען — האט איהם פּולמען געזאגט — דאס איז גענוג, מיר שיינט. איצטער אבער האבען מיר אייך נייטיג.

—איך בין בערייט. וואוהין געהען מיר?

—צו אַרמאנדס בעגעגעניס.

און פיר זיך האט זיא געמורמעלט: „איך מוז זיא זעהן, דיעזע פרוי“.

פּולמען, אַרמאנד און דער שטודענט האבען בעשטיעגען א וואָגען וועלכער האט זיי אוועקגעפיהרט צום פּלאַטץ עסטראַפּאַד.

דער וואגען און דיא לייטע פון פּולמען האבען ערהאַלטען דעם בעפעהל צו בלייבען א ביסל פון ווייטען פון דעם הויז, צו וועלכען זיי זיינען געגאַנגען. פּולמען האט גענומען דעם אָרעם פון אַרמאנד און האט דאן געזאגט צו פרעדריק דיקאָנג.

—קלינגט אָן און געהט איהר דער ערשטער, און פארשטעלט אונז אזוי גוט וויא איהר קענט, ווען מיר געהען פארביי דאס פענסטער פון הויזמייסטער (קאָנסיערזש).

דער שטודענט האט געפאָלגט.

דער קאַרידאָר איז געוועזען שטאָק־פינסטער וויא געסטערן, און אַרמאנד איז געגאנגען אויף דיא שפּיטץ־פינגער פיהרענדיג פּולמען פאַרן אָרעם.

—ווער איז דאָרט? — האט דיא הויזמייסטערין געפרעגט.

—דאס בין איך — האט דער שטודענט געענטפערט — האט איהר וועלכע בריעף פיר מיך?

—ניין מיין העהר.

וועהרענד דער שטודענט האט געוועקסעלט מיט דער הויזמייסטערין דיעזע אייניגע ווערטער פארבייגעהענדיג דאס פענסטער פון הויז־היטער, האבען אַרמאנד און פּולמען

ערדרייכט דעם אויבערשטען שטאָק פון הויז.

דער שטודענט האט זיי דארט געפונען און אלע דריי זיינען צוגעקומען צום צימער נומער 10, וואו פרעדריק דילאָנג האט געעפענט דיא טיר.

—יעצט געהט צו אייער בעגעגניס — האט פולמען געזאגט צו ארמאנד, אלס זיי זיינען אריין אין צימער — מיר וועלין אייך דא ערווארטען.

דער יונגער מאנן האט געעפענט דאס פענסטער, איז לייכט ארויסגעשפרונגען אויפען דאך, און איז צוגעקומען צו יענעם דאך־פענסטער, וועלכעס האט געזאלט זיין אָפען, לויט וויא דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנד האט איהם פערשפראכען.

אבער דיעזער פענסטער איז געוועזען פארשלאסען און קיין איינציגער שטראהל פון ליכט האט זיך ניט געזעהן פון אינעווייניג, אבגלייך דיא שטונדע וואס דיא דאמע האט געהאט בעשטימט האט שוין לאנג געקלונגען.

דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט אויף זיך געלאזט ווארטען.

אונגעפעהר א שטונדע איז אזוי פאראיבער, און אלעס, וויא פון אינעווייניג אזוי פון דרויסען, איז געבליעבען טויט־שטיל און פינסטער. ארמאנדס הערץ האט זיך צוזאמענגעפרעסט ביים קלענסטען גערויש, אבער זיא איז נים געקומען.

—איז זיא אויסגענאנגען? — האט ער זיך געפרעגט — אדער האט זיא פילייכט עטוואס אונפאראויסגעזעהענעס צוריקגעהאלטען אין אנאנדער טהייל פון הויז? אדער האט זיא איהם בעשטימט דיעזע בעגעגעניס נור אום פטור צו ווערן פון איהם און איהם נאך מעהר צו פאראינטריגירען?

און ביי דיעזען געדאנקען האט זיך ארמאנדס הערץ נאך מעהרער צוזאמענגעפרעסט, און א קאלטער שווייס איז איהם ארוים אויפען שטערן...

דיעזע דריי פאראויסזעטצונגען האבען געקוועלט דעם געדאנקען פון דעם אָרעמען פערליעבטען. און דיא מינוטען זיינען איהם געוועזען וויא יאהרען.

ענדליך האט ער דערהערט א לייכטען קלאפ ביין פענסטער פון שטודענט׳ס צימער, דאס האט פולמען איהם צוריקגערופען.

ארמאנד האט זיך גערעכענט דאס פולמען האט פילייכט געמאכט אירגענד וועלכע ענטדעקונג, האט פיליכט בעמערקט פייער אויף אַנאנדער עטאזש, און איז שנעל געגאנגען צוריק, זיך קימערנדיג וועניג וועגען דיין געפאהר ארונטערצופאלען. ער איז צוגעקומען צום פענסטער וואו פרעדריק און פולמען זיינען ביידע געשטאנען איינגעבויגען.

—מיין ארעמער פריינד — האט דיא שיינע מענצערין געזאגט — עס איז שוין אזוי בעשעערט אז דער שפאס זאל מיט אונז געטריעבען ווערן ביז צו ענדע. דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה לאכט פון אונז.

—גלויבט איהר?

—איך בין איבערצייגט דארין!

—וואס טהוט מען איצטער?

—מיר וועלען געהן צוריק.

—אָ, ניין, איך וויל נאך ווארטען!...

—וועלכע דומהייט!

פרעדריק דילאַנג האט זיך פּלוצלינג א קלאַפּ געטהאן מיט דער האנד אין'שטערן, און האט אויסגערופען:

—איך האָב עס!

—וואס האט איהר? — האט פולמען געפרעגט פערוואונדערט.

—איהר זייט היינט געוועזען ביי בלידא ניט וואהר?

—יא.

—אין נומער 17 רוע מאַגאדאָר?

—דאָרט וואהנט זיא.

—און מען האט אייך געזאגט דאס זיא איז אוועקגעפאָהרען מיט איהר רוסען?

—יא, לעצטע נאכט.

—דאס איז ניט מעגליך!

—וואָרום?

—ווייל דער גראף פּאַילאָוו איז אוועקגעפאהרען נאך האָלאנד מיט דריי טעג צוריק. דאס האט מיר בלידא אליין געזאָגט אין דעם אָבענד וואס ער האט פעררייזט.

—וואו איז זיא דען?

—אויב זיא געהערט צו יענע קאָמפּאניע וואס זוכען אונז צו פאראינטריגירען האט זיא עס געוויס געפונען פאר קלוג זיך אָפּצוטראָגען און זיך ניט צו ווייזען אויף אונזערע הייסע ציינער.

—פּאריז איז גרויס — האט פולמען געמורמעלט — אבער איך וועל בלידא געפינען ווען איך זאל אפילו מוזען גאנץ פּאריז דורכזיפּען.

—מיר שיינט דאס איך וועל טרעפען וואו זיא איז — האט דער שטודענט בעמערקט.

ארמאנד האט אויפגעשריען פאר פריידע. פולמען'ס אויג האט אויפגעלויכטען.

—מיט א דריי מאָנאט צוריק האט זיך בלידא ליידענשאפטליך אָנגעבונדען אָן א יונגען שטודענט וועלכער וואהנט ביי דער מעדעצינעשען אקאדימיע, און איך וועל מיך לאָזען אפּשניידען מיין קאָפּ אויב זיא געפינט זיך ניט איצט דאָרטען.

—קענט איהר יענעם יונגען מאנן?

—געוויס.

—אויב אזוי מוזען מיר געפינען א פּלאן וויא אזוי בלידא דארטען צו איבערראשען האט פולמען געזאגט.

אזוי רעדענדיג האבען זיך אלע דריי ארויפגעשוואונגען פון דאך אויפען פענסטער, און האבען באלד אלע דריי זיך געפונען אין צימער פון שטודענטין.

א היבשע ווייל איז פולמען געזעסען טיעף פערטראכט.

—ענדליך! — האט זיא אויסגערופען, אויפהויבענדיג דעם קאָפּ — אויב בלידא געפינט זיך ווירקליך דאָרט ביי דעם יונגען סטודענטען, דאן שווער איך אייך דאס זיא וועט נאר אין קורצען זיין ביי מיר אין דער האנד, און איך וועל וויסען דאס געהיימניס.

—לאמיר געהן! — האט ארמאנד אויסגערופען.

—מיין פריינד — האט פולמען פארטגעזעצט — איהר געהט איצטער צו זיך אהיים צוזאמען מיט הערךן דילאַנג און איהר זאלט דארט ווארטען אויף נייעס פון מיר.

—ווארום זאל איך אייך ניט בעגלייטען?

—דערפאר וואס אין אייער גענענווארט וועל איך פון בלידא גאר ניט ארויסקריגען.

—אָהה, זייט רוהיג — האט דער סטודענט אויסגערופען צוזאמענדריקענדיג א פויסט— איך וועל וויסען וויא אזוי זיא צו מאכען ריידען.

פולמען האט געצוקט דיא אכסלען.

—לאזט מיר נאר האנדלען — האט זיא געזאגט — און גיט מיר נאר נאך אייניגע אויס־קונפט: וואס איז דיא נומער פון דעם יונגען סטודענט׳ס וואוינונג?

—נומער 59.

—זיין נאמען?

—עמיל דיפאָרט.

—קומט — האט פולמען געזאָגט — איהר וועט מיך אבפיהרען אהיים, און מיין וואָגען וועט אייך ביידען אבפיהרען.

און צו זיך אליין האט דיא טענצערין געזאגט: „דיא אינטריגע ווערט אזוי פער־פלאָכטען דאס איך וועל מיך צוויי מאנאטע נאך דער רייהע אמוזירען. איך בין געבארן געווארן אום צו זעטצען דאס רעגלע לעבען אין א ראָמאן.

זעכסטער קאפיטעל.

בלידא אין פולמען׳ס הענד.

אם נעכסטען פריהמארגען, אלס ארמאנד האט זיך ערשט אנגעהויבען אויסצוציהען נאך א שלאפלאָזער נאכט, האט ער דערהערט דעם גערויש פון א וואגען, וועלכער האט זיך אפגעשטעלט פאר זיין וואוינונג. ער איז אויפגעשפרונגען און האט זיך אָנגעקליידעט. א וויילע שפעטער איז אריינגעקומען דער אלטער זשאן און האט איהם אנגעמעלדעט, דאס מאדאם פולמען וויל איהם זעהן.

ער האט זיא געהייסען אריינפיהרען.

פולמען איז אריינגעקומען און האט איהם געדריקט דיא האנד. זיא איז געוועזען בלאס און ערנסט. זיא האט זיך אניעדערגעזעצט נעבען ארמאנד און האט איהם אנגעקוקט מיטליידיג.

—האט איהר געזעהן בלידא? — האט ער געפרעגט.

—פריהער מוזט איהר מיר ענטפערן וועלכע פראגען.

—פרעגט.

—זייט איהר זיכער אז איהר האט קיינע פיינדע?

—איך פיינדע? — האט ער געפרעגט איבערראשט.

—יא, געוויסענלאזע פיינדע וואס פערפאלגען אייך פון הינטען.

—איך גלויב אז איך האב ניט. איך ווייס ניט פון וואנען איך קען זיי האבען.

—דאס איז וואונדערבאר!

—אָבער ערקלערט אייך דאך, פולמען!

—ווארט א ווײלע. איהר דיינקט אלזא אז איהר האט קיינע פיינדע?

—יא.

—און אייער פאָטער?

ארמאנד האט לייכט אויפגעציטערט. אבער אזוי וויא ער איז ניט פערטרויט געווע־זען מיט געהיימניסע פון דיא „קאמראַדען פון שווערט", אונטער וועלבע זיין פאטער האט געשפיעלט אזא גרויסע ראָלע, האט ער ניט גלייך געענטפערט:

—מיין פאטער איז דער בעסטער מענש — וואס קען מען צו איהם האבען?

—דאן לאמיר ניט מעהר דערפון ריידען.

—אבער וואס האט איהר ערפאהרען?

—איך האב ערפאהרען דיא שפור פון דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה.

ארמאנד האט אויפגעשריען פאר פריידע.

—האט זיא פארלאזען פאריז?

—זיא איז אין נאָרמאנדיע.

ארמאנד איז אויפגעשפרונגען. ער האט וואהרשיינליך געוואלט זאגען דאס ער איז בערייט צו פליהען נאך איהר, אבער אין דעם אויגענבליק איז א פרישע פערזאָן איינגע־טרעטען אין צימער. דאס איז געוועזען קאלאנעל לעאָן.

דער איינטרעטענדער האט זיך פערשטענדניספאל איבערגעקוקט מיט פולמען.

אום צו פערשטעהן דיא בעדייטונג פון דיעזען בליק איז עס נייטיג צו וויסען וואס אונטער דער צייט האט פאסירט; דען אין דער ווארהייט האט פולמען ווידער געזעהן בלידא, נאר זיא האט עס געזוכט צו פערשווייגען פיר ארמאנד.

אלס פולמען איז געוועזען געקומען צו זיך אהיים, נאכדעם וויא זיא האט צוריקגע־קעהרט מיט ביידע מענער פון דעם פארלאזענעם הויז וואו זיי האבען געזוכט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה, האט זיא ענטווארפען א פלאַן וויא אזוי אריינצוקריעגען בלידא צו זיך און האט איהם גלייך דורכגעפיהרט.

אום 1 אוהר נאך האלבע נאכט האט זיך א פיאקער אפגעשטעלט ביי דער טיר פון נומער 59 אין דער אקאדעמיע שטראסע. צוויי מענער זיינען אויסגעשטיעגען און האבען אָנגעקלונגען.

דאס זיינען געוועזען צוויי הויף-געוואקסענע לייטע, אין לאנגע בלויע רעק פארשפי־לעט ביז אויבען, וויא עס טראָגען דיא פאָליציי בעאמטע אין ציווילקליידער אין פאריז.

דיא טיר האט זיך גלייך געעפענט.

דאס הויז איז געוועזען מיט מעבלירטע צימערן אין וועלכען עס האבען געוואוינט שטודענטען.

דיא צוויי לייטע זיינען ארויף אויפען ערשטען עטאזש וואו עס האט געוואוינט

דיא הויזמייסטערין — א דיקע פרוי מיט פרעטענזיעס, מיט 8 רינגען אויף אלע פינגער, מיט א הויבען שיניאָן, און וועלבע האט געהייסען מאדאם בעוואל.

זיא האט שוין געהאט בדעה צו געהן צו בעט אזוי וויא אלע איהרע קווארטיראנטען זיינען שוין געוועזען אריינגעקומען, אלס זיא האט דערהערט דאס גלעקיל ביין טיר און האט געעפענט. אלס זיא האט דערזעהן דיאביידע מענער ארויפקומענדיג צו איהר, איז זיא אזוי צוציטערט געווארן, דאס זיא איז שיער אומגעפאלען.

—מאדאם — האט געזאגט איינער פון דיא ביידע מענער, ארויפלייגענדיג א פינגער אויף דיא ליפען — מיר בעטען אייך קיין גערויש צו מאכען און אונז אויסצוהערען.

מאדאם בעוואל האט זיי אנגעוויזען א פלאטץ צו זעטצען זיך, אבער מאשינמעסיג, דען זיא האט זיך נאך פון איהר שרעק ניט געהאט ערהאלט.

—איהר פערשטעהט וואהרשיינליך ווער מיר זיינען ?

מאדאם בעוואל האט צוגעשאקעלט דעם קאפ מיט שרעק.

דער גוטער רוף פון אייער הויז האט אונז ארויפגעלייגט דיא פפליכט צו האנדלען זעהר שטיל און ניט צו מאכען קיין אויפזעהן.

—מיין גאט! — האט דיא דאמע ענדליך אויסגערופען — מיין הויז איז איין עהרליכעס און מיינע איינוואוינער זיינען עס אויך, איך בין פאר זיי פעראנטווארטליך...

—פערצייהונג, מאדאם — האט איהר שטרענג אונטערבראכען איינער פון דיא צוויי מענער — איך האב אייך געוויזען אז מיר ווילען אויסמיידען יעדען סקאנדאל, און דעריבער בעטען מיר אייך, אין אייער אייגענעם אינטערעסע אונז צו ענטפערן רוהיג.

—מיין גאט, מיין גאט!... האט דיא הויזמייסטערין געמורמעלט.

—זיינען אלע אייערע קווארטיראנטען צו הויז ?

—אבער... איך וויים ניט....

—זייט פארזיכטיג קיין ליגען צו זאגען...

—יא, מיינע הערען, איך גלויב אלע...

—איינער פון זיי הייסט עמיל דיפארט ?

—אה, מיינע הערען, דאס איז דער בעסטער יונגער מאן אין דער וועלט.

—ער האט האט יעצט ביי זיך א פרוי וועלכע הייסט בלידא.

—אה — האט דיא הויזמייסטערין פלוצלונג אויסגערופען מיט א פריילעבער מינע— אויב איהר זוכט דאס דיזע דאמע, קימערט מיך וועניג — געוויס איז זיא דארט.

—דאן נעהמט געפעליגסט א ליכט און פיהרט אונז צום צימער פון הערן עמיל דיפארט.

מאדאם בעוואל האט געפאלגט, און איז געגאנגען פאראויס מיט א ליכט אין דער האנד.

דער שטודענט עמיל דיפארט האט בעוואוינט צוויי קליינע צימערלאך אויפן פינפטען עטאזש. דער שיין פון א ליכט וועלבער האט זיך געזעהן דורך דאס אויבערשטע פענסטערל פון טיר האט בעוויזען דער הויזמייסטערין און דיא צוויי מענער וואס זיינען איהר נאכגעגאנגען אויף דיא שפיטץ פינגער, דאס דער יונגער מאן שלאפט נאך ניט.

עמיל דיפארט איז נאך געוועזען א גאנץ יונגער מאנן, קיים 20 יאהר אלט, מיט א בלאסען געזיכט און בלויע אויגען, און נאך קינדיש־שעהן.

בלידא איז געוועזען א קליין געוואכסענע פרוי מיט שיינע בלאנדע האר, קליינע הענד און פיס, און האט אויסגעזעהן ניט עלטער וויא 25 יאהר, אבגלייך זיא איז געווע־זען שוין איבער פינף און דרייסיג.

מאדאם בעוואל האט גאנץ שטיל א קלאפ געטהאן אין טיר.

—ווער איז דארט? — האט געפרעגט דער שטודענט.

—דאס בין איך, מאדאם בעוואל — האט דיא הויזמייסטערין געענטפערט שטיל.

—עפען, עמיל — האט בלידא געזאגט.

דער שטודענט האט געעפענט און איז אפגעשפרונגען צוריק אלס ער האט דער־זעהן הינטער זיין הויזמייסטערין דיא צוויי דונקעלע געשטאלטען, וועלכע ער האט אויך אנגענומען פאר פאליציי־אגענטען. אבער איידער ער האט נאך צייט געהאט ארויסצוריי־דען א ווארט איז שוין איינער פון דיא מענער געשטאנען נעבען איהם.

—מיין הערר, קיין לערם! — האט ער איהם געזאגט — עס וועט ניט העלפען.... מיר נעהן אויך ניט צוליעב אייך....

דיפארט האט קיין ווארט געענטפערט; צו דאס איז געוועזען פאר גרויס אויפרע־גונג אדער וויל ער האט איינגעזעהן אז דער מאנן האט רעכט — ער האט געשוויעגען.

בלידא האט זיך אויפגעהויבען בלאס און ציטערענדיג און האט אנגעקוקט דיא ביידע מענער, גאנץ וויא פערשטיינערט.

דער איינער וואס האט געשפיעלט דיא ראלע פון פארשפרעכער האט זיך געווענ־דעט צו בלידא:

—איהר הייסט, מאדאם, לואיזע קאשאט, מיט דעם צונאמען בלידא?

—יא מיין הערר, — האט דיעזע געמורמעלט גאנץ וויא פערניכטעט.

—מיר האבען אונטען א וואגען; ווילט איהר געפעליגסט מיטגעהן?

—אין וואס בעשולדיגט מען מיך דען? — וואס האב איך דען פערברא־כען?..... איך....

—שווייגט! — האט דער מאנן מיט דעם גרויסען שנורבארט געזאגט — מען וועט עס אייך ערקלערן אויפען ריכטיגען פלאטץ צו דער ריכטיגער צייט.

—דאס איז געוויס איין אירטום, מיינע העררען, — האט דיפארט אויסגערופען, קומענדיג עטוואס צו זיך — דיעזע דאמע איז ביי מיר; איך ענטפער פאר איהר....

זעהר שעהן, מיין קליינער הערר — האט דער ערשטער אגענט געזאגט — מאכט קיין לערם, איהר וועט נור נאך ערגער מאכען; אויב מאדאם איז אונשולדיג, וועט מען עס געוויס גלייך ארויסזעהן....

איינער פון דיא פאליציי־אגענטען האט ערגריפען בלידא'ס ארם. זיא האט זיך געהאט אנגעהויבען וועהרען און שרייען, אבער דער אגענט האט איהר געווארנט:

—אויב איהר וועט מאכען סקאנדאל רוף איך ארויף דורכ'ן פענסטער צוויי פון מיינע לייטע, און מען וועט אייך מוזען בינדען און פארשטאָפּען דעם מונד....

—איך געה פרייווילינ! — האט זיא געזאגט.

בלידא האט געדייכט דיא האנד דעם יונגען סטודענטען, וועלכער איז געשטאַנען וויא פערשטיינערט, און האט גענומען אבשיעד פון איהם. דאנן האט זיא זיך גע־לאזט מיטנעהמען פוןביידע אגענטען, וועלכע האבען זיא געפיהרט פון דיא טרעפּ האל־טענדיג זיא יעדערער פאר איין ארעם. קומענדיג אונטען, האבען זיי איהר ארייגגעלאזען אין פיאקער וואס האט ערווארטעט אונטען, און האבען זיך ביידע געזעטצט נעבען איהר.

אלס דער וואגען איז אוועקגעפאהרען א היבשע שטיק, האט איינער פון דיא אגענטען ארויסגענומען אדאָלך, און צייגענדיג דעם בלאנקענדען קלינג צו בלידא, האט ער געזאגט:

—הערט אויס! — מיר זיינען קיין פּאָליציי אגענטען; אבער מיר האבען דעם בעפעהל אייך צו פיהרען אין א פּלאַטץ, וואו מען וועט פון אייך פאָדערן וולכע ערקלערונגען. איהר זאלט זיך נעהמען אין אכט ניט צו שרייען אין דער צייט פון דער פאהרט, דען איידער מען וועט אייך קומען צו הילפע וועט איהר זיין טויט.

בלידא האט געציטערט און געשוויגען.

זיא האט גענומען קלערען וואוהין מען פיהרט זיא. צוערשט איז איהר געקומען אין קאָפּ איהר רוסישער ליעבהאבער, גראף פּאַילאָוו. זיא האט זיך געדערמאָנט דאס פיליינט האט ער צוריקגעקעהרט פלוצלונג נאך פאריז, און וויא א רוסישער קאפּריזער „בארין“, וואס בעהאנדעלט זיין געליעבטע וויא א שקלאפען, האט ער עס געמאכט אום איהר שטארק צו בעשטראפען.

דאן האט זיא אויך געטראכט וועגען פולמען. פאר איהר האט זיא נאך מעהר מורא געהאט וויא פאר איהר רוסען. זיא האט זיך געפיהלט אונגערעכט געגען איהר און האט געזוכט איהר אויסצומיידען. נור האט זיא, אויף קיין פאל ניט געקענט בעגריי־פען, וויא אזוי פולמען האט געקענט ערפאהרען וואו זיא איז. אלס זיא האט אבער בע־מערקט וויא דער פיאקער האט פארקערט צום בולווארד מארבעף איז שוין ביי איהר מעהר קיין ספק געווען, אז דאָ איז פולמען'ס האנד אינמיטען.

דער וואגען איז געבליעבען שטעהן פארן טיר פון יענער וואוינונג, וואו מיר האבען געזעהן פולמען מיט איהרע נעסט אם אנפאנג פון דיעזער ערצעהלונג.

פולמען האט זיא שוין געהאט ערווארטעט.

דיא יונגע פרוי איז געלעגען נאכלעסיג אויף א קאנאפּע און האט פערגניגט געשמיי־כעלט אלס זיא האט געזעהן איינטרעטענדיג איהרע אלטע בעקאנטע.

—דוא ווערסט צוגעבען, מיין טהייערע, אז איך האב זעהר געשיידטע דיענער.... זיי האבען געשפּיעלט זייער ראָלע פּאַרטרעפליך....

און פולמען האט ארויסגעשאסען מיט אגעלעכטער, אבער בלידא איז געבליעבען שטעהן אין העכסטער וואוט און האט אויסגערופען:

—אויב דוא האסט געוואלט מאכען אזא שפאס, מוז איך דיר זאגען אז איך געפין איהם זייער דום.

פולמען האט מיט א האנדבעוועגונג ארויסגעשיקט איהרע ביידע דיענער און האט דאן אנגעקוקט בלידא פון קאפ ביז דיא פיס.

—מיינע טהייערע — האט זיא געזאגט אין פינסטערן ערנסט — איך טרייב קיין שפאס ווען איך האב ערנסטע זאכען פאר זיך.

—דוא האסט פיר מיך ערנסטע זאכען?.... און בלידא איז געווארען עטוואס אונרוהיג.

—יא, זעהר ערנסטע.

—דאן האסט דוא דאך געקענט שרייבען אדער קומען צו מיר.

—איך האב ניט קיין צייט און ניט קיינע לוסט מיט דיר צו שפיעלען העפליכקייטען; דא האנדעלט זיך פיר דיר אומלעבענסגעפאהר.

בלידא האט זיך פאר שרעק צוריקגעצויגען ביז'ן טיר. פולמען אבער האט זיך אויפגעהויבען אין איהר גאנצען שיינעם וואוכס, און האט געמאכט איינינע טריט צו בלידא:

—הער מיך אויס — האט זיא געזאגט — און נעהם זיך דאס גוט אריין אין קאפ — איך האב דא אין מיין הויז זעכס דיענער, וועלכע וואלטען זיך לאזען פון מיינטוועגען אפשניידען דיא קעפ; דיא טירען זיינען פארמאכט און דוא וועסט פון דאנען ניט ארויסגעהן ביז וואנען איך וועל וועלין.

—אבער — האט בלידא געשריען ציטערנדיג און בלאס — וואס ווילסטו פון מיר? וואס האב איך דיר געטהאן?

פולמאן האט ארונטערגענומען א קליינעם פיינעם דאלך פון איבערן קאמין, און האט צוריקגעקעהרט צו בלידא. דיעזע האט געוואלט צוריקציהען פאר שרעק, אבער זיא האט זיך געפונען צוגעשפארט צום וואנד.

—זעהסטו — האט איהר פולמען געזאגט, ארויפלייגענדיג איהר האנד מיט'ן דאלך אויף בלידא'ס אכסעל — אויב דוא ביסט ניט פערנינפטיג, שטויס איך דיעזען דאלך אריין דריי מאהל אין דיין האלדז און פאק דיך איין אין א גרויסען קאסטען און שטעל עס אוועק אויפען פלאטץ קאנקארד, און איידער מען וועט ענדעקען ווער דוא ביסט וועל איך שוין זיין אין לאנדאן...

—אבער... וואס האב איך דיר געטהאן?... וואס ווילסטו פון מיר?

—דוא וועסט עס באלד וויסען... דוא האסט געסטערן מיט מיר געטריעבען שפאס... דוא האסט מיר בכיימערשט געבראכט אויסקונפט פון יענער געהיימניספאלען דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה... דוא האסט געוואוסט אז דאס איז פאלש.... איך וויל עס אלעס וויסען.

פולמען האט אויפגעהויבען איהר דאלך. אבער זאנדערבאר! אנשטאט צו ציטערן, אנשטאט צו בעטען אום גנאדע, האט זיך בלידא אויפגעריכטעט און האט געענטפערט.

—אויב דו װילסט מיך טעדטען — טהו עס — איך װעל קיין זאך ריידען; דאָ האנ־דעלט זיך אום לעבען פון מיין קינד.

פולמענס ארעם האט זיך ארונטערגעלאזען.

—דיין קינד? — האט זיא אויסגערופען ערשטוינט.

—יא — האט בלידא געזאגט — דו װייסט אז איך האב א 10 יעהריגען זאהן.

—נון?

—מען האט איהם פון מיר געראובט, מען האט מיך געצוואונגען צו דיענען לייטע װעלכע איך קען ניט, און װעמעס געהיימניס איך הויב ניט אָן צו װיסען. און דאך, װען איין איבעריגעס װארט זאל זיך פון מיין מויל ארויסכאפען װען איך זאל ענדעקען װאס איך װייס, װעט מען טעדטען מיין קינד....

בלידא האט גערעדט מיט הארץ און מען האט געקענט זעהן אז דאס איז דיא װארהייט. פולמען האט דערקענט דאס מוטערליכע געפיהלע װעלכע רעדט אויס איהר.

—קענסט דו מיר אלזאָ קיין װארט זאגען? — האט פולמען געפרעגט.

—דאך, איין זאך יא.

—לאָז מיך הערן.

—הערר ארמאנד האט ליעב דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה, נים װאהר?

—ער איז װאהנזיניג צוליעב איהר.

דוא האסט ליעב ארמאנד?

—מיט בעטרונקענהייט.

—דוא װינשט איהם אלזא קיין שלעכטעס?

—ביסט דוא פעריקט?

—אויב אזוי, דאן הער מיך אויס — האט בלידא געזאגט שנעל. אויב דוא האסט איהם ליעב, אויב דוא האסט איבער איהם דעם קלענסטען איינפלוס, זאלסט דוא עס גלייך אנװענדען אום איהם פון דאנען אװעקצופיהרען װאוהין דיא אויגען טראגען איהם, חאטש אין עק װעלט.... זאל ער אויך ענדערן דעם נאמען....

—אבער װארום דען?

—ער זאל קיינמאהל ניט זוכען װיעדערצוזעהן דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנד־שוה, דען דוא װייסט ניט װאו זיין ליעבע קען איהם פיהרען...

—װאוהין קען זיא איהם דענן פיהרען? — האט פולמען געפרעגט גאנץ ערשיטערט דורך בלידא'ס װערטער.

—צום טויט!

פולמען האט אויפגעציטערט. בלידא האט איינגעזעהן, דאס נאך דעם איינדרוק װאס איהרע װערטער האבען געמאכט אויף פולמען, האט זיא ניט מעהר מורא צו האבען פאר פולמען'ס דאלך, און האט דעריבער פארטגעזעצט איהר ערקלערונג שוין פיעל רוהיגער;

—אויב ארמאנד איז דאס לעבען נמאס געװארן, אויב ער װיל מאבען פון זיין לעבען אזא ענדע, דאס עס זאל זיך קיינמאהל ניט אויפקלערען װיא אזוי און װיא — זאל ער

נאר נאכגעהן יענער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה און זאל זוכען צו דערגיעהן ווער און וואס זיא איז. און ווער וויים אויב דיא דאמע זוכט ניט אליין איהם אריינצוציהען אין פערדערבען?

וועהרענד בלידא האט גערעדט האט פולמען איבערלייענט און איז געקומען צו דעם ענטשלוס, דאס בלידא האט איהר וואהרשיינליך געזאגט אלעס וואס זיא וויים, דען זיא קען העכסטענס וויסען אייניגע אונבעדייטענדע זאכען, אבער ניט דעם עיקר, דאס גע־היימנים פון יענער דאמע. מען דארף דאס זוכען העכער.

פולמען האט א ווארף געטאהן פון זיך דעם דאלך.

—פערצייהע מיר וואס איך האב אנגעווענדעט גוואלט נעגען דיר — האט זיא געזאגט צו בלידא — איך גיב דיר מיין ווארט דאס ארפאנד וועט פעררייזען, אליין ניט וויסענ־ווארום. קיינער וועט אויך ניט וויסען דאס מיר האבין זיך געזעהן. מיינע לייטע וועלין דיך אפפיהרען אהין פון וואנען זיי האבען דיך גענומען. און דיין קליינער שטודענד וועט גלויבען אז דוא ביסט געוועזען דאס אפפער פון איין אירטהום.

—דאס איז שוין ריכטיג. אבער וויא אזו האסט דוא ערפאהרען וואו איך בין?

—דיין קאמער־מיידיל האט זיך אויסגערעדט ניט ווילענדיג — האט פולמען געזאגט א ליגען, אום ניט אריינצומישען אין דער גאנצער זאכע דעם שטודענטען דיקאנג. וועל־כער קען נאך פילייכט אמאהל צו ניטץ קומען.

דוא מעגסט נעהמען דיין שאהל און דיין הוט און געהן — האט פולמען ענדליך געזאגט צו איהר געפאנגענער.

בלידא האט זיך קיין אויגענבליק מיישב געוועזען אויסצוניטצען דיא געגעבענע ערלויבנים. פולמען קען נאך חרטה האבען, און דא ליעגט איהר נאך פאר איהרע אויגען דער דאלך מיט דעם קלינג.

זיא האט גענדריקט דער טענצערין דיא האנד און איז ארויסגעגאנגען עטוואס שנע־לער וויא געוועהנליך.

—זיא האט געהאט גאר נישקשה פון א שרעק! — האט זיך פולמען געטראכט לייכט שמייכלענדיג, וועהרענד זיא האט געקלונגען און האט געגעבען דעם בעפעהל אפ־צופיהרען בלידא.

—עהרענווארט! — האט זיא געזאגט צו זיך אליין, וועהרענד זיא האט זיך צוגעטר־לעט צו א ווארעמען ווינקעל ביים קאמין — ווען מען בערעכינט דאס ערשט מיט אכט־טאג צוריק האב איך מיך אזוי נעלאנגווייכט, דאס איך האב מיך אפילו ניט צוריקגע־שראקען פאר א חתונה, און האב שוין געהאט בדעה צו הייראטהען דעם קאהל־קעפיגען לארד מערריל, און פלוצלונג בין איך אריינגעפלאכטען אין רעכטען מיטען פון א ראמאן וואס וואלט גאנץ פאריז אומגעסעהרט ווען מען זאל איהם אויסשרייבען. טאקי נאר אין פאריז קען מען זעהן אזעלכע זאכען.

דערווייליע אבער — האט זיא ווייטער גערעדט צו זיך אליין שמייכלענדיג — לאמיר דאס אביסל צוגליעדערען, און אז איך בין שוין יא א פערזאן פון דער דראמע, לאמיר חאטש שפיעלען א גרויסע ראלע.

—צוערסט לאמיר מאכען א סצענאריום! — און פולמען האט זיך אנגעשפארט

מיט איהרע עללענבויגנען אויף איהרע קניע, מיטן קאָפּ אויף איהרע הענד און האט זיך פארטיעפט אין געדאנקען פונקט וויא איין פערפאסער וואס קלערט נאך דעם געגענשטאַנד פון א ראָמאן אדער א דראַמע, און האט דאן ווייטער געטענה'ט מיט זיך אליין:

—דיא האנדלונג געהט פאר אין פאריז. דיא הויפט פערזאנען זיינען איין ערשטער ליעבהאָבער, דאס איז ארמאנד, דיא ערשט ליעבהאבערין, פולמען! איין קאָמיק, דאס איז דער גוטער אלטער שטודענט וואס לאזט זיך פארבינדען דיא אויגען; איינע געהיימניספאָלע דאמע וועלכע מעג דיענען אלס אינטריגאנטין, און וועלכע הייסט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה. און ענדליך אויך עטליכע נעבען־פערזאנען וויא בלידא, מאריס סטעפען אז"וו.

—ווען דער פארהאנג געהט אויף לאנגווייל'ט זיך פולמען אונגעהייער און זוכט א ראָמאנטישע ליעבע. זיא וואלט וועלין ליעבען א מאנן וואס ליעבט איינע אנדערע. מען וויזט איהר דיעזען מאנן — דאס איז ארמאנד. ער איז פערליעבט אין דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה, א דאמע וואס מען קען ניט געפינען, וואס פערשווינדעט וויא א שאטען.

—אָנשטאט צו קעמפפען מיט מיין געגנערין געה איך ארונטערנעהמען אלע הינדערניסע פון ארמאנד'ס וועג און זיי ביידען מאכען גליקליך. נאכהער זאל ארמאנד מיך געהערען איז ער איינמאהל געקומען צום גליק וואס ער זוכט, מוז ער איבערזעטיגט ווערען, און דאן איז ער מיינער.

—צווייטענס בילד; פולמען ענטדעקט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה און ניט ארמאנד דאס מיטעל צו איה־ צוצוקומען.

—דריטעס בילד: דאס שטיק ווענדעט זיך, דיא אינטריגע ווערט שטארקער. דיא אינטריגאנטין פערשווינדעט, בלידא איז מודה, אונטערן דאָך, דאס איהר קינד איז אין דיא הענד פון דער אינטריגאנטין אז דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט איין סעקרעט, און דאס ארמאנד איז אין געפאהר מיט זיין לעבען אויב ער וועט איהר נאכגעהן; דאס דיא דאמע וועלכע מאכט זיך בלומערשט פליהענדיג פון איהם זוכט איהם נאר פיליכט — און דיא לאגע ווערט זעהר פערוווירענד און געשפאנט, אזוי ענדיגט זיך דיא דריטע בילד.

—איצטער — האט פולמען פאָרטגעזעצט, שמייכלענדיג צו זיך אליין אין א שפיעגעל — זאל איינער מיר קומען זאָגען אז איך בין קיינע פערפאסערין! נאר לאָמיר געהן ווייטער.

—פיערטעס בילד: פולמען זיצט אליין און רעדט מיט זיך אליין אזוי: מען זעהט קלאהר אז בלידא איז איין אונטערארדנעטער אגענט און וויים אליין ניט וואס דאס געהיימניס איז. אויף דאס זעהט מען קלאר אז דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה לויפט ניט פאר תענוג איבער וועלט און זיא האט געוויס א צוועק וואס זיא לאזט אייי ארעמען פערליעבטען איהר נאכיאגען גלאט אזוי. דא מוז עפּעס ליעגען איין ערנסטע זאך אויפען גרונד. דיעזע פרוי איז ארמאנדס פיינדין. ווארום? דאס וויים זיא אליין. אבער נאך א פרוי האט זיך געשוואוירן דאס צו וויסען, און זיא וועט עס וויסען! פון דעם טאג אָן וואס דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט זיך ערקגערט אלס

דיא פיינדין פון ארמאנד, פון דעמזעלביגען טאג און האט פולמען, וועלכע האט איהם ליעב, געשוואָרן קריעג געגען דיעזע דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה. דער קאמפף נעהמט זיך צוזאמען צווישען דיאביידע פרויען...

—מיינע דאמען און העררען — האט פולמען אויסגערופען פונקט וויא זיא וואלט געהאט איין פובליקום פאר זיך — דאס שטיק ווערט נאך האבען פיעלע אנדערע בילדער; אבער זיי זיינען נאך ניט פארטיג...

זיא האט אנגעקלונגען און פערלאנגט א באד. נאך דער וואננע האט זיא זיך אָנגעקליידעט און האט געפאָדערט איהר וואגען.

א האלבע שטונדע שפעטער איז דער וואגען געבליעבען שטעהן פאר א קליינעם איין-שטעקיגען הויז, וועלכעס איז געבויט צווישען א הויף און א גארטען אויף דער רוע-דע-לא-פאמפ.

פולמען איז אויסגעשטיגען פון וואגען און האט אנגעקלונגען.

א הויכע עלטליכע דיענערין אין א נאָרמאנדישען קאָסטיום, איז ארויסגעגאנגען עפענען און איז געבליעבען גאנץ ערשטוינט צו געפינען אלס בעזוכערין א יונגע שיינע דאמע אין אזא רייכער קליידונג.

—איז דער הערר לעאָן צו הויז?

—יא מאדאם — האט דיא דיענערין געענטפערט.

—איז ער שוין אויפגעשטאנען?

—יא, מאדאם.

פולמען איז איינגעטרעטען אין הויף, גאנץ אונבעקימערט וועגען דעם פאָרשענדען בליק פון דער דינערין.

—דארף איך איהם מיטהיילען אייער נאמען?

—זאגט איהם אז א פריינדין פון זיין זאהן וויל איהם זעהן.

דיא דיענערין האט מיט רעספעקט אריינגעפיהרט דיא בעזוכערין אין זאל אויפען אונטערשטען עטאזש און האט איהר געבעטען ווארטען צוויי מינוטען שפעטער האט זיך געעפענט א טיר און פולמען האט געזעהן איינטרעטענדיג קאָלאָנעל לעאָן.

ער איז געוועזען א שוואכער געבערכליכער אלטער מיט ווייסע שיטערע האר, מיט איין איינגעבויגענעם רוקען און א פארלאָשענעם בליק, אין וועלכע עס איז אונמעגליך געוועזען צו דערקענען דעם אמהליגען ענערגיעשען אָפיציער פון דער גרויסער ארמעע, מיט דיא פייעריגע אויגען און אויסדריקספאלען געזיכט.

האט עס דער עלטער אדער דיא געוויסענסביסע אנגעמאכט דיעזע פערוויסטונג? דאס האט קיינער געקענט זאגען.

ער האט בעגריסט פולמען עטוואס איבערראשט און האט איהר צוגערוקט איין שטוהל צום קאמין אויף וועלכען עס האט געברענט א פריילכעס פייעריל.

—מיט וועמען האב איך דיא עהרע צו ריידען? — האט ער געפרעגט זעהר העפליך.

—איך הייס פולמען, מיין הערר — האט דיא יונגע פרוי געענטפערט, אראָפּלאָזענדיג בעשיידען דיא אויגען — און איך בין א טענצערין אין דער אָפּערא.

—און איהר קומט מיר ריידען וועגען מיין זאהן ? — האט עס געפרעגט, וועהרענד זיין האט זיך אויפגעהייטערט.

דיעזער מאנן וועלכער האט געהאסט, פעראכטעט און פערפאָלגט אנדערע מענשען און וועלכער האט א לאנגע צייט געשפיעלט מיט דעם לעבען און עהרע פון אנדערע, האט אויפגעציטערט פאר פריידע פון קאָפּ ביז דיא פיס ביי דעם איינציגען נאמען פון זיין זאהן.

יא, מיין הערר איך קום ריידען וועגען איהם.

—מיין גאט האט דער אלטער געמורמעלט בלאס ווערענדיג — איז ער קראנק ?... האט ער פיליכט מיט וועמען דועלירט ?.... איז ער פערוואונדעט ?

—אָ, בערוהיגט אייך — האט פולמען אויסגערופען — ער איז פריש און מונטער !

—איהר האט מיך איבערגעשראקען — האט דער קאלאנעל געזאגט מיט א בעוועגטער שטימע און האט דאן צוגעזעצט — שוין דריי טעג וויא ער איז ניט געקומען מיך זעהן.... איך וויל איהם אויך ניט שטערן.... ער איז יונג... איך בין אלט... איהם איז לאנגווייליג מיט מיר...און דאן האט מיר זשאן דערציילט....

—וואס האט ער אייך דערציילט ?

דער קאָלאָנעל האט א ווייליע אָנגעקוקט פולמען מיט א פריינדליכען שמייכעלע און האט דאן צוגעזעצט :

—דאס ער איז פערליעבט... דאס איז וואהרשיינליך אין אייך... איהר זייט שעהן... און זעהט אויס גוט, און איהר וועט איהם מאכען גליקליך... ניט וואהר ?

פולמען האט שמייכלענדיג אַיפגעהויבען דעם קאָפּ:

—ניין, ניט אין מיר איז ער פערליעבט — האט זיא געזאגט אבער— דאך... ווארט, קאלאנעל, איך וועל אייך זאגען דעם אמת... איך האב איהם ליעב....

—און ער אייך ניט ?

—ניין.

—איז ער בלינד ? — האט דער אלטער געמורמעלט, מאכענדיג א גאלאנטען קאָמ־פלימענט דער יונגער דאמע.

—אָ, זייט רוהיג ער וועט מיך אָמאָהל ליעבען... איך האב מיר דאס אריינגענומען אין מיין קליין קעפּיל, און ווען איך נעם מיר וואס פאָר....

דיא בעוועגונג און דער טאן מיט וועלכע פולמען האט דיעזע ווערטער בעגלייט האבען געמאכט דעם דעם אלטען צו שמייכלען.

—איך בין איצטער געקומען אייך ריידען וועגען איהם — האט פולמען ווייטער גע־רעדט — ווייל מירביידע ליעבען איהם מעהר וויא יעדער אנדערער אין דער וועלט....

—דאנקע ! — האט דער אלטער געזאגט און האט געדריקט איהר האנד.

—און דאן אויך דערפאר — האט פולמען געענדיגט — וואס ער איז איצטער אין געפאהר.

—אַ געפאהר ! — האט דער קאלאנעל אויסגערופען ציטערענדיג.

—בערוהיגט אייך, הערר לעאָן, מיר קענען דאס פערהיטען.

—אָ, רעדט, דערציילט, אום וואס האנדעלט זיך דאָ ! ?

—קאַלאָנעל — האט פולמען אנגעהויבען ערנסט — קענט איהר נים וועלכע פון אר־מאנד'ס פיינדע ?

—ער און פיינדע ? וויא איז עס מעגליך ? ער איז אזוי גוט און עדעל, דאס טהייערע קינד.

—האט א י ה ר וועלכע פיינדע ?

ביי דיעזער לעצטער פראגע האט דער אלטער אָפיציער אויפגעציטערט פון קאפ ביז פוס, און זיין גאנצעס לעבען האט זיך וויא א פּאַנאראמע פארבייגעצויגען פאר זיינע אויגען... ער איז געשטאנען וויא געפּלעגדערט.

—עס קען זיין... האט ער געמורמעלט.

—דאן הערט אויס — האט פולמען געזאגט, און האט דאן אומשטענדליך דערציילט דעם ציטערענדען אלטען אלעסוואס זיא האט געוואוסט פון דער אונגליקליכער ליעבע פון זיין זאהן צו דער געהיימניספאָלער דאמע דעם שווארצען האנדשוה. און אלעס וואס עס האט אין דיא לעצטע איינינע טעג פאסירט.

דער קאָלאָנעל האט זיא אויסגעהערט מיט דער גרעסטער געשפּאנטהייט און אלס זיא האט געענדיגט האט זיך דער איינגעבויגענער אלטער אויפגעריכטעט מיט דער פלינק־קייט פון א יונגען מאנן. זיין פערלאָשענעס אויג האט אויפגעלויכטען פאר צארן און אויפרעגונג.

—אה, איינער וואגט עס אָנצוריהרען מיין קינד! — האט ער אויסגערופען — איך גלויב אז איך קען איינברעכען דאס געוועלב פון הימעל און עס ווארפען אויפען קאפ פון דעמיעניגען, וועלכער זאל עס וואגען צו קרימען א האר אויף מיין קינדס קאפ.

—הערט מיך אויס — האט איהם פולמען געזאגט — איך געה אויך וועגען דעם עטוואס ראטהען. געהט אריבער צו אייער זאהן און זאגט איהם אז איהר מוזט מאכען א נייטיגע רייזע, און אייער זאהן זאָל אייך בעגלייטען. פערררייזט גלייך היינט אבענד. פיהרט איהם אוועק ווייט פון פאריז, נאך נארמאנדיע, ברעטאַ'ן, אדער וואוהין איהר ווילט. איך וועל דערווייל׳ע האבען צייט פיליכט אראפצורייסען דיא מאסקע פון דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה און ערפאהרען איהרע פראיעקטען.

פולמען האט זיך אויפגעהויבען.

—איך געה צו ארמאנד, האט זיא געזאגט — איהר וועט אונטערקומען אבווייל׳ע שפּע־טער. איהר וועט זיך מאכען וויא איהר קענט מיך נים און האט מיך קיינמאהל נים גע־זעהן. איהר וועט מיטנעהמען ארמאנד אויף דער רייזע נאך נארמאנדיע.

—אזוי וועל איך טהאן — האט דער אלטער קאָלאָנעל געזאגט — איך האב אויך ווירק־ליך איין קליינעס גוט נים ווייט פון האווער.

—זעהר גוט — האט פולמען געזאגט — איך געה פארבערייטען ארמאנד אייך צו פאלגען.

יעצט פערשטעהט דער לעזער ווארום פולמען האט פערשוויגען ארמאנד'ן דאס זיא האט געפונען בלידא, און ווארום זיא האט זיך אזוי פערשטענדניספאָל איבערגע־קוקט מיט דעם אלטען קאָלאָנעל, אלס דיעזער איז אריינגעקומען צו זיין זאהן.

. . . .

—מיין קינד האט דער קאָלאָנעל געזאגט — קענסט דוא געבען דיין פאטער אכט טעג צייט? דוא ווייסט אז איך מאך קיינמאל קיין אנשפרוך אויף דיינע צייט, אבער יעצט איז עס מיר דורכאוס נייטיג דאס דוא זאלסט מיך בעגלייטען נאך נארמאנדיע. עס האנדעלט זיך אום דיין פערמעגען.

ארמאנד האט זיך געשלאָגען מיט דער דעה און האט אנגעקוקט פולמען. דיעזע האט זיך איינגעבויגען צו איהם און האט איהם איינגערוימט אין אויער.

—פאָלגט אייער פאָטער! ווען איהר קומט צוריק וועל איך שוין האבען צוריקגעפונען דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה און פותר זיין דיא רעטענים.

און ארמאנד האט זיך בעשלאָסען צו פערלאזען פאריז.

דעמזעלביגען אָבענד האט דער אלטער קאָלאָנעל לעאָן פעררייזט מיט זיין זאהן, און פולמען האט זיך געטראכט:

—יעצט אז איך האב נים מעהר צו ציטערן פאר ארמאנד וועל איך מיך קענען נעהמען פאר דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה.

זיעבעטער קאפיטעל.

פערברעכען און שטראפע.

דער לעזער עראינערט זיך געוויס, דאס מיר האבען איבערגעלאזען דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה, דעם מאיאר אָרלאָוו און קאפיטאן לעמלין אין שלאָס רוביני אין דעם אויגענבליק אלס זיי האבען זיך אויפגעהויבען פון טיש, אום איינצודרינגען אי דאס צימער, וואו עס האט זיך געזאלט געפינען דאס אייזערנע קעסטעלע פון גענעראל.

דיא דאמע און מאיאר אָרלאָוו האבען זיך בעדייטונגספאָל איבערגעקוקט, אלס זיי האבען דערזעהן וואס פאר א אונרוהע עס איז ארויפגעקומען אויפען קאפיטאן ווען ער האט דערהערט דיעזען פארשלאג.

דיעזער אבער האט געהאלטען דיא אויגען אראפגעלאזען און האט נים געוואגט זיי אויפצוהויבען.

—איך פערשטעה זעהר גוט וויא פיינליך עס מוזען זיין פיר אייך דיעזע עראינערונגען — האט דער מאיאר געזאגט, אננעהמענדיג איהם פארן ארעם.

—קומט! האט איהם דער קאפיטאן האסטיג אונטערבראכען; ער האט זיך שנעל אויפגעהויבען און האט גענומען איין ליכט. דיא פורכט זיך צו פעררראטהען האט איהם פלוצלונג געגעבען מוטה.

דער דיענער זשערמען האט גענומען דעם בונד שליסלען און איז געגאנגען פאָר־אויס. הינטער איהם איז געגאנגען דער קאפיטאן מיט איין אראָפגעלאזענעם קאָפּ, און ניעדערגעשלאָגען. דיא ענערגיע וועלכע ער האט ארויסגעוויעזען האט נים לייגגער אנגע־האלטען וויא איין אויגענבליק. דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה איז איהם נאכגעגאנגען, געלעהנט אויף דעם ארעם פון איהר אלטען בעגלייטער.

דיעזע פיער פערזאנען האבען פערלאזען דעם שפייזע־זאל און זיינען ארויס אין קארידאָר.

דיא דריי מינוטען, וועלכע דאס האט גענומען האבען אויסגעוויעזען אין לעמלין׳ס

אוינען וויא דריי יאהרהונדערטע. זיינע פיס האבען געציטערט און דער שוויים איז איהם געשטאנען אין גרויסע טראָפּענס אויפען שטערן.

זשערמען האט זיך אומגעקעהרט און האט געזאגט כלומרשט גאנץ שטיל צום מאיאר, אבער אזוי דאס דער קאפיטאן האט איהם געקענט הערן:

—מיין ארעמער הערר!.... דיא ערוואַרטונג אין מאדאם מאכט איהם אזוי פיעל צו ליידען.

אבער דער קאפיטאן איז געגאנגען פארווערטס, מיט איין אראפּגעלאָזענעם קאפּ און גאנץ פערגעסענדיג, וויא עס האט אויסגעוויזען, דאס מען געהט איהם נאך. ער איז אין גאנצען געווען פערזונקען אין זיינע ערוואַרטונג.

ענדליך איז זשערמען געקומען צו דער טיר פון דעם געזוכטען צימער.

—דאָ איז עס! — האט ער געזאגט.

דיעזעס איינפאכע ווארט האט דעם קאפיטאן וויא עלעקטריזירט — ער האט אויפ־געציטערט פון קאפּ ביז פיס. ער האט זיך אבער באלד ווידער צוזאמענגענומען מיט אלע זיינע קרעפטען אום צו ערשיינען א ביסל רוהיגער.

זשערמען האט אויסגעזוכט דעם שליעסעל פון בונד און האט עס אהן בעדיינקען אריינגעשטעקט אין שליעסעל־לאָך. דאן האט ער עס צוויי מאל אומגעדרעהט, אבער איידער ער האט געעפענט האט ער זיך אומגעדרעהט און האט נאך אמאהל אנגעקוקט זיין הערען.

העקטאר לעמלין איז געשטאנען גראד און שטארק פונקט וויא ער וואלט נאָר קיינע אויפרעגונג פערשפּירט. אבער דיא בלאסקייט פון זיין געזיכט, דיא צוזאמענפּרעסונג פון זיינע ליפּען און דער שוויים פון זיין שטירן האבען בעוויעזען וואס דיעזע רוהע קאסט איהם.

און הינטער דעם קאפּיטאן האט זשערמאן געזעהן דעם מאיאר ארלאוו מיט דער דאמע שטעהענדיג ערנסט, טרויעריג, און שטיל פונקט וויא דער ריכטער וואס שטעהט ביי דער הינריכטונג.

—עפען, זשערמען! — האט לעמלין געזאגט מיט א געבראָכענער שטימע.

זשערמען האט געהאָרכט און איז דער ערשטער ארויף אויפען שוועל פון דעם צימער, אין וועלכען מארטהא רוביני האט געגעבען איהר לעצטען זיפץ.

דער קאפּיטאן איז געוועזען שטארק גענוג אריינצוגעהן הינטער איהם, אָבער זיינע כחות האבען איהם באלד אוועקגעלאזען און האט זיך אנגעלעהנט אן רוקען פון א פאָטעל.

דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה און מאיאר ארלאוו זיינען באלד דארויף אויך איינגעטרעטען און האב אויפמערקזאם בעטראכטעט דאס אינערע פון צימער. דאס איז געוועזען א גרויס רוים, מיט אלטע אנטיקע מעבּיל, און מיט א דובּאָווע גרויסע בעט מיט זיילען פון קינסטליכע ארבייט, און מיט פארהאנגען פון זיידען פון הימעל־בלויער פארבע. דיא פארהאנגען זיינען געוועזען עטוואס אראפּגעריסען אין דעם פּלאַטץ וואו זיי צו טהיילען זיך, און מען האט געקענט זעהן דאס אויך דאס בעט איז אין גרוי־סער אונארדנונג.

דער קאפיטאן איז נאך אלץ געשטאנען אנגעלעהנט אן פאטעל. דיא געמאכטע ענערגיע האט איהם פערלאזען און ער האט געציטערט מיט אלע גליעדער.

—מיין חערר — האט איהם דער מאיאר געזאגט — עס איז פון אונזער זייט גרויזאם אזוי אפצופרישען און אייך דיא ביטערסטע ערא‌ינערונגען, און מיר וואלטען עס אויך ניט געוואגט צו טהאן ווען ניט דיא יעצטיגע אונטערזוכונג וואלט עס פון אונז געפאדערט.

דער קאפיטאן האט ניט געענטפערט. ער איז געוועזען, וויא עס האט אויסגעוויזען, פארשלונגען אין דיא בעטראכטונגען פון דער פערגאנגענהייט, וועלכע האט איהם איצטער געפייניגט.

—גליקליכער וייזע וועלין מיר ניט לאנג דארפין זוכען — האט ארלאוו פארטגעזעצט— דען דער בריעף פון גענעראל זאגט אלעס קלאר; נור איינינע מינוטען וועלין גענוג זיין צו געפינען דאס קעסטעלע.

—אבער דא וועלין נייטיג זיין וועלכע געצייג, הער גראף — האט געזאגט, זשערמען זיך קעהרענדיג צום מאיאר.

—דאס איז ריכטיג! — האט דער מאיאר צוגעגעבען.

—איך וויל געהן רופען א דיענער מיט א האמער און דלאט... קאפיטאן לעמלין וועלכער האט זיך דערוויילע אין גאנצען ארונטער געלאזען אין פאטעל, נעבען וועלכען ער איז געשטאנען, איז ביי דיעזע ווערטער אויפגעשפרונגען און האט געשריען:

ניין, ניין!... איך וויל ניט!... איך וויל ניט מען זאל דא אריינגעהן... זשערמען דוא ברייננ אליין דיא געצייג.

און אלס זשערמען איז ארויסגעגאנגען אום אויסצופיהרען דעם בעפעהל, האט דער קאפיטאן אנגעקוקט זיינע געסט מיט אויגען פול פון טרעהרען, און האט געזאגט:

—פערצייהט מיין בענעהמען!.... איך האב זיא אזוי געליעבט!...

דער מאיאר און דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האבען זיך פארנייגט שווייגענדיג און פונקט וויא זיי וואלטען וועלען זאגען:

—א, מיר פאדשטעהען וויא איהר ליידעט, ליעבער הערר!

זשערמען איז צוריקגעקומען מיט דיא געצייג.

—מאך צו דיא טיר אז קיינער זאל ניט אריינקומען — האט איהם קאפיטאן לעמלין געזאגט שטיל.

זשערמען האט צוגעמאכט דיא טיר און האט זיך געקערט צום מאיאר ארלאוו:

—וואס דארף איך טהאן? — האט ער געפרעגט.

ארלאוו האט זיך אומגעקעהרט צו קאפיטאן לעבלין און האט בעמערקט:

—לויט דעם בריעף פון קאפיטאן געפינט זיך דאס קעסטעלע פיער פוס פון וואנד, אונטערן בעט.

—דאס איז מעגליך — האט געזאגט לעמלין מיט א פערצווייפעלטער גלייכגילטיקייט.

—מען מוז אלזא אפציהען דאס בעט.

און דער מאיאר האט געגעבען א צייכען צו זשערמען זיך צו נעהמען פאר דער ארבייט.

קוים אבער האט דיזער אפגערוקט איין זייט פון בעט און האט ענטבלויזט דיא וואנד וועלכע איז ביז אהער געוועזען פערשטעלט דורך דאס בעט, האט דער קא־פיטאן געלאזט הערן פון זיך איין פערצווייפעלטעס געשריי, פונקט וויא איין פעראורטהייל־טער וועלכער זעהט פיר זיך דאס עשאפאט, און איז ארונטער געפאלען פון פאטעל וויא טויט.

דיא דריי פערזאנען וואס זיינען געשטאנען ארום איהם האבען איהם געזעהן צוזא־מענזינקען וויא א מענש וואס האט ערהאלטען איין טויטשלאג, און דאן בלייבענדיג אונ־בעוועגליך אויפען פארקעט.

זשערמען איז געלאפען איהם אויפהויבען. אויך דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט זיך איינגעבויגען.

—איז ער טויט ? — האט געפרעגט דער מאיאר.

—ניין — האט זיא געזאגט אויפהייבענדיג דעם קאפּ — ער איז נור אהנמעכטיג.

—נאך אזא אויפרעגונג — און ער איז טויט ! — האט דער מאיאר געמורמעלט.

—אָ, דאס וועט זיין צו פריה — האט דיא דאמע געזאגט, און אויף איהרע ליפּען האט געשפּיעלט יענעם רעטזעלהאפטע שמייכעלע וועלכעס האט שוין מאנכען געמאכט פיהלען וויא א קעלט איבערן רייב.

וועהרענד זשערמען האט אויפגעהויבען זיין הערן אום איהם אוועקצוטראגען, הא־בען זיך דיא אויגען פון דער יונגער פרוי געריכטעט נאך יענער זייט, וואו א שטיק וואנד האט זיך ארויסגעזעהן נאקעט, נאכדעם וויא דאס בעט איז פון דארטען אפּגערוקט גע־רוקט געווארען און א שטיק פון דער טינסטור איז ארונטערגעפאלען.

—זעהט ! — האט זיא געזאגט.

זיא האט געוויזען מיט דער האנד דעם מאיאר אָרלאָוו אויף דעם בלוטיגען אבדרוק פון א האנד וועלכע האט זיך געזעהן אויפען וואנד און וועלכע איז שוין געווע־זען האלב אפּגעווישט.

דאס איז געוועזען דער אבדרוק פון א קליינער האנד, פון א דאמענהאנד.

אה, איך פערשטעהע ! — האט דער מאיאר אויסגערופען.

—און זאל מיר איינער איצטער זאגען אז ער גלויבט ניט אין דיא פאָרזעהונג, און אין דיא פערדינטע שטראפע !

....

זשערמען, האט אוועקגעטראגען זיין הערן איז א צימער, און האט דאן אנגעקוקט פראנענד דעם מאיאָר אָרלאָוו, וועלכער איז איהם נאכגעגאנגען.

—עס איז גאנץ איבעריג צו זוכען א דאקטאר פאר דיין הערן — האט דער מאיאָר געזאגט — ער וועט אליין קומען צו זיך פון זיין אהנמאכט.

—זשערמען האט אויך געזאגט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה — געהט צוריק אין יענעם צימער, נעהמט א שוואם און וואשט ארונטער יענעם אבדרוק פון וואנד.

—יא, מאדאם — האט דער דיענער געענטפערט מיט אונטערגעבענהייט.

—עס איז איך ניט נייטיג — האט זיא ווייטער געזאגט — דאס דער קאפיטאן זאל מארגען ערפאהרען וואס מיר האבען געזעהן. ער דארף גלויבען אז ער האט נור געהאט א בייזען טרוים, און דאס זיין אייגענעס געוויסען האט איהם געוויזען א צייכען פון זיין פערברעכען, וועלכעס עקזיסטירט נאר אין זיין פאנטאזיע.

זשערמען איז ארויסגעגאנגען. דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט זיך דאן אנידערגעזעצט נעבען מאיאר, גאנץ ערמידעט.

—מען מוז דיעזען מענטשען פפלעגען — האט זיא געזאגט — עס איז נייטיג ער זאל לעבען און זאל זיך אין מיך פערליעבען...

—אַה, ער האט שוין גענוג געליטען! — האט דער מאיאר אייסגערופען.

—גלויבט איהר אזוי? און דיינקט איהר ניט אז גענעראל רוביני האט געליטען אין דיא לעצטע שטונדען, ווען ער האט געטראכט פון פעררעטה פון זיין ווייב? דיינקט איהר ניט אז מאַרטהאַ איז געשטארבען נאך א ביטערן קאמפף און א שרעקליכע גסיסה?

דער מאיאַר האט איינגעבויגען דעם קאָפּ און געשוויגען.

—אָ, דאס זיינען נאָך ניט גענוג געוויסענסביססע פיר דיעזען מענשען, ער מוז שטערבען פון יענער וואהנזיניגער און פאטאלער ליעבע, וועלכע גאט האט מיר געגעבען דיא קראפט איינצופליסען, און ביי וועלכער אלע האפנונגען געהען פערלארן.

—איהר זייט אונערביטליך — האט דער גראף אָרלאָוו געמורמעלט, אונער־ביטליך וויא דאס שיקזאל.

—אַה, דאס איז דעפאר, וואס שוין פינף יאהר זייט איך געה נאך דעם בלוטיגען שאטען וועלכער שרייט אום ראַכע, און גיט מיר קיין אויגענבליק רוהע; דאס איז דער־פאר וואס שוין פינף יאהר וויא איך טראג טויט אין הערצען, און וואס דיעזער טויט איז מיינע איינציגע ליעבע!

אכטעס קאפיטעל.

דיא ליעבע אלס ראַכע.

אלס קאפיטאן לעמלין איז געקומען צו זיך פון זיין אָהנמאכט האט ער זיך געפונען אין בעט, אין דעמזעלביגען צימער פון שלאָס, וועלכעס ער האט בעוואוינט אין שלאָס רוביני מיט א יאהר צוריק, אלס זיינע פרוי האט נאך געלעבט.

איין האלב־דונקעל האט געהעררשט אין דיעזען צימער, וועלכעס איז נור ערהעלט געווארן דורך א היינגלאמפע מיט א שטארקען ווייסען אבאזשור, און א שוואכען פייער אין קאמין.

עס איז געוועזען אום דריי אוהר נאך האלבע נאכט. אנפאנגס האט זיך דער קאפיטאן אליין ניט דערקענט אין דיעזען צימער, וועלכעס האט איהם אויסגעוויזען זעלטזאם פערווירט און פאנטאסטיש. דאן האט ער זיך געפרעגט „וואו בין איך?״

נאכדעם וויא זיין בליק האט זיך ביסלאכוויז צוגעוואוינט צו דער דונקעלהייט, האט ער זיך דערמאהנט אז ער געפינט זיך אין רוביני, אין זיין אייגענעם צימער.

—אבער וויא אזוי קומט ער אהער?

דורך דיא גוואלטיגע אויפרעגונג וועלכע ער האט איבערלעבט דיא איינציגע שטונדען איידער ער איז געפאהלען אין אהנמאכט, איז קאפיטאן לעמלין אזוי צומישט געווארן,

דאס ער האט פארלארן אויף א קורצע ווײלע זײן כח הזכרון. ער האט זיך אין אנפאנג נאָר פערגעסען דיא אורזאכע וואס האט איהם געמאכט פארלאזין פאריז און קומען נאך רוביני. עס האט זיך געבילדעט אין זײן געהירן א בלויז פון א גאנצען יאהר, און איהם האט זיך אפגעדוכט, דאס ער איז נאך גאר ניט אוועקגעפאהרען פון רוביני, דאס זײן ווייב מארטהא לעבט נאך, און ער איז נאך גליקליך...... איהם האט זיך געדאכט דאס ער איז דאס יעצט צוריקגעקומען פון אײנעם פון זײנע געוועהנליכע שפאציער־גענגע פון ברעג ים.

אָבער דיעזער אנגענעהמער טרוים האט ניט מעהר אנגעהאלטען וויא אײניגע אוי־גענבליקע. ביסלאכווייז זײנען איהם זײנע געדאנקען צוריקגעקומען ביז ער איז ווידער געוועזען דערזעלביגער עלענדער אונגליקליכער וויא געסטערן.

ער האט זיך דערמאהנט דאס מארטהא איז טויט.... און אלע אײנצעלהייטען פון יענער געהיימניספאָלער דראמע, וועלכע נור ער און זשערמען האבען בייגעוואוינט, זײנען איהם איבערקומען מיט אמאהל און האבען דערוועקט דעם שמערץ פון געוויסענסביסע.

ער האט זיך נאך אבער אלץ ניט געקענט דערקלערן וו־א אזוי און וויא ער געפינט זיך אין זײן צימער אין שלאָס רוביני. פון וואנען ער איז פאריגעס יאהר אוועקגעפאה־רען נאך דער בעערדיגונג פון זײן ווייב.

וועהרענד ער האט זיך געזוכט דאס צו ערקלערן, האט ער פלוצלונג בעמערקט איין שאטען זיך בעוועגען אין א ווינקעל פון צימער, ביין קאמין. דאס איז געוועזען דיא פאָרם פון א פרוי.

אין דעם קראנקען געהירן פון דעם פערווירטען קאפיטאן לעמלין איז געקומען דער שרעקליכער געדאנקען, דאס ער ווערט פערפאָלגט פון גייסטער.... ער האט געגלויבט אז מארטהא איז ענטשטיגען פון איהר קבר.... און אזוי וויא דער שאטען האט זיך גערוקט נעהענטער צו זײן בעט, איז דער געוועזענער העלד פון שלאכטפעלדע, און דער אונערביטליכער מענש אין פריוואט-לעבען, איז צו ציטערט געווארן, איז אויפגעשפרונגען, אין בעט בלאס וויא דער טויט, מיט א קאלטען שוויים אויפען שטירן, און האט ניט מיט זײן קול געשריען:

—מארטהא, מארטהא!.... קום ניט נעהנטער!.... פערצייהונג!.... איך האב געװאָלט נעליטען!.... איך האב געװאָלט חרטה געהאט!....

אבער דער שאטען האט געמאכט נאך א טריט און א האנד האט אנגעריהרט דיא האנד פון קאפיטאן.

—וויא פיהלט איהר, מיין הער? — האט געזאגט א זיסע הארמאָנישע שטימע.

דער שרעק פון קאפיטאן איז אויגענבליקליך פערשוואונדען געווארן.... ער האט אויפגעהערט צו שרייען און איז צוריקגעפאלען אין בעט, פערווירט, צומישט, ניט־וויסענ־דיג וואס דאָ טהוט זיך מיט איהם.

אלס ער האט דערקענט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה ביי זײן בעט, האבען זיך ערשט אין איהם אויפגעוועקט דיא לעצטע ערשיינונגען און דער צוזאמענהאנג

פון זיין קומען אהער איז איהם גלייך געווארן קלאר. ער האט זיך דערמאהנט אן מאיאר ארלאוו, זיין רייזע אהער, נעבטיגע סצענע, און דער בלוטיגער אבדרוק אויפען וואנד....

אבער דא איז זיין זכרון געבליבען שטעהן.

—וואס האט מיט איהם פאסירט דערנאך? — האט ער זיך געפרעגט. האבען זיינע געסט ווירקליך געזעהן דעם בעוויז פון זיין פערברעכען?

דיזער געדאנקען האט איהם צוגיגעבען ענערגיע און קלארהייט פון פעשטאנד. דיא געפאהר פערראטהען צו ווערין האט אוועקגעטריעבען אלע אנדערע מורא'ס. ער האט צוגעשלאסען דיא אויגען און האט זיי ווידער געעפענט וויא איינער וואס חאפט זיך אויף פון שלאף און האט געפרעגט;

—ווער רערט צו מיר?

דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה איז צוגעגאנגען צום קאמין, האט גענומען איין ליכט מיט א לייכטער, חאט אנגעצונדען און האט צוריק־געקעהרט צום בעט.

דער קאפיטאן האט געזעהן דעם מעלאנכאלישען שמייבעלע אויף איהרע ליפען, דעם קומערפאלען און זיסען בליק און האט געהערט נאך אמאהל וויא זיא האט גע־פרעגט מיט איהר זיסער הארמאנישער שטימע:

—וויא געהט עס אייך, מיין הערר? פיהלט איהר אייך בעסער?

דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט אוועקגעשטעלט דאס ליכט אויף א טישל, האט אנגעגאסען א לעפיל מיקסטור פון א פלעשיל און האט זיך געווענדעט צום קאפיטאן:

—טרינקט — האט זיא געזאגט מיט א שמייבעל.

—מיין גאט! וואס האט פאסירט? וואו בין איך? ווער זייט איהר, מאדאם?—האט לעמלין געפרעגט, בכומרשט וויא ער געדיינקט קיין זאך ניט.

—פריהער טרינקט, מיין הער — האט דיא דאמע געזאגט מיט א שמייבעל וועלכען מען קען ניט ווידערשטעהן.

ער האט ארונטערגעשלונגען דעם געטראנק און האט זיא אנגעקוקט מיט גוט־געשפיעלטען ערשטוינען.

איהר פרעגט וואו איהר זייט? — האט געזאגט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה, זיך זעצענדיג מיט גראציע אין א פאטעל ביים בעט — איהר זייט ביי זיך מיין הערר, אין שלאס רוביני....

אה! — האט דער קאפיטאן אויסגרופען מיט געמאכטע פערוואונדערונג.

—איך בין דיא טאכטער פון פערשטארבענעם גענעראל — האט זיא ווייטער גע־רעדט, — און בין געקומען צו אייך מיט מאיאר ארלאוו.... א, איהר מוזט אונז פערצייהען, מיין הער, מיר זיינען געווים שולדיג אין אייער שמערץ.... איהר זייט געפאלען אין אהנ־מאכט, און מיר האבען אויגענבליק אלעס פערגעסען און האבען נור געטראכט וועגען אייך.

דיזע ווערטער האבען וויא דיסע מוזיק געקלונגען אין דיא אויערן פון קאפיטאן לעמלין.

—זיי ווייסין גאר ניט — האט ער ביי זיך געטראכט.

דאן האט ער זיך א קלאפּ געטהאן אין שטערן און האט גינעבען א געשריי, וויא איי־נער וואס האט זיך ערשט אלעס דערמאָהנט; נאכהער האט ער אריינגענומען זיין קאָפּ צווישןביידע הענד און האט געמורמעלט מיט א פערשטיקטער שטימע:

—אָ, מארטהא, מארטהא!....

דיא דאמע האט איהם ערגריפען ביי דער האנד און האט זיא לייכט געדריקט.

—מיין הערר, מיין הערר!.... און דיעזער אויסרוף האט געקלונגען אזוי זיס, אזוי אנ־גענעהם, דאס עס וואלט געקענט טרויסטען א פערצווייפעלטען.

—אָ, איהר דארפט מיר פערצייהען, מאדאם, איך דארף ביי אייך בעטין פארגעבונג! איהר זייט אזוי גוט.... איהר בעדויערט איין אונגליקליכען וואס האט ניט קיין האָפנונג, ניט קיין גליק.... ענטשולדיגט מיך וואס איך האב אייך געפיהרט נאך רוביני אום אייך צו צייגען מיינע שוואכקייט....

—אָ, ניין, מיר האבען אייך צו בעטען אום פערגעבונג.... אבער דיא גרויסקייט פון אייער שמערץ האט געוואונען אונזערע הערצען, מיר ווּעלען זוכען אייער שמערץ צו פערזיסען, איהם פערקלענערן....

א לייכטער נערוויס האט זיך געלאזט הערן ביין טיר און האט אונטערבראכע דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה.

—הערײן! — האט זיא אויסגערופען.

מאיאר אָרגאָוו האט זיך בעוויזען אויפען שוועל. דער קאפּיטאן האט געווארפען אויף איהם א פערדעכטיקען בליק: צו האט ער ניט געהאט געזעהן דעם בלוטיגען אב־דרוק אויפען וואנד; אבער דער רוסע האט געטראגען א פריינדליכען שמייכעל אויף דיא ליפען, און זיין אלטעס געזיכט האט געשטראהלט פון צופרידענהייט.

—אהאַ! דאַ זעהט איהר מיין קינד, אז האב רעכט געהאט — האט ער זיך געווענדעט צו דער דאמע — איך האב אייך געזאגט אז דיא ערמאטונג פון קאפיטאן וועט ניט אנ־האלטען לאנג, און איהר זעהט אז מיינע מעדיצין האט געווירקט...

דער קאפיטאן האט איהם אונטערבראכען און האט איהם גערייכט דיא האנד.

—איהר וועט מיך ענטשולדיגען, מאיאר, פיר דיא זארגע וואס איך האב אייך גע־געבען דורך מיינע שוואכקייט; אבער מארגען וועל איך ווידער זיין געזונד און מונ־טער... איך זאג עס אייך צו.... און מיר וועלען זוכען יענעם קעסטעלע....

—אבער דערווייליע, מיין טהייערער קאפיטאן, מוזט איהר זיך פערהאלטען רוהיג, און אז איך בין שוין יא אייער דאָקטאר דארפט איהר מיר א ביסעלע פאָלגען.... איהר מוזט נעהמען נאך א לעפעלע מיקסטור, און רוהען מינדעסטענס נאך 5 אדער 6 שטונדען.

איך וועל פרובירען האט דער קאפיטאן געזאגט געהארכזאם.

—יעצט וועלען מיר אייך פארלאָזען — האט דער מאיאר פארטגעזעצט — אייער קאמערדינער האט אונז איינגעאָרנעט דיא צימער וועלכע איהר האט פיר אונז בעשטימט, און מיר קענען זיך צוריקציהען. גוטע נאכט....

—אדיע — האט געזאגט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה, און דאס זאגענ־דיג האט זיא זיך אויפגעהויבען, האט גענומען דאס ליכט און גענאנגען צום טיר. אויפען

שוועל האט זיא זיך אומגעדרעהט, האט צוגעווארפען דעם קאפיטאן א בליק און א שמייכעל, און איז פערשוואונדען....

דאס צימער איז געבליעבען אין דער פינסטערניס, און דאך האט עס דעם קאפיטאן אויסגעוויזען אז דער בליק און דער שמייכעל פון דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה בעלייכטען איהם נאך, און ער האט געמורמעלט:

—איך האב מורא איך קען זיך נאך פארליעבען!

דיא געוויסענסביסע, דיא אהנמאכט און דיא פיין — אלעס איז אזוי וויא פערשוואונדען געווארען פאר דעם ליכטיגען שמייכעלע פון דיעזער דאמע, פונקט וויא דער טומאן פאר דיא ערשטע שטראלען פון דער זאננע. זיינע פערצווייפלונג און לעבען האט אנגעהויבען צו פערשווינדען און דער מאנן וועלכער האט זיך שוין בעטראכטעט וויא אויפען ווים פון איין אפענעם קבר, האט ווידער אנגעהויבען צו האפען....

אבער אינמיטען דיעזע חלומות האט איהם איין געדאנקען דאך געלעכערט אין הארצען: „זיא טאר דערפון קיינמאהל ניט וויסען" — האט ער זיך געזאגט — „איך וויל זיא זאל מיך ליעבען".

פלוצלונג האט דער קאפיטאן א שפרונג געטהאן פון בעט, איז געלאפען צום קאמין, האט אויפגעבלאזען א פייעריל אין ברענענדען קאמין און האט אנגעצונדען א ליכט. דאנן האט ער שנעל ארויפגעחאפט אויף זיך א שלאף־ראק און מיט דער ליכט אין האנד האט ער פארזיכטיג געעפינט דיא טיר, איז דורכגיגאנגען אויף דיא שפיטץ פינגער א זאל, און איז דאן ארויס אין קארידאר, וואו עס האט זיך געפונען מארטהא'ס צימער.

אלעם האט געשלאפען און א טיעפע שטילקייט האט געהערשט אין שלאס.

דער קאפיטאן איז מיט פעסטען טריט דורכגיגאנגען דעם קארידאר. פון זיין אויפרעגונג פון געסטערן איז מער קיין סימן געוועזען. איצטער איז ער געוועזען א מענש ואס וויל לעבען, וואס וויל געליעבט ווערין. וואס זוכט גליק און פערגעסענהייט.

ער איז געגאנגען פערניכטען דעם בעוויז פון זיין פערברעכען.

—ווער אבער האט דעם שליעסעל?

—וואהרשיינליך זשערמען.

—דער קאפיטאן האט געמוזט געהן צוריק אין זיין צימער. איבער זיין בעט איז נעבען האנגען א גלאקע׳ שנור, וועלכע איז געוועזען פערבאייניגט מיט דעם צימער פון זיין קאמערדיענער אויפען צווייטען שטאק.

ער האט געקלונגען, אין אייניגע אויגענבליקע דארויף איז ערשיענען זשערמען און איז גאניץ ערשטוינט געוואנן צו געפינען זיין הערין אנגעקליידעט, אין האלבע נאכט, און אין דער האלטונג פון א מענשען וועלכער איז ערשט צוריקגעקומען פון א געהיימניספאלען שפאציערגאנג.

דער קאפיטאן האט איהם אבער קיין צייט געגעבען צו עפענען דעם מונד.

—זשערמען, דוא האסט געוויס דעם שליעסעל פון מאדאם'ס צימער?

—געוויס, מיין הערר.

—וואו איז ער?

—היער, ביי מיר.

—דאן קום מיט מיר.

—צו מאדאם׳ס צימער? — האט דער דיענער געפרעגט פערוואונדערט.

—יא — האט לעמלין געענטפערט רוהיג.

—זאנדערבאר! — האט זשערמאן געמורמעלט — מיין הערר רעדט פון געהן אין יענעם צימער פונקט וויא פון א שפאציערפאהרט דורך א פארק.

אזוי וויא דער קאפיטאן איז געוועזען ערנסט, האט זשערמען ניט מעהר געוואגט צו מאכען זיינע בעמערקונגען, און איז מיטגעגאנגען מיט העקטאר לעמלין.

דיעזער האט יעצט גענומען דעמזעלביגען וועג וועלכען ער האט א ווייל פריהער דורכגעלאפען, האט ערגרייכט דיא שוועלע פון מארטהא׳ס צימער און האט געהייסען זשערמען אויפשליעסען.

זשערמען האט געפאלגט.

דער קאפיטאן איז איינגעטרעטען אהן א האר אויפרעגונג, מיט דער ליכט אין דערהאנד, און האט געווארפען א שנעלען פארשענדען בליק ארום זיך. דאן איז ער געגאנגען גלייך צו דעם פלאטץ אויפען וואנד, וועלבער האט זיך אויפגעדעקט דורך דאס אפרוקען פון בעט.

וועלבע איבערראשונג! דער אבדרוק איז געוועזען פערשוואונדען.

—זשערמען! — האט דער קאפיטאן אויסגערופען, ווייזענדיג מיט׳ן האנד אויפען וואנד, וועהרענד ער איז געווארן אונרוהיג.

—וואס איז געשעהן? — האט זשערמען געפרעגט בלומרשט גאנץ אונשולדיג.

—זעהסט דוא ניט?

—וואס?

—אויפען וואנד איז קיין זאך מעהר צו זעהן.

—וואס האט איהר דען געוואלט זעהן אויפען וואנד?

—יענעם אבדרוק....

—וועלבען אבדרוק?

—פון דער האנד.

—איך וויים ניט וואס דער הערר ווילל׳

—וויא? האסטו ניט געזעהן, דאן ווען דוא האסט אפגעצויגען דאס בעט פון איהר שטעלע?....

—איך האב קיין זאך געזעהן — האט זשערמען געענטפערט.

—איך האב דאך אבער ניט געטרוימט.... דערזעהענדיג יענעם אבדרוק בין איך יא געפאלען אין אהנמאכט....

—דער זכרון פון הערן איז פיליכט ניט גאנץ ריכטיג — האט זשערמען געענטפערט — און דער הערר האט גערעדט פון היטץ.... אזעלבע ערראינערונגען האבען פיליכט געמאכט דעם הערן צו זעהן איין אבדרוק אין דער פאנטאזיע....

—זאנדערבאר! — האט דער קאפיטאן געמורמעלט — דאס איז זעהר מעגליך....

דאן האט ער האסטיג א פרעג געטהאן.

—וואס האט דאָ פּאסירט נאָך מיין צוזאמענזינקען ?

—דער מאיאר און יענע דאמע האבען אלעס אוועקגעווארפען און זיינען געלאפען צו אייך. מען האט אייך אויפגעהויבען און איך האב אייך געטראגען אין אייער צימער....

—זיינען זיי ניט געוועזען ערשטוינט איבער מיין צוזאמענזינקען ?

—ניין, דען מיין מעשה האט זיי אלעס פערענטפערט.

—וועלכע מעשה ?

—איך האב זיי דערציילט אז צייט דיא מאדאם איז געשטארבען ווערט מיין הערר געפּלאגט פון בייזע חלומות, איבעראל דיינקט ער צו זעהן מאדאם....

—געגוג, איך פערשטעה !

דאן האט העקטאר לעמלין נאָך אַ מאהל דורך געזוכט אלע ווינקלאך אין צימער. יעדעס שטיקעל מעביל בעזונדער, פּונקט וויא אום זיך צו איבערצייגען, אז דער מאיאר און דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האבען קיין זאך ניט געקענט האבען בעמערקט, און האט געזאגט בערוהיגט:

—דאָ איז קיין זאך נימאָ !

—אָ, דער הערר וויים אז מיר זיינען געוועזען פארזיכטיג לעצטעס יאהר איידער מיר האבען פערלאזען רוביני....

—שוויג ! דוא ווייסט וועלכען פּרייז איך האב ארויפגעליינט אויף דיין שווייגען.

—אָ, געוויס, מיין הער איך האב מיך ניט צו בעקלאגען איך וואלט געוועזען אזוי צוגעבונדען צו אייך און וואלט מיר געוואלט לעבען אויף מיין אייגענעם פערמעגען. וואלט איך עס געקענט גאנץ זיכער.

—נו, גוט — האט איהם דער קאפּיטאן איבערגעשלאָגען — איך זאג דיר צו דרייסיג טויזענד פראנק מעהר, אויב....

—אויב ?....

—אויב איך וועל הייראטהען דיעזע דאמע וואס ביי׳ ״יט דעם מאיאָר.

—מיין הערר וועט זיא געוויס הייראטהען.

לעמלין האט יעצט געפיהלט איינע אויפרעגונג פון פריידע, און דער הערר מיט׳ו דיענער האָבען פערלאָזען דאס טויטענצימער פון מארטהאַ און זיינען ארוים אין קאָרידאָר.

זשערמען האט צוגעמאכט דיא טיר און איז נאכגעגאנגען לעמלין.

דער טאָג האט יעצט אנגעפאנגען אויפצוברעכען, אבער אלעס האט נאָך געשלאפע! אין שלאָס. מינדעסטענס האט עס אזוי אוסיגעוויזען. אבער מאכענדיג איינינע טריט איבערן קארידאר האט זיך דער קאפּיטאן אָפּגעשטעלט. איהם האט אויסגעוויזען דאס הערט טריט פון דער ענטגעגענגעזעצטער זייטע.

דיא טריט האבען זיך געהערט אראָפּגעהענדיג דיא גרויסע טרעפּ, און קאפּיטא! לעמלין האט מורא געהאט זיך ניט אנצוטרעפען מיט וועמען עס איז פון דיא אלטע דיענער, וועלכע האָבען, וויא איהם האט אויסגעוויזען, נאָך אימער געהאט וועלכען חשד. איין אויגענבליק האט דער קאפּיטאן געהאט בדעה צו לויפען צוריק, דער קארידאָר האָט

צ אויך אויפען אנדערן זייט געהאט א טרעפ. אבער איין געפיהל פון שטאָלץ האט איה צוריק געהאלטען. ער איז אלזא געגאנגען ווייטער ביז צום ענדע פון קארידאָר.

איין מאנן האט זיך בעוויעזען אויפען לעצטען אונטערשטען טרעפיל, און האט זיך בעגעגענט מיט'ן קאפיטאן געזיכט צו געזיכט.

דאס איז געוועזען מאיאָר אָרלאָוו.

—וויא ? איהר זייט שוין אויפגעשטאנען, הער גראף ? האט לעמלין געפרעגט.

—איך האב דאס אייך געזוכט — האט דער מאיאָר געענטפערט קאלט.

—מיך ?......

—נו, יא. דער צושטאנד אין וועלכען איך האב אייך געסטערן געלאזען, האט מיר געמאכט וועלכע אונרוהע און איך בין געגאנגען זעהן וואס איהר מאכט.

—ווירקליך — האט דער קאפיטאן געשטאמעלט — און איהר זייט געוועזען ביי מיר ?

—יא, אבער איך האב געפונען אייער בעט לעער, און איך האב ביי מיר געטראכט, דאס פיליכט זייט איהר אויפגעשטאנען צוליעב א קאָפּ שמערצען, וועלכער קומט גאנץ געוועהנליך נאך אזעלכע אויפרעגונגען וויא איהר האט געהאט, אום צו אטהעמען פרייע לופט......

—דאס איז וואהר — האט דער קאפיטאן געענטפערט, אָנהאפענדיג זיך מיט ביידע הענד פארן גוטען פאָרוואנד וועלכען זיין נאסט אליין האט איהם געגעבען.

—עס איז מיר נור א חידוש דאס איהר געהט שפעט לופט אין א קארידאָר. האט איהר פיליכט געהאט דיא פאנטאזיע איינצודרינגען אין יענעם צימער וואו אייך האט פאסירט דער אונפאל ?

דער קאפיטאן האט געפיהלט וויא ער ווערט רויט.

—אָ, ניין... איך וויל זיין א מאנן און בעזיגען דעם שמערץ... אבער יעצט בין איך שלעפעריג — האט ער געזאגט אום צו ענדערן דאס געשפרעך — אויף וויעדערזעהן

ער האט געגריסט גראף אָרלאָוו און איז געגאנגען ווייטער, וועהרענד דער לעצ־טערער האט זיך איבערגעקוקט שנעל מיט זשערמען, און איז געגאנגען צו זיין צימער.

דריי אדער פיער שטונדען נאך דער בעגעגעניס מיט דעם גראף אָרלאָוו האט דער קאפיטאן העקטאָר לעמלין פאַרלאזען זיין צימער און האט זיך געווענדעט צו דיא צימערן פון זיינע געסטע.

דער מאיאָר און דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה זיינען שוין לאנג געווע־ען אויפגעשטאנען, און זיי האבען עמפפאנגען הערערן לעמלין מיט צופריעדענהייט. דער קאפיטאן איז איינגער געווארען מיט צעהן יאהר. דער מאנן וואס איז געסטערן געוועזען א צובראָכענער אלטער, איז איצטער אויפגעטרעטען וויא א יונגער מאנן מיט א מיליטערישער האלטונג.

דער קאפיטאן האט געזוכט צו געפאלען, ער האט געוואלט געליעבט ווערען. דאס איז געוועזען דער גאנצער סעקרעט פון דער אומוואנדלונג.

ער האט זעהר גאַלאנט געקיסט דיא האנד פון דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה, האט געדריקט דעם מאיאָרס האנד און האט געזאגט מיט א מעלאנכאָלישען שמייכעל:

—איך קום גוט מאכען וואס איך האב געפעהלט, דאנקען מיין דאקטאר און מיינע שיינע קראנקען־ווערטעריןֿ, און מיך שטעלען צו אייער פערפיגונג, אום אויסצוגעפינען דאס קעסטעלע.

—פיהלט איהר זיך נאך ניט צו שוואך? — האט געזאגט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה, ווארפענדיג אויף איהם א בעצויבערנדען בליק.

—ניין, מאדאם; נאך אזוי פיעל שוואכקייט איז געקומען א רעאקציאָן און איך פיהל מיך שטארק.

—אין דעם פאל קענען מיר געהן — האט געזאגט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה.

זיא האט זיך אויפגעהויבען און האט געדייכט איהר ארעם דעם קאפּיטאן, וועלכער האט אויפגעציטערט.

דאן ערשט צום ערשטען מאהל האט דער קאפּיטאן בעמערקט, דאס דיא גינקע האנד פון דער דאמע איז אָנגעטהאן אין א שווארצען האנדשוה:

מאדאם — האט לעמלין געזאגט שטיל, ארויסגעהענדיג מיט דער דאמע פון ציי־מער — איז עס אזוי דיא מאָדע אין רוסלאנד צו האלטען איין האנד אין א האנדשוה?

דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט אויפגעציטערט. דער קאפּיטאן האט געפיהלט איהר ארעם ציטערנדיג אין זיינעם; אין דעם אויגענבליק האט זיך דער מאיאר געווענדעט צום קאפּיטאן:

—יעדער איינציגער, מיין העררע, בעזיצט א סעקרעט, דער שווארצער האנדשוה איז דער סעקרעט פון דער דאמע, און זיא קען אייך איהם ניט אנפערטרויען.

קאפּיטאן לעמלין האט זיך געביסען דיא ליפּען, האט אנגעקוקט דיא יונגע פרוי און איהם האט אויסגעוויזען דאס זיא איז געווארען טויט־בלאַס.

—קומט שנעל! — האט זיא אונטערגעאיילט.

העררע העקטאר האט געפיהרט זיינע געסט דעמזעלביגען וועג וויא געסטערן, האט געעפענט דיא טיר פון יענעם צימער און האט אריינגעלאזען דעם מאיאר און דיא דאמע פאר זיך.

דער מאיאר אָרלאָוו האט אָפּגעמאָסטען דיא ציילען שטיינער אונטערן בעט און האט אנגעוויזען אונטער וועלכען עס דארף ליגען דאס קעסטעלע, לויט דעם בריעף פון גענעראל.

קאפּיטאן לעמלין האט גענומען דעם האמער און דלאָט וואס זשערמען האט גע־האט איבערגעלאזען פון נעכטען און האט אָהן מיהע געעפינט דעם פיער־עקיגען שטיין וואס מאיאר אָרלאָוו האט אנגעוויזען. אונטער איהם איז געלעגען איין אייזערנע קעס־טעלע, וועלכעס דער קאפּיטאן האט ארויסגענומען מיט ציטטערנער הענד.

א קלייגער שליסעלע האט געשטעקט אין טירל פון קעסטעלע, און דער מאיאר האט עס אויפגעעפענט. קאפּיטאן לעמלין האט נייגיעריג אריינגעקוקט אינעווייניג און האט אויפגעשריען פאר ענטזעטצען.

דער אויסרוף פון קאפּיטאן לעמלין איז געווען גאנץ נאטירליך. דאס קעסטעלע איז געווען לעער, און אנשטאט דיא ערווארטעטע ווערטהזאכען מיט דעם פערמעגען, איז

דארין געלעגען נור איין איינציגער בריעף. און דיזער בריעף איז געוועזען אדרעסירט מיט גרויסע אומגעלומפּערטע בוכשטאבען צו איהם אליין, צו העקטאר לעמלין. דאס איז גע־וועזען עטוואס וואס דער קאַפּיטאַן האט זיך אונמעגליך געקענט דערקלערן.

דער בריעף האט געהאט פאָלגענדע אויפשריפט:

„אן הערן קאַפּיטאַן העקטאר לעמלין אין זיין שלאָס רוביני".

אזא אדרעסע האט נאטירליך ניט געקענט שרייבען דער גענעראל. פאלגליך האט עס געשריעבען איין אנדערער; און פאָלגליך האט יענער אנדערער געמוזט ארויסגנב'ענען דאס פערמעגען וואס איז געלעגען אין קעסטעלע און אוועקלייגען אנשטאט דעם דיזען בריעף צום קפּיטאַן.

א ווײלע האט געהערשט א טויטע שטילקייט אונטער דיזע דריי פּערזאָנען. ענדליך האט זיך מאיאר אָרלאָוו געווענדעט צום קאַפּיטאַן:

—לאמיר זעהן, מיין הערר, וואס דער בריעף ענטהאלט: גיט אונז דעם שליעסעל פון דיעזען געהיימניס.

איין בייזעס פּארנעפּיהל האט געמאכט קלאַפּען שטארקער לעמלינס הערץ. זיין האנד האט געציטערט אלס ער האט גענומען דעם בריעף.

זיין ערשטוינען און זיין שרעק איז נאך גרעסער געווארן, אלס ער האט געעפענט דעם בריעף און האט א בליק געטהאן אויפען אונטערשריפט: דער בריעף איז געוועזען אונטערצייכענט פון זשערמען!

מיט געבלענדעטע אויגען האט קאַפּיטאַן לעמלין געלעזען פאָלגענדעס:

„ווערטהער און געעהרטער מייסטער:

איהר האט מיר געמאכט א מתנה דרייסיג טויזענד פראנק פאר מיינע מיהע און מיין פלייס אין צומאכען דיא אויגען פון מאדאם לעמלין, און איהר האט מיר צוגעזאגט נאך דרייסיג־טויזענד אויב איהר וועט ערהייבען דאס בעוואוסטע רעזולטאט. . . איהר האט אלזא אליין דערוועקט מיין אפּעטיט, און איך געפין אז זעכציג טויזענד פראנק פאר אזעלכע דיענסטע וויא איך האב אייך געלייסטעט, איז ניט גענוג. וועהרענד א פּאָר צייל'ען פון מיר צום פּראָקוראָר קענען אייך אוועקשיקען אין א שלעכטען פּלאַטץ. איך האב דעריבער בעשלאָסען צו נעהמען אליין וואס איך קען.

וועהרענד איהר שלאפט נעם איך דעם שליעסעל פון מאדאם'ס צימער, און נעהם ארויס דעם שטיין פון פּארקעט, נעם ארויס דאס אייזערנע קעסטעלע און געפין דארין א גאנץ שיינע סומע. א מיליאָן אין ווערטהפּאַפּיערען און באנק־בילעטין איז שוין נישקשה פון א פערמעגען פיר אזוינעם וויא איך.

דאס נעהם איך צו, און איך האף אז איהר וועט עס פּאַרציהען צו ערזעטצען דיעזע סומע אן גענעראלס טאכטער איידער מיך געריכטליך צו פערפאלגען. עראינערט אייך אן דעם טויט פון מאדאם לעמלין, און וויא אזוי מירביידע האבען איהר צוגעמאכט דיא אויגען.

אייער דיענערקאמער זשערמען".

ווען דיא ערד וואלט זיך אויפגעפענט אונטער קאַפּיטאַן לעמלין'ס פיס, וואלט ער געוועזען ווייניגער ענטזעצט וויא פון דיעזען בריעף. איהם האט יעצט ווייניג געקימערט דיא מיליאָן וואס ער וועט דארפען ערזעטצען דער טאכטער פון גענעראל. ער האט גע־

האט מיליאָנען געגנוגט. אבער דער בריעף אליין האט געמאכט דאס זיינע האר האבען זיך געשטעלט קאפויר און דער קאלטער שוויים איז איהם ארויסגעשלאגען אויף זיין געזיכט. ויא קען ער ווייזען דעם בריעף צום מאיאר און צו דער דאמע — א בריעף, אין וועלכען יעדע צייכע זאגט איהם: „דוא ביסט א מערדער!“

ער האט געפיהלט וויא דיא בליק פון דעם מאיאר און זיין דאמע זיינען געריכטעט אויף איהם. ער האט געלעזען דעם בריעף מאשינמעסיג אבער זיין פערוווירטער געדאנקען איז געווען פארנומען מיט דער פראגע, וויא אזוי ניט צו ווייזען דיעזען בריעף זיינע געסט, אונטער וועלכען אויסרייד איהם צו פערניכטען.

פלוצלונג האט ער מיט א קאָנוואולסיווער בעוועגונג א כאפּ געטהאן דעם בריעף, האט עס צוזאמענגעקנייטשט אין האנד, און האט עס צוריסען אין טויזענד שטיקלאך.

—וואס טהוט איהר, מיין הערר? —האט דער מאיאר אויסגערופען און האט צוגעווארפען דעם קאפּיטאן א פייערינען בליק וויא פון איין אונטערזוכונגס-ריכטער.

דער קאפּיטאן האט פערניכטעט איין בעוויז פון זיין פערברעכען, ער האט אָבער איינגעזעהן, דאס ער וועט ביליג ניט אָפּקומען.

—מיין הערר — האט ער געשטאמעלט — דאס קעסטעלע האט ענטהאלטען א מיליאָן.

—וואו איז עס? — האט דער מאיאר געפרעגט.

—דיעזער בריעף זאגט מיר דאס.... איהר וועט עס האבען.... האט ער געמורמעלט מיט א פארשטיקטע שטימע.

—אבער דיעזער בריעף?.... פון וועמען איז ער?.... פאר וואס האט איהם צוריסען? — האט גראף אָרלאָוו געפרעגט שטרענג — איהר קאכט פון אונז, מיין הערר?

—דער קאפּיטאן איז געווען בלאס ווערענד זיין קערפּער האט קאנוואולסיוו געציטערט.

—ענטפערט, מיין הערר! — האט דער מאיאר געזאָגט.

—איך קען ניט...

—איהר קענט ניט?..

—אַך! — האט דער קאפּיטאן געזיפצעט, און האט זיך וויא פערניכטעט ארונטערגעלאָזען אין א שטול.

ביז צעהן מינוטען איז דער מאנן אזוי געזעסען, ציטערענדיג אם גאנצען קערפּער דאן האט ער זיך פּלוצלונג בערוהיגט, האט זיך אויפגעהויבען, און האט זיך געווענדעט צום מאיאר.

—הערר גראף, איך בין איצטער אין אזא צושטאנד דאס ווען איהר זאלט פון מיר פאָרדערן אנטווארט אויף אייערע פראגען וועגען מיינע אויפפיהרונג יעצט, וועל איך מיך בעסער דורכשיסען א קוגעל דורכין קאָפּ.

—זייט איהר פערריקט! — האט דער מאיאר געזאגט.

—זאל זיין אזוי, אבער איך וויל אייך דערמאהנען, אייך און מאדאם, דאס איך בין נאך פון דעסטוועגען קאפּיטאן לעמלין, דאס איך האב צוויי הונדערט טויזענד פראנק איינגאהמע, און איך האב פּיליכט דאס רעכט צו פערלאנגען א קליינע פערשיעבונג.

—וואס פאר איין אויפשוב פערלאנגט איהר? — האט דער מאיאר געפרעגט.

—מיין הערר — האט דער קאפיטאן געענטפערט — ווילט איהר מיר געבען א שטונדע פיר אייגע אונטערעדונג מיט אייך?

דער מאיאר האט אנגעקוקט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה, פונקט ויא איהר הס... מה וואלט נייטיג געוועזען דערצו.

דיעזע האט גע... אכט א צייכען און האט געזאגט:

—איך געה, און לאז א... ייך אליין.

דיעזע אונטערעדונג האט ק... פיטאן לעמלין ערפונדען אין זיין פערצווייפלונג אלס דאס איינציגע מיטעל ארויסצוגעהן פון ... ער טויט-פיינליכער לאגע אין וועלכער ער האט זיך געפונען. וויא דער פערצווייפעלטער שפיעלער, ... האט ער זיך ענטשלאסען צו שטעלען אלעס אויף איין קארט.

—מיין הערר — האט ער געזאגט צום מאיאר — דער ב... יף וואס איך האב פערניכטעט האט ענטהאלטען א סעקרעט.

—אהא!

—א שרעקליכעז סעקרעט, וועלכער וואלט מיך געצוואונגען זיך זאפאו... ע ארייגצושיסען א קוגעל אין קאפ ווען איך זאל האבען דיא פיינהייט עס צו ענטדעקען. אזוי ... פיעל וואלט איך האבען שאנדע און שרעק פאר זיך אליין. אבער דיעזער בריעף האט מ... יר אויך געזאגט, אז דאס פערמעגען וואס דאס קעסטעלע האט געסטערן ענטהאלטען איז ... גע... גנב'עט געווארן.

—נון?

—נון, מיין הערר, — האט דער קאפיטאן פארגעזעצט — איך מוז דיעזען שאדען גאנץ מאכען, דען מען האט עס פון מיר גענגב'עט, און איך פערלאנג פון אייך פייערליכסט דיא האנד פון גענעראל'ס טאכטער, אום דיא עשירות וואס איך בעזיץ זאל צוריק-געהן צו איהר ערשטער קוועלע.

—מיין הערר, איז דאס אללעס וואס איהר ווילט מיר זאגען?

—אללעס, מיין הערר.

—זעהר גוט, אבער איידער איך וועל אייך ענטפערן וועט איהר מיר ער-לויבען צו בעראטהען זיך מיט דער דאמע אליין.

דער מאיאר האט פערלאזען העקטאר לעמלין און האט אויפגעזוכט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה. ער האט איהר ווערטליך דערציילט זיין אונטערהאלטונג מיט'ן קאפיטאן. דיא יונגע פרוי האט איהם רוהיג אויסגעהערט, און האט דאן געזאגט:

—דיעזער מענש בעזיצט אלע שורקערייען: ער האט אין דער פאסטקע דאך נאך געפונען א טירל וויא זיך ארויסצודרייען פון א געשטענדניס.

—דאס איז וואהר.

—ער דיינקט ער האט זיך גערעטעט, אבער ער האט א טעות. יא מיין גוטער הערטאן, איהר קענט איהם פערשפרעכען מיין האנד און איהם זאגען אז איך בין איינ-

פערשטאנדען איהם צו הייראטהען.

—אה! — האט דער מאיאר אויסגערופען איבערראשט.

—אבער מיט דער בעדינגונג, דאס ער זאל גלייך געהן נאך פאריז, זאל בעזארגען די פאפירען און אלעס נייטיגע פיר אונזער פערבינדונג. מיר וועלין איהם דא ערווארטען.

—אבער איז דאס מעגליך?

—יא. איך וויל עס. אויב ער ליעבט מיך דארף ער וועלען אלץ וואס איך וויל.

—איך וויל איהם איבערגעבען אייער ווינשע.

—אָ, איהר מעגט זאגען מיינע בעפעהלע — האט זיא צוגעזעצט מיט א שמייכעל;— איז ער דען ניט מיין שקלאפע?

—דאס איז וואהר.

זיא האט אויסגעשטרעקט איהר האנד צום וואנד־קאלענדאר און איהר צימער:

—וואס פאר א טאג האבין מיר היינט?

—דעם פיערצעהנטען.

—גוט! נעהמט זיך דאס אריין אין קאפ: אם ערשטען וועט זיך די שלאס־קירכע עפפענען פאר הערין העקטאר לעמלין....

—מיט זיין כלה פיליבט?

נייז, פאר איהם אליין! און ער וועט ליעגען טויט אין א זארג.

....

דעמזעלביגען אבענד האט העקטאר לעמלין פערלאזען רוביני איבערלאזענדיג דעם מאיאר ארלאוו און די דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה.

—איצטער וועלין מיר זיך קענען בעשעפטיגען מיט מיין צווייטען פערעהרער — האט די דאמע געזאגט צום מאיאר.

—מיט ארמאנד?

יא. אזוי וועלין מיר פערווענדען אונזער צייט מיט נוטצען.

און דערביי האט זיא געטהאן אזא שמייכעל, דאס אפילו דעם מאיאר איז אריבער א סקרוך איבערן לייב.

נ י י נ ט ע ס ק א פ י ט ע ל.

דאס צווייטע אפפער דער ליעבע.

דריי מיילען וויים פון שלאס רוביני האט זיך געפונען אויף א קליינעם בערגיל וועלכער האט זיך געפיהרט אין א לאנגזאמען משופע צום ים, א שיינעם הויז פון רויטע ציעגעל און אומגעבען פון פראכטפאלע פרוכטבוימער. דיעזעם הויז צוזאמען מיט דעם פולווארק (פארם) וואס איז געוועזען ארום איהם, איז מיט 4 יאהר צוריק פערקויפט געווארען צו א פאריזער. א געוועזענעם אלטען אפיציער, וואס האט געטראגען א רויטע לענטע און גרויע גרויסע שנורבארט.

דער לעזער וועט וואהרשיינליך טרעפען ווער דיעזער אלטער אפיציער איז געוועזען, דען מיר קענען איהם; דאס איז געוועזען קאלאנעל לעאן, דער פאטער פון אונזער פריינד ארמאנד, און דער געוועזענער קאמאנדיר פון דיא „קאמראדען פון שווערט". דיעזעס הויז האט דער קאלאנעל געקויפט אלס ער איז איינגעלאדען געווארן מיט 4 יאהר פריהער בייצו־וואוינען דיא חתונה פון קאפיטאן לעמלין מיט דער אלמנה פון גענעראל רוביני, און ער איז דאנן אין דיעזען הויז איינגעשטאנען אלס גאסט. דאס גוט איז איהם שטארק געפעהלען געווארן, און ער האט עס אפגעקויפט פיר זיין זאהן, אזוי וויא ארום זיינען געוועזען גוטע יאגד פלעצער און ער האט געוואוסט אז ער וועט ארמאנד פערשאפען פערגעניגען דערמיט. דער נאמען פון דעם גוט איז געוועזען „לא גארד".

אלס דער קאלאנעל האט אויף פולמען'ס ראטה אוועקגעפיהרט ארמאנד פון פאריז' האט ער איהם געבראכט אהער, נאך לא גארד.

אבער ניט פולמען און ניט ער האבען געקענט אויסרעכנען דיעזען פאטאלען צו־פאל, וואס גראדע אהין, דריי מייל פון דארטען, זיינען אויך געקומען דער מאיאר ארלאוו און דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה, צום שלאס רוביני.

דער קאלאנעל איז געקומען נאך לא גארד אונטער דעם אויסרייד צו ערנייערן זיינע קאנטראקטען מיט זיינע ארענדאטארס און צו רעגולירען געוויסע געשעפטע.

טראָטץ דער אונגעדולד מיט וועלכער ארמאנד האט געזוכט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה, האט ער דאך ניט געקענט ענטזאגען דעם פאטער צו בעגלייטען איהם. אנקומענדיג אהין האט זיך ארמאנד גלייך איבערגעבען דעם פערגעניגען פון יאגד, וועלכעס ער האט זעהר געליעבט, אזוי וויא דאס פעברואר־וועטער איז שוין געוועזען זעהר אנגענעהם.

דאס גוט איז אומגעבען געוועזען פון גרויסע וועלדער, און דער קאלאנעל האט אלעס געהאט איינגעריכטעט פיר דיא יאגד.

זעכס טעג זיינען אזוי אריבער, ארמאנד האט שוין אנגעהויבען צו ווערין אונגעדולדיג, אלס א בריעף איז אנגעקומען פון פולמען מיט פאלגענדען אינהאלט:

„מיין טהייערער אונדאנקבארער,

„זייט וויסען אז איך בעשעפטיג מיך איצטער מיט זעהר א מיאוסע מלאכה, צו
„זוכען מיינע גליקליכע געגנערין. אבער איך האב אליין איבער זיך גענומען דיעזע ארבייט;
„איך וועל פערגעסען אז איך האב אייך ליעב און וועל נאר האלטען אין זינען מיינע
„אויפגאבע.

„איך קען אייך אויך מיטהיילען אז איך האב דיא שפור פון אונזער געהיימניס־
„פאלער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה. און קען אייך פערזיכערן אז איהר וועט זיא
„ווידערזעהן.

„אבער דאך איז עס דורכאויס נייטיג אז איהר זאלט ניט צוריקקעהרען נאך פא־
„ריז ביז איך וועל אייך הייסען, זאנסט וועט איהר קיין זאך ניט וויסען.

„אדיע מיין ליעבער אונדאנקבארער, טראָטץ אלעם ליעב איך אייך דאך!
פולמען".

דיעזער בריעף האט א ביסל בערוהיגט דיא אונגעדולד פון ארמאנד

ער האט געהאט פערטרויען אין פולמען, און האט זיך ענטשלאסען איהר צו געהאָרכען.

פולמען׳ס בריעף איז איהם אנגעקומען אום 9 אוהר אין דער פריה אלס ער איז שוין געוועזען בערייט אויסצופאָהרען אויפען יאגד. ער האט געקיסט זיין פאטער און איז געשפרונגען אין זאטעל.

—פון וועלכער זייטע דיינקסטו צו יאָגען ? — האט איהם דער פאָטער עפרעגט.

—אין דער אומגעגענד פון רוביני — האט דער יונגער מאן געענטפערט. דיעזער נאמען האט דעם אלטען קאָלאָנעל געמאכט אויפציטערען, אבער ער האט געשוויעגען.

ארמאנד איז קיינמאהל ניט איינגעפיהרט געווארען אין דיא שרעקליכע געהיימניס פון זיין פאָטער פון דער צייט וואס ער איז געוועזען אנפיהרער פון די „קאמעראדען פון שווערט“, און האט ניט געוואוסט אין וועלכער בעציהונג ער שטעהט צום יעצטיגען אייגענטהימער פון רוביני, קאפיטאן לעמליו, וועלכער איז געוועזען איינער פון דיא „קאמראדען“.

—געה, און קום צייטיג צום אבענד־עסען; דוא קומסט ביי נאכט.

—היינט קום איך פריה. אדיע, פאטער.

נאכדעם וויא ער האט א היבשע צייט געיאגט מיט זיינע 8 ענגלישע געיעג־הינד, האט ער זיך א לאָז געטהאן אין גלייכער ליניע צום נערדליכען ענד פון וואלד, געפאלגט פון זיין דיענער מיט דיא הינט. דיא האבען זיך צולאָזין, דערשמעקענדיג וואהרשיינליך וועלכעס ווילד, אליץ פלוצלונג איז פון ערגיץ־וואו געפאלען איין שוס, און איינער פון דיא הינד איז געלעגען בלוטענד אויף דער ערד.

—מיין הערר, מען האט ערשאָסען אונזער בעסטען אירלענדישען געיעג־הונד — האט דער דיענער געשריען.

—דאס איז א געמיינהייט זאנדערגלייכען! — האט ארמאנד אויסגערופען און האט זיך א לאָז געטהאן נאך דער ריכטונג פון וואנען דער שוס האט זיך געהערט.

ער האט אזוי עררייכט דעם ברעג פון וואלד וואו ער פערלויפט זיך אין א ווייטען פעלד און איז געבליעבען שטעהן וויא צו געשמידט פאר ערשטוינען.

אונגיפעהר א פאָר הונדערט טריט פון זיך האט ער דערזעהן א דאמע אויף א פערד וועלכע איז בעשעפטיגט געוועזען מיט׳ן אוועקלייגען נאך א רויכענדען פיסטאָלעט ביין זאָטעל. דיעזער פיסטאָלעט האט עס געדיענט אום ניעדערצושיעסען דעם טהייערן יאגד־הונד.

דער צארן איז פערשוואונדען ביין אנבליק פון דיעזע דאמע, אבער דיא ניי גירדע וועלכע דיעזער אנבליס האט ערוועקט אין ארמאנד איז געוועזען ניט שוואכער וויא זיין צאָרן.

דיא דאמע האט געשפאָרנט איהר טהייערן פערד און איז אוועקגעשפרונגען פון דעם פלאטץ מיט זעהר פיעל גראציע, וועהרענד ארמאנד האט זיך אלאז געטהאן הינטער איהר, טראטץ דעם וואס זיין הערץ האט שטארק געקלאפט פאר נייגירדע און אויפרעגונג.

ער האט איהר אנגעזאָגט און האט ארויסגעלאזען פון זיך איין אויסרוף פון ע' שטוינען. דיעזע רייטערין איז געוועזען דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה.

זיא האט דערקענט ארמאנד פונקט וויא ער האט זיא דערקענט.

אבער מערקווירדיגער־ווייזע איז דיא דאמע היינטיגעס מאהל פון איהם ניט אנטלאָפען. נאך א קורצער שטרעקע איז זיא געבליעבען שטעהן און האט געווארט אז ארמאנד זאל צו רייטען צו איהר.

ארמאנד איז איין גאנצען געוועזען אין פיבער. אבער דאס האט איהם ניט צוריקגעהאלטען אין זיין לויף, און נור צווי טריט פאר דער רייטערין איז ער געבליעבען שטעהן. ער האט זיא בעגריסט און האט ארויסגערעדט נור דאס איינציגע וואָרט:

—ענדליך!

דאס האט געהייסען אזוי פיעל וויא: ענדליך זעה איך אייך ווידער נאכדעם וויא איך האב אייך געהאלטען פערלאָרן פיר אימער.... ענדליך וועט מיר דאס רעטזעל אויפגעלעזט ווערין.... ענדליך וועל איך אלעס וויסען.... אויך ווארום איהר זייט פון מיר אנטלאָפין מיט 8 טעג צוריק....

דיא דאמע האט אהנע צווייפעל פערשטאנען דיא פיעלפאכע בעדייטונג פון דעם איינציגען ווארט. זיא האט איהם אָנגעקוקט מיט איין ענטציקענדען שמייכעלע, האלב שפעטיש און האלב פריינדליך און האט געזאגט:

—נון מיין הערר, מיר שיינט ענטשיעדען אז דער שיקזאל מישט זיך אריין צווישען אונז און ווישט אראָפּ יעדע שטרעקע.

—מאדאם.... האט ארמאנד געמורמעלט.

—אין איטאליען, אין וויען, אין פעטערסבורג, אין פאריז, אין נארמאנדיע—איבעראל טרעפין מיר זיך. אין פאריז געהט איהר אריין צו מיר דורכען פענסטער....

—אָה, מאדאם — האט איהר ארמאנד לעבהאפט אונטערבראָכען — איהר וועט דאך מיר ניט ענטזאגען איינע ערקלערונג פון אייער זאָנדערבארער אויפפיהרונג מיר נעגענאיבער.

—ניין; איהר האט מיך ענדליך צוגעשפארט, און איך מוז צוגעבען, אז מיר וועט איצטער שווער זיין זיך פון אייך ארויסצודרייען. איהר וועט דאך אבער צוגעבען דאס אין דער געגענוואָרט פון אייער דיענער קענען מיר דאך ניט....

ארמאנד האט זיך אומגעקעהרט אום דעם דיענער אוועקצושיקען.

—ניין, ניין! — האט זיא אויסגערופען — דיעזען אבענד!....

—דיעזען אבענד?

—יא.

—אבער וואו?

—זייט איהר בעקאנט מיט דער פעלזיגער אומגעגענד פון ברעג ים?

—יא, אויף א שטרעקע פון זעכס מייל.

—ווייסט איהר אויך וואו עס געפינט זיך דער פאסזאש פון צאָלאמט?

—געווים.

—היינט אבענד, אום צעהן אוהר, זאלט איהר דארט זיין און מיך ערוואַרטען....

—מיין גאט!—האט דער יונגער מאנן געשטאמעלט — ווילט איהר מיך וויעדער ניט אָפּנארען? דיא רייטערין האט ניט באלד דארויף געענטפערט. אבער זיא האט געטראָגען אויפען האלדז אַ גאָלדענע קייט מיט אַ מעדאליאָן. אין דיעזען מעדאליאָן האט זיך געפונען אַ קליינע לאָקע בלאָנדע האָר. זיא האט ארונטערגעריסען דיעזע קייט פון האלדז.

—נעהמט עס! — האט זיא אויסגערופען — אַ קעניגליכער פערמעגען וואלט עס פון מיר ניט אבגעקויפט. איך גיב עס אייך איהר זאלט מיר דאס ברייננגען צוריק היינט ביי נאכט. צווייפעלט איהר יעצט?

—ניין האט ארמאנד געזאגט, צוריקווייזענדיג דעם משכון.

—גוט! ווען איהר גלויבט מיר שוין יאָ, קומט און איהר וועט ווייסען וואָרום איך לויף פון אייך.

זיא האט אַ קעהר געטהאן איהר פערד און האט געזאגט: „אדיע, אויף וויעדערזעהן!" דאנן אבער האט זיא זיך אומגעקעהרט צוריק.

—נאך איין ווארט - האט זיא געזאגט.

—רעדט — האט אַרמאנד געשטאמעלט, אנקוקענדיג זיא מיט דעם העכסטען ענטציקען.

—איהר ווייסט — האט זיא געזאגט שמייכלענדיג — אז דער מאנן וואס צווייפעלט צום ערשטען מאהל אין אַ פרוי פערליערט פיעל אין איהרע אויגען.

—אַה, מאדאם......

—איך וויל אייך אבער היינטיגעס מאהל פערצייהען; צווייפעלט איהר אבער נאך אַמאהל דאן זייט איהר פארלארן.

—איך פערטרויע אין אייך, מאדאם.

—גלויבט און געהאָרכט.

—וואס האב איך צו טהאן?

—צוערשט זאָגט איהר מיר ניט נאכגעהן און זאלט ניט זוכען צו ערפאהרען פון וואַנען איך קום.

—איך שווער עס אייך.

—און דאן קומענדיג אהיים, צו אייער פאטער, זאלט איהר איהם פערשוויגען אונזער בעגעגעניס.

—איך זאג עס אייך צו.

—און איהר זאלט אויך קויפען דאס שווייגען פון אייער דיענער.

—איך וועל אייך געהארכען.

—אַלזאָ.... אויף הייטע אבענדס.... צעהן אוהר.... אויף וויעדערזעהן!

דער יונגער מאנן האט איהר נאכגעקוקט וויא זיא איז אוועקגעשפרונגען אויף איהר פערד גאנץ בעטרונקען פון ליעבע.

—איז דאס אַ ווייבספערזאָן? — האט זיך ארמאנד געפרעגט· זעהנדיג וויא זיא שפרינגט

איבער דיא געפעהרליכע פעלזען פון ברעג ים, וואו יעדע שטרויכלונג פון פערד קען איהר קאסטען דאס לעבען, מיט דער זארגלאזיגקייט פון א סערנע.

און גאנץ פערטיפט אין געדאנקען האט ארמאנד אומגעדרעהט זיין פערד און האט גענומען לאנגזאם געהן צוריק, געפאלגט פון זיין דיענער. אפרייטענדיג א היבשע שטיקעל האט ער זיך געווענדעט צום דיענער;

—געדיינק, זשאן, אז דאס האסט דוא מיט א פערזעהן דערשאסען דעם הונד, און דאס מיר האבען קיינעם ניט בעגעגענט, קיינעם ניט — דוא העסט ?

דער דיינער האט צושטימענד זיך פערנייגט.

—אויב דוא וועסט שווייגען וועסטו בעקומען נאך א מאנאט 25 לואידארס.

און זיי האבען פארטגעזעצט זייער וועג נאך לא גארד.

דער אלטער פאטער האט איהם עמפאנגען מיט פריידע און האט זיך, אין הערצען געוואונשען גליק וואס איהם איז געלונגען דורך פולמען'ס הילפע אוועקצופיהרען ארמאנד וייט פון יענער זיכטבארער פיינדין, דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה.

ארעמער פאטער!

ארמאנד האט עס פערשטאנען זיך אזוי גוט צו בעהערשען, דאס דער פאטער האט קיין האר בעמערקט פון זיין אונגעדולד מיט וועלכער ער האט ערווארטעט אז דער פאטער זאל זיך לייגען צו רוה און עס זאל ווערען צעהן אוהר.

דער אלטער קאלאנעל האט געזאגט זיין זאהן „גוט נאכט“ און איז געגאנגען צו זיך אין צימער.

איינע אלטע קעכין, איין קאמערדיענער און ארמאנדס דיענער, און איין אלטער גערטנער — דאס איז געוועזען דיא גאנצע מאנשאפט פון דער ווילא.

דער קאמערדיענער האט געשלאפען אין א טואלעט צימער ביי דעם שלאפצימער פון אלטען. דיא איבעריגע לייטע האבען זיך אויך געלייגט פריה צו בעט נור ארמאנד, וועלכער האט דורך דיא פאריזער געוואוינהייטען ניט געקענט איינשלאפען פאר האלבע נאכט, האט נאך געמאכט א קליינע רונדע ארום דער ווילא.

אלס ער האט שוין געוואוסט אויף זיכער אז דער קאלאנעל שלאפט, האט זיך ארמאנד אריינגעחאפט אין שטאל וואו זיין דיענער האט זיך נאך צו טהאן געמאכט ארום דיא פערד.

—זשאן — האט איהם ארמאנד געזאגט — אויב דוא ווילסט אז דיא 25 לואידארס וואס איך האב דיר צוגעזאגט זאלין פערדרייפאכט ווערין, דאן זאלסטו שווייגען און פאלגען.

א, מיין הערר, איך בין ערגעבען אויף אהן געלד.

—זאטעל מיר אן מיין ראב-ראי.

דער דיענער איז געבליעבען מיט אויסגעגלאצטע אויגען.

—וויא, מיין הערר, איצטער ווילט איהר ארויספאהרען ?

—מאך עס שנעל! — האט איהם ארמאנד געזאגט אין א טאן, וועלכער לאזט זיך ניט ווידער לייגען.

דער דיענער האט אנגעזאטעלט.

—יעצט — האט דער יונגער פערליעבטער געזאגט — אזוי וויא עס איז נייטיג דאס מיין פאטער זאל ניט וויסען אז איך בין אויסגעפאהרען, און אזוי וויא דיא טריט פון פערד אויפן פלאסטער פון הויף וועלין איהם געוויס אויפוועקען, זאלסט דוא מיר נעהמען א דעקע און צושניידען אין פיער, און ארומבינדען דיא פיס פון ראב־ראי. דאן זאלסטו איהם נעהמען ביים צוים און איהם ארויספיהרען צום קרייצוועג.

דער דיענער האט פינקליך ערפיללט דעם אויפראג.

ארמאנד האט זיך ארויסגעהאפט צו זיך אין צימער און איז דאן אראפ צוריק אהן ליכט און אויף דיא שפיטץ־פינגער, און האט זיך בעגעבען צום קרייצוועג, וואו איין וועג האט געפיהרט צים ים און דער אנדערער צום אינערן פון לאנד.

פארן געהן האט זיך ארמאנד דערמאנד עראינערט אן פולמען׳ס ראטה, מיטצונעהמע א דאלך. ער האט ניט געצווייפעלט אין דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה, אבער ער האט זיך געטראכט, פיליכט שפירט איהר נאך יענער אלטער, וועלכער שיינט זיא צו היטען מיט דער אייפערזוכט פון דראגאן וואס היט דעם אוצר.

ארמאנד האט אויך צוגעבונדען צום זאטעל א פאר פיסטאלעטען. דאן האט ער זיך געווארפען אויפען פערד און האט געזאגט צום דיענער:

—איך דיינק צוריקצוקומען אין צוויי שטונדען. דאס פערד ועסטו געפינען מארגע צוגענבונדען צום טירל פון גארטען.

—זעהר גוט, מיין הערר.

ארמאנד האט א ציה געטהאן דאס פערד אין דער ריכטונג פון פעלזיגען ברעג פון ים.

עס איז געוועזען א קאלטע אבער קלארע נאכט מיט דער רונדער לבנה פון אויבען.

רייטענדיג איבער דיא ווילדע פעלזען פון ברעג האט ארמאנד ניט אויפגעהערט צו קוקען נאך יענער ריכטונג, וואו עס געפינט זיך דער פעלזינער דורכגאנג וואס איז בעקאנט מיט דעם נאמען „פאסאזש פון צאלאמט". דער קלארער שיין פון דער לבנה האט ארמאנד ערלויבט צו בעזעהן א גרויסע שטרעקע. ענדליך האט ער בעמערקט א קליין שיפעל אויפען רוהיגען ים, זיך נעהערענדיג צו יענעם פאסאזש. דאס שיפעל איז צוגעקומען צום ברעג, א דאמע איז לייכט ארויסגעשפרונגען, און אויף איהר צייכען איז דאס שיפעל אוועק צוריק.

דאס איז געוועזען זיא! ארמאנד האט עס דערקענט אן דעם שלאג פון זיין הערצען.

ער האט געשפארנט זיין פערד, טראץ דער געפאהר פון דיא שארפע פעלזען, און אלס ער איז צוגעקומען נאהענט צו איהר, האט זיא געזאגט מיט א לייכטען אנפלוג פון שפאט.

—מיר שיינט, מיין הערר, אז דיא פרויען קומען דיא ערשטע צו דעם אבגערעדטען פלאטץ.

—אז פערצייהט, מאדאם, איך האב געהאט אין זינען אייער בעפעהל, און האב ניט געוואלט פערלאזען דאס הויז ביז מיין פאטער האט איינגע־

שלאָפען.

—איך פערצייה אייך — האָט זיא געזאגט לאַכענדיג, און ערגרייפענדיג זיין ארעם, האט זיא געזאגט: קומט לאָמיר פּלוידערן א ביסעל.

זיא האט איהם צו געצויגען צו א פּעכזיגער וואנד וואו זיא האט זיך אנידערגעזעצט און מיט א גראציעזען ווינק האט זיא איהם אנגעצייגט זיך צו זעטצען נעבען איהר.

—יעצט לאָזט מיר אייך זאָגען, אז איך האב נאר איין שטונדע צייט, און מיר קענען זיך דעריבער ניט ארייגלאזין אין אונניטציגע געשפּרעכען.

ארמאנד איז געוועזען אזוי בעוועגט, דאס ער האט קיין ווארט גערעדט און איז צו־פּריעדען געוועזען זיא שטיל צוצוהערען. — וויא אימער איז זיא געוועזען געקליידעט אין שווארצען און איהר לינקע האנד האט געשטעקט אין א שווארצע האנדשוה, ווענען וועלכען ארמאנד האט זיך צובראָכען דעם קאָפּ קלערענדיג. אונטער דעם העללען שיין פון דער לבנה האט ארמאנד אויסגעוויעזען דאָס איהר געזיכט האט דיא בלאסקייט פון איין אנטיקען מארמאָר־בילד.

זיא אָבער האט זיך גאָר ניט געוויעזען אזוי אויפגערעגט וויא ער.

—איך בין אייך אונבעקאנט — האָט זיא פּלוצלינג אָנגעפאנגען — אבער וואס איהר אָלט ניט טהאָן ועט איהר קיינמאהל ניט וויסען פון מיין לעבען און פון וואנען און ווער איך בין וויא דאס וואס איך וועל אייך וועלין זאגען. איהר האט מיר פערפאָלגט און געפּי־נען וויל איך האב עס געוואלט; זאָגסט וואָלט איהר מיך קיינמאל ניט געפינען. אונד ענדליך וועל איך אייך ראטהען דאס אריינצונעהמען אין זינען: ווען איך זאל וועלען אנטלויפען פון אייך איצטער דארף איך נאר א פּאָך טהאָן מיט מיין טאשענטיכעל, און דאס שיפל וואס האט מיך געבראכט קומט צוריק און פיהרט מיך אוועק פון דאנען, ווען איהר זאלט וועלען מיר פאָלגען אָדער נאָכשווימען, וועט איהר געפינען אייער טויט אין דיא וועלען, געטראָפען פון א קויל.

זיא האָט ארויסגערעדט דיעזע ווערטער קאַלט, אָהן האַס און מיט איבערצייגענ־דער קראפט. ארמאנד האט זיא אויסגעהערט מיט איינגעהאלטענעם אטהעם. און מיט דער אונטערגעבענהייט פון א שקלאפען.

—יעצט קענען מיר פּלוידערן וויא מיר וואלטען געוועזען אלטע פריינד.

—מיין גאָט! — האט אַרמאנד געשטאמעלט — נעהמט בעסער אָן דאס איך האב אייך ליעב, דאס אלע אייערע ווינשע זיינען בעפעהלע פיר מיך, און דאָס איהר דאַרפט נור בעפעהלען אום איך זאָל אייך געהאָרכען.

—זאל זיין אזוי! איך גיב צו אז איהר האט מיך ליעב אבער דיא אורזאכע פון אייער ליעבע איז אייך אונבעקאנט.

—אה, וויא דיא ענגעל האבען ליעב גאָט.

—איך וויל דאָס אויך צוגעבען! גוט, איך וועל אייך זאגען פאַרוואס. איהר האט מיך צום ערשטען מאָהל געזעהן אין איין אָבענד ווען איך האָב פערטהיידיגט מיין לעבען וויא א מאנן, און נאכהער בין איך אייך פערשוואונדען געוואָרן. אייער איינענליבע, אייער שטאָלץ האָבען אייך געטריעבען מיך צו זוכען איבער גאַנץ אייראָפּאַ, און אייער ליעבע איז נאך געוואכסען דאדורך וואס איך בין אומהיללט פאר אייך אין א געהיימניס.

—איך ווייס ניט — האט ער געשטאמעלט — אבער איך האב אייך ליעב.

—אלזא, ווארום זייט איהר דא געקומען דיעזען אבענד?

—קענט איהר מיר דאס פרעגען, — האט ארמאנד אויסגערופען מיט פייער און האט ערגריפען איהר האנד.

—איהר זייט געקומען מיר זאגען אז איהר ליעבט מיך — דאס ווייס איך שוין פון פריהער.

—איהר צווייפעלט אלזא ניט דאראן?

—ניין — האט זיא געענטפערט — אבער איהר זייט געקומען אהער ווייל איהר ברענט פאר נייעגיערדע צו וויסען ווער איך בין, ווער איז דיא דאמע וואס לויפט איבער דער וועלט אהן רוה און אן ראסט און ווארום האט דיעזע פרוי איין האנד אין א שווארצען האנדשוה. איהר ווילט בעזאנדערס ערפאהרען פאר וועמען איך האב מיך אזוי דערשראקען אן יענעם אבענד, ווען מיר האבען דערהערט טריט און א קלאפ מיט א טיר. און איך האב אייך געבעטען אוועק צוגעהן.

—דאס איז וואהר — האט ארמאנד געמורמעלט, און דאס געפיהל פון אייפערזוכט האט אין איהם ווידער ערוואכט.

—און דאן איז נאך פאראנען נאך א געהיימניס וואס איהר וואלט וועלי ערפאהרען, נעמליך, ווער האט אויפגעהאנגען און אראפגענומען מיין פארטרעט אין צימער פון דעם סטודענטען דילאנג.

ארמאנד האט געשוויגען, און האט דערמיט בעוויזען אז זיא זאגט דיא וואהרהייט.

—נון — האט זיא ווידער אנגעפאנגען — דאס זיינען אלעס זאכען וואס איהר וואלט וועלין וויסען.

—אח! — האט נור ארמאנד געזיפצט.

—איהר זעהט אלזא — האט זיא געזאגט מיט א שפעטישען שמייכעל — אז ניט מיך ליעבט איהר, נאר דיא געהיימניסע וועלכע זיינען ארום מיר.

דיעזע אויספיהרונג איז געוועזען אזוי לאגיש דאס ארמאנד האט זיך געפיהלט וויא געפאנגען, און מיט דעם גאנצען פייער פון זיין ליידענשאפט האט ער אויסגערופען:

—א, איהר מעגט בלייבען פיר מיך דאסזעלבע רעטעניס. דאסזעלבע געהיימניס וואס איהר זייט פיר מיך געוועזען ביז איצטער, אבער ערלויבט מיר אייך צו ליעבען.

ער האט זיך ארונטערגעלאזען אויף דיא קניע און האט גענומען אין זיינעביידע הענד דיא האנד פון דער יונגער פרוי און האט זיא בעדעקט מיט קיססע.

זיא האט איהר האנד ניט צוריקגעצויגען; אין ערשטען אויגענבליק האט עס אויסגעוויזען דאס זיא לאזט זיך הינרייסען פון דער פייעריגער ליעבע וועלכע ווערט איהר דא געשווארען ביין ברעג פון רוהיגען ים, ביין פוס פון דיא ווילדע פעלזען. אבער פלוצלונג איז זיא אויפגעשפרונגען פונקט וויא זיא האט זיך עטוואס ערמאנערט און האט ארויסגעחאפט איהר האנד:

—ווילט איהר מיך ווידערזעהן? — האט זיא געפרעגט — מיך זעהן אפט און אימער?

—אָ, איך וואָלט מיין לעבען דאפיר געגעבען.

—ניין, איך פערלאנג וועניגער וויא דאס. איך וויל איהר זאלט מיר שווערען, אז איהר וועט קיינמאהל ניט ענטדעקען צו אייער פאטער אָדער צו פולמען, אָדער צו איר־גענד אנאנדער פערזאָן פון אונזער איצטיגען צוזאמענטרעפען. אונטער דער בעדינגונג וועט איהר מיך דאָ קענען זעהן יעדען אָבענד.

—איך שווער אייך דאס! — האט ארמאנד אויסגערופען און האט פייערליך אויפגעהויבען דיא האנד.

—איהר דארפט האלטען אין זינען, דאס אן דעם טאג ווען איהר וועט ברעכען דיעזע שוואור, וועט איהר ערהאלטען איין דאלך־שטיך אין דער ברוסט און דיא גערעכטיקייט וועט קיינמאל ניט ענטדעקען, וועלכע האנד דאס האט געטהאן.

—איך וועל נאך לאנג לעבען — האט ארמאנד געזאגט מיט א שטאָלצען שמייכעל און האט ווידער גענומען דיא האנד פון דער דאמע צו זיינע ליפען, ניט מערקענדיג דעם שרעקליכען שמייכעל וואס האט געשפיעלט אויף איהרע ליפען.

—אָ, דוא נארר! — האט בעדייטעט דיעזער שמייכעל.

ארמאנד איז איינינע מינוטען געבליבען אויף דיא קניע פאר דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה, האט בעדעקט איהרע הענד מיט קיססע און האט געמורמעלט יענע קליינע נארישקייטען וועלכע דיא ליידענשאפט בריינגט ארויס פון הערצען אונטער אזעלכע אומשטענדען.

—קומט, קינד! — האט זיא ענדליך געזאגט מיט א בעוועגטער שטימע, וועלכע האט פערראטהען דיא פערווירונג פון א פרויען-הערץ אין דעם אויגענבליק ווען זיא האט מורא דאס איהר הערץ ווערט אוועקגעגעבען. —קומט.... הויבט זיך אויף....א יך בין ווירקליך צו שוואך און האב ניט דעם מוט אייך צו ווידערשטעהן....

—אה, איך האב פריהער געוואוסט אז זיי לייגען, דיא יעניגע וואס האבען מיר געזאגט דאס איהר זייט א פרוי אהן א הערץ....

—שטעהט אויף, איך בעט אייך — האט זיא ווידערהאָלט.

—איך ליעב אייך, איך ליעב אייך!.... האט ער געשטאמעלט מיט דער פיבער־האפטע שפראכע פון א ליעבהאבער.

—שווייגט! האט זיא געזאגט שטיל — אייערע ווערטער מאכען מיך ליידען....

—ליידען?! — האט ער אויסגערופען.

—יאָ, דען איך זעה אז איהר ליעבט מיך, און איך בעדויער אייך.

—מיין גאט, מוז איך אייך ווידער פערליערען?

—ניין; איהר זעהט דאך אז איך האב ניט מעהר דעם מוטה פון אייך צו אנטלויפען.

—איך גלויב דאס איך וועל שטארבען פאר פריידע.

—ווער וויים — האט זיא געזאגט — פיללייכט וואלט גלייכער געוועזען איהר זאלט דעם אויגענבליק שטערבען, איידער איהר זאלט בעשטעהן אויף מיינע ליעבע.

—אבער אייך ליעבען איז דאך דער גן־עדן אויף דער וועלט!

—ניין — האט זיא געענטפערט מיט א געצוואונגענעם שמייכעל — דיא וואס ליעבען

מיך זיינען ניט גליקליך. איך בין איין זאָנדערבארעס און פאטאלעס געשעפּף.... און איך בין געוועזען בעסער ווען איך בין פון אייך געפלויגען.

—אבער דאס איז אונזין, מאדאם — האט ער געשטאמעלט — איך בין אזוי גליקליך, דאס איך גלויב ניט אין א גרעסערן גליק.

—הערט מיך אויס! — האט זיא געזאגט שוין ווידער רוהיג — איך וויל אייך ערקלערן מיין געדאנקען. איך וויים אז איהר האט מיך ליעב, אבער איהר ווייסט ניט ווערמען איהר האט ליעב.

אָ, איך ווייס, אז איהר זייט גוט.... אז איהר זייט שענער פון אלע.... אלעס אנדערע געהט מיך ניט אן....

—אָבער איהר ווייסט ניט דאס איך האב אויף זיך א שווערע און טרויעריגע מיסיאָן, און דאס היינט־מארגען קען מיך איינע פון מיינע היילינע און טרויעריגע פליכטען אוועקרופען ווייט־ווייט, צום אנדערן עק וועלט.

—איך וועל אייך פאָלגען.

—זאל זיין אזוי! זאל זיין אז איהר קענט מיר נאכגעהן, אבער איהר ווייסט ניט מיין צוועק און וועט קיינמאל ניט קענען איינדרינגען אין מיין אינערליכעס לעבען. איך האב אויפען גרונד פון מיינער זעעלע איין סעקרעט, וואס נור גאט אליין קען עס פון מיר ארויסרייסען.

—היט אייך אייער סעקרעט; איך וויל אפילו ניט וויסען אייער נאמען.

דיא יונגע דאמע האט אויפגעציטערט.

—אהה, מיין נאמען? איין־איינציגעס וועזען איז דאָ וואס וויים עס, און דיא יעניגע וועלכע וועלען עס אמאהל הערן וועלן זיך געפינען אויפען ברעג פון זייער קבר.

—זאגט עס מיר! — האט ארמאנד אויסגערופען — און איך וועל שטערבען גליקליך, אזוי וויא איך בין ביי אייערע קניע.

—איהר זייט איין קינד — האט זיא געענטפערט — און איהר פערגעסט אז איך האב ניט מעהר וויא נאך אייניגע אויגענבליקע אייך צו געבען.

—שוין? איהר ווילט שוין געהן?

זיא האט זיך אויפגעהויבען:

—זעהט איהר יענעם שיפעל? — האט זיא געזאגט — פון וואנען קום איך או וואוהין געה איך? ווער זיינען יענע ביידע מענער אויפען שיפעל? פרעגט מיך ניט, אבער קומט ווידער מארגען אהער, איך וועל דאָ זיין אין דער זעלביגער שטונדע.

דיא דאמע האט דאנן גענומען א קליינע גאלדענע שטיקעל וואס איז געהאנגען אלס ציערונג אויף איהר אוהר־קייטיל, דאס עס צוגעקלינגט צו דיא ליפּען און געטהאן א שארפען פייף, וועלכער האט אָפּגעקלונגען פון אלע פעלזען ארום. דאס שיפעל האט דאן אויפגעצויגען א זעגעל און האט זיך האסטיגער געצויגען צום ברעג.

ארמאנד און דיא שיינע אונבעקאנטע זיינען געשטאנען האנד אין האנד, אלס פלוצלונג האט זיא איהם אנגעקוקט און געפרעגט:

—האט איהר מיך ליעב שטארק גענוג אום צו זיין אייפערזיכטיג?

—אָ, איך בין בערייט צו טעדטען יעדען וואס זאל אייך צו נאהענט קומען.

אויף דיא ליפּען פון דער דאַמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט זיך בעוויעזען יענער רעטזעלהאפטער שמייכעל, וועלכער האט געוויעזען פון דעם טעדליכען האס וועלכען זיא האט געטראגען אין דער זעעלע. אבער ארמאנד האט דיעזען שמייכעל ניט פאַר־שטאנען.

—איך האב אייך נור געוואלט אויספּרובירען — האט זיא געזאגט — און איך בין מיט דער פּראָבע צופרידען.

אין ארמאנדס הערצען איז אויפגעקומען דער געדאנקען, דאס דיעזע פראגע פון דער דאמע האט עטוואס אנדערעס צו בעדייטען. זיין געזיכט האט זיך פערוואלקענט ער האט זיך עררינערט אן דאס בילד אין צימער פון פרעדריק דילאנג. אבער דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט איהם געדריקט זיין האנד און האט געזאגט:

— איך האב קיינמאל ניט פאלש געשווארן, און איך שווער אייך יעצט. דאס איך ליעב קיינעם, און דאס קיינער האט מיין האנד געהאלטען אין זיינע אזוי ווא איהר עצט. — אדיע!

דאס שיפעל איז אין דעם אויגען בליק געבליעבען שטעהן ביים ברעג. זיא איז פלינק ארויסגעשפּרונגען, האט נאך אמאהל צו געוואונקען ארמאנד „אדיע" מיט דער האנד, און דאס שיפעל האט זיך גלייך געריהרט פון אָרט.

דיא מאנשאפט פון שיפעל איז בעשטאנען פון 2 מענער, ווי זיא האט געזאגט, וועלכע זיינען אזוי געוועזען פערדעקט מיט זייערע קאַפּשאָנעס, דאס ארמאנד האט קיין האר גע־קענט זעהן פון זייערע געזיכטער. נור נאך דעם געוואוכס פון איינעם האט איהם אויסגע־וויעזען אז דאס מוז זיין דער רוסישער מאיאָר אָרלאָוו.

—דיעזער מאנן — האט ארמאנד געטראכט — איז אלזא ניט דער מאנן און ניט דער זעליבטער, דענן וויא אזוי וואלט זיא איהם אהער געבראכט?

דאס שיפעל האט זיך דערווייטערט, האט זיך דאנן פערדרעהט הינטער דעם ווינקעל פון א פעלזען און איז פערשוואונדען געוואָרען פון ארמאנדס בליק.

דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט זיך געזעצט אין שיפעל ביי דער זייטע פון דעם הויבען מאנן, אויף וועמען ארמאנד האט געמיינט אז דאס איז דער רוסי־שער מאיאָר. ער האט אויך ריכטיג געמיינט. דען קוים איז דאס שיפעל אָפּגעפאָרען פון ברעג, האט זיך דיא יונגע דאמע צו איהם געווענדעט און האט איהם געזאגט שטיל:

—אָ, ער האט מיך ליעב, מיין פריינד, ער האט מיך ליעב ביז צום וואהנזינן, און איך האלט איהם.

—גלויבט איהר אזוי?

—איך האב אין איהם איין ערגעבענעם שקלאפען ער איז א שווערט אין מיין האנד.

זאגענדיג דיעזע ווערטער האט זיך דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה וויא איבערגעביטען. זיא איז ניט מעהר געוועזען מעלאנכאליש־טרויעריג מיט א זיסער זאנפ־טער שטימע. איהרע אויגען האבען אונהיימליך אויפגעלויכטען און א שטאָלצער שמייכעל פיל מיט האס איז געלעגען אויף איהרע ליפּען.

—און דער אנדערער? — האט דער מאיאָר געפרעגט.

—אָה, קאַפּיטאַן לעמלין! דער האט נור נאָך צעהן טעג צו לעבען. א יא, ער האט דאָך דוכט מיר היינט נעזאָלט צוריקקעהרען פון פּאַריז.

—פיליכט איז ער צוריקגעקומען וועהרענד מיר שיפען זיך אויפען ים.

—איך זעה איהם פון דאָנען אויפען באַלקאָן פון רוביני' אויסקוקענדיג נאָך אונז. אָרעמער נאַרר!

—מאַדאַם — האט דער גראף אָרלאָוו געמורמעלט — איהר ווייסט גאַנץ גוט אַז איך בין אייער ערגעבענסטער דיענער און דאס איך וויעדערשפּרעך קיינמאָל ניט אייערע בעפעהלע, אבער ערלויבט מיר איינע בעמערקונג.

וואס איז עס, מיין גוטער הערר מאַן?

—איך האב איך געלאָזין דורכפיהרען דיא געשיכטע מיט דער קעסטעלע נאָך אייער ווילען. איהר האט בעפאָהלען און איך האב געהאָרכט....

—אָ, איהר זייט גוט און טריי, און איהר זייט דער איינציגער מענש אין דער וועלט וועמען איך האב ליעב.

—אבער צו האט איהר ניט צופיעל אונטערנומען ווען איהר דיינקט אויפצושפּיעלן דיעזעס שרעקליכע דראַמע אין רוביני?

—ניין, איך וועל זיין פעסט.

און נאָך איין אויגענבליק פון שטילקייט האט זיא צוגעזעצט;

—אָ, ווען איהר זאָלט וויסען וועלכען האס איך טראָג אויפען גרונד פון מיינער זעעלע וואלט איהר ניט געצווייפעלט אין מיין ענערגיע.

—אונערביטליך! — האט דער מאַיאָר געמורמעלט פאר זיך.

—איך האב איין אויגענבליק איינגעשלעפערט דיא געוויסענביסע פון דעם עלענדען. דיא וואהנזיניגע ליעבע האט שטום געמאכט דיא שטימע פון זיין געוויסען. אבער אין זיין לעצטע שטונדע וועל איך אויפוועקען דיעזע שטימע און ער וועט האבען איינע העלענפּיין.

גראף אָרלאָוו האט אויפגעציטערט און ביידע זיינען ענטשוויעגען געוואָרען.

דאס שיפעל האט זיך געגליטשט ווייטער אין איהר שנעלען גאַנג, און דיא ליכטער וואס האבען זיך געצייגט צו איהם פון דער יבשה האבען אנ־געצייגט דאס שלאָס רוביני.

דאס שיפעל איז צוגעשוואומען צום ברעג, דער מאַיאָר איז ארויס געשפּרונגען דער ערשטער און האט גערייכט זיין האנד דער דאַמע, ונלכע איז אויך ארויסגעשפּרונ־גען אויף דער יבשה און האט געמאכט א צייכען צום צווייטען מאַנן וואס האט געפיהרט דאס שיפעל. דיעזער האט גלייך אָפּגעשטופּט זיין שיפעל פון ברעג און האט זיך ארויס־געלאָזען אויפען ים.

דער מאַיאָר און דיא דאַמע האבען זיך בענעבען צום שלאָס. איין מאַן איז זיי נע־קומען ענטקעגען פון דיא טרעפּ. דאס איז געוועזען קאַפּיטאַן לעמלין.

צעהנטעס קאַפּיטעל.

אַרמאַנדס צווייטע בעגעגענעס.

אַרמאַנד איז געבליעבען שטעהן ביים ברעג ביז וואַנען דאס שיפעל איז פערשוואונ־דען פון זיינע אויגען. ער האט דאַנן לאַנגזאַם ארויפגעקלעטערט דעם פעלזיגען ברעג וואו

ער האט איבערגעלאָזען זיין פערד. דער געדאנקען דאס ער איז א שטונדע געזעסען ביי דער געהיימניסספאלכער פרוי וועלכע ער ליעבט, האט געהאלטען איהר האנד אין זיינע און האט געזעהן איהר בעצויבערענדען בליק, איהר זיסען שמייכעל און האט געהערט איהר זיסע שטימע, האט געמאכט זיין הערץ שטארקער קלאפּען. ער האט זיך געוואָרפען אין סאָטעל, און טראָטץ דער געשווינדיגקייט פון זיין עדעלן פערד, האט זיך איהם אלץ גע־דאכט אז ער רייט צו לאנגזאם. איהם האט זיך געוואלט פליהען מיטן שטורם.

אלס דער פלינקער ראָב־ראָי איז אנגעקומען מיט זיין רייטער צום קרייצ־וועג, איז ער געוועזען בעדעקט מיט שוים.

דער דיענער איז געשטאנען ביים טירל פון גארטען און האט געווארטעט זיין הערר וויא דיעזער האט איהם בעפוילען.

ארמאַנד האט איהם צוגעווארפען דעם צוים, איז ארונטערגעשפּרונגען פון זאָ־טעל, און האט געזאגט:

—וויקעל ארום זיינע פיס איידער דוא פיהרסט איהם אריין אין שטאל און זעה ניט אויפצו־וועקען מיין פאָטער.

ארמאַנד איז אריין אין זיין פאטערס הויז דורכען גארטען, פונקט וויא ער איז ארויס, און איז אהן א ליכט געגאנגען צו זיך אין צימער. אבער געהענדיג פארביי דיא טיר פון זיין פאָטער האט ער געמאכט א פאלשען טריט וועלכער האט פעראורזאכט א גערויש.

דיעזער גערויש האט אויפמערקזאם געמאכט דעם אלטען קאָלאָנעל וועלכער האט ארויסגעשריען פון צימער; „ווער איז דאָרט?‟

ארמאַנד האט איינגעהאלטען זיין אטהעם און האט זיך אריינגעגליטשט אין זיין צי־מער, וואו דיא טיר איז געוועזען אָפען. ער האט זיך אריינגעוואָרפען אין זיין בעט, און באַלד האט ער געטרוימט פון דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה. זיין טרוים איז געוועזען אזוי לאנג, דאס ערשט ווען דיא זוהן האט געשלאגען צעהן האט ער זיך אויפגעחאפּט.

עפענענדיג דיא אויגען האט דער יונגער מאנן בעמערקט נעבען זיך אויף א גרויסען פאָטעל זיין פאטער, וועלכער האט אויף איהם געקוקט מיט ליעבע און בעזארגניס צוגלייך.

—ניט שלעכט געשלאָפען מיין, מיין קינד — האט דער אלטער געזאגט, אָנ־ווייזענדיג אויפען וואנד־זייגער.

—איך האב שלעכט געשלאפען — האט ארמאַנד געזאגט.

—דאן האָסט דוא געוויס געהערט דעם גערויש וואס האט מיך אויפ־געוועקט.

—וועלכען גערויש, פאטער?

—איינער האט זיך א גליטש געטהאן אין קארידאָר פאר מיי טיר; איך האב געפרעגט ווער דארט איז, און מען האט מיר ניט געענטפערט; בין איך דערי־בער אויפגעשטאנען.

—אה! — האט ארמאַנד געמאכט מיט פערלעגענהייט.

—איך האב האב מיך געשטעלט צום פענסטער — און טרעף וואס איך האב געזעהן.

—וואס, מיין פאטער?

—ביין שיין פון דער לבנה האב איך בעמערקט וויא דיין פערד ווערט געפיהרט צום שטאל פון דיענער.

ארמאנד איז בלאס געוואָרן.

—דוא דארפסט פארשטעהן — האט דער קאָלאָנעל ווייטער גערעדט — דאס איין אלטער הינהער־פרעסער וויא איך לאזט זיך ניט אָפּנארען מיט אזעלכע זאכען: דער פאלשער טריט ביין טיר, און דיין פערד וועלכער איז געגאנגען איבערן הויף אזוי שטיל, פונקט וויא ער וואלט געט־אָגען טאנץ־שיכעלאך....

—פאטער! — האט ארמאנד אויסגערופען אונגעדולדיג.

—איך בין איצטער ערשט געוועזען אין שטאל און האב אונטערזוכט ראָב־ראָי. דאס ארעמע טהיר האט געהאט א לאנגען טרייב און איז איבערגעטריעבען.

דער קאָלאָנעל האט דאס געזאגט ניט אין כעס, מיט א גוטמיטהיגען שמייכעל אויפען געזיכט.

—אבער, פאטער, וואס דיינקסט דוא האט דער שטאל־דיענער געמאכט מיטן פערד?

דער קאָלאָנעל האט צוגעפינטעלט מיט איין אויג.

—נו, נו, מיין קינד, דוא ווייסט אז איך בין איין אלטער בעל־עבירה'ניק און האב אין מיין לעבען שוין געזעהן נאך שארפערע קונסט־שטיק. אנשטאט אריינצונארען דיין פאטער אין זאק, דאן ווען ער איז דיין קאמעראד, און איהם אָנדערציילען א קאָרב מיט פיינע ליגענס, ועסט דוא פיעל בעסער מאכען אז דוא וועסט צוגעבען דאס דוא האסט ערגיץ־וואו ענטדעקט א שיינע מיידיל א 3—4 מייל פון דאנען, וועלכע עפינט דיר א פענסטערל ביי נאכט, און דוא האסט זיא גענוג ליעב אום איהר צו אפּפערן א פערד פון צעהן טויזענד פראנק.

דער אלטער קאָלאָנעל וועלכער האט געוואָלט זיין א נביא, האט אליין ניגעבען זיי אהן דעם אויסרייד אונטער וועלכען צו בעהאלטען זיין סעקרעט. ארמאנד האט זיך בכומרשט פארשעמט און האט געשטאמעלט:

—אבער פאטער, איך בין דאך נור 26 יאהר אלט, און דאס לעבען אהן ליעבע איז, וויא דיא אָריענטאלער זאגען, א פרוכט אהן פארפום.

—דאס איז ריכטיג — האט דער קאָלאָנעל געזאגט וויא איינער וואס רעדט פון ערד פאהרונג — אבער דוא האסט דאך מיר געקענט זאגען.

—איך בין דיסקרעט און האב ניט גערן צו ריידען וועגען דעם.

—גוט — האט דער קאָלאָנעל געזאגט מיט בעזארגניס — אבער זיי פאָרזיכטיג, עס זאל ניט זיין א מאנן הינטערן פאָרהאנג.

—עט! א נארישער פארמער, און ער אין אימער אבוועזענד.

—דוא ביסט אבער מינדענסטענס ארויסגעפאהרען מיט וואפען?

—נו, געווים, איך האב מיינע מיסטאָלעטען.

און העכסט צופריעדען דאריבער וואס איהם איז אזוי גוט געראטהען צו פערניכ־טען יעדען אנדערן חשד ביי זיין פאָטער, האט זיך דער יונגער מאנן אויפגעהויבען, האט געזאגט זיין פאטער טויזענדער צערטליכקייטען, האט געפריהשטיקט מיט אפעטיט, און האט דאן געזוכט צו טעדטען די צייט אזוי גוט וויא ער האט געקענט, ערוואַרטענדיג מיט אונגעדולד דעם אבענד.

נאך דעם אבענדעסען, אונגעפעהר אום 8 אוהר, האט דער קאָלאָנעל געזאגט צו זיין זאָהן:

—איך גלויב עס איז ניט נייטיג דוא זאלסט ווארטען ביז איך וועל איינשלאָפען און דוא זאלסט לאזען אנטהאן דיין פערד זאָקען. געה צו דיין ראַנדעוואו (אָבגערעדטער פּלאטץ). און זיי פארזיכטיג, נעהם מיט דיינע פּיסטאלעטען.

—אָה! מעגסט זיין רוהיג, פאָטער!

און איין שטונדע שפּעטער איז ער לייכט אריינגעשפּרונגען אין זיין זאטעל, און האט נאך פון פערד ארונטער געקיסט זיין פאטער.

אום דעם פאטער נאך אין גאנצען צו פּאַרטומלען איז ער אוועקגעריטען אין דער ענטגעגענגעזעצטער ריכטונג, ניט וואו ער האט געדארפט, און ערשט דורך א רונדוועגא איז ער געקומען צום קרייצוועג.

וויא אין פארינען אָבענד האט ער געווארפען זיין בליק אויפען ים, אזוי שנעל וויא ער איז געקומען צום פעלזען ברעג אבער דיעזעס מאהל האט ער קיין שיפעל געזעהן.

דיעזעס מאהל איז אַרמאנד געקומען פריהער צום בעגעגנים וויא זיא.

ער האט געווארט א פירטעל שטונדע, האט אייניגע מאל בעטראכט זיינע אוהר, און האט געטראכט: ווער ווייס אויב זיא וועט קומען.

דער אבענד איז געוועזען דונקעל, און ער האט אנגעשטרענגט זיין בליק, אום צו בעמערקען עטוואס אויפען מעער. ענדליך האט איהם אויסגעוויעזען דאס איין העללער פונקט זעהט זיך פון וויטען, וועלכער ווייזט זיך און פערשווינדעט אבוועכסעלנד. מען האט געקענט פערשטעהן דאס א שיפל נעהערט זיך דעם ברעג.

—דאס איז זיא! — האט ער געטראכט, אויפהויבענדיג זיך אונגעדולדיג און שפּאַ־ציערענדיג הין און צוריק.

דער העלער פונקט איז צוגעקומען נאָהענט צום ברעג און איז פּלוצלונג פערשוואונ־דען געווארען.

אייניגע מינוטען איז אַרמאנד געשטאנען פערוואונדערט, זיך פרעגענדיג וואס דאס קען בעדייטען, דאנן וויעדער האט ער מורא געקראגען, פיללייכט איז עס גאר ניט זיא, פיללייכט איז עס איינער מיט קאנטרבאנד וואס האט פארלאָשען דאס פייער אבזיכטליך....

ענדליך האט זיך דאס שיפעל בעוויעזען נאָהענט צום ברעג אויך אהן א ליכט. א מאנן איז ארויס אויפען ברעג. ביי אַרמאנד איז דאס הערץ שיער ארויסגעפאלען. דאס איז ניט דיא פערזאן וואס ער ערוואַרטעט.

דיעזער מאן איז צוגעקומען גלייך צו איהם און האט געפרעגט גאנץ שטיל:

—זיינט איהר חערר ארמאנד?

די שטימע איז אים געווען אומבעקאנט און איז ארויסגעקומען וויא פארשטיקט פון אונטערען קאפשאן, וועלכער האט פארשטעלט דאס גאנצע געזיכט פון דעם מאנן.

—וואס פערלאנגט איהר פון מיר? — האט ארמאנד געפרעגט.

—מיין הערר — האט דער אונבעקאנטער ווייטער געזאגט — איהר האט דאך געוויס א ציגאר ביי זיך?

—וואצו דיזע פראגע.

—וויל איך וויל אייך איבערגעבען א צעטעל וועלכען איהר וועט קענען לעזען ביים פייער פון ציגאר.

ארמאנד האט פארשטאנען אז דער מאנן קומט פון דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה, און ער האט אויפגעציטערט ביי דעם געדאנקען, דאס זיא אליין וועט דיעזען אבענד ניט קומען.

—ווער האט אייך גיגעבען דיעזען צעטיל —האט ארמאנד געפרעגט.

—די יעניגע וואס האט געזאלט קומען.

און דער פרעמדער האט ארמאנד איבערגעגעבען א קליינעם צעטעלע פון וועלכען עס האט זיך געטראגען איין זעהר דעליקאטער ריח פון פארפים.

ארמאנד האט פארדויכערט א ציגאר, און צוטראגענדיג דאס פייער פון ציגאר צו יעדער צייל, האט ער געלעזען דעם צעטיל וויא פאלגט:

„איך האב אייך געזאגט געסטערן, מיין פריינד, דאס איך בין אומגעבען מיט געהיימניסע, און מיין שיקזאל איז ניט אין מיינע הענד. איך קען היינט ניט קומען צום בעשטעלטען פלאטץ וויא מיר האבען אפגערעדט; נאר אויב איהר האט קיין מורא ניט זיך דורך צו פאהרען אויפען ים, פאלגט דעם איבערברייינגער פון דיעזען צעטיל“.

דער צעטיל איז געווען אהן אונטערשריפט, אבער האט איהם דען ניט יעדעס ווארט געזאגט אז דאס איז זיא?

ארמאנד האט פארגעסען זיין אלטען פאטער, האט אויך פארגעסען זיין פערד וואס האט איהם ערווארטעט אויבען, אויפען פעלזיגען ברעג, און האט געענטפערט;

—איך בין בערייט מיין פריינד.

ער איז אריינגעשפרונגען אין שיפעל און האט זיך איבערצייגט, דאס דער מאנן איז אליין, דער צווייטער מאנן מיט די ווייסע האר וועלכען ארמאנד האט געסטערן געזעהן, איז יעצט ניט מעהר געווען.

דער אונבעקאנטער האט גענומען די וויאסלעס, האט זיך אפגעשטופט פון ברעג און האט געזאגט צו ארמאנד:

—קענט איהר רודערן?

—יא.

—דאן נעהמט איינע פון מיינע וויאסלעס, וועלען מיר קומען שנעלער.

ארמאנד האט זיך געזעצט אויפען רודער־באנק, און האט אויך געאר־ביים עט.

א שטונדע שפעטער האט ארמאנד בעמערקט א דונקעלע מאסע אויפען ברעג, א גרויסע געביידע.

—אהער געהען מיר — האט אונבעקאנטער געזאגט.

—אהער? דאס איז דאך גאר דער שלאס רוביני?

—דאס איז מעגליך.

—ער געהערט צו העקטאר לעמלין, איין אפיציער...

—אויך דאס איז מעגליך — האט ארמאנדס פיהרער האסטיג בעמערקט — אבער אהער געהען מיר.

ער איז דער ערשטער ארויסגעשפרונגען אויפען ברעג, האט ארויפגעצויגען דאס שיפעל אויפען זאמד און האט געזאגט צו ארמאנד:

—קומט.

—דאס איז זאנדערבאר! — האט ארמאנד געטראכט — וויא קען עס זיין אז דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה זאל זיין אין רוביני?... און ביין הערן לעמלין... א מאנן וואס איז האלב פעררירקט...

דער געהיימניספאלער פיהרער האט גענומען ארמאנד פארן האנד, האט איהם דורכגעפיהרט א גאדיבטע אללעע וואס האט געפיהרט פון ברעג צום שלאס, דאן האט ער איהם דורכגעפיהרט א דונקעלן קארידאר, און האט איהם פיהרענדיג איינגערוימט אין אויער, „מאכט קיין גערויש, דאס איז לעבענסגעפעהרליך!" דאנן האט ער איהם אריינגעפיהרט אין א דונקעלן זאל, און דארט האט ער ווידער געעפינט פאר איהם א טיר און האט געזאגט:

—געהט אריין, מען ערווארטעט אייך.

און ער איז פערשוואונדען.

ארמאנד האט זיך געפונען אויפען שוועל פון איין עלעגאנטען קליינעם צימער טאפעצירט מיט בלויער זיידע. דאס איז אמאהל געוועזען דאס בודואר פון דער באַראָנעסע מארטהא רוביני. ביין פלאקערנדען קאמין איז אין א ווינקעל געזעסען א דאמע. דאס איז געוועזען דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה.

דאס איז ניט מעהר געוועזען יענעם זאנדערבארע פאנטאסטישע געשעפף אויפע ווילדען פערד, וועלכע בעשטימט בעגעגניסען ביין ברעג פון ים, זאנדערן א ליעבענסווירדיגע אונטערגעבענע געליעבטע וועלכע עמפפאנגט איין אלטען פריינד אין איהר בודואר.

מיט איין גראציעזער האנדבעוועגונג האט זיא אנגעוויעזען ארמאנד זיך צו זעטצען נעבען איר. אבער ער איז צוגעשפרונגען צו איר, האט זיך ארונטערגעלאזט אויף א קניע און האט ערגריפען איהרע הענד.

—איז דאס ניט אלעס א טרוים? — האט ער געפרעגט, ריכטענדיג אויף איהר זיין בליק פון בעוואונדערונג.

—ניין, איהר טרוימט ניט... איך האב אלעס געוואגט אום אייך דא צו עמפפאנגען.

—אלעס געוואגט? — האט ער איבערגעפרעגט.

ארמאנד האט ווידער דערפילט יענעם שארפען שמערץ פון אייפערזוכט, וועלכען

ער האט געהאט געשפירט שוין איינינע מאהל פיי פערשיעדענע געלעגענהייטען.

—יא, — האט זיא געזאגט — איך בין אויסגעזעצט דער גרעסטען געפאהר ווען איך עמפפאנג אייך דאָ.

—אָבער איך בין דאָ אום אייך צו פערטהיידיגען און צו בעשיטצען — האט ארמאנד געזאגט מיט עדלען שטאָלץ.

—מיך פערטהיידיגען ? דאס הייסט אלזא מיך אין פערדערבען שטירצען.

ער האט אויפגעציטערט, און ער האט זיא אנגעקוקט מיט טרעֶרען ;

—מיין גאט, האט איהר א מאנן ?

—ניין — האט זיא געענטפערט.

און דיעזעס „ניין" האט געקלונגען זאָנדערבאר און טרויעריג.

—אבער וועלכער געפאהר זייט איהר דען אויסגעזעצט ?

—דער געפאהר פון טויט . . . און איהר אויך.

—איהר געפינט זיך אלזא אין וועמעס געוואלט ?

—יאָ — האט זיא געענטפערט.

וויא א וואָלקען האט בעדעקט ארמאנדס געזיכט.

—מאדאם — האט ער געשטאמעלט — האט איהר פערגעסען דעם פערשפרעכען וואס איהר האט מיר געסטערן געגעבען ?

—איך האב אייך געגעבען איין פערשפרעכען ?

—איהר האט געזאגט, דאס אויב איהר וועט יא אמאהל ליעבען א מאנן, דאנן וועט עס קיין אנדערער זיין אלס איך . . .

—ווער זאגט אייך דען אז איך ליעב דעם מאנן וועלכער האלט מיך פיליכט אין זיין מאכט.

—אָבער אויב איהר ליעבט איהם ניט . . . אויב ער איז ניט אייער מאנן . . . .

דיא דאמע האט איהם מיט א האנדבעוועגונג אונטערבראָכען :

—מיר שיינט, אז איהר וועלכער געדיינקט אזוי גוט דאס פערשפרעכען פון אנדערע, פערגעסט אזוי שנעל וואס איהר האט אליין פערשפראכען.

דער קאַלטער טאָן, מיט וועלכען דאס איז געזאגט געוואָרן האט ארמאנד כמעט דערשראקען! דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה איז ניט מעהר געוועזען יענע גראציעז גאבלעסינע שענהייט, וועלכע האט איהם אזוי הערצליך עמפפאנגען. איהר בליק האט געברענט און איהרע ליפען האבען געציטערט פון צארן.

—איהר פערגעסט — האט זיא געזאגט — דאס איך האב ניט אנדערס איינגעשטימט אייך צו עמפפאנגען סיידען איהר זאלט מיר שווערן, דאס איהר וועט קיינמאהל ניט זוכען צו ערפאהרען ווער איך בין. . .

—דאס איז וואהר — האט ער געשטאמעלט, אראפלאזענדיג דעם קאָפּ.

—נו, גוט ! אויב איהר ווילט עס וויסען, אויב איהר זייט ניט צופרידען מיט'ן זעהן מיך אליין — דאן פערלאזט מיך גלייך, איהר וועט מיך ניעמאלס וויעדערזעהן !

ארמאנד האט זיך געווארפען אויף דיא קניע.

—פֿערגעבונג ! — האט ער געשטאמעלט — איך בין געוועזען אייפערזיכטיג....

—האט איהר דען דאס רעכט דערצו ? — האט זיא געזאגט מיט א שפּעטישען טאָן וועלבער איז איינגעדרונגען אין ארמאנדס הערץ וויא א מעסער.

אָבער ער האט קיין צייט ניט געהאט צו ענטפערן. דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט איהם פּלוצלונג געריבּט דיא האנד, פונקט וויא דיא לעצטע ווערטער וואלטען האבען אין גאנצען ענטוואפענט איהר כעס.

—אה, אויך איהר דארפט מיך ענטשולדיגען — האט זיא געזאגט — איך בין גרויזאם... און דאך, איהר ליעבט מיך......

ארמאנד האט געקיסט דיא האנד וועלבע זיא האט איהם גערייכט.

—ענטשולדיגט מיך — האט זיא פארגעזעצט — און אויב איהר האט מיך ווירקליך ליעב, זוכט ניט דורכצודרינגען דאס געהיימניס וועלבע איז ארום מיך, ליעבט מיך אזוי וויא איך בין.

—יא — האט ער געזאגט מיט אונטערגעבונג.

איינע ברוינע האר־לאָקע האט זיך ארונטערגעלאָזען פון ארמאנדס קאפּ אויף זיין שטירן, און דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט דיעזע לאָקע צערטליך אוועקגעלייגט צוריק אויף איהר פּלאטץ אויפען קאפּ.

—איהר וועט דאָ קומען יעדען אבענד — האט זיא געזאגט — אבער פרעגט מיך קיינמאל ניט ווער דער מאנן איז וואס האלט מיך אין זיין געוואלט און דראָהט אייער לעבען און מיין לעבען, און ווארום איך בין אין רוביני; אבער קומט אימער בעוואפענט..? יעצט מוזט איהר מיך פארלאזען. . . געהט . .

אין דעם אויגענבליק האט זיך געלאזט הערן פון וויטען דער שאלל פון א יאנדטרומעטער, און ארמאנד האט בעמערקט וויא דאס געזיכט פון דער שיינער דאמע איז בלאס געווארן, און א שטומער שרעק האט זיך געמאהלט אויף איהר געזיכט.

—געהט, געהט שנעל ! — האט זיא געזאגט — עס איז נאך צייט....

דיא דאמע איז צוגעלאפען צום טיר פון בודואר, האט זיא געעפענט און האט צווייא מאהל א פּאטש געטהאן מיט איהרע הענד. דערועלבּיגער מענש וואס האט געדיענט אלס פיהרער פיר ארמאנד איז יעצט ווידער ערשיענען, אימער אריבערגעדעקט מיט זיין קאפּשאָן.

—אדיע ! .... אויף מאָרגען צו דערזעלבער שטונדע ! .... איהר געפינט דאס שיפעל — האט זיא איהם צוגערופען.

און זיא האט איהם ארויסגעשטופּט אין קארידאר, און האט צוגעמאכט דיא טיר הינטער איהם. ארמאנד האט אפילו קיין צייט געהאט צו ענטפערן.

זיין אונבעקאנטער פיהרער האט איהם גענומען פארן האנד, און האט איהם צוריקגעפיהרט דעם וועג דורך וועלבען ער האט איהם געבראכט. א שטונדע שפּעטער איז ער געוועזען אויפען פּלאטץ, פון וואנען דאס שיפעל האט איהם גענומען. ער האט אהן מיה צוריקגעפונען זיין פערד און איז געריטען אהיים.

דער אלטער קאָלאָנער איז געלעגען שוין לאנג אין בעט, אבער ער האט נאך

נים געשלאפען. ער האט געהערט וויא זיין זאהן איז צוריקגעקומען און האט געמור־מעלט:

—דאס איז מיר שליעסליך ליעבער וויא יענע פינסטערע ליידענשאפט פון וועל־כער איך האב איהם ארויס געריסען אין פאריז.... מיין קינד איז געראטעט....

דיא פאלגענדע דריי טעג זיינען פיר ארמאנד אריבער אין דערזעלבינגער ארט. יעדען אבענד פלעגט ער צו דערזעלבינגער צייט פארלאזען דיא ווילא, פלעגט רייטען צום ים, און פלעגט טרעפען דאס שיפעל מיט דעם געהיימניספאלען רודערער. יעדען אבענד פלעגט ער אריינגעפיהרט ווערין אין בודואר פון דער דאמע מיט דעם שווארצען האנד־שוה, וואו ער פלעגט פארברייננגען א שטונדע ביי איהרע קניע אין זיסע פלוידערייען. זיא פלעגט איהם אויסהערן שמייכלענדיג, און איהר בליק פלעגט איהם זאגען:

—איך האב אייך אויך ליעב, אבער א פרויא וויא איך איז זיך לאנג מיישב.

און ארמאנד האט געווארט געדולדיג, און איז נים ארויס פון גרעניץ פון אנ־שטאנד און רעספעקט.

צום פיערטען בעזוך, אלסט ארמאנד האט שוין געהאלטען ביים אוועקגעהן, וו'א אימער, אנגעטריבען פון דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה צו געהן וואס שנע־לער, איז איהם פלוצלונג אריינגעקומען דער פיינליכער געדאנקען: „ווער וויים אויב דיעזע דאמע טרייבט נים שפאס מיט מיר? ווער וויים, אויב יענער מאנן פאר וועלכען זיא האט מורא, ווערט נים געליעבט פון איהר?“....

—איך מוז אויסגעפינען אויב זיא ליעבט מיך ווירקליך — האט ער זיך געזאגט.

וואס ער האט זיך ערלויבט צו טהאן אין יענעם אויגענבליק, דאס איז געבליעבען א סעקרעט צווישן איהר און איהם, אבער פלוצלונג האט זיא זיך אויפגעהויבען מיט דער ווירדע פון א בעליידיגטער קעניגין, און איהם ווייזענדיג דיא טיר, האט זיא אויסגערופען!

—ארויס, ארויס!

איהר שטימע איז געווען אזוי שרעקליך אויפגערעגט, דאס ארמאנד האט איינפאך מורא געהאט. ער האט אין דעם אויגענבליק אויסגעזעהן וויא א קינד וואס האט זיך פארזינדיגט ביי דער מוטער. ער האט זיך דעננאך אויפגעהויבען, פערווירטה פערניכטעט, האט געמאכט א טריט צום טיר, איז געבליעבען שטעהן און האט זיך אומגעקעהרט.

—ארויס, ארויס! — האט זיא ווידערהאלט קורץ און בעפעהלעריש.

—אדיע, מאדאם! — האט ער ענדליך געזאגט מיט א פארשטיקטער שטימע.

און ענטשלאסען, מיט אויפגעהויבענעם קאפ, איז ער געגאנגען צום טיר, נים אומקוקענדיג זיך אויף הינטען.

—ארמאנד! — האט דיא זאנדערבארער יונגע דאמע פלוצלונג גערופען, און איהר שטימע האט ווידער נעקלונגען זיס און צערטליך וויא א פערגעבונג און טרויעריג וויא געוויסענסביסע.

ארמאנד האט זיך אומגעקעהרט און וויא געבלענדעט פון איהר בעצויבערענדע שמייכעל און גראציעזע האלטונג, האט ער געאיילט צו איהר און האט זיך ארונטער־

געלאָזען איהר דיא קניע:

—פערצייהונג — האט ער געשטאמעלט.

—איהר זייט איין עקשן, און איך בין גרויזאם... אבער מיין לעבען איז פול מיט געהיימניסע... איך דארף אויך אייך בעטען אום פערצייהונג. אבער יעצט איז עס ווירקליך צייט פיר אייך צו געהן, מיין פריינד.

—אדיע, אויף ווידערזעהן מארגען — האט ער געזאגט.

—ניין — האט זיא געענטפערט.

—וויא? ווארום ניט? — האט ער אויסגערופען אין ערשטוינונג.

—ניט מאָרגען.

—אבער וואָרום?

—איך קען עס אייך ניט זאגען.

—אבער דאָך...

—איהר האט פערשפראכען צו רעספעקטירען מיינע געהיימניסע.

—דאס איז וואהר — האט ער מעלאנכאָליש צוגעגעבען.

—אבער ווען וועל איך אייך ווידערזעהן?

—נאך דריי טעג.

—וואו, היער?

—ניין.... פיליכט.... איך ווייס ניט....איהר וועט קריעגען צו וויסען,

דער געראויש פון א יאגד־צוג האט זיך געהערט פון ווייטען.

—מיין גאט! האט זיא גערופען אין שרעק — דאָ איז ער.... געהט!....

זיא האט איהם ארויסגעשטופט אין קארידאָר; דער שווערער פאָרהאנג איז ארונטערגעפאלען הינטער איהם. ארמאנד האט זיך געפונען אין דער דונקעלהייט. אין דעם זעלבינגען אויגענבליק האט זיך א האנד אויסגעשטרעקט צו איהם און האט איהם אנגענומען פארן ארעם.

—קומט! — האט מען איהם געזאגט.

ער האט דערקענט דיא שטימע פון זיין געוועהנליכען פיהרער און איז איהם נאכגעגאנגען, וועהרענד יענער האט איהם אויפען אויער אימער אויפגעמונטערט: קומט, קומט!

וועהרענד ארמאנד האט אנגעפאנגען ארונטערצושטייגען דיא טרעפ, האט זיך פון א ווינקעל פון באלקאן אנגעהויבען צו בעוועגען דיא געשטאלט פון א מענשען וועלכער איז ביז איצטער געשטאנען אין דער דונקעלהייט! דאס איז געוועזען קאפיטאן לעמלין. אין האנד האט ער געהאלטען א געלאדענעם פיסטאָלעט. אזוי שנעל וויא אר־מאנד האט אנגעהויבען ארונטערצוגעהן דיא טרעפ, האט לעמלין געציעלט און געשאָסע אויף ארמאנד.

עס איז שוין געוועזען פינף טעג זייט קאפיטאן לעמלין האט צוריקגעקעהרט אויס פאריז, און אום צו בעגרייפען וואס ער האט אונטער דער צייט אויסגעשטאנען, איז עס נייטיג צו דערציילען וואס אונטער דיעזער צייט איז פאָרגעקומען אין שלאָס רוביני.

אלס קאפיטאן לעמלין איז אָנגעקומען אין רוביני, האט ער זיך גלייך נאכגע־פרעגט אויף דעם מאיאָר און דיא דאמע, און האט ערפאהרען, דאס זיי זיינען ארויס־געפאָהרען אויפען וואסער אין א שיפעל.

—א שיפעל ? — האט זיך לעמלין געוואונדערט — אין שלאס איז קיין שיפעל פאַר־ראנען, און דיא פישער קומען ניט דורך דאנען ?

—דאס איז קיין פישער־שיפעל, נאר א באָט.

—פון וואנען קומט עס ?

—מען ווייס נים. יעדענפאלס פון ווייט.

—ווען זיינען זיי ארויסגעפאָהרען — האט לעמלין געפרעגט.

—מיט א פּאָר שטונדען צוריק — האט דער אלטער אינטענדאנט געענטפערט.

דער קאפּיטאן איז אַרויף אויפען באַלקאָן און האט געוואָרפען א לאנגען בליק אויפען ים. ער האט קיין זאך ניט בעמערקט, און שרעקליכע געדאנקען האבען איהם אנגעהויבען צו פּייניגען. ער האט איבערגעקלעהרט, פיליכט האט זיא אין זיין אבוועַ־זענהייט עטוואס אויסגעפונען אַלס בעוויז צו זיין פערברעכען, פיליכט האט זשערמען עטוואס אנפערטרויט א דיענער איידער ער איז ענטלאָפען, און יעצט איז זיא פערשוואונ־דען, אנטלאָפען פון אָבשיי און שרעק פאר איהם.

מיט דיא לעצטע קרעפטען איז דער קאפיטאן געלאָפען צו זיך אין קאבינעט און האט דארט גענומען א שפּאקטיוו, מיט וועלכער ער איז צוריקגעקעהרט צום באַלקאָן. דורך דיא הילפע פון דיעזער שפּאקטיוו האָט ער בעמערקט דאס שיפעל, וועלכעס האט גע־רודערט צום ברעג. לעמלינס הערץ האט געשפּרונגען פאר פריידע. אין א פּאָר מינו־טען שפּעטער איז ער שוין געוועזען אים שטאנד צו ביַמערקען דאס אין שיפעל זיינען גע־זעסען דריי פּערזאָן. איין פירטעל שטונדע שפּעטער איז דאס שיפעל שוין געוועזען ביים ברעג. דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה איז לייכט ארויסגעשפּרונגען אויפען זאמד, דאנן האט זיא געמאכט א צייכען צום רודערער, און ער האט זיך אָפּגעשטופּט פון ברעג און איז צוריק אין ים.

דער מאיאָר אָרלאָוו מיט דער דאמע האָבען געפונען קאפּיטאן לעמלין אויפען ערשטען טרעפּ, ארונטערגעהענדיג פון באַלקאָן, און האָבען זיך געשטעלט איבערראשט. דיא דאמע האט זאָגאר ארויסגעוויזען פערלעגענהייט.

—וויא, דאס זייט איהר, קאפּיטאן ? — האט אָרלאָוו געפרעגט.

—דאס בין איך — האט לעמלין געענטפערט מיט א פארשטיקטער שטימע.

—גוטען אבענד — האט געזאגט דיא דאמע איהם רייכענדיג דיא האנד. ער האט ער־גריפען דיעזע האנד און זיא האט געפיהלט וויא זיינע ציטערט.

—ווען זייט איהר אנגעקומען, טהייערער ווירטה — האט אָרלאָוו געפרעגט.

—אונגעפעהר א שטונדע צוריק ; אבער פון וואנען קומט איהר.

—פון א פּראכטפאָלע שפּאציערפאהרט אויפען ים — האט דיא יונגע דאמע געענטפערט.

—וואו אבער האט איהר געפונען דאס שיפעל ?

—אָה, דאס איז מיין סעקרעט — האט דיא דאמע געענטפערט לאכענדיג, און האט

דערביי אנגעקוקט דעצ מאיאר אָרלאָוו, וועלכער האט אויך געשמייכעלט און גיזשווייגען.

—אבער דאָך . . .

—עס איז שוין עניף אוהר, מיין הערר, — האט איהם דיא דאמע גאנץ טרוקען איבערגעשלאָגען — און מיר זיינען אויפען לאַנד. מיר ווינשען אייך גוטע נאכט.

זיא האט גענומען דעם ארעם פון מאיאר אָרלאָוו און האט געמאכט מיענען אוועקצוגעהן, צושאקלענדיג דעם קאפּיטאַן מיטען קאפּ צום אבשיעד.

דער קאפּיטאן איז וויא פערניכטעט געשטאנען פון דיעזער קאלטקייט.

—מיר האבען נאך וואס צו ריידען, הערר מאיאָ' — האט ער געזאגט.

—נא, ווען מיר מוזען ריידען מארגען צום פריהשטיק.

דיא דאמע האט דעם קאפּיטאן נאך אמאהל צוגעניקט שוין עטוואס פריינדליכער און איז דאן מיט'ן מאיאר אוועקגעגאנגען, איבערלאזענדיג דעם קאפּיטאַנוויא פערשטיינערט.

דער קאפּיטאן האט צוגעבראכט זעהר א שלעכטע נאכט. דאס געהיימניספאָלע שיפּעל און דאס זאָנדערבארע בענעהמען פון זיינע געסט האבען איהם געמאכט פיעל צו מראכטען. אין דער שטילקייט פון דער נאכט זיינען איהם אויך ארויף אויפען געדאנקען דיא עראינערונגען פון מאנכע בלוטיגע טהאטען איבער וועלכע זיין געוויסען האט איהם גע־פּלאָגט, און ער האט ניט געקענט שלאָפען. ערשט געגען מארגען איז ער געפאלען אין זעהר א שווערען שלאָף, פון וועלכען צוויי קלעפּ אין טיר פון זיין צימער האבען אים אויפגעוועקט. דא איז דער מאיאר אָרלאָוו איהם געקומען בעזוכען.

—מיין טהייערער ווירטה — האט ער איהם געזאגט — עס איז שוין ניין אוהר, און אונזער שיינע יונגע גאסט איז שוין לאַנג אויף . . . און זיא ערוואַרטעט אייך אום זיך צו ענטשולדיגען פיר געסטערן . . . זיא איז נערוועז.

—איך בין גליך מיט אייך, הערר גראף.

וועהרענד לעמלין האט זיך איילענדיג אנגעקליידעט, האט זיך מאיאר אָרלאָוו אנידערגעזעצט, און נאך א קורצען שווייגען האט ער געפרעגט:

—האט איהר אלע נייטיגע פּאפּיערען אויסגעפערטיגט, הערר קאפּיטאן?

—אלע — האט לעמלין געענטפערט, וועהרענד זיין הערץ האט איהם אין דער ברוסט געטאנצט פאר פריידע ביי דיעזער פראגע — מיין נאטאריוס האט מיר אויסגעמאכט א קאנטראקט, אויף וועלכען עס פעהלען נור נאך דיא אונטערשריפטען. אין דיעזען קאָנ־טראקט ערקעננע איך אן צו פריילין אָלגא דע רוביני דיא סומע פון אנדערטהאלב מיליאָנען פראנק.

—זעהר גוט.

—פון מיינער זייטע מעג דיא הייראט שטאטפינדען אין אכט אדער אין צעהן טאג.

—אויסגעצייכענט!

—איהר מעגט זיין זיכער, ליעבער גראף, דאס פון מיינער זייט וועט קיין מניעה ניט זיין.

און דער קאפּיטאן האט געשמייכעלט אלס ער האט דאס געזאגט.

דער קאפּיטאן האט זיך דערוויילע פאַלשטענדיג אַנגעקליידעט און איז געגאנגען מיט מאיאר אָרלאָוו צו דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה, וועלכער ער האט בייגעלייגט דעם נאמען דע רוביני, אין גוטען גלויבען, דאס זיא איז ווירקליך דיא טאכ־טער פון גענעראל דע רוביני. זיי האבין איהר געפונען אנגעקליידעט, אבער האלב ליע.ענ־דיג אויף א דיוואן אין א צושטאנד פון זעהנזוכט און טרוימעריי. דער קאפּיטאן האט איהר קיינמאהל ניט געזעהן אזוי שעהן. און איז וויא בעצויבערט געוועזען ביי איהר אנבליק.

נאך דיא געוועהנליכע העפליכקייטען אין דער מאיאר ארויסגעגאנגען, איבערלא־זענדיג קאפּיטאן לעמלין און דיא יונגע דאמע אין א געשפּרעך.

—זעצט אייך אהער — האט דיא יונגע פרוי געזאגט צום קאפּיטאן אנווייזענדיג איהם א פּלאטץ נעבען זיך — איך האב מיט אייך צו ריידען וועגען וויכטיגע אנגעלעגענהייטען.

דער קאפּיטאן איז עטוואס איבערראשט געווארן פון דער שטאלצער, שטרענגער מיענע, וועלכע איהר געזיכט האט אנגענומען אלס זיא האט געזאגט דיא לעצטע ווערטער.

—מיין הערר — האט זיא פארטגעזעצט — איהר האט מיר געדרייכט אייער האנד אנשטאט דיא פערלארענע ירושה וואס מיין פאמער, גענעראל דע רוביני האט מיר איבערגעלאזען. . .

אה, מאדאם, מיין הערץ רעדט שטארקער וויא דיא פליכט. . . .

—איך וויל עס גלויבען, אבער איהר קענט דאך מיך נאך גאר ניט, איהר ווייסט ניט מיינע לויגען און מיינע קאפּריזען . . .

—איך וויים אז איהר זייט שעהן און דאס איך האב אייך ליעב.

און ער האט זיך ארונטערגעלאזען אויף דיא קניע.

—איז דאס ניט גענוג פאר אייך?

—נעהמט זיך אין אכט! . . . איך וועל פון אייך פאָרדערן פיעל זאכען . . .

—אה, רעדט. . . בעפעהלט! . . .

—ערשטענס וויל איך פערלאנגען פון אייך א שבועה.

—אויף וואס?

—דאס איהם וועט מיר בלינדערהייד פאָלגען אלץ וואס איך וועל פון אייך פערלאנגען.

—איך שווער עס אייך.

—וויא זאנדערבאר איך זאל אייך ניט אויסווייזען, וויא אונגעוועהנליך מיינע ווינשע זאלען אייך ניט קלינגען, זאלט איהר מיך ניט פרעגען קיין שאלות.

—ניין אויף מיינער עהרע.

—אויב איהר וועט ניט האלטען אייער שבועה, מעגט איהר אויפגעבען דעם גע־דאנקען מיך צו הייראטהען.

—לאָמיר זעהן מאדאם, וואס פאָדערט איהר.

—צוערשט א קלייניגקייט. איהר האט וועקגעשיקט אייער קאמערדינער, ניט וואהר?

דער קאפּיטאַן האט אויפגעציטערט און האט זיך דערמאָהנט אָן דער געגנב'טער מיליאָן.

—זשערמען? — האט ער געפרעגט.

—יאָ, איהר האט איהם ארויסגעיאָגט?

—יאָ; ווארום פרעגט איהר?

—נו, גוט! איהר זאָלט איהם נעהמען צוריק.

הע‏קטאָר איז געוואָרן בלאס.

—אָבער איך ווייס ניט וואו ער איז — האט ער געזאגט — און דאן איז ער א טויגעניכטס!

—איך ווייס עס און איך גלויב אז ער האט חרטה — האט זיא געענטפערט.

—איהר ווייסט עס?

—יאָ, ער איז געסטערן מיך געקומען זעהן, און האט מיך געבעטען איך זאל מיך פיר איהם ביי אייך פערוועגדען.

—מיין גאט צו האט ער דאָ ניט געפּרווירערט — האט דער קאפּיטאַן געטראַכט און האט געציטערט וויא איין פעראורטיילטער.

—איהר זאגט מיר שוין אָפּ מיין ערשטע ביטטע? — האט זיא געפרעגט.

—ניין, מאדאם, ניין — האט לעמלין געזאגט, זיך צוזאמענגעמענדיג — איהר קענט איהם זאגען אז איך פערצייהע איהם.

ביי זיך אבער האט דער קאפּיטאַן געטראַכט: „וויא איז דאס מעגליך, דאס דיעזער מענש, וואס בעזיצט איצטער א מיליאָן, זאל וועלען ווערין צוריק מיין קאַמער־דיענער?"

—אבער דאס איז נאך ניט אלעס — האט דיא דאמע פארטגעזעצט — איך וויל געניעסען א פאָלשטענדיגע פרייהייט.

—איך בין אייער שקלאַפע, מאדאם.

—עס וועט נאך וואהרשיינליך נעהמען מינדעסטענס 15 טעג ביז אונזער פערביני־דונג וועט שטאטפינדען...

—אח! — האט דער קאפּיטאַן געזיפצט.

—איך פערלאנג פון אייך אז יעדען אבענד, אום אכט אוהר, זאלט איהר זיך זעט־צען אויף א פערד און אוועקרייטען פון שלאָס...

—וואוהין זאל איך דען געהן?

—וואוהין איהר ווילט.

דער קאפּיטאַן האט געקוקט מיט ערשטוינען און האט גאר ניט פארשטאנען.

—איהר וועט אוועקרייטען פון שלאָס — האט זיא פאָרטגעזעצט — און וועט ניט צוריקקעהרען פאר צעהן אוהר.

—ווארום?

—דאס איז מיין סעקרעט. אבער דאס איז נאך ניט אלעס.

—וואס ווייטער?

—איהר וועט טראָגען מיט זיך א יאגד־האָרן, און וועהרענד איהר וועט רייטען צו־

ריק, זאלט איהר בלאָזען אין האָרן ווען איהר וועט זיין א טויזענד שריט פון שלאָס.

—דאס הייסט א זאנדערבארע פאנטאזיע! — האט לעמלין געזאגט שמייכלענדיג.

—דאס איז ניט קיין פאנטאזיע. אייער טרומייטערן וועט מיר אנזאגען אז איהר קומט צוריק.

דעם קאפיטאן׳ס געזיכט האט זיך פערדונקעלט.

—האט איהר דענן ווען צו עממפפאנגען? — האט ער געפרעגט.

פילייכט — האט זיא געענטפערט שפעטיש — איהר האט געשווארען צו ערפי־לען מיינע ווינשע, ניט וואהר?

—יא, מאדאם.

—גוט. האלט אייער פערשפרעכען.... א, יא, איך האב באלד גאנץ פערגעסען וואס איך האב אייך געוואלט זאגען, איך וואלט ווע:ין ענדערן מיין צימער אין שלאָס.

—דאס איז גאנץ לייכט, מאדאם, דער שלאָס שטעהט צו אייער פער־פיגונג.

זיא האט אויף איהם געריכטעט א בעצויבערענדען בליק און האט געפרעגט:

—האט איהר זעהר געליעבט מאדאם לעמלין?

ער האט אויפגעציטערט און איז בלאס געווארן.

—יא — האט ער ענדליך געמורמעלט.

—פילייכט האט איהר זיא נאך ליעב איצטער אויך?

—ניין... איך האב אייך ליעב.

—גוט, אין דעם וויל איך מיך איבערציינגען.

—וויא אזוי?

—איהר וועט מיר לאָזען אריינציהען אין דאס צימער וואו זיא איז גע־שטאָרבען.

—דיא בלאסקייט פון קאפיטאן איז געווארן טויטענקאָלאָר.

—וואס פאר א זאָנדערבאָרער פערלאנג!

—דאס איז מעגליך.

—איהר וועט זיך ענטזאגען דערפון.

—ניין, איך וויל עס.

—זאל זיין אזוי! — האט ער זיך אונטערגעגעבען.

—יעדען אבענד וועט איהר דארטען מיט מיר פארברייננגען א שטונדע ביין לייכטענדען קאמין......

ביין קאפיטאן האבען זיך גערירהרט דיא האר אויף׳ן קאפ פאר שרעק.

—מיר וועלען ריידען וועגען איהר...

—אה, ניין, ניין — האט ער אויסגערופען מיט א האלב דערשטיקטער שטימע.

—ווארום? וויל איהר האט זיא געליבט! ווייל איהר האט זיא אויך

יעצט נאך ליעבן!

דער שפעטישער שמייכעל און דער טאן פון דער דאמע מיט דעם שווארצע האנדשוה זיינען געווארן אזוי גרויזאם דאס דער קאפיטאן האט מורא געהאט און ער האט זיך געפרעגט, צו איז דאס ניט א טייפעל וואס איז אנטלאָפען פון גיהנם אום איהם צו פייניגען.

—געהט, מיין ליעבער קאפיטאן און בעפעהלט, אז מען זאל מיר פאַרבערייטען דאס צימער פון דער זעליגער מאדאם לעמלין. איך וויל דארטען שלאפען נאך דיעזע נאכט.

און אלס דער קאפיטאן איז ארויסגעגאנגען זיך וויגענדיג און האלב וואהנזיניג פון שרעק און געוויסענסביססע האט זיא נאך צוגעזעצט, ריידענדיג צו זיך אליין:

—דוא וועסט מיר שוין דיין פערברעכען געשטעהן, דוא מערדער

פון דעם אויגענבליק אן איז דאס לעבען פון קאפיטאן געוועזען איינע העלישע פיין. דעם גאנצען טאג האט זיא איהם געהאלטען אונטער איהרע אויגען. א ווילע בעפעהלעריש און שטרענג און א ווילע מיט א זיסען שמייכעל אויפען געזיכט, האט זיא געשפיעלט מיט איהם פונקט וויא א קאַטץ מיט א מויז. דער קאפיטאַן האט עס ערטראגען ווייל ער האט זיא געליעבט. דאס איז אבער ניט געוועזען יענע רוהיגע און טיעפע ליעבע, וועלכע ערפילט דאס הערץ און פערשאפט פריידע. דאס איז געוועזען, אין געגענטהייל, איינע זאַנדערבארע פאטאַלע ליידענשאפט, וועלכע האט איהם געהאלטען אין א צושטאנד פון פורכט און אויפרעגונג.

אום אכט אוהר, אלס קאפיטאן לעמלין מיט זיינע געסט האבען געענדיגט זייער אבענדעסען, האט דער מאיאר אַרלאָוו געוועכסעלט א בליק מיט זיין בעגלייטערין, און האט זיך דאנן געווענדעט צו לעמלין:

—מיין ליעבער קאפיטאן, עס איז היינט אזא פיינער אבענד, וואס דיינקט איהר פון א קליינער שפאַציערפאהרט?

דער קאפיטאן האט זיך אויפגעהאפט, עטוואס דערשראקען, און האט זיך דערמאהנט אן דעם פערשפרעכען, צו פארלאזען דעם שלאס אום 8 און צוריקצוקומען ניט פריהער וויא צעהן.

—זאל זיין אזוי — האט ער געענטפערט מיט איין אראפגעלאזענעם קאפ.

צעהן מינוטען שפעטער זיינען דיאביידע מענער געזעסען אין זאטעל, רייטענדיג פון שלאָס, ווערענד דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט געהיימניספאָל עמפפאנגען דעם יונגען ארמאנד לעאן, וועלכען דער געהיימניספאָלער שליח האט געבראכט צופיהרען.

—מיר וועלין מאכען א שפאַציער־פאהרט דורכען וואלד — האט דער מאיאר געזאגט — דער קלאנג פון א יאגד־הארן אין וואלד איז וואונדערשעהנ.

דערמיט האט ער דערמאהנט דעם קאפיטאן דאס ער האט פערשפראכען צו בלאזען דעם הארן פארן צוריקקומען אין שלאָס, און ער האט זיך געלאזט ברייננען זיין יאגד־טארן. אלס זיי זיינען געריטען ווייטער האט דער קאפיטאן בעמערקט:

—ווייסט איהר, גראף, אייער שעהנע בעגלייטערין האט זאנדערבארע פאנטאזיעס·

איך גלויב זיא וויל זיך איבערציינגען אויב איך וועל זיין איין אונטערטהעניגער מאנן אין אלע הינזיכטען.

—אבער קיין זאך צווינגט איך ניט זיא צו הייראטען—האט דער מאיאר געזאגט טהר־קען — עס איז נאך צייט פיר אייך.

—נֵיין, ניין ! — האט דער קאפּיטאן לעבהאפט אויסגערופען—איך האב זיא ליעב.

דער מאיאר האט געשוויעגען און אונגעפעהר א שטונדע און האלב זיינען זיי געריטען שווייגזאם איינער ביי דעם אנדערנס זייטע, ביידע פערזונקען אין געדאנקען.

אום האלב נאך ניין האט דער גראף אָרלאָוו אָפּגעשטעלט זיין פערד.

—עס ווערט קעלטער — האט ער געזאגט — מיר וועלען טהאן גוט צוריק צוגעהן.

ער האט זיך אומגעדרעהט און האט אוועקגעלאָזען זיין פערד אין גאַלאָפּ. דער קאפּיטאן האט איהם געפאלגט. דיעזער האט זיך געפיהלט פונקט וויא ער וואלט געוועזען דער שקלאפע פון דעם מאנן וועלכען ער קען ערשט זייט איינינע טעג, און וועלכער בענעהמט זיך אין זיין שלאָס פונקט וויא דער ווירטה און בעהערשט איהם אכיין אויך.

אלס זיי זיינען געוועזען אונגעפער א פערטיל מייל פון שלאָס, האט זיך דער מאיאָר ווידער געווענדעט צו לעמלין :

—איך בין איבערציינגט, אז דער פעלזען אויף וועלכען אייער שלאס שטעהט מוז געבען א ערדליבען ווידער־קול.

—גלויבט איהר אזוי ?

—נאָ, מיר קענען דאך פּרובירען. נעמט אייער טראָמפּעטטע און בלאזט א א סיגנאל.

אונטער די געשליפענע ווערטער פון דעם גראף אָרלאָוו האט זיך אימער געהערט דער טאָן פון א מאנן, וועמען מען מוז געהארכען.

צו האט דער מאיאָר דאס געטראָפען, אדער האט ער עס פריהער פּרובירט, אבער דער ווידערקול האט ווירקליך וואונדערשעהן אפּגעקלונגען פון דיא פעל־זען ארום.

—זעהט איהר אז איך האב רעכט געהאט — האט דער מאיאָר געזאגט — מאָרי־גען וועלען מיר עס ווידערהאָלען.

אריינקומענדיג אין שלאס איז זיי מיטגעטהיילט געוואָרן דאס דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה שלאפט שוין אין צימער פון מאדאם לעמלין, וואוהין זיא האט זיך איבערגעקליעבען. דער קאפּיטאן האט זיך פערשלאָסען ביי זיך אין צימער, גאנץ וויא בעטרונגען פון ערגער, פון אייפערזוכט און פון וואוטה.

וועהרענד דער לאנגער שלאפלאָזער נאכט פון פיין האט ער זיך אנגעהויבען צו פרעגען ווארום האט איהם דיא יונגע דאמע דערוויינערט פון שלאס פון 8 ביז 10 אוהר אבענדס, ווארום וויל זיא דורכאוים שלאפען אין מארטהא׳ס צימער, ווארום האט זיא פערלאנגט ער זאל ווידער אויפנעהמען זשערמען דעם גנב פון א מיליאָן, און וויא אזוי איז עס געשעהן, דאס ער, א מענש פון דער וועלט און פון ערפאהרונג זאל זיך

אזוי אריינגעבען אין דיא הענד פון צוויי פרעמדע מענשען, וועלכע האבען זיך בעמעכ־טיגט פון זיין גאנצע עקזיסטענץ.

אין פריהמארגען איז געקומען א דיענער און האט איהם געמעלדעט דאס „יענע דאמע" האט אויפגעוואכט און ווינשט צו זעהן דעם הערן.

און וויא אימער צאהם, ערגעבען, וויא איין אמת'ער שקלאפע האט ער זיך אויפ־געהויבען, האט זיך אנגעקליידעט און איז צו איהר געגאנגען.

קומענדיג צום טיר, פון יענעם שרעקליכען צימער, איז איהם דאס הערץ געזונ־קען. ער האט ניט מורא געהאט דיעזעס מאהל פארן שאטען פון מארטהא, אבער ער האט געציטערט פאר א שרעקליכערע זאך: פילייכט האט דיא פרוי וואס ער ליעבט געפונען וועלכען צייכען פון זיין פערברעכען. ער האט דעננאך אנגעקלאפט און איז איינגעטרעטען.

דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה איז געוועזען אנגעקליידעט אין א ווייסען מארגען־ראק און איז געזעסען ביים העללען קאמין. זיא האט איהם אויפגענומען מיט א שמייכעל און האט איהם איינגעלאדען זיך צו זעמצען נעבען איהר, אזוי דאס זיין גע־זיכט איז אויסגעקומען אנטקעגען דעם גרינעם פאראהאנג, הינטער וועלכען מארטהא איז געשטארבען. לעמלין האט בעמערקט דאס דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה איז בלאס און טרויעריג.

—זייט איהר אבערגלויביש, קאפיטאן? — האט זיא געפרעגט.

—ווארום דיעזע פראגע? — האט ער געפרעגט מיט אויפרעגונג.

—גלויבט איהר אין ערשיינען פון גייסטער?

—אבער.... ווארום דען?

—ענטפערט. איהר גלויבט דארין?

—איך ווייס ניט......

—איך גלויב — האט זיא געזאגט.

העקטאר לעמלין האט אונגלויביג געוואלט צושמייכלען, טראטץ דעם וואס ער האט געפיהלט וויא זיין הערץ בלייבט שטעהן און קלאפט אונר'געגלמעס־סיג פאר שרעק.

—איך גלויב, ווייל איך האב עס געזעהן מיט מיינע אויגען.

—וואו? ווען?....

דער קאפיטאן איז אויפגעשפרונגען פונקט וויא ער וואלט וועלען פליהען.

—איהר האט עס ווארשיינליך געטרוימט — האט ער עס געזאגט.

ניין, אויפען וואהר.

לייגענדיג איהר האנד אויף זיין ארעם האט זיא איהם געזעטיגט ווידער צו זעמצען, און האט דאנן נאך צוגעזעצט:

—מיין גאט, וויא בלאס איהר זייט! איך זעה אז איהר גלויבט אויך אין גייסטער.

ביים קאפיטאן לעמלין האט עס געקלאפט א צאהן אן א צאהן.

—איך האב געזעהן אייער פרוי — האט זיא געזאגט.

דער שרעק האט וויא אפגענומען פון לעמלין אלע זיינע חושים און ער איז געבליעבען וויא פערניכטעט, ניט זעהענדיג און ניט הערענדיג. אין א וויילע ארום האט זיא פארטגעזעצט:

—אלס איך האב מיך אנידערגעלייגט און האב אויסגעלאשען דאס ליכט, און אלס איך האב מיך קוים אומגעקעהרט צום וואנד אום איינצושלאפען, האב איך דערהערט א לייכטען גערויש אין הויז. איך בין געווארען וויא פערשטיינערט אלס איך האב דערזעהן, ווען איך האב מיך אומגעקעהרט, דאס איין שיין דריגגט איין צו מיר אין שלאפצימער, אבגלייך דיא פארהאנגען זיינען געוועזען ארונטער געלאזען. דאן האב איך בעמערקט וויא א שאטען בעוועגט זיך אין הינטערגרונד, דארטען...

דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט אויסגעשטרעקט דיא האנד און האט אנגעוויעזען אויף איינע עקע פון צימער וואו עס האט זיך געפונען איהר טואלעט-צימער.

—דער שאטען האט זיך גערוקט נעהענטער ביז גאנץ נעבען מיר, און איך האב דערקענט א דאמע געקליידעט אין ווייסען. זיא איז געוועזען בלאס, אה, אבער אזוי בלאס וויא נור דיא טויטע זיינען עס. זיא האט מיך אנגעקוקט מיט טרויער און האט געזאגט:

—איהר זייט אויפען בעט אויף וועלכען איך בין געשטארבען!...

אין זיפץ האט זיך ארויסגעריסען פון קאפיטאנ׳ס ברוסט, אבער ער האט קיין ווארט געקענט ארויסריידען.

—יא — האט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה פארטגעזעצט — זיא האט מיר אנגעצייגט דיעזעס בעט און האט געזאגט: „דא בין איך געשטארבען; איך הייס מארטהא”. דאן האט זיא אויפגעהויבען איהר האנד און האט זיא געטראגען צום האלדז.

מיר איז דאן אריינגעקומען אין קאפ א זאנדערבארער געדאנקען, דען איהר האלדז איז געוועזען וויא צוזאממענגעדריקט און האט געטראגען דיא צייכענס פון א מערדערישע האנד.

דיא דאמע האט ביי דיעזע ווערטער אנגעקוקט דעם קאפיטאן. ער איז געוועזען טויטענבלאס און וויא פערשטיינערט.

—זאגט מיר, איך בעט אייך, ווייסט איהר געוויס דאס אייער פרוי איז ניט געשטארבען א דערשטיקטע?

דער קאפיטאן האט ניט געענטפערט און איז אומגעפאלען וויא א שטיין בעוואוסטלאז.

אין דעם אויגענבליק האט זיך א טיר געעפינט און דער מאיאר איז אריינגעקומען.

—אה, איהר זייט אונערביטטליך, מאדאם — האט ער אויסגערופען, וויא דער שיקזאל אליין

—דאס איז וואהר — האט זיא געענטפערט — אונערביטליך וויא דאס איז געווע־

ען דיעזער מענש אויך.

זיא האט אויסגעשטרעקט דיא האנד און געצווינגען א גלאָק. איין מאנן איז ערשיע־נען. דאס איז געוועזען זשערמען, דער בלומרשט ענטלאָסענער דיענער פון קאפּיטאן.

—זשערמען—האט זיך דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה צו איהם געווענדעט—איך גלויב אז דיא שטונדע איז געקומען ווען דוא מעגסט היער ווידער ערשיינען. טראָג אוועק דעם קאפּיטאן צו איהם אין צימער. איך קום דיר נאך.

אלס קעמלין האט אויפגעפּעגט זיינע אויגען האט ער זיך דערזעהן אויף זיין בעט, אין גאנצען אנגעקליידעט, און האט אין אנפאנג געגלויבט אז ער איז אין צימער אליין. אבער ביין לייכטעסטען געריוש וואָס דער קאפּיטאן האט געמאכט, האט זיך א גע־שטאלט בעוועגט אין א ווינקעל ביין קאמין און איז צוגעגאנגען צום בעט. דאס איז געוועזען זשערמען.

לעמלין האט איהם דערזעהן און האט קיין סימן פון פערוואונדערונג ארויסגעוויע־זען. דער שלאג וועלכען ער האט ערליטטען, האט געווירקט אויף זיין גאנצעס סיסטעם און דער לעצטער מאָנאט מיט אלע ערייגניסע איז אין גאנצען וויא אויסגעמעקט גע־ווארן פון זיין געדעכטניס. ער האט פערגעסען דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנד־שוה, דעם מאיאָר ארלאוו און דאס אייזערנע קעסטעלע מיט דיא גנבה. ער האט גע־מיינט אז ער האט נאך אין זיין מיטפערשוואָרענעם א געטריישן דיענער.

—זשערמען, וויא שפּעט איז עס? — האט ער געפרעגט.

—מיטאָגצייט.

—אזוי שפּעט...

—מיין הערר שלאָפט פון ניין אוהר..

—וואס איז דאָס, איך האב מיך געליגט אין מיינע קליידער...

דיזע בעמערקונג וועלבע ער האט געמאכט וויא פיר זיך האט פּלוצלינג ארויס־גערופען אין זיין ערינערונג אלעס אויף א מאהל: דיא גנבה פון דעם אייזערנעם קעס־טעלע, דיא דראמע פון מארטהאס טויט, דעם קאפּריז פון דער דאמע מיט דעם שוואר־צען האנדשוה צו שלאָפען אין יענעם צימער און איהר ערצעהלונג פון פריהמארגען.... איהר שרעקליכען טרוים... דער אנבליק פון זשערמען האט נאך זיין ענטזעטצען גרע־סער געמאכט.

—וואס טהוסט דוא דאָ, עלענדער? — האט ער געפרעגט.

—איך בין דעם הערן'ס קאמערדינער — האט זשערמען קאלטבליטיג געענטפערט.

—איך האב דיך ארויסגעיאָגט.

—איך בעט אום פערצייהונג, מיין הערר האט א טעות.

—א טעות! ?

—ניט איהר האט מיך ארויסגעיאגט, איך בין אליין אוועקגעגאנגען.

—און האסט געגנב'עט א מיליאן

—אָ, דאס איז א נעבענזאכע.

—אונפערשעמטער!

—מיין הערר האט מיר געבאָטען נור דרייסיג טויזענד פראנק פאר מיין שווייגען

וועהרענד יעדער פאַרשטעהט אז דאס איז ביליג. איך האב מיר דעריבער אליין גע־נומען מיט מעהר יושר.

און זשערמען האט געשמייכעלט מיט דער גאנצער תמימות פון איין עהרליכען מענשען.

—אונפערשעמטער! — האט דער קאפיטאן געמורמעלט, וועהרענד ער האט געצי־טערט אונטער דעם שפעטישען בליק פון זיין דיענער.

דיעזער איז אבער גאר ניט רויט געווארען פון דיעזע שימפף. אין געגענטהייל; ער האט געהאלטען אין איין שמייכלען, דאן האט ער זיך זעהר פאמיליער אריינגעזעצט אין א פאטעל ביין בעט.

—הערט מיך אויס, קאפיטאן — האט ער געזאגט — מיר זיינען דאך איצטער אליין, קיינער הערט אונז ניט... לאמיר אביסל ריידען ערנסט.

—וואס ווילסט דוא דען? — האט לעמלין געפרעגט מיט פעראכטונג.

—אח, מיין גאט — האט זשערמען פלוצלונג געזאגט מיט א פערענדערטער שטימע— איהר מאכט אזא פנים אנטקעגען מיר, פונקט וויא איהר וואלט מיך אין אמת'ן נור קענען אלס אייער קאמערדיענער און ניט מעהר. אזא בענעהמען איז גאנץ איבערפלי־סיג ווען מיר זיינען אליין.

—עלענדער שורקע!

—נא, איהר האלט זיך נאך אימער, וויא עס זעהט אויס, פארן קאפיטאן לעמלין, אפיציער פון דער ארמעע, פארן עהרליכען און מוטהיגען מאנן, פארן מוסטערהאפטע סאלדאטען, און זא וויטער... חא, חא! מענשען ווערן אפט אויסגעארטעט, מיין גנעדיגער הערר, און איהר געהערט צו אזעלכע מענשען...

—שווייג!

—אח, וואס! אויב איהר ווילט ניט אז איך זאל אייך עראינערן און דיא אונאנ־גענעהמע פונקטען פון דער פערגאנגענהייט, דאן זייט א ביסל פריינדליכער...

— וואס פערלאנגסט דוא דען נאך פון מיר?

—גלויבט מיר, גנעדיגער הערר — האט זשערמען פארגעזעצט מיט דער מיענע פון א גוטען ברודער — איך וויל מיך ניט פארשטעלען בעסער וויא איך בין, אבער מיין הערר האט פון מיר א צו שלעכטע מיינונג. (דער קאפיטאן האט ניט וויקענדיג געשמייכעלט).

—זעהט איהר, איך גיעב זיך ניט אן פאר א טוגענדהאפטען מענשען, אבער איך בין איין גוטער קערל און בין אייך מעהר ערגעבען אלס איהר דיינקט. מען איז מיט א מענשען צוזאמען מוז מען איהם ניט ווילענדיג א ביסל ליעב האבען... און דאן בינ־דעט אויב דאס פ ע ר ב ר ע כ ע ן מענשען צוזאמען...

—שווייג, שווייג! — האט דער קאפיטאן געשריען — אום הימעלס ווילען, שווייג!

—זאל זיין אזוי! מיר ריידען ניט מעהר דערפון. וואס געטהאן איז פארפאלען... איך וויל צוגעבען אז מיינע אויפפיהרונג וועגען יענע קעסטעלע איז פיליכט געוועזען ניט זעהר פיין, אבער, וויא זאגט מען, מען קען ניט ביישטעהן אלע מאהל א נסיון....

—האסטו דען חרטה ? און ווילסט מיר צוריקברייננגען דעם אינהאלט פון דער קאסע ?

—דאס איז איין איינפאל! — האט זשערמען זיך צולאכט — איך זעה, מיין העדר, עס איז ריכטיג וואס מען זאגט, אז קאנטראסטען טרעפען זיך צוזאמען: קלוגע לייטע ריידען זיך ארויס נארעשקייטען, אלטע ווערין וויא קינדער, און פערברעכען פיהרט צו טוגענד. אייער פראגע איז אזוי אונשולדיג וויא פון א נייגעבארענעם קינד. גיבען דען אזעלכע לייטע וויא מיר אוועק צוריק דאס וואס זיי האבען איינמאהל גענומען ?

—צו וואס ביסטו אהער געקומען ? — האט לעמלין געפרעגט.

—איך קום אייך זעהן.

—איך ?

—אייך זעהן און אייך געבען א ראטה.

—א שיינער דאנק !

—איך בין געקומען אייך בעשיטצען.

—דוא ?

—איך !

—צו אונפערשעמט !!

—זאגט בעסער אז דאס איז צו גוט פון מיין זייט, און איהר פערדינט ניט אזא ערגעבענהייט. אבער איך וויל זיין גרויסמיטהיג, איך וועל אייך טהאן גוטעס גענע אייער ווילען.

—וואס ווילסטו זאגען ?

—איך וויל אייך ווייזען אז מען טרייבט מיט אייך בייזען שפאס.

—ווער ?

—יענע דאמע, דאנערוועטער! אייער צוקינפטיגע פרוי.

—זשערמען, נעהם זיך אין אכט!

—נא, אז איך בין שוין יא געקומען אהער אייך זאגען דעם אמת, דאן לאזט מיר שוין ארויסריידען אלעס.

—רייד! — האט לעמלין געזיפצט.

—איהר דארפט וויסען אז איך בין געקומען אייך פערהיטען פון צו בעגעהן א דומהייט:

—וועלכע דומהייט ?

—אייער הייראט....

—איך האב זיא אבער ליעב...

—איך שווער אייך אבער אז איהר ווערט ניט געליעבט.

דוא זאגסט ליגען !

—איך קען אייך גלייך בעווייזען דאס געגענטייל, ענטפערט נאר אויף מיינע פראגען.

—וואס ווילסט דוא דען וויסען ?

—שוין צוויי טעג וויא איהר האט צוריקגעקעהרט אויס פאריז, ניט וואהר ?

—יא.

—וואו איז געוועזען פרייליין פון רוביני ווען איהר זייט אהער אנגעקומען?

—אויף א שפאציער־פאהרט אויפען ים.

—אין וואס פאר א שיפעל ?

—איך ווייס ניט — האט דער קאפיטאן געענטפערט קנייטשענדיג דעם שטערן — זיא האט דאס ניט געוואלט זאגען, דאס איז איהר סעקרעט.

—גוט, אבער איך ווייס עס,

—דוא ?

—ווארט, דאס איז נאך ניט אלעס. האט זיא ניט אייך אויפגעפאדערט ארויס־צופאהרען שפאצירען יעדען אבענד פון אכט ביז צעהן.

—דאס איז וואהר.

—ווייסט איהר ווארום ?

—ניין.

—זיא זאגט אז זיא וויל מיך אויספרובירען.

זשערמען האט געצוקט דיא אכסלען.

געסטערן זייט איהר ארויסגעפאהררען מיט'ן מאיאר....

—יא.

—און צוריק רייטענדיג האט ער אייך אויפגעפאדערט צו בלאזען דעם יאגד־האָרן.

—גאנץ ריכטיג.

—ווייסט איהר ווארום ?

—אום אנצוזאגען אין שלאָס אז איהר קומט.

—אלזא בעטריגט מיך דיינע פרוי ?

—דאס איז מעגליך.

—וויא, דוא ווייסט עס ניט אויף קלאָר ?

—נא, אזעלכע זאכען ווייס מען קיינמאל ניט אויף קלאר.

—ווילט איהר איך זאל אייך זאגען וואס איהר טראכט :

—וואס דען ?

—איהר דיינקט, דאס אזוי וויא מיר זיינען אין רוביני, אין איין איינזאמען שלאָס ביין ברעג ים וויט פון פאריז, און נור זייט 15 טעג, קען ניט זיין אז....

—דאס איז ריכטיג.

—עס פערשטעהט זיך. א פרוי וועלכע מען ליעבט איז אימער טוגענדהאפט.... אָבער אלץ וואס איך קען אייך זאגען איז, דאס דיא דאמע מיט דעם מאיאָר זיינען פאַרגעסטערן ארויס אין א שיפעל אויפען ים מיט איין אונבעקאנטען....

—און נאכהער ? — האט דער קאפיטאן געפרעגט ציטערנדיג פאר אויפרעגונג פון אייפערזוכט.

—געסטערן זייט איהר ארויסגעריטען אין וואלד, נו, אום האלב ניין איז איין אונ־בעקאנטער געקומען אין שלאָס, און איז ארויסגעגאנגען אין דעם אויגענבליק ווען אייער

יאנד־האָרן האט ערשאָלט.

—זאל דאס זיין וואהר ?

—איך זאג אייך אז מען שפּאסט מיט אייך.

—אָבער ווארום ?

—איך ווייס ניט.

—צו וועלכען צוועק ?

—דאס איז א געהיימניס.

—אָח — האט דער קאפּיטאן געמורמעלט ציטערנדיג פאר צאָרן — איך וועל וויסען דיא ווארהייט, איך וועל מיך נוקם זיין !...

—איהר וועט טהאן זעהר גוט.

—דיעזען אבענד....

—אויב איהר ווילט הערען מיין ראטה זאלט איהר דיעזען אָבענד ארויספאהרען וויא געסטערן....

—ניין, ניין !

הערט נאר אויס ! ווען איהר וועט קומען אין וואלד, זאלט איהר פּלוצלונג אומדרעהען דאס פערד און קומען אין שלאָס אום 9 אוהר, איבערלאזענדיג דעם מאיאר הינטער זיך.

—דאס איז גוט, און איך וועל פּלוצלונג ארייגנעהן צו איהר....

—אָ, דאס איז צו שנעל געגאנגען....

—וואס האב איך דען אנדערעס צו טהאן ?

—איהר וועט איבערלאזען אייער פערד ביי דער מיהל, דאן זאלט איהר צוגעהן צום ברעג ים און פון יענער זייט צוקומען צום שלאס, און ארויפגעהן דיא ברייטע טרעפּ.... איהר ווייסט ?

—גוט.... און נאכהער ?

—נאכהער וועט איהר נעהמען אייערע פּיסטאָלעטען, וועלכע איהר וועט פריהער אנלאָדען און זיי דארט אוועקלייגען.... איהר וועט שטעהן אין א ווינקעל פון פּלאטפאָרם, א 20 טריט פון טרעפּ....

—דורך דארטען אלזא ?....

—יא, דורך דארטען קומט ער און געהט... אבער ער האט א בעגלייטער.

—ווער איז יענער ?

—איך.

דיעזע אנטוואָרט האט דעם קאפּיטאן אין גאנצען צומישט.

—דוא ? דוא ? — האט ער געשריען וויא וואהנזיננינ — דוא קאָנסט איהם אלזאָ ?

—געוויס !

—ווער איז ער ? זאג שנעל!

—טאַ־טאַ־טאַ ! עס איז גענוג פון מיר ווען איך פערטרוי אייך דאס אלעס און

גיעב אייך א ראטה.

—דוא ביסט אלזאָ דער מיטפערשוואָרענער פון דיזער דאמע.

—פיליייכט, דען איך פעררטה זיא....

אום אפצושניידען מיט א מאָהל אלע פראגען פון קאפּיטאן, איז ער צוגעגאנגען צום קאמין און האט אראפּגענומען א לאנגע קעסטעלע אין וועלכער עס האבען זיך גע־פונען דיא פּיסטאָלעטען.

—ווירט איהר איך זאל עס לאדען?— האט ער געפרעגט.

אבער דער קאפּיטאן האט אליין גענומען דאס קעסטעלע און האט זיי זעהר אויפמערקזאם געלאדען.

—איצטער האב איך אייך נור נאך איינע עמפּפעהלונג צו מאכען.

—וואס איז ווייטער ?

—דער גאַלאַנטער הער איז מיט א קאָפּ העכער פון מיר — זאלט איהר וועניגס־טענס ניט מאכען קיין טעות.

—זיי רוהיג, איך זעה ביי נאכט, און איבעריגענס וועט דער האס פיהרען דיא קויל צום ריכטיגען ציעל.

—איהר דארפט אויך ניט פערגעסען ליעבער הערר, אז דיזע דאמע האט אין מיר איין געהאָרבזאמעס ווערקצייג, פערשטעהט איהר ?

און דערביי האט ער ארויפגעלייגט א פינגער אויף דיא ליפּען. דער קאפּיטאן האט מיט פערשטענדניס צוגעשאקעלט דעם קאָפּ.

אין דעם אויגענבליק האט עס צוויי מאהל געקלאפּט אן טיר.

—הערייִן ! — האט דער קאפּיטאן גערופען, אונטערדריקענדיג זיינע אויפרעגונג.

דיא טיר האט זיך געעפענט און א דאמע איז אריינגקומען מיט א שמייכעל אויפען געזיכט און מיט אויפריכטיגקייט אין דיא אויגען. דאס איז געוועזען דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה.

דיזע אונערווארטעטע ערשיינונג ביי דיזער געלעגענהייט האט הערפאָרגע־בראכט א גוואלטיגע ווירקונג אויפען קאפּיטאן. דיא מיטהיילונגען פון זשערמען און דער שרעקליכער אנפאל פון אייפערזוכט זיינען וויא פערשוואונדען געוואָרן אונטער דעם איינפלוס פון דיזען בליק און דיזען שמייכעל.

דיא געמיינטע טאכטער פון גענעראל דע רוביני איז אריינגעקומען מיט א לייכטען טריט און האט זיך ניעדערגעזעצט אויף א שטול ביים קאמין, וואו זשערמען האט אויפ־געמאכט א פייער וועהרענד ער האט געפּלוידערט מיט זיין העררן. לעמלין, וועלכער איז שוין געוועזען אין גאנצען אנגעקליידעט, איז צוגעשפּרונגען צו איהר און האט ער־גריפפען רעספּעקטפאָל איהר האנד.

—גוטען מארגען, מיין פריינד — האט זיא געזאגט מיט דער זיס־קלינגענדעסטער שטימע אין דער וועלט—איך בין אייך בעטען אום פערצייהונג געקומען.

—איהר קומט.... מיך בעטען.... אום פערצייהונג ?

—פיר דאס אונרעכט וואס איך האב אייך געטהאן.

—אה ! — האט לעמלין אויסגערופען אין א טאָן פון א מאנן וועלכער וויים נאך

ניט אום וואס דאָ האנדעלט זיך, דיא ליבע צו איהר איז געוועזען ביי איהם אזוי שטארס, דאס ער האט זיא אין דעם אויגענבליק אנגעקוקט מיט פיעבערהאפטער פריי־דע, און האט אויסגעוויעזען דאס ער געדיינקט קיין זאך.

זיא האט געדריקט צערטליך זיין האנד:

—הערט אויס, מיין פריינד, איך בין אַ בייזע פרוי, ניט וואהר?

—אָה!

—און איך האב גרויזאמע פאנטאזיעס.... איך האב געסטערן געהאט א גרויזאמע און נארישע אידעע....

—איהר!....

—איך בין דיעזען פריהמאָרגען געוועזען נארעש.

—אבער- זאגט מיר וואס האט איהר מיר געטהאן? פון וואס ווילט איהר דען ריידען.

אַה, איהר זייט גרויסמיטהיג און עדעל, איהר מאכט זיך פערגעסענדיג....

—אין דער טהאט....

—אבער איך געדיינק, אָה, איך געדיינק אלעס!

העקטאָר לעמלין האט אויפגעציטערט. ער האט זיך עראינערט אן זשערמען'ס ווערטער, און איהם איז אריינגעקומען אין קאָפּ, דאס דיעזע דאמע וויל זיך איהם מודה זיין אין עפּעס אַ מיאוסע אינטריגע וועלכע איז איהם געשפּ׳עלט געווארן, און איהם בע־טען אום פערצייהונג אבער ער האט א טעות געהאט, דען זיא האט ווייטער גערעדט:

—איך האב מיך געסטערן איינגעשפּארט דאס איך וויל שלאָפען אין צימער פון דער זעליגער פרוי לעמלין.

דיעזע ווערטער האבען אין גאנצען פערוווירט דעם קאפּיטאן. איהם האבען נאך געקלונגען אין דיא אויערן דיא לעצטע ווערטער פון פריהמאָרגען: „זאגט מיר, איז ניט אייער פרוי געשטארבען אַ דערשטיקטע?" איין שרעק האט איהם ערגריפען: צו האט טיט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה זיין סעקרעט. אבער זיא האט אלץ גע־שמייכעלט און האט איהם אנגעקוקט מיט ליעבע. און צו דען קוקט מען אזוי אן אַ מענשען וועלכען מען האלט פאר אַ מערדער?

—דאס איז געווים געוועזען א בייזער קאפּריז — האט דיא דאמע פארטגעזעצט — אבער איך האב געוואלט אויספּרובירען, אויב איהר ליעבט נאך אימער אייער זעליגע פרוי......

—אָ, מאדאם, איך בעט אייך.... האט לעמלין געשטאמעלט.

—נאך מעהר, איך האב אויסגעפונען דעם ריכטיגסטען בעוויז און איך בין געווע־זען אונגערעכט....

הערר לעמלין איז געוועזען טויטענבלאס און זיין בליק איז געוועזען וויא פערצוייגען.

—דיעזען פריה־מאָרגען, אלס איהר זייט געקומען צו מיר אין צימער, אין יענעם צימער וועלכעס איז פיר אייך פול מיט גרויזאמע און טרויעריגע עראינערונגען, וואס איך אליין ניט וואס פיר א דומע געשיכטע איך האב מיר אריינגעזעצט אין קאפּ איך צו

דערציילען....

זיא איז געבליעבען שטיל און האט איהם אנ געקוקט, אימער שמייכלענדיג. ער אבער איז געוועזען בלאס וויא דער טויט, און מען האט געקענט הערען דיא שנעלערע פולס-שלעגע פון זיין הארצען.

—מיט דער שרעקליכער געשיכטע וואס איך האב אויסגעטראכט, האב איך נאר געוואלט זעהן וויא ווייט איהר ליעבט דיא יעניגע.... וועמעס פלאטץ מיר וועט באלד בעשערט זיין איינצונעהמען.

דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט פארשעמט אראפגעלאזען דיא אויגען. אבער דיעזע לעצטע ווערטער זיינען געוועזען פונקט וויא דיא רעטונגסשטריק פיר א מענשען וואס טרינקט זיך. א פריידענסגעשריי האט זיך ארויסגעריסען פון זיי ברוסט, ער האט אין איין אויגענבליק פערגעסען אלעס וואס ער האט געליטען, און ער האט זיך א ווארף געטהאן פאר איהר אויף דיא קניע, ערגרייפענדיג מיט בעגייסטערונג איהרע ביידע הענד, און קיסענדיג זיי. זיא האט אויסגעזעהן געריהרט, ציטערינדיג, און האט געזוכט צו בעפרייען איהרע הענד.

—איהר וועט מיר פערצייהען, ניט וואהר ? — האט זיא געזאגט נאך א קורצען שווייגען.

—אויב איך פערצייהע אייך ! — האט ער גערופען.

—איך בין צו ענדשולדיגען, ווייל איך בין געוועזען אייפערזיכטיג.

טראץ דער בעצויבערנדער קאקעטריע וועלכע איז געלעגען אין דעםווארט, האט עס דאך געמאכט אויף קאפיטאן לעמלין א גאנץ אנדערע ווירקונג. דאס ווארט אייפער־זיכטיג האט איהם עראינערט אן דיא מיטטהיילונגען פון זשערמען, וועלכער ער האט אין גאנצען פערגעסען ביי דער ערשיינונג פון דיעזער דאמע מיט'ן זיסען שמייכעל אוי־פען געזיכט. איהם האט אויסגעוויעזען דאס זשערמען האט פערלאזען דאס צימער מיט א בייזען שמייכעל, פונקט וויא ער וואלט איהם זאגען : „אט אזוי נארט מען אייך אריין אין זאק"

דיעזער געדאנקען האט איהם אין גאנצען אומגעענדערט און ער האט אין דעם אויגענבליק אויסגעזעהן וויא איין אלטער פערקריפעלטער שלאכטפערד, וועלכעם דער־הערט שפיעלענדיג א טרעוואגע. דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט בע־מערקט דיעזען שנעלען וועכסעל.

—מיין גאט ! — האט זיא גערופען — איהר זייט אזוי בלאס, איהר „ציטערט....

—איך ?.... ניין.... עס איז גאר נישט.

—איהר נארט מיך.... איהר ליידעט......

—נו, יא......

—איז דאס נאך אייער יענע פאטאלע עראינערונג, איך וועל טהאן אלעס מעגליכע אום אייך צו מאכען... פערגעניגען.

דעם קאפיטאן האט אין דעם אויגענבליק אויסגעוויעזען, דאס אויך זיא האט געציטערט און איז געוועזען אויפגערעגט. ער האט געריכטעט אויף איהר איין דורכ־דרינגליכען בליק, פונקט וויא ער וואלט וועלען מיט דיעזען בליקאנדירען דיא געהיימ־

ניסע פון איהר הערצען.

—הערט זיך געדולדיג אויס — האט ער געזאגט נעהמענדיג איהר האנד אויף דאס נייע.

—מיין גאט, וואס האט איהר מיר דען צו זאגען — האט זיא געזאגט אין שרעק

—הערט מיך אויס, וועלכען אומזינן איך זאל ניט ריידען.

—רעדט. איך הער.

—איהר האט מיך געצוואונגען אויפצונעהמען זשערמען צוריק, וואַרום האט איהר עס געטהאן ?

דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט איין אויגענבליק א קנייטש גע־טהאן דעם שטערן, דאנן אָבער האט זיא ווידער געשמייכעלט און האט געענטפערט:

—איך האב עס געטהאן דערפאר וואס ווערהענד איהר זייט געוועזען אין פאריז איז דיעזער מענש צו מיר געקומען, האט זיך געוואָרפען צו מיינע פיס און מיך געבעטען איך זאל מיך פיר איהם פערווענדען ביי אייך, און מיר האט אויסגעוויעזען דאס ער איז אייך ווירקליך ערגעבען.

—איז דאס דער איינציגער גרונד ? — האט ער געפרעגט מיסטרואיש.

—דורכאויס.

—דאס איז זאָנדערבאר !....

—וואס געפינט איהר דאָ זאָנדערבארעס ?

—איהר מוזט אויך מיר ענטשולדיגען.. איך בין אויך געוועזען אייפער־זיכטיג......

—אייפערזיכטיג ? — האט זיך דיא יונגע דאמע צולאכט אויפען קול.

—יא.

—ווענען וועמען ? ווענען א לאַקיי ? ווייסט איהר מיין הערר, אז דאס איז אונפערשעמטהייט ?

—אָ, פערצייהונג, איהר האט מיך ניט פערשטאַנען.

—דאנן ערקלערט אייך דאך, ענדליך.

—נון, גוט, דיעזער מענש....

—וועלכער מענש....

—זשערמען, דיעזער לאַקיי.... האט מיר יעצט דערציילט זעהר מיאוסע זאכען.

—וואס האט ער אייך דען דערציילט ?

—מאדאם, מאדאם, איך בעט אייך מיט ריכטיג צו ענטפערן. האט דער קאפיטאן אין העכסטער אויפרעגונג.

—רעדט דאך, פרעגט !.... וואס ווילט איהר דען וויסען ?

—ווארום האט איהר אויך מיך ארויפגעלייגט דיא פפליכט צו פארלאזען דעם שלאָס יעדען אבענד אום אכט אוהר ?

—דאס איז מיין געהיימניס — האט זיא געענטפערט מיט אונהיימליכער רוהיגקייט.

—אה, זשערמען האט מיך ניט גענארט... איך וויים ווארום.

—לאמיר הערן, וואס האט אייך זשערמען געזאגט?

—דאס יעדען אבענד, וועהרענד איך געה ארויס, דרינגט א מאנן אין שלאס, — האט דער קאפיטאן אויסגעהופען אין העכסטער אויפרעגונג.

—דאס איז אמת — האט זיא געענטפערט מיט דער גרעסטער גלייכגילטיקייט פון דער וועלט. און דיעזע אנטווארט האט געווירקט אויף לעמלינ׳ס צארן וויא אייזקאלטעס וואסער אויף א הייסען אייזען.

זיא האט עס אפילו ניט פיר נייטיג צו לייקענען, זיא ניט עס צו מיט שטאָלץ, מיט א רוהיגען בליק און זיכערער שטימע. דאס איז געוועזען וויא א בליטצשלאג פיר העקטאָר לעמלין, וועלכער איז געבליעבען א קורצע ווייליע וויא פאראליזירט.

—זשערמען איז א געטרייער דיענער — האט זיא ווייטער געזאגט — און ער נעהמט זיך אָן פיר דיא עהרע פון זיין הערען.

—איהר גיט אלזא צו — האט ער געשטאמעלט.

—יא, איך גיעב עס צו...

—איין מאנן קומט צום שלאָס...

—יעדען אָבענד...

—און... דיעזער מאנן? — האט ער געפרעגט אין דעם פריהערינען אויפגערעגטען טאָן — ווער איז ער?

—דאס טאָרט איהר ניט וויסען.

און דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנד שוה האט איהם אנגעקוקט און האט זיך צוקאכט:

—עס איז מערקווירדיג וויא איהר פערגעסט וואס מיר האבען אפגעמאכט — האט זיא געזאגט.

—מאדאם. . .

—האָב איך אייך דען ניט געזאגט, אלס איהר האט מיך קניעגדיג געבעטען אום מיין האנד, דאס מיין לעבען איז פול מיט געהיימניסע. . .

—דאס איז וואהר, אבער....

—אבער וואס? — האט זיא איבערגעפרעגט, אימער שמייכלענדיג

—האט איהר מיר געזאגט אז איהר האט א. . .

דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה איז אויפגעשפרונגען מיט דער מיענע פון א בעליידיגטער קעניגין, און האט געווארפען אויפען קאפיטאן א בליק פון פעראכטונג...

—גענוג, מיין הערר! — האט זיא אויסגערופען — איהר פערגעסט זיך מיר געגענאיבער ביז צור אונפערשעמטהייט! פארגעסט ניט אז איך בין דערווייליע נאך ניט מאדאם לעמלין, און ביז דעם טאָג וואס איך וועל עס ווערין בין איך קיינעם ניט מחויב אפצוגעבען דין און חשבון אויסער גאט אליין.

זיא האט זיך אומגעדרעהט צום טיר.

—אדיע — האט זיא געזאגט — איך פעררייז אין א שטונדע....

אבער העקטאר לעמלין האט געליעבט; ער האט געליעבט וויא איין וואהנזיניגער,

ווי א איין עלענדער, ווי א פיינלינג. זעהענדיג דיעזע פרוי, וועלכע האט איהם ערשט מודה געוועזען דאס זיא עמפפאנגט יעדען אבענד דיא בעזוכע פון איין אונבעקאנטען. איז גרייט איהם צו פארלאזען, האט ער פארלארן דעם קאפ.... ער איז געלאפען צו איהר, איז געפאלען אויף דיא קניע און מיט געפאלטעטע הענד האט ער געבעטע גנאדע.

עס איז געוועזען א מיאוסער אנבליק צו זעהן ווי א דיעזער מאנן, מיט א קאפ וואס האט אנגעפאנגען גרוי צו ווערן, און וואס האט שוין איין גאנצען אויסגעזעהן ווי א איין אלטער מאנן, ליעגט קניענד פאר דיא פיס פון דיעזער דאמע, וועלכע שפיעלט זיך מיט איהם פונקט ווי א קאטץ מיט דער מויז איידער זיא דערוועגט איהר.

האט זיא געהאט מיטלייד מיט איהם, אדער האט זיא געוואלט פערקלייגערן זיינע ליידען אין דיעזער שרעקליכער קאמעדיע, פון וועלכער יעדע סצענע האט איהם ווי א עס האט אויסגעזעהן, גענאמען א טהייל פון זיין לעבען. אבער זיא האט זיך אומגעקעהרט, האט איהם בעפאהלען זיך אויפצוהויבען, און האט איהם א ווייכע אנגעקוקט.

—יעצט הערט איהר מיך אויס — האט זיא געזאגט.

ער האט געוויינט, און האט זיא אנגעקוקט מיט דער פערגעטערונג פון א ווילדען פיר זיין אפגאט.

—איהר בעהויפטעט אז איהר ליעבט מיך — האט זיא ווייטער גערעדט — און דאס מוז זיין וואהר, ווען א מאנן פערגעסט אזוי ווייט דיא ווירדע פון זיין געשלעכט און פאלט אויף דיא קניע און חליפעט ווי א קינד. איהר ווילט מיך הייראטהען, ניט וואהר?

—יא, אהן אייך איז מיר מיין לעבען אונמעגליך.

—נון, דאס קען נאר זיין מיט איין בעדינגונג.

—רעדט, איך וועל געהארכען.

—דיעזער מאנן, דיעזער אונבעקאנטער, וועט קומען אהער יעדען אבענד, און יעדען אבענד אום 8 אוהר וועט איהר פערלאזען דעם שלאס.

קעמלין האט אראפגעלאזען דעם קאפ ווי א מענש וואס איז בערייט אריבער צו טראגען אלעס.

....

אלעס וואס איז פארגעקומען אין דיא פאלגענדע צוויי טעג אין שלאס רוביני קען דערציילט ווערען אין אייניגע צייל ען.

דער קאפיטאן, וועלכער איז געוועזען ווי א בעכשפט פון דיעזער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט אנגענומען אלע איהרע פארדערונגען.

דעמזעלביגען אבענד האט מאיאר ארלאוו געמאכט א צייכען צום קאפיטאן, דאס עס איז צייט ארויסצופאהרען. א בליק פון דיא רעטזאלהאפטע דאמע איז פיר איהם גענוג געוועזען, אום איהם צו מאכען פאלגען דעם מאיאר וואס שנעלער. זיי זיינען ארויסגעריטען אין וואלד און ארלאוו האט אפילו ניט געווירדיגט זיין קאמפאניאן מיט א ווארט. אום 10 אוהר זיינען זיי צוריקגעקעהרט.

—בלאזט אייער יאגד-האָרן — האט איהם אָרלאוו געזאגט.

דער קאפּיטאן האט געבלאזען אַפּריילעבען סאלא, אבגלייך אין הערצען איז ביי איהם געוועזען טויט. ער האט געטראכט: „יעצט איז דער אויגענבליק ווען מיין גליקליכער געגנער פערלאזט דעם שלאָס".

דעם צווייטען טאג האט זיך ווידערהאלט דאסזעלבע. אבער אויפען דריטען אבענד האט דער מאיאר געזאגט צו לעמלין:

—היינט, מיין ליעבער קאפּיטאן, וועט איהר מוזען מאכען די שפּאצירפאהרט אליין, דען איך בין עטוואס ליידענד.

—געהט! — האט איהם די דאמע געזאגט.

ער האט פערלאזען דעם שלאָס וויא אין די פערגאנגענע אבענדע.

דאס וואס לעמלין האט אויסגעליטען פיר די דריי טעג פון די פאלטער דער אייפערזוכט, דאס לאזט זיך גאָר ניט ווידערגעבען. ער איז אין די דריי טעג עלטער געווארען מיט יאהרען. צוויי שטימען האט ער אימער געהערט ביי זיך אין געוויסען. איינע האט איהם געזאגט: „דיעזעס וויב לאכט פון דיר, מאכט חוזק פון דיר, דיינע שאנדע וועט ערררייכען די העכסטע שטופע ווען דוא וועסט זיא הייראטהען", די צווייטע שטימע, דאגעגען, האט איינגעווענדעט: „דוא ליעבסט זיא... שולדיג אדער אונשולדיג, דוא האסט זיא ליעב... זיא איז געווארען דיין גאנצעס לעבען... בייג איין דיין קאפּ, שענדליכער, און געהארכע!"

מיט דיעזע זיך ווידערשפּרעכענדע געדאנקען איז ער ארויסגעריטען פון שלאָס. אלס ער איז אריינגעקומען אין וואלד, וואו ער איז געוועזען פעראורטהיילט צו בלייבען צוויי שטונדען. האט ער בעמערקט אַ מענשען זיצענדיג ביין וועג מיט צוזאמענגעלייג־טע אָרעמס, פונקט וויא ער וואלט ווארטען אויף עטוואס. דיעזער מענש האט זיך אויפ־געהויבען און איז געקומען איהם אנטקעגען:

—הע, הע! מיין ליעבער מייסטער! מען האט אייך היינט געלאזען אליין! עס שיינט אז מען האט צוטרויען צו אייך!

דער קאפּיטאן האט דערקענט די שטימע פון זשערמען. דיעזער האט אַן צערע־מאָניעס גענומען זיין הערר'ס פערד ביין צוים.

—איהר זייט אויפען פערד און איך צו פוס — האט ער געזאגט — דאס איז אונ־בעקוועם. שפּרינגט ארונטער און לאָמיר אַ ביילע פּלוידערן.

דער קאפּיטאן האט איהם געפאלגט.

—פון וואנען קומסט דוא? — האט ער געפרעגט דעם דיענער, וואס מאכסט דוא דאָ? ווארום ביסט דוא אוועק פון שלאָס?

—איך בין אוועק, וויל מיך האט געעקעלט צוצוזעהן.

—זשערמען!

—אָ, איך ווייס וואס איהר ווילט מיר זאגען, אבער...

—שווייג!

—ניין, ניין, איך מוז ריידען! שוין דער דריטער אבענד וויא איך קום אהער אין דער האָפענונג אייך צו געפינען אליין, אהן מאיאר, וואו איך זאל מיט אייך קענען

ריידען.... איך מוז מיר אויסריידען מיין הארץ, ווייל איך קען עס ניט מעהר טראגען.

דאס זאגענדיג האט ער צוגעבונדען דאס פערד צו א בוים און ער האט לעמלין אראפגעצויגען פון פערד.

—לאמיר זיך זעטצען דא — האט ער איהם געזאגט אנווייזענד אויף א באנק וואס איז געשטאנען ביים וועג.

דער קאפיטאן האט געפאקנט פונקט וויא ער וואלט געוועזען יענער.

—לאמיר הערען, וואס האט זיא אייך געזאגט.

—זיא האט מיר געזאגט דאס זיא עמפפאנגט ווירקליך א מאנן אין שלאס,

—אהא! זיא איז זעהר אפענהערציג, דיא קליינע דאמע.

—אבער עס איז דאך נאך ניט בעוויעזען אז דיעזער מאנן איז....

—געוויס, געוויס! אלזא איז זיא וואהרשיינליך געוועזען העבסט אויפגעבראכט, אלס איהר האט איהר פארגעהאלטען, און האט אייך געסטראשעט אוועקצוגעהן....

—דאס איז ריכטיג.

—און איהר האט זיך געווארפען אויף דיא קניע און געבעטען אום גנאדע.

אח! — האט לעמלין געזיפצט.

—און אזוי וויא דיא ווייבער וויסען וויא צו ציהען נוטצען פון זייערע זיעגע, האט זיא געוויס אייך פארגעלייגט נייע פארדערונגען.

—ניין.

—איך זעה אז זיא האט געפועלט אז איהר זאלט פארטזעטצען אייערע שפאציער־פאהרטען.

—זשערמען, דיעזע דאמע האט א געהיימניס אין איהר לעבען.

—נא, איך קען דאס געהיימניס....

—דוא ?

—יא איך, זשערמען, אייער דיענער.

—ווענסטו ריידען, אדער ניט ?

—געוויס וועל איך ריידען. דאס געהיימניס איז א פיינער יונגער מאנן פון א יאהר 29, מיט א שיינעם שנורבארד, און א הויבען וואוכס, וועלכער איז עקסטרא געקומען אויס פאריז אום נאכצולויפען זיין געליעבטער.

—דוא ליגסט, דוא ליגסט!

—איך קען אייך דאס בעוויזען.

—ווען ?

—האטש גלייך, דיעזען אבענד,

—זשערמען, נעהם זיך אין אכט!

—זייט איהר א ביסל נארעש! — האט זיך זשערמען צולאכט — איהר פאדערט בעווייזע, און ווען מען גיט אייך זיי האט איהר מורא.

—א, ניין, איך פירכטע מיך ניט! — האט לעמלין אויסגערופען אין צארן — און ווען איך זאל זעהן דיעזען מאנן צו איהרע פים......

—איהר וועט איהם זעהן !....

—זאגסטו דיא וואהרהייט?

—איך שווער עס אייך. קומט מיט מיר, און איהר וועט זעהן אויב איך זאג אייך ליגען.

—לאָמיר געהן! — האט דער מאיאר געזאגט מיט דער שטימע פון א מאנ וועלכער געהט צום טויט.

זשערמען האט געלאָזען דאס פערד צוגעבונדען, האט גענומען זיין הערר ביין ארעם, און האט איהם געפיהרט האסטיג מיט זיך. ער האט גענומען א קליינע שטעגיל וואס האט געפיהרט צום ברעג ים. דער קאפיטאן איז געגאנגען זיך ווינענדיג, מיט איין אראָפּגעלאָזענעם קאָפּ. אין דיזען אויגענבליק האט ער כמעט חרטה גע־האט וואס ער האט געפאָלגט זשערמען. ער האט געוואונשען אז זשערמען זאל איינגע־זונקען ווערן אויפען אָרט איידער ער וועט איהם ווייזען יענעם מאנן צו דיא פיס פו דער דאמע וועלכע ער, לעמקין, האט אזוי ליעב. איין אויגענבליק איז איהם אפילו אריינגעקומען דער געדאנקען זיין בעגלייטער צו טעדטען, אבער ער האט קיין וואפען ביי זיך געהאט. דערווייגע אבער האט איהם זשערמען געהאלטען אונטערן ארעם און מיטגעצויגען.

קומט, קומט! — האט ער גערופען מיט זיין געוועהנליכען שפעטישען טאָן.

און זשערמען איז געגאנגען ווייטער מיט א שנעלען טריט, ציהענדיג זיין הערר מיט זיך, ביז זיי זיינען צוגעקומען צום פעלזיגען ברעג פון ים.

—ווייסט איהר אז דיעזע דאמע האט זיך אריינגעקליעבען אין צימער פון אייער זעליגער פרוי?

—יא, יא — האט לעמלין געמורמעלט, אויפציטערנדיג ביי דער ערינערונג אָן זיין פרוי.

—דיעזעס צימער געפינט זיך, ווא איהר ווייסט, ביי דעם גרינעם זאל.

—איך ווייס עס.

—אין זאַל געפינט זיך א קאמין מיט א שפיגעל, אין וועלכען מען קען זעהן וואס עס טהוט זיך אין בודואר פון דיעזער דאמע.

—דוא ווילסט מיך אלזאָ פיהרען אין גרינעם זאל?

—יא, און אין בודואר זיינען זיי.

אזוי ריידענדיג זיינען זיי ארויף דיא טרעפ צום שלאָס פון זייט פון ים, זיינען דורך געגאנגען דעם גרויסען סאַלאָן און זיינען אריין אין א קאָררידאר וואס האט גע־פיהרט צום גרינעם זאל.

—איידער איך עפען דיא טיר צום זאל, מוזט איהר מיר פערשפרעכען אז איהר וועט ניט מאכען קיין סקאנדאל — האט זשערמען געזאגט.

—איך וויל טעדטען דיעזען מענשען.

—אָ, איך האב נישט דאגעגען, איהר האט מיך ניט פארשטאנען.

—ערקלער זיך.

—איהר וועט איצטער אריינגעהן אין גרינעם זאל, און ווען איהר וועט האבען

אלעס געזעהן וועט איהר ארויסגעהן.

—אָבער איך וויל איהם טעדטען. . .

—איהר וועט ווארטען ביז ער וועט ארויסקומען אויפען באלקאן.

—זאל זיין אזוי.

שווערט איהר מיר דאס?

—איך שווער.

זשערמען האט געעפענט דיא טיר צום זאל.

—געהט אויף דיא שפּיטצען פינגער — האט ער געזאגט — און מאכט קיין גערויש.

לעמלין איז אריין אין זאל. דער ווייבער טעפּיך האט דערשטיקט דעם גערויש פון זיינע טריט. אין שפּיעגעל איבערן קאמין האט זיך אָפּגעשפּיגעלט א מאכער שיין וואס איז געקומען פון דעם ענטקעגען־געלעגענעם בודואר פון דער דאמע.

—זעהט אהער — האט איהם זיין דיענער געזאָגט.

דער קאפּיטאן האט זיך איינגעקוקט אין שפּיעגעל און האט געזעהן עטוואס, פון וואס ער איז שיער אומגעפאלען, און ער האט זיך אָנגעחאפּט אן ארעם פון זשערמען. דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה איז געזעסען אויף א גרויסען פאָטעל ביין פייער פון קאמין, און נעבען איהר, אויף א נידעריגען טאבורעט, איז געזעסען ארמאנד האלטענדיג איהר האנד אין זיינע און ריידענדיג מיט לעבהאפטיגקייט.

—וואס רעדט ער צו איהר? אין וועלכען גראד פון ליידענשאפט געפינט ער זיך איצטער? — האט זיך דער קאפּיטאן געפרעגט. אבער ער האט קיין ווארט געקענט הערן. ער האט נור געזעהן וויא זיא האט איהם אָנגעקוקט און געשמייכעלט, מיט יענעם בעצויבערענדען שמייכעל, וועלכער אין אזוי פערפיהרעריש, אזו פערשפּרעכענד, דאס דער אונגליקליכער קאפּיטאן האט געפיהלט וויא זיין הערצענסבלוט ווערט פערגליווערט. ער האט ניט מעהר געצווייפעלט.

אבער זשערמענס שטארקע האנד האט איהם שוין צוריקגעצויגען.

—קומט, קומט — האט ער איהם גערופען און האט איהם געצוואונגען ארויסצוגעהן פון זאל און האט פארשלאָסען דיא טיר.

טויטבלאס און ציטערענדיג איז דער קאפּיטאן ארוים אין קאָרידאָר, אבער דיא פערצווייפלונג האט איהם גיגעבען כחות צו פליהען צו זיך אין צימער נאך זיינע פּיסטאָלעטען. זשערמען איז איהם נאכגעלאָפען. אלס לעמלין האט ערגריפען זיינע פּיסטאָלעטין און האט זיי אויספּרובירט, האט איהם זשערמען פארן ארם געפיהרט צוריק צום באלקאן, און האט איהם אוועקגעשטעלט ביי יענער טיר, דורך וועלכע ארמאנד האט געזאלט ארויסגיין:

—שטעלט אייך דאָ — האט ער איהם געזאגט — אין צעהן מינוטען פיהר איך איהם אהער ארוים.

—דוא?

—נעווים! האב איך אייך ניט געזאגט אז איך שפיעל דא א דאפעלטע ראללע? איך מאך זיך כלומערשט דאס איך פעררעכטע אייך דיעזער דאמע, וועלכער צאהלט גרויס־ארטיג, אין אמת'ן אבער פעררעכטע איך זיא צו אייך. אבער איין זאך נעהם איך מיט אייך אויס, איהר זאלט ניט בעגעהן דיא דומהייט און האבען א טעות...

—איך וועל ציעלען ריכטיג.

—ניט דאס מיין איך. איך וויל זאגען איהר זאלט מיך ניט אננעהמען פיר איהם. ער איז מיט א קאפּ העכער פון מיר. נאר קומט שנעל, מיר האבען קיין צייט צו פערליערען...

זשערמען האט איהם פערלאזען. לעמלין, דיעזער צו פריה געעלטערטער, צובראָ־כטנער אלטער, האט זיך יעצט וויא אומגעוואנדעלט דורך דעם האס און אייפערזוכט. ער איז געשטאנען מיט פעסטען פוס און זיכערע האנד, מעהר ניט דאס הערץ האט געקלאפּט שטארקער וויא געוועהנליך.

ענדליך האט ער דערהערט לייכטע טריט, און א מאנן איז ערשיענען אויפען שוועל פון א טיר. דאס איז געוועזען זשערמען.

גלייך הינטער זשערמען האט דער קאפּיטאן בעמערקט א צווייטע פערזאן, וועלכע איז שנעל געגאנגען הינטערן דיענער איבערן באלקאן און האט זיך שנעלל געקעהרט צום טרעפּ וואס האט געפיהרט צום ים ער האט אויפגעהויבען זיין פּיסטאלעט האט געציעלט אויף ארמאנד און האט געשאָסען.

ארמאנד איז שוין דאנן געוועזען ארונטערגעשטיגען א פּאר טרעפּ, ער איז אבער פון שום ניט אומגעפאלען; אין געגענטייל, ער האט זיך אומגעדרעהט און געלאזט הערן פון זיך איין אויסגעשריי — לעמלין האט גענומען זיין צווייטען פּיסטאלעט און האט ווידער געשאָסען, און האט געזעהן, וויא דער יונגער מאנן פערליערט זיין גלייכגעוויכט און פערשווינדעט ארונטער דיא טרעפּ, פון וועלכע לעמלין האט נור געזעהן דיא ערשטען צוויי. בעטרונקען פון וואוטה האט ער געאיילט צו דיא טרעפּ אום זיך צו איבערצייגען וואס אויס זיין אָפּפער איז געווארן, אבער פּלוצלונג האט זיך איהם עטוואס געשטעלט אין וועג, און ער איז געבליעבען שטעהן.

דיעזעס עטוואס איז געוועזען דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה קוקענדיג נאהענט צו איהם האט זיא אויסגעשטעלט איהר פינגער אנטקעגען זיין שטירן און האט גערופען איין איינציגעס וואָרט.

—מ ע ר ד ע ר!

העקטאָר לעמלין האט זיך ענטזעצט צוריקגעצויגען און דער רויכענדער פּיסטאָ־לעט איז איהם ארויסגעפאלען פון זיין האנד. דיא דאמע מיט דעם שוואַרצען האנדשוה האט געמאכט נאך א טריט פאָרווערטס, וועהרענד דער קאפּיטאן האט זיך אלץ געצוי־גען צוריק וויא פאר א שרעקליכע ערשיינונג.

—מערדער! — האט זיא ווידערהאָלט, נאך אימער האלטענדיג איהר פינגער אנטקעגען זיין שטערן, פונקט וויא זיא וואלט וועלין אויסדריקען קין'ס צייכען אויף זיין שטערען.

זיך אימער צוריקציהענדיג האט דער קאפּיטאן זיך ענדליך צוזאמענגעשפּארט

מיט'ן רוקען צום וואנד פון באלקאָן. זיא האט ערגריפען זיין ארעם, וועהרענד ער איז געבליעבען שטעהן וויא א האָלץ, און האט אויסגערופען:

—טעדטעט מיך אויך! טעדטעט מיך וויא איהם! אויב איהר דיינקט אז איהר האט רעכט צו שיסען אויפען מאנן, וועלכער איז געזעסען ביי מיינע קניע, ווארום טעדטעט איהר ניט אויך מיך?

און וועהרענד ער איז געשטאנען שטום, זיך וויגענדיג אויף זיינע פיס גרייט צו פאלען פאר איהר, האט זיא איהם געקעהרט דעם רוקען, און האט זיך צולאכט.

—אָה, איך האב עס פאָראויסגעזעהן, איך האב פארשטאנען אז אייער לאקי בעטריגט מיך און - דאס איהר ווערט אייער שבועה ניט האלטען. איך האב דעריבער היינט געבעטען גראף אָרלאָוו ארויסצונעהמען דיא קוילען פון אייערע פיסטאָלעטען, און דער מאנן אויף וועמען איהר האט געשאסען איז איצטער פריש און געזונד — חא, חא!

דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט איהם איבערגעלאזען אליין אויפע באלקאָן, און באלד האט ער דערהערט דעם גערויש פון טירען וועלכע האבען זיך גע־שלאסען הינטער איהר. זיא איז אוועקגעגאנגען אהנע איהם צו געבען וועלכע ערקלערונג און אהנע צו פארדערן וועלכע. נאך א היבשע וויילע איז ער אזוי געשטאנען וויא פער־שטיינערט, און איז דאן אומגעפאלען בעוואוסטלאָז. זשערמען האט איהם שפעטער א וויילע געפונען אויפען זעלביגען פלאַטץ ליגענדיג און האט איהם אוועקגעטראגען צו איהם אין צימער, וואו ער האט איהם געווארפען אויפען בעט.

....

אויפען נעכסטען טאג, אלס ער האט זיך אויפגעהויבען איז זיין געזיכט געוועז־ען בענעצט מיט טרעהרען, און ער איז געוועזען פונקט וויא א קינד, אהן ווילענסקראפט און אָהן אייגענעם שכל.

מאיאר אָרלאָוו איז פלוצלונג צו איהם אריינגעקומען און האט איהם אנגעמעלדעט:

—מיין הערר, פרייליין דע רוביני און איך פעררייזען אין א שטונדע, איך קום מיך מיט אייך געזעגענען.

דער קאַפּיטאן האט איהם אנגעקוקט מיט שרעק און האט ניט געענטפערט.

—איך ווייס ניט וואס געשטערין האט פאסירט — האט דער מאיאר פאָרט גע־זעצט — דען איך בין געלעגען אין בעט אלס איך האב געהערט צוויי פיסטאלעטען־שיסע, און היינט האט מיר מיין צעגלינג מיטגעטהיילט, דאס זיא ענטזאגט זיך אייך צו הייר־ראטהען, אזוי וויא זיא האט מורא, דאס איהר קענט איהר נאך ערמארדען.

העקטאר לעמלין האט נאָך אלץ געשוויעגען.

—איהר געדיינקט דאך, מיין הערר, אז דאס קעסטעלע וואס איהר האט געפונ־נען האט ענטהאלטען א מיליאן. האט דער מאיאר ווייטער גערעדט

—איך ווייס עס — האט דער קאפּיטאן געענטפערט צערשטרייט.

ער האט געטראכט אן דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה, וועלכע ער האט געליעבט וויא א וואהנזיניגער. און וועלכע ער וועט פיליכט ניט מעהר

ווידערזען.

—אה, מיין הערר! האט לעמכין אויסגערופען — נעהמט מיין גאנצעס פערמעגען, עס איז מיר נמאס דאס לעבען, און איך וויל שטארבען — און דאס זאגענדיג האט ער זיך געווארפען אויף דיא קניע פארן מאיאר אָרלאָוו, האט ערגריפען זיינעביידע הענד און מיט א געבראכבענע שטימע פול מיט טרעהרען האט ער געזאגט:

—מיין הערר, איהר האט וויסעס האר, און דיא אלטע לייטע האבען געוועהנליך בעסערע הערצער אלס יענע וואס האבען וועניגער געליטען. ווען איהר מיר ענטזאגען א קליינע ביטע וועלבע איך וויל איצטער אזוי אונטערטהיניגסט בעטען?

—רעדט — האט דער מאיאר געזאגט בעוועגט.

—מיין הערר אין א שטונדע ארום וועל איך מיך טעדטען, ווייל יענע דאמע וועל-בע איך ליעב מעהר אלס מיין לעבען וועט מיך אין א שטונדע ארום פערלאזען. נון, אין נאמען פון אלעם וואס איהר האט אין אייער לעבען געליעבט בעט איך אייך, לאזט דעם שטערבענדען זעהן נאך איין מאהל דיא יעניגע וועלבע ער ליעבט, ווען אויף נור אויף איין מינוט....

– ערוואַרטעט מיך — האט אָרלאָוו געזאגט — איך קום גלייך צוריק.

ער איז געגאנגען שנעל צו זיין בעגלייטעריו, וועלבע האט איהם ערווארטעט.

—נון? — האט זיא געפרעגט.

—מאדאם — האט דער מאיאר געזאָגט אין אויפרעגונג — איהר זייט אונערבית-ליך וויא דער שיקזאל.

—מיין גוטטער הערמאן — האט זיא געזאגט — הערט אויף רחמנות צו האבען אויף דיעזען עלענדען.

—אח, ער איז שוין געקומען צו דער לעצטער שטופע פון ערניעדריגונג. איך האב איהם איצטער געזעהן צו מיינע פיס.

—דיא שטונדע פון דער געטליבער שטראפע איז געקומען; זיינע ליידען נעהמען באלד איין ענד.

—לאָמיר איהם טעדטען אבער ניט מעהר פערלייגערן זיינע ליידען, איך בעט אייך.

דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט אָנגעקוקט דעם מאיאָר מיט א קאלטען בליק און האָט געזאגט:

—מען זעהט דאס איהר האט ניט פארבראכט פיער יאהר אין ווינען טאג וויא נאכט מיט איין בלוטענדע ערשיינונג פאר דיא אויגען, אזוי וויא איך.

דער מאיאר האט אראפגעלאָזען דעם קאָפּ און געשוויעגען.

—איהר האט איהם יעצט געזעהן? — האט זיא געפרעגט.

—יא.

—וויא איז ער?

—ער וויל אייך זעהן.

—שיקט איהם צו מיר.

דער מאיאר איז ארויסגעגאנגען און צוויי מינוטען שפעטער האט דיא דאמע דער-

זעהן אויפען שוועל פון איהר צימער דעם קאפּיטאן לעמלין, וועלכער איז צוגעגאנגען צו איהר און האט זיך שטיל ארונטערגעלאזען אויף דיא קניע. זיינע האָר זיינען איבער נאכט נאָך ווייסער געווארן, און ער האט זיא אנגעקוקט פונקט וויא א קינד קוקט אן זיין בייזע גובערנאנטין. אָבער דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט געהאט דיא פעהיגקייט זיך אומצוענדערן אין איין אויגענבליק. דער אויסדרוק פון האס און פעראכטונג איז פערשוואונדען פון איהר געזיכט. זיא האט וויעדער געשמייכעלט, האט איהם גערייכט דיא האנד און האט געזאגט:

—איהר זייט בעשטאנדען דיא לעצטע פּראָבע פון ליעבע, און איך וויל אייך איצטער אלעס ענטדעקען.

זיא האט איהם אויפגעהויבען און האט איהם אוועקגעזעצט נעבען זיך. דאנן האט זיא איהם אויסגעשטרעקט איהר רעכטע האנד:

—ווייסט איהר ווארום דיעזע האנד איז איינגעהילט אין א שווארצען האנדשוה? — האט זיא געפרעגט.

לעמלין האט געשאָקעלט מיט'ן קאָפּ: ניין.

—דאן הערט אוים. אויף דיעזער האנד געפינט זיך דאס בלוט פון דעם איינציגען מענשען וועלכען איך האב אין מיין לעבען געליעבט.

דער קאפּיטאן האט אויפגעציטערט.

—איך האב געשווארען ניט אראפּצונעהמען דיעזען האנדשוה און ניט אראָפּצוּוואשען דיא בלוט־צייכען פון האנד ביז דיא מערדער וועלין זיין בעשטראָפט.

דער קאפּיטאן האט זיא אָנגעקוקט מיט וואכסענדען שרעק.

—איך בין געקומען נאָך פראנקרייך מיט דעם צוועק פון נקמה. און האב מיר פאָרגענומען צו געפינען א מאנן וואס זאל זיין א לעבעדיגער שווערד אין מיין האנד. דיעזער מאנן זייט איהר פיקייכט...

דער קאפּיטאן האט זיך האסטיג אויפגעריכטעט:

—אָ, רופט מיר אָן דיא מערדער, און איך וועל מיך פיר אייך נוקם זיין, דען איך האב אייך ליעב...

—איך גלויב עס, דען איהר זייט בעשטאנדען אלע פּראָבען און איך האב פערטרויען אין אייך.

—אבער דיעזער מאנן... ווער...

—וואס איהר האט געזעהן צו מיינע פים?

—יא.

דאס איז דער יעניגער וועמען איך האס. איך האב געשמייכעלט צו איהם נור אום אויפצורייצען אייער אייפערזוכט. דיעזען מאנן דארפט איהר טעדטען.

—איך וועל איהם טעדטען... וואו איז ער? זאגט מיר זיין נאמען — האט דער קאפּיטאן געענטפערט.

—עס איז ניט נייטיג איהר זאלט וויסען זיי נאמען, אבער איך וועל אייך זאגען וואו איהר קענט איהם געפינען.

—זאגט.

—נאך ניט; דיעזען אָבענד וועל איך אייך זאגען.
—אלזאָ וועט איהר מיך ניט אוועקוואַרפען?
—ניין.
—און איך מעג אייך נאָך ליעבען?
—יא, ליעבט מיך.
—און איהר וועט מיך הייראטהען? — האט ער געפרעגט בתמימות וויא א קינד.
—עס קען זיין אויב איהר וועט טעדטען דיעזען מאנן.
—איך וועל איהם טעדטען.
—גוט. איצטער פערגעסט דיא שלעכטעס וואס איך האב אייך געטהאן און וויט געדולדיג ביז אָבענד.
זיא האט נאך מיט איהם א שטונדע געפלוידערט, ענטפאַלטענדיג פאר איהם דיא גאנצע רייכקייט פון איהר גייסט און פון איהר חן, און האט דערענדיגט איהם צו פארבלענדין. דאן האט זיא איהם אוועקגעשיקט אום צו מאכען איהר טואַלעט, וויא זיא האט געזאגט, און ווערענד ער איז ארויסגעגאנגען, וויא בעטרונקען פון פריי־שער האָפנונג, האט זיא געצויגען דיא שנור פון א גלעקיל און זשערמען איז ערשיענען.
—זשערמען, עס איז נייטיג אז אַרמאַנד זאל היינט ערהאלטען פון מיר א צעטיל.
—ער וועט עס ערהאלטען, מאדאם.
דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט גענומען א פעדער און האט געשריעבען:
„טהייערער אַרמאנד,
„איך האב קוים א מינוט צייט אום אייך צו בערוהיגען. טראָץ דער געפאהר „וועלכער איהר האט מיך אויסגעזעצט לעצטע נאכט, בין איך פריש און געזונד און „טראכט וועגען א מיטעל וויא אייך ווידערצוזעהן.
„איך קען אייך נאך קיין זאך ניט זאָגען וועגען אלע דיא הינדערניסע וועלכע „אומגעבען מיך, אבער דיעזען אבענד וועט איהר שוין פיעלעס וויסען.
„אדיע, ליעבט מיך, און געפינט זיך איין אום 8 אוהר, אויפען פלאטץ פון אונזער „ערשטער בעגעגנים".
איין פאַרדרעהטער פעדערצוג איז אוועקגעשטעלט געווארן אנשטאט איינע אונ־טערשריפט אונטער דיעזען געהיימניספאָלען צעטעל, מיט וועלכען זשערמען איז באלד אוועקגעגאנגען.
דריי שטונדען שפעטער איז ער געקומען צוריק מיט דער מעלדונג דאס אַרמאנד האט ערהאלטען דעם בריעף.
....
אלס עס איז געקומען דער אָבענד האט דיא דאַמע מיט דעם שווארצען האנד־שוה געלאזט רופען צו זיך העקטאָר לעמלין און האט זיך פארטאכט מיט איהם אין

איהר צימער.

—מיין פריינד — האט זיא איהם געזאגט — איך ערוואַרטע איהר זאלט זיך פיר מיך נוקם זיין.

—איך בין בערייט — האט ער געזאגט און האט דאן צוגעזעצט מיט א שמייכעל:

—היינט וועט איהר שוין ניט ארויסציהען דיא קוילען פון מיינע פיסטאַלעטען.

—אייערע פיסטאַלעטען לאַזט איבער דאַ, מיין פריינד, איהר ווילט דאך ניט ווי־דערהאַלען דיא סצענע פון געסטערן.

—אבער איהר פארלאנגט דאך איך זאל דעם מאנן טעדטען? — האט לעמלין גע־פרעגט ערשטוינט.

—יא, אבער אָפען, אין א דועל, וויא עס פאסט פיר מענער פון עהרע.

—גוט, איך וועל מיך מיט איהם שלאַגען.

—ער וועט דאך אבער קיין וואפען ניט האבען אין דעם פלאטץ וואו איהר וועט איהם טרעפען.

—ער וועט נעהמען איינעם פון מיינע פיסטאַלעטען.

—דאס געהט ניט — האט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה געזאגט — עס איז ניט רעכט צו צווינגען א מענשען זיך צו שלאגען גלייך נאך דער ארויספאָרדע־רונג. דיא אויפרעגונג איז פאר איהם דאנן געוויס א גרויסער נאכטהייל.

—דאס איז וואהר — האט לעמלין צוגעגעבען — וואס אלזא זאל איך טהאָן?

—איהר זאלט זיך זעטצען אויפען פערד און רייטען מיט דעם פעלזינגען ברעג פון ים ביז צו דעם פלאטץ וואו עס געפינט זיך איין ענגער פעלזיגער פאסאזש וועלכער הייסט צאַללאמט־פאסאזש.

—איך ווייס וואו דאס איז.

—דאָרטען וועט זיך דאס דער מאנן איינגעפינען אום צעהן אוהר און דארט וועט איהר איהם טרעפען.

—גוט, איך געה.

—הערט נאך אויס! איהר זאלט אויסגעהן אהן וואפען, און ווען איהר וועט איהם זעהן קומענדיג צו פפערד זאלט איהר צוקומען צו איהם און איהם פרעגען: „ער־ווארטעט איהר ניט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה?" און אויב ער וועט אייך פרעגען „ווארום?" זאלט איהר איהם זאגען, אז איהר זייט דער מאנן וואס האט אויף איהם געשאָסען.

—איז דאס אלעס?

—ער וועט פארשטעהן וואס איהר מיינט און וועט זיך אייך שטעלען צור פערפי־גונג. איהר וועט דאן אפריידען זיך מיט איהם צו טרעפען גלייך דעם נעכסטען טאג אויפ'ן זעלבינגען פלאץ, פונקט אום אכט אוהר אין דער פריה. איהר וועט זיך שלאַגען מיט'ן שווערט. פיסטאַלעטען פאסען פיר איינפאכע בירגער און ניט פיר אזעלכע העררען וויא איהר.

—זאל זיין אזוי — האט דער קאפּיטאן צוגעשטימט.

—דאן וועט איהר אויך פאַרדערן ער זאל ניט מעהר מיטבריינגען וויא איין סאָ קונדאנטען, נור איינעם, איהר פערשטעהעט?

—יא, אָבער ווער וועט מיך בעגלייטען, דער מאיאָר?

—ניין — האט געזאגט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה — איהר וועט מיטנעהמען איינעם פון אייערע דיענער, זשערמען, אייב איהר ווילט. זשערמען איז אייך ערגעבען און איך דארף איהם ניט מעהר, נאכדעם וויא איך האב פערטרויען אין אייך.

דער קאפּיטאן האט זיך געזעצט אויף א פערד און איז אוועקגעריטען ווערהענד דיעזער צייט האט זיך דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה געזעצט צום שרייב־טיש און האט אויפגעשריעבען פאָלגענדען צעטעל, וועלכען זיא האט אדרעסירט צו ארמאנד'ס פאָטער:

„קאָלאָנעל! אייער זאהן איז אין געפאהר און ליימע וועלכע סענען ניט זאגען „זייער נאָמען אום זיך ניט צו קאָמפּראָמעטירען, נעהמען איין גרויסעם אינטערעסע „דארין, איהם פון דיעזער געפאהר צו רעטען.

„אין דיעזען אויגענבליק, ווערהענד איהר וועט ערהאלטען דיעזען צעטעל, וועט „אייער זאָהן ארויסגעפאָדערט ווערן אויף א דועל פון אייער לאנד־נאכבאר, העקטאר „לעמלין, אים צאָלאמט־פּאסאזש ביים ברעג ים, זיי וועלען אפריידען זיך דארט צושלא־ „גען אום 8 אוהר אין דער פריה. זעהטצו פערהינדערן דיעזע בעגעגניס".

דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט געוויעזען דעם בריעף צום מאיאר ארקאוו.

—מיין גאט, וואס וועט פון דעם אללעם ווערן, דאס ווערט דאך אונערקלערליך — האט דיעזער אויסגערופען.

—איהר ווארטעט נור נאך א קורצע צייט — האט איהם דיא דאמע געענטפערט מיט איהר געוועהנליכען שמייכעל — האב איך אייך דען ניט געזאגט דאס דיא שרעק־ליכע שטונדע פון דיעזען מערדער האט געקלונגען.

דער צעטעל איז אוועקגעשיקט געווארן און איז אויף איינער געהיימניספאָלער וויזע איבערגינגעבען געווארן צום קאלאנעל לעאו, ווערהענד זיין זאָהן ארמאנד איז געפלויגען רייטענדיג צום צאָל־אמט־פּאסאזש, אין דער האפנונג דארט אנצוטרעפען דיא געהיימניספאָלע דאמע, וועלכער ער האט זיך איבערגעגעבען מיט דער גאנצער וועלט.

ענדע ערשטער טהייל.

צווייטער טהייל.

ערשטער קאפיטעל.

לעמלינ'ס אונערווארטעטער געגנער.

עס איז צייט זיך אומצוקעהרען צו ואונזער פריינד ארמאנד און זעהן וואס מיט איהם איז געשעהן פון דעם אויגענבליק אָן וואס דער קאפּיטאן האט אויף איהם געשאָסען.

אלס קאפּיטאן לעמלין האט אָבגעפייערט זיין ערשטען פּיסטאָלעט אויף ארמאנד, האט זשערמען ערגריפען ארמאנד'ס ארעם און האט פערזוכט איהם מיטצושלעפּען מיט זיך. אבער ארמאנד האט זיך עמפּערט און איבערראשט אומגעדרעהט און האט אויפ־געשריען. דאן האט זיך געלאזט הערן דער שוס פון צווייטען פּיסטאָלעט, און זשערמען האט געברויכט זיינע גאנצע קראפט, אום ארונטערצושלעפּען ארמאנד פון דיא טרעפּ איהם זאָגענדיג אויפען אויער:

—קומט, קומט, אדער מאדאם איז פערלאָרן.

—אבער ווער איז דיעזער עלענדער? האט דער יונגער מאנן געפּרעגט פערזוכענ־דיג זיך ארויסצודרעהען פון זשערמענס הענד.

—קומט, קומט! — האט זשערמען וויעדערהאָלט — זאָנסט איז זיא פערלאָרן. . און איהר ווייסט אז זיא האט אייך ליעב. . .

נאך דיעזע ווערטער האט ארמאנד ניט מעהר געטראכט פון בלייבען שטעהן און האט געפאלגט דעם דיענער, אָבגלייך דאס בלוט האט אין איהם שרעקליך גע־קאכט פאר וואוט.

זיי זיינען אָנגעקומען צום פעלזיגען ברעג וואו דאס שיפעל האט זיי ערווארטעט. אלס זיי זיינען איינגעשטיעגען און האבען זיך גענומען פארן רודער, האט זשערמען בעמערקט:

—מיר מוזען דאס מאכען געשיידט; מיר וועלען בכומרשט געהן נאך אָסט (מזרח), און ווען מיר וועלען זיין אזוי ווייט פון ברעג דאס מען קען אונז ניט מעהר זעהן פון דאנען, וועלען מיר זיך אומקעהרען און געהן נאך וועסט (מערב). דיא נאכט איז אפילו דונקעל, אבער ער האט שארפע אויגען.

—ווער, ער? — האט ארמאנד געפרעגט אין צאָרן.

זשערמען האט זיך בלומרשט געשטעלט דערשראָקען:

—אָה, דאס איז יענער וואס האלט דאס לעבען פון דער דאמע וואס ליעבט אייך אין זיין האנד...

א שטונדע שפּעטער איז דאס שיפעל נעבליעבען שטעהן ביין פּאסאזש, פון וואַנען זיא האט ארמאנד גענומען.

—איהר פערשטעהט דאך, מיין ה'ערר — האט זשערמען צו איהם געזאגט — דאס נ'אכדעם וויא דאס האט ביי אונז פּאסירט קענט איהר מאָרגען ניט ווידערקומע אהין... איהר מוזט דורכלאָזען א טאָג אָדער צוויי.

ארמאנד האט אויפגעציטערט ביי דעם געדאנקען דאס ער וועט מוזען ווארטען טעג ביז ער וועט זיא ווידערזעהן.

—אבער איהר ווייסט דאך אז זיא ליעבט אייך — האט איהם זשערמען געטרייסט — און אזוי שנעל וויא זיא וועט קענען... איהר פערשטעהט... און פּילייכט וועל איך אייך מארגען אדער איבערמארגען ברייננען פון איהר וועלכען צעטעל...

דיעזער געדאנקען האט אביסעל אויפגעמונטערט אונזער העלדען פון דער געשיבטע. ער איז ארויסגעשפרונגען אויפען זאמד, האט ארויפגעקלעטערט דעם פעלזיגען ברעג און האט געפונען זיין פערד צוגעבונדען אויפען געוועהנליכען פּלאטץ צו א בוים. ער איז אריינגעשפּרונגען אין זאָטעל און איז אוועקגעריטען.

דאס קליינע ווייסע הויז איז געוועזען שטיל און פינסטער. און ארמאנד איז אריינגעקומען אהן געררויש אום ניט אויפצו־וועקען זיין פאטער; אבער ער איז געוועזען צו אויפגערעגט, צו אונרוהיג איבער דעם שיקזאל פון דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה.

ער האט צוגעבראכט דיא נאכט אין שווערע געדאנקען וועגען דעם, וואס מיט איהר איז געוואָרן. צו האט יענער מאנן ניט אויסגעלאָזען דעם כעס צו איהר, נאכדעם וויא ער האט אויסגעשאסען און ניט געטראפען? יענער שורקע (פיר א פערליעבטען איז דער געגנער אימער א שורקע) יענער פייגלינג, וואס האלט א שוואכע פרוי אין זיין מאכט, צו האט ער איהר ניט געטהאן וואס בייזעס?

אלס דער פריהמאָרגען איז געקומען איז נאך ארמאנד געוועזען וואך, מיט זיינע אונרוהיגע געדאנקען בעשעפטיגט. ער האט זיך אבער ניט אויפגעהויבען דאמיט זיינע אונרוהע זאל ניט אויפפאלען דעם אלטען קאלאנעל.

דיעזער אבער וועלכער האט געזעהן אז דיא אוהר איז שוין צעהן און זיין זאהן איז נאך ניטאָ, איז ארויף געשטיגען צו איהם אין צימער.

ארמאנד האט דערקענט דיא טריט פון זיין פאטער און האט זיך געמאכט שלאָפענדיג, און אלס דער פאטער האט איהם גערופען האט ער זיך געמאכט וויא איינער וואס האפט זיך איצטער־ערשט אויף.

—הע, הע, מיין יונגע, מיר שיינט אז דוא האסט צו קורצע געבכט.

—איך האָב מיך ווירקליך שפּעט געלייגט.

דער קאלאנעל האט איהם אנגעקוקט האלב שמייכלענדיג און האלב אין כעס:

—דוא ביסט יונג און ווילסט האבען פערגעניגען... אבער זיי פארזיכטיג... דיא פערדאמטע נארמאנדישע פארמערס פערשטעהען קיין שפאס ווען מען נעהט אויפען נעיעג אויף זייערע גיטטער...

—באה! איך האב א גוטעס אויג און פלינקע פיס — האט ארמאנד געזאגט, זיך צווינגענדיג צו לאכען — זיי ניט בעזארגט וועגען מיך.

—קליידע זיך אן און קום צו פריהשטיק.

און דער אלטער איז ארונטערגעגאנגען מיט דער איבערציינונג אז זיין טהייערער אחן ווערט געניעבט פון א שיינער נארמאנדישער פארמערין מיט ווייסע ציינער און גרויסע בלויע אויגען. ארמאנד ווידער האט זיך גיגעבען אלע מיהע, דאס זיין פאטער זאל קיין זאך ניט מערקען פון זיינע אונדוהע, און האט זיך געשטעלט מונטער.

זבער גלייך נאכען פריהשטיק, אזוי שנעל וויא דער אלטער האט איינגעדרעמעלט, נאך זיין געוואוינהייט, אין זיין פאטעל, איז ארמאנד ארויסגיגאנגען נאך דער ריכטונג פון ברעג ים, אין דער האפנונג צו טרעפען זשערמען מיט וועלכער אויסקונפט פון דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה.

און ער האט ווירקליך געטראפען. נאכדעם וויא ער האט א קנאפע שטונדע ארומגעבלאנדזעט האט ער בעמערקט פון וויטען זשערמען, וועלכער איז געקומען איהם אנטקעגען.

אלס זשערמען האט דערלאנגט ארמאנד דעם צעטעל וועלכען מיר האבען שוי פריהער געזעהן, האט ארמאנד געוואלט עטוואס פרעגען, אבער דער דיענער האט טרוקען געענטפערט:

—מיין הערר איך קען אייך קיין זאך ניט זאגען. קומט דיעזען אבענד, מאדאם וועט אייך אלעס ערקלערען.

ארמאנד האט זיך געמוזט צופריעדען שטעלען מיט דיעזער אנטווארט, און ווארטען. ער האט צוריקגעקעהרט נאך הויז אום דריי אוהר נאכמיטאג לעזענדיג דעם בריעף הונדערט מאהל נאך אנאנד און ערווארטענדיג דעם אבענד מיט פיעבערהאפטער אונגעדולד.

—זיי פארזיכטיג! — האט געשריען דער קאלאנעל וועלכער האט איהם געזעהן אוועקרייטענדיג — דיא נארמאנדישע פארמער ויינען שלוי.

—מיינער איז אויפען ירוד — האט או מאנד געענטפערט לאכענדיג — און ער קומט ניט צוריק פאר מארגען.

ארמאנד איז אויסגעריטען. עס איז געוועזען איין זעהר פינסטערער אבענד' אבער ארמאנדס פערד האט שוין געקענט גוט דעם וועג, און ער איז טראטץ דער פינסטערניס געגאנגען זיכער אויף דעם פעלזיגען וועג.

קומענדיג צום געוועהנליכען פלאטץ האט ארמאנד געוואלט ארונטערשפרינגען פון פערד און איהם צובינדען, וויא געוועהנליך, צום בוים, אלס ער האט בעמערקט, צו זיין גרעסטען ערשטוינען, איין אנדער פערד צוגעבונדען צום זעלביגען בוים. אין דעמ־

זעלבינען אויגענבליק האט ער אויך בעמערקט א מאנן זיצענדיג אויף א שטיין איינ־ גע טריט פון בוים. דיזער מאנן האט זיך אויפגעהויבען, איז צוגעקומען צו ארמאנד־ און האט אהן צערעמאָניעס געלייגט זיין האנד אויפען צוים פון ארמאנד׳ס פערד.

—וואס פערלאנגט איהר? — האט ארמאנד געפרעגט, זיך אויפריכטענדיג.

—איך וויל אייך זאגען — האט געענטפערט דער קאפיטאן העקטאר לעמלין — דען דאס איז געוועזען ער — אז דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה וועט ניט קומען.

ארמאנד האט אויפגעציטערט, ער האט אבער דענאך א טעות געהאט אין דיא אבזיכטען פון דעם מאנן.

—קומט איהר צו מיר פון איהר? — האט ער געפרעגט אין אויפרעגונג.

—איך קום אייך זאגען אז זיא וועט ניט קומען — האט לעמלין געענטפערט אין צארן נאך אמאהל.

—וואָרום?

—דערפאר וואס איך בין דערזעלביגער מאן וואס האט געסטערן אויף אייך אבגע־ פייערט דיא פיסטאלעטען.

דאס איז געוועזען איינע איבערראשענדע ענטדעקונג פיר ארמאנד.

—אַה, איך גלויב אז איך פערשטעה דעם צוזאמענהאנג.

—איך האָף אזוי.

—איהר ווילט מיך פיליכט ערמאָרדען? — האט ארמאנד געמורמעלט מיט צאר און שפּאָט צו גלייך.

און ארמאנד האט שנעל אויסגעשטרעקט זיין האנד צום זאָטעל, וואו זיינע פיס־ טאָלעטען זיינען געהאנגען.

—איהר מעגט זיין רוהיג — האט דער קאפיטאן געענטפערט — נעכטען האב איך אויף אייך געשאסען וויא מען שיסט אויף א ווילד־דיעב וועלכער געהט אויף געיעג אויף א פרעמדעס לאַנד...

—אַה! — האט ארמאנד געמאכט, א בעליידיגטער, וועהרענד לעמלין האט פאָרגעזעצט:

—היינט טרעפען מיר זיך אָן אויף א נייטראלען באָדען, אין פרייען לופט...... פארשטעהט איהר......

—יאָ, דאס הייסט איהר פאָדערט מיך אויס?

—גאנץ ריכטיג!

—איך שטעה צו בעפעהל, מיין העrr.

—מאָרגען אום 8 אוהר פריה, אויף דיעזען פלאטץ. ברייננט אייערע שווערדען אהער, איך וועל ברייננען מיינע..

—איינפערשטאנדען — האט דער יונגער מאנן געזאגט רוהיג — אבער אויב איהר האט סעקונדאנטען זאלט איהר זיי מיטברייננגען, דען איך וויים ניט וואו איך קען וועלכע געפינען.

—זעהר גוט — האט דער קאפיטאן געזאגט — איך וועל ברייננען מיין איינציגען

דיענער, וועלכער וועט האבען אוועקצוטראגען דעם טויטען אדער דעם פערוואונדעטען. מיר האבען קיינע עדות נייטיג.

—זאל זיין אזוי.

ארמאנד האט בעגריסט דעם קאפיטאן וועלכער האט זיך דאן אומגעקעהרט צו נעהמען זיין פערד.

ארמאנד האט ווידער צוגעבראכט א שלאפלאזע נאכט. וואס איהם האט אויפגערעגט איז געווען ניט דער שיקזאל פון איהם אליין, זאנדערן פון דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה. ער האט ניט אויפגעהערט צו טראכטען „וואס איז פון איהר געווארן?" צו האט זיא ניט דיעזער מענש געטעדטעט אין איין אייפאל פון אייפערזוכט?

אלס דער יונגער מאנן איז ארונטערגעשפרונגען פון פערד איז ער געוועזען בלאס וויא דער טויט. ער האט אויך ענטדעקט דאס זיין אלטער פאטער שלאפט נאך ניט נעגען זיין געוואוינהייט, און ער האט זיך שטארק פערוואונדערט אלס דער קאלאנער איז איהם נעקומען אנטקעגען.

—וויא, פאטער? אום עלף אוהר שלאפסט דוא נאך ניט?

—איך בין געוועזען אונרוהיג — האט דער קאלאנעל געזאגט.

אוןווירקליך האט דער אלטער אויסגעקוקט זייער בלאס און אויפגערעגט פונקט וויא ארמאנד אליין, דען אין ארמאנדס אבוועזענהייט האט ער געהאט ערהאלטען דעם עהיימניספאלען צעטעל, וועלכער האט איהם אנגעזאגט דאס זיין זון ווערט ארויסגעפארדערט אויף א דועל.

—וואס האט דיך דען אונרוהיג געמאכט, פאטער? — האט ארמאנד געפרעגט און האט זיך געצוואונגען צו שמייכלען.

—עס קומען מאנכעס מאל וואונדערבארע געדאנקען אין קאפ. איך האב מורא דוא זאלסט ניט ערהאלטען א קלאפ פון הינטען דורך דיין פערדאמטען פארמער.

—באה. איך האב דיר דאך געזאגט אז ער איז אויף געיעג.

—דיר איז אלזא קיין זאך געשעהן?

—ניט א האר.

—דוא קליינער שעלם! — האט דער קאלאנעל געזאגט מיט ליעבע — מיין ערשטען דרעמיל האסטו מיר פערדארבען; איצטער וועל איך ניט קענען איינשלאפען וואו איך זאל ניט טרינקען א גלעזעל פון דעם אלטען שפאנישען וויין, וועלכען מיר האבען ליעב.

—אויסגעצייכענט, פאטער, איך וועל דיר האלטען קאמפאניע.

דער קאלאנעל איז ארויף אין צימער צו זיין זאהן, האט געהייסען ברייננען א פלאש וויין, און ביידע האבען געטרונקען, שפיעלענדיג דיא גרעסטע גלייכגילטיקייט, און זיך נארענדיג איינער דעם אנדערן.

איין שטונדע שפעטער האט זיך ארמאנד אניעדער געלייגט, און איז טראכטיג זיינע אויפרעגונג איינגעשלאפען. ער האט גערעכענט אויפצושטעהן גאנץ פריה, אום ניט צו לאזען ווארטען זיין געגנער. אבער ער האט א טעות געהאט. ער האט דערשפירט א קאפ-וועהטיג אזוי שנעל וויא ער האט זיך אניעדערגעלייגט, און זיינע אויגען האבען זיך איהם צוגעמאכט מיט געוואלט.

אלס ארמאנד האט זיך אויפגעחאפט און געעפענט די אויגען, האט די זונ' אריינגעשיינט דורכען פענסטער אין פאָלען גלאנץ. עס איז שוין געוועזען אונ־געפעהר צעהן אוהר.

—מיין, גאט — האט ער געמורמעלט — דיעזער מענטש וועט מיך האלטען פאר א טרוס!

ער האט זיך שנעל אנגעטהאן, האט אראָפּגעחאפט א פאָר שווערדען פון וואנד, און איז ארונטערגעלאפען הייסען זאָטלען זיין פערד. ער האט זיין פאטער אין ערגיץ ניט געפונען און האט זיך אין הארצען געפרייט. דאס זיין פאטער שלאָפט נאך. ער איז אריינגעשפרונגען אין זאָטעל און האט אוועקגעגאלאָפּירט.

אלס ער איז אנגעקומען צו דעם בעשטימטען פלאטץ האט ער בעמערקט ארום בוים טריט פון מענשען, פונקט וויא מען וואלט זיך דאָ געהאט געשלאגען, און האט אויך בעמערקט בלוט-פלעקען אויפען גראָז.

—מיט וועמען האט זיך קאמיטאן העקטאר לעמלין געשלאגען?

צווייטער קאפיטעל.

דער קאַמפף.

אויף דיעזע שטעלע, וואו ארמאנד איז יעצט געשטאנען ציטערענדיג און ער־שטוינט, האט דעמזעלביגען בריהמארגען, איידער ארמאנד איי אהער געקומען, פא־סירט פאָלגענדעס:

דעם פאריגען אבענד איז קפיטאן צוריקגעקעהרט אין שלאס אום עלף אוהר. די דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט זיך שוין דאנן געהאט צוריקגעצויגען אין איהר צימער, אבער זיא האט צוריקגעלאזען א צעטעל, וועלכען זשערמען האט געהאט איבער צוגעבען דעם קאפיטאן.

צייט דער גנבה פון דער מיליאן פון דער אייזערנע קעסטעלע, האט לעמלין אימער געפיהלט אונאנגענעם ווען ער האט געזעהן זשערמען. אבער דיעזער מענש האט בעוו־סען זיין געהיימניס און האט זיך בענומען אנטקעגען א פערברעכער געגען זיין מיט־פערשווארענעם, און די פורכט האט לעמלין צוריקגעהאלטען פון ארויסצוווייזען זיין ווידערווילען.

אלס ער האט איצטער געפונען זשערמען זיצענדיג ביים פלאמענדען קאמין אין פאָטעל, און זיך ווארעמענדיג די פיס מיט אזא ברייטקייט, פונקט וויא ער וואלט דאָן געוועזען דער גאנצער בעל הבית, איז ער געווארן זעהר אויפגעבראכט, אבער זשערמען האט ניט געווארט ביז ער זאל איהם וואס זאגען, און האט איהם גלייך איבערגעגעבען דאס צעטעלע, פון דער געמיינטער נענעראלס טאכטער, א שמעקענדיגע צעטעלע, פא־פומירט, וועלכעס האט געמאכט לעמלינס הערץ שלאגען שטארקער. דאס צעטעלע האט ענטהאלטען פאָלגענדעס:

„איהר דארפט פערשטעהן די אויפרעגונג וועלכע איך עמפפינד היינט טראכטענ־
„דיג פון דער געפאהר, וועלכער איהר זעצט זיך מארגען אויס, און איך האב ניט די
„קראפט איך ווידערצוזעהן איידער איהר קומט צוריק געקרוינט מיט זיעג. איך פער־
„שליעס מיך אין מיין צימער פון וואנען מיינע הייסע ווינשע פאָלגען אייך, און אויב

„עס איז אמת אז דיא ליעבע מאכט טריומפירען, דאן וועט איהרווארפען בלוטענד „אייער געגנער, וועלכער האט מיך בעליידיגט. פארברענט דיעזען צעטעל און האט „פערטרויען אין גאט".

דיעזע אייניגע צייליען זיינען גענוג געוועזען אום וויעדערצוגעבען דעם קאפיטאן זיינע ענערגיע און זיין מוטה פון פארצייטיגע יאהרען. לעזענדיג האט ער זיך אויפגעריכ־טעט, זיין בליק האט אויפגעלויכטען און עס האט אויסגעוויעזען דאס ער איז איגנגער געווארען מיט צעהן יאהר.

זשערמען האט איהם אנגעקוקט פון דער זייט, און אלס דער קאפיטאן האט ענד־ליך צוגעטראגען דאס צעטעלע צו זיינע ליפען און געקיסט, האט זשערמען אויסגערופען אין א בייסענדען, שפעטישען טאן:

—בראוואָ! אויסגעצייכענט! דאס איז פונקט וויא אין טהעאטער אין א דראמע, וואס איז ארויסגענומען פון איין ענגלישען ראמאן. איך האב עס אליין געזעהן. . .

דער קאפיטאן האט זיך אומגעקעהרט צו איהם ערשטוינט און פערווירט.

—עהרענווארט — האט זשערמען ווייטער געשפעט — איהר זייט צוריק אין דיא פארצייטיגע יאהרען פון איין אונטערלייטענאנט.

—שוויינ! — האט לעמלין געשריען וויטהענד.

נא, אויב איך וועל אייך ניט זאגען דיא ווארהייט, ווער דען וועט עס אייך זאגען? איך האלט אייך פעהיג אויף מעהרערע נארעשקייטען, אבער דאס איהר זייט פעהיג צו בעגעהן אזא נארעשקייט וויא דיא יואס איהר וועט טהאן מארגען איבערשטייגט אלע ערווארטונגען.

—פון וועלכער נארעשקייט רעדסט דוא?

—פון אייער דועל.

—וויא, דוא ווייסט?

טייפעל! פאר וועמען האלט איהר מיך דען? איהר דיינקט דאך ניט או איך שפיעל דיא ראללע פון א בריעף־קאסטען וועלכער קימערט זיך ניט אום דעם אינהאלט פון דיא בריעף וואס מען לייגט אין איהם אריין. דאס פאפיער איז דורכזיכטיג און איך האב געקענט לעזען.

—דוא שורקע! — האט לעמלין געדופען אין העכסטען צאָרן.

—זעהר פיין! איהר בעליידיגט מיך ווען איך וויל אייך געבען א ראטה.

—א ראטה?

—איין אויסגעצייכענטען.

—קאָמיר הערן!

—מיין ראטה איז דיעזער: שוין עטליכע נעכט וויא איהר שלאפט זעהר שלעכט. ווען איהר זאלט מיר פאָלגען, זאָלט איהר מארגען געשלאפען א שטיק אויף טאג.

—דוא ביסט משוגע.

—ניט א האָר.

—און מיין דועל ?

—דערפאר הייס איך אייך דאך שלאפען.

—ניין, ניין ! — האט דער קאפיטאן גערופען מיט האס — איך וויל איהם טעדטען......

—אום צו מאכען פערגעניגען דיעזער דאמע, ניט וואהר ?

—אום איהר צו געהארכען.

—אבער זייט דאך פערנינפטיג, מיין העררי.

—דאס בין איך.

—דורכאויס ניט. איהר ווילט טעדטען דיעזען יונגען מאנן ?

—יא.

—וואָרום ?

—ווייל איך האב איהם פיינד.

—און ווייל דיעזע דאמע האט איהם ליעב.

—דוא האסט א טעות, זיא האט איהם פיינד פונקט וויא איך.

—דאס הייסט זיא זאגט אזוי ?

—אז זיא זאגט איז אמת.

—זאל זיין אזוי ; אבער וואס וועט זיין ווען איהר וועט געטעדטעט ווערן אנשטאט צו טעדטען ?

—נון ?

—נון, דאן וועט זיא איהם הייראטען.

—דאס איז פאלש דאס איז ליעגען ! — האט דער קאפיטאן געשריען, וועהרענד זייגע אויגען האבען געפלאמט.

—דאס וועלען מיר זעהן.

זשערמענס ווערטער האבען געמאכט א שווערען איינדרוק אויף לעמלין, א ווײלע איז ער געשטאנען פארטראכט און פינסטער, דאנן אבער האט ער אויסגערופען:

—דאן האב איך נאך א גרונד איהם צו וועלען טעדטען.

זשערמען האט ניט געענטפערט און האט זיך גענומען פייקלען מיט זיינע פינגער אויפען מארמאר־שטיין פון קאמין און קוקען אויפען פלאפאנד.

—אום וועלכע שטונדע געהט דער העדר ארוים מארגען ? — האט ער געפרעגט.

—פונקט אום זיעבען אוהר.

—דארף איך אייך בעגלייטען ?

—אהנע צווייפעל.

—נעהט דער העדר מיט וואפען ?!

—יא, מיט צווי שווערדען.

—איהר זייט געוועזען איין אויסגעצייכענטער פעכטער, אבער איך גלויב איהר זייט אביסעל שווערער געווארן, און אייער געגנער איז יונג....

דער קאפיטאן האט געצוקט דיא אכסלען, דאנן האט ער זיך אומגעדרעהט און

איז אוועקגעגאנגען. אָבער זשערמען איז איהם נאכגעגאנגען.

—איך פערגעס ניט דאס איך בין ביי מיין הערן אין דיענסט — האט ער געזאגט— און אויב דער הערר, ענטזאגט זיך אנצונעהמען מיין ראטה, וועט ער מינדעסטענס זיך ניט ענטזאגען אנצונעהמען מיינע דיענסטע.

זשערמען האט איהם אויסגעקליידעט, האט איהם געלייגט אין בעט, און האט געמאכט מיענע אוועקצוגעהן.

—דוא וועסט מיך אויפוועקען אום 6 אוהר — האט דער קאפיטאן געזאגט.

—אָ, דאס וועט זיין גאנץ איבעריג.

—וויא ?

—איך בין איבערציינגט אז מיין הערר וועט מיט קיין אויג ניט צומאכען דיא גאנצע נאכט, אויב ער וועט דיינקען אן דעם וואס איך האב איהם געזאגט.

נאך דיעזער פרעבער אנטוואָרט האט זשערמען פארלאזען דאס צימער.

זשערמען האט אבער אויך רעכט געהאט. העקטאָר לעמלין האט מיט קיין אויג ניט צוגעמאכט. דיא ווערטער פון זיין דיענער זיינען איהם אריין טיעף אין הארצען און האבען איהם געשטאָכען וויא שפּיזען. ער האט ניט אויפגעהערט צו קלערן, צו שפּיעלט זיא ווירקליך ניט מיט איהם, יענע געהיימניספּאָלע דאמע, און צו האסט זיא ווירקליך יענעם אונבעקאנטען, מיט וועלכען ער געהט מאָרגען פעכטען.

א שפּראָץ אויף טאָג איז זשערמען אריינגעקומען אין צימער פון זיין הערן און האט איהם געפונען וואך ביים שרייב־טיש. לעמלין האט איהם געוואלט עטוואס פרעגען. אבער זשערמען האט איהם האסטיג איבערגעשלאָגען:

—עהרענוואָרט, מיין הערר, איך בין מיעד אייך צו געבען עצות, ווען זיי זיינען וויא ארויסגעווארפען. איך האב מיך געשוואָרן ניט אריינצומישען זיך אין אייערע עסקים. איר ווילט זיך שלאָגען — קומט !

—געוויס וויל איך מיך שלאָגען, אבער....

—געוויס וויל איך מיך שלאָגען, אבער....

—אבער אויב אייער געגנער וועט אייך טעדטען....

דאס וואָרט געגנער האט וויא געשטאָכען לעמלין: ער האט געמורמעלט וויא פאר זיך :

—אָה, מען טעדטעט ניט אזוי לייכט איינעם וואס איז געוועזען א מיטגליעד פון דיא „קאמראדען פון שווערד".

ער האט זיך אָנגעקליידעט מיט דער פעסטיגקייט פון א קריגער וועלכער דארף נאך בעשטעהן א שלאכט דעמזעלביגען טאָג, און אום האלב נאך זעכס האט ער מיט זשערמען פארלאזען דעם שלאָס. דער לעצטערער האט געטראגען אונטערן ארעם א פּאָר שווערדען. זיי האבען בעשטיעגען פערד, און זשערמען איז געריטען שווייגזאם א פּאָר הונדערט טריט אין פאראויס, פונקט וויא ער וואלט וועלין אויסמיידען יעדע וועיטערע אונטערהאלטונג מיט זיינע הערן. אָבער אלס זיי זיינען אנגעקומען א פּאָר הונדערט טריט פון דעם פּלאַטץ וואו דאס דועל האט געזאלט שטאטפינדען האט זיך זשערמען געווענדעט צו לעמלין :

—ענטשולדיגט מ'ר, מיין הערר, איך האב אייך א קליינע פראגע צו שטעלען.

—פרעגט.

—האט איהר געמאכט אייער טעסטאמענט?

—יא.

—ווען?

—דיעזען פריהמאָרגען.

—עס איז איבעריג צו פרעגען ווער אייער יורש איז. דאס איז זיא.

—יא.

—אח, וואס פיר א שיינע נארישע זאך דיא ליעבע איז. אבער איהר מוזט זעהן צו טערטען יענעם יונגען מאנן, דען עס קען זיך נאך מאכען אז אין איין שיינעם טאג וועט ער ווערען דער איינענטהימער פון דעם שלאָס רוביני.

לעמלין איז געוואָרן וויא אָפּגענומען. ער האט געוואלט ריידען, אבער דיא שטימע איז איהם געוואָרן וויא אויסגעלאָשען אין האלדז.

—מיין גאט — האט זשערמען ווייטער געריעדט — דיא זאכע איז דאך גאנץ קלאָר. מען לאזט איבער אלעס אין צוואה צו דער דאמע וועלכע מען האט ליעב, מען שלאָגט זיך מיט איהר ליעבהאבער, ער קוילעט אייך וויא א הינדעל, און ער הייראטעט זיא און קלייבט זיך אריין מיט פערגעניגען אין אייער הויז.

—אָה, שווייג, דוא טייפעל, שווייג! — האט דער קאפּיטאן גערופען מיט א דערשטיקטער שטימע — דוא פערלייםדעסט דיא עדעלסטע פון דיא פרויען.

זשערמען האט ניט געענטפערט און האט פּיזדענעצעט זיין וועג פייפענדיג פיר זיך.

איינינע מינוטען שפּעטער זיינען זיי געקומען אזוי נאהענט צום קאמפף־פלאטץ, דאס זיי האבען געקענט בעמערקען דעם בוים צו וועלכען דער קאפּיטאן האט געסטערן געהאט צוגעבונדען זיין פערד.

—זעהט נאָר! — האט זשערמען אויסגערופען — איך זעה א מאן זיצענדיג אויפען שטיין, דאס מוז זיין ער.

דער קאפּיטאן איז פון זיין בלאסקייט אריבער אין רויט און האט אנגעשפּאָרנט זיין פערד. ער האט געוואלט וואס שנעלער נעהמען דאס שווערט אין האנד.

אבער זשערמען איז אימער געריטען פאראויס, און אלס ער איז געוועזען אונגעפהער צעהן טריט פון בוים, האט ער זיך פּלוצלונג אפּגעשטעלט גאנץ ערשטוינט. דאס איז ניט אַרמאנד געזעסען אויפען שטיין, זאָנדערן איין אלטער מאַנן מיט א גרייזגרויען באָרד, וועלכער האט אויסגעזעהן גאנץ געבראכען, אבער וועמעס אויגען עס האבען נאך געלויכטען מיט קראפט און ענערגיע. דאס איז געוועזען דער קאָלאָנעל לעאָן, וועלכען קאפּיטאן לעמלין האט ניט געזעהן זייט דער לעצטער צוזאמענקונפט פון דיא „קאמראדען פון שווערט" און ער האט איהם ניט דערקענט. קאלאנעל לעאן האט זיך אויך געלטערט פאר דער צייט. דיא ערשטוינונג פון זשערמען איז אויך געוועזען עכט, דען ניט ער האט עס איבערגעבראכט דעם צעטיל פון דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה צום קאָלאנעל, און ער האט דעריבער פון קיין זאך ניט געוואוסט.

—ענטשולדיגט, מיין הערר — האט זיך לעמלין געווענדעט צו דעם פרעמדען — האט איהר דאָ ניט געזעהן א יונגען מאנן ארום דעם בוים?

דער קאלאנעל איז אויפגעשטאנען. און זיך אויפהויבענדיג, האט ער אויך אויפגעהויבען פון דר'ערד עפּעס א לאנגען און דינעם נעגענשטאנד וואס איז געוועזען איינגעוויקעלט אין א בלויען געוואנד. לעמלין האט אויפגעציטערט ביי דעם אנבליק פון דעם פּעקיל. אבער דער אלטער האט קיין ווארט גערעדט, און האט אנגעקוקט לעמלין גלייך אין געזיכט.

—אח, ענטשולדיגט — האט לעמלין געזאגט - איהר זייט געוויס דער סעקונדאנט?

—דער קאלאנעל האט נאך אימער געשוויגען, האלטענדיג זיין פייעריגען בליק אויף לעמלין.

– נון, מיין הערר — האט לעמלין אונגעדולדיג גערופען — וואס שווייגט איהר, איך בעט אייך?

—עס שיינט אז איך האב מיך אזוי געעלטערט דאס דוא דערקענסט מיך ניט, הערמאר לעמלין — האט דער אלטער קאלאנעל לעאן געזאגט, און ביי דעם קלאנג פון דיעזער שטימע האט לעמלין אויפגעציטערט.

—מיין גאט! דיעזע שטימע! ווער זייט איהר? — האט דער קאפּיטאן אויסגערופען.

—איך בין דער מאנן וואס האט געמאכט דיין גליק, קאפּיטאן לעמלין — האט דער אלטער געענטפערט מיט א שטארקער שטימע — איך בין דעריעניגער וואס האט דיך געראטעט פון קריעגסגעריכט און דיר גיגעבען דיא פרוי וועלכע דוא האסט ליעב געהאט.

—קאלאנעל! — האט לעמלין אויסגערופען, דערקענענדיג ענדליך אין דעם אלטען מאנן דעם אנפיהרער פון דיא „קאמעראדען פון שווערד".

—יא, דער קאלאנעל, וועמעס זאהן דוא ווילסט איצטער טערטען דוא עלענדער!

קאפּיטאן לעמלין האט צוריקגעטרעטען.

—אייער זאהן — האט ער געשטאמעלט — איז דער פערהאסטער?......

—אה, דוא האסעסט איהם! האט דער אלטער גערופען מיט א שפּעטישער שטימע, וועלכע איז אויך געוועזען שרעקליך אין דערזעלביגער צייט — דוא ווילסט האבען זיין לעבען? נו, דוא וועסט עס ניט קריעגען... און איך, דער איינגעבויגענער אלטער, איך, וואס מיין האנד ציטערט און מיין בליק לעשט אויס, איך וויל צוריקגעווינען מיינע יוגענדליכע קראפט, אום דיך צו טעדטען....

און נאך איידער דער צוטומולטער קאפּיטאן לעמלין האט צייט געהאט צו ענטפערן אדער געבען וועלכע ערקלערונג, האט, דער אלטער ארויסגענומען צוויי שווערדען פון דעם פּעקעלע וואס ער האט אויפגעהויבען פון דר'ערד, האט איינעם געווארפען צו דיא פיס פון לעמלין און האט דעם אנדערן א דרעה געטהאן דורך דיא לופט מיט דער פלינקהייט פון א יונגען מאנן, און א געשריי געטהאן:

—מירביידע, עלענדער, מירביידע!

—אבער קאָלאָנעל.. האט לעמלין געשטאמעלט.

—ניטאָ דאָ קיין קאלאנעל! דא איז נור פאראן א מענש וואס איז דורשטיג נאך דיין בלוט, דערפאר וואס דוא האסט געוואגט צו דראהען זיין זאהן דעם איינציגען ווזען, וועמען ער האט ליעב.

און אזוי וויא דער קאפיטאן איז נאך אלץ געשטאנען אונענטשלאסען אויב ער זאל אויפהויבען דעם שווערד, האט דער אלטער קאלאנעל געמאכט א טריט, און האט איהם פערזעצט א שלאג איבערן געזיכט מיט זיין רייט-פייטשע,

לעמלין האט וויטהענד אויפגעשריען פאר שמערץ און פאר שאנדע און האט זיך א וואָרף געטהאן אויפען שווערט וואס איז געלעגען צו זיינע פיס.

—מערקט זיך — האט איהם דאנן זשערמען איינגערוימט אין אויער — דער אלטער וועט זיין אויף דער חתונה און וועט קומען וואוינען אין רוביני אין דער צייט פון געיעג.

זשערמען, וועלכער האט ניט געוואוסט אלע געהיימניסע פון זיינער הערריז, האט געדעבענט ביי זיך, אז דער אלטער איז געקומען אהער דורך איהרע קונסט, און האט געמורמעלט:

—זיא איז שרעקליך געשיידט!.... נא, איך גלויב, איך האב איהם געזאגט גענוג, אום ער זאל פערלירען יעדען סימן פון קאלטבליטיגקייט, און ער וועט זיך לאזען אָפ-שלאכטען וויא א הינדעל.... ארעמער מענש, גנה!....

זשערמען'ס לעצטע ווערטער האבען אין גאנצען אראפגעשלאגען קאפיטאן לעמ-לין פון טראָפּ. אין דיעזער שטונדע, ווען דער טויט איז איהם געשטאנען פאר די אויגען, האט ער געגלויבט אלע פערליימדונגען פון זשערמען וועגען די פאלשקייט פון דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה און וועגען דעם קאָראָנעל'ס זאָהן.

ער האט זיך דעריבער א וואָרף געטהאן אויפען אלטען קאָלאָנעל מיט א וואוטה גאנץ בלינד פאר כעס. אבער וויא אלט און שוואך דער קאָלאָנעל לעאָן איז געוועזען, איז ער דאך געוועזען צו פיעל געוואוינט אין פעכטען אום געגומען צו ווערען אזוי לייכט. עס איז איהם גענוג געוועזען צו נעהמען דאס שווערט אין האנד אום זיינע קאלטבליטיגקייט וויעדער צו געפינען און צו פעכטען מיט פעסטיגקייט און זיכערהייט. ער האט אָפּגעשלאגען קאלטבלוטיג דיא ערשטע האסטיגע אנגריפפע פון קאפיטאן, האט איהם געלאזען ביסלעכווייז מיעד ווערין, און אין איין אונבעוואכטען אויגענבליק, האט ער אַ ציה געטהאן זיין ארעם און האט אריינגעשטאכען זיין שווערד צום קאפיטאן אין ברוסט.

לעמלין איז געפאלען אפילו ניט אויפשרייענדיג. ער איז אבער ניט געוועזען טויט. ער האט געראָללט זיינע אויגען און גסיסה, וועהרענד א שטראָם בלוט איז איהם ארוים פון האלדז.

זשערמען האט צוגעאיילט צו איהם, האט איהם אויפגעהויבען און האט איהם אוועקגעזעצט אויפען שטיין, אויף וועלכען דער אלטער קאָלאָנעל איז פריהער געזעסען. דער שווערד פון קאָלאָנעל האט איהם נאך געשטעקט אין קערפער. דיעזער אלטער

האט בעטראכטעט זיין אָפּפער אויפמערקזאם וויא א דאקטאר, און האט זיך געווענ־דעט צו זשערמען, וועלכער האט געמאכט הכנות ארויסצוציהען דאס שווערד פון לעמ־לין׳ס קערפּער:

—ער איז א טויטער מאנן, אבער אויב מען וועט ניט ריהרען דאס שווערד קען ער נאך לעבען אייניגע שטונדען. טראגט איהם אוועק. ריידען וועט ער ניט מעהר, אבער ער קען נאך מאכען א טעסטאמענט.

און דער אלטער איז פיר אייניגע מינוטען געווארן דער אונערביטליכער קאלא־נעל לעאן פון א מאהל. ער האט אויפגעהויבען דעם שווערד פון זיין געגנער, האט עס געשטעקט אונטערן ארעם, און איז רוהיג געגאנגען זיין וועג נאך דער ווילא ואו ער האט געהאפּט צו געפינען זיין טהייערן זאהן אונטער דעם איינפלוס פון דעם שלאָפ־טרונק, וואס ער האט איהם אם אבענד פריהער געגעבען, און נאך שלאָפענדיג גאנץ געשמאק. דער קאָלאָנעל האט א טעות געהאט, דען אלס ער איז צוריקגעקומע,נאך דער ווילא איז שוין ארמאנד געוועזען אוועקגעגאנגען.

....

דריטעס קאפּיטעל.

פּילמען ערשיינט אונערווארטעט.

אן דעם זעלבען פריהמארגען האט דער מאיאר ארלאָוו און דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנרשוה געשפּאצירט איבערן פּלאטפּאָרם פון רוביני. דיא יונגע דאמע האט מיט דער האנד פארשטעלט דיא זאננע איבער איהרע אויגען און האט געקוקט אויפמערקזאם נאך דער ריכטונג פון דעם פעלזיגען בּרעג, וואוהין קאפּיטאן לעמלין איז מיט צוויי שטונדען פריהער אוועקגעריטען אין דער בעגלייטונג פון זשערמען.

—איך זעה קיינעם ניט קומען — האט זיא געזאגט.

—ווער ווייס פּיליכט איז ארמאנד דאך געקומען צום קאמפף־פּלאטץ — האט דער מאיאר געזאגט.

—אָ, איך פערזיכער אייך אז ניט. דיעזער מענש וועלכער האט אין זיין לעבען קיין אנדער זאך צו ליעבען אלס זיין זאהן, וועט וויסען וויא אזוי איהם אָפּצוהאלטען פוּ צו געהן צום דועל.

—איבריגענס פערשטעה איך איבערהויפּט וועניג אין דער גאנצער געשיכטע — האט דער מאיאר געזאגט.

—וויא, איהר פערשטעהט ניט ווארום איך האב אזוי איינגעאָרדנעט דאס ער זאָל ניט געפינען ארמאנד אויפען קאמפף־פּלאטץ? איינס פון דיא ביידע: האט דער קאָ־לאָנעל ארמאנד צוריקגעהאלטען, און האט זיך דערמיט צופריעדען געשטעלט, דאנן וועט לעמלין קומען בייז און אויפגערעגט, און איך וועל שוין וויסען וויא איהם צו מאכען צוזאמענזינקען אונטער דער לאסט פון א נייער ערצעהלונג פון עראייגניסע וואס האבען פּאסירט דאָ אין שלאָס. און האט וויעדער דער אלטער קאלאָנעל געאיילט צום קאמפף פּלאטץ אנשטאט זיין זאהן, און וועט קעמפּפען מיט לעמלין, דאנן וועט איינער פון זיי פאלען, און איהר ווייסט גאנץ גוט אז זיי זיינען ביידע פערברעכער.

—און אויב דער קאַלאָנעל וועט פאַלען?

—דאן וועט ארמאנד קומען זיך נוקם זיין פאר זיין פאטער, און איך נעהם שוין דיא זאכע אויף מיך, דאס עס וועט נעהמען איין ענדע. . . אבער זעהט אהין! — האט זיא פלוצלונג אויסגערופען זיך אונטערברעכענדיג — מיר שיינט אז זיי קומען...

—איך זעה נור איין מאנן — האט דער מאיאר געזאגט — און מיר ווייזט אויס אז ער טראגט א לאסט. . .

דיא יונגע דאמע האט אויפגעציטערט:

—אח, אויב ער האט איהם געטעדטעט, אויב ער ברייננט אהער זיינע לייבע...

זיא איז אריינגעלאָפען אין הויז און האט באלד ארויסגעבראכט א שפאקטיוו:

—יא, דאס איז זשערמען, און ער ברייננט אונז זיין לייבע, אדער מינדעסטענס ברייננט ער איהם א פערוואונדעטען......

דיא דאמע און דער מאיאר אַרלאָוו זיינען געבליעבען שטעהן אונבעוועגליך, פאַללער ערוואַרטונג ביז זשערמען איז צוגעקומען נאהענט. ער האט ווירקליך געטראָגען דעם קאפיטאן אויף זיינע שולטערן. דיעזער איז געוועזען שטערבענד, שטום, אימער בעגיעסענדיג זיך מיט בלוט דורכן מונד, און ווארפענדיג ארום זיך ווילדע בליקען.

דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט בלומרשט ארויסגעוויעזען לעבהאפטען שמערץ, און וועהרענד דער מאיאר האט געהאלפען זשערמען, האט זיא געהייסען אריינטראגען דעם פערוואונדעטען אין שלאָס. זשערמען האט זיך געלאזט געהן מיט זיין לאסט צום צימער פון זיין העררן, אבער דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט איהם צוגערופען:

—ניין, ניין, אהער!......

און זיא האט אליין געעפינט דיא טיר פון דעם צימער וואו אמאהל איז געשטאָרבען דיא געוועזענע באראָנעסע רוביני, און שפּעטער דיא פרוי פון לעמלין. מען האט דעם שטערבענדען אוועקגעלייגט פארזיכטיג אויף א זייט, אום דאס שווערד וואס האט נאך אימער געשטעקט אין לטמכין׳ס קערפּער זאל זיך ניט ריהרען פון אָרט.

דער מאיאר אַרלאָוו וועלכער האט געהאט א ידיעה אין כירורגיע, האט אויפמערקזאם בעטראכט דיא וואונדע און האט דאנן איינגערוימט דער דאמע אויפען אויער:

—ווען מען זאל ארויסציהען דאס שווערט שטארבט ער גלייך.

—און ווען מען זאל ניט ארויסציהען?

—קען ער נאך לעבען ביז אָבענד.

—וועט ער פערלזערען דאס בעוואוסט זיין?

—ניין.

זיא האט אויף א ווייכע פערלאזען דאס בעט, האט אפגערופען זשערמען אן א זייט און האט איהם אין דער שטיל געגעבען וועלכע בעפעהלע. זשערמען איז אוועקגעגאנגען..

וועהרענד דיעזער צייט האט אָרלאָוו צובערייטעט א מיקסטורע פון וועלכער ער האט אריינגענאָסען אייניגע טראָפּען דעם פערוואונדעטען אין מונד: דאנן האבען זיך ביידע אניעדערגעזעצט ביי זיין בעט, און זיינען געבליעבען שטיל.

דער אונגליקליכער קאפּיטאַן האט געמאכט אלע מעגליכע אנשטרענגונגען אום עטוואס צו ריידען: אבער זיין בליר האט זיך געהעפטעט אן דער יונגער דאמע מיט איין אויסדרוק פון ליעבע און פערצווייפלונג וועלכער לאזט זיך ניט וויעדערגעבען.

—אה, מיין ארעמער קאפּיטאַן — האט ענדליך געזאגט דיא דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה — איך האב דיעזע נאכט געהאט איין פארגעפיהל אז מיט אייך וועט עטוואס פּאסירען. . .

דער פערוואונדעטער האט געמאכט א האסטיגע בעוועגונג, וועהרענד זיא האט פאָרטגעזעצט:

—אייער פרוי איז מיר וויעדער ערשיענען.... זיא האט אימער געטראָגען איהר ווייסעס קלייד.... און האט אימער געטראגען זוויפען האלדז דעם סימן פון א צוזאַמענגעדריקטער האנד....

דער פערוואונדעטער האט געמאכט א פערזוך זיך אויפצוהויבען און האט ארויסגעוויעזען אלע צייכען פון שרעק. אבער אין דעמזעלביגען אויגענבליק האט זיך אויך געלאזט הערען איין ליארעם פון אנאנדער צימער. דאן שנעלע טריט, און באלד דארויף דיא שטימע פון זשערמען, וועלכער האט געפרעגט:

—וואוהין, וואוהין, מיין העררע?

—איך וויל זעהן דעם מאנן וואס האט מיך ארויסגעפאָרדערט — האט געענטפערט א שטימע — איך וויל, איך מוז איהם זעהן.... איך האב מיך עטוואס פערשפּעטיגט, אבער דאס איז ניט מיין שולד......

—דאס איז ארמאנד — האט געזאגט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה און האט געמאכט א צייכען צום מאיאָר אָרלאָוו. דיעזער איז שנעל ארויסגיגאנגען לאזענדיג דיא טיר אָפען, וואהרשיינליך מיט דער אבזיכט אז דער שטערבענדער זאל קענען הערען יעדעס וואָרט.

אלס לעמלין האט דערהערט דיעזע שטימע האט ער איינגעגראבען זיין בליק אין דעם געזיכט פון זיין שיינער ווערטערין, און זיין געזיכט האט זיך נאָך מעהר פערצעררט. ער האט בעמערקט אויף איהרע ליפּען א קאַלטען שמייכעלע וועלכער איז איהם געוועזען וויא ביטערע גיפט אויף זיין וואונדע ער האט נאָך אמאהל פערזוכט זיך אויפצוהויבען עטוואס צו זאגען אבער אומזיסט!

פון צווייטען צימער האט זיך דערוויילע געלאזט הערען זשערמען׳ס שטימע, וועלכער האט וויטער גערעדט:

—מיין העררע, איך קען׳ אייך ניט דורכלאָזען, דאס איז אונמעגליך.

—אָ, איך וועל דורכגעהן!

ארמאנד — עס וואר קיין אנדערער — האט דאס זאגענדיג פערזוכט אפצושטופּען זשערמען אָן א זייט אין טיר פון קראנקען־צימער.

—נעהט ניט, מיין הערר, נעהט ניט! — האט דיעזער געזאגט.

—אבער ער וועט מיך האלטען פאר א טרוס!

—אח, וואס! — האט זשערמען אויסגערופען מיט זיין שפעטישער שטימע — איך קען אייך בעווייזען דאס א מאנן פון עהרע קען זיך גאר ניט שלאָגען מיט אזא מענ־שען, וועמען איהר זוכט איצטער.

ביים קראנקן־בעט האט זיך געהערט יעדעס ווארט, און דער אייז־קאלטער שמייבעל אויף דעם געזיכט פון דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט פלוצ־לינג אלעם ענטדעקט דעם שטערבענדען.... ער האט פלוצלונג בעגריפען אז ער איז דאס אפפער און דער נאר פון א שרעקליכער טראגעדיע זייט א פאר וואָכען און דיא טראַ־געדיע וועט זיך ענדיגען מיט זיין טויט.

—איהר הערט מיך פריהער אויס — האט זשערמען ווייטער גערעדט — נאכהער וועט איהר קענען אריינגעהען.

—רעדט! איך הער! — האט געזאגט ארמאנד וועלכער האט קיינע אידעע געהאט פון דעם וואס דאָ געהט פאָר.

—ווייסט איהר ווער דער מאנן איז, מיט וועלכען איהר ווילט זיך יעצט שלאָגען?— האט זשערמען געפרעגט.

—ניין — האט ארמאנד געזאגט.

—דאס איז קאפיטאַן העקטאָר לעמלין.

—נון?

—דאס איז דער מאן פון דער געוועזענער אלמנה פון גענעראל רוביני, צו וועמע דיעזער שלאָם האט געהערט.

—וואס געהט מיך דאס אָן?

—אָ, דאס געהט איהר שוין זעהן.... הערט נאר ווייטער....

—איך בין געוועזען דעם קאפיטאן׳ס קאמערדינער זייט דיאלעצטע צווי יאהר— האט זשערמען ווייטער גערעדט. —דער קאפיטאן האט זעהר געליעבט זיינע פרוי, און זיינע פרוי האט איהם פערגעטערט. זיי האבען ביידע געלעבט גליקליך, דען זיינע פרוי האט געערבט איין אונגעהייר גרויסע עשירות פון איהר ערשטין מאנן.

—נון, אלזא? — האט ארמאנד געפרעגט אונגעדולדיג.

—מיט א 15 מאנאטע צוריק איז דער קאפיטאן אראפגעפאלען פון זיין פערד און האט זיך געעפענט דיא שטירן. מען האט איהם געבראכט בלוטענד נאך הויז, און מאדאם לעמלין איז שיער אומגעקומען פאר שרעק. זיא האט יענע נאכט צוגעבראכט ביי זיין בעט.

—אלס איך בין אין פריהמארגען אריינגעקומען אין קאפיטאנס צימער, האב איך געפונען מאדאם לעמלין אין א צושטאנד פון שרעק און פון אויפרעגונג. אהנע צווייפעל האט דער קאפיטאן עטוואס גערעדט אין שלאף, וואס האט זיין פרוי אזוי דערשראָ־קען, דען זיין וואונדע איז ניט געוועזען געפעהרליך.

זשערמען איז געבליעבען שטעהן א ווייל, זעהענדיג דאס ארמאנד הערט איהם צו מיט נייגיערדע. אין דערזעלביגער צייט האט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנד־

שוה געהאלטען איהר אויג פעסט אויפען קאפּיטאן, וועלכער האט אין גאנצען גע־ציטערט, קלאפּענדיג א צאָן אָן א צאָן, און ביי וועמען דיא גייסטיגע פּיין וואס ער איז איצטער אויסגעשטאנען פון זשערמענס ערצעהלונג האט איבערטראָפען זיינע קערפּערליכע שמערצען.

—„פון יענעם טאג אן — האט זשערמען פאָרטגעזעצט — איז מאדאם לעמלין, וועלכע איז ביז דאהן געוועזען דיא גליקליכסטע פון דיא פרויען, געוואָרן טרויעריג. דער קאפּיטאן וועלכער איז באלד געזונד געוואָרען האט געזוכט צו דערגעהן דעם גרונד פון איהר טרויעריגקייט, און האט זיך בענומען וויא דערצערט ליבסטער מאנן; זיא האט צוריקגעשטויסען זיינע צערטליכקייטען און האט געשוויגען.

„א פּאר מאנאטע שפּעטער האט דער קאפּיטאן געמאכט א רייזע נאך פּאריז וואו ער איז פערבליעבען 8 טאָג. אין דער צייט האט מאדאם לעמלין איבערגעזוכט יעדע שובלאָדע פון זיין ארבייטס־טיש, וועלכען ער פלעגט אימער האלטען גענוי פער־שלאסען, און וועלכען איך האב אויפגעבראָכען אויף מאדאמ׳ס בעפעהל.

„הערר לעמלין איז נאך יענעם אבענד צוריקגעקומען. מאדאם האט זיך געלייגט פריה צו בעט, דען זיא האט זיך בעקלאגט אויף וועלכע ליידען. אלס דער קאפּיטאן לעמלין איז צו איהר אריינגעקומען האט ער זיך אזש דערשראקען פאר איהר בלאס־קייט און אויפגערעגטהייט.

„איך בין געגאנגען הינטער איהם. זיא האט מיר געצייגט מיט א האנדבעוועגונג אוועקצוגעהן, וועהרענד זיא האט געזאגט צו איהר מאנן:

—מיין הערר, איך האב מיט אייך וואס צו ריידען.

„נאָ, איך בין דאך מעהר נים וויא א קאמערדיענער און א קאמערדיענער איז אימער נייגיעריג. איך האב מיך אריינגעהאפּט אין א טואלעטצימער, פון וואנען איך האב אלעס געקענט הערען און זעהן. אָט וואס דאָרטען איז פאָרגעקומען:

„מאדאם לעמלין האט איהם אנגעקוקט מיט א צערשמעטערנדען בליק און האט געזאגט:

—מיין הערר, איך וויים נים וויא אזוי איהר האט רוהיג געקענט שלאפען איין איינציגע נאכט אין דיעזען שלאָס. דיעזער שלאָס האט געהערט צו מיין ערשטען מאנן, דעם גענעראל, וועמען איהר האט מיט פינף יאהר צוריק געלאזט ערמארדען, אין מארסעל, אום איהר זאלט מיך הייראטהען און ערבען זיין פערמעגען.

„דער קאפּיטאן האט אויפגעשריען,

—אָ, לייקענט נים — האט זיא ווייטער גערעדט, שוין צוויי מאנאטע וויא איהר האט עס אליין מודה געוועזען אין פיבער אבער איך האב נאך דאס אלץ נים געוואלט גלויבען. היינט האב איך דעם בעוויז, הערר...

„און דאס זאגענדיג האט זיא א ווארף געטהאן צו דיא פיס פון דעם טויט בלאסען קאפּיטאן א פּעקיל מיט בריעף.

„ער האט זיך געוואָרפען אויף דיא קניע, האט געוואלט בעטען גנאדע, אבער זיא האט איהם צוריקגעשטויסען מיט ענטזעטצען און האט איהם געזאגט:

—מיין הערר, מארגען טרעט איך איין אין א קלויסטער אום איך נים ווידערצו־

זעהן. איהר פערשטעהט דאך אז איך קען ניט לעבען מיט א מערדער. אבער דורך אונזער היראטסקאנטראקט האב איך אייך אוועקגעגעבען מיין גאנצעס פערמעגען, איהר טאָרט עס ניט געניעסען. דיעזעס פערמעגען מוז געהן פיר ארעמע......

„דער קאפיטאן האט זיא צוגעהערט וויא א סטאטוע וועהרענד זיא האט פארטגעזעצט:

—קלייבט אויס מיין הערר וויא איהר ווילט; ענטוועדער איהר ענטזאגט זיך גלייך שריפטליך פון דיא בענעפיציען פון אונזער הייראטס־קאנטראקט, און איהר פארלאזט מארגען דיעזעס הויז פיר אימער, אדער איהר וועט, זעהן וויא איך וועל שרייבען צום קעניגליכען פראקוראָר און איהם מיטהיילען אייער מאָרדטהאט.

„ציטערנדיג האט דער קאפיטאן גענומען דיא פעדער וועלכע זיא האט איהם אנגעוויזען און האט אונטערגעשריעבען דאס פאפיער וועלכעס זיא האט געהאלטען אנגעגרייט, און ער האט באלד דארויף פערלאזען דעם שלאס גאנץ פערניכטעט, אבער שפעט אין דער נאכט איז ער צוריקגעקומען"......................................

....

זשערמען האט זיך נאך אמאהל אפגעשטעלט. דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט נאך אימער געהאלטען איהר אויג אויפען קאפיטאן, וועלכער האט געהערט יעדעס ווארט פון זשערמענס ערצעהלונג און האט געליטען דיא שרעקליכסטע העלעפיין. דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט איהם פון צייט צו צייט געפרעגט: „איז דאס וואר?" און לעמלין האט אין זיינע וואוטה געביסען דיא קישע אויף וועלכער זיין קאפ האט גערוהט.

זשערמען האט וייטער דערצעהלט:

—„אם נעכסטען פריהמארגען האבען דיא דיענער פון שלאָס געהערט וויא דער קאפיטאן וויינט מיט הייסע טרעהרען און יאמערט אויפען קול, זאגענדיג דאס זיין פרוי איז פלוצלונג געשטארבען. אין אמת'ן אבער איז זיא געוועזען דערשטיקט. דיא אונגליקליכע האט זיך געוועהרט גאנצע צווי שטונדען, האט געקעמפפט מיט פערצווייפלונג, בייסענדיג די הענד וועלכע האבען זיא געשטיקט, דרייהענדיג זיך ווי א שלאנגע אונטער דיא פעסטע הענד וועלכע האבען געהאלטען איהר האלדז, אבער זיא איז ענדליך אונטערלעגען, ווען דער קאפיטאן האט צערשטערט דאס פאפיער וועלכער ער האט מיט איינינע שטונדען פריהער געהאט אונטערשריעבען. — יעצט זעהט איהר שוין — האט זשערמען געענדיגט זיין ערצעלונג — ווער דער מאנן איז מיט וועמען איהר ווילט זיך שלאָגען?"

—ענטזעטצליך! — האט ארמאנד געשטאמעלט.

....

אלס זשערמען האט געענדיגט דיא ערצעתלונג פון דיעזער פינסטערע דראמע, האט זיך דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה אריבערגעבויגען איבער דעם גוסס'ען קאפיטאן, וועלכער האט געציטערט פאר שאנדע אינמיטען זיינע אונבעשרייבליכע יסורים.

—איצטער, קאפיטאן העקטאָר לעמלין, — האט זיא געזאגט — איצטער איז פיר

מיך געקומען דיא צייט דיר צו זאגען וועלכע האנד עס איז זיך נוקם אן דיר און האט דיך יעצט געבראכט פארן שטוהל פון דער געטליכער גערעכטיגקייט? בליק מיך אן גוט!

ער האט זיא אויך ווירקליך אנגעקוקט, און זיין געזיכט וועלכעס האט שוין גע־טראגען דעם זיעגעל פון טויט, האט זיך יעצט נאך מעהרער פערצעררט פאר שרעק און ענטזעצען.

—קאפיטאן לעמלין — האט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה ווייטער גע־רעדט — איך האב דאס שוין אלעס געוואוסט זייט א גאנצע צייט; אלעס וואס דא האט פאסירט, דיינע שר קען, דיינע פיינען, דיינע פערצווייפלונגען, דיינע האפע־נונגען, דיין וואהנזינן, אלעס, ביז צו דער ערצעהלונג פון דיין מיטפערשווארענעס, ביז צו דיעזען שווערט וואס שטעקט אין דיינער ברוסט און פון וועלכען דוא וועסט שטערבען — אלעס איז מיינע ארבייט....

און וועהרענד דאס מיט בלוט־פערלאפענע אויג פון קאפיטאן לעמלין האט בע־טראכטעט דאס געזיכט פון דיעזער דאמע, און דער שטערבענדער האט וויא עס האט אויסגעוויעזען, זיך אליין געפרעגט, ווער קען זיין דיעזע פרוי וועלכע האט איהם אזוי אונערביטערליך פערניכטעט, האט דיעזע אויפגעהויבען איהרע רעכטע האנד, און האט געזאגט:

—איך האב דיר געסטערן געזאגט, דאס איך, האב אויף דיעזער האנד אייניגע טראפען בלוט פון דעם איינציגען וועזען וואס איך האב אויף דער וועלט געליעבט, און דוא ביסט איינער פון יענע וואס האבען דיעזעס בלוט פארגאסען.... איך בין נים דיא טאכטער פון גענעראל רוביני.... אזא טאכטער האט קיינמאהל נים עקזיסטירט, איך בין......

זיא האט ביי דעם ווארט צו געלייגט איהרע ליפען צום אויער פון שטערבענ־דען און האט איהם איינגערוימט איהר נאמען.

דער שטערבענדער האט אויפגעציטערט אם גאנצען קערפער און האט זיא אנגע־קוקט מיט ענטזעטצען......

דיא געהיימניספאלע רעכערין (גואלת הדם) האט דאן ערגריפען דאס שווערט ביים גריף און האט עס ארויסגעצויגען פון דער וואונדע. עס האט זיך געלאזט הערן איין אונגעוועהנליכער אויפשריי, און לעמלין איז געוועזען טויט.

....

אויף דיעזען ערשיטערנדען אויסגעשריי פון דעם שטערבענדען זיינע צוויי מענער איינגעטראטען אין צימער, און זיינען געבליעבען ביינסטער און בעטראפען שטעהן פון דעם שוידערליכען אנבליק. דאס זיינען געוועזען ארמאנד און מאיאר ארקאוו. זיי האבען געפונען דיעזע זאנדערבארע דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה שטעהענדיג בלאס און פייערליך, אין איין האנד דאס בלוטיגע שווערט, און דיא אנדערע אויף דער ברוסט פון דער לייכע.

דער פערליעבטער יונגער מאנן האט זיא אין דעם אויגענבליק געפונען אזוי שרעק־ליך, דאס ער האט בעקומען פורכט און האט זיך צוריקגעצויגען. זיא האט איהם בע־

מערקט, און האט געמאכט א טריט צו איהם.

—מיין הערר, — האט זיא געזאגט — איך האב אייך שוין געזאגט, דאס מיין לעבען איז פול מיט פינסטערע געהיימניסע. זוכט ניט דיעזע געהיימניסע דורכצופאָרשען און מיר נאכצושפירען.

און אלס ער האט אנגעפאנגען עטוואס צו ענטפערען דאגעגען און האט פיליכט בדעה געהאט צו פאלען אויף דיא קניע פאר דיעזע געהיימניספאָלע שרעקליכע ערשייי־נונג, האט זיך א טיר פלוצלונג געעפענט, און א נייע פערזאָן איז ערשיענען......

דיעזע פערזאן איז געוועזען א פרוי, יונג און שעהן, וועלכע האט ערשט געענדיגט א רייזע פון הונדערט ענגלישע מייל׳ען אין א פאָסט וואגען, און איז מיט איינעגע מי־נוטען צוריק געבליעבען שטעהן פארן שלאָס רוביני. זיא איז אריינגעשטירמט אין צי־מער וואו א שרעקליכע טראגעדיע האט זיך איצטער געענדיגט, און האט זיך געשטעלט צווישען ארמאנד און דער דאַמע מיט דעם שווארצען האנדשוה, פונקט וויא זיא וואלט איהם וועלען פערטהיידיגען מיט איהר קערפער. אבער דיא דאַמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט געמאכט א טריט צוריק, און דיעזע צווייא דאמען וועלכע האבען זיך אין לעבען קיינמאהל ניט געזעהן, האבען זיך איצט געמאָסטען מיט א לאַנגען בליק, פונקט ויא פיינדע אויפען שלאכטפעלד.

—ווער זייט איהר, מאדאם? — האט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה געפרעגט מיט שטאָלץ.

—מאדאם מען רופט מיך פולמען.

—אה, איך קען אייך.... מען האט מיך פון אייך דערציילט.

און דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט גענומען פולמען ביי דער האנד. האט זיא צוגעשלעפט צום בעט אויף וועלכען עס האט גערוהט דער קערפער פון קאפיטאן לעמלין, און האט איהר געזאגט גאנץ שטיל:

—אויב איהר האט ליעב דיעזען יונגען מאנן, אויב איהר האט איהם ווירקליך ליעב, פיהרט איהם אוועק, מאדאם, פיהרט איהם אוועק ווייט פון מיר, דאך איך זאל איהם קיינמאהל ניט טרעפען אויף מיין וועג! פרובירט ניט גאט!... און בעזאנדערס זוכט ניט צו דערגעהן ווער איך בין.... איך האב מעהר קיין נאמען.... איך האב קיין פאטערלאנד.... איך האב קיינע ליעבע.... איך האב נור איין געדאנקען פון טויט!.... מיינע אויפגאבע איז נאך ניט געענדיגט.... קרייצט ניט מיין וועג.... איהר וועט זיין צובראכען...

—פילייכט! — האט פולמען געזאגט שטאָלץ, און נעהמענדיג ארמאנד ביים ארעם האט זיא איהם געצוואונגען איהר צו פאָלגען. און, שוין שטעהענדיג אויפען שוועל פון צימער האט זיא זיך נאך אַמאהל אומגעדרעהט, און איהר בליק האט זיך נאך אמאהל בעגעגענט מיט דעם בליק פון דער דאמע מיט דעם שווארצען האַנדשוה.

דאס איז געוועזען א קריעגס־ערקלערונג.

פיערטעס קאפיטעל.

דיא האנד פון צופאלל.

פולמען איז געזעסען איין אבענד אין איהר פראכטפאָללער וואוינונג, אויף

בולווארד מארבעף, און האט פון איהר באלקאן אראפגעקוקט אין גארטען. עס איז אנ־
געקומען א שיינע פריהלינג־נאכט, אויסגעשטערענט און רוהיג, און זיסע ריחות האבען
זיך געטראגען פון דיא פלאנצען ארום. אין גאנצען הויז און אין גארטען איז געוועזען
שטיל, קוים וואס עס האט זיך געהערט פון וויטען דער גערויש פון דיא וועגען וועלכע
זיינען נאך געפלויגען הין און צוריק איבער דעם בריטען וועג פון די שאנז־עליזע.

דיעזע איינזאמע שטילקייט איז פולמען זעהר געפעלען געווארן. זיא איז געוועזען בלאס
און טרויעריג און דיא יעניגע וואס האבען זיא פריהער געקענט אלס דיא בריליאנטע
און שיינע קעניגין פון דיא טענצערינען, וואלטען זיא איצטער שווערליך דערקענט. זייט
דריי מאנאטע האט זיא געלעבט איינזאם, האט קיינעם ניט עמפפאנגען און איז אליין
אויך אין ערגיץ ניט געגאנגען. זיא וועלכע האט אין איהר שטאלץ אימער געלאכט פון
דער ליעבע, האט איצטער געפיהלט דיא זיסע פיין דער ליעבע.

צייט פולמען האט געליעבט ארמאנד, האט זיך גאנץ פאריז געפרעגט, וואס איז
מיט פולמען געווארען. אין פערלויף פון א מאנאט איז קיינער פון איהרע בעקאנטע
פון איהר ניט עמפפאנגען געווארן.

—מאדאם איז ניטא צו הויז—פלעגט ענטפערן דיא אלטע הויזמייסטערין
יעדען איינציגען.

—אבער וואו איז זיא?

—אין איטאליען.

—זייט ווען?

—זייט א מאנאט.

דאס איז נאטירליך געוועזען פאלש. פולמען האט ניט געהאט פארלאזען פאריז
זייט זיא איז צוריקגעהרט אוים נארמאנדיע. זיא איז פון דארטען צוריקגעקומען מיט א
מאנאט צוריק שפעט ביי נאכט, אין דער בעגלייטונג פון צוויי מענער, איין אלטער און
איין יונגער. דאס זיינען געוועזען קאלאנעל לעאן און זיין זאהן ארמאנד.

ארמאנד איז ניט געוועזען צו דערקענען. ער איז געוועזען אבגעמאטערט, בלאס,
און מעלאנכאליש, דער אלטער פאטער האט אויסגעזעהן מיט נאך צעהן יאהר עלטער
צייט ער האט געהאט דעם דועל מיט העקטאר לעמלין.

אין דער צייט ווען דער פאסטוואגען מיט דיעזע דריי פאסאזשירען איז אנגע־
קומען צו פולמע׳ס וואוינונג אויף דעם בולווארד מארבעף, איז שוין אין יענער געגענד
געוועזען גאנץ שטיל. קיינער האט ניט געזעהן וויא זיא איז אריינגעקומען צו זיך מיט
מיט יענע צוויי פערזאנען, און פון יענער צייט האט זיא קיינער ניט געזעהן ארויסגע־
הענדיג. פיר פאריז אלזא איז פולמען געוועזען פערשוואונדען און מען האט פון איהר
אויפגעהערט צו ריידען. אבער דאך, אום צעהן אדער עלף אוהר יעדען אבענד האבען
פערשפעטיגטע פארבייגעהער געקענט זעהן א קליינעם עקיפאזש וועלכער בלייבט
שטעהן פאר דעם הויז, און פיהרט אוועק פון דאנען א דאמע נאך דער רוע־דע־לא
פאמפ, צום טיר פון אלטען קאלאנעל לעאן. דאס איז געוועזען פולמען. זיא פלעגט
אריין אהין אין הויז, פלעגט דארט צו ברייגגען אונגעפעהר א שטונדע, און פלעגט
דאנן געהן צוריק, אימער מיט איהר טאשענטוך פאר דיא אויגען, איבערוועלטיגט פון

שמערץ.

—וואס, אלזא, איז פארגעפאללען אין יענעם הויז ?

און יענעם אבענד, אלס דיא יונגע דאמע איז געזעסען ביי זיך אויפען באלקאן שטיל און טרויעריג און האט איינגעאטהעמט די פרישע לופט פון גארטען, האט עטוואס פאסירט אויף דער שטראסע נעבען איהר הויז, וואס האט זיא אין גאנצען ארויסגעריסען פון איהרע חלומות, און האט זיא אריינגעווארפען אינמיטען דער וועלט, פון וועלכער זיא האט אוינעשיינליך געוואלט אנטלויפען.

א קליינע עקיפאזש אין וועלכער עס איז געזעסען א יונגע דאמע, האט זיך פלוצלונג פארטשעפעט אן א שווערען וואגען, וועלכען דיא פערד־העדלען בעניטצען געוועהנליך אום צו דרעסירען א פערד, און איז אומגעפאלען אן א זייט מיט א צובראכענער אקס. דאס פערד פון עקיפאזש האט זיך צוטראגען, און דיא דאמע האט אין טויטשרעק בעגאנגען דיא דומהייט צו עפענען דאס טירל און צו וועלען שפרינגען. איינע מינוטען שפעטער האט מען זיא אויפגעהויבען פון טראטואר, אנטקעגען פולמען׳ס הויז אין א בעוואוסטלאזען צושטאנד.

פולמען׳ס אלטער דיענער וועלכער איז געשטאנען פאר דעם הויז, האט מיט דער הילפע פון דער אלטער הויזמייסטערין אויפגעהויבען דיא יונגע דאמע, וועהרענד איהר וואגען מיט איהר קוטשער זיינען פון דעם ווילדען פערד אוועקגעטראגען געווארן ווייט.

דער דיענער מיט דער הויזמייסטערין האבען דיא פעראונגליקטע אריינגעטראגע אין הויז אונטען. פולמען האט דערהערט דעם ליארעם און איז באלד ארונטערגעקומען. דער אנבליק פון דער פעאונגליקטער דאמע און איינינע ווערטער פון איהר דיענער האבען איהר ערקלערט אום וואס דא האנדעלט זיך. דיא יונגע טענצערין האט אין דעם אויגענבליק פערגעסען דאס פיר גאנץ פאריז איז זיא ניט מעהר אין פאריז:

—שנעל, א דאקטאר! .. האט זיא גערופען — רופט דעם דאקטאר ארנאלד, וואס וואוינט דא דערביי!

און מיט דער געשיקליכקייט פון איהרער גלייכען האט זיא ענטקליידעט דיא יונגע דאמע, האט איבערגעשניטען דיא שנירלאך פון איהרע קארסעט, און האט זיא געלאזט אריינברינגען אין איהר אייגענעם שלאפצימער, וואו זיא האט זיא געלייגט אויפען בעט. דא האט זיא געמאכט יעדען פערזוך דיא אונגליקליכע צו ברייגנען צו זיך, האט איהר גערייבען דיא שלייפען מיט עססיג, האט זיא גערופען, געמינטערט, אבער אלעס אומזיסט, דיא יונגע דאמע האט ניט געעפענט איהרע אויגען.

ענדליך איז געקומען דער דאקטאר און איז געוועזען גאנץ ערשטוינט צו געפינען פולמען. פולמען אבער האט צוגילייגט איהר פינגער צו איהרע ליפפען און האט געזאגט:

—פערגעסט ניט אז איהר האט מיך ניט געזעהן, דאקטאר.

דער ארצט האט אונטערזוכט דיא יונגע דאמע און האט זיא געבראכט צו בעזינונג. זיא האט זיך דערשראקען ארומקוקט און האט ניט געקענט ריידען, אבער דער דאקטאר האט איהר מיט א בעוועגונג געוויזען קיינע אנשטרענגונג צו מאכען צו ריידען, אין דער זעלביגער צייט האט איהר פולמען געזאגט:

—בערוהיגט זיך מאדאם, איהר זייט צווישען פריינדע.

דער דאָקטאָר האט קיינע ערנסטע פערלעטצונגען געפונען, אויסער דאס איהר שטירן איז געוועזען פערוואונדעט פון פאלל אויפען טראָטואר, און דער דאָקטאר האט דעננאך געפונען איהרע לאגע ערנסט, אזוי וויא נאך דער פאל קען נאך איינטרעטען א שווערער פיבער. פון אוועקפיהרען דיא קראנקע צו איהר אהיים האט גאר קיין רעדע געקענט זיין.

דיא יונגע דאמע, וועלכע האט געהאט בלאָנדע האָר, האט אויסגעזעהן צו זיין אכט א יאהר 27 אדער 28, און איז געוועזען זעהר שעהן, האט זיך ארומגעקוקט זעהר ערשטוינט, און האט, וויא עס האט אויס געוויעזען, זיך געפרעגט, וויא אזוי זיא קומט אין דיעזען אונבעקאנטען פלאטץ.

טראָץ איהר הערצענסלייד און דער בלאססקייט פון איהר געזיכט איז פולמען דאך נאך געוועזען פון איין ערהאבענער שעהנהייט, און דער ענערגישער און פערניגפטי־גער אויסדרוק פון איהר געזיכט האט אפילו דאמען געקענט ברייגגען זיך אין איהר צו פערליעבען. זיא איז צוגעגאנגען צום בעט פון דער קראנקער און האט געזאגט:

—ווילט איהר מיר ערלויבען מאדאם צו עפענען דאס טאשענביכל וואס איז ארויסגעפאלען פון אייערע קליידער וועהרענד איך האב אייך אויסגעקליידעט. פיללייכט געפין איך דארין א קארטע אויס וועלכער איך וועל ערפאהרען ווער איהר זייט און וואו איהר וואוינט און וועל אייך קענען פארשפאָרען דיא אנשטרענגונג פון ריידען.

דיא יונגע פרוי האט פערזוכט עטוואס צו זאגען, אבער פולמען האט אנגע־צייגט מיט א בעוועגונג פון האנד און מיט א שמייכעל צו שווייגען, און האט געעפינט דאס טאשענביכעל. דיעזעס האט ווירקליך ענטהאלטען מעהרערע וויזיטענקארטען וועל־כע האבען געטראגען דעם נאָמען:

La Comtesse d'Asti

15, Rue de la Madeleine.

(גרעפין פאָן אסטי, 15 מאדליין שטראססע).

פולמען האט אָנגעקלונגען און א דיענער איז ערשיענען.

—געהט נאך דיעזער קאָרטע — האט זיא איהם געזאגט און האט זיך דערביי אומ־געקעהרט מיטן געזיכט צו דער קראנקער — און זאגט דעם העררן גראף פאן אסטי....

אבער פולמען איז אונטערבראכען געווארען פון דער יונגער דאמע וועלכע האט געמאכט א גוואלטיגע אנשטרענגונג אום ארויסצוריידען:

—מיין מאנן איז ניט אין פאריז .... איך בין דאָ אליין מיט מיין קוטשער און א פאָר דיענער און מיין קאמער פרוי. עס איז נאך ניט נייטיג צו שיקען....

פולמען האט צוגעשטימט מיט א קאָפּ־בעוועגונג און האט זיך ווידער געזעצט ביין בעט פון דער קראנקער. דער דאקטאָר האט פארשריבען עטוואס בערוהיגענדעס פיר דיא קראָנקע, און האט זיך צוריקגעצויגען. פולמען האט איהם בעגלייטעט ביז צום ארויסגאנג.

—וויא, איהר זייט אין פאריז, מאדאם? — האט ער געפרעגט.

—פיר קיינעם, און אפילו נים פאר איך מיין ארעמער דאקטאָר — האט זיא געזאגט מיט איהר טרויעריגען שמייכעל.

—אָהאָ! — האט דער דאָקטאָר געמאכט און האט זיא פּאָרשענד אָנגעקוקט, פּונקט וויא ער וואלט זיך וועלען איבערצייגען אויב איהר פעהלט נים וואס.

פולמען האט אראָפּגעלאָזען דיא אויגען און איז רויט געוואָרן.

—מיינע קליינע, — האט דער דאקטאָר געלאכט — איהר זאלט איהם ווענינגסטענס נים האבען בעהאלטען דאָ....

—וויא? פון וועמען רעדט איהר דען? — האט פולמען געפרעגט.

—פון א י ה ם.

זיא האט געמאכט א פערזוך צו שמייכלען.

—איך פערשטעה נים — האט זיא געזאגט.

—באה! דאס וואלט געווען ווירקליך שאדע, ווען א מיידיל וויא איהר, וואס האט גייסט און טאלענט, זאל זיך פלוצלינג אבשליעסען פון דער וועלט — דערפאר וואס זיא האט זיך פערליעבט... און זיך איינשליעסען מיט איהם....

—דאָקטאָר — האט פולמען געזאגט ערנסט — יענער וועמען איהר רופט מיין געליעבטער איז דאָ נימאָ. איך בין אליין און וויל קיינעם נים זעהן.

דיא ווערטער פון דער טענצערין זיינען געזאגט געוואָרן אין אזא טאָן, דאס דער דאקטאר האט מעהר קיין ווארט גערעדט, האט שטיל געדריקט איהר האנד און איז אוועקגעגאנגען. ער האט פערשטאנען דאס פולמען וויל ער זאל היטען איהר סעקרעט.

פולמען האט צוריקגעקעהרט צום בעט פון דער קראנקער. דיעזע לעצטערע איז געלעגען אין פיבער און האט נים מעהר גערעדט, זיא האט דעננאך געשיקט אנזאגען דיא דיענערשאפט פון דער גרעפען אסטי. זיי זאלען נים ווארטען אויף זייער הערין, און האט זיך דאנן אנידערגעזעצט ביין בעט פון דער קראנקער מיט דעם ענטשלוס צוצוברייננגען דאָ דיא נאכט.

דער צופאל אבער האט איהר ענטשלוס געענדערט. אלס עס האט געשלאגען ניין אוהר, האט פולמען געהערט דאס אַ וואגען איז געבליבען שטעהן פאר דעם הויז. איין אויגענבליק האט זיא געגלויבט אז דאס איז געווים איינער פון יענע בעזוכער וואס דיא הויזמייסטערין שיקט געוועהנליך אוועק מיט דעם ענטפער דאס „מאדאם איז אין איטאליען". אבער פולמען האט א טעות געהאט, דען איהר קאמערדינער איז באלד אריינגעקומען און האט איהר געמעלדעט:

—דאס איז דער קאָלאָנעל, מאדאָם.

—דער קאָלאָנעל! — האט פולמען אויסגערופען נים אהן א ביסעל שרעק — ער קומט קיינמאל נים אהער.

זיא האט געקלעהרט דאס עטוואס האט פּאסירט מיט ארמאנד, און אין איהרער אנגסט איז זיא געלאפען דעם קאָלאָנעל אנטקעגען, דיעזער אבער איז איינגעטרעטען רוהיג, און זאָגאר שמייכלענדיג.

—ארמאנד איז היינט ביי איך, מיין קינד, נים וואהר? האט ער געזאגט.

—ביי מיר?...

און דער קאָלאָנעל האט שלוי צוגעפינטעלט מיט איין אויג.

—ער האט מיך געבעטען איך זאל קומען אייך זעהן, אבער איך בין איהם פאר־בייגעפאהרען און איך האב איהם ניט געפונען ביי זיך. ער איז מיר אלזא צופאַר־געקומען.

—ער איז ניט ביי זיך? — האט פולמען געפרעגט אין העכסטען ערשטוינען.

—נון, יא — האט דער קאָלאָנעל געזאגט אין איין ערנסטערען טאָן — זייט דיעזען פריהמאָרגען איז ער געווארן איין אנדער מענש... ער האט געוואלט צוריקקעהרען... ער האט אייך ליעב.

דיעזע איינינע ווערטער האבען אויף פולמען געמאכט אזא ווירקונג, דאס זיא האט זיך געמוזט אנלעהנען אָן וואנד, אום ניט אומצופאלען.

—אה, איהר טערטעט מיך! — האט זיא געשטאמעלט.

—איך ברייננ אייך גליק — האט געזאָגט דער קאָלאָנעל וועלכער האט געוואוסט וויא פולמען ליעבט זיין זאהן — קומט, קומט!... ער איז שוין יעצט געוויס צוריקגע־קומען נאך הויז.... ער האט וואהרשיינליך גענומען זיין מיטאג אין א רעסטאָראן....

דאס טהייער קינד! נעהאט אייער שאהל און הוט!.... קומט שנעל......

....

פולמען האט נאך ניט גאנץ פערשטאנען דיא ווערטער אהן א צוזאמענהאנג פון דעם ארעמען פאטער; אבער זיא איז שנעל אריינגעלאָפען אין צימער וואו עס איז געלעגען דיא קראנקע גרעפין פאן אסטי, און אלס זיא האט געפונען דאס זיא שלאָפט, האט זיא גנחאפט א שאהל אויף איהרע שולטערן און איז געגאנגען מיט דעם קאָלאָנעל.

—צו ארמאנד! — האט דיעזער צוגערופען דעם קוטשער.

פינפטעס קאפיטעל.

פולמען'ס ענטטוישונג.

אלס דער וואגען פון אלטען קאָלאָנעל האט אוועקגעראָלט פון פולמען'ס הויז, האט דער אלטער מאנן גענומען אין זיינע הענד דיאביידע הענד פון פולמען, און האט זיי צערטליך געדריקט.

—אָ, איהר האט איהם ליעב, ניט וואהר? איהר ליעבט מיין קינד?

—אויב איך ליעב איהם?! קענט איהר עס גאר פרעגען?

—איהר וועט איהם אויסהיילען פון זיין פאטאלער ליידענשאפט, ניט וואהר?

—אח — האט פולמען געזיפצט — ווער ווייס אויב איך וועל דאס קענען.

אונטערהאלטענדיג זיך איבער דיעזען געגענשטאנד זיינען זיי אנגעקומען צו דער שיינער קליינער וואוינונג פון ארמאנד. אלע פענסטער פון ערשטען עטאזש זיינען געוועזען פינסטער.

—ארמאנד איז אלזאָ נאך ניט צוריקגעקומען — האט דער קאָלאָנעל געזאגט.

דער קוטשער האט אָנגעקלונגען און דער אלטער זשאן, ארמאנדס דיענער, איז ארויסגעלאָפען.

—וויא ? דאס זייט איהר, מיין קאָלאָנעל ? — הא ער אויסגערופען ערשטוינט.

—דאס בין איך.

—וואו איז הערר ארמאנד ? האט איהר איהם געזעהן ?

—ער האט צוריקגעשיקט זיין רייט־פערד.

—דורך וועמען ?

—איך וויים ניט, איך בין געוועזען אויסגעגאנגען אלס מען האט איהם געבראכט. דער שטאלקנעכט האט איהם עמפפאנגען.

דער קאָלאָנעל איז אויסגעשטיגען פון וואגען און איז שנעל געגאנגען צום שטאל. ער האט אונטערזוכט דאס פערד, וועלכעס איז געלעגען אויפען שטרוי טויט־מיעד. און בעדעקט וויא מיט א שוים.

—דאס איז זאנדערבאר — האט דער אלטער געזאגט — וואו קען דאס איצטער זיין ארמאנד ?

פולמען, וועלכע איז געגאנגען הינטער איהם, האט ביי זיך אויך געזוכט איינע אנטווארט אויף דיעזע פראגע. ארמאנד האט פיר דיא לעצטע צוויי מאָאטע געוואוינט ביי זיין פאטער. אלס ער איז צוריקגעקעהרט אויס נאָרמאנדיא איז ער אריינגעפאלען אין א פיבער, וועלכער האט איהם געהאלטען א פאר וואכען צו בעט. לאנגזאם איז ער געקומען צו זיך און ענדליך היינט, אלס ער האט צוריקגעקעהרט צו זיין איינענער וואוינונג, און דער גליקליכער פאטער איז געלאפען אנזאגען פולמען דאס זייז זאהן ליעבט זיא, דאס ער ערווארטעט זיא ביי זיך. און פולמען איז מיט איהם געגאנגען, איז ארמאנד פלוצלונג פערשוואונדען געווארן ! דיא יונגע דאמע און דער אלטער פאטער, וועלכע זיינען אריינגעפאלען פון זייער גרויסע פריידע אין א שרעקליכע אנגסט, האבען געווארט ציילענדיג דיא מינוטען. ארמאנד איז ניט צוריקגעקומען.

ענדליך אבער איז געקומען דער שטאלקנעכט. ער איז געוועזען געגאנגען נאך פאסטי צום קאָלאָנעל און איז יעצט געקומען צוריק.

—ווער האט געבראכט אהער ארמאנדס פערד ? — האט איהם קאָלאָנעל לעאָן געפרעגט.

—א פאסטקוטשער מיט א ליידיגען געשפאן — האט דער שטאל־דיענער געענטפערט.

—פון וואנען איז ער געקומען ?

—פון ווילעמאמבל, אויף שטראסבורגער וועג. דארט האט איהם ארמאנד איבערגעגעבען דאס פערד.

פולמען און דער אלטער האבען זיך אנגעקוקט מיט ערשטוינען. וואוהין האט עס ארמאנד געקענט געהן ?

אין דערזעלבינער צייט האט דער דיענער ארויסגענומען א בריעף פון זיין טאשע און האט עס איבערגעגעבען פולמען. דיעזער בריעף איז אנגעקומען צוזאמען מיט דעם פערד. זיא האט געעפענט דעם בריעף, האט געלעזען איניגע ציילען, און דער קאלא־

נעל האט בעמערקט וויא זיא איז געווארן בלאַס, און האט אנגעפאנגען צו ציטערן, און האט זיך געחאפט מיט דער האנד צום הערצען.

—אה, זיא !... האט זיא געזאגט מיט א פארשטיקטער שטימע — זיא, איממער זיא !......

דער בריעף איז איהר ארויסגעפאלען פון האנד, און וועהרענד דער אלטער האט איהם שנעל אויפגעהויבען מיט אנגסט, האט פולמען בעהאלטען איהר געזיכט איןביידע הענד און האט געוויינט מיט ביטערע טרעהרען.

דער קאָלאָנעל האט געלעזען פאלגענדער :

„מיינע טהייערע פולמען,

„איך בין אהן צווייפעל אונדאנקבאר און וואהנזיניג אין אייערע אויגען. פער־„צייהט מיר, דאס מענשליכע הערץ האט אונדורכדרינגליכע געהיימניסע.

„איהר האט עס פערזוכט מיך צו היילען פון א שרעקליכער ליעבע, מיך צו ענט־„רייסען פון א פאטאלער ליידענשאפט, און איך אנטלויף פון אייך.

„איהר געדיינקט דאך נאך געוויס דאס וואס האט פאסירט אין שלאס רוביני, א „יענער שוידערהאפטער סצענע וועלבע איך האב ביינעוואוינט, און אין וועלכער איך „האב געשפיעלט ניט ווילענדיג א ראללע ?

„געדיינקט איהר נאך יענעם אויגענבליק, ווען איהר האט מיך מיטגעצויגען מיט זיך, האלב טויט, און וויא פערגליווערט, קוים געדיינקענדיג, גאך וואס עס איז פארגעגאנגען ארום מיר, אין יענעם אויגענבליק ווען קאפיטאן לטמלין האט אויסגע־הויבט זיין לעצטען אטהעמצוג ? איהר דארפט זיך דאס עראינערן בעסער אלס איך. וויל מיר קומט איצטער דיא גאנצע זאכע פאר וויא א בייזער טרוים.

אנאנדערער אויף מיין פלאטץ וואלט צוריקקומענדיג נאך פאריז, זיך געווארפען צו אייערע פים, מיט דעם בעוואוסטזיין, דאס יענע דאמע האט איהם ניט געליעבט און האט איהם נאר געברויכט אלס וואפען דורכצופיהרען איהרע שרעקליכע ראכען און וואלט אייך געזאגט, דאס איהר האט איין עדעלעס הערץ און דאס וואו איהר זייט איז זיין גליק.

„איך אבער, טהייערע פולמען, ווען איך וואלט אזוי געהן וועלען ליעבען, איך בין וואהנזיניג, אונדארקבאר, דום. וואס ווילט איהר ? איך לייד פון איין אונהיילבארע קראנקהייט, פון א שרעקליכער ליעבע. און דערפאר פעררייזע איך. וואוהין ? גאט וויים עס ! זיא געהט נאך דייטשלאנד, איך געה מיט איהר.

„מיינע גוטע פולמען, איך בעט אייך, טרייסט מיין פאטער און מאכט איהם פערשטעהן דאס מיט דעם הערצען העלפען קיינע ויכוחים.

„אדיע ! דיא פערד ווערען יעצט צוגעשפאנט צו אונזער פאסטוואגען !.... איך האב נור נאך איין מינוט ! אדיע !....

„ווילמאמבל, 2 אוהר נאכמיטאג. „ארמאנד".

דער קאָלאָנעל האט דורכגעלעזען דעם בריעף און איז געבליעבען וויא פערניכטעט.

....

וואס אלזא האט פאסירט מיט דעם זאהן פון קאָלאָנעל פון דיעזען פריהמאָר־גען, און וויא אזוי האט ער צוריקגעפונען דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה?

אום דיעזעס צו ערפאהרען מוז דער לעזער מאכען איין טריט צוריק.

צייט ארמאנד האט צוריקגעקעהרט אוים נאָרמאנדיע, וואו ער האט בייגעוואוינט יענע זאָנדערבארע און שרעקליכע סצענען אין וועלכע ער איז געוועזען אבוועכסלענד שפיעלער און צושויער, איז ער אימער געוועזען אין דער טיעפסטער פערצווייפלונג, אין א צושטאנד פון א מרה שחורה, גלייכגילטיג צו דער גאנצער וועלט. ער האט דיא גאנצע צייט ניט פארלאזען דאס הויז פון זיין פאטער.

יעדען אבענד פלעגט איהם פולמען קומען זעהן. ער פלעגט זיא אויפנעהמען מיט דער אויפריכטיגער פריינדשאפט פון א ברודער. עס האט עטליכע מאהל געטראָפען דאס ער פלעגט איהר זאגען: „פארלאזט מיך, איך בעט אייך.... ווען איך זעה אייך ערוואכט איך מיך....“ און פולמען פלעגט אוועקגעהן מיט דער פאָלגזאמקייטן פון א הונד וואס מען יאגט ארויס, אום דעם נעכסטען אבענד ווידער צו קומען נעבען איהר טהייערען קראנקען.

איין פריהמאָרגען, אלס ארמאנד האט זיך אויפגעחאפט דורך א ווארעמען זאָנען־שטראהל וועלכער איז איינגעדרונגען צו איהם אין צימער, האט ער זיך אויפגעהויבען און האט ארויסגעשטעקט זיין קאָפ דורכען פענסטער אין גארטען. דער אלטער קאָ־לאנעל איז שוין דאנן געוועזען אין גארטען און האט זיך בעשעפטיגט מיט׳ן בעשפריטצע דיא בלומען בעעטען, א בעשעפטיגונג וועלכע ער פלעגט אפט טהאן אום זיך צו צערשטרייען.

—מיין פאטער! — האט ארמאנד גערופען.

דער אלטער קאָלאָנעל האט אויפגעהויבען דעם קאָפ און האט אזש אויפגעשריען פאר פריידע.

—פאטער — האט דער יונגער מאנן ווידערהאָלט — וואו איז קאַטערינע?

—קאַטערינע! — האט דער קאָלאָנעל גערופען.

איינע דיענסט איז געקומען לויפענדיג אויף דען רוף פון איהר אלטען הערךען.

—ווילט איהר אזוי גוט זיין אריבערגעהן צו מיר? — האט ארמאנד געפרעגט.

—געוויס, העדר ארמאנד, זאָגלייך!

—איהר וועט זאגען זשאן ער זאל מיר זאָטלען מיין רייט־פערד.

דער אלטער קאָלאָנעל האט שיער געטאנצט פאר פריידע:

—ענדליך ווילסטו אויספאהרען, מיין קינד! — האט ער געזאגט.

—יא, פאטער, איך פיהל מיך היינט בעסער — האט ארמאנד געזאגט מונטער.

—איז דאס וואהר?

—זעהר וואהר, מיין פאטער; איך גלויב איך בין געוועזען וואהנזיניג!

—אה, מיין קינד! האט דער קאָלאָנעל אויסגערופען און יעדער שמייכעלט פון זיין געליעבטען זאָהן האט איהם מיט א יאָהר אינגער געמאכט, און מיט יוגענדליכער שנעלינקייט איז ער ארויפגעלאפען צו זיין זאהן׳ס צימער און האט איהם מיט ענטצי־

קען אומארעמט.

—אָ, דוא ביסט אויסגעצייכענט, מיין זאהן.... ביסט ראָזיג און פריש, וויא איין יונגעס מעדכען....

—איך פיהל מיך אויסגעצייכענט. פאטער — האט ארמאנד פערזיכערט נאך א־טאהל מיט א מעלאַנכאָלישען שמייכעל — און וויסטו ווער מיך האט אויסגעהיילט?

—אה, גאָט איז גוט! — האט דער גליקליכער פאטער געמורמעלט מיט דאנק־בארקייט.

—אָ, איך בין נאך ניט אין גאנצען געהיילט — האט ארמאנד פארטגעזעצט, אבער מיט דער צייט.. . איך וועל נאר צוריק געהן צו מיין וואוינונג. דוא וועסט געהן מיט מיר......

—יא, יא — האט דער קאלאנעל געשטאמעלט אין ענטציקען.

—איך גלויב אז איך בין גאר פעררי̈קט וואס איך האב עס פריהער ניט איינגע־זעהן, אז פולמען איז א שיינע מיידעל וועלכע איז עדעל און גוט.

—אה, זיא ליעבט דיך, זיא פערגעטערט דיך.

—זעהר גוט, איך וועל זיא אויך ליעבען — האט ארמאנד געשטאמעלט מיט אנשטרענגונג.

—איך וועל היינט ניט קומען צום אבענדעסען; איך וועל שפייזען אויף דיא בול־ווארדס — האט ארמאנד ווייטער געזאגט — אבער אין אבענד וועסטו צו מיר קומען ניט וואהר?

—געוויס, געוויס מיין קינד.

—אבער פריהער וועסטו אריינגעהן צו פולמען.

—גוט, מיין זאהן.

—אבער דוא זאָלסט איהר גאר ניט זאגען, נאר ברייגנען מיט זיך....מיר וועלען זיא איבערראשען......

דער אלטער קאלאנעל האט זיך ניט געקענט אַנפרייען גענונג איבער ד'עזע פלעצ־ליכע ענדערונג פון זיין זאהן, וועלכע האט קיינע אנדערע אורזאכע געהאט אלס דאס פריהלינג־ווינטעלע און דעם זאנענשטראהל.

נאך פערלויף פון איינער שטונדע איז ארמאנדס פערד אנגעקומען. מיט קינדלי־כער פריידע האט ארמאנד געפיהרט זיין האנד דורך דיא שווארצע און גלאנציגע מעה־נע (גריווע) פון זיין טהייערן פערד, וועלכעס האט געהירזשעט דערקעננענדיג זיין יונגען הערען.

ער האט זיך געווארפען אין זאָטעל מיט דער פריידע פון א שול־קנאבען, איז ארויסגעריטען אויף דעם ברייטען וועג פון דיא שאנז־עליזעע, און איז געריטען אין שנעללען טראב צו דיא גרויסע בולווארדס.

אין דעם אויגענבליק וואס ער האט פארבייגעריטען דיא מאדליין־קירכע, האט ער דערהערט הינטער זיך א געראויש פון רעדער, און א פאסט־וואַגען איז אָנגעקומען אין שנעלסטען טראב. ארמאנדס פערד האט זיך עטוואס דערשראָקען, און ביז ער האט עס בעמייסטערט, איז דער פאסטוואגען פארבייגעפלויגען אזוי שנעל, דאס ארמאנד

האט קוים צייט געהאט צו ווארפען א צערשטרייטען, שנעלען בליק און דאס איננערע פון דעם וואגען....

איין אויסגעשריי פון פריידע, ענטציקען, שרעק און ערשטוינונג מיט אמאהל האט זיך ארויסגעריסען פון ארמאנד'ס ברוסט.

אין דעם צוגעטאכטען וואגען איז געזעסען א דאמע איינער אליין, און דאס איז געוועזען די דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה.

—וואוהין געהט זיא? ווארום איז זיא אליין?

ארמאנד האט זיך דיעזע פראגע ניט געשטעלט. ער האט געוואלט פליהען הינטער איהר, זיא דעריאגען, זיא ווידערזעהען.... אלעס אנדערע האט איהם וועניג געקימערט, און ער האט שוין געהאט פערגעסען די גאנצע וועלט.

דער פאסטוואגען האט זיך געטראגען זייער שנעל פון פיער נארמאנדישע פערד וועלכע זיינען אנגעטריעבען געווארן דורך די לאנגע בייטש פון פאסטעליאן. ערשט פון יענער זייט ווינסען. אויף דעם שטראסבורגער וועג, איז עס איהם געלונגען איבערצויאגען דעם וואגען אויף א פאר טריט און צו מאכען א בעוועגונג צום קוטשער ער זאל בלייבען שטעהן.

דער קוטשער האט זיך אבגעשטעלט. די דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט ארויסגעשטעקט דעם קאפ דורכין פענסטער און האט דערקענט ארמאנד.

—שוין ווידער איהר? — האט זיא געזאגט.

ארמאנד איז צוגעגאנגען נעהנטער. זיין געזיכט האט ארויסגעוויעזען פערווירונג, זיין בליק האט געברענט וויא אין פיבער.

—דא בין איך — האט ער געזאגט.

—וואס פערלאנגט איהר פון מיר? — האט זיא געפרעגט אין א שפעטישען טאן.

—איך וויל אייך פאלגען.

—דאס איז אונמעגליך!

—איך וועל אייך פאלגען! — האט ער געזאגט מיט ענטשלאסענהייט.

—איך גענ זעהר וויים.

און זיא האט איהם שמייכלענדיג אנגעקוקט מיט יענעם בליק וועלכער פלעגט מאכען פריערען דאס בלוט אין די אדערן פון קאפיטאן לעמלין.

—איך וועל געהן אין עק וועלט — האט ער געזאגט.

—אויף גענגען מיין ווילען?

ארמאנד האט אראפגעלאזען דעם קאפ און געשוויעגען.

—נון, גוט! גאלאפירט ביי דער זייט פון מיין וואגען ביז צו דער נעכסטער סטאציאן, און אויב איהר וועט דאנן האבען דעם מוטה אנצונעהמען די לעבענסווייזע וועלכע איך וועל אייך פארשרייבען....

—נון, דאנן?

—דאנן מעגט איהר מיר פאלגען.

ארמאנד האט אויסגעשריען פאר פריידע, האט געמאכט א צייכען צום פאסטי-

לאָן אז ער מעג געהן. דער וואגען האט זיך געריהרט פון אָרט און ארמאנד האט גאלאָפּירט ביי דער זייטע פון וואגען. דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט זיך צוריקגעווארפען אין א ווינקעל פון איהר וואגען און האט געמורמעלט פאר זיך:

—מערקווירדיגעס שיקזאל! יעדעס מאהל ווען דיא ליעבע פון דיעזען יונגען מאנן ריהרט מיין הערץ און ענטוואפענט מיין האס, יעדעס מאהל וואס איך זוך פון אים צו פליהען, ברייננט איהם דער שיקזאל ווידער אין מיין וועג. אָה, איך זעה ארויס דאס מיין האנד וועט אויך איהם מוזען טרעפען! אויך ער וועט מוזען שטערבען....

און וועהרענד דער ארמער נארר וואס האט געזוכט זיין שיקזאל, האט גאלאָפּירט הינטערן וואגען, האט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה ארויסגענומען א בריעף, וועלכען זיא האט מיט דער גרעסטער אויפמערקזאמקיים געלעזען.

דער בריעף האט ענטהאלטען פאלגענדעס:

באדען־באדען, מאי 1849.

„מאדאם,

„איהר מעגט ארויספאָהרען. איך האב געמיטהעט און אויסגעשטאטעט דאס הויז וועלכעס איהר האט מיר אנגעצייכנט אויף דער ליכטענטהאל־שטראסע. דאס הויז שטעהט הארט נעבען דעם הויז פון גראף פון אסטי. נאר איין צוים טהיילט אויס־איינאנדער דיא גארטענס פון ביידע הייזער, און מען קען פון אונזער זייטע זעהן אלעס וואס עס געהט פאר אין יענעם גארטען, און דורך דיא פענסטער אויך אין הויז.

„דער גראף וואוינט אין באדען זייט 8 טאג. ער האט ביי זיך זיין 5־יעהריגע טעכטערל, א גובערנאנטין און צוויי דיענער. דיא גרעפין איז נאך אין פאריז. בעאָבּ־אכטענדיג איהם, לויט וויא איהר האט מיר בעאויפטראגט. אין זיין קאבינעט, דורך א שפּאקטיוו, האב איך אים מערערע מאהל געזעהן וויינענדיג. אבענדס טרעפט מען אים שפּאציערענדיג אין דער קאזינא. ווען־ניט־ווען געהט ער צו א שפּיעל־טיש, ווארפט ארויף א פּאָר גאָלד שטיקער, און צו ער געווינט צו ער פערליערט העבט ער זיך אויף און געהט אוועק. דאָ האט מען יענעם אבענד בעוואונדערט זיין גליק אין שפּיעל. אבער ווען ער געווינט פארגעסט ער אפילו מיטצונעהמען זיין געלד פון טיש.

„דער גראף געהט יעדען אבענד נאך דעם פאסט־אמט פרעגען אויף בריעף, מיט איינינע טעג צוריק האט ער אויך ערהאלטען א בריעף, אויף וועלכען ער האט וויא עס שיינט לאנג געווארט. דיא יעניגע וואס האבען דאנן דעם גראף בעאבאכטעט — איהר זעהט אלזאָ אז אייער בעפעהל ווערט אויסגעפיהרט — האבען געזעהן, וויא ער ווערט אבוועכסעלענד בלאס און רויט. א מאנן וואס איז כלומרשט צופעליג פארבייגע־גאנגען הינטער איהם, האט בעמערקט, דאס דעם בריעף וועלכען ער האט אויפגע־בראכען און געלעזען, האט מעהר ניט ענהאלטען ווי דריי צייליען. דיעזער בריף איז דיא פאָלגענדע נאכט געפונען געווארען אויף זיין טיש און איז קאפּירט געווארן וועהרענד ער האט געשלאָפען. דער אינהאלט פון איהם איז פאלגענדער:

„מיין הער,

„איך וועל אנקומען אין באדען ענדע מאנאט. הערט מיר אויף צו שרייבען

„ליעבע־בריף וועלכע זיינען לעכערליך און אבשייליך. איהר ווייסט גאנץ גוט וועלכער
„אבגרונד עס שיידעט אונז פאנאנדער.

„אייער פרוי נור פאר דער וועלט
„גרעפין פאן אסטי
„געבארן דע־פאָ״.

„נעבען דיזען בריעף איז געלעגען א צווייטער, געשריעבען פון דער האנד פון הערען אסטי, וועלכער האט פערנומען ביז 4 זייטען. מען האט קיין צייט געהאט איהם צו קאפירען, אדער דעם אינהאלט דערפון האט מען ארויסגענומען.

„פון דעם בריעף איז געוועזען קלאר צו זעהן, דאס הערר אסטי, דיעזער מאנן וועלכער האט געטרעטען מיט די פים יעדעס מענשליכע געפיהל, דיעזער מאנן וואס האט געלאכט פון ליעבע און פון אלע הייליגע געפיהלען, פערגעטערט יעצט דיא פרוי וועלכע האסט און פעראכטעט איהם. ווארום? דאס וועט איהר שוין אליין פערשטעהן.

„דאָ איז אויך פאראנען, מאדאם, נאך איינער פון יענע וועלכע מיר זוכען דאס איז דער גראף אסטיפון יענער אונעהרליכער און אונגליקליכער שפיעלער וועלכען איהר האלט דעננאך פיר ווניגער שולדיג.

„ער טרעפט זיך אָפט צוזאממען מיט הערען אסטי אין קאזינא, אבער זיי שיינען זיך אויסצומיידען

„דער גראף ר.... שפיעלט זעהר פיעל, אבער ער האט א ביסל גליק אין שפיע־לען, און ער האט פאר קורצעם צוריקגעוואונען א טהייל פון דעם פערמעגען, וועלכען ער האט שוין כמעט געהאט פערשפיעלט.

„איוי, מאדאם, איז דיא לאגע דא. איבעריגענס מעגען נאך וועלכע אנדערע אינטערעסאנטע געסט אנקומען אהער, אזוי וויא דער סעזאָן פאנגט נאך ערשט אָן, און דערווייל זיינען נור פאראנען וועניג געסט, נור איינינע פראנצויזען, איינינע רוסען און איינינע ענגלענדער.

„איך ערווארטע אייערע בעפעהלע״.

„הערמאנן״.

„נאכדעם וויא זיא האט איבערגעלעזען דיעזען לאנגען בריעף האט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה געווארפען א פליכטיגען בליק אויף ארמאנד, וועלכער האט גאלאָפירט ביין זייט פון וואגען אויף זיין מיערען און מיט שוים בעדעקטען פערד. פון וויטען האבען זיך שוין געלאזט זעהן איינינע הייזער פון ווילמאָמבל, דיא ערשטע פאָסט־שטאציאָן וועלכע מען האט צו יענער צייט געטראָפען ארויספאהרענדיג פון פאריז אויף יענע וועג.

—דאָ איז א מענש פון וועלכען איך האב זייט א שטונדע ניט געטראכט — האט דיא דאמע געמורמעלט — און וועלכער וועט ווערען איין ווערטהפאָלעס ווערקצייג פיר מיינע ראכע ביי מיר אין דער האנד, ביז וואנען ער וועט אליין פאלען צום אָפפער. ער ליעבט מיר! ער וועט מיך געהארכען וויא מיין שקלאפע,

און אלס דער פאסטוואגען איז געבליבען שטעהן פאר דער טיר פון א קרעט־

שים, און פרישע פערד זיינען ארויסגעפיהרט געוואהרן פון שטאל אום איבערצושפאַנען, האט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה געמאכט א צייכען צו איהר דיענער וואס איז געזעסען מיט'ן קוטשער אויפ'ן זיטץ פון וואגען.

דער דיענער איז אראפגעשפרונגען און האט צוגעהאלטען ארמאנד'ס פערד. מיט א צווייטער האנדבעוועגונג האט זיא אנגעוויעזען ארמאנד אראפצושפּרינגען פון פערד און איינצושטייגען צו איהר אין וואגען.

—הערט אויס — האט זיא איהם געזאגט ערנסט און מיט טרויער אין דער שטימע — דיא צייט דרענגט מיך זעהר און איך קען ארייגגעהן מיט אייך אין נור גאנץ קורצע אויסאנדערזעטצונגען.

—רעדט, מאדאם, איך הער אייך.

—איהר האט מיך ליעב, זאגט איהר, ניט וואהר?

—אָ, ווילט איהר פיליכט מיין לעבען?

—ווען איך זאל אייך אויפפאָרדערן מיט מיר צו געהן ביז אין עק וועלט?

—וועל איך געהן.

—נאר ניט וויסענדיג.

— ניט וויסענדיג דעם צוועק?

—ווען איך זאל פון אייך פאָרדערן א שבועה?

—דאן וועל איך שווערען.

—וועט איהר מיר צושווערן מיר צוגעהארכען אהן ווידערשפּרוך, אהן ערקלערונגען, ווען אפילו זיינע אויפפיהרונג זאל אייך אויסווייזען ווער ווייס וויא זאָנדערבאר און שלעכט?

—איך שווער עס אייך.

—זעהר גוט! אין דעם פאל שיקט אייער פערד צוריק נאך פאריז און קומט מיט מיר. פיליכט וועט איהר מיך ווען־עס־איז דאך נאך צווינגען אייך צו ליעבען.

ארמאנד איז געוועזען וויא וואנזיניג; ער האט שוין געהאט פערגעסען פאריז זיין פאָטער און פולמען וועלכע האבען איהם ערווארטעט, האט פערגעסען דיא ערד און דיא גאנצע וועלט.... זיא איז נעבען איהם, ביי זיין זייטע!.... ער איז מיט איהר, און פאָלגט איהר נאך!

ארמאנד האט שנעל אויפגעשריעבען א בריעף אן פולמען און האט עס איבערגעבען דעם דיענער און איז צוריק איינגעשטיגען צו דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה. נאך אייניגע מינוטען האט זיך דער פאָסטוואגען געריהרט פון אָרט, געצויגען פון 4 פייעריגע פערד.

זעקסטעס קאפיטעל.

איין צווייטעס אפּפער דער ראכע.

אכט טעג נאך דיעזע געהיימניסע וואס מיר האבען האבען דא דערציילט, האט איין מאנן פון א יאהר פיערציג שפאציערט אויפען וועג וואס פיהרט פון באדען צום

דייטשען דארף אוהו, פיהרענדיג פארן האנט א מיידעלע פון א יאָהר פינף. דער מאנן האט, וויא עס האט אויסגעזעהן, געהערט צו די א פאַרנעהמסטע פון די א קור־געסטע. דאָס קינד האט ניט אויפגעהערט צו ווידערהאלען.

—אבער מאמא קומט נאך אלץ ניט, פאפא.

אבער דער „פאפא" האט קוים געענטפערט אויף דאס אנגענעהמע קינדעשע פּלויר־דעריי, און געהענדיג ווייטער האט ער אנגעשטריינגט זיין בליק צו זעהן אזוי ווייט וויא ער האט געקענט, דאן האט ער ארויסגענומען זיינע אוהר, און האט געפונען אז דער דיליזאנס וואס קומט אויס שטראסבורג האט זיך פארשפעטיגט אויף א גאנצע שטונדע.

—ביזטו מיעד, ראזא — האט ענדליך געפרעגט דאס קינד.

—ניין האט דאס קינד געענטפערט — קום ווייטער, פאפא, איך וויל זעהען מאמא.

—ענדליך האט זיך וויא א וויסליכער וואלקען פון שטויב דערזעהן פון ווייטען. עס איז געוועזען אנצונעהמען דאס א וואגען קומט אן.

דער פאטער איז געווארן בלאס און מען וואלט געקענט הערען נעבען איהם וויא זיין הערץ שלאגט. אנשטאט צו געהן ווייטער האט ער זיך צוגעזעצט ביין ברעג פו וועג. דערווייל איז אויך דער וואגען געווארען זיכטבארער און דאסקנאקען פון דער בייטש האט זיך געלאזט הערן.

—קום פאפא, — האט דאס קינד געזאגט, ציהענדיג דעם פאטער פארן ראק,— ווילסטו ניט זעהן מאמא?

די א צערטליכע שטימע פון דער קליינע מיידעלע האבען וויא עס האט אויסגע־וויעזען, געווירקט בערוהיגענד אויף די א אויפרעגונג פון פאטער. ער האט געמאכט איינע אנשטרענגונג זיך אויפצוהויבען. אבער צום געהן איז ער געוועזען צו שוואך, און ער איז געבליעבען אזוי שטעהן אינמיטען, בלאס און אונבעוועגליך וויא א סטאטוע.

דער דיליזשאַנס איז ענדליך אָנגעפאהרען און ער האט געמאכט א צייכען צום פאָסטיללאָן צו בלייבען שטעהן. אין וואגען ווירערר האט א דאמען-האנד געקלאפט אין שויב פון פענסטער און האט פערלאנגט דאס זעלבע. דער וואגען איז געבליעבען שטעהן.

—מארגעריטא!

—מאמי!

דער פאטער האט עטוואס געשטאמעלט רייבענדיג זיין האנד דער יונגער דאמע וועלבע איז אויסגעשטיגען, אבער דיזע האט זיך ניט פיעל געקימערט וואס ער האט איהר האנד געדריקט, זיא האט געחאפט איהר קינד אין איהרע ארמע און האט עס געדריקט צערטליך צו איהר ברוסט.

הערר אסטי האט איהר אָפּערירט זיין ארעם.

—דאנקע, מיין הערר, עס איז ניט נייטיג — האט זיא געזאגט — איך גיעב מיין האנד מיינער טאכטער.

הערר אסטי האט אויפגעהויבען זיינע האנד צו זיין שטירן וואו עס האבין געפערלט איינינע טראפּען שווייס, און האט זיך גענומען גאכגעהן זיין ווייב און זיין קינד מיט

איין נאכדענקליכען און ניעדערגעשלאגענעם בליק. הערר אסטי האט שרעקליך געליטען.

דיא גרעפין איז געגאנגען מיט א לייכטען, מונטערן טריט, הארכענדיג צו דיא זיסע קינדישע פלוידערייען פון איהר טעכטערל.

זיי זיינען אזוי אנגעקומען אין באדען, זיינען אריבערגעגאנגען דאס קליינע ברי־קעל וואס האט געפיהרט צו דער פראמענאדע, און זיינען ענדליך געקומען צו דער ליכטענהאל־שטראסע.

דיא גרעפין האט שוין פאריגעס יאהר געהאט בעוואוינט דאסזעלבע הויז, וואו איהר מאנן האט יעצט געוואוינט. הערר אסטי איז געקומען נאך באדען וועגען זיין גע־זונדהייט, זיינע פרוי האט איהם בעגלייטעט. דיעזעס מאהל אבער האט זיא זיך אום פופצעהן טעג פערשפעטיגט צוליב דעם אונפאל וועלכער האט זיא געצוואונגען צו בליי־בען אייניגע צייט ביי פולמען אין הויז.

הערר אסטי האט געצווינגען אונגעדולדיג דיא גלאקע פון זיין טיר. איין קאמער־דיענער האט געעפינט און האט זיך טיעף פארניינט פאר זיינער הערין.

—זשאן, זעה צו בריינגען מיין באגאזש פון דיליזשאנס — האט זיא געזאגט; דאן איז זיא אריין אין גארטען, און פון גארטען אין הויז, אימער פיהרענדיג איהר טעכטער־פארן האנד און זיך וועניג בעקימערנדיג וואס איהר מאנן געהט איהר נאך.

אין א ווײלע ארום איז דאס קינד צוריק ארויס אין גארטען, און מאדאם פאן אסטי האט זיך געפונען געזיכט צו געזיכט מיט איהר מאנן, אלס זיא איז איינגע־טרעטען אין איהר שלאף־צימער. הערר אסטי האט זיך געהאלטען אנטקעגען איהר פונקט וויא דער פערברעכער אנטקעגען ריכטער. דיא גרעפין איז געוועזען קאלט און רוהיג און האט איהם קוים אנגעקוקט.

—מאדאם.... מארגאריטא.... האט ער געשטאמעלט און האט זיך אראפגעלאזען אויף א קניע פאר איהר.

אבער א פערעכטליכער שמייכעלע האט זיך בעוויזען אויף דיא ליפען פון דער גרעפין.

—ענטשולדיגט, מיין הערר, ווען איהר זייט שוין יא אזוי צודרינגליך, דאנן איז עס נייטיג מיר זאלען האבען א קורצע אויסאיינאנדערזעטצינג און מיר זאלען מאל איין מאל פאר אלע מאהל וויסען וויא זיך צו האלטען איינער געגען דעם אנדערן.

דיא גרעפין האט זיך אנידערגעזעצט און האט אנגעקוקט שטרענג איהר מאנן.

—איהר געדיינקט עס געוויס, מיין הערר, אז ווען איהר האט מיך געהייראטעט האט עס געהייסען, אז איהר רעטעט מיך פון שאנדע. איך בין אנטלאפען פון מיין פעטערליכען הויז מיט מארקיז גאנטראן פאן לאסי וועמען איך האב געליבט, אום ניט געצוואונגען צו ווערן צו הייראטען איין אלטען מאנן.... איהר האט מיין געליעבטען צו שאנדען געמאכט אין מיינע אויגען.... איהר האט מיר בעוויזען דאס ער האט מיך פערגעסען, דאס ער האט געהייראטעט.... איך האב מיך צו אייך איבערגעבען און ניט ליעבענדיג אייך האב איך מיך געצוואונגען וועהרענד צוויי יאהר אייך צו מאכען גליקליך. פוצלינג, אבער איז מיר דער שלייער אראפגעפאלען פון דיא אויגען. איהר האט מיר איינגעשטאנדען דאס גאנטראן האט ניט געהייראטעט, דאס דיא פרוי וואס

איז מיר פארגעשטעלט געווארען אלס זיין ווייב, איז געוועזען א געדונגענע פון אייך....

און דאנן איז מיר ארייננעפאלען אין האנד א בריעף פון טפעם א קאלאנעל, א גליקזור־בער, וואס האט מיר בעוויעזען אז נאנטראז איז ביי אייך אין דיא הענדע, דאס איהר האט פון איהם געמאכט אייער שקלאפען.... פון דענסטמאל אן האט זיך מיינע אכ־טונג פאר אייך אומגעוואנדעלט אין פעראכטונג, מיינע אנערקענונג וועלכע איך האב צו אייך געשפירט, אין האס!

—אבער איך האב אייך ליעב.... און איך בערייע אלעס.... זעהט איהר דען נים וואס איך האב געליטען? מיינע האר זייגען ווייס געווארען דיא לעצטע דריי יאהר זייט איהר זייט צו מיר פרעמד....

מארגעריטע האט געצוקט דיא אכסלען.

—הערר לאסי איז טויט — האט זיא געזאגט.

—אָ, זיא ליעבט איהם נאך! — האט הערר פון אסטי געמורמעלט אין פער־צווייפלונג.

—נאך אימער, אימער — האט זיא געענטפערט — און אייך האס איך און פעראכטע.

פון דיעזע לעצטע ווערטער איז הער אסטי אויפגעשפרונגען. ער האט זיך פלוצ־לונג אויפגעריכטעט און האט, וויא עס האט אויסגעוויעזען, צוריקגעפונען דיא שראפע, בייזע נאטור פון אמאהל.

—אה, איהר ליעבט נאך אימער נאנטראן! — האט ער אויסגערופען מיט ביטערען שפאָט.

—יא — האט דיא גרעפין געענטפערט.

—און איהר האסט מיך?

—איך טהוע נאך מעהרער, איך פעראכטע אייך.

און דיא גרעפין האט אומגעקעהרט דעם רוקען צו איהר מאנן, און האט זיך גענומען רוהיג צוזאמענלייגען און אין ארדנונג צו ברייננען דיא זאכען אין איהר שלאפצימער.

איין אויגענבליק האט אסטי געשוויעגען. דאנן האט ער זיך געשטעלט אנטקעגען זיין פרוי און האט אויף איהר געריכטעט איין קאלטען בליק.

—וואס ווילט איהר נאך? — האט זיא געפרעגט, איבערראשענדיג רוהיג זיין בליק.

—מאדאם, איהר זאגט מיר דאס איהר האסט מיך און פעראכטעט מיך?

—איך זאג עס נאך אמאהל, מיין הערר.

—ווילט איהר מיר זאלין זיך שיידען?

—וויא פערשטעהט איהר דאס? — האט דיא גרעפין געפרעגט.

—איהר וועט לעבען דא, איך וועל צוריקקעהרען נאך פאריז.

איין שפעטישער שמייכעל האט זיך בעוויעזען אויף דיא ליפען פון מארגאריטא.

—אז איהר האט שוין יא בעריהרט דיעזע ערנסטע פראגע פון שיידונג, ערלויב מיר דיר ארויסצוזאגען מיינע געדאנקען וועגען דעם.

—איך הער, מאדאם.

—אום פאנאנדערצושניידען אזא באנד וויא דיעזער וועלכער בינדעט אונז צוזאַ־מען און איז אזוי שווער און אונערטרעגליך פיר יעדען פון אונז, גיט עס צוויי וועגען. ערשטענס דורך דאס געריכט.

—אָ, פפוי ! — האט הערר אסטי אונטערבראָכען.

—דיעזער וועג פאָרדערט אויפצועפענען דאס פריוואט־לעבען פאר דער וועלט. איין אדוואָקאט ווארפט שמוטץ אויף דיא פרוי, דער אנדערער אויפען מאנן. דאס פובליקום הערט גערן דיא איינצעלהייטען פון דער מחלוקת, און אין פערלויף פון אכט טאג וויים גאנץ פראנקרייך דיא אורזאכע פון דער שיידונג.

הערר אסטי האט געמאכט איינע אונגעדולדיגע בעוועגונג, וועהרענד דיא גרעפין האט גאנץ רוהיג פאָרטגעזעטצט :

—מיין גאט, איך וואלט מיר רוהיג דערציילט מיין אדוואָקאט דיא דראמע וועלכע איז אייך בעקאנט, און וועלכע האט זיך אָפגעשפיעלט אין שלאָס דע פאָרט, וויא אזוי דער העיר מאָנגאָרי איז געשטארבען, און וויא אזוי איך האב געליעבט גאָנטראָן פון לאָסי, און וועלכען דרוק איהר האט אויף איהם אויסגעאיבט, און דיא אבשייליכע היפאָקריטישע ראָלע, וועלכע איהר האט געשפיעלט......

—מאדאם......

—אָ, איהר קענט עס ניט אפלייקענען, ניט וואהר ? און דאנן וועל איך ארויס־נעהמען דעם בריעף פון קאָלאָנעל, יענעם בריעף וואס איך האב געפונען, און וועלכע איך היט מיט דער גרעסטער מיהע....

הערר אסטי האט אויפגעציטערט.

—דאס קען דאנן ווערען זעהר אינטערעסאנט און פיעלע זאכען קענען אויפגע־קלערט ווערען.

—מאדאם, איך האב זיך קיינמאהל ניט גערעכינט אז מיר וועלען זיך דורך אזא סקאנדאל ענטמעהרען — האט הערר אסטי אויסגערופען אין אויפרעגונג.

—רעדט ניט פון א ו נ ז ע ר ענטעהרונג, נאר פון אייער ענטעהרונג.

דער גראף האט געצוקט דיא אכסלען.

—איך בין אימער געוועזען איינע עהרליכע פרוי — האט מארגאריטא געענטפערט איינפאך.

—איך האף אזוי ! — האט דער גראף געזאגט וויטהענד.

דיא גרעפין האט איהם אנגעקוקט פונקט וויא מען קוקט אן א לאקיי וועלכער ערלויבט זיך צו פיעל, און האט ניט געענטפערט.

—עס איז אבער דאָ נאך א מיטעל פיר שיידונג — האט דער גראף געזאגט — מען געהט זיך אויסאייננאנדער אין גוט־מוטה.

—דיעזע שיידונג וויל איך ניט.

—ווארום ?

—וויל איך האב מורא פאר לייטישע מיילער מעהר וויא פאר אלץ אין דער וועלט. און ווייל איך וויים, אז ווענן מאנן און פרוי געהען זיך אויסאייננאנדער ווענען אונבע־

קאנטע אורזאכען, שפיעלט דער מאנן אימער דיא ראלע פון דעם אינטערעסאנטען. דיא וועלט קען נאך זאגען אז איהר זייט א גאלאנטער מאן, און איך א געפאלענע פרוי.

הערר אסטי האט אראפגעלאזען דעם קאפ און געשוויעגען, וועהרענד אויף מארגאריטא׳ס געזיכט האט געשוועבט א גרויזאמער שמייכעל.

—און ענדליך מיין הערר — האט דיא גרעפין פארטגעזעצט — פערגעסט איהר אז מיר האבען א קינד, און דאס דער נאמען פון דעם קינד מוז בלייבען ריין און געעהרט.

דיעזע לאגישע ווערטער האט אוועקגענומען פון גראף זיינע וואוטה און ער האט געזאגט:

—איך וואלט טהאן אלץ וואס איהר וויכט, מאדאם.

—וואס איך וויל איז א קלייניגקייט. פאר דער וועלט וועלין מיר זיין אייניג

—און אונטער אונז?......

—וועלען מיר זיין פרעמדע, און גאנץ העפליך איינער אנטקעגען דעם אנדערען.

—איהר זייט גרויזאם.

—איך בין גערעכט. אדיע, מיין הערר!

זיא האט איהר מאנן געוויעזען דיא טיר, און הערר אסטי האט געמאכט א טריט ארויסצוגעהן פונקט וויא ער וואלט געוועזען אונטער איהר צויבער; אבער קומענדיג צום שוועל האט ער זיך אומגעקעהרט, האט אנגעקוקט זיינע פרוי, און זיא האט געזעהן וויא ער ווערט בלאס און זיינע אויגען ווערין פול מיט טרעהרען.

—איהר גלויבט אלזא ניט אין רייע (חרטה)? — האט ער געשטאמעלט.

—א, יא — האט זיא געזאגט.

—האב איך דענן נאך ניט גענוג בערייעט מיינע פערגעהן?

—איהר מעגט אויך זאגען: „מיינע פערברעכען".

—איהר זייט אונערביטליך!

—איהר האט א טעות! הערט מיך אויף צו פערפאלגען מיט אייער ליעבע און איך וועל מעהר אייער שטאלץ ניט קריינקען.

—אח, אבער איך האב אייך ליעב.

—איהר זייט פערריקט — האט זיא איהם געענטפערט טרוקען — איהר פערגעסט אז דאס בלוט פון העררן לאסי איז צווישען מיר און אייך, און איהר קומט מיר ריידען פון אייער ליעבע.

דער גראף האט אויפגעציטערט פאר וואוטה און פערצווייפלונג.

—אימער ער, אימער ער! — האט ער געמורמעלט.

—מיין הערר — האט דיא גרעפין געזאגט מיט טרויער אין איהר שטימע — מען דארף ניט ריידען פון ליעבע צו איינעם וועמען מען האט געבראכען דאס הערץ און וועלכער וויל לעבען און שטערבען אהנע צו ליעבען. איך טראג אייער נאמען, און וויא שווער מיר איז עס, וויל איך עס טראגען. עהרליך אבער ווען איהר וועט מיך אימער אזוי פערפאלגען מיט אייער ליעבע......

זיא האט זיך אָפּגעשטעלט און האט איהם אָנגעקוקט.

—און וואס דאנן? — האט ער געפרעגט מיט צאָרן......

—דאנן וועל איך לאזען פאלען מיין האנד אין דיאיעניגע פון דעם ערשטען בעס־טען מאנן וואס וועט זיך אין מיך פערליעבען......

דיעזע ווערטער זיינען געוועזען פונקט וויא א בליטץ־שלאג פארן גראף פאָן אסטי. איין אויגענבליק איז ער געבליעבען שטום פערניכטעט, דיא אויגען ניעדערגעשלאָגען צום באדען. פּלוצלונג אבער האט זיין אויג אויפגעפלאמט און ער האט אויפגעהויבען דעם קאָפּ:

—מאדאם — האט ער אויסגערופען — האט איהר געלעזען דאס שטראף־געזעצבוך?

—יא — האט זיא געענטפערט רוהיג.

—און איהר האט דארט קיין זאך ניט געפונען וואס זאל ענטפערן אויף דאס וואס איהר האט דאָ איצטער געזאגט?

—איהר האט א טעות. איך קען דאס געזעצע און וויים אז איהר מעגט מיך טעדטען ווען איך ענטעהרע אייער נאמען.

—אלזא, נעהמט זיך אין אכט! — האט דער גראף געשריען אין זיין אויפרעגונג.

דיא גרעפין האט אָנפאנגס ניט געענטפערט, דאנן אבער האט זיא וויא א בע־ליידיגטע קעניגין מיט ווירדע אנגעצייגט איהר מאנן דיא טיר:

—געהט פון דאנען! — האט זיא גערופען.

און הערר אסטי האט פארלאזען דאס צימער מיט וואוטה און פערצווייפלונג אין הערצען. ער איז ארויף צו זיך אין צימער, האט זיך איינגעשלאסען, האט פארדעקט זיין געזיכט מיט זיינע ביידע הענד און האט געוויינט וויא איין קינד.

אם אבענד פון דעמזעלביגען טאג אונגעפעהר אום עלף אוהר, אלס דיא קלײנע שטאדט איז געלעגען שטיל, און דיא פאלאצען אויף דער פּראָמענאדע האבען צוגע־שלאָסען זייערע טירען, האט זיך א פּאָסטוואָגען אָבגעשטעלט פאַר דעם הויז וואס איז געשטאנען נעבען דער וואוינונג פון גראף ד׳ אסטי מיט זיין פרוי, אויף דער ליכטענ־טהאל־שטראסע.

דיא שטראסע איז געוועזען לעער און עס האט זיך קיין ליכט געזעהן ביים גראף.

אלס דער וואגען איז געבליעבען שטעהן האט זיך דיא טיר פון הויז געעפענט, און א מאנן איז ערשיענען. דיעזער מאנן איז געוועזען דערזעלביגער וועלכען דער לע־זער קען אונטער דעם נאמען פון גראף אָרלאָוו, און וועלכען דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה פלעגט רופען „הערמאנן“.

פון פּאָסטוואָגען זיינען אויסגעשטיגען א יונגע דאמע און א יונגער מאנן. דער לעזער פערשטעהט אז דאס זיינען געוועזען דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה און ארמאנד.

—גוטען אָבענד הערמאנן! — האט דיא דאמע געזאגט, ארויסשפּרינגענדיג

פון וואגען.

דער מאַיאָר האט זיך פערגייגט מיט רעספעקט און האט איהר געדריקט דיא האנד.

—איז אלעס אין ארדנונג? — האט זיא געפרעגט.

—אלעס, מאדאם.

זיא האט זיך אומגעקעהרט צו ארמאנד

—דאָ שטעל איך אייך פאר א מאנן וועלכען איהר קענט, איהר האט זיך שוין געהאט געטראָפען אין נארמאנדיע.

דער מאַיאָר און ארמאנד האבען זיך פערנייגט.:

דיא דאמע איז אריין אין הויז, מיט דעם מאיאר אין פאָראויס און ארמאנד פון הינטען. זיי זיינען ארויף דעם ערשטען עטאזש, און דער מאַיאָר האט פאר איהר געעפענט דיא טיר צו א גרויסען זאל מיט דונקעלע גארדינען איבער דיא פענסטער.

—ארמאנד האט אויפגעציטערט אלס ער האט בעמערקט דיא גאנצע אויסשטאַטטונג. אלעס איז דאָ געוועזען פונק וויא אין יענעם צימער אין פאריז, אין וועלכעס ער איז צום ערשטען מאהל איינגעדרונגען צו דיעזער דאמע דורכ'ן פענסטער. אפילו דער מאמארנער ביוסט איבערען קאמין האט דאָ ניט געפעהלט. מען האט, וויא עס האט אויסגעוויעזען, אריבערגעבראכט אהער דיא גאנצע אויסשטאטונג.

דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט איינגערוימט איינינע ווערטער דעם מאַיאָר אין אויער, און דיעזער איז ארויסגעגאנגען. דיא דאמע האט דאנן אנגעציינט ארמאנד א שטול נעבען א יהר.

—איצטער, מיין פריינד, קענען מיר א ביסל שמועסין.

—איך הער אייך, מאדאם.

—זייט פופצעהן טעג וויא איהר בעגלייטעט מיך, וויא איהר געהארכט אלע מיינע קאפריזען, איהר האט ניט נאכגעפארשט, ניט זיך ערקונדיגט וואיהין מיר פאהרען און צו וועלכען צוועק.

—איך בעגלייט אייך, און דאס איז מיר גענוג.

זיא האט איהם אנגעקוקט מיט א שמייכעל.

—איך בעגלייטע אייך און איך ליעב אייך.

—איך האב פיר אייך דיא צוניינונג פון א שוועסטער, און פיליכט וועל איך אויך אייך אמאָהל ליעבען, ווען איך זאל ערהאלטען פון אייך....

—אָ, זאגט ארויס! איך בין בערייט! — האט ארמאנד אויסגערופען מיט זיין געוועהנליכער בעגייסטערונג.

דיא דאמע האט אנגעקוקט שטרענג דעם יונגען מאנן.

—זייט איהר מוטהיג? — האט זיא געפרעגט.

—איך גלויב יא.

—געדולדיג?

—יא.

—זיט איהר אימער אים שטאנד זיך צו בעהערשען ?

—איך וועל זיין אים שטאנדע צו טהאן אלעס וואס איהר וועט פון מיר פערלאנגען

זיא האט אויסגעשטרעקט איהר האנד מיט דעם שווארצען האנדשוה צו דעם מארמארנעם ביוסט וואס איז געשטאנען איבערן קאמין.

—איהר ווייסט עס שוין — האט זיא געזאגט — דאס איך האב אויף זיך א פינס־טערע און שרעקליכע אויפגאבע. איך מוז מיך נוקם זיין פאר א טויטען — היער איז ער, דער טויטער....

—אה איך האב עס פארשטאנען ! — האט ארמאנד געמורמעלט.

—דיעזען טויטען האב איך א מאהל געליעבט.... געליעבט מיט פערגעטערונג' מיט פאנאטיזם... . וויא איך וועל פילייכט אייך אמאהל ליעבען אויב איהר זאלט....

—אויב איך זאל ? — האט ארמאנד איבערגעפרעגט ציטערנדיג.

—אויב איהר זאלט מיר העלפען אין מיין ווערק......

—איהר ווייסט אז איך געהער אייך.... פערפינגט איבער מיך וויא איהר ווילט......

—אלזא, הערט ! דיעזער מאנן וועמען איך האב געליעבט, דער טהייערער טויטער פון וועמען איך האב דא דאס בילד, איז ערמארדעט געווארן.... ניט דורך א געמיינעם באנדיט, ניט דורך איין אפענעם רויב־מערדער, א, ניין !....

איהר שטימע האט געקלונגען וויא בייסענדער שפאט !

—א, ניין ! דיעזע מערדער זיינען געוועזען לייטע פון דער הויכער וועלט, עדעל־לייטע, לעבע־מענשען, וועלכע האבען זיך פעראייניגט אום צו רויבען אום צו שענדען....

—אונערהערט ! — האט ארמאנד געמורמעלט.

—איינעם פון זיי האט איהר געזעהן שטארבען.

—קאפיטאן לעמלין, ניט וואהר ?

—יא עס זיינען אבער נאך דא אנדערע וועלכע לעבען רוהיג און אונבעמערקט. און איך מוז זיי טרעפען, אייניגע אין זייער רייכקייט, דיא אנדערע אין זייער ליעבע, און נאך אנדערע ווידער אין זייערע קינדער....

ווען ארמאנד וואלט געקענט בעגרייפען דיעזע לעצטע ווערטער וואלט ער געוויס גלייך אנטלאפען געווארען.

—אויב איהר האט מיך ווירקליך ליעב — האט דיא דאמע פארטגעזעצט — אויב איהר ווילט איך זאל אייך ניט מעהר פערוויזען פון מיר און אויב איהר ווילט, ענדליך, בעהאלטען דיא האפנונג מיך אמאהל צו בעזיטצען, דאנן מוזט איהר מיר דיענען....

—איך וועל זיין אייער שקלאפע.

—דאס איז נאך ווייניג. עס איז נייטיג דאס אין מיין האנד זאלט איהר זיין איין אינסטרומענט.

—איך וועל עס זיין.

—נעהמט זיך אין אכט ! — האט דיא דאמע געזאגט — איך וועל פון אייך פערלאנגען עטוואס זעהר זאנדערבארעס. וועט איהר מיר ענטזאגען ?

—ניין, זאגט! — האט ארמאנד געבעטען מיט דעם גאנצען פייער פון זיינער ליידענשאפט.

—נו, גוט! הערט מיך אוים: מארגען וויל איך אייך אנצייגען א פרוי וועלכע איז יונג, און שעהן, און טראגט א גרויסען נאמען....

—נאכהער? — האט ארמאנד געפרעגט.

—צו דיעזער פרוי זאלט איהר זיך צומאכען, איהר זאלט זיא איבעראל אויפזוכע', איהר איבעראל נאכגעהן, און זיך מאכען וויא איהר ליעבט זיא.

—אבער איך האב אייך ליעב, און איך וועל דאס קיינמאל ניט קענען.......!

—איך מוז עס אבער האבען!.... דיעזע דאמע מוז זיך אין אייך פערליעבען!

—מיין גאט, מיין גאט! — האט ארמאנד געמורמעלט.

—אלזא, וועהלט! ענטוועדער איהר פערלאזט מיך אום מיך ניט מעהר וויעדער־צוזעהן, אדער איהר געהארכט....

—איך וועל געהארכען! — האט דער יונגער מאנן געזאגט איינגעבויגענדיג דעם קאפ.

זיבענטעס קאפיטעל.

פאלשע ליעבע און א דועל אויף קאטאוועס.

ביין ענדע פון דער ליכטענטהאל־שטראסע, נאכדעם וויא מען געהט פארביי א קליינע קירכע און א דערפיל מיט דעמזעלבינגען נאמען, געפינט זיך א זייטענוועג וואס פיהרט צו דעם אלטען עבערשטיין־שלאס, וועלכעס איז בעריהמט אלס אקטערטהום און וועלכעס בעזיטצט טהייערע אוצרות און ווערט בעזוכט פון רייזענדער. דיא געגענד איז העכסט אינטערעסאנט און ראמאנטיש, און צו דער צייט פון וועלכער מיר דערציילען איז דער וועג פון דער פראמענאדע צום שלאס עבערשטיין נאך ניט געוועזען אזוי בריים און גלאט וויא דער רייזענדער געפינט איהם איצטער. עס איז געוועזען דערזעלבינער וועג, אבער ער איז געוועזען שטיינערדיג, קרום, פול מיט גראבענס, און ביי שלעכטע וועטערס איז ער געוועזען געפעהרליך פיר דיא פיאקערס און וועגען.

דיא גרעפין פאן אסטי האט שוין מעהרערע מאהל געהאט בעזוכט דיעזעס אלטערטהימליכע שלאס און האט בעוואונדערט זיינע אנטיקען און דיא פראכטפאללע געגענד ארום. אזא בעזוך האט זיא אויך אבגעשטאטעט דעם שלאס אייניגע טעג נאכדעם וויא ארמאנד און דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה זיינען אנגעקומען נאך באדען.

אריינקומענדיג אין הויף פון שלאס האט דיא יונגע דאמע בעמערקט א פראכט־פאלעס רייטפערד אנגעזאטעלט שטעהענדיג צוגעבונדען צו א זייל. דיא אויפזעהרין פון שלאס וועלכע האט זיך באלד געלאזט מעלדען און האט אנגעבאטען איהרע דיענסטע צו דער גרעפין, האט דער גרעפין ערקלערט דאס דיעזעס פערד געהערט צו א יונגען מאנן, א פראנצעזישען רייזענדער, בעגלייטעט פון זיינער פרוי. און וועלכער איז יעצט געקומען בעזוכען דאס שלאס.

אין אנפאנג סעזאן זיינען נאך דארט נאר קיינע פראנצאזען געוועזען, און דיא

גרעפין איז דעריבער געוועזען עטוואס נייגיעריג צו זעהן, ווער דיעזער פראנצעזישער רייזענדער איז.

איהרע נייגיערדע איז אויך שנעל בעפריעדיגט געווארן. אין דעם וואפען־זאל פון דעם אלטען שלאס האט זיא געטראפען דעם פראנצעזישען בעזוכער. דאס איז געוועזען א שלאנק־געוואכסענער יונגער מאנן מיט דונקעל־בלינדע האר און בלויע אויגען, און מיט איין מעלאנכאלישען אויסדרוק, וועלכער האט איהם געמאכט אינטערעסאנט. דאס איז געוועזען ארמאנד. ער איז געוועזען אנגעצויגען איינפאך און דאך עלעגאנט.

ביין אנבליק פון דער גרעפין פאן אסטי, וועלכע ער האט שוין געהאט ערגיץ וואו אמאהל געזעהן, האט ארמאנד א ציטער געטהאן. און דיעזע בעוועגונג איז ניט ענטגאנגען דעם בליק פון דער דאמע.

ארמאנד האט בעגריסט דיא איינטרעטענדע, און מאדאם אסטי האט געענטפערט מיט א ווירדעפאלען צונייגען מיט'ן קאפ. דערביי וואלט עס פיליייכט דיעזעס מאהל געבליעבען, אבער דיא אונוויסענהייט פון אויפזעהר, וועלכער האט געדיענט פיר דיא גרעפין אלס וועגווייזער האט עס געבראכט צו א נעהענטערער בעקאנטשאפט ביי זיי ביידען. דיא גרעפין האט געהאט געפרעגט ביי איהר פיהרער דיא בעדייטונג פון א געוויסער אויפשריפט איבער א שטיק וואפען. דער פיהרער האט איהר פערזוכט צו ערקלערן אין זעהר א געבראבענעם פראנצעזיש, פון וועלכען דיא גרעפין האט קיין האלבעס ווארט פארשטאנען. ארמאנד האט געהערט וויא זיא האט אויסגערופען:

—אבער איך פערשטעה קיין ווארט פון אלעם דעם וואס איהר זאגט דא.

ארמאנד איז דאנן צוגעקומען נעהנטער און האט זיך געווענדעט צו דער גרעפין:

—ווילט איהר מיר ערלויבען, מאדאם, אייך דיעזע איבערשריפט צו איבערזעטצען?

דיא גרעפין האט געדאנקט מיט א שמייכעל.

נאך פערלויף פון איינער שטונדע, נאכדעם וויא זיי זיינען ביידע דורכגעלאפען יעדען זאל אין שלאס, און האבען געהאט דיא געלעגענהייט זיך איבער פערשיעדענעס צו אונטערהאלטען, און צו פערווידערן פון באדען און איהרע אומגעבונג און דאנן ענדליך אויך פון פאריז, האבען זיי זיך ווידער איינגעפונען אין א גרויסען זאל, וואו מען פלעגט סערווירען מיטאג־עסען פיר דיא בעזוכער.

ארמאנד איז געוועזען פיר דיא גרעפין דיא פאלקאמענהייט פון העפליכקייט און גוטען געשמאק.

אים לויפע פון דער אונטערהאלטונג האט דיא גרעפין געזאגט:

—מארגען ווערט געגעבען א טאנץ אין קאנווערזאציאנסזאל; איהר ווערט געוויס זיך ניט אפשיידען פון מנהג און ווערט דארטען זיך פארשטעלען אייער געהארזאמער דיענערין.

דער יונגער מאנן האט זיך פערנייגט.

—דערוויילע אבער — האט דיא גרעפין פארטגעזעצט — וועל איך מיר פארשטעלען דאס איהר האט שוין ערגיץ וואו געטאנצט מיט מיר אין פאריז, און וועל אייך

איינלאדען צום פריהשטיק.

ארמאנד האט געריבען דעם ארעם דער גרעפין און האט זיא אריינגעפיהרט אין זאל.

דאס מיטאג עססען האט געדויערט ביז דריי אוהר נאכמיטאג.

ארמאנד האט זיך געוויעזען זעהר גאלאנט און וויטציג, און זיינע געוועהנליכע מעלאנכאליע האט איהם נאך צוגינעבען חן אין דיא אויגען פון דער גרעפין. ער האט ארויסגעוויעזען דיא גרעסטע קינדישע אויפמערקזאמקייט פיר דאס קליינע טעכטערל פון דער גרעפין, און רעספעקטפאללע גאלאנטעריע פיר דיא מוטער.

ער האט נאך אפילו ניט געזאגט זיין נאמען און האט ניט געזוכט צו דערגעהן דעם נאמען פון מאדאם פון אסטי, אבער זיי האבען געפלוידערט פון אזוי פיעל זאכען, דאס זיי זיינען ענדליך געקומען צו דערמאנען איינינע פלעטצער, וואו דאס פארנעהמע פאריז טרעפט זיך צוזאמען איינמאהל א יאהר.

—מאדאם — האט ארמאנד געזאגט — איך האב געהאט דיא עהרע מיט אייך צו טאנצען ביים מארקיז ר.... איך וואלט מיר ניט ערלויבט צו מאכען דיעזען אויפרוף צו אייער געדעכטניס, אבער...

—אה, מיין הערר, ענטשולדיגט מיין שוואכען זכרון.... אויב אזוי זיינען מיר אלטע בעקאנטע, און פיר מארגען זאג איך אייך צו א וואלצער....

—דעם ערשטען ? — האט ארמאנד געפרעגט און העפליכען שפאס.

—זאל זיין דער ערשטער.

און וועהרענד דאס לייכטע און רעגעלמעסיגע געשפרעך האט זיך אזוי געצויגען צווישען דער יונגער דאמע מיט ארמאנד, געמישט מיט הערצליכען געלעכטער איבער דיא דייטשע אונגעשיקטליכקייט פון דיא דיענערשאפט, האט עס פלעטצליך געקראכט א דונער, וועלכער האט געמאכט ערשיטטערן דאס שלאס. דען וועהרענד דיא גרעפין מיט איהר קאמפאניאן האבען געשפייזט און געפלוידערט, האט זיך דער הימעל פארצויגען מיט וואלקען, און פון דעם נאהענטען וועלדיל האט זיך געלאזט הערען א געמורמעל, וויא מען איז געוועהנט צו הערען פאר א שטורם.

דיא גרעפין האט אויפגעשריען פאר שרעק. אין דעמזעלבינגען אויגענבליק איז אריינגעקומען דער קוטשער און האט געמעלדעט אין זיין געבראכענעם פראנצעזיש, דאס דיא פערד האבען מורא פארן דונער, און מען מוז גלייך פאהרען צוריק, דאנן נאכען שטורם וועט דער וועג זיין שלעכט, און ביי נאכט איז גאר א ריזיקע צו פאהרען, צוליב דיא גראבענס ביי דיא זייטען פון וועג.

מאדאם פאן אסטי איז געווארן עטוואס אונרוהיג. אבער ארמאנד האט זיא בערוהיגט.

—דיא דייטשע קוטשערס זיינען דום. מאדאם וועט מיר ערלויבען צו רייטען הארט ביים עקיפאזש, און ווען דער קוטשער וועט ניט האבען דעם מוטה צו בעהויפטען זיך פלאטץ וועל איך מיך זעטצען אויף זיין ארט און איך פערזיכער אז איך וועל אייך ברייננען נאך באדען אהן איין אומפאלל.

—אויב אזוי בין איך רוהיג — האט דיא גרעפין געזאגט לאכענדיג; זיא האט דער

קענט אין ארמאנד א מענשען וואס פערשטעהט וויא אומצוגעהן מיט פערד.

דיא גרעפין איז מיט איהר טעכטעריל און איהר קאמערמעדכען איינגעשטיגען אין פיאקער, און דער קוטשער איז בעשטיעגען זיין זיטץ, ארמאנד ווידער האט זיך ארויפגעהאפט אויף זיין פערד, און איז גערוטען הארט ביי עקיפאזש.

דער קוטשער האט א טרייב געטהאן דיא פערד אין גאלאפ. אבער קוים זיינען זיי אפגעפאהרען איין פירטעל מייל פון שלאס, זיינען געפאלען איינינע טראפען רעגען; דיא פערד האבען אנגעהויבען לאנגזאמער צו לויפען, און דער קוטשער איז געווארן אונרוהיג.

—דער שטורם! — האט ער ווידערהאלט.

—פארווערטס, פארווערטס! — האט איהם ארמאנד צוגערופען.

איין צווייטער דאנערשלאג איז געפאלען, און פלוצלונג האט זיך איינער פון דיא פערד פון קארעטע אויפגעשטעלט דובאם, האט געהירזשעט און האט ארויסגעוויזען אלע צייכען פון שרעק.

עס איז א בעקאנטע טהאטזאכע, דאס ווען איין איינפאכעס פערד ווערט היני געריסען דורך שרעק אדער צארן, איז איהם פיעל שווערער צו בערוהיגען, אלס איין גוטעס פערד. ארמאנד האט א טעות געהאט אלס ער האט פערזיכערט, דאס ער נעמט אלעס אויף זיך. דער בליטץ וואס האט געפאלגט נאכען דונער האט אויך דערשראקען זיין אייגענעס פערד, וועלכעס איז געוועזען איין עכט ענגלישע ראסע און א געשענק פון דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה.

ארמאנד איז געוועזען איין אויסגעצייכענטער רייטער אבער עס איז נייטיג געוועזען צו פארנעמען איינינע אויגענבליקע אום צו בערוהיגען זיין פערד, און דיזע איינינע אויי נטנבליקע זיינען גענוג געוועזען פיר דיא פערד פון קארעטע, דורכצוברענגען, וויא געיאגט פון טויזענד טייפעל. דער קוטשער האט גלייך פארלארען דעם קאפ, און אנשטאט צו זוכען מיטעל וויא אזוי דיא פערד צו בערוהיגען, האט ער געשריען אום הילפע.

ארמאנד האט געשפארנט זיין פערד מיט אלע קרעפטען אין דער האפנונג אריבערי צויאגען דיא פערד פון עקיפאזש, און וויא עס איז זיי בריינגען צום שטעהן. דאס איז אבער געוועזען אומעגליך, דען דער וועג איז געוועזען שמאל, און דורך דעם רעגען אויך עטוואס גליטשיג, און עס איז אימער געוועזען דיא געפאהר, דאס דאס פערד זאל זיך אראפקייקי לען מיט'ן רייטער אין גראבען. ארמאנד איז געוועזען אין פערצווייפלונג, און דיזע פערי צווייפלונג איז נאך פערגרעסערט געווארען דורך דיא יאמער געשרייען פון דער גרעפין און איהר קאמערפרוי.

ארמאנדס אויג האט ענדעקט זיינע שרעפע ביעגונג פון וועג אונגעפעהר א פאר הונדערט מעטער פון זיך און זיין הערץ האט אויפגעציטערט. ער האט געוואוסט אז אזא ביעגונג איז דער געפעהרליכסטער ארט. דענן דיא פערד וואס האבען זיך צוטראי גען קענען דארט לייכט אראפ פון וועג און ארונטערפאללען מיט'ן וואגען מיט אללעמען אין גראבען.

אבער א געדאנקען איז פלוצלונג אים אריינגעקומען אין קאפ, און אלס דער עקיפאזש איז געקומען אין געפאהר איינינע הונדערט טריט פארן ביעג און ער איז געוועזען מיט

זיין פערד נור איינינגע טריט פון הינטען, האט ער זיך א חאפ געטהאן מיט דער האנד צום הינטערשטען טהייל פון זאטעל און האט ארויסגעחאפט א פיסטאָלעט, דאנן האט ער מיט איין ציה געבראכט זיין פערד צום שטעהן, און אוערלאדען און מאכען זיך בערייט צום שיעסען איז געוועזען דיא ארבייט פון א האלבע מינוטע.

מיט א קלאפענדען הערצען און מיט איינגעהאלטענעם אטהעם, האט ארמאנד נעפאָלגט מיט דיא אויגען דיא פליהענדע קארעטע. דער קוטשער, וועלכער האט שוין ביי דער צייט עררייכט דיא העכסטע שטופע פון שרעק, האט זיך אין פערצווייפלונג א ווארף געטהאן פון זיין זיטץ, אין דעם גלויבען דאס ער וועט זיך רעטען פון זיכערן טויט. אונגליקליכע וויזע איז ער געפאלען מיטן קאפ אן שטאם פון איין אָבגעזעגטען בוים ביין זייט וועג און האט ערליטען א שעדעל־ברוך.

צום גרעסטען גליק פון דער גרעפין, האבען דיא ווילדע פערד ניט פערלאזען דעם וועג ביי דער ביעגונג, און האבען זיך פערקעהרט אין דער ביעגונג, בילדענדיג א ווינ־קעל. דיא גאנצע צייט האט ארמאנד נאר געזעהן דעם הינטען פון דער קארעטע, איצ־טער אבער אז זיי האבען זיך פערקעהרט, האט ער געזעהן דיא פערד פון דער זייט ער האט זיך געציעלט, האט געשאסען, און דאס פערד וואס איז אויסגעקומען צו זיין זייט איז אומגעפאלען. דאס צווייטע פערד האט זיך אן איהם פארטשעפעט און איז אויך אומגעפאלען, און דיא קארעטע איז געבליעבען שטעהן.

דיא גרעפין איז געוועזען גערעטעט!

דיא דיענסטפרוי איז געוועזען געפאלען אין אונמאכט, וועהרענד דיא גרעפ האט געדריקט צום הערצין איהר טעכטעריל.

—אה איהר זייט מיין רעטער! — האט זיא גערופען, אלס ארמאנד איז צוגעקו־מען נעהנטער — איהר זייט דער רעטער פון מיין קינד!......

ארמאנד איז אראפגעשפרונגען אויף דר׳ערד און האט זיין פערד צוגעבונדען צו א בוים. דאנן האט ער שנעל אויסגעשפאנט דאס לעבעריגע פערד פון קארעטע, אום צו פערהיטען איין נייעם דורכברענען.

—מאַדאם — האט ארמאנד געזאגט מיט א בעוועגטער שטימע — איך גלויב אז גאט איז געוועזען פיר אונז......

ארמאנד איז געוועזען אזוי בלאס, דאס דיא גרעפין איז דערשראקען געוואָרן פון זיין אויסזעהן.

—אַ, איך דאנקע, איך דאנקע, האט זיא געזאגט דריקענדיג זיין האנד.

ארמאנד האט ארונטערגעקוקט אין גראָבען. וואוהין דיא פערד האבין זיך נאך אהאָר ארונטערגעקייקילט מיט דיא קארעטע און דיא פאסאזשירען, און איז געבליעבען שטעהן וויא פערשטיינערט.

באלד אבער איז דיא גרעפין געקומען צו זיך, און האט אויפגעמינ־טערט איהר קאמער־מעדכען. ארמאנד האט געאיילט צום קוטשער. דער אונגליקלי־כער איז געוועזען טויט.

אונגעפעהר א האלבע שטונדע איז פאראיבער ביז אלעס איז ווידער געוועזען אין אָרדנונג, און אלע זיינע געוועזען בערוהיגט. וויא איין עכטער פאריזער, האט ארמאנד גלייך צוריק אנגענומען זיין שמייכעל און האט געמאכט שפאס אינמיטען

דער אומגעבונג, וואו אזא שרעקליכע געפאהר איז איצטער־ערשט דורכגעלעבט געווארן.

—מיין גאט! מיט וואס וועל איך אייך אמאהל קענען אפדאנקען מיין הערר! — האט דיא גרעפין אויסגערופען.

—האט איהר מיר דענן ניט צוגעזאגט א וואלצער?

—דאס איז א גוט ווערטיל! — האט דיא גרעפין געלאכט, צוריק ווערענדיג דיא פרייליכע און דיא זארגלאזע פאריזערין גלייך נאך דער געפאהר; — נו גוט! אז איהר זייט יא צופריעדען מיט אזא קליינער בעלאהנונג דאנן וועל איך אייך וועניגסטען צווינגען דארויף שטאלץ צו זיין.

—וויא אזוי?

—איך וועל מיט קיינעם אנדערן טאנצען אלס מיט אייך.

—מארגען?

—אימער.... דיא גאנצע סעזאן.

—נעהמט זיך איין אכט, טהייערע גרעפין!

—געגען וועמען?

—הערר פאן אסטי וועט מיך אומברייגגען: ער וועט זיין אייפערזיכטיג!

—ער האט דיא גרעפין אויסגערופען מיט איין אויסדרוק פון פעראכטונג, וועלכע זיא האט ניט געקענט צוריקהאלטען.

—אויב אזוי וועט איהר לעבען הונדערט יאהר.

—זיא האלט ניט פיעל פון איהר מאנ'ס מוטה — האט זיך ארמאנד געטראכט.

וויא אמת'ע פאריזער איז ביי זיי באלד פערגעסען געווארן אלעס: דיא איבער־שטאנדענע געפאהר, דער שרעק, דיא פערווירונג פון דער לאגע, און אפילו דער טויט מער קוטשער, וועלכער איז נעביך געלעגען ניט וויים מיט א צושפאלטענעם קאפ. אבער אלס עס האט ענדליך אנגעפאנגען א גוס רעגען, האט איהם דיא גרעפין געזאגט:

—זיינען מיר וויים פון באדען?

—א צוויי מייל.

—וויא וועלין מיר איצטער טהאן?

—אום ווייטער צופאהרען?

—יא

—נא, איך האב אייך געהאט אפעררט מיינע דיענסטע און מיין טאלענט צום קוטשירען; איך מאך אייך נאך אמאהל מיין פארשלאג.

ער! האט אוועקגעשלעפט און א זייט דאס טויטע פערד, נאכדעם וויא ער האט אראפגעשלעפט פון איהם דאס געשפאן, האט אפגעזאטעלט זיין פערד, און האט איהם צוגעשפאנט צום לעבענדיגען פערד. אלס דאס איז געטהאן געווארן האט ער זיך גע־ווענדעט צו דער גרעפען:

—איהר מוזט צוגעבען, מאדאם, אז מיין פערד איז זעהר גוטמיטהיג, ווען ער בע־ליידיגט זיך ניט געהן געשפאנט מיט אזא חברה־מאנן וויא דאס אנדערע פערד איז.

—וויא? איהר ווילט זיך זעטצען אויפען קוטשערס פלאטץ?

—וויא קען דען אנדערש זיין?

—אבער עס רעגענט דאך?

—איהר וועט מיר געבען אייער רעגענשירם.

און ארמאנד איז ארויפגעשפרונגען אויפען באק און מיט געשיקטהייט האט ער געטריעבען דאס זאנדערבארע פאר פערד, פון א טהייערן סקאטשקע פערר, מיט א שלעפ־קאררען־פערד.

איינע שטונדע שפעטער איז דיא גרעפין אנגעקומען נאך באדען, מיט ארמאנד אלס קוטשער.

דער גראף פון אסטי איז געקומען דער פרוי אנטקעגען. עס האט אויסגעוויעזען אז ער האט געוואוסט אז זיא דארף קומען און ער האט זיא ערווארטעט.

—דא איז מיין מאנן — האט דיא גרעפין געזאגט — שטעלט זיך דא אפ, איך בעט אייך.

ארמאנד איז געבליעבען שטעהן ביין טהיר פון גראף'ס וואוינונג. וועהרענד דער גראף איז צוגעקומען עטוואס איבערראשט ביין אנבליק פון דעם זאנדערבארען קוטשער.

—מיין פריינד — האט דיא גרעפין געזאגט צו איהר מאנן אין דער זיסעסטער שטימע — בעגריסט מיין קוטשער פריינדליך, ער פטרדיענט עס.

דער גראף האט נעגריסט אליין ניט וויסענדיג ווארום.

—ער האט אונז גערעטעט דאס לעבען — האט דיא גרעפין ווייטער געמעלדעט און האט אין קורצען דערצייהלט וועלכע געפאהר זיי זיינען איבערשטאנדען און פון דעם טויט פון קוטשער.

ארמאנד איז דערוויילע אראפגעשפרונגען פון זיין זיטץ און דער גראף האט ער־גריפען זיין האנד און האט איהם געדאנקט אין דיא ווארעמסטע אויסדריקע. אין דער זעלבער צייט האט איהם דיא גרעפין געזאגט:

—איהר ווייסט מיין העררע, דאס מיר ערווארטען אייך אום זיעבען אוהר צום אבענדעססען.

ארמאנד האט זיך פערנייגט.

—ערלויבט מיר נאר צו געהן נאך הויז זיך אומצוציהען.

וועהרענד הערר און מאדאם פאן אסטי זיינען אריין צו זיך אין הויז, האט אר־מאנד אנגעקלונגען אין דעם נעבסטען הויז, וואו עס האט געוואוינט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה און מאיאר ארלאוו, און וואו ער אליין האט געוואוינט אויפען צווייטען עטאזש.

דער מאיאר איז אבער ניט געוועזען צו הויזע. אבער דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט דעם יונגען מאנן געהאט ערווארטעט אין יענעם צימער מיט דעם ביוסט אויפען קאמין, פון וואנען זיא פלעגט ארויסגעהן נור ביי נאכט אום צו אטהעמען א ביסל פרישע לופט אונטער דיא מאסיווע גרויסע בוימער פון גארטען. זיא איז געקומען ארמאנד אנטקעגען:

—נון, האט איהר זיא געזעהן?

—יא.

—האט איהר מיט איהר געשפראכען?

—איך האב געמאכט בעסער.... איך האב איהר גערעטעט דאס לעבען.

—איז דאס וואהר?!

א גרויזאמע פריידע האט אויפגעפונקעלט אין דעם בליק פון דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה.

ארמאנד האט אלעס דערציילט וויא עס איז צוגעגאנגען און דיא דאמע האט איהם אויסגעהערט מיט דיא גרעסטע אויפמערקזאמקייט, און האט דאנן צוגעזעצט נאך א קורצע שווייגען:

—נאך אכט טעג וועט זיא אייך ליעבען.

—מיין גאט! וואס נאך וועט איהר מיר הייסען טהאן?— האט ארמאנד גע־פרעגט מיט אונרוהע.

—מארגען וועלען מיר מאכען א פּראָבע — האט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה רוהיג ווייטער גערעדט.

—צו וועלכען צוועק?

—אום זיא אין אייך צו פערליעבען.

דער יונגער מאנן איז געוועזען בלאס, און ער האט אראָפּגעלאזען דעם קאפּ:

—אויפען באל צו וועלכען איהר געהט — האט דיא דאמע ווייטער גערעדט — וועט אייך א מאנן ארויספאָרדערן אויף א דועל...... און וועט זיך מיט אייך שלאָגען......

—אבער ווער איז דער מאנן?

—דאס מאכט ניט אוים! ער איז מיין שקלאפע.

—זאל איך איהם טעדטען?

—ניין, ער וועט אייך פערוואונדען.... גאנץ לייכט.... א קליינעם שטיך... דיא הויפטזאכע איז נאר וואס ער וועט אייך ארויספאָרדערן אזוי, אז די גרעפין פאָן אסטי זאל עס הערען.... און זיא וועט דיא גאנצע נאכט ניט צומאכען קיין אויג... וויא וועניג א פרוי זאל זיין צוגעבונדען צו א מאנן, קוים איז דער מאנן אין געפאהר, ווערט דיעזער צובונד פיעל שטארקער.

—מיין גאט, מיין גאט! האט ארמאנד געמורמעלט — וואס פאר א ראלע מאכט איהר מיך צו שפּיעלען....

דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט זיך צולאכט מיט א שפּאט וועלכער איז איינגעדרונגען טיעף אין ארמאנדס הארץ.

—האט איהר זיא שוין ליעב? אויב אזוי לאז איך אייך גלייך פריי......

—איהר ווייסט זעהר גוט, גלויב איך, אז דער מאנן וואס האט אייך ליעב קען קיין אנדערן ליעבען וויא אייך — האט ארמאנד אויסגערופען טרויעריג.

—דאנן געהאָרכט! — האט זיא געזאגט טרוקען.

ארמאנד האט זיך אומגעקליידעט און האט זיך אום זעכס אוהר בעגעבען צו הערין פאָן אסטי. דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט איהם נאך געגעבען אייניגע אינסטרוקציאָנען. אָנקומענדיג אהין האט ער געפונען דיא גרעפין שרייבענדיג א בריעף, וועהרענד דער גראף איז געזעסען אין א ווינסעל ביים קאמין, פארטראכט און אומעטיג וויא אימער. דאס קליינע טעכטערל האט זיך געשפּיעלט לוסטיג אויפ׳ן טעפּפּיך.

דער בריעף וואס דיא גרעפין האט געשריעבען האט ענטהאלטען פאָלגענדעס:

„מיין טהייערע פריילין און פריינדין,

„איך האב אייך נאך ניט געשריעבען צייט איך האב פארלאזען פאריז. „איהר זאלט מיר אבער ניט בעשולדיגען אין אונדאנקבארקייט, דענן איך האב נאך „ניט פערגעסען דיא שוועסטערליכע פּפלעגע וועלכע איהר האט מיר גיגעבען. מיין קינד „האט מיך פיעל בעשעפטיגט, און מיין מאנן איז געוועזען ליידענד. און אויסערדעם „בין איך פויל אויפ׳ן פען אבגלייך איך האָב א ווארעם הערץ.

„אבער דער הימעל איז וויא עס שיינט זעהר שטרענג מיט מיר דערפאר, אבגלייך „דאס איז נאר פויקקייט פון מיין זייטע. און דיא ווארנונג וועלכע ער האט מיר היינט „געגעבען האט מיך געטריעבען צו נעהמען גלייך דיא פעדער און אייך צו דאנקען. „שוין דער צווייטער אונפאל מיט מיין וואגען האט מיר היינט פּאסירט און איך בין „ווידער געוועזען א מינוט צום טויט.״

דאָ האט דיא גרעפין בעשריעבען דיא געשיכטע פון דעם אונפאל זיא האט ניט געוואוסט דעם גאנצען נאמען פון דעם מאנן וואס האט זיא גערעטעט, זיא האט נאר געוואוסט אז ער הייסט ארמאנד, דען דאס קליינע טעכטערל האט איהם אין דער צייט פון מיטאג־עסען אין שלאס עבערשטיין געפרעגט אויף איהר קינדליכען שטייגער:

—וויא הייסט דוא מיין הערר?

—ארמאנד — האט ער געענטפערט.

דיא גרעפין האט איהם אין איהר בריעף בעצייכענט מיטן נאמען ארמאנד, או האָט איהם זעהר גענוי בעשריעבען.

„איהר זייט געוועזען זעהר מרה־שחורה׳דיג — האט דיא גרעפין ווייטער געשריעבען — זעהר ניעדערגעשלאגען און ליידענד אין דער צייט ווען איך האב אייך פאר־„לאָזען אין פאריז. איך האב דאמאלס ניט געוואגט אייך אויסצופרעגען וועגען דעם „גרונד פון אייער טרויער, אבער איך האב געגלויבט עס צו ערראַטהען. מיר האט „אויסגעוויעזען דאס איהר טראגט איין ליעבעסגראם אין אייער זעעלע.

„גלויבט מיר, טהייערע פריינדין, אז איך ליידע אויך.. . ווער האט ניט געלי־„טען? איך קען נור איין איינציגעס מיטעל דאגעגען — בעוועגונג. מען דארף ניט „אימער בלייבען אליין מיט דעם שמערץ.... עס איז נייטיג איהם צו מאכען וועכסלען „דעם פּלאטץ, איהם אנפערטרויען א פּאָסטוואגען אדער א דיליזשאנס און איהם צו „מאכען זעהן דיא וועלט.

„איך וויל אייך מאכען א פארשלאג. איהר האט מיר דערציילט אז איהר האט אויף זעכס מאנאטע געקינדיגט דיא אָפּערא. ווארום זאלט איהר דיא זעכס מאנאטע

„ניט צובריינגען אין באדען?

„איך בעט אייך, זוכט מיר ניט אפצושלאגען מיין ביטע מיט אלערליי תרוצים.
„איך מוז אייך דא האבען, דען איך שטארב פאר לאנגוויילע. מיר וועלען דא האבען
„א פערגניגטע צייט. קומט אין פערלויף פון אכט טאג. אייער וואוינונג וועט זיין צוגע־
„גרייט און אייער פריינדין וועט אייך מיט אונגעדולד ערווארטען.

„גרעפין פאן אסטי".

וועהרענד דיא גרעפין האט געשריעבען האט ארמאנד געוועכסעלט איינינע ווערטער מיט הערין פאן אסטי. באלד דארויף האט מען געמעלדעט אז עס איז צו־געגרייט. דער גראף האט גענומען א לייכטער אין האנד אין איז געגאנגען פאר־אויס, וועהרענד ארמאנד האט גערייכט דיא האנד דער גרעפין, און האט זיא גע־פיהרט אין שפייזע־זאל.

—איהר וועט מיך ענטשולדיגען, ניט וואהר, וואס איך בענעהם מיך מיט אייך אזוי אונזשענירט, און לאז אייך ווארטען ביז איך ענדיג שרייבען — האט דיא גרעפין געזאגט: — איך בין זעהר פויל אויפען פען, אזוי דאס איך מוז אויסניטצען דעם חשק צום שרייבען דאנן ווען ער קומט מיר אן.

ארמאנד האט געלאכט.

—איך האב יעצט געשריעבען א דאנק־בריעף — האט דיא גרעפין ווייטער גערעדט— און איהר, מיין הערר, זייט דיא אורזאכע דערפון.

—איך?

—ווארט, איך וויל אייך דאס ערקלערן.

הערר אסטי און ארמאנד האבען אנגעקוקט דיא גרעפין.

—איהר וואונדערט זיך, ניט וואהר? איך מוז אייך אבער פריהער זאגען דיא הקדמה, אז איך גלויב, דאס היינטיגער אונפאל און דיא געפאהר וואס איך בין דורכגעשטאנען איז א התראה פון הימעל.

—צו וואס?

—אום מיך צו דערמאהנען אז איך בין אונדאנקבאר.

און דיא גרעפין האט דערציילט וואס מיט איהר איז געשעהן דריי וואכען צוריק אין פאריז.

—ווער איז געוועזען דיא דאמע וואס האט אייך אויפגענומען? — האט דער גראף געפרעגט.

—א יונגע רייצענדע דאמע מיט גייסט און הערץ.

—אבער ווער....

—איינע אפערא טענצערין.

ארמאנד האט אויפגעציטערט.

—און וויא הייסט זיא?

— פולמען.

ארמאנד איז רויט געווארען און האט ארויסגעוויעזען אונרוהע.

—איהר קענט זיא? — האט דיא גרעפין געענטפערט בעמערקענדיג דיא פער־

ווירונג פון ארמאנד.

יא.... איין וועניג.... האט ער געענטפערט — איך האב זיא געזעהן דאָ ניט לאנג.... איך האב זאָגאר געשפייזט ביי איהר....

—נון, איהר ווערט איצטער קענען ערנייערן בעקאנטשאפט מיט איהר — האט דיא גרעפין געלאכט — זיא וועט זיין דאָ אין אכט טאג.

—ווער? פולמען?

—יא.

ארמאנד איז געווארען בלאס. אין דעם אויגענבליק האט ער בעטראכ־טעט אלס פיינדין יענע פרוי וועלכע האט איהם געוויעזען אזוי פיעל בע־ווייזע פון ליעבע און ערגעבענהייט.

—איך האב זיא געבעטען אהער צו קומען — האט דיא גרעפין געזאגט זיך קעה־רענדיג צו איהר מאנן — און מיט אונז א מאנאט פערברייננגען. האט איהר עטוואס דאגעגען?

—ניין.

דארויף האט מאדאם פאן אסטי געווענדעט דאס געשפרעך אויף אנאנדער געגענשטאנד.

דער גראף, וועלכער האט זיך געפרייט מיט דער געלעגענהייט צו האבען ביי זיך א פרעמדען ביים טיש, צוליעב וועלכען זיינע פרוי מוז איהם בעהאנדלען וויא א מאנן מיט וועלכען מען פיהרט א צופריעדענעס און גליקליכעס לעבען, האט איינגעלאדען ארמאנד צו א וויסט, ביין וועלכען ער האט פארבראכט ביז צעהן אוהר ביי נאכט.

אלס ער האט זיך אויפגעהויבען צו געהן האט זיך דיא גרעפין צו איהם געווענדעט:

—מיין ליעבענסווירדיגער רעטער, פארגעסט ניט מיין וואלצער פיר מארגען.

—אה, מאדאם, וויא קען מען זא עטוואס פערגעסין?....

—וואהנט איהר אין האטעל אָדער אין א שטאדט־וואוינונג.

—איך בין אייער נאכבאר — האט ארמאנד געענטפערט לאכענדיג.

—באה, וואו וואוינט איהר?

—אין דעם צווייטען הויז.

—וויא? נעבען אונז? איך האב געגלויבט אז דא וואוינט איין אלטער רוסישער הערר — האט דער גראף געזאגט.

—יא, דער מאיאר אָרלאָוו.

—און איהר זייט ביי איהם?

—דער מאיאר איז א גוטער פריינד פון מיין פאטער, — האט ארמאנד געלאָ־גען — און ער האט מיר אפעררירט זיינע גאסטפריינדליכקייט. מיין פאטער איז געווע־זען א צייט געפאנגענער אין רוסלאנד, און דארט האט ער געמאכט דיא בעקאנעשאפט פון מאַיאָר.

דער גראף האט אָנגעשפיצט דיא אויערן.

— איך אליין בין אויך דארטען געבארען געווארן — האט ארמאנד צוגעזעצט.

—וויא, איהר זייט רוססע ? — האט דיא גרעפין געפרעגט.

—מיינע מוטער איז עס געוועזען.

הערר פאן אסטי האט אויפגעציטערט.

—ענטשולדיגט מיין ליעבער גאסט — האט ער געזאגט — מיר שיינט אז איך האב געקענטאייער פאטער.... איהר הייסט הערר לעאן ?

—יא, און מיין פאטער איז דער קאָלאָנעל לעאָן.... ער האט פארבראכט איבער צעהן יאהר אין רוסלאנד און איז צוריקגעקעהרט נאך פראנקרייך אין 1822.

דער גראף איז געווארן שרעקליך בלאס אָבער אין דער דונקעלהייט פון זאל האט ער ניט בעמערקט ניט ארמאנד און ניט דיא גרעפין. אבער דער גראף האט זיך געצוואונגען צו ערשיינען רוהיג, און האט געענטפערט :

—קאלאנעל לעאן ? — איך האב דעם נאמען געהערט זעהר אָפט, זעהר אָפט.... אבער פערזענליך קענן איך אייער פאטער ניט. . . ענטשולדיגט מיך וואס איך האב אייך אויסגעפרעגט. מיר האט אויסגעוויעזען אז איך געפין אין אייך וועלכע עהנליכ־קייט מיט אנאנדער אָפיציער פון דער אַרמעע, קאלאנעל בעקמאנן.

ארמאנד האט גענומען אבשיעד פון דער גרעפין. הערר אסטי האט איהם ארויס־בעגלייט ביז צום גיטער וואס קומט ארויס אויף דער שטראסע, און איז באלד אריין צוריק אין זאל, וואו דיא גרעפין האט נאך אמאהל געעפ.נט דעם בריעף צו פולמען און האט צוגעשריבען אַ פאסטסקריפט (נאכשריפט) :

„איך וויים, טהייערע פריינדין, אז מיין עלעגאנטער רעטער איז דער זאהן פון א „קאָלאָנעל, און הייסט ארמאנד לעאָן“.

הערר אסטי האט זיך צוריק אניעדערגעזעצט ביין ברענענדען קאמין, אומעטיג און פינסטער, וויא אימער.

—האסטו דען דיא אבזיכט דיעזען יונגען מאנן צו עמפפאנגען ? האט ער געזאגט.

—ווען עס איז, ווארום ניט ? ווארום דיעזע פראגע ?

—וייל... איך וויים ניט......

—ערקלערט זיך דייטליכער, איך בעט אייך.

—ער געפעלט מיר ניט......

—מיט אייך איז שווער אויסצוקומען. ער איז איין אויסגעצייכענטער יונגער מאנן מיט הערץ און גייסט.

—איך וויל איהם ניט אויפנעהמען...

מאדאם פאן אסטי האט זיך צולאכט איהר מאנן אין געזיכט.

—זייט איהר פיליכט אייפערזיכטיג ? דאס וואלט געוועזען לעכערליך... זעהר לעכערליך...

—מאדאם ! — האט פאן אסטי אויסגערופען מיט א שטימע וועלכע האט געציטערט פאר צארן.

—מיין הערר — האט דיא גרעפין געענטפערט — איהר ווייסט גאנץ גוט, אז איהר האט פונקט אזוי פיעל רעכט זיך צו ווייזען אייפערזיכטיג וויא זיך צו ווייזען פער־ליעבט.... אדיע !....

דיא גרעפין איז ארויס פון זאל, צוריקלאזענדיג איהר מאנן גאנץ וויא בעטרונ־קען פאר וואוטה און ציטערנדיג, פילייכט וויים דער זאהן פון קאלאנעל זיין געשיכטע.

אבער דער שרעק פון הערען אסטי איז געוועזען אומזיסט. דען ארמאנד האט קיין האר געוואוסט פון דער פערגאנגענהייט פון זיין פאטער......

אם נעכסטען טאג האט מען געטאנצט אין קאזינא; דאס איז געוועזען דער ערשטער זאמער־סעזאן־באל, ווען אלע געסט טרעפען זיך צוזאמען און מאכען דיא ערש־טע בעקאנטשאפט.

דיא גרעפין פאן אסטי איז געקומען צום באל אום צעהן אוהר, געלעהנט אן ארעם פון איהר מאנן. באלד איז איהר אנטקעגען געקומען א יונגער מאנן, וועלבער איז אין דעם אויגענבליק געוועזען פארנומען אין א געשפרעך מיט איין אלטען מאנן און האט זיא בעגריסט. דאס איז געוועזן ארמאנדס דער אלטער מאנן ווער קיין אנדערער אלס מאיאר ארלאוו.

—מאדאם — האט דער יונגער מאנן געזאגט נאכדעם וויא ער האט איהר גע־דריקט דיא האנד — ערלויבט מיר אייך פארצושטעלען מיין הויזווירטה און אייער נאכבאר, דעם רוסישען מאיאר, גראף ארלאוו.

דער מאיאר און מאדאם פאן אסטי האבען געוועכסעלט איינינע פראזען פון העפליכקייט, און דער מאיאר האט זיך צוריקגעצויגען.

דיא גרעפין האט אנגענומען ארמאנד ביין ארעם און האט געזאגט.

—ווער עס צאהלט זיינע שולדען — ווערט רייך. נעהמטמיך צום וואלצער.

און זיך ווענדענדיג צו איהר מאנן האט זיא צוגעזעצט:

—איהר, מיין הערר, קענט געהן שפיעלען, אזוי וויא איהר טאנצט נים. איהר זעהט דאך אז איך האב א קאוואליער.

דער גראף האט זיך פערנייגט נים זאגענדיג קיין ווארט. אבער אנשטאט צו פארלאזען דעם זאל האט ער זיך געזעצט אין א ווינקעל אויף א שטוהל, און האט פארשלונגען מיט דיא אויגען זיינע פרוי, וועלבע ער האט אנגעפאנגען צו ליעבען מיט דער גאנצער גלוטה פון הערצען אן יענעם טאג ווען זיא האט איהם אנגעפאנגען צו האסען. דיא גרעפין האט געטאנצט מיט אונענדליבער גראציע, עטוואס געבויגען איבער ארעם פון איהר שיינעם קאוואליער.

הערר אסטי האט געליטען העלענפיין. דעם אבענד פארהער האט ער זיך גע־האט אויסגעשפראכען געגען ארמאנד ווייל ער האט מורא געהאט אז דער זאהן פון קאלאנעל וויים עטוואס וועגען דיא „קאמראדען פון שווערט". איצטער אבער האט איהם איין אנדער געפיהל געפייניגט. דער גראף איז געוועזען אייפערזיכטיג. ער איז געוועזען אייפערזיכטיג גראדע דערפאר וואס זיין פרוי האט איהם פערבאטען צו זיין אייפערזיכטיג. ער איז געוועזען אייפערזיכטיג דערפאר וואס זיא האט געטאנצט מיט ארמאנד, אונד דערפאר וואס ארמאנד האט אויסגעוויעזען צו זיין פערליעבט אין איהר.

איבעריגענס איז דער גראף פאן אסטי נים געוועזען דער איינציגער וועלבער

האט ניט אראפּגענומען קיין אויג פון דער יונגער גרעפין מיט איהר קאוואלער. א צווייטער מאנן, וועלכער איז געוועזען גאנץ געקליידעט אין שווארצען, און וועלכער האט געהאט איין געזיכט פון א שפּאניער אדער איין איטאליענער, איז געשטאנען אין א ווינקעל ביי א פענסטער און האט פון דארטען אויסעפּראַגט דיא בעוועגונגען פון ארמאנד מיט זיין דאמע.

אלס דיא לעצטע אַקאָרדען פון וואלץ זיינען ענטשוויענען געווארן, איז דיעזער מאַנן, וועלכער איז ביז יעצט געשטאנען אונבעוועגליך, אנגעשפּארט מיטן רוקען אַן א זיילע ביין פענסטער, געקומען ארמאנר אנטקעגען, וועהרענד דיעזער האט געהאט געפיהרט דיא גרעפין צו איהר פּלאַטץ.

דער אונבעקאנטער האט טיעף בעגריסט דיא גרעפין און ניט ווארטענדיג ביז זיא האט זיך געזעצט האט ער זיך געווענדעט צו ארמאנד:

—זייט איהר ניט הערר ארמאנד לעאָן?

—יא, האט ארמאנד גענטפערט, אויפציטערענדיג.

דער יונגער מאנן האט פערשטאנען אז ער האט דאָ פאר זיך יענעם געהיימ־ניספאָלען מאנן וועלבער וועט איהם ארויספאָדערן אויף א דועל, און פון וועלכען דיא דאמע מים דעם שווארצען האנדשוה האט איהם געסטערן געשפּראכען. ארמאנד האט מורא געהאט ניט פיר זיך, זאנדערן פיר דיא גרעפין. דיעזע האט בעמערקט וויא ארמאנד האט אויפגעציטערט, און וויא אזוי זיין געזיכט האט זיך פערוואלקענט.

מאדאם פון אסטי האט געטראפען וואס דאָ געהט פאר, און איז געווארען זעהר בלאס.

—מיין הערר — האט דער שווארצגעקליידעטער מאנן פארטגעזעצט אין איין אויס־לענדישער אויסשפּראכע — איהר זייט דער זאהן פון קאָלאָנעל לעאָן?

—יא מיין הערר.

—איהר זייט געוועזען אין איטאליען מיט א יאהר צוריק אונגעפעהר, ניט וואהר?

ארמאנד האט צוגעשטימט מיט׳ן קאפּ, בעמערקענדיג:

—מיין הערר, איך געפין אייערע פראגען זעהר צודרינגליך, און אזוי וויא איך האב נאך ניעמאלס געהאט דיא עהרע אייך צו בייגעגנען ביז היינט....

דער איטאליענער האט שפּעטיש געשמייכעלט.

—איך בין מארקיז בעללאַ פּיאַמבינא.

—נון, מיין הערר?

—איך האב געמאכט מיין רייזע נאך פאריז מיט דער איינציגער אבזיכט אייך צו טרעפין.

—מיך?

—און אייך ניט געפינענדיג דאָרט בין איך געקומען ב׳ז נאך באדען.

ארמאנד האט געפיהלט וויא דער ארעם פון דער גרעפין פון פאן אסטי ציי־טערט אין דעם זייניגען.

—און, מיין הערר? — האט ארמאנד געפרעגט פּערדריסליך.

—איהר האט איין מאנאט געוואוינט אין פלארענס, ניט וואר, מיין הערר?

—יא.

—איהר האט געוואוינט אם אופער דעם ארנא ?

—גאנץ ריכטיג.

—און איהר האט זיך צוגעשמייכעלט צו איינער דאמע מיטען נאמען אנזשעלא ?

ארמאנד האט ווידער אויפגעציטערט :

—מיין הערר — האט ער געזאגט — ניט דא איז דער פּלאטץ און ניט דא איז דיא צייט אויפצו־וועקען אזעלכע עראינערונגען, און איך בעט אייך....

—מיין הערר — האט איהם דער איטאליענער אונטערבראכען — איך ערווארט אייך אויף דער פּראָמענאדע אום עלף אוהר ביים ארויסקומען פון באלל.

און דער פרעמדער האט ווידער בעגריסט די גרעפין און איז אוועקגעגאנגען.

בלאס אוו ציטערענד האט זיך מאדאם פאן אסטי געלעהענט אויף ארמאנדס ארעם און האט געפיהלט איהרע קניע בייגען זיך.

—אבערוועך איז דיעזער מאנן ? — האט זיא איהם געפרעגט, אלס דער מאנן האט זיך דערווייטערט.

—איך זעה איהם צום ערשטען מאהל — האט ער געענטפערט — אבער ער איז מיר בעקאנט נאכען נאמען.

דער נאמען אנזשעלא וואס דער פרעמדער מאנן האט דער מאהנט, האט דער גרעפין דערקלערט א״עס. אנזשעלא איז אלזא דיא פרוי, דיא כלה אדער דיא גע־ליעבטע פון דיעזען מארקיז, וועלכער האט אורזאכע אייפערזיכטיג צו זיין אויף ארמאנד.

דיא פרויען האבען א לעבהאפטע פאנטאזי און איינינע ווערטער איז פיר זיי גענוג אום דארויס צוזאמענצושטעלען א גאנצע ליעבעסגעשיכטע.

זיא האט זיך ערקלערט, דאס דער מארקיז איז ניט געוועזען צו הויז, און וועה־רענד דיעזער אבוועזענהייט האט זיך דער יונגער, שיינער און מוטהיגער ארמאנד גע־לאזט איינפיהרען צו דער שיינער אננזשעלא. אלס ארמאנד איז אוועקגעפארען נאך פאריז. איז דער מארקיז דעללא פאמבינא צוריקגעקומען נאך פלאָרענס, האט וואהר־שיינליך ערפאהרען פון אנזשעלא׳ס פערראטה, דורך איין אינטריגאנט, אדער פיל־לייכט דורך א בריעף וואס איז פערגעסין געווארן צו פערברענען, און דער אייפערזיכ־טיגער איטאליענער האט גלייך גנחאפט דיא פאסט, איז געפלויגען נאך פאדיז, פון פאריז נאך באדען, און ער איז גקעומען אום צו פארדערונג גענוגטהואונג.

אזוי האט זיך דיא גרעפין ערקלערט דיא געשיכטע און דער ראָמאן איז גע־וועזען פערטיג, נאר דאס ענדע האט זיא געמאכט ציטטערן. דער גדאנקען דאס דיע־זער בליהענד־שיינער יונגער מאנן קען פאלען פון דער האנד פון דעם אויפגערעגטען מארקיז דעללא פיאָמבענא, האט זיא געווארפען אין פיבער.

דער מארקיז האט פארלאזען דעם זאל. ארמאנד, וועלכער האט פיעל געליטען אין דעם אויגענבליק וואס דער מארקיז האט איהם ארויסגעפאדערט, וויסענדיג אז דאס פעראורזאכט דער גרעפין אומזיסטע ליידען, האט יעצט אנגעקוקט דיא יונגע פרוי און האט פערזוכט צו שמייכלען.

—דיעזער מענש איז פעררוקט — האט ער געזאגט.

—דיעזער מענש איז אויפגערעגט, און ער וויל איך טעדטען — האט די גרעפין געענטפערט ערנסט.

—מען טעדטעט מיך ניט אזוי לייכט — האט ארמאנד זיך געטרייסט.

—איך האף עס.

וויסענדיג וואס פאר א שמוציגע ראָלע ער שפּיעלט געגענאיבער דיעזער פרוי, האט ארמאנד געפיהלט פיעל ערגער, ווי ווען די ארויספאָרדערונג וואלט געווען איין אמת. ער האט צוגעפיהרט די גרעפין צו איהר פּלאַטץ און האט פרובירט ריידען פון אנדערע זאכען; אבער די גרעפין איז געווען צו אויפגערעגט, אום צו קענען ריידען פון עטוואס אנדערס.

מאדאם פאן אסטי האט זיך נאך נאטירליך ניט מודה געווען דאס זיא ליעבט ארמאנד, אבער — ווי זיא האט זיך ערקלערט — זיא האט געפיהלט פיר איהם שטארקעס אינטערעסע, און האט געציטערט ביי דעם געדאנקען דאס דיעזער יונגער מאנן אזוי פריש און יונג, וועט פיליייכט אין איניגע שטונדען ארום זיין טויט.

אבער אזוי ווי די דאמען בעזיטצען די קונסט פון פערשטעלען זיך מעהר ווי די מענער, האט זיך די גרעפין באלד צורעכט געפונען, און דער פריהעריגער שמייכעל האט זיך צוריק בעוויזען אויף איהרע ליפּפּען.

—אייער מארקיז האט איין זעהר אָריגינעלעס געזיכט.

—געפינט איהר אזוי, מאדאם?

—איך געפין עס זעהר שעהן — האט זיא פארטגעזעצט — א מענש קומט אהיים, בעמערקט איין הייזליכעס אונגליק, און האפט גלייך א פאסטוואגען......

ארמאנד האט אויך פערזוכט צו ווייזען א שמייכעל.

—.... און פליהט אריבער איניגע הונדערט מייל — האט די גרעפין פארטגעזעצט — און געפינט אוים דעם שולדיגען אויף א באלל, וועהרענד ער גיט דעם ארעם גצו אנאנדער פרוי....

מאדאם פאן אסטי האט פריילאך געלאכט, וועהרענד איהר הערץ איז צוזאמענגעפּרעסט געווען פון קומער.

—דאס איז ווירקליך זעהר אריגינעל — האט ארמאנד צוגעגעבען.

—איין אנדערער וואלט זיך געפיהלט ענטוואפענט דערזעהענדיג מיך — האט די גרעפין ווייטער געזאגט

—ווירקליך, איך געפין אז דיעזער מאנן איז שלעכט ערצויגען.

—דאס איז אויך מיינע אנזיכט; אבער ווי די זאכע איז, ער וויל זיך שלאגען.

—זיין ווילען זאל געשעהן.

—אבער איך וויל אייך פערטהיידיגען — האט די גרעפין געזאגט, אימער לאבענדיג.

—איהר מיך.... פערטהיידיגען?

—געווים.

—ווי אזוי דענן?

—איך וועל אייך צוריקהאלטען פון שלאגען זיך, דען מען שלאגט זיך ניט מיט דעם מאנן פון א פרוי וועלכע מען ליעבט ניט מעהר.

ארמאנד האט אויפגעציטערט און האט געשוויגען.

—איבעריגענס בין איך פיקייכט אונגערעכט אייך דאס אללעס צו זאגען!

—אונגערעכט?

—יא,.... דערפאר.... וואס איהר ליעבט זיא נאך!....

און דיא גרעפין האט ניעדערגעשלאגען דיא אויגען.

—אח, מאדאם — האט ארמאנד געענטפערט — שוין א היבשע צייט וויא.... איך ליעב ניט מעהר.

—אויב אזוי, דאנן שלאגט זיך ניט!

—צום אונגליק אבער וועט עס דיזער מענש ניט פערשטעהן, ער וויל זיך שלאגען.

—אבער דאס איז דאך העכסט נאריש, גרויזאם....

—איהר האט רעכט, אבער דער מענש וועט מיך בעליידיגען....

ארמאנד איז געוועזען לאגיש, און מאדאם פאן אסטי האט געפיהלט, אז זיא קען איהם ניט מעהר וויעדערלייגען.

—אויב אזוי דאן שלאגט זיך! — און דער גרעפינס שטיממע האט געציטערט — אבער טעדטעט איהם!

דיא אנציהענדע מוזיק פון א פאלקא האט געמאכט א סוף צו דיעזער אונטעררעדונג.

— טאנצט איהר פאלקא? — האט ארמאנד געפרעגט.

געווים!.... קומט!....

און דיא גרעפין האט געטאנצט אם ארעם פון דעם יונגען קאוואליער, וועהרענד איהר הערץ האט זיך צוזאממענגעפרעסט פאר שמערץ.

אלס דיא פאלקא איז געוועזען צו ענדע האט דיא גרעפין געפרעגט:

—וועמען קענט איהר אין באדען?

—דעם מאיאר ארלאוו.

—און וועמען נאך?

—אייער מאנן.

—גוט! ער וועט אייך דיענען אלס סעקונדאנט.

דיא גרעפין האט ארויסגעצויגען איהר האנד פון ארמאנדס ארעם און האט זיך געווענדעט צו איהר מאנן.

דער גראף האט געשפירט יענען גרויזאמען שמערץ וועלכען מען רופט אייפערזוכט.

—מיין גאט! מאדאם! — האט ער געזאגט האסטיג, נאך איידער דיא גרעפין האט צייט געהאט צו זאגען א ווארט — וויא איהר האט מיך גע־

מאכט ליידען! נאך דאס האט מיר געפעהלט, צו זיין אייפערזיכטיג!....

—מיין הערר! איך וואלט געצוקט דיא אכסלען פאר מיטלייד מיט אייך, ווען איך וואלט אייך איצטער ניט געדארפט האבען. אבער איך פערצייהע אייך!

—איהר האט מיך נייטיג! — האט דער גראף אויסגערופען מיט פריידע, פונקט וויא ער וואלט געהאפט ווידער אין גנאדע צו קומען דורך א געפעלינקייט וואס ער וועט זיין פרוי ערווייזען.

—יא — האט דיא גרעפין געענטפערט.

—רעדט, איך בין צו אייער בעפעהל.

—איהר זייט אמאהל געוועזען א גוטער דועליסט, ניט וואהר?

דער גראף האט אויפגעציטטערט און איז בלאס געווארען. זיין פרוי האט מיט איין ווארט ארויסגערופען אין איהם די שרעקליכסטע ערראינערונגען

—איר האט זיך אפט געשלאגען — האט מאדאם פאן אסטי פארטגעזעצט — און איהר ווייסט וויא מען בענעהט זיך אין אזעלכע אנגעלעגענהייטען.

—זאל איך מיך מיט וועמען שלאגען?

—ניין, אבער איהר וועט דיענען אלס צייגע פיר דעם יונגען מאנן וואס האט ביי אונז געשפייזט און מיט וועלכען איך האב איצטער־ערשט געטאנצט.

—פיר הערן ארמאנד....? ער שלאגט זיך? — האט דער גראף געפרעגט מיט ערשטוינען.

—יא, מארגען פארטאג.

—מיט וועמען?

—מיט א ברוטאל.... מיט א איטאליענער.... א מאנן פון א פרוי וואס האט אמאהל געליעבט ארמאנד.

—און איהר ווילט איך זאל איהם דיענען אלס סעקונדאנט? — האט געפרעגט דער גראף וועמען עס האט זיך געדוכט, אז דיא גרעפין ליעבט שוין ארמאנדען.

—איך וויל עס! — האט דיא גרעפין געענטפערט קאלט.

—זאלל זיין אזוי.

—איך וויל עס, ווייל איך ווייס, אז אפטמאהל הענגט אללעס אפ פון א סעקונדאנט וועלכער זוכט צו מאכען א שלום.

א בייזער שמייכעל האט זיך בעוויזען אויף דיא ליפען פון הערין אסטי. ער האט אנגעקוקט זיין פרוי און האט בעמערקט איהרע אונרוהע.

—איהר ווילט אלזא איך זאל דיא גאנצע זאכע ארראנזשירען? — האט ער געזאגט נעקענדיג.

—איך פערלאנג איהר זאלט טהאן אללעס וואס איהר קענט צו דעם צוועק. דיעזער יונגער מאנן אינטערעסירט מיך.

—....און פיליכט זאגאר....

—מיין הערר, איהר ווילט זאגען עטוואס אונפערשעמטעס.... ווען איך זאל ליעבען ארמאנד וואלט איך מיך ניט געווענדעט צו אייך....

דער גראף האט אראפגעלאזען דעם קאפ.

—פערצייהונג.... האט ער געשטאמעלט— איך בין פערריקט!....

אין דעם אויגענבליק זיינען ארמאנד און גראף ארלאוו צוגעקומען צו הערין אסטי.

—מיין הערר האט דיא גרעפין געזאגט צו ארמאנד — איהר מעגט בעטראכטען מאנן אלס איין אלטען פריינד; ער איז צו אייער בעפעהל.

דיא דריי מעננער האבען זיך בעגריסט.

—מיינע הערען, עס איז עלף אוהר — האט דער מאיאר געזאגט — לאמיר ניט לאזען ווארטען אונזער געגנער.

דיא גרעפין האט געווארפען א בעפעהלערישען בליק אויף איהר מאן און האט איהם איינגעראמט שטילל:

—איך רעכען אויף אייך.... פיהרט עס דורך, וועל איך בעסער ווערין.

ארמאנד און זיינע סעקונדאנטען האבען פערלאזען דעם באלל. וועהרענד ארמאנד אין געגאנגען פאראוים בעמיהענדיג זיך צוצוגעבען דיעזער קאמעדיע דעם אנשיין פון א ריכטיגער דראמא, האט דער גראף געזאגט צום מאיאר:

—איך וויים ניט אום וואס דא האנדעלט זיך, נאר וואהרשיינליך איז עס איינע אונוויכטיגע צאנקעריי און מיר וועלכען זעהן דיא גאנצע זאכע אין ארדנונג צו ברייגגען.

—דאס איז אונמעגליך — האט דער מאיאר געזאגט.

—ווארום?

—וייל מיר האבען דא צו טהאן מיט א מאנן וועלכער פיהלט זיך געקריינקט אין זיינער עהרע.

גראף פאן אסטי האט געפיהלט א שטאך אין הארצען. איהם איז אריין דער געדאנקען אין קאפ, דאס פילייכט וועט מען אין קורצען אויך פון איהם אזוי זאגען אין בעצוג אויף ארמאנד. און אין דעם אנפאל פון אייפערזוכט האט ער פערגעססען וואס ער האט געהאט פערשפראכען זיין פרוי צו זיין דער שלום־מאכער, און אין זיין הערצען איז ענטשטאנדען אנאנדער וואונש:

—ווען ער זאלל געטעדטעט ווערען?—האט ער געטראכט.

דער איטאליענישער מארקיז דעללא פיאמבינא, וועלכער איז געוועזען ניט מעהר וויא א ווערקצייג אין דיא הענד פון דער דאמע מיט דער שווארצען האנדשוהע, אזוי וויא דיא גאנצע געשיכטע מיט אנדזשעלא איז געוועזען אויסגעטראכט, איז שוין געשטאנען בערייט אויף דעם בעשטימטען פלאטץ מיט זיינע צוויי עדות, וועלכע ווארען אויך געקליידעט אין שווארצען וויא ער.

—מיינע הערען — האט דער איטאליענישער מארקיז געזאגט צו ארמאנדס סעקונדאנטען — לאמיר שנעל בעשטימען דיא בעדינגונגען, דען דיא פאליציי שפיאנירט מיר נאך. מען וויים שוין אז איך בין געקומען אהער אבזיכטליך אום זיך צוא שלאגען. לאמיר שנעל געפינען א פאסענדען פלאטץ.

—מיינע הערען — האט דער מאיאר געענטפערט — איך האב א גרויסען נאר־

מען בײ מײן הויז, וואוהין דיא פאליצײ וועט ניט אײנדרינגען. מיר האבען צוא וועהלען דיא וואפען; מיר נעהמען דאס שווערט.

....

צעהן מינוטען שפעטער איז הערר אסטי ווידער געקומען צום באלל און האט געפונען זײנע פרוי זיצענדיג אין אנגסטען.

—דיא זאכע לאזט זיך ניט גוט מאכען — האט ער געמעלדעט

—זײ שלאגען זיך, אלזא ?

—יא.

—ווען ?

—מארגען פריה.

—גיט מיר אײער ארעם — האט דיא גרעפין געזאגט — מען קען דא דערשטיקט ווערין. לאמיר געהן !

און דיא גרעפין האט פארלאזען דעם באל זיך קוים האלטענדיג אויף דיא פיס פאר אויפרעגונג.

—זיא ליעבט איהם, זיא ליעבט איהם ! — האט הערר אסטי געטראכט און איז געוועזען וויטהענד.

מאדאם פאן אסטי איז דורכגעגאנגען דעם זאל וויא איין פעראורטהײלטער וועלכען מען פיהרט צו דער תליה. זיא האט זיך געלאזט פיהרען פון איהר מאנן וועלכער האט געפיהלט וויא זיא וויגט זיך און ציטערט, און האט געדריקט איהר ארעם אין זײנעם. אבער דיא פרישע אבענדלופט האט אויף דיא גרעפין געווירקט און זיא איז שנעל געקומען צו זיך.

—ווילט איהר האבען א וואגען ? — האט איהר מאנן געפרעגט.

—ניין, לאמיר געהן צו פוס — האט זיא געענטפערט, מאכענדיג אײנע אנשטרענגונג. נאך אײניגע מינוטען האט זיא זיך שוין געפיהלט אזוי ערהאלט, דאס זיא האט געקענט ערנײערן דיא אונטערהאלטונג וועגען א געגענשטאנד וועלכער האט יעצט בעהערשט איהר גאנצעס וועזען.

—אלזא, אײער פערווענדונג האט ניט גענוצט? — האט זיא נאך אמאהל געפרעגט איהר מאנן.

—איך האב געטהאן אלץ וואס איך האב געקענט.

—און דער מאיאר ?

—דער מאיאר האט קײנע אײנווענדונג געמאכט געגען דיא פאדערונגען פון מארקיז.

מארגעריטא האט געצוקט דיא אכסלען.

—אלזא, שלאגען זײ זיך.

—מארגען אום פינף אוהר.

—אויף וועלכען פלאטץ ?

—אין גארטען פון מאיאר.

דיא גרעפין האט אויפן ציטערט.

—אונטער מיינע פענסטער ! — האט זיא זיך געטראכט.

דער גראף פון אסטי וועלבער איז אימער געוועזען אזוי צאהם און אונטער־טהעניג געגען זיין פרוי, האט פלוצלונג געפיהלט אין זיך מוטה צו זיין בייסענד און קאלט. דאס איז געוועזען דיא ווירקונג פון זיין ווייב׳ס בענעהמען.

—מיינע טהייערע — האט ער געזאגט — איך האב אייך קיינמאהל ניט געזעהן אזוי אויפגערעגט און אזוי בעגייסטערט פיר.עטוואס....

דיא עפין האט פערשטאנען דעם ביטערן שפאט פון דיעזער בעמערקונג.

—וואס ווילט איהר דערמיט זאגען ? — האט זיא געפרעגט.

—איך זאג עס נור וויל איך זעה אייך אזוי אויפגערעגט און ציטערנדיג צוליעב א יונגען מאנן, וועלכען איהר קענט נור זייט דריי טעג, וועמעס נאמען איהר האט ערשט געסטערן ערפאהרען, א וועלבער געהט זיך שלאגען וועגען אנגעלעגענהייטען וועלכע זיינען אונבעקאנט אונז ביידען.

—אבער איין זאך פערגעסט איהר מיין הערר.

—וועלכע ?

—דאס דיעזער אונבעאנטער יונגער מאנן האט געראטעט דאס לעבען פון אייער קינד.

דער גראף האט זיך געביסען דיא ליפען. ער האט געהאט אזא אויסגעצייכענטע ראלע, און פלוצלונג האט איהם דיא גרעפין געמאכט זיינע ראלע אבשייליך.

—דאס איז וואהר — האט ער געשטאמעלט.

—נון זעהט איהר — האט די גרעפין פארטגעזעצט אין שטאלצען שפאט — איך רייד אייך ניט פון מיין לעבען, וויל מיין לעבען דארף אייך זיין גלייכגילטיג.......

—מאדאם......

—און ענדליך פערלאנג איך עס פון אייך אין נאמען פון אייער קינד, דאס איהר זאלט דעם יונגען מאנן ביישטעהן ... זאגאר אויפען פעכט־פלאטץ קען נאך א סעקונ־דאנט אימער פערהיטען א קאטאסטראפע דורך זיין קאלטבלוטיגקייט און בעזאנענהייט.

—איך וועל מיך בעמיהען דאס צו טהאן — האט דער גראף פאן אסטי פערשפראכען אלס זיי זיינען שוין אויסגעקומען ביין הויז ; — איבעריגענס מוז איך אריינגעהן צום מאיאר, וואו דער יונגער מאנן האט מיר פערשפראכען איין צוזאממענטרעפע מיט איהם.

—צו וואס דען ?

—אום צו איבען איין ווייניג אין וואפען מיט איהם.

—געהט — האט דיא גרעפין געזאגט — און ווען איהר זייט מיט איהם פערטיג קוממט ארויף צו מיר.

דעם גראף׳ס אויגען האבען אויפגעלויכטען פאר האפנונג. גראף פון אסטי האט איהם נאך קיינמאל ניט געהאט ערלויבט ארויף צו געהן צו איהר אין צימער נאך אבענדעסען.

—איהר וועט מיר מיטטהיילען — האט דיא גרעפין געענדיגט. וואס פאר א פעכטער ער איז. איך ווייס אז איהר זייט א מבין דארויף.

זיא איז אריין אין הויז, וועהרענד דער גראף האט געצווינגען דיא גלאק אי דעם צווייטען הויז, ביי מאיאר אָרלאָוו.

....

א ווײלע פריהער איז ארמאנד געזעסען אין זיין צימער אין דעם הויז פון דער געהייםניספאלער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה, אלס מאיאר אָרלאָוו איז צו איהם אריינגעקומען און האט איהם געזאגט:

—מאדאם ערווארטעט אייך.

ארמאנד איז יינגעדרונגען אין יענעם צימער מיט דיא דונקעלע פארהאנגען אויף דיא פענסטער, פון וואנען דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה פלעגט נור ארויסגעהן ביי נאכט, אום צו שעפּפען לופט. ער האט זיא געפונען זיצענדיג בלאס און טרויעריג, וויא אימער. זיא האט איהם געגרייכט דיא האנד.

—נון? — האט זיא געפרעגט.

—נון! — האט ארמאנד געענטפערט, אראפּלאזענדיג דיא אויגען צו דר'ערד— עס איז געשעהן!

און ער האט איהר דערצייהלט אלס וואס עס איז פארגעפאלען אויפען באל, ניט דורכלאזענדיג קיין האר, און האט אויך געשילדערט דיא פיין און דיא אויפרעגונג פון דער גרעפין וועהרענד ער איז ארויסגעפאדערט געווארן און אויך נאכהער.

—אח, מאדאם, צו וואס פאר א שענדליכע ראלע איהר האט מיך פעראורטהיילט! איך מוז פערפיהרען איינע ארמע אונשולדיגע פרוי, פיללייכט צוליעב דיא פעהלער אין פערברעכען פון איהר מאנן.

דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט געענטפערט מיט א שמייכעל.

—איהר האט נאך צייט—האט זיא געזאגט—אויב איהר האט ניט דעם מוטה מיר צו געהארכען, אויב איהר ליעבט מיך ניט גענוג אום זיך אנצושליעסען אן מיינע ראבע, דאנן מעגט איהר געהן!

—פערצייהונג! — האט ארמאנד געשטאמעלט—איך ליעב אייך ... און וועל געהארכען.

דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט איהם געגרייכט דיא האנד.

—קינד! — האט זיא געזאגט גוטמיטהיג—האב איך אייך דען ניט געזאגט, דאס מיך צו ליעבען איז איינע העללענפיין, מיר צו געהארכען איז א שקלאפעריי? איהר זייט פיללייכט גערעכט ווען איהר זאגט דאס דיעזע פרוי איז ניט שולדיג אין דיא פעהלערן פון איהר מאנן. אבער גאט וועלכער ווייס וויא אפט דיא אונשולדיגע ליידען דורך דיא זינד פון דיא שולדיגע, גאט וועלכער האט געזעהן וויא דיא כלה האט צוריקקעהרענדיג פון אלטאר אויפגענומען אין איהרע ארעמס איהר בלוטענדען און ערמארדעטען מאנן—דער גאט ווייס אויך, דאס אום צוצוקומען צו דיא שולדיגע איז עס נייטיג זיי צו שלאגען דורך דיא וועלכע זיי האבען ליעב און וועלכע זיינען געבליעבען ריין.

—איך וועל געהארכען.... האט ארמאנד געזאגט.

—דער גראף קומט אהער — האט זיא איהם אונטערבראכען — ער וועט באלד זיין דאָ אין צימער וואו איך וועל איהם קענען בעאבאכטען.

אין דעם אוינגנבליק האבען זיך געלאזט הערין דיא טריט פון גראף אויף דיא טרעפ. דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט זיך אויפגעהויבען, האט פערצווינגען א דראפעריע ביי א וואנד פון צימער און האט ארמאנד ארונטערגעצויגען מיט זיך הינטער דער דראפעריע.

—איהר געהט אריין אהין — האט זיא איהם געזאגט — דער מאיאר וועט באלד אריינגעהן אהער מיט'ן גראף און דער גראף וועט דערזעהן דיעזען ביוסט אויפען קאמין.... בעטראכט נאר גוט זיין געזיכט.... איהר וועט איהם פיליכט זעהן בלאסס ווערענדיג.

אין דעם זעלביגען אויגענבליק האט זיך געעפענט דיא טיר.

—קומט אריין, הערר גראף — האט געזאגט דער מאיאר קומענדיג איהם אנטקעגען, מיין יונגער פריינד האלט אין שליעסען א בריעף, און קומט באלד ארויס צו אונז.

הערר פאן אסטי איז אריינגעקומען. ארמאנד, וועלכער האט געהאלטען זיינע אויגען אויפען גראף דורך דיא לעכער אין דער דראפעריע, האט בעמערקט וויא דער גראף האט געמאכט א פאר טריט גאנץ צערשטרייט, און איז דאנן געבליעבען וויא פאראליזירט פארן ביוסט אויפען קאמין וועלכער איז אין גאנצען געוועזען בעלויכטעט פון דיא ליכט פון דיאביידע זייטען.

—אה, איהר בעטראכטעט אויך דעם ביוסט — האט געזאגט דער מאיאר בלומרשטט גוטמיטהיג און וויא ניט מערקענדיג דיא אויפרעגונג פון גראף.

—ווירקליך.... אויסגעצייכענטע סקולפטור!.... האט הערר אסטי געשטאמעלט.

—דאס איז וואהר, — האט דער מאיאר געזאגט — אבער פיר מיך האט ער נאך א בעזאנדערן ווערטה. דאס איז דער ביוסט פון א טויטען....

דער גראף האט אויפגעציטערט.

—איין ארעמער יונגע, — האט דער מאיאר פארטגעזעצט—וועמעס טויט עס וואר אומגעבען מיט זאנדערבארע אומשטענדע.

—ווירקליך! — האט דער גראף געזאגט, וועהרענד ער האט געפיהלט וויא זיין שטימע ציטערט.

—אין דער פריה האט ער געהייראטעט — האט דער מאיאר דערציילט בלומרשטט וויא פערטיעפט אין זיינע עראינגערונגען......

—און אין אבענדס איז ער געוועזען טויט?.... האט גראף פאן אסטי געענדיגט און האט זיך א וואָרף געטהאן אויפען פאטעל וואס איז געשטאנען ביים קאמין, וועהרענד פון זיין שטירן האבען געטריפט שווערע טראפענס שוויס.

—ניין, ער איז ערמארדעט געווארן.

הערר אסטי האט זיך קאנוואולסיוו אנגעכאפט פארן ארעם פון פאטעל.

—דאס איז זאנדערבאר! — האט הערר אסטי געזאגט מיט א פארשטיקטער שטיממע.

—נאר לאמיר לאזען דיעזע עראינערונגען, וועלכע זיינען מיר אימער שמערצליך און לאמיר זיך בעשעפטיגען מיט אונזער יונגען פריינד.

אין דעם אויגענבליק האט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה געזאגט צו

ארמאנד:

—נעהמ יעצט אין זאל. פארשטעלט זיך פאר א שלעכטען פעכטער. עס איז נייי־טיג אז דער גראף זאל מיינען, דאס איהר ווייסט ניט וויא אומצוגעהן מיט א שווערט.

ארמאנד האט צושטימענד געשאקעלט מיטן קאפ, איז ארויס אין קארידאר און האט פון דער אנדערער זייט אנגעקלאפט אין טיר פון זאל.

די דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט אין דערזעלביגער צייט נאך א מאהל א בליק געטהאן אויף הערכן אסטי דורך די עפענונג אין דער דראפעריע וויא ער איז געזעסען אין פאטעל און האט אנגעקוקט דעם ביוסט מיט שרעק.

—אה! — האט זיא געמורמעלט — איך דערקען דיך מערדער, אבגלייך דיינע האר זיינען ווייס געווארן. דאס ביסטו דאנן ערשיענען אין מיטען באל, אנגעקליידעט אין שווארצען און שמייכלענדיג מיט שפאט, דוא ביסט עס געקומען נעהמען פון מיר מיין מאנן, דוא וועלכער האט איהם ערמארדעט אין יענער שטילער נאכט!....

....

וועהרענד גראף פאן אסטי, וועלכער איז דערוויילע געקומען צו זיך, האט פער־זוכט צו איבען ארמאנד אין פעכטען, אין דער נעגענווארט פון מאיאר ארלאוו, איז די גרעפין פאן אסטי געזעסען אליין אין איהר צימער, ביים אפענעם פענסטער, זובענ־דיג עט׳ואס ערפרישונג פון דער קאלטער אבענד־לופט.

די שטונדע וועלכע איהר מאנן האט צוגעבראכט צוזאמען מיט ארמאנד איז פיר זיא געוועזען א יאהר. אליין ניט מערקענדיג האט זיך מארגעריטא געלאזט הינ־רייסען פון א געפיהל, וואס זיא האט אליין ניט בעגריפען וואס פאר א גוואלטיגע בע־דייטונג דאס האט פיר זיא. זיא האט אין אנפאנג געמיינט אז זיא פיהלט ניט מעהר וויא אינטערעסע פיר ארמאנד, וועלכען זיא האט בעטראכטעט אלס איהר רעטער און האט ניט בעמערקט וויא ער איז געקומען אין בעזיטץ פון איהר גאנצען הערצען. וואס זיא האט אין דיזער שטונדע געליטען, ערווארטענדיג איהר מאנן, איז ניט מעג־ליך וויעדערצוגעבען. דיזען מענשען, וועלכען זיא האט פעראכטעט און ניט ארויפ־געראזען צו זיך אין צימער — איהם האט זיא יעצט ערווארטעט, פונקט וויא ער וואלט געוועזען איהר געליעבטער.

ענדליך איז ער געקומען. ער האט געפונען זיין פרוי בלאס, שטיל, אונבעוועג־ליך איהרע ארעמס געקרייצט אויף דער ברוסט, פונקט וויא זיא וואלט זוכען צו פאר־שטיקען די שטארקע שלעגע פון איהר הערצען.

—נון? וואס הערט זיך? — האט זיא געפרעגט לעבהאפט.

דער אמאהליגער ציניקער און „קאלטער נזקן", איז איצטער בעסער געווארען צייט ער האט אנגעהויבען צו ליעבען זיין ווייב. ער האט זיא געזעהן ניעדערגעשלא־גען, און האט געהערט אין איהר שטימע אזוי פיעל אנגסט, דאס ער האט מיטלייד גע־האט מיט איהר.

—אייער שיצלינג שיעסט נישקשה׳דיג.

—א, איהר נארט מיך אפ — האט זיא געזאגט — איך לעז אין אייערע אויגען

אז איהר נאררט מיך אָפּ....

איינע רעגונג פון אייפערזוכט האט אונטערדריקט דאָס רחמנות־געפיהל פון גראַף.

—דאס איז אמת — האט ער געזאגט הארט — הערר ארמאנד קען גיט פעכטען.

דיא גרעפין האט אויפגעשריען און איז שיער געפאלען אין אנמאכט.

—אה, מאדאם, דאס איז מעהרער וויא אינטערעסע און וויא סימפּאטהיע — האט דער גראף אויסגערופען וויטהענד — דאס איז עטוואס אנדערעס .....

דיא גרעפין האט געציטערט פאר אנגסט, פערצווייפלונג און פורכט.

—וואס דען איז עס, מיינט איהר ?

—דאס איז ליעבע !

—איהר זאגט ליגען ! — האט זיא געזאגט, זיך אויפריכטענדיג מיט שטאלץ — און אין דיעזען אויגענבליק איז זיא געוועזען אויפריכטיג.

—מאדאם — האט דער גראף געשטורמט — איהר האט געהאט דאס רעכט מיר צו שליעסען אייער הערץ, מיך צו פארטרייבען פון אייערע צונייגונג, אבער פארגעסט ניט אז איהר טראגט מיין נאמען ! און אויב איהר האט דאס רעכט ניט צו ליעבע מיך, האט איהר וויינינגסטענס אויך ניט דאס רעכט צו ליעבען א צווייטען.

דיעזע ווערטער האבען דיא שטאלצע מארגעריטא געקריינקט אונגעהייער, און ווייזענדיג דיא טיר צו איהר מאנן, האט זיא געזאגט :

—ארויס ! איהר זייט איין פייגלינג !

דער גראף איז ארויסגעגאנגען. אבער נאך איינינע מינוטען איז עס ליכטיג געווארן אין דער זעעלע פון דער גרעפין. זיא איז געפאלען אויף דיא קניע :

—מיין גאט, דיעזער מענש האט רעכט ! איך ליעב איהם !

....

דאס איז געוועזען א שרעקליכע נאכט פון שלאפלאזיגקייט און פון טאדעס־אנגס־טען פיר דיא גרעפין. אלס עס איז טאג געווארן, איז זיא נאך אימער געזעסען איינ־געבויגען ביין פענסטער, דאס געזיכט אין איהרע הענד, אזוי וויא אין פיבער.

אום 5 אוהר פארטאג האט זיא דערהערט וויא א גערויש, און האט אויפגעציי־טערט. זיא האט געהערט וויא דאס גיטטער־טירל פון מאיארס הויז האט זיך געעפינט, און דאנן א קלונג פון הויזגלעקיל וועלכעס האט אנגעזאגט אז דער מארקיז דעלקא פיאמבינא איז אנגעקומען מיט זיינע סעקונדאנטען.

פון דעם אויגענבליק אן איז מארגעריטא געוועזען אזוי וויא פערשטיינערט, איהר בלוט האט וויא אויפגעהערט צו צירקולירען, איהר הערץ האט ניט געקלאפט, אין איהר אויג איז געוועזען געריכטעט אויף דעם ליידיגען פלאטץ אין איהר גארטען. פון וועל־כען עס האט זיך געלאזט זעהן וואס עס געהט פאר אין גארטען פון שכן.

טריט האבען זיך געהערט סקריפען. דאנן האט זיך א מאנן בעוויזען, א צווייטער און נאכהער א דריטער. דאס איז געוועזען דער מאיאר, ארמאנד און דער גראף פאן אסטי.

ניט אראפגעהמענדיג פון זיי דיא אויגען האט זיך דיא יונגע פרוי געווארפען אויף דיא קניע און האט געבעטען.

א ווײלע שפּעטער איז אויך אנגעקומען דער מארקיז מיט זײנע צווײ אונבעקאנטע. ציטערנדיג וויא א בלאט האט דיא גרעפין געזעהן וויא דיעזע זעכס ליײטע האבען זיך געגריסט, און דאנן, וויא דער מארקיז און ארמאנד האבען אראפּגעווארפען זייערע קליידער, האבען גענומען דיא שווערטען פון זייערע סעקונדאנטען און האבען געקרייצט זייערע קלינגען.

זיא האט געזעהן וויא קלינגען בליטצען פאר דער אויפגעהענדער זאננע, זיא האט געהערט דאס קלינגען פון דיא שווערטען, און דאנן האט זיא פּלוצלונג דערזעהן וויא ארמאנד האט א שפּרונג געטהאן צוריק, האט אראפּגעלאזען זיין שווערט און איז אומגעפאלען.

דיא גרעפין האט אויפגעשריען און איז אומגעפאלען פונקט וויא דאס שווערט פון מארקיז וואלט אויך זיא דורכגעשטאכען דורך דאס הערץ....

אייניגע שטונדען נאכהער איז הער אסטי ארויפגעגאנגען צו זיין פרוי.

ער האט געפונען דיא גרעפין נאך אימער זיצענדיג ביין פענסטער, מיט צוזאמענגעדריקטע ציינער און אויסגעגלאצטע אויגען. ער האט געגלויבט אין ערשטען אויגענבליק אז זיא איז טויט.

אבער אנשטאט צו שרייען נאך הילפע, האט ער לאנגזאם אויפגעהויבען דיא גרעפין און האט זיא צוגעטראגען צום בעט וואו ער האט זיא אוועקגעלייגט. דארט האט ער צוגעלייגט דיא האנד צו איהר הערצען, און האט זיך פערזיכערט אז זיא לעבט נאך.

א פלעשיל מיט עסיג, וועלכעס דיא גרעפין האט פריהער א ווײלע געברויכט, איז געשטאנען אויפען טיש. דער גראף האט דעם אינהאלט ארויסגעשפּריצט אויף א טאשענטיכעל און האט דערמיט איינגעריבען דיא שלייפען און דיא נאזע פון דער אהנמעכטיגער.

דיא גרעפין האט געעפענט דיא אויגען און איז געקומען צו זיך:

—וואו בין איך ? — האט דיא גרעפין געפרעגט.

—איהר זיים ביי זיך מאדאם.

—וואס האט דען פּאסירט ?

א שפּעטישער שמייכעל האט זיך בעוויזען אויפען געזיכט פון גראף.

—דאס איז מיר ניט לייכט אייך צו זאגען. אלעס וואס איך ווייס נור איז, אז איך האב אייך דא געפונען....

און ער האט אנגעוויזען מיטן פינגער אויפען פענסטער.

—אה, איצטער דערמאנן איך מיך! איך האב דיעזע נאכט געפיהלט שלעכט, איך האב מיך אויפגעהויבען און צוגעשלעפּט צום פענסטער, און מיינע כחות האבען מיך אוועקגעלאזען.

—איך קען וועטען אז דאס האט געטראפען אום פינף איהר פארטאג—האט דער גראף געזאגט מיט בייזען שפּאט.

דיעזע ווערטער האבען געמאכט א זאנדערבארען איינדרוק אויף מארגעריטא. עס

האט איהר געקלונגען וויא א בעשולדינונג. צו האט איהר דער גראף ניט געוואלט זאגען, אז זיא איז געפאלען אין אהנמאכט אין דעם אויגענבליק ווען זיא האט געזעהן אז ארמאנד וועמען זיא ליעבט, איז אומגעפאלען.

גליקליכערווייזע האט זיך דיא גרעפין שנעלל צורעכט געפונען, און האט געענטפערט כלומרשט אונשולדיג:

—עהרענווארט....איך ווייס ניט....צו דאס איז געוועזען פינף אדער זעכס.... איך ווייס ניט.

הערר אסטי האט געהאט זיין בייזען שמייכעל.

—איך ווייס נאר אז עס איז געוועזען טאג—האט זיא געענדיגט.

—ווארום האט איהר ניט גשקלונגען?

—איך האב געגלויבט אז איך דארף נאר האבען א ביסעל פרישע לופט.

—איך גלויב ווירקליך אז דאס איז געוועזען ארום 5 אוהר — האט דער גראף וויעדעריהאָלט, האלטענדיג אויף איהר זיין בליק.

—אבער וואס מאכט אייך דיינקען אזוי? — האט דיא גרעפין גיפרעגט כלומרשט גאנץ אונשולדיג.

—וויל איך בין גראדע דאנן אויפגעשטאנען און מיר האט זיך געדוכט דאס איך הער טריט איבער מיין צימער, וועלכעס איז אונטער אייערן, און איך הער א פאל פון א קערפער....

—ווארום זייט איהר ניט ארויפגעגאנגען?

—וויל איך האב ניט געוואגט....

—און אויסערדעם האט מען מיך ערווארטעט.

—וואו דען?

—עהרענווארט — האט דער גראף געזאגט מיט א געמאכטער גוטמוטהיטיגקייט — איך זעה אז איהר געדיינקט קיין זאך ניט מעהר...

— אה, איך ערינער מיך, מיין הערר — האט דיא גרעפין קונציג אויסגערופען — דאס דועל, דאס אונגליקליכע דועל....

און זיא האט געשפיעלט איינע לייכטע אויפרעגונג אום צו בעהאלטען איינע ריכטיגע אונרוהע, איינע שרעקליכע אנגסט וואס האט צוזאמענגעפרעסט איהר הערץ.

—צוליב דעם בין איך ערווארטעט געווארן — האט הערר פאן אסטי געענטפערט, שוין א ביסעל אראפגעשלאָגען פון טראַפ.

—וואס איז אלזא געשעהן? גאר ניט — ניט וואהר? א קליינער קראַץ?....

און דיא גרעפין האט געציטערט ריידענדיג.

—נו, איהר האט א טעות — האט דער גראף געזאגט.

—וויא? איז ער פערוואונדעט?

דיזע פראגען האבען אין גאנצען צושלאגען דעם חשד פון גראף, און בייגענדיג א קניע פאר זיין פרוי האט ער געזאגט: „פערצייהונג, מאדאם, איך האב מיך גע-אירט; איך האב אייך חושד געוועזען אז איהר ליעבט דעם יונגען מאנן, און דאס

איהר האט געוואללט ביישטעהן איהם אין דועל דורכען פענסטער, און איהר זייט אהנ־מעכטיג געווארען אלס איהר האט איהם געזעהן פאללען......"

מאדאם פאן אסטי איז געוועזען זעהר בלאס, אבער איהר מוטה האט נאך איהר ניט געהאט פארלאזען.

—אלזא, איז ער טויט ? — האט זיא געמורמעלט.

ווען דער גראף וואלט דיזעס בעשטעטיגט, קען זיין אז זיא וואלט דאס נאך געקענט איבערטראגען און שפיעלען איהר ראלע ביז ענד: אבער דער גראף האט געענטפערט :

—איהר האט א טעות, מאדאם, ארמאנד איז ניט טויט.

דיא גרעפין וועלכע האט געקענט אויסהאלטען מוטהיג דעם שמערץ, האט פער־לארען דעם קאפ און איז שיער אומגעפאלען פאר פריידע.

—ער לעבט ! ער לעבט ! — האט זיא גערופען.

—יא — האט דער גראף געזאגט.

—ער לעבט ! — האט זיא גערופען מיט בעגייסטערונג — און איהר האט עס מיר ניט גלייך געזאגט ביים אריינגעהן, און האט מיך געמאכטווארטען...... איז דאס וואהר ? נארט איהר מיך ניט אפ ?

און דיא גרעפין האט אנגענומען דיא האנד פון גראף וויא אין געבעט, פארגע־סענדיג אז ער איז איהר מאנן.

— מאדאם — האט דער גראף געענטפערט — איהר מעגט זיין רוהיג ; דער מאנן וועמען איהר ליעבט וועט ניט שטארבען.

אויף דיא ליפען פון גראף האט זיך בעוויזען דער בייזער שמייכעל פון א פער־אורטהיילטען, וועהרענד ער האט פארטגעזעצט :

—איהר זייט שטארק, מאדאם, אבער דער סעקרעט פון אייער הערצען איז אייך דאך ארויסגעפלויגען, און איצטער וייס איך ווארום איהר זייט געפאחלען אין אהנ־מאכט. אדיע.

ער האט געמאכט א טריט צום טיר, און מאדאם פאן אסטי האט איהם געזעהן ארויסגעהענדיג, ניט קענענדיג ארויסברייגגען קיין איינציגעם ווארט, אום איהם צור־צוהאלטען.

אלס ער איז שוין אבער געוועזען אויפען שוועל, האט ער זיך אומגעדרעהט, האט וויעדער צוגעמאכט דיא טיר וועלכע ער האט שוין געהאט געעפענט, און איז צוריקגע־גאנגען צו דער גרעפין.

—מאדאם גרעפין פאן אסטי — האט ער געזאגט מיט איינער רוהע וועלכע איז טויזענד מאהל שרעקליכער געוועזען וויא איין אויסברוך פון צארן — ווילט איהר מיר ערלויבען א קליינע אונטערהאלטונג מיט אייך? איך שווער אייך אז דאס וועט זיין דיא לעצטע.

דיא גרעפין האט געשוויגען.

—איהר זעהט אז איך בין זעהר דיפלאמאטיש ; איך בעט דאנן ווען איך וואגט קענען.... בעפעהלען.

און הערר אסטי וועלכער האט אייגנעזעהן אז ער איז דיזעס' מאהל, וויא מען זאגט, אויפען פערד, האט זיך אניעדערגעזעצט אויף א פאטעל ביין בעט.

—מאדאם, אויב איהר וועט מיר ערלויבען וועל איך אין איניגע ווערטער שילדערן אונזער ביידענס לעבען: איך בין געוועזען איין געמיינער מענש און האב דורך א שענדליכע אינטריגע עררייכט אייער האנד. איין טאג איז דיא חרטה געקומען. איך האב געוואלט ווערין איין עהרליכער מענש, האב געוואלט ליעבען דיא פרוי וועלכע איך בין ניט ווערטה געוועזען צו האבען, איך האב אייך געליעבט, פערגעטערט, און אויב חרטה פערקלענערט דיא שולד, דאנן האט גאט שוין לאנג געזאלט מיר מוחל זיין דען איך האב גענוג געליטען.

אבער איהר, מאדאם, זייט געוועזען אונערביטליך. איהר האט מיר געשלאסען אייער הערץ, האט מיר פערוויינערט אייערע אכטונג, פונקט וויא דיא געזעלשאפט בע־געהט זיך געגען א בעפרייטען קאטארזשניק. מיר האבען געמוזט זיין פרעמד איינער צום אנדערן. איך וועל שליעסען מיינע אויערן צו דער שטימע פון געוויסען, ווייל איהר זייט געוועזען טויב פיר מיינע רייע (חרטה), אבער דער וועלכער האט געבעטען, וועט פון איצטער אן בעפעהלען.

דיא גרעפין האט נאך אימער געשוויגען, אבער אויף איהרע ליפען האט זיך בע־וויזען איין פערעכטליכער שמייכעל, און אין איהרע אויגען האט עטוואס אויפגעבליצט

זיא ליעבט ארמאנד — הייסט עס דען ניט פיר זיא צו שטעלען זיך אויף איין ברעט מיט דעם מאנן, וועמעס נאמען זיא טראגט? איהם ארויסווייזען זיינע אייגענע שוואכהייט — איז עס דען ניט אורזאכע גענוג צו פערצייהען זיינע פערגעהן און אפילו זיינע פערברעכען?

זיא האט געליעבט דעם טויטען גאנטראן דע לאסי, וועלכער איז אומגעקומען פאר דער צייט דורך איהר מאנן, דערפאר וואס דיא לעבעדיגע האבען קיין רעכט אייפערזיכטיג צו זיין אויף עראינערונגען אן א טויטען. און יענע ליעבע און יענע ער־אינערונג האט זיא געהאפט צו בעהאלטען אין איהר הערצען ביז איהר לעצטען טאג. אלס דיא שווערסטע שטראפע פיר דעם מאנן, צוליעב וועלכען גאנטראן איז גע־שטארבען.

אבער מארגעריטא־דע־פאן האט געליעבט ארמאנד, דאס הייסט, א יונגען מאנן, פאלל לעבען, וועלכער וועט הערגעשטעלט זיין פון זיין וואונדע אין עטליכע טעג,— דאס הייסט אלזא אז דיא עראינערונג אן גאנטראן איז אויסגעלאשען. פאלגליך, האט זיא ניט מעהר דאס רעכט צו האסען זיין מערדער, און פאלגליך האט דיזער מענש גע־האט דאס רעכט זיך אויפצוריכטען און איהר צו ריידען פון זיין נאמען און פון זיין עהרע.

אייניגע שטונדען איז דיא אונגליקליכע געזעסען וויא פערלארען אין דיזע גע־דאנקען. אבער אלס איהר קינד איז א ווייליע שפעטער געקומען און האט געווארפען איהרע ראזיגע הענטכאך ארום איהר האלדז, איז זיא עטוואס געקומען צו זיך. זיא האט זיך דאנן געזעצט צום שרייב־טיש און האט געשריעבען צום מאנן פאלגענדען בריעף.

„מיין הערר,

איהר האט דיעזען פריהמארגען געהאט רעכט ווען איהר האט געזאגט, אזדיא אונטערהאלטונג וועלכע מיר האבען געהאט וועט זיין דיא לעצטע. פון איצטער אן קען צווישען אונז קיין ווארט געוועכסעלט ווערין.

איר האט מיר בעקאנט געמאכט אייערע אבזיכטען; ערלויבט מיר אייך בעקאנט צו מאכען מיינע.

איך וויל פארלאזען באדען, מיט אייך אדער אהן אייך. מיר רייזעןביידען אב, אדער איך רייזע אליין.

איהר האט געשפראכען פון געזעטץ, מיין הערר דאס איז ניט נייטיג געוועזען. א עהרליע פרוי איז פיליכט ניט אימער אים שטאנדע צו בלייבען העררין איבער איהר הערצען, אבער זיא איז אימער שטארק גענוג צו בלייבען העררין איבער איהר פאר־שטאנד.

מיר וועלין צוריקקעהרען נאך פאריז און וועלען לעבען וויא פריהער — איך מיט מיינע שמערצען, איהר, וויא אייך וועט געפעלען.

איך בין אייער פרוי, מען רופט מיך גרעפין פאן אסטי, און דערפאר האט איהר דאס רעכט צו פארדערן דאס איך זאל קיינמאהל ניט וויעדערזעהן דעם מאנן אויף וועלכען איהר האט א חשד.

דערפאר אבער האב איך אויך דאס רעכט אייך צו פערביטען דיא סטראשונ־קעס, דיא פארווירפע, דיא פערדעכטיגונג' און הויפטזעכליך אייערס ליעבעסערקלע־רונגען. מיינע ווירדע און אייער עהרע היינגען אפ דערפון. אויב איהר וועט פערגע־סע מיינע בעדינגונגען, וועל איך מעגען פערגעסען דיא בעדינגונגען וואס דיא פליכט לייגט אויף מיך ארויף.

אייער דיענערין

מארגעריטא פאן אסטי,

געבארן דע־פאן."

נאכדעם וויא דער בריף איז געוועזען געשריבען האט זיך מאדאם פאן אסט געווארפען אויפען בעט, וואו זיא איז געלעגען פיבער איינינע שטונדען נאך אנאנד.

נעגען אבענד האט זיא זיך געפיהלט שטארק גענוג אום זיך אויפצוהויבען און טאט גינעבען דיא נייטיגע בעפעהלע פיר איהרע אבריזע. זיא האט פערשלאסען איהר טיר און האט ניט געוואלט אדער געוואנט צו שיקען פרעגען וואס ארמאנד מאכט.

ארום 8 אוהר האט זיא פון איהר מאנן ערהאלטען א צעטעלע געשריעבען מיט בליישטיפט, אין וועלכען פאלגענדעס איז געוועזען צו לעזען.

„מאדאם, מיר פעררייזען, וויל איהר ווילט עס. אבער ערשט מארגען אבענדס, אויב איהר וועט זיין בעסער, דען אייער קאמער־פרוי האט מיר מיטגעטהיילט אז איהר זייט זעהר ליידענד. איך גיעב בעפעהלע פיר אייער אברייזע, אבער וויא שנעל איך זאל עס ניט מאכען, מוז איך האבען דאפיר איינינע שטונדען, און דיעזע פערלאנג איך פון אייך.

גראף פאן אסטי".

זיעבענטעס קאפיטעל.

דער שפיעגעל און דיא גליקס-נעטין.

דער גראף האט ווירקליך זעהר געאייַלט מיט דער פערפערטיגונג צו דער רייזע נאכדעם וויא ער האט געהאט ערהאלטען דעם בריעף פון זיין פרוי, און ער האט נור נאך בענוצט דיא איינינע שטונדען אום אבשיעד צו נעהמען פון איינינע לייטע מיט וועלכע ער איז געקומען אין בעריהרונג אין באדען. ער האט געקינדיגט דיא וואוינונג אויף דער ליכטענטהאל שטראססע און האט בעשטעלט א פאסט־וואגען.

געגען אבענד איז דער גראף אריינגעקומען אין קאזינא און האט זיך געזעצט שפיעלען א ווילע, ניט ווייל ער האט אזוי לוסט געהאט צום שפיעלען, זאנדערן ווייל איהם האט זיך געוואלט האבען עטוואס אויפרעגונג, אום צו פערדריינגען דיא פיין וועלכע ער האט געשפיערט אין הערצען.

עס איז געוועזען ארום 10 אוהר, און דיא שפיעלער ארום גרינעם טיש פון דער רולעטקע זיינען געוועזען אזוי פיעל, דאס פיעלע האבען ניט געהאט קיין פלאץ זיך צו זעטצען, און זיינען געבליעבען שטעהענדיג, ווארפענדיג זייער געלד איבער דיא קעפ פון דיא גליקליכערע, וועלכע האבען געהאט פלעטצער צום זיצען.

ביין ברעג פון לאנגען טיש איז געזעססען א מאנן, בלאס און פערצעהרט, און האט נערוועז געטאפט אין אללע זיינע טאשען. דאן האט ער ארויסגעשלעפט פון ערגעץ דריי גאלד־שטיקער, דיא לעצטע, דיא איינציגע וואס ער האט בעזעססען, וואהרשיינליך דער רעסט פון א פערמעגען, וועלכעס דער שפיעל־טיש האט געהאט פערשלונגען.

דיעזער מאנן האט זיך א ווילע געשלאגען מיט דער דעה פונקט וויא ער וואלט געוואלט אויסגעפינען דעם גינסטיגסטען אויגענבליק, ווען דער גאט צו־צופאלל וועט איהם ביישטעהן און מאכען אויס דיעזע דריי לעצטע גאלדשטיקער דאס פונדאמענט פיר א נייעע פערמעגען. דאנן האט ער אויסגעשטרעקט דעם ארעם, האט געעפינט דיא האנד און דיא דריי גאלשטיקער האבען זיך אוועקגעקייקעלט און האבען זיך אבגעשטעלט אויף דער רויטער פארבע. דער אויפזעהער האט א דרעה געטהאן מיט'ן רולעטקע, עס איז פאראיבער איין אויגענבליק וועלכעס איז געוועזען פיר דעם שפיעלער וויא איין אייביגקייט, און דער אויפזעהער האט אויסגערופען:

—רויט האט פערלארען!“—האט דער אויפזעהער ג:רופען און האט מיט זיין לאפעטקע אריינגעשאטען דיא דריי גאלדשטיקער איז קעסטיל פון באנק.

א ביטערער שמייכעל האט זיך בעוויזען אויפן געזיכט פון שפיעלער. ער האט זיך אויפגעהויבען, האט זיך א ווילע געוויעגט אויף דיא פיס, פונקט וויא ער וואלט פערליערען זיין גלייך־געוויכט, און האט דאן פערלאזען דעם שפיעל־זאאל מורמלענדיג צו זיך אליין:

—דאס מוז נעהמען איין ענדע! איך וועל נאך פעהיג זיין צו פערקויפען

מיינע פיסטאלעטען און צו פערשפיעלען דאס געלד וואס איך וועל קריגען פאר זיי.... איך מוז היינט נעהמען אבשיעד פון דיזער וועלט און געהן אין א בעסערע.

אלס ער שוין געשטאנען אויפען שוועל פון קאזינא און האט געזאלט ארויס אין דיא אלעע, פאר דעם געביידע, האט זיך איהם א יונגער מאנן, מיט א גאנץ יוגענד־ליכען, אויסזעהן, געשטעלט אין וועג.

דאס איז געוועזען א יונגער מאנן אן א בארד פון מיטעלן וואוכס, מיט בלאנדע האר, מיט א רייזע־מיטץ אויפען קאפ.

—כאז דורכגעהן! — האט דער שפיעלער אויסגערופען.

—אייןווארט, האט דער יונגער מאנן געענטפערט — ווען מען געהט זיך אריינ־שיעסען א קוגעל אין קאפ האט מען אימער צייט אויסצוהערן איין ראטה.

—צו וועלכען צוועק? — האט דער שפיעלער געשטאמעלט, גאנץ ערשטוינט, און האט אויפמערקזאם בעטראכטעט זיין בעל דבר, און האט אין אים דערקענט א פרוי אין קאסטיום פון א יונגען מאן.

—וואס פערלאנגט איהר פון מיר?

—אך האב אייך דאך געזאגט, איך וויל אייך געבען א ראטה.

—וואס ניצט מיר יעצט א ראטה?

—פיליכט... הערר גראף פאן ראמא......

—ווער זייט איהר? און פון וואנען ווייסט איהר מיין נאמען?

—איך בין נאט־צופאל, אדער געטין פארטונא, וויא איהר ווילט.

דיא שפיעלער זיינען אבערגלויביש. דער מענש וואס איז יעצט געגאנגען זיך אימברייינגען. האט צוריקגעשפרונגען א טריט און האט אנגעקוקט זיין בעל דבר מיט ערשטוינען און פערוואונדערונג.

—זייט איהר... ווירקליך... צופאל? — האט ער געשטאמעלט.

—פיר אייך, יא.

—און איהר פערלאנגט? — האט דער גראף ראמא געפרעגט אונזיכער, דען דאס איז ווירקליך געוועזען דער גראף ראמא; דער זעבענטער מיטגליעד פון דער געוועזענער געזעלשאפט פון דיא „קאמראדען פון שווערט“, און וועלכער האט געהאט פערשפיעלט זיין פערמעגען אויף דער רולעטקע אין באדען.

זיין שטימע האט געציטערט, און ער האט אויסגעשטרעקט דיא הענד וויא בע־לעהט פון א נייער האפנונג, צו דעריעניגער וועלכע האט זיך גערופען געטין־פארטו־נא, פונקט וויא ער וואלט געהאט ערוואטעט דאס זיא וועט איהם גליך אנשיטען א הויפען גאלד.

—קומט, פאלגט מיר נאך — האט די יונגע פרוי געזאגט קורץ.

—וואוהין?

—קיין אונטערשיעד — קומט!

זיא האט איהם געג מען פארן ארעם, און האט איהם אוועקגעפיהרט אונטער דיא בוימער פון דער אללעע, זוכענדיג א שטילהען ווינקעל, דאנן האט זיא אים בעוואגען זיך אניעדערצוזעטצען אויף א באנק און האט איהם געזאגט:

—הערט מיך אויס און ענטפערט.
—רעדט — האט געזאגט דער אבערגעוויבישער שפּיעלער.
—אלס איך האב אייך בעגעגענט האט איהר געוואלט געהן צו זיך אהיים?
—ריכטיג.
—איהר זייט געגאנגען זיך ארייננשיסען א קוגעל אין מוח?
—יא, מיינע פּיסטאָלעטען זיינען געלאדען זייט היינט פריהמארגען.
—ווארום אבער ווילט איהר זיך אומברייננגען?
—ווייל איך האב מעהר קיין פּפעניג, און האב קיין ירושה צו ערווארטען, און האב קיין פּראָפעסיאן צו פּראקטיצירען, און האב קיינע לוסט איינע צו לערנען. איך בין פון אלעס אפּגעוואוינט און האב נור איין־איינציגע ליידענשאפט — דאס שפּיעלי
—וואס וואלט איהר גיגעבען אום צו קענען שפּיעלען ווייטער, אום צו האבען צוואנציג אדער דרייסיג טויזענד פראנק?....
—דרייסיג טויזענד פראנק! — האט דער שפּיעלער אויסגערופען אויסער זיך פון ערשטוינען — אויב איהר זייט דער טייפעל אליין וועל איך מיט אייך מאכען א קאָנ־טראקט. מיינע זעעלע זאל אייך געהערן.
דיא דאמע אין דיא מענער קליידער האט געצוקט דיא אכסלען.
—אייער זעעלע איז דאס קיינמאל ניט ווערט געוועזען — האט זיא געזאגט — או פּאָר אלעם בין איך ניט דער טייפעל. אבער אויב איהר ווילט מארגען האבען דיא דרייסיג טויזענד פראנק......
—נו? וואס זאל איך טהאן?.... האט געפרעגט דער מאנן, ביי וועמען דאס שפּיעל האט געטעדטעט יעדעס עהרגעפיהל.
—הערט מיך אויס — האט געזאגט דיא אונבעקאנטע — איהר וועט קיינמאל ניט וויסען ווער איך בין, אבער איך וויים ווער איהר זייט....
דער גראף האט געמאכט א בעוועגונג.
—עס איז ניט נייטיג איך זאל אייך דערציילען אייער גאנצע עקזיסטענץ, וועלכע איך קען טאג פאר טאג; אבער איהר האט טהיילגענומען אין א שרעקליכע געזעלשאפט .....
דער גראף ראמא איז אויפגעשפרונגען.
—יענע געזעלשאפט האט געהייסען: „דיא קאמראדען פון שווערט".
—דאס איז וואהר. וויא אזוי ווייסט איהר דאס?
—דאס מאכט ניט אויס. איך קען יעדען איינציגען פון דיא זיעבען „קאמראדען". איהר זייט געוועזען זיעבען, ניט וואהר?
—יא.... זיעבען.
—יעדער איינער פון זיי איז בעזעסען א געוויסע בעוועגונג מיטן שווערט ביין פעכ־טען, א געוויסען געהיימען שלאג, געגען וועלכען דער געגנער וואס אין ניט געוועזען געאיבט דארין, האט זיך ניט געקענט פערטהיידיגען.
—דאס איז וואהר.
—אייערער איז געוועזען א שלאג מיט'ן שווערט איז האלדז, א שלאג פון וועלכען

מען שטארבט ניט, אבער פון וועלכען מען פערליערט אויף אייביג דיא שטימע.

—יא — האט דער גראף צוגעשטימט.

—נון, דיעזען שווערט־שלאג האב איך יעצט נייטיג און איך קויף איהם ביי אייך.

—איהר קויפט איהם?

—יא, פיר דרייסיג טויזענד פראנק.

—אבער ווער זאל דעם שלאג ערהאלטען?

—א מאנן, וואס איך וועל אייך אנצייגען מיטן פינגער. איהר זאלט איהם גלייך ארויספארדערן, אונטער וואס פאר איין אויסרייד עס איז, און מארגען פריה זאלט איהר אייך מיט איהם שלאגען. אויב ער וועט אייך טעדטען, וועט ער אייך האבען פארשפארט דיא מיהע דאס אליין צו טהאן......

—און אויב איך טעדטע איהם?

—דאנן קריעגט איהר גאר ניט — האט דיא אומבעקאננטע געזאגט טרוקען — איך וויל ניט ער זאל שטארבען, נאר ער זאל פערליערען זיינע שטימע. דאס לעבען פון דעם מאנן איז קיינמאל ניט ווערט געוועזען דרייסיג טויזענד פראנק.

—דיעזער מאנן איז אלזא א זינגער — האט דער שפיעלער געלאכט — דאס איהר שעטצט זיין שטימע אזו טהייער.

—ניין — האט דיא אונבעקאנטע געזאגט לאבענדיג — קומט.... און זיא האט דעם שפיעלער צוגעפיהרט צום קאזינא און האט איהם אריינבעגלייט אין זאל וואו מען שפיעלט אין „טראנט־ע־קאראנט" פון 11 אוהר אין דער פריה ביז 11 אוהר אבענדס.

דיא אונבעקאנטע האט א ווארף געטהאן א בליק אויפען שפיעל־טיש און האט דאן געזאגט:

—ער איז נאך דא!

און זיך צובייגענדיג צום אויער פון איהר בעגלייטער האט זיא געזאגט:

—דער מאנן וועמען איך וועל מאכען פיר מיך שפיעלען, איז אייער מאנן, וועמע איהר דארפט ארויספארדערן. — אדיע, מעהר וועט איהר מיך ניט זעהן. אבער דיעזען אבענד, ווען איהר וועט קומען צו זיך אהיים אין אייער האטעל, וועט איהר געפינען א בריעף מיט איינער אנווייזונג אויף דער באנק פון דיא ראטשילד׳ס אין פראנק־פורט. איהר וועט עס קענען אומוועכסלען ביים באנקיער ברענשטיין אין באדען, אבער נור אין דעם פאל ווען איהר וועט דורכפיהרען אונזער קאנטראקט, זאנסט וועט מען דיא אנווייזונג ניט צאהלען.

און דער אומבעקאנטער האט זיך אומגעקעהרט, און איז געגאנגען צום שפיעל־טיש, וואו דער גראף פאן אסטי איז געשטאנען מיט נאך מעהרערע, און האט צו־געקוקט דעם שנעלען וועכסעל פון גליק ביי דיא שפיעלער.

דער געמיינטער יונגער מאנן האט ארויפגעלייגט דיא האנד צום גראף פאן אסטי אויפען אכסעל.

—ענטשולדיגט, מיין הערר — האט ער איהם געזאגט — איך בין צו קליין גע־וואכסען און קען ניט זעהן קיין זאך וואס עס טהוט זיך אויפען טיש. ווילט איהר אזוי פריינדליך זיין און ווארפען פיר מיך דיעזען גאלדשטיק אויף שווארץ?

און ער האט דערלאנגט דעם גראף פאן אסטי א גאלדשטיק.

הער אסטי האט גענומען דאס גאלדשטיק בעטראכטענדיג גאנץ אויבער־פלעכליך דאס געזיכט פון דעם יונגען מאנן, וועלכען ער האט אנגענומען פאר א יונגע פון 15–16 יאהר, און האט איהם געלייגט אויפען שפיעל־טיש. שווארץ האט געוואונען.

—איהר האט געוואונען — האט דער גראף געזאגט צום יונגען מאנן, דערלאנגענ־דיג איהם צוויי גאלדשטיקער.

—דאנקע, מיין הערר — האט געזאגט דער פארשטעלטער יונגער מאנן — איהר האט מיר געבראכט גליק.... גאט וועט איך בעצאהלען!

און דער אונבעקאנטער איז פערשוואונדען און האט פארלאזען דעם זאל.

דאס ערשטוינען פון גראף פון ראמא איז געוועזען אונגעהייער גרויס, אלס ער האט דערקענט דעם גראף פאן אסטי.

אלזא, דער מאנן, וועלכען מען האט איהם אנגעוויעזען, און וועמען ער האט געזאלט פערזעטצען א שווערט־שלאג אין האלדז איז געוועזען איינער פון יענע וועלכע האבען געשפיעלט אזא ראלע מיט דעם שווערט.

—עס איז אלזא דאך פאראנען א פארזעהונג — האט דיעזער מענש געטראכט.

ער האט זיך א ווילע געשלאגען מיט דער דעה און איז געשטאנען אונשליסיג. אבער דאס קלינגען פון דיא גאלד שטיקער האט זיך געלאזט הערען, און דיא אויסרופע פון אויפזעהער וועגען דיא געווינסען האבען עררייכט זיין אויער.

—דרייסיג טויזענד פראנק! — האט ער געמורמעלט — ווען איך וועל זיין קלוג וועל איך קענען שפיעלען צוויי מאנאט, און אפשר מעהרער.... און פיליייכט — ווער ווייס — וועל איך האבען גליק.

און דער שפיעלער איז גענאנגען זיך שטעלען ביין טיר אזוי דאס ער זאל טרעפען דעם גראף ווען ער וועט פארלאזען דיא קאזינא.

—מיינע הערען — האט דער באנקיער גערופען — דאס איז דער לעצטער קאן מאכט אייער שפיעל!

הערר אסטי וואס האט דעם גאנצען אבענד ניט געשפיעלט האט אויסגערופען:

—פינף־און־צוואנציג לואידאר אויף שווארץ!

שווארץ איז ארויסגעקומען איינמאל, צווייטמאל און דריי מאל.

—מאקסימום! (הויפט־טרעפער) — האט דער אויפזעהער געמעלדעט.

—אלעס נעהמט! — האט הערר אסטי געענטפערט.

נאך זעכס מאהל איז אלץ ארויסגעקומען שווארץ און דיא באנק האט געפלאצט.

צערשטרייט האט גראף פאן אסטי אריינגעווארפען א הויפען געלר, גאלד מיט פאפיער צומישט, אין זיין הוט, טורמעלענדיג פאר זיך: „עס שיינט צו זיין ריכטי־

ואס מען זאגט, אז ווער עס האט צו פיעל אונגליק אין ליעבע האט גליק אין שפיעל.
און דער גראף האט זיך געווענדעט צום טיר, בעגלייטעט פון די בליקען פון 50 אדער 60 פערזאן וואס האבען איהם מקנא געוועזען זיין גליק.

אויפען שוועל פון זאל האט איהם ערוואַרטעט א מאן מיט געקרייצטע ארעמס, מיט א געצוואונגענעם שמייכעל אויף די ליפען.

—גוט מארגען, גראף — האט דיעזער מענש געזאגט.

גראף פאן אסטי האט געמאכט א טריט צוריק אלס ער האט דערקענט דיעזען מאנן.

—וואס פערלאנגט איהר פון מיר ? — האט ער געפרעגט האסטיג.

—ריידען מיט אייך.

—ענטשולדיגט, איך גלויב אז איך האב אייך גאר ניט צו זאגען.

—גראף, איהר האט יעצט אין שפיעל געוואונען — האט דער רואינירטער שפיעלער געזאגט.

—וואס געהט עס אייך אן?

—איך האב פערלארן.

—ווילט איהר זיך פיליכט עטוואס אויסבארגען פון מיר ? האט דער גראף געשפאטעט.

—ניין דאס ניט.

—נון דענן, גוטען אבענד, איך בין אייער דיענער.

—איין אויגענבליק. איהר האט געוואונען און איך האב פערלארען, ווייסט איהר ווארום ?

—וואהרשיינליך דערפאר וואס איך האב גליק און איהר ניט.

—ניין, ניט דערפאר.

—ווארום אלזא ?

—איך האב פארשפיעלט דערפאר וואס איהר האט מיר געבראכט אונגליק.

—דאס איז ניט־ווילענדיג, און איך בין אונטערטעניג.

—אָ, ווארט נאך א ווײלע. איך האב מיך היינט בעראטהען מיט א וואהרזאגערין......

—איהר גלויבט דארין ?

—נו, געוויס, זיא האט מיר געזאגט, דאס אויב איך זאל איך טעדטען וועל איך האבען גליק, און איך וויל אייך טעדטען.

דער גראף האט אויפגעציטערט און האט אנגעקוקט זיין בעל־דבר.

אין אנאנדער צייט וואלט העררר אסטי פיליכט געצוקט די אכסלען, וואלט זיין הינדערנים געשטויסען אן א זייט און געהן זיין וועג. אבער אין דעם אויגענבליק איז ער געוועזען אזוי ליעבענסמיעד, אזוי גלייכגילטיג צום לעבען, דאס ער האט אנגענומען די ארויספאדערונג פון גראף ראמאָ מיט א ביטערן שמייכעל אויפען געזיכט:

—נאך אלעמען אויב איהר ווילט זיך דורכאויס שלאגען זעה איך ניט איין ווארום

איך זאל אייך ענטזאגען אין אזא פער עניגען. איך האב פונקט אזוי לוסט צום לעבען וויא איהר, און פיליכט איז עס דער ווילען פון אויבען אז מיר זאלען שטארבען דורכען שווערט, מיר, וועלכע האבען מיט'ן שווערט געזוכט דיא מיטעל צו אונזער עקזיסטענץ. אויב איהר וועט מיך טעדטען, וועט איין אנדערער אייך טעדטען.

—דאס איז מעגליך — האט געענטפערט ראמא, וועלכער האט בשעת מעשה גאר געטראכט אן דער רולעטקע.

—אייער צייט? — האט געפרעגט הערר אסטי.

—מארגען, זיבען אוהר אין דער פריה.

—אין וועלכער ריכטונג?

—וואו איהר ווילט.

—האט איהר סעקונדאנטען?

—ניין, אבער איך וועל זיי זוכען.

—גוט, אין ליכטענטהאל, הינטערן קלויסטער.

—זאל זיין אזוי! — האט דער שפיעלער צוגעשטימט.

—זיי האבען זיך בעגריסט און זיינען זיך צוגאנגען.

דער גראף פון ראמא האט גענומען דעם וועג נאך דעם האטעל, וואו ער האט געוואוינט.

—מיין הערר — האט איהם געזאגט דער האטעל-יונגע אלס ער האט איהם דערזעהן — צוויי הייטע האבען זיך דא אויף אייך געפרעגט.

—איך האב דאך גאר קיינע פריינדע — האט דער שפיעלער ביי זיך געטראכט, און האט דאן צוגעזעצט קויט: — האבען זיי איבערגעלאזט זייערע נאמען?

—זיי ערווארטען אין דעם הערר'נס צימער.

און אלס דער גראף האט גענומען געהן צו זיין צימער, האט דער יונגע געזאגט:

—מען האט דא ערשט אויך געבראכט א בריעף פיר אייך.

דער גראף האט אויפגעריסען דעם קאנווערט און האט געפונען איינע אנווייזונג אויף דרייסיג טויזענד פראנק.

דיא צוויי געמיינטע פריינדע וואס האבען איהם ערווארטעט אין זיין צימער זיינען איהם געוועזען גאנץ אומבעקאנט. דאס זיינען געוועזען פיינגעקליידעטע העררען אין שווארצען, אין אלטער פון 30 ביז 40 יאהר, און א ביסל דונקעלפארביג.

—הערר גראף — האט געזאגט איינער פון דיאביידע הערען — מיר ווייסען אז איהר שלאגט זיך מארגען מיט'ן גראף פאן אסטי און מיר זיינען אייערע סעקונדאנטען.

דער גראף האט בעגריסט און האט ניט געפרעגט ניט וויא זיי הייסען און ניט ווער זיי זיינען, און ניט פארוואס דיא פארשטעלטע דאמע וויל אז גראף פאן אסטי זאל פערליערען זיין שטימע.

—מיר וועלען זיין ביי אייער טיר פונקט אום זעכס אוהר אין דער פריה מיט א וואגען — האט געזאגט דער צווייטער — מיר וועלען מיטברייינגען שווערטען.

דיא צוויי מענער האבען בעגריסט און זיינען אוועקגעגאנגען.

וועהרענד דיעזער צייט האט גראף פאן אסטי אנגעקלונגען ביי דער הויזטיר פון מאיאר אַרקאַוו. דער מאיאָר איז אין יענער צייט געזעסען ביי ארמאנדס בעט.

ארמאנד האט געהאט ערהאלטען א שטיך אין אקסעל, און דיעזער שטיך, וועל־כער איז געוועזען עטוואס שטארקער אלס דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט בעשטעלט, האט איהם פעראורזאכט פיבער און שוואכקייט. אבער דער מאיאר אַרקאַוו, וועלכער האט געהאט א ידיעה אין אזעלכע זאכען, האט פאראויס געזאגט אז ארמאנד וועט זיין אויף דיא פיס אין אכט טאג.

אלס גראף פאן אסטי איז אריינגעקומען איז דער מאיאָר געזעסען אויף אר־מאנס בעט און ארמאנד האט זיך מיט איהם זעהר מונטער אונטערהאלטען.

—גוט מארגען, גראף! — האט דער מאיאר איהם גערופען ענטגעגען — עס איז זעהר ליעבענסווירדיג פון אייער זייט צו קומען מבקר חולה זיין אונזער שיטלינג.

דער גראף האט גערייכט דעם מאיאר דיא האנד און האט אויך גע־גריסט ארמאנד.

—וויא פיהלט איהר?— האט ער געפרעגט.

—בעסער, מיין הערר, פיעל בעסער.

—ליידעט איהר שמערצען?

—כמעט קיינע.

דער גראף האט געהאט א ביטערן שמייכעל אויפען געזיכט:

—איך גלויב דאס איך וועל יעצט מוזען נעהמען אבשיעד פון אייך.

—וויא, איהר פעררייזט?

—מאדאם אסטי און איך דיינקען צו פארלאזען באדען מארגען אבענדס.

—אום צוריקצוקעהרען נאך פאריז?

—יא, אבער דער שיקזאל קען עס נאך אנדערס מאכען.

—וואס ווילט איהר זאגען, גראף?

—דאס איהר האט זיך געשלאגען היינט, און איך וועל מיך שלאגען מארגען.

—איהר! — האט דער מאיאר אויסגערופען מיט א וואונדערבאר געשפיעל־טער פערוואונדערונג.

—איך! הערר גראף.

—מיט וועמען? און פאר וואס?

—מיט איין אונגליקליכען שפיעלער, גראף פאן ראמא, וועמען מיין גליק אין שפיעל האט אויפגעבראכט געגען מיך.

—דאס איז איין אונזין, מיין הערר.

—איך וואלט עס אויך אזוי געפונען, היינט פריהמארגען; אבער היינט אבענדס בין איך געוועזען עטוואס אויפגערעגט, האב געהאט עטוואס פיבער, און האב אנגענו־מען דיא ארויספאדערונג פון גראף ראמא, מיר זאלען זיך שניידען דיא העלדזער מארגען פריה. יעצט פערשטעהט איהר געוויס דעם צוועק פון מיין קומען.

—איך וועל אייך דיענען אלס סעקונדאנט — האט דער מאיאר געענטפערט -- אבער אייער יונגער פריינד שיינט נאך צו זיין אויסער שטאנד אונז בייצושטעהן.

—מיר שיינט אויך אזוי.

—האט איהר אלזא קיינעם אנשטאט איהם ?

—ניין.

—דאנן וועל איך אייך איינעם געבען. איך קען איין אלטען אפיציער וואס האט געדיענט אונטער נאפאלעאן. ער וואהנט אין האטעל ענגלאנד, און וועט אייך גערען לייסטען דיעזען דיענסט.

—אויסגעצייכענט ! – האט דער גראף געזאגט.

—וואו איז דאס צוזאמענטרעפען ?

—אין ליכטענטהאל, הינטערן קלויסטער.

—אום וועלכע שטונדע ?

—זיעבען אוהר אין דער פריה.

—מיר וועלען זיין ביי אייך אום זעכס אוהר.

הערר אסטי האט נאך א ווײלע געפלוידערט מיט'ן פערוואונדעטען און זיין וועכטער, און האט זיך דאנן פעראבשיעדעט.

אריינקומענדיג צו זיך האט ער געטראפען דיא קאמער פרוי פון דער גרעפין.

—וויא געהט עס מאדאם ? — האט ער געפרעגט.

—מאדאם ליידעט אימער אם פיבער ; זיא ליעגט.

גראף פאן אסטי איז ארויפגעשטיעגען צום צימער פון זיין פרוי.

כמעט אין דערזעלבער צייט האט זיך געעפינט א טיר אין דעם צימער וואו ארמאנד איז געלעגען, און דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה איז ערשיענען.

זיא האט זיך געזעצט נעבען בעט האט אנגענומען דעם חולה'ס האנד און האט געפרעגט :

—וויא געהט אייך דיעזען אבענד, פריינד ?

איהר שטימע איז געוועזען צערטליך און זיס און האט דעם פערוואונדעטען גע־ האט אויפגערעגט פאר פריידע.

—איך פיהל גאר קיינע שמערצען, דען איך זעה אייך — דאס איז נור א קראטץ....

—אייער געגנער איז א דומקאפף וואס האט ניט געהיט מיין בעפעהל — און דיא דאמע האט געשמייכעלט — ער האט אייך געוואלט טעדטען......

—נון גוט, פאר אייך וועל איך זיין טויט — האט איהר ארמאנד געענט־ פערט לאבענדיג.

—איהר זייט איין קינד — האט זיא איהם געענטפערט, דריקענדיג קאנוואולסיוו זיין האנד — איהר זייט איין עדלעס אבער פערריקטעס קינד וועלבעס איך וועל א מאהל בעלוינען פיר דיא ערגעבענהייט וועלכע עס וויזט צו מיר. דערווייל אבער מוזט איהר לעבען, מיין פריינד, איהר מוזט לעבען אום געליעבט צו ווערען פון דער גרעפין.

ארמאנד איז אויפגעציטערט געווארן פון דיעזע ווערטער.

—אה, איז עס נאך ניט גענוג? — האט ער געפרעגט.

—ניין.

—וואס נאך איז דען נייטיג?

—עס איז נייטיג אז זיא זאל אייך ליעבען, און.... אבער צו וואס זאל איך אייך שוין בייצייטען איינוויהען אין אייער ראָללע.... עס וועט אייך נאך פיליינט פעהלען מוטה זיא דורכצופיהרען.

—זיא מוז אכזא זיין זעהר שרעקליך, דיעזע ראָלע? — האט ער געפרעגט.

—ניין, עס איז נור נייטיג אז איהר זאלט מיך ליעבען אום צו פיהרען אייער זאכע ביז צום סוף.

—אָ, איך ליעב אייך! — האט ער געענטפערט מיט בעגייסטערונג און ליידענ־שאפט, גאנץ בעצויבערט פון דעם בליק פון דיעזער דאמע.

—דאנן וועט איהר מיר געהארכען.

—קענט איהר נאך דאראָן צווייפלען?

—ניין, און דער בעסטער בעוויז איז וואס איך וועל אייך הייסען שווייגען.

—ווארום?

—וויל איהר האט פיבער און איהר מוזט האבען רוהע. גוטען אבענד!

זיא האט גערריקט אירע ליפען צום בלאסען שטערן פון ארמאַנד האט זיך אויפ־געהויבען, האט איהם צוגעוואונקען „אדיע“ מיט דער האנד און איז פערשוואונדען.

אבער דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט ניט צוריק געקעהרט צו זיך אין צימער. זיא איז ארויף אויפען צווייטען עטאזש און האט צווי מאהל געקלאפט אין א טיר וועלכע האט זיך גלייך געעפענט. דאס איז געוועזען דאס צימער פון גראף אָרלאָוו.

דער מאיאָר איז געגאנגען עפענען דער יונגער דאמע. ער האט צוגעלייגט זיין פינגער צו דיא ליפען און האט געזאגט גאנץ שטיל:

—שווייגט.... קומט!

ער האט זיא אריינגעצויגען אין א ווינקעל פון צימער הינטער זיין בעט דער דיא קער טעפיך וואס איז געלעגען אויף דר'ערד האט דערשטיקט דעם גערויש פון זייערע טריט.

דאָ האט זיך דער מאיאר צוגעבויגען צו א קליינער עפענונג אין וואנד, דורך וואנען עס האט זיך געלאזט זעהן א שטראהל פון ליכטיקייט.

—בליקט אריין אהער! — האט ער געזאגט צו דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה.

דער שטראהל ליכט איז אריינגעקומען דורך א קליינעם לאך אין וואנד, און דיעזע וואנד האט אפגעטהיילט דיעזע וואוינונג פון דער וואוינונג פון גראף אסטי. דיא עפענונג איז געוועזען קליין אין דער זייט פון מאיאָר'ס צימער, ניט גרעסער וויא אום אריינצושטעקען צוויי פינגער, אבער פון דער אנדערער זייטע, וועלכע איז אריינגעקו־מע אין צימער פון דער גרעפין פאן אסטי איז עס געוועזען דריי מאהל אזוי גרויס, און ווען דאס איז נים בעמערקט געווארן פון דיא איינוואוינער פון דעם הויז איז עס

נאר געזעהן דערפאר וואס דיא וואנד איז געוועזען בעהאנגען מיט א געדיכטען וועב דורך וועלכע דיא וואנד האט זיך כמעט ניט געזעהן.

דורך דיעזע עפענונג האט מען געקענט הערען כמעט יעדעס ווארט וואס איז געשפראכען געווארן אין צימער פון דער גרעפין פאן אסטי, און מען האט אויך געקענט זעהן וואס דארט געהט פאר.

דורך דיעזע עפענונג האט עס דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה מיט איין אבענד פריהער געקענט זעהן, וועלכע פיין און וועלכע ליידען דיא גרעפין פאן אסטי איז אויסגעשטאנען פאר ארמאנדס דועל; און נאכען דועל, דורך דיעזע עפענונג האט זיא ערפאהרען דעם ענטשלוס פון גראף צו פארלאזען באדען, און דורך דיא זעלביגע עפענונג האט זיא יעצט אויך געזעהן, וויא מארגאריטא דע פאן איז געזעסען אויפען בעט מיט איהר געזיכט אין איהרע ביידע הענד און האט געוויינט.

—וויא זיא ליעבט איהם! — האט דער מאיאר געזאגט גאנץ שטיל, און וויא בעטענדיג פאר איהר.

אבער דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה איז געבליבען אונבעוועגט און האט געשיינט זיך ניט צו קימערן דאריבער.

—מאדאם, דיינקט איהר צו לאזען טעדטען דעם גראף מארגען?

—ניין — האט זיא געענטפערט.

—אבער......

דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט געוואלט געבען וועלכע אויס־איינאנדערזעטצונג, אלס זייער אויפמערקזאמקייט איז געווארן אנגעצויגען דורך צוויי קלעפ אין טיר פון דיא גרעפין. זיי זיינען געווארן ערשטוינט דערפאר, וואס אזוי שפעט נאך האלבע נאכט וואלט זיך קיינער ערלויבט אזא פרעכהייט, אויסער דעם גראף פאן אסטי, דען דיא קאמערפרוי פון דער גרעפין פלעגט אריינקומען ניט קלאפענדיג.

—ווער איז דארט? — האט דיא גרעפין געפרעגט מיט א בעוועגטער שטימע, און גאנץ איבערגעשראקען.

מען האט איהר ניט געענטפערט, אבער דיא טיר האט זיך געעפענט און דער גראף איז אריינגעקומען.

—איהר, מיין הערר, איהר!? — האט דיא גרעפין אויסגערופען און איז וויא אדיפגעשפרונגען אויף איהר בעט פאר ערשטוינען איבער אזא פרעכהייט.

—איך — האט דער גראף געענטפערט קאלט.

—ארויס פון דאנען!.... פארלאזט דאס צימער!......

—איך מוז מיט אייך ריידען....

—איך וויל ניט און קען אייך ניט אויסהערען.

—איך קום אייך מיטטהיילען דאס איך וועל מארגען פיליכט ניט קענען רייזען מיט אייך.

—גוט, דאנן וועל איך אליין פעררייזען.

—און איך וועל ניט קענען דערפאר וואס איך שלאג מיך מארגען פריה; דעריבער

אויך האב איך מיר גענומען דיא פרייהייט איינצודרינגען אין אייער צימער אין אזא אינגעהעריגע שטונדע, און דאס, שווער איך אייך, האב איך מיך לאנג געשלאגען מיט דער דעה.... איך האב עס ניט געוואלט טהאן......

מאדאם אבטי האט אנגעקוקט איהר מאנן אין העכסטען ענטזעטצען.

—איהר שלאגט זיך מארגען? ווארום? און מיט וועמען? איז עס פיליכט מיט....

—אָ, זייט רוהיג — האט דער גראף געזאגט — בערוהיגט אייך, מאדאם, דאס איז ניט מיט ארמאנד.... אייער ארמאנד....

—מיין הערר, איהר בעליידיגט מיך!

—איך שלאג מיך מיט א נארען, וועלכער האט געזוכט צאנקעריי מיט מיר לעצטען אבענד דערפאר וואס איך האב געוואונען און ער האט פערשפיעלט.

—און איהר האט איינגעווילינגט?

—אָ, איך האלט אזוי וועניג פון מיין לעבען — האט דער גראף געענטפערט גלייכ־גילטיג — דאס איך האב גערן אנגענומען דעם פארשלאג. שטערבען איין מאהל פאר אלע מאהל איז פיעל בעסער וויא צו שטערבען טאג פאר טאג און שטונדע פאר שטונדע.

דיעזעווערטער האבען געריהרט דיא גרעפין מיט רחמנות.

—אבער איך וועל אייך ניט לאזען זיך שלאגען — האט זיא געזאגט — אים נאמען פון אונזער קינד......

דער גראף האט געהאט א טרויעריגען שמייכעל אויף דיא ליפען.

—איצטער איז עס צו שפעט — האט ער געזאגט — מען וועט מיך האלטען פאר א פייגלינג.... אבער גראדע וועגען דעם, אום אייך צו ריידען פון אונזער קינד בין איך אהער געקומען.

—איך הער אייך, מיין הערר, רעדט.

—איך האב דאס פארגעפיהל דאס איך וועל שטארבען—האט דער גראף פארטגע־זעצט — און איך האב געמאכט מיין טעסטאמענט. דאָ איז ער!

און דער גראף האט איבערגעבען זיין פרוי פערזיעגעלטען פאקעט.

—יעצט האב איך נור פון אייך איין זאך צו בעטען.

—זאגט וואס איז עס — האט דיא גרעפין געפרעגט ציטערענדיג פאר אויפרעגונג און ריהרונג.

—אויב איך בין געטעדטעט, וועט איהר פארלאזען באדען, ניט וואהר?

—איך זאג עס אייך צו.

—אדיע, מאדאם!

און דער גראף איז ארויסגעגאנגען ניט דריקענדיג אפילו דיא האנד פון זיין פרוי און איידער זיא האט צייט געהאט איהם צוריקצוהאלטען.

דער גראף איז אריין צו זיך אין צימער. אבער אנשטאט זיך צו לייגען אין בעט האט ער פארבראכט דעם איבעריגען טהייל פון דער נאכט ביים אפענעם פענסטער, איינגעבויגען, טרוימענדיג, און מיט טרערען אין דיא אויגען, עראינערנדיג זיך אן דיא ערשטע צוויי גליקליבע יאהר וועלכע ער האט פערלעבט מיט מארגעריטא דע פאן,

ווען זיא האט נאך געהאט פערטרויען אין איהם, און ער איז געפיהרט געווארן צו בע־
סערע געפיהלע דורך דיא ליעבע צו איהר.

דיא נאכט איז פאראיבער, דיא ערשטע זאנענשטראהלען האבען זיך בעוויעזען
און דער גראף האט דערהערט טריט אין מאיארס גארטען.

ער האט אויפגעבליקט און האט בעמערקט דעם מאיאר אין דער בעגלייטונג פון
א הויכען מאן מיט א גרויען שנורבארט, אין וועלכען הערר אסטי האט גלייך דערקענט
דעם קאפיטאן פו, וועלכען מאיאר ארלאָוו האט איהם גערעדט.

דער גראף האט זיך שנעל אומגעקליידעט, האט געמאכט זיין טואלעטע, און
איז ארויס צו זיינע סעקונדאנטען.

פארבייגעהענדיג דאס צימער פון זיין קינד האט ער געפיהלט וויא זיין הערץ
ברעכט איהם. ער האט נים געפיהלט דיא מאכט צו געהן איינשטעלען זיין לעבען,
איידער פריהער צו בעטראכטען נאך אמאהל דיא געזיכטסציגע פון זיין טאכטער.

אויף דיא שפיטצפינגער איז ער צוגעגאנגען צום קליינעם בעטיל פון זיין קינד,
האט אויפגעהויבען דיא ווייסע פארהאנגלאך, און האט בעטראכטעט דאס זיסע קינ־
דער־געזיכט, מיט דיא ראזיגע בעקעלאך און ליפעלאך. דאן האט ער זיך איינגעבויגען
האט בעריהרט מיט זיינע ליפען דיא שטירן פון דעם קינד, און איז שנעל אוועקגע־
גאנגען, פונקט וויא ער וואלט מורא געהאט אז דער מוטה וועט איהם זינקען אויב ער
וועט זיך נאך לאנג פערזוימען.

דער מאיאר ארלאָוו און דער דייטשער קאפיטאן האבען דערווייל ארומגעשפא־
צירט איבער דער ליכטענטהאל־שטראסע. דער אלטער קאפיטאן האט געטראגען אונ־
טערן ארעם א פאר שווערטען מיט ווירדע און וויכטיגקייט.

דער מאיאר איז געגאנגען דעם גראף אנטקעגען אזוי שנעל וויא ער האט איהם
דערזעהן. ער האט איהם פארגעשטעלט דעם דייטשען קאפיטאן, און נאך דיא געוועהנ־
ליכע בעגריסונגען, זיינען אלע דריי געגאנגען צום בעשטימטען פלאטץ.

דער גראף ראמאַ מיט זיינע געהיימניספאָלע סעקונדאנטען האבען שוין געווארט
אויף דעם בעשטימטען פעכטפלאטץ אלס דער גראף פאן אסטי איז אנגעקומען.ביידע
געגנער האבען זיך בעגריסט, האבען אראפגעווארפען דיא אויבערקליידער, און האבען
אנגעפאנגען צו פעכטען.

....

דיא גרעפין פאן אסטי האט דיא גאנצע נאכט נים געהאט צוגעמאכט קיין
אויג. ערפאהרענדיג דאס איהר מאנן געהט זיך שלאגען האט דיא יונגע פרוי געפיהלט
דיא זעלבינע פיין וויא אין יענע נאכט, ווען זיא האט געוואוסט דאס ארמאנד געהט
זיך שלאגען. אבגלייך זיא האט דעם מענשען געהאסט פאר ריכטיגע אורזאכען, אין
ער דאך געוועזען דער מאנן, וועמעס נאמען זיא האט געטראגען, און דער פאטער פון
איהר קינד. דיא ארעמע גרעפין האט געדעכינט דאס איהר מאנן איז געטריעבען גע־
ווארן צו פערצווייפלונג צוליעב איהר פעראכטען און פערשטויסען איהם, און דאס ער
איז איינגעגאנגען אויף דיא ארויספאדערונג נור מיט דער האפנונג צו מאכען א סוף
פון זיין לעבען.

מאדאם פאן אסטי האט זיך דיזעס איינינע מאהל ווידערהאלט, און איינינע מאהל איז איהר אריינגעקומען דער געדאנקע צו געהן צו איהר מאנן און רייכען דיא האנד און איהם זאגען: „איך פערצייהע אייך!“ אבער איהר שטאלץ האט זיך יעדעס מאהל עמפערט און זיא איז געבליעבען ביי זיך אויף דיא קניע און אין געבעט.

איז דער פריה האט זיא געהערט וויא איהר מאנן איז ארויס און אריין, זיא האט דערקענט זיינע טריט אויף דיא טרעפ, האט געהערט ויא ער איז אריין אין צימער פון זיין קינד, און וויא ער איז דאן ווידער ארויסגעגאנגען אום זיך צו בעגעבען אויפען פעכט־פלאטץ.

פון דעם אויגענבליק אן האט דיא מאדאם פאן אסטי געשפירט וויא איהר הערץ דריקט זיך צוזאמען שמערצהאפט.

זיא האט געווארט א שטונדע — א שטונדע וואס האט פיר זיא געהאט דיא פיין פון א יאהר־הונדערט צוזאמענגענומען — ווען זיא האט ענדליך בעמערקט דורכען פענסטער א וואגען זיך נעהערענדיג.

דאס איז געוועזען דערזעלביגער וואגען וואס האט אוועקגעפיהרט דעם גראף ראמא מיט זיינע סעקונדאנטען.

דער וואגען איז געבליבען שטעהן פארן הויז פון גראף פאן אסטי און א מאנן איז ארויסגעשטיעגען. דאס איז געוועזען דער מאיאר ארלאוו.

דיא גרעפין האט איהם דערקענט און איז איהם געלאפען אנטקעגען אויפשטעהענדיג:

—אה, ער איז טויט! מיין מאן איז טויט!

—ניין מאדאם, אבער ער האט ערהאלטען א שווערע וואונדע וועלכע מאכט זיי לאנגע ערנסט. מען האט איהם אהער ניט געקענט ברייננגען, און ער איז געבליעבען אין א הויז אין ליכטענטהאל.

—קומט!... פיהרט מיך אהין! איך בעט אייך!

אכטעס קאפיטעל.

פולמען אין באדען.

אכט־און־פירציג שטונדען נאך דעם דועל פון גראף ראמא מיט דעם גראף פאן אסטי האט דער אונגליקליכער שפיעלער פארלאזען באדען אין א פאסטוואגען. דאס האט נעמליך פאסירט אזוי:

ער האט אום זיעבען אוהר אין דער פריה זיך געשלאגען, און דער גראף פאן אסטי איז געפאלען מיט א געפעהרליכען שטיך אין האלז.

וועהרענד מען האט דעם געפאלענעם אונטערגעבראכט אין דעם נעהנטסטען הויז און דער מאיאר איז אוועקגעפאהרען אויפזוכען דיא גרעפין אום זיא צו ברייננגען נעבען איהר מאנן, האט גראף ראמא אין בעגלייטונג פון זיינע סעקונדאנטען צוריקגעקעהרט נאך דער שטאדט.

ווי אונגעדולדיג דער שפּיעלער איז אויך געוועזען צו ערהאַלטען דעם פּרייז פון זיין שווערטשלאַג, האָט ער זיך דאָך איינגעהאַלטען זעכס שטונדען איידער ער האָט פאַרגעשטעלט זיין אַנווייזונג ביים באַדישען באַנקיער.

דער באַנקיער האָט איהם זעהר העפליך בעגריסט, ווי יעדער דייטשער באַנקיער בעגריסט איינעם וואָס האָט אַ גרויסע אַנווייזונג, און האָט איהם אַריינגעבעטען אין אַ זייטענצימער. דאָ האָט ער איהם מיט פיעל צערעמאָניע אַנגעבאָטען אַ שטוהל און האָט געזאָגט:

—הערר גראַף, איך האָב די אַנווייזונג אייך צו צאָהלען דעם וועכסעל וועלכען איהר האָט.

—דאָס פרייט מיך — האָט הערר ראַמאָ געשטאַמעלט, נאָכדעם ווי די צ פיעל צערעמאָניעס פון באַנקיער האָבען איהם עטוואָס אונרוהיג געמאַכט.

—נאָר בין איך ערזוכט אייך דאָס אויצוצאָהלען אין דריי מאָהל.

—ווי? — האָט דער שפּיעלער געפרעגט.

—איך בין בערייט אייך אויסצוצאָהלען צעהן טויזענד פראַנק האָט דער באַנקיער געזאָגט קאַלט.

דער שפּיעלער האָט ביז געקנייטשט די שטירן, וועהרענד דער באַנקיער האָט פאָרגעזעצט:

—צעהן טויזענד פראַנק וועל איך אייך אויסצאָהלען אין דעם טאָג ווען איהר וועט פערלאָזען באַדען.

אה, מען וויל איך זאָל אוועקפאָהרען?

—מען ווינשט עס.

—און די דריטע צעהן טויזענד?

—וועט אייך אויסגעצאָהלט ווערען ביי דער ערשטער פּאָסט סטאַציאָן וואו איהר וועט זיך אָפּשטעלען ביים אַרויספאָהרען פון באַדען.

דער גראַף האָט זיך פאַרטראַכט

—לאָמיר זיך גוט בערעכענען — האָט ער גערעדט צו זיך אַליין — מיט צעהן טויזענד פראַנק קען איך שפּרענגען די איין־און־דרייסיג־באַנק אין אַ פירטעל שטונדע. אויב איך פאַרשפּיעל דאַנן בלייבט מיר נאָך איבער צוואַנציג טויזענד פראַנק אום צו געהן נאָך האַמבורג.

דער גראַף האָט געגעבען אַ שיין, האָט איינגעשטעקט די צעהן טויזענד פראַנק, האָט גענומען אַבשיעד פון באַנקיער און איז אוועק געגאַנגען.

נאָך האַלבען טאָג איז ער געקומען אין זאַל פון דער רולעטע.

די פראָפעסיאָנעלע שפּיעלער שפּיעלען זעלטען די רולעטע, ווייל דיעזעס שפּיעל איז צו אויפרעגענד. ראַמאָ האָט געוואָלט דורכגעהן דיעזען זאַל און אַריינגעהן אין דעם צווייטען, וואו מען האָט געשפּיעלט איין־און־דרייסיג, אַלס ער האָט דערהערט פאָלגענדע בעמערקונג פון אַ פּאַריזער דאַמע:

—היינט מוז מען שפּיעלען אויף דער רולעטקע, דאָן־קישאָט איז היינט דער דרעהער.

דאן־קישאט איז געוועזען דיא צונעמענ'ס פון א אויפזעהער וואס איז געוועזען היוף און דאר און מיט א לאנגען און טרויעריגען געזיכט.

—ער דרייט דיא רולעטקע אזוי גלייכמעסיג — האט געזאגט א צווייטער— דאס איינע און דיאזעלבינע נומער קומט אפט ביי איהם ארויס עטליכע מאהל נאכאנאנד.

דיזע אונטערהאלטונג האט אויפמערקזאם געמאכט דעם גראף ראמא. אלס ער האט זיך אפגעשטעלט האט ער געהערט וויא דער אויפזעהער האט אויסגערופען נומער 27.

—פינף לואידאר אויף 27 ! — האט ראמא אויסגערופען.

דיא נומערא 27 האט געוואונען און דער אויפזעהער האט דערלאנגט דעם גראף ראמא דריי טויזענד פינף הונדערט פראנק.

פון דעם אויגענבליק אן האט דעם שפיעלער אנגעהויבען צו געהן, וויא מען זאגט, דורך מיר און דורך טויער. אין איין שטונדע האט ער געשפרענגט דיא רולעטקע און אויך דיא באנק פון איין-און־דרייסיג.

ער האט געשפיעלט אויף דעם פאלגענדען טאג מיט דעמזעלבינע גליק, און אם אבענד האט ער געהאט געוואונען דיא גוואלטיגע סומע פון דריי הונדערט און דרייצעהן טויזענד פראנק. אלס איין אבערגלויבישער שפיעלער איז איהם דיא ציפער 13 ניט געפעלען געווארען.

א הא ! — האט ער זיך געזאגט — איך גלויב אז איך וועל זיין איין עזעל אויב איך זאל איצטער ווייטער שפיעלען. איך מוז איינפאקען מיינע זאכען און פיר א קורצע צייט אוועקפאהרען נאך האמבורג.

דיזען ענטשלוס האט דער גראף ראמא געפאסט אום 11 אוהר ביי נאכט. ער האט איינגעפאקט זיינע זאכען און זיין געלד, און האט בעשטעלט א פאסטוואגען.

אויף מארגען אום צעהן אוהר, נאך איידער דיא קאזינא האט זיך געעפינט, איז דער גראף ראמא שוין געזעסען אין א פאסטוואגען, מיט זיין געלד נעבען זיך, און מיט א דיענער וועלכען ער האט זיך גענומען פון דיא האטעל־דיענער.

פארביי פאהרענדיג דיא באנק פון דעם דייטשען באנקיער, וואו ראמא האט אויסגעוועכסעלט זיין אנווייזונג, איז ער פון באנקיער בעמערקט געווארן. יענער איז ארויסגעלאפען און האט איהם נאכגערופען:

—מיין הערר, מיין הערר ! איהר פעררייזט און איהר פערגעסט אייער געלד !

—ווירקליך ! איך האב גאר ניט געדאכט דאראן.

ער האט צוגענומען צוואנציגטויזענד פראנק, האט בעגריסט דעם באנקיער און האט צוגערופען דעם פאסטילאן:

—פארווערטס ! אין וועג !

פופציג מינוטען שפעטער האט זיך דער וואגען, רייך בעלאדען מיט געלד, אפגעשטעלט אין דעם קליינעם דערפיל אהז, דיא ערשטע פאסט־סטאציאן נאך באדען.

כמעט אין דעמזעלבינען אויגענבליק האט זיך דארט אויך אפגעשטעלט אנ־אנדער פּאָסטוואגען וואס איז אנגעקומען פון שטראסבורג, און וועהרענד גראף ראמא איז ארויסגעשפּרונגען פון זיין וואגען, איז א דאמע ארויסגעשפּרונגען פון דעם צווייטען וואגען.

—זעה נאר, מיר שיינט אז דאס איז פולמען — האט אויסגערופען ראמא.

—קוק נאר אן, מיר ווייזט אויס אז דאס א ז ראף פאן ראמא, — האט אויך דיא דאמע אויסגערופען דערקענענדיג דעם שפּיעלער.

—גוטען מארגען, פולמען.

—גוטען מארגען, גראף.

דער גראף ראמא און פולמען האבען זיך אכט אדער צעהן מאהל געהאט צו־זאמען געטראפען אין דער גרויסער וועלט אין פאריז, וועהרענד ער האט נאך געהאלטען אין פערצעהרען דיא לעצטע ברעקליך פון זיין ירושה.

דער גראף איז צוגעגאנגען צו דער טענצערין, האט העפליכסט גענומען איהר האנד און האט זיא געקיסט.

—וואוהין, מיינע טהייערע? וויא קומט איהר אהער?

—איך געה נאך באדען. און איהר?

—איך קום פון דארטען.

—אה!.... און רואינירט?

—פארקעהרט, איך האב מיך אביסל ערהאָלט. זעהט איהר ניט מיין פּאסט־וואָגען?

—איך גראטולירע. מיר זיינען אלזא רייך?

—וויינינגסטענס זיינען מיר צופריעדען — האט דער גראף געענטפערט אין דעמ־זעלבינען שפּאסהאפטען טאן.

—און וואוהין געהט איהר, גראף?

—מאכען א רהיין־רייזע.

—זייט איהר לאנג געוועזען אין באדען?

—זייט א מאנאט.

—קענט איהר מיר געבען וועלכע אויסקונפט?

—באמיר הערן; איך בין צו בעפעהל.

—זיינען דא פיעלע פראנצויזען אין באדען?

—זעהר וועניג.

—קענט איהר זיי?

—אלעמען. צוערשט איז דער גראף פאן אסטי.

פולמען האט געמאכט אלעבהאפטע בעוועגונג, וועהרענד דער שפּיעלער האט פארטגעזעצט.

—אבער איך דיינק, ער וועט דארט לאנג ניט זיין.

—האלט ער דענן ביין אוועקפאהרען?

—יא.... אין א בעסערע וועלט.

—וויא ? וואס מיינט איהר דערמיט ? איז דער גראף קראנק ?

—עהרענוואָרט, מיינע טהייערע, עס איז א ביסל מיין אייגענע שולד.

—אייער שולד ?

—יא, פארגעסטערן פריה האב איך איהם פערזעצט א שלאג מיטן שווערט אין האלדז.

—איהר ! — האט פולמען אויסגערופען צוריסטרעטענדיג.

—מיין גאט, וואס פאר איין איינדרוק דאס האט אויף אייך געמאכט ! זייט איהר אין איהם פערליעבט ?

—וואס פאר א דומער שפאס.... איך קען זיינע פרוי און דורך איהר קען איך איהם......

באה ! ווען איך זאל דאס וויסען ... דיא גאנצע געשיכטע איז צוגעגאנגען אזוי וואונדערבאר, וויא א טרוים.... מען האט מיך געצוואונגען איהם דיזען שווערט־שלאג צו געבען.

—מען האט אייך געצוואונגען ?

—איך בין געוועזען האלב פעררי‍קט.... איך האב געהאט אלעס פערלארען.... איך בין געגאנגען מיר ארייבשיסען א קויל אין קאפ......

נון ?

—נון ! דאן איז פלוצלונג צוגעקומען צו מיר א יונגער מאנן, אדער.... ניין ניבער א יונגע פרוי אנגעטהאן וויא א מאנן......

—א פרוי ?

—יא, שלאנק, בלאנד, בלאס.... מיט דונקעל־בלויע אויגען.

—זיא ! — האט זיך פולמען געטראכט.

דער גראף ראמא האט זיך שוין לאנג אויפגעהערט צו שעמען און ער האט דער־ציילט פולמען דיא אבשייליכע ראלע וואס ער האט געשפיעלט. פולמען האט איהם אויסגעהערט, איינהאלטענדיג זיך איהם ניט ארויסצוזאגען וועלכע פעראכטונג זיא פילט פיר איהם, דען איהר האט זיך געוואלט איהם אויסזרענען ווייטער.

—איהר וועט האבען א שלעכטען סוף, מיין ליעבער גראף — האט פולמען געזאגט מיט א פעראכטליכען שמייכעל — אייער גאלד איז בעפלעקט מיט בלוט.... עס ברייננט אונגליק.

—דערוויילע האט עס מיר געבראכט גליק — האט ראמא געלאכט.

—זיינען דאס אלע פראנצויזען וועלכע וואוינען יעצט אין בארען ? — האט פולמען ווייטער געפרעגט.

—א ניין, עס זיינען דא נאך ! מארקיז פאן קוויזיע, באראנעסע פאן מיראן, גראף און גרעפין פאן נייפאנט.... און דאן איין רוסע וואס איז האלב פראנצויז און וואוינט א טיר ביי א טיר מיט דיא אסטי׳ס, און איז אויך געוועזען זיין סעקונדאנט.

—וויא הייסט ער ?

—מאיאר גראף ארלאוו.

—אה ! — האט פולמען און געמאכט האט גע.וכט צו אונטערדריקען איהר אויפרע־גונג— איז ער אליין ?

—ניין, מיט א יונגען מאנן.

—וואהרשיינליך מיט יענעם.... וואס....

—ניין, ניין, מיט א ריכטיגען יונגען מאנן, א פראנצויז, זיינער א **פריינד**. ער וואוינט מיט איהם.

—ווי רופט מען איהם?

—ארמאנד.

פולמען איז געווארען בלאס.

—און ער איז דער פריינד פון מאיאר ארלאוו? — האט זיא געפרעגט מיט א פערענדערטער שטימע.

—געוויס, און אויך דער גראף פאן אסטי איז זיין פריינד, צייט ער איז פערוואונדעט.

—פערוואונדעט? ווער, דער גראף?

—ניין.... ארמאנד.

פולמען האט אויפגעשריען.

—אה, טייפעל! — האט דער שפיעלער אויסגערופען — ארמאנד איז געווים אייער פריינד! בערוהיגט אייך, מיינע טהייערע, זיין וואונדע איז לייכט, נור א קראטץ....

—אבער מיט ווענען האט ער זיך דען געשלאגען? — האט פולמען געפרעגט מיט פערצווייפלונג.

—מיט איין איטאליענער, עפעס איין מארקיז.... איך האב פערגעסען זיין נאמען.

—אבער ווארום? צוליעב וואס?

—ווי מען האט גערעדט, צוליב עפעס א פרוי.... עס איז איין אלטע געשיכטע איבער וועלכע איהר דארפט ניט זיין אייפערזיכטיג.... דאס שטאמט נאך פון פלארענס, און שוין פון א יאהר צוריק....

—אלזא איז ער דער פריינד פון מאיאר ארלאוו?

—ארעמע פולמען — האט גראף ראמא געזאגט — ליעבט איהר דיעזען יונגען מאנן?

—פיליייכט.

—דאנן בעדויער איך אייך.

—ווארום?

—וייל, ווי מען זאגט, ליעבט ער איינע אנדערע.

—אָ, איך וויים עס, איינע גליק־זובערקע א זאנדערבארע פרוי וואס טראגט א שווארצע האנדשוה......

—אח, ניין, ניט דיא....

— מיין גאט, ווער זען דען?

—דער יונגער הערר ארמאנד איז פערליעבט אין דע גרעפין פאן אסטי.

פולמען האט אויסגעשטעלט א פאר אויגען פאר ערשטוינונג.

—איך גלויב איך ווער פעררינקט — האט זיא געזאגט.

זיא איז אריין אין ווירטסהויז פון סטאציאן, נאכדעם ווי זיא האט מיט איינער האנדבעוועגונג גענומען אבשיעד פון גראף ראמא.

דערווײלע זײנען דיא פערד אומגעביטען געווארן - אין בײדע פאסטװעגען, און בײדע זײנען בעשטיגען זײערע קארעטעס אום צו פאהרען װײטער.

טראָץ דיא אויפמונטערונגען פון איהר קאמערפרוי װעלבע איז מיט איהר מיט־געאהרען, איז פולמען געזעסען װיא אהן א קאפּ, מורמעלענדיג צו זיך אלײן:

—ארמאנד איז דער פרײנד פון גראף ארלאו.... גראף פאן אסטי האלט ביי שטארבען.... פון א שווערט־שלאג פיר װעלבען זיא האט בעצאהלט.... װאס זאל דאס אלעס בעדייטען ? מײן גאט, מײן גאט !......

דער װאגען האט געראלט שנעל, און אין א שטונדע שפּעטער איז פולמען אנגעקומען נאך באדען און איז פערפאהרען אין האטעל „ענגלאנד", דער נעהנטסטער צו דער ליכטענטהאל־שטראסע. נאך דעם אלעס װאס זיא האט ערפאהרען האט דיא טענצערין ניט מעהר געדאכט אריינצופאהרען גלײך צו דער גרעפין.

אזוי שנעל װיא זיא האט זיך אומגעקלײדעט האט זיא פערלאנגט א װאגען און האט זיך געלאזט צופיהרע צום הויז פון מאיאר ארלאוו.

—איך מוז זעהען ארמאנד! — האט זיא זיך געזאגט — איך מוז איהם זעהען אום יעדען פרייז.

פולמען האט זיך גערעכנט אז מען װעט איהר ניט אריינלאזען אין מאיאר ארלאו'ס הויז, און דאס מען װעט איהר ניט צולאזען צו ארמאנד. אויך איז דאס אין פאר אוים ענטשלאסען געװעזען ענערגיש אויפצוטרעטען. אבער פולמען האט געהאט א טעות. זיא האט אנגעקלונגען און א דיענער אין א שװארצען ליװרעע האט איהר גע־עפענט דיא טיר.

—װאוינט דאָ מאיאר אָרלאָװ ? — האט זיא געפרעגט.

—היער — האט דער דיענער געענטפערט זיך אפקעהרענדיג און א זייט.

פולמען האט דורכגעשפרייזט דעם גארטען און דער דיענער האט זיא אריינגע־פיהרט אין א קלײנעם זומער־זאל, און האט געזאגט:

—דער הער גראף איז אויסגעגאנגען, אבער אויב מאדאם וויל װארטען....

—אבער העררר ארמאנד איז דאך ניט אויסגעגאנגען ?

—אָ, ניין, ער ליעגט נאך צו בעט, אבער עס געהט איהם בעסער.

—אה — האט פולמען געמאכט אויפשטראהלענדיג פאר פריידע.

—מאדאם קענט איהם ?

—איהם קום איך דאס זעהן — האט זיא געזאגט מיט ריהרונג.

—מאדאם קען מיט מיר געהן צו איהם.

פולמען האט שיער אויסגעשריען פאר פריידע, זעהענדיג װיא אלע הינדערניסע זײנען אפּגעראמט פון איהר װעג. זיא איז נאכגעגאנגען דעם דיענער, װעלכער האט זיא ארױפגעפיהרט אױפען צוױטען עטאזש, צו ארמאנדס צימער.

ארמאנד איז געװעזען אלײן. אנגעלעהנט אן זיין קיסען איז ער געזעסען און האט געלעזען. אלס דיא טיר האט זיך געעפענט האט ער אויפגעהויבען דיא אויגען.

—פולמען! — האט ער אויסגערופען ערשטוינט, במעט מיט פריידע.

דיא יונגע דאמע איז צוגעלאפען צו איהם און האט איהם אומארעמט:

—אה, טהייערער ארמאנד, איהר לעבט אלזא!
—וויא עס ווייזט אויס האט זיך דיא נייעס פון מיין טויט שטארק פערברייטעט—האט ער געלאכט.
—איך האב געהערט אז איהר האט זיך געשלאגען.
—אָה נור א קראַטץ......
—אבער מיט וועמען? און ווארום?
—ש ש ש! — האט ארמאנד געזאגט ארויפלייגענדיג זיין פינגער אויף זיינע ליפּען — דאס איז מיין סעקרעט.
פולמען האט זיך געפיהלט שטארק געטראפען פון דיזע ווערטער.
—אה, איהר האט רעכט! —האט זיא אויסגערופען — איך דארף ניט מעהר וויסע אייערע סעקרעטען. עס איז גענוג פיר מיך צו געפינען אייך דא, אונטער א פריינד'ן ליבען דאך.
—זייט איהר אויסער זינען, מיינע גוטע פולמען? — האט ארמאנד זיך צולאכט— וואספאלט אייך איין? א פריינדליבעס דאך.... דא וואוינט דאך מאיאר אַרקאַוו מיין פריינד.
—אייער פריינד! אה, אונגליקליכער! דיעזער מאנן, וועמען איהר רופט אייער פריינד, איז ער דען ניט דאס בלינדע ווערקצייג אין דיא הענד פון יענער דאמע וועלכע איהר ליעבט, און וועלכע האט אייך און וועט אייך פיהרען אין פערדערבען...
—גוט! — האט ארמאנד געזאגט אימער לאכענדיג — דאַ האט איהר דאס פאר־טרעט פון דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה!.... בערוהיגט זיך, איך ליעב זיא ניט מעהר.
פולמען איז אפגעשפרונגען א טריט צוריק.
—איהר ליעבט זיא ניט מעהר! — האט זיא אויסגערופען מיט דעם אויסדרוק פון העכסטען ערשטוינען אויף איהר געזיכט.
ארמאנד איז ניט מעהר געוועזען יענער יונגער מאנן מיט דעם אופריכטיגען בליק און עהרליכען שמייכעל, וועלכער האט ניט געקענט קיין ליגען זאגען. מען האט איהם געצוואונגען צו שפילען א ראלע, און ער האט זיא געשפּיעלט געוויסענהאפט.
—ניין מיין טהייערע פולמען, איך ליעב זיא ניט מעהר — האט ער געזאגט — דיא ליעבע קומט און געהט וויא אלע זאכען......
—אבער זיא איז דאך דא, דיעזע פרוי — האט פולמען געזאגט.
—דאַ? עס חלומט זי אייך, פולמען! איך בעוואהנע דיזעס הויז מיט'ן מאיאַר.
פולמען האט אנגעקוקט ארמאנד מיט איהר רוהיגען קלארען בליק.
מיין טהייערער ארמאנד — האט זיא איהם געזאגט — איהר זייט אין דיעזען אויגענבליק איין שקלאפע. מען האט אייך געהייסען שפּיעלען א ראללע, און איהר שפּיעלט; מען האט אייך געהייסען זאגט ליגען, און איהר זאגט. ארעמער בלינדער! איך וועל אייך רעטען געגען אייער ווילען!
זיא האט זיך שטאלץ אויפגעריכטעט, האט בעגריסט דעם יונגען מאנן מיט א

האנד־בעוועגונג און איז ארויסגעגאנגען, איידער נאך ארמאנד האט געקענט דיינקען זיא צוריקצוהאלטען.

פולמען האט בעשטיגען דעם וואגען און האט געהייסען איהר קוטשער פאהרען נאך ליכטענטהאל, הינטערן קלויסטער. דארט האט עס גראף פאן אסטי ערהאלטען דעם שווערט־שלאג אין האלדז, און ניט ווייט פון דארט אין א בעקאנטען קאפע־הויז האט מען איהם אונטערגעבראכט אין א צימער. דער מאיאר ארלאוו האט דאן געהאט דערקלערט דאס אסטי וועט ניט איבערלעבען: אויב מען וועט איהם ווייט טראגען, און דיא ערצטע וועלכע מען האט דארויף גערופען, האבען עס בעשטעטיגט.

אלס פולמען איז אהין געקומען האט זיא געפונען מאדאם אסטי זיצענדיג בייז בעט פון איהר קראנקען מאנן און זיך בעשעפטיגענד ארום איהם.ביידע פרויען האבען אויפגעשריען פאר פריידע און זיינען זיך געפאלען אין דיא ארעמס.

נײנטעס קאפיטעל.

פולמען און דיא דאמע מיט'ן שווארצען האנדשוה.

פ פצעהן טעג זיינען פאראיבער. הערר פאן אסטי איז אונטער דער צייט ארויבערגעבראכט געווארען צו זיך נאך הויז ער האט זיין שטימע ניט צוריקגעוואונען, אבער דיא ערצטע האבען פערזיכערט אז ער וועט אין גאנצען געזונד ווער. און דיא פופצעהן טעג האט דיא גרעפין ניט פארלאזען דאס צימער וואו איהר קראנקער מאנן איז געלעגען.

דער מאיאר ארלאוו האט עטליכע מאהל געשיקט זיך ערקונדיגען וואס דער גראף מאכט, אבער אליין איז ער ניט געקומען, אנגעבענדיג אלס אורזאכע דאס ער ליידעט פון א שטארקען רהייסאטיזם.

אין דיא פופצעהן טעג האט דיא גרעפין קיינע נייעס געהערט וועגען ארמאנד זיא האט אין דיא גאנצע צייט זיין נאמען ניט דערמאהנט, און דאך האט זיא איהם געליעבט... גראדע זיינע אבוועזענהייט און איהרע איינזאמקייט האבען שטארקער געמאכט איהרע צונייגונג צו איהם. זיא האט איהם געליעבט, און זיא האט דאך זיין נאמען ניט דערמאנט און פולמען האט קיין העזה געהאט איבער איהם מיט איהר צו ריידען. דיא גרעפין איז געווארען וועניגער שטרענג צו איהר מאנן, צייט זיא האט איהם געזעהן אין לעבענסגעפאהר, און צייט זיא האט בעגריפען פון איהר אייגענעם הערצען, וו א פיעל איינער מוז ליידען ווען ער ליעבט און ווערט ניט געליעבט. עס פערשטעהט זיך דאס אין דעם קראנקען־צימער פון איהר מאנן האט זיא דעם נאמען ארמאנד ניט דערמאהנט.

פולמען ווידער האט וועגען אנדערע גרינדע ניט דערמאהנט ארמאנד. זיא האט טאפפענדיג אין דער פינסטער בעגריפען דיא שרעקליכע מאשינעריי פון דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה. זיא האט געוואוסט דעם ריכטיגען נאמען פון דיזער דאמע, פון יענעם טאג אן וואס דער טויט האט הינגעריסען קאפיטאן העקטאר לעמלין, און זיא האט פערשטאנען דאס ארמאנד קען נור דערוועקען אין איהר א געפיהל פון האס

אבער אין דער צייט ווען דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט געזוכט צו דערוויטערן פון זיך ארמאנד און צו אנטלויפען פון איהם, איז זיא געוועזען אין פול־מענם אויגען ווענינער שרעקליך וויא איצט, ווען זיא האט געמאכט ארמאנד פאר איהר מיט פערשווארענעם.

און דאס ער איז עס האט זיא גאר ניט געקענט צווייפלען. ארמאנד וואוינט אין הויז פון גראף ארלאוו און רופט איהם פריינד, און זוכט איינצורייזען איהר, פולמען, דאס דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה איז דא גאר ניטא! זיא! יענע זאנ־דערבארע דאמע, האט פון איהם געמאכט איהר שקלאפען!

—איך מוז פון איהר ארונטער רייסען דיא מאסקע! — האט זיך פולמען געזאגט — און איך מוז איהם רעטען.

זיא האט דעריבער געשוויגען, האט זיך געמאכט פונקט וויא זיא וואלט אר־מאנד גאר ניט געקענט.

אבער זיא האט בעמערקט וויא דיא גרעפין פלעגט ווערען אויפגעציטערט יעדעס מאהל ווען זיא פלעגט ערהאלטען א צעטיל פון מאיאר ארלאוו, וואס א דיענער פלעגט בריינגען.

—איהר וועט דאנקען אין מיין נאמען דעם הערן גראף. הערצען אסטי געהט עס בעסער.—פלעגט זיא זאגען.

און פולמען פלעגט ביי זיך טראכטען: „זיא האט געהאפט צו געפינען אין צעטעלע עפים א ווארט ווענען ארמאנד. ארמע פריי, זיא ליעבט איהם!

אין אנפאנג איז פולמען געווארן א ביסעל אייפערזיכטיג. אבער פולמען איז גע־ווען, צו עדעל און גוטמיטהיג אום דיעזעס געפיהל לאנג אנצוהאלטען. אין איינינע טעג האט זיא זיך געזאגט:

—זיא ליעבט איהם! גוט, איך וועל זעהן אז זיא זאל אויך געליעבט ווערען. דאס איז אימער בעסער וויא איהם צו לאזען אין דער שרעקליכער געוואלט פון יע־נער דאמע.

....

איין אבענד ארום זעכס אדער זיעבען אוהר, איז הערר אסטי ארויסגעטראגען געווארן אויף א זאפא אויפען באלקאן פון ערשטען עטאזש פון דעם קליינעם הויז. דער גראף איז געוועזען בעסער אבער ריידען האט ער נאך ניט געקענט. ער איז געלעגען בליקענדיג ווייט פאר זיך און שעפענדיג לעבען פון דער פרישער אבענדלופט. מאדאם פאן אסטי איז געזעסען נעבען איהם און האט געהאלטען איינע פון זיינע הענד אין איהרע. פולמען האט זיך געהאט אריבערגעבויגען איבערן פארענץ פון באל־קאן, און האט געווארפען א בליק אין גראף ארלאוו'ס גארטען, האפענדיג צו ענטדעקען וועלכע שפור פון איהר טהייערן ארמאנד.

איינינע מאהל האט דער גראף פאן אסטי אויפגעהויבען זיין בליק אויף זיין פרוי און זיינע אויגען זיינען געוועזען פול מיט טרעהרען, און עס האט אויסגעוויעזען פונקט וויא ער וואלט זאגען:

—איהר זייט גוט וויא איין ענגעל, און איך פיהל איהר פערצייהעט מיר.... א, וויא וואלט איך איצטער וועלען לעבען......

פלוצליג האט דאס גגעקיל ביין טיר א קלונג געטהאן, אנזאגענדיג דאס וואו עס איז אין דרויסען ביין טיר.

עס זיינען דא אויגענבליקע ווען די מענשליכע זעעלע און דאס געהער (חוש השמיעה) פערשטעהן זיך גוט. אין אזא שטימונג זיינען יעצט געוועזען דיעזע דריי פערזאנען אויפען באלקאן. דער קלונג פון גלעקיל האט געמאכט קאפען שטארק אלע דריי הערצער אויף א מאהל.

דער קראנקער גראף איז געווארן בלאס, און פולמען מיט דער גרעפין האבען זיך אנגעקוקט מיט א געוויסען שרעק, אליין ניט וויסענדיג ווארום. צוואנציג מאהל אין טאג פלעגט דער גלעקיל קלינגען, צוואנציג מאהל א טאג פלעגט זיך דיא טיר עפנען פאר פערשיעדענע פערזאנען, און דאך האט זיי אויסגעוויעזען דאס דיעזער קלונג איז בעזאנדערס געררוישפול, פונקט ויא ער וואלט אנזאגען עטוואס בייזעס.

באלד דארויף איז א דיענער ערשיענען:

—דאס איז גראף ארלאוו און זיין פריינד — האט ער געמעלדעט — וועלבע זיינע געקומען זעהן וואס דער הערר גראף מאכט.

פון בלאס איז דער גראף געווארן גערבלאך.

—ארמאנד ביי מיר אין דויז! — האט ער זיך געטראכט — הייסט עס ניט דאס דיא צוניינונג פון מיין פרוי וועלבעס איז ערשט צו מיר בעשאפען געווארען, וועט ווידער פערשווינדען.

פולמען האט געפיהלט וויא איהר הערץ זינקט איהר, אלס זיא האט יך געזאגט:

—דאס קומט דיא ווילדע חיה זוכען איהר רויב.

דיא גרעפין איז געוועזען נאהענט צו פאלען אין אונמאכט. זיא האט אנגעקוקט איהר מאנן מיט פערצווייפלונג, פונקט וויא זיא וואלט ביי איהם געזוכט דעם נייטיגען מוטה צו עמפפאנגען דעם מאנן וועלבען זיא האט אזוי געזוכט זיך ארויסצושלאגען פון קאפ.

דער מאיאר און ארמאנד זיינען אריינגעקומען. דער ערשטער איז גלייך צוגעגאנגען צום קראנקען און האט איהם געדריקט דיא האנד, האט בעגריסט די גרעפין, וועלבע האט אפילו קיין כח געהאט זיך אויפצוהויבען. אזוי אויפגערעגט איז זיא געוועזען.

ארמאנד אליין איז אויך געוועזען זעהר געריהרט. צו איז דאס געוועזען אויפריכטיג, אדער האט ער זיין ראלע ריכטיג געשפיעלט — דאס איז שווער צו זאגען. שטאמלענדיג האט ער זיך ענטשולדיגט וואס ער האט פריהער ניט געקענט קומען אום צו הערן וועלבע נייעס פון הערן אסטי.

דער פערוואונדעטער האט איהם אנגעקוקט, און זיין בליק איז געוועזען וויא א קריעגס-ערקלערונג, און דיא מוסקעלן פון זיין געזיכט האבען זיך צוזאמענגעצויגען און פאנאנדערגעצויגען ווילענוויז. מיט אכט טעג צוריק וואלט איהם דיא פלעצליבע ערשיינונג פון ארמאנד געקענט טעדטען.

ער האט זיך אבער דעננאך געלאזט נעהמען די האנד און האט, וויא עס האט

אויסגעוויזען, אויסגעהערט די קאמפלימענטע און דעם אויסדרוק פון סימפאטהי פון דעם יונגען מאנן; ער האט אפילו א בעוועגונג געמאכט מיט'ן קאפ, וועלכע האט אויסגעזעהן פונקט וויא ער וואלט דאנקען.

פולמען איז דערווייל אריבערגעקומען איהרע פערלעגענהייט, אין וועלכע דיא אונערווארטעטע ערשיינונג פון ארמאנד האט זיא געווארפען, און האט צוריק געוואר־נען איהרע קאלטבלוטיגקייט און איבערלעגונג.

—גוטען אבענד, ארמאנד — האט זיא געזאגט, אננעהמענדיג איהם פאר האנד.

דיא גרעפין איז געווארען בלאס, ווייס, און ווידער בלאס און האט געציטערט.

—איהר זייט אלזא אין באדען — האט פולמען פרייליך גערעדט — גאנץ אונער־ווארטעט, מיין ליעבער פערפיהרער.

ארמאנד איז גאר אונרוהיג געווארען. עס האט אויסגעזעהן וויא פולמען וויל איהם זאגען: „מיר האבען אונז געליעבט, ניט וואהר?" און דיעזער טאָן קען איהם דען ניט ניט שאדען אין דיא אויגען פון דער גרעפין.

מאדאם פאן אסטי, וועלכע האט איין אוגענבליק פריהער אויפגעציטערט אלס ארמאנד איז אריינגעקימען, ווייל זיא האט אין הערצען געוואונשען עס זאל זין וואס ווייטער פון איהר. האט איצטער געשפירט אלע יסורים פון אייפערזוכט אין הערצען זאגאר מאיאר ארקאָוו האט זיך געפיהלט זעהר אונבעקוועם אין דעם אויגענבליק. מעהר ניט דער קראנקער גראף פאן אסטי האט פרייער אוי־געאטהעמט. איהם האט זיך געדוכט דאס פולמען איז איין אונערווארטעטער שליח פון גאט.

און דיא קלוגע פולמען האט אויך פערשטאנען וויא אזוי צו שפיעלען איהר ראָ־לע, וועלכע זיא האט פרייוויליג איבער זיך גענומען, אלס זיא האט בעמערקט דאס ציטערן פון דער גרעפין און דעם אויסדרוק פון גראף'ס געזיכט. זיא האט גערעדט מיט הארץ, מיט צונייגונג צו ארמאנד, האט דערמאהנט אמאהליגע בעציהונגען, אמאה־ליגע באנקעטען און פעסטע, וואו דער האלענדישער באנקיער איז געווארן אונטער־האלטענד ביי דער פינפטער פלעשיל, און האט עס אזוי ווייט געבראכט מיט איהר ריידען, ביז א שמייכעל האט זיך בעוויזען אויפען געזיכט פון גראף.

אלס ארמאנד און דער מאיאר האבען זיך אויפגעהויבען אום צו געהן, האט פולמען בעוויזען איינצוראמען ארמאנדען אין אויער אזוי אז דיא גרעפין זאל ניט הערען:

—ארמאנד, איך האב מיט אייך צו ריידען — האט זיא געזאגט בעפעהלעריש.

—ווארום?

—עס איז נייטיג.

—זאל זיין אזוי.

—וואו קען איך אייך זעהן?

—ביין מאיאר.

—ניין, אין אנאנדער פלאטץ.

—רעכט. מארגען אי קאזינא.

—זייט איהר א מאנן צו האלטען א פערשפרעכען?

—א שיינע פראגע דאס, חלעבען.

—שווערט מיר אז קיינער וועט עס ניט וויסען — קיינער ניט, הערט איהר? — דאס מיר וועלען זיך מארגען זעהן.

—איך שווער עס אייך.

—זעהר גוט. אדיע.

דיא גרעפין האט קיין זאך ניט געהערט, אבער זיא האט פארשטאנען אז עס איז דא וועלכע געהיימנים צווישען ארמאנד און פולמען, און איהרע אייפערזוכט איז נאך גרעסער געווארן.

דער מאיאר מיט זיין יונגען פריינד זיינען דערווייל אויעקגע אנגען. גלייך דא-רויף זיינען אויך געקומען צוויי דיענער און האבען אריינג־ראלט דיא זאפע אויף וועל־בער דער קראנקער איז געלעגען, אין הויז. דיזער אומשטאנד האט עס געמאכט, דאסביידע יונגע דאמען זיינען א ווילע געבליעבען אליין.

דיא גרעפין האט אראפגעלאזען דיא אויגען און האט, וויא עס האט אויסגעוויע־זען, שרעקליך געליטען. פולמען איז צו איהר צוגעקומען און האט איהר גענומע פארן האנד.

—גרעפין — האט זיא געזאגט ערנסט און מיט ריהרונג אין איהר שטימע — איהר זייט א דאמע פון דער גרויסער וועלט, וועהרענד איך בין נור א מיידיל פון טהעאטער; פיר אייך בעשטעהט עהרע דארין קיינמאהל ניט געפעהלט צו האבען.... פיר מיך און מיינעסגלייכען איז פיליכט איינע עהרע פיעל געליעבט און פיעל געליטע צו האבען......

—ווארום זאגט איהר מיר דאס— האט דיא גרעפין געפרעגט.

—ווייל איהר האט איינמאהל געהאט דיא גוטסקייט מיך צו רופען אייער פריינדין, און איך וויל פערדיענען דיעזען נאמען, אויף וועלכען איך בין שטאלץ. חערר ארמאנד האט מיך קיינמאהל ניט געליעבט.... איך האב נור דאס אונגליק געהאט צו פערשטעהן וואס אין אייך געהט פאר, און האב אייך געוואלט רעטען.

מאדאם פאן אסטי האט אויפגעשריען און איז אהנמעכטיג געפאללען אין דיא ארמע פון פולמען.

....

ארום 11 אוהר ביי נאכט, דעמזעלבינע טאג, איז פולמען געשטאנען ביים פענס־טער, ווארפענדיג א פייעריגען בליק אין נארטען פון גראף ארלאוו....

—איך מוז דיך געפינען דוא טייפעל!— האט זיא געמורמעלט— און ווער קאמפף זאלל זיין אפפען צווישען אונזביידען.... א, איך האב דיך לעצטע נאכט דערקענט ביי דעם שיין פון מאנד אי דיין שווארצען קליד און טראטץ דעם דיקען שלייער וואס האט בעדעקט דיין געזיכט ... דיעזע נאכט וועכטו מעהר פון מיר ניט ענטרינגען.

דיא נאכט איז געוועזען פינסטער, א פאלשטענדיגע פינסטערניס האט געהאט

איינגעהילט דעם גארטען און פולמענס אויג איז געוועזען געריכטעט אויף דיא ליכטער וואס האבען געברענט אין דעם בענקעבבארטען הויז. זיא האט געווארט אז דיע ליכטער זאללען זיך אויסלעשען.

זיא האט געווארט א שטונדע. ענדליך האט דאס לעצטע ליכט אין א פענסטער אנגעהויבען צו צאנקען און איז אויסגעגאנגען.

—אללעס שלאפט — האט פולמען ביי זיך געטראכט.

פולמען האט צוגעמאכט דאס פענסטער ביי וועלכען זיא איז געזעסען, האט אויסגעלאשען דאס ליכט און האט געזאגט, ריידענדיג צו זיך אליין:

—ווען דוא וועסט מעהר ניט זעהן קיין שיין, דוא נאכטפויגעל, וואס בעהאלט זיך פארן שיין פון טאג, דאנן וועסטו ארויסקריכען אום צו שעפען לופט אין גארטען.... אבער דוא רעכענסט ניט אז פולמען איז דא.

פולמען האט דאנן אראפגעווארפען פון זיך איהרע קליידער און האט זיך אומגעקליידעט אין איין אנצוג פון א פאזש, וועלכען זיא האט געהאט אין איהר צימער צווישען דיא איינינע טהעאטער־קאסטיומען וואס זיא האט געפיהרט מיט זיך. איהרע פראכטפאללע האר האט זיא ארונטערגעדריינגט אונטער א קליינער קאפע און האט אריינגעזייגט אין א טאש א פיינעם קליינעם דאלך.

מען וואלט געקענט מיינען אז פולמען קלייבט זיך אויף א מאסקענבאלל, אבער איהר ערנסטעס און טרויעריגעס געזיכט האבען ניט הארמאנירט מיט דעם עלעגאנטען פאזשען־קאסטיום.

—לאמיר געהן! — האט זיא געזאגט צו זיך אליין — ווען דאס דראמא האט פערלאזען דאס טהעאטער אום איבערצוגעהן אין רעעלעס לעבען, לאמיר ארויסגעהן אויף'ן סצענע.

זיא האט פארזיכטיג געעפינט דיא טיר און איז ארויס אין גארטען, געהענדיג אויף דיא שפיצען פינגער.

דער גארטען פון הערצן אסטי איז געוועזען אבגעטהיילט פון מאיאר ארקאוס גארטען מיט א ציעמליך הויכען מויער. א בוים איז געשטאנען איינינע טריט פון מויער, מיט דיא צווייגען אריבערגעבויגען איבער איהם. פולמען האט לייכט ארויפגעקלעטערט דיעזען בוים, מיט א צווייג איז זיא צוגעקראכען צום מויער, און איז דאנן פון מויער ארונטערגעשפרונגען גאנץ זאכט אין גארטען.

—עס איז נאך גוט וואס מען איז געווען א טענצערין — האט זיא געלאכט צו זיך אליין — אט קומט עס צו ניטץ.

זיא האט זיך ארונטערגעזעצט הינטער א דיקען בוים הארט ביי דער הויפט־אללעע, מיט'ן דאלך אין האנד, און האט געווארט....

איינע מינוטען איז זיא אזוי געשטאנען, דאנן האט זיא געהערט א גערויש וויא פון א געעפענטע טיר וואס עפענט און פערשליעסט זיך, און באלד דארויף לייכטע טריט, וואס סקריפען אין זאמד, און וואס קומען אלץ נעהענטער און נעהענטער.

פולמען האט זיך ניט געאירט. דאס איז געוועזען דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה וועלכע האט פערלאזען איהר טעגליכע בעהעלטניס, און איז ארויסגעגאנגען זיך ערפרישען אין דער קיהלער נאכט־לופט.

זיא האט נעשפריצט לאנגזאם, מיט נעבויגענעם קאפ, פארקערהרט און אומע־טיג. פלוצלינג האט זיך א שאטען אויפגעריכטעט פאר איהר און, אלס זיא האט א שפרונג געטהאן צוריק און האט געוואלט שרייען, האט זיך דער שאטען א ווארף געטהאן אויף איהר, האט איהר ערגריפען ביים האלדז מיט צווי שטארקע הענד, און האט מיט א פארשטיקטער שטימע גערופען:

—שווייג!

אין דערזעלביגער צייט האט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה געשפירט דעם שפיץ פון א דאלך אויף איהר בוזעם.

—שווייג— האט דיא שטימע ווידערהאלט— איין געשריי ווען דוא טהוסט, ביסט דוא טויט.

דאנן האט דיא טענצערין פריי געמאכט דעם האלז פון איהר אפפער, און האט ווייטער גערעדט:

—איך בין פולמן, און איך וויל מאכען איין ענד מיט דיר. זאלסט ניט וואגען צו רופען אום הילפע. איידער איינער וועט קומען וועסט דוא שוין ליעגען אויסגעשטרעקט טויט צו מיינע פיס.

און פולמען האט ערגריפען דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה ביים ארעם, האלטענדיג מיט דער אנדער האנד דעם דאלך אימער אויפגעהויבען, און האט זיא אזוי צוגעפיהרט צו א באנק אין דעם אנדערן ענד פון גארטען, און האט זיא גע־צוואונגען זיך צו זעטצען, וועהרענד זיא האט זיך געשטעלט פאר איהר.

—איצטער לאמיר שמועסין — האט זיא געזאגט.

דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט געלאזט הערן פון זיך א פאר־שטיקטען געלעכטער.

—אה, איהר זייט פולמען — האט זיא געזאגט.

—און איך קום ארויסרייסען ארמאנד פון דיינע נעגיל.

—איהר זייט פעררינקט....

—אה, דיא צייט פון פארשטעלענים איז אריבער, מאדאם. מיר זיינען אליין; איך האב א דאלך, און איהר האט עס ניט; און דאן בין איך פיעל שטארקער פון אייך; איך בין א מיידיל פון פאלק, האב קרעפטיגע פינגער, און ווען איך וואלט זיי בעסער צוזאמענגעדריקען א ביסעל פריהער וואלט איך אייך געהאט דערשטיקט.

—נון, אלזא? — האט דיא דאמע געפרעגט מיט א רוהיגען שמייכעל.

—אייער לעבען איז ביי מיר אין דער האנד, און איהר קענט מיר ניט מעהר ענטרינען.

—איהר זעהט דאך אז איך טראכט גאר ניט וועגען דעם. איהר האט געוואלט שמועסין, גוט, לאמיר שמועסין. וואס ווילט איהר פון מיר?

—איך וויל ארמאנד.

—אבער מיין ליעבעם פריילין פולמען — האט דיא דאמע אויסגערופען מיט א בייסענדען שמייכעל — אויב אייער ארמאנד האט אייך ליעב וועל איך איהם פון אייך ניט צונעהמען.

דיעזער שפּעטישער טאָן האט פּולמען געררייצט.

—איך וויל וויסען וואס איהר מאכט דא — האט זיא געזאגט — ווארום בעהאלט איהר זיך, און וועלכע ינסטערע ציועקע פערפאלגט איהר אהן אויפהער ?

—איהר ווילט אלזא א גאנצעס געשטענדניס פון מיר ! — האט דיא דאמע געשפּאָט.

—זאל זיין א געשטענדניס ; איך וויל עס וויסען

דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט זיך צולאכט.

—מאדאם, נעהמט אייך אין אכט !

—פאר וועמען ? פאר וואס ?

—אויב איהר רעדט ניט......

—וואס וועט זיין ?

דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט זיך אויפגעהויבען און האט אָבגעקוקט פולמען פון קאָפּ ביז דיא פיס. פולמען האט אויפגעהויבען איהר דאלך.

—איך טערטע אייך דא גלייך — האט זיא געזאגט.

—זל זיין אזוי, איך וועל ריידען — האט געזאגט דיא דאמע מיט דעם שווארצע האנדשוה, נאכגעבענדיג. אבער איידער איך וועל אפלייגען מיין געשטענדניס וויל איך הערשטעלען דאס גלייכעוויכט צווישן אונז.

—וויא מיינט איהר דאס ? — האט פולמען געפרעגט.

—איך מיין, איך וויל מאכען אז איהר זאלט ניט זיין א גרעסערע יחסן׳טע פון מיר איהר האט מיר ערשט געזאגט אז מיין לעבען איז ביי אייך אין האנד, איהר זייט שטארק, איך בין שוואך, איהר האט א דאלך, איך ניט.

—דאס איז וואהר.

—אבער איהר ליעבט ארמאנד......

—פולמען האט אויפגעציטערט.

—און אויב איהר וועט מיך טעדטען — האט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנד שוה פארמגעזעצט — וועט ארמאנד שטערבען. אין דער שטונדע ווען מען וועט אויפהויבען מיינע לייבע, וועט מאיאר ארלאוו, מיין שקלאפּע, דערשטעכען ארמאנד,

פיקמען האט אויפגעשריען פארשטיקט, וועהרענד דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט שפּעטיש געלאכט :

—איהר זעהט אלזא דאס איהר האלט מיין לעבען אין אייער האנד, פּונקט ווי איך אייער לעבען אין מיין האנד, דען דאס ריכטיגע לעבען פון א פרוי איז דאס לעבען פון דעם מאן וואס זיא ליעבט — האט זיא געענדיגט מיט א זיפץ.

—איהר האט רעכט — האט פולמען צוגעגעבען, אראפּלאָזענדיג דעם קאָפּ.

—איהר ווילט מיין געשטענדניס, ניט וואהר ? — האט דיא דאמע וויטער גער רעדט — איהר ווילט וויסען מיין סעקרעט ? גוט, איך וועל אייך אלעס דערציילען דען עס איז מיר דערעסען געווארן אייך אימער צו טרעפען אלס א הינדערניס אויף מיין וועג. און דער קריעג וואס איהר האט מיר דערקלערט וועט זיין אין אונגלייכער

פריעג: איהר זייט ליעבע, און איך בין ראכע.

און דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט דיעזע לעצטע ווערטער אזוי ארויסגעבראכט, מיט אזא פינסטערן ערנסט, דאס פולמען האט אויפגעציטערט.

—איהר האט ליעב ארמאנד, און ער האט מיך ליעב.... איהר האט אויך איהם קיין שליטה, העהרענד ער איז געווארן מיין שקלאפע. איהר פעשטעהט אויך געוויס דאס אייער פערזוך איהם פון מיר ארויסצורייסען איז אומזיסט, און דאס איהר וועט אונטערליעגען אין דעם קאמפף. איך וויל אייך אלזא אנפערטרויען מיין סעקרעט, דען ארמאנד'ס לעבען וועט מיר גאראנטירען פיר אייער פערשוויגענהייט, און ווען איהר וועט מיך האבען בעגריפען, וועט איהר אויפהערן צו זיין מיינע פיינדין. אלזא הערט מיך אוים......

....

וועלכע שרעקליכע און זאנדערבארע ערצעהלונג האט פולמען געהערט אין יענעם איינזאמען גארטען אין יענער שטילער נאכט דאס קענען מיר נאך ניט וויסען. אבער אין א שטונדע שפעמער איז פולמען אריין צו זיך אין צימער בלאס, ניעדערגעשלאגען, און צוגעבונדען צו דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה דורך א שבועה.

זיא האט נאטירליך געשווארן צו שווייגען, פילייכט גאר צו העלפען.... דיא גרעפין פאן אסטי איז יעדענפאלס געוועזען אויפגעאפפערט.

דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה איז נאך איינינע מינוטען געבליעבע אויף איהר פלאטץ נאכדענקענד, נאכדעם וויא פולמען האט זיא פארלאזען, און דאן האט זיא זיך אויפגעהויבען און איז אריינגינאנגען אין הויז.

דער יונגער מאן איז געלעגען און האט געשלאפען. זיא האט איהם אנגעריהרט מיט דער האנד אויף וועלכער זיא האט געטראגען דעם שווארצען האנדשוה, און האט גערופען מיט איהר זיסעסטער שטימער:

—ארמאנד!

ארמאנד האט זיך אויפגעכאפט, האט געעפענט דיא אויגען, האט זיא דערקענט און האט געשמייכעלט פון פערגעניגען.

—מיין ליעבער ארמאנד — האט זיא געזאגט צערטליך, זיך זעצענדיג אויפן ראנד פון זיין בעט — איך בין געקומען אייך אויסזידלען.

—מיך? ווארום דען?

—דערפאר וואס איהר האט מיך כמעט פערראטהען.

—וויא אזוי?— האט ארמאנד ארויסגערופען גאנץ ערשטוינט.

—פרעגט אייער אייגענעם געוויסען — האט זיא געענטפערט — האט איהר ניט געטהאן עטוואס אהנע מיך צו בעראטהען?

—אבער.... ניין.... איך וויים נים.

—איהר האט געזעהן פולמען?

ארמאנד האט אויפגעציטערט זיך עראינערנדיג אן דעם צוזאמענטרעפען וואס ער האט געהאט פערשפראכען פולמען און פון דעם פערשפרעכען וואס ער האט איהר געגעבען, קיינעם דערפון צו זאגען.

—יא.... איך האב זיא היינט געזעהן, ביי דער גרעפין.... אבער איהר אליין האט עס דאך פערלאנגט.

—יא, אבער האב איך איך דען ערלויבט אנצונעהמען פון איהר א צוזאמענטרעפען ?

ארמאנד איז רויט געווארן.

— איהר דארפט זיך מיט איהר צוזאממענטרעפען מארגען אין דער קאזינא, און זיא האט פון אייך גענומען א פערשפרעכען מיר ניט צו ריידען דערפון.

—דאס איז וואהר — האט ארמאנד געשטאטעלט — אבער וויא אזוי ווייסט איהר דאס ?...... ווער האט עס אייך געקענט זאגען ?

—פולמען אליין.

—פולמען ?

—יא.

—איהר...... האט זיא...... געזעהן ?......

—איך קום ערשט פון איהר.

— וויא ? זיא איז געקומען אהער ?

—ניין, אבער זיא האט אריבערגעקלעטערט דעם פארקאן וואס טהיילט אפביידע גארטען.

—א זאנדערבארער וועג.

דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשו, האט געלאכט.

—און ווייסט איהר וואס זיא איז געקומען טהאן אין אונזער גארטען ?

—ניין.

—זיא איז געקומען מיך טעדטען.

ארמאנד האט אויסגעשריען פאר ערשטוינען.

—וואס וואונדערט איהר זיך ? פולמען האט אייך ליעב און איז אייפערזיכטיג.

—ארעמע פולמען ! — האט ארמאנד געמורמעלט.

—אבער איהר זעהט דאך אז זיא האט זיך איבערלייגט — האט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה געענדיגט — איהר דאלף איז צוריק אריין אין שייד און מיר האבען צום סוף אונז געררייכט דיא הענד.

—דאס איז זאנדערבאר !

—און זיא האט מיר גיגעבען דעם אויפטראג אייך צו זאגען, דאס זיא וועט מארגען זיך ניט צוזאמענטרעפען מיט אייך אין קאזינא.

—וואָרום ?

—וויל אייער צוזאמענטרעפען האט מעהר קיין צוועק. נוטען אבענד !

און דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה איז ארויסגעגאנגען, איבערלאזענדיג ארמאנד אין דיא זאנדערבארסטע געדאנקען וועגען דעם נעכטליכען צוזאמענטרעפען פון פולמען מיט דער דאמע פון שווארצען האנדשוה אין גארטען.

....

אכט טאג זיינען פאראיבער.

וועהרענד דיעזער צייט זיינען דער מאיאר און ארמאנד אָפט געקומען זעה דעם גראף פאן אסטי, טאגכעסמאהל איינציגווייז און מאנכעסמאהל צוזאמען. אלס ארמאנד פלעגט קומען אליין, פלעגט ער ניט מעהר בלייבען אלס איינע שטונדע ביים בעט פון דעם פערוואונדעטען.

עס איז לייכט צו פערשטעהן אז דאס איז ניט געוועזע, צוליעב דעם גראף. דער קראנקער גראף איז געוועזען ניט מעהר וויא איין אויסרייד.

מאדאם פאן אסטי פלעגט ווערן רויט און פערווירט יעדעס מאהל ווען זיא פלעגט הערן דיא טריט פון דעם יונגען מאנן אין פארצימער און איהר גאנצעס בלוט פלעגט איהר צושטראמען צום הערצען. אבער דיעזע פערווירונג פלעגט ניט לאנג אנהאלטען דען דיא פריידע פלעגט אויפלאָדערן אין איהרע אויגען.

דיא גרעפין האט געליעבט ארמאנד. זיא האט זיך דאס אליין איינגעשטאנדען און האט מעהר קיין כוח געהאט דאגעגען צו קעמפפען, וואס עס זאל אוך דערפון ווערן. אומזיסט האט זיא זיך דיא מיהע גינעבען זיך צו שטעלען גלייכגילטיג, שטאָלץ און קאַלט געגען דעם יונגען מאנן. איהר הערץ איז בייגעקומען איהר פערשטאנד, איהר בליק האט אפגעלייקענט דיא שטרענגע פון איהר געזיכט און דיא קאלטקייט פון איהרע ווערטער.

און דאנן האט דיא גרעפין געהאט א פערטרויטע. זיא האט אלעס מודה געוועזען צו פולמען, און דיעזע, וועלכע איז געוועזען יעצט צוגעבונדען צו דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה דורך א שבועה און דורך דיא מורא אז עס זאל עטוואס ניט געשעהן ארמאנד'ן, האט ניט געוואגט צו זאגען דער גרעפין פאן אסטי, אז זיא זאל זיין פארזיכטיג, אז ארמאנד ליעבט זיא ניט, און אז זיא איז נור דאס אפפער פון א שענדליכער קאמעדיע!

פיר דעם קראנקען גראף פאן אסטי איז פערפלאסענע וואכע געוועזענע א שרעקליכע. ער האט ארמאנד טעגליך געזעהן, און ' דער איינציגער בעזוך וואס ארמאנד האט ביי איהם געמאכט האט איהם פערארזאכט העלישע פיין. רייי־דען האט ער נאך אלץ ניט געקענט. דיא ערצטע האבען איהם געהאַט פארזאגט ניט צו מאכען קיינע צו שטארקע בעוועגונג; ער האט נור געקענט רידען מיט דיא אויגע דערפאר האבען זיינע אויגען גערעדט זעהר שארף און אלע זיינע גייסטיגע עמפפינדונ־גען האבען זיך אין זיי אפגעשפיעגעלט.

דיא גרעפין און פולמען פלעגין ניט פערלאזען זיין בעט, אבער איז עס דען גע־וועזען צוליעב איהם אליין? ארמאנד פלעגט קומען רעגעלמעסיג טעגליך ארום צווי אוהר און פלעגט קיינמאהל ניט אוועקגעהן פאר פיער אדער פינף אוהר. און דער קראנקער פלעגט זעהן דעם יונגען מאנן און דיא גרעפין, וויא זייער בליק בעגעגענט זיך און וויא זיא שלאגט ארונטער איהרע אויגען, וויא זיא ווערט רויט או פערווירט און וויא עס שפיעלט זיך אָפּ צווישן זיי יענע קאמעדיע פון דער ליעבע וואס מען טרייבט זיא ארויס דורכען טיר און זיא קומט אריין צוריק דורכין פענסטער.

דעם גראף'ס וואונדע, וועלכע האט זיך געהאט אנגעהויבען צו בעסערן, איז זייט איינינע טעג וויעדער ענטצונדען געווארן. דער פיבער איז ביין קראנקען שטארקער

עוואָרן. דיא גייסטיגע ליידען וואס ער האט געהאט אויסצושטעהן האבען זיין לאגע, פערשלימערט.

איין אבענד איז דיא היטץ ביין קראנקען געוואָרן אזוי שטארק, דאס ער האט נים מעהר געוואוסט וואס עס געהט פאר ארום איהם; גראד דאנן זיינען מאיאר ארלאָוו און ארמאנד געקומען זעהן וואס דער גראף מאכט. פולמען איז געוועזען אויס־געגאנגען. דיא גרעפין איז אליין געוועזען נעבען איהר קראנקען מאנן.

—מאדאם — האט זיך דער מאיאָר געווענדעט צו דער גרעפין נאך דער ערשטער בעגריסונג — איך קען דיעזען אנפאל פון פיעבער, איך האב עס אליין געהאט אלס איך בין איינמאל פערוואונדעט געוואָרן. דיא היטץ קומט געוועהנליך אויפען פופ־צעהנטען טאג און געהט אוועק פון זיך אליין אויב מען לאזט דעם קראנקען נאר אליין. ווען מען זאל נאר דעם קראנקען נים בעאונרוהיגען וועט זיך דיא אויפרעגונג לייגען, און ער וועט ווערן בעסער.

און נראף ארלאָוו האט זיך אויפגעהויבען, ווינקענדיג צו ארמאנד ער זאל טהא דאסזעלבע און אלע דריי האבען פערלאזען דאס קראנקענצימער. איינינע מינוטען שפע־טער האט מאיאר ארלאוו זיך אויפגעהויבען, זאגענדיג אז ער מוז מאכען א בעזוך איין עסטרייכישען גענעראל, און האט געבעטען דיא גרעפין צו היטען ארמאנד א שטונדע ביז ער וועט צוריקקומען.

מאדאם פאן אסטי האט אנגעפאנגען צו ציטערן, אלס זיא האט זיך געפונע איינער אליין מיט ארמאנד. זיא האט געפיהלט אז דיא שטונדע פון איהר שוואכקייט איז געקומען, און דאס א וויטערער קאמפף ווערט אונמעגליך.

ארמאנד וועלכער האט גוט געוואוסט זיין לעקציאן, איז א ווילע געבליעבען שטיל שיכטערן, פערלעגען; דאן איז ער געוואָרן עטוואס דרייסטער און האט ערגריפען דער גרעפינס האנד. דיא גרעפין האט נאך מעהרער געציטערט, אבער זיא האט איהר האנד נים צוריסגעצויגען; דאנן האט ארמאנד געוואגט זיך ארונטערצולאזען אויף דיא קניע.

דיא גרעפין האט אויפגעשריען, און האט געשטאמעלט:

—וואס טהוט איהר, מיין הער?

איך האב אייך ליעב.... האט ארמאנד געענטפערט.

מאדאם פאן אסטי האט געוואלט אויפשפרינגען, ארויסרייסען איהר האנד, פליהען, אבער עס האבען איהר געפעהלט דיא קרע טען, און דער צויבער־ווארט „איך האב אייך ליעב" האט איהר אין גאנצען ־ווירט איהרע אלע חושים.

—פארלאזט מיך, מיין הערר, געהט, אום גאטעס וויכען, געהט!.... האט זיא געבעטען.

ארמאנד האט זיך אויפגעהויבען, האט נאך אמאהל געקיסט דיא האנד פון דער גרעפין, און איז לאנגזאם ארויסגעגאנגען.

דאנן האט זיך דיא גרעפין צונאסען אין טרעהרען, און זיא האט געפיהלט שאם און געוויסענסביסע דערפאר וואס זיא האט גאר אויסגעהערט ארמאנד'ס געשטענדנים און איהרע אייגענע הערצענסשטימע, דאנן ווען אין צווייטען צימער ליעגט איהר מאנ

א נוסס'ער. [אלס פולמען איז ענדליך צוריקגעקומען פון א לאנגער שפאציערפאהרט, וועלכע זיא האט וואהרשיינליך געמאכט אויף דעם פערלאנג פון דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה, האט זיא געפונען דיא גרעפין דאלב־טויב פון קומער.

—אה, מיינע טהייערע — האט דיא גרעפין גערופען אננעהמענדיג פולמען'ס הענד — ער מוז אוועק פון דאנען, זאנסט בין איך פערלארן.

דער הערצרייסענדער טאָן אין וועלכען דיזע ווערטער זיינען געזאגט געווארן, האבען ארויסגערופען טרעהרען פון פולמען'ס אויגען.

—ארעמע פרוי! — האט זיא געטראכט — וויא זיא ליעבט איהם!

אלס דיא גרעפין האט זיך עטוואס בערוהיגט האט זיא זיך געזעצט צום שרייב־טיש און האט געשריעבען פאלגענדע ציילען צו ארמאנד:

„מיין פריינד,

„אויב איהר האט מיך ווירקליך ליעב, פעררייזט, אדער מיידט מיך אוים. מיין „שטערבענדער מאנן מאכט עס איך צור פפליכט, און איך פערלאנג עס פון אייך „אויף דיא קניע. מארגעריטא“.

דיזען בריעף האט דיא גרעפין איבערגעגעבען צו פולמען, וועלכעס האט זיך אונ־טערנומען עס איהם איבערצוגעבען, וועהרענד מאדאם פאן אסטי האט זיך בענעבען אין צימער פון איהר מאַן, און האט איהם געפונען אהנמעכטיג.

פולמען האט אנגעקלונגען ביים טיר פון ארלאוו'ס וואוינונג.

דיזעס מאהל האט זיך בעוויזען דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה און האט זיא אליין עמפפאנגען.

ווער עס וואלט געזעהן דיזע ביידע דאמען וויא זיי האבען זיך געמאסטען מיט דיא בליקען ביים טויטען־בעט פון קאפיטאן לעמלין, און דאן ביי זייער צוזאמענטרעפען ביי נאכט אין גארטען מיט א וואך צוריק, דער וואלט געוועזען ערשטוינט צו זעהן וויא אזוי דיא טענצערין בעגריסט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה מיט א געוויסער עהרפורכט.

—אה, זיא שרייבט איהם! — האט געזאגט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנד שוה, אויסשטרעקענדיג דיא האנד צום בריעף וואס פולמען האט געהאלטען.

—יא, מאדאם.

—ווארום?

—אום ער זאל פעררייזען....

—דאס איז ניט מעגליך. ער מוז בלייבען דא, און זיא וועט איהם וויע־דערזעהן.

—אה, מאדאם, האט איהר דענן גאר קיין מיטלייד ניט?

—מען האט קיין מיטלייד געהאט מיט מיר.

—זיין אונטערביטליך פיר איהם — האט פולמען ווייטער געבעטען — איך האב ניט דעם מוטה און ניט דאס רעכט פיר איהם צו בעטען, אבער זיא?...

—איהר ווייסט גאנץ גוט, פולמען, דאס אן יענער שטונדע ווען דער גראף וועט זיין טויט, וועט זיא מיר ווערן גלייכגילטיג. אויב ארמאנד האט זיא ווירקליך ליעב — האט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה צוגעזעצט מיט שפאט — וועט ער זיא קענען הייראטען.

—אך, מאדאם, איהר ווייסט גאנץ גוט דאס ניט דיא גרעפין און ניט איך ווערען פון איהם געליעבט.

דיא רעבערין (גואלת־הדם) וועלכע איז, וויא עס האט אויסגעוויעזען, געבליעבען גלייכגילטיג צו אלעס, האט איצטער געהאט איין אנפאל פון מיטלייד און ריהרונג. זיא האט ערגריפען פולמען׳ס האנד און האט זיא געדריקט:

—מערקט עס אייך, פולמען, אויב איך וועל ארמאנד׳ן אמאהל אויסהיילען פון זיין ליעבע צו מיר, וועל איך עס טהאן אויס פריינדשאפט צו אייך.... איהר זייט איין עדלעס הערץ....

און פולמען האט געזעהן איין טרעהר גלענצען אין דעם טיעף־בלויען אויג פון דיעזער אונערביטליכער וויבספערזאן, וועלכע איז געוועזען אפגעגעבען מיט לייב און זעעלע פיר דיא ארבייט פון צערשטערונג.

—וויא האט דיעזע אמאהל געמוזט ליעבען! — האט זיך פולמען געטראכט.

צעהנטעס קאפיטעל.

דער שווארצער האנדשוה ביי דעם שטערבע־בעט פון אסטי.

דעם נעכסטען טאג האט שטאטגעפונען א קאנסיליום פון דריי בעריהמט ערצטע ביים בעט פון דעם פערוואונדעטען גראף פון אסטי. זיי האבען בעטראכטעט די וואונדע און האבען גענוי אונטערזוכט דיא אלגעמיינע לאגע פון דעם קראנקען, און האבען זיך ניט געקענט אפוואונדערן, וואס דער צושטאנד פון דעם גראף האט זיך פלוצלונג אזוי פערשלימערט.

—דאס איז זאנדערבאר — האט געזאגט איינער פון דיא ערצטע — מיט אכט טאג צוריק איז ער שוין געוועזען אזוי ערהאלט, דאס איך האב ערלויבט איהם ארויס־צוטראגען אבענדס אויף דער שטראססע. און איצטער ליידעט ער יעדען אבענד אן פיעבער, און זיין אלגעמיינע לאגע ווערט ערגער, וועהרענד דיא וואונדע האט שוין גע־האלטען אין היילען.

און זיך קעהרענדיג צו דער גרעפין האט דער דאקטאר פארטגעזעצט:

—איך בין געצוואונגען צו גלויבען מאדאם, דאס דיעזע נערוועזע אויפרעגונג און וועלכער דער גראף ליידעט זייט אכט טאג, שטאמט פון אירגענד איין אנדערע קוועלע אלס זיין וואונדע.

דיא גרעפין האט געציטערט אונטערן בליק פון דאקטאר.

—ער האט אהנע צווייפעל וועלכען קומער, וועלכע גייסטיגע ליידען....

—אבער מיין הערר.... האט דיא גרעפין געשטאמעלט — מיין מאנן איז אומגע־בען מיט פפלעגע..... מיט אונזערע זארגע....

—אבער ווארום איז ער פריהער געגאנגען אזוי שנעל אין דער בעסערונג - האט א צווייטער דאקטאר געפרעגט דעם ערשטען — אויב דאס וואלט געוועזען עפעס א גייסטיגע אורזאכע, ווארום איז זיא פריהער ניט געוועזען?....

—פילייכט דערפאר וואס דיא אורזאכע עקזיסטירט נור זייט אכט טאג — האט דער ערשטער געענטפערט.

—אבער דיא גרעפין האט קיין אויגענבליק פארלאזען דאס קראנקען־בעט פון איהר מאנן — האט דער אנדער דאקטאר איינגעווענדעט — זיא וואלט עס דאך ווייסען.

דער ערשטער דאקטאר האט נאך אמאהל אנגעקוקט דיא גרעפין. איהר בלאס־קייט האט איהם געמאכט טראכטען וועגען עטוואס, וואס ער האט ווייטער ניט גע־וואלט פארשען, און ער איז ענטשוויגען געווארען.

דיא ערצטע האבען דאנן געגעבען פרישע רעצעפטען, האבען נאך עטוואס נייעס אנגעזאגט און זיינען אוועקגעפאהרען.

איינינע מינוטען נאך זייער אוועקפאהרען איז געקומען מאיאר ארלאָוו. דער [..]ע איז דיעזעס מאהל געוועזען אליין, און מאדאם אסטי האט געציטערט וויא א בלאט אין הערבסט אלס זיא האט דערהערט דאס טיר־גלעקעל קלינגען, און זיא האט ערלייכטערט אויפגעאטהעמט אלס זיא האט געזעהן דאס ארמאנד איז ניט געקומען.

דער מאיאר האט געגריסט און איז גלייך צוגעגאנגען צום בעט פון פערוואונדעטען.

פון געסטערן אן איז דער גראף געוועזען אין דעמזעלבען בעדענקליכען צושטאנד עס האט איהם געווארפען אין היטץ און אין קעלט און ער איז געלעגען מיט פערמאכ־טע אויגען. פון [..]יענעם אויגענבליק אן וואס ער האט געוואוסט אז דיא גרעפין און ארמאנד זיינען [..]געוועזען אין אנאנדער צימער, האט ער פערלארען זיין בעוואוסטזיי[..]

אבער ביין ערש[..] [..]יען פון מאיאר ארלאָוו האט ער זיך, וויא עס האט אויסגע־וויזען, מיהע געגעבען צו ד[..] [..]רמאנען זיך וואס מיט איהם איז פארגעקומען. איין אוי־גענבליק זאגאר האט ער ארויסגע[..] [..]ייעזען שרעק אין האט מיט דיא אויגען איינעם גע־זוכ[..], וועמען ער איז געוואוינט געוועזען [..]ען זעהן מיטן מאיאר צוזאמען. אבער אלס ער האט זיך איבערצייגט אז יענער איז ניטא, א[..] [..]יז דער אויסדרוק פון שרעק פערשוואונדע[..] פון זיינע אויגען.

מאיאר ארלאָוו האט מיט דער גרעסטער אויפמע[..] [..]רקזאמקייט בעטראכטעט דעם קראנקען.

— מאדאם — האט ער געזאגט גאנץ שטיל צו דער גרעפין — [..] איך האב מיך א היבשע צייט געשלאגען מיט דער דעה אויב איך זאל אייך ארויסזאגען [..]יפען וואס איך וואס איך דיינק וועגען דעם בעדענקליכען צושטאנד פון גראף.

—רעדט, מיין הערר, זאגט מיר אללעס, איך בעט אייך — האט [..]יא גרעפין געבעטען, וועהרענד איהר שטיממע האט געציטערט פאר אויפרעגונג.

—אבער איך גלויב ניט אז איצטער איז דיא צייט דאפיר.

—איך בין געפאסט אויף אלעס, מיין הערר.

—דער הער אסטי איז געפעהרליך פערוואונדעט, מאדאם, פיליינט טעדטליך— האט דער מאיאר ארלאָוו אנגעהויבען — אבער פיליינט קען מען איהם נאך רעטטען.

—אָ, רעדט, מיין הערר, זאגט, וואס קען מען טהאָן!— האט דיא גרעד־פין געבעטען, וועהרענד טרעהרען זיינען איהר געקומען אין דיא אויגען— ער האט שוין אזוי פיעל געליטען!

דיעזע ווערטער און דיא אויפריכטיגע ריהרונג מיט וועלכע זיי זיינען געזאגט געווארען, האבען בעוויעזען דעם מאיאר ארלאוו דאס דיא גרעפין האט איהר מאנן פערציייהט.

—איך וויים נאך איין מיטעל— האט דער מאיאר פארטגעזעצט—און דאס איז א פרישער ארצט.

—און איהר דיינקט אז דיעזער ארצט וועט איהם רעטטען?

—פיליייכט.

—אָ, שנעלל, מיין הערר, וואו איז ער? וואו דארף מען איהם זוכען?

—דיעזער ארצט איז א דאמע.

—א דאמע!

—יא, א יונגע רוססישע דאמע.

—וויא אזוי קומט זיא אהער? ווער איז זיא? — האט דיא גרעפין גע־פרעגט א ביסעל מיסטעריאיש, אליין ניט וויססענדיג ווארום.

— דאס קען איך אייך אין קורצען דערציילען. מיט צוויי יאהר צוריק האב איך קאמאנדירט אין קאַוקאַז. איך האב געהאט אונטער מיין בעפעהל א יונגען אפיציער גראף מינאיעוו, וועלכער איז געוועזען פערהייראטהעט צו א יונגער רוססישער דאמע, פון זיד־רוססלאנד. דיא יונגע דאמע האט געהאט א בעהמישע אממע. דיעזע אלטע פרוי האט בעקאנט געמאכט איהר פפלעגע־קינד מיט פיעלע געהיימניססע פון דער אריענטאלישער מעדיצין, וועלכע בעשטעהט הויפטזעכליך, וויא איהר ווייסט געוויס, אין דעם געברויך פון פערשיעדענע קרייטיכער. זיא האט איהר אויך איבערגעלאזען איינינע געשריעבענע רעצעפטען, בעזאנדערס וויא צו היילען וואונדען, און גראדע דיא געפעהרליכסטע.

—אה, זיא וועט היילען מיין מאנן! — האט דיא גרעפין גערופען מיט פריידע.

—איך האף אזוי.

—אבער.... וואו איז זיא?

—הערט נאר ווייטער — האט דער מאיאר געמאכט מיט א שמייכעל — דער קאווקאזישער קריעג אין וועלכען איך האב טהיילגענומען, האט אונז געקאסט זעהר פיעל מענשען. דיא יונגע גרעפין האט געוואלט דורכאוים פאלגען איהר מאנן. זיא פלעגט זארגען פיר דיא פערוואונדעטע וואס מען פלעגט ברייגגען פון שלאכט־פעלד.

—און.... זיי פלעגען געזונד ווערען?

—כמעט אללע.... איינינע זאגאר וואס אונזערע מיליטערישע ערצטע האָ־בען געהאט אויפגעגעבען.

—און דיעזע דאמע?....

—איז אין באדען זייט געסטערן... אויב איהר פערלאנגט ברייננ איך זיא אהער אין א שטונדע.

—אויב איך פערלאנגן! אויב איך וויל! — האט דיא גרעפין גערופען— אַ געהמט מיין הערה, איך בעט איהך, ערזוכט זיא....

דער מאיאר האט זיך אויפגעהויבען, האט געריבט דער גרעפין דיא האנד, האט גענומען אבשיעד און איז אוועקגעגאנגען.

באלד דארויף איז געקומען פולמען. דיא גרעפין האט זיך א הר געווארפען אין דיא ארמע און האט איהר דערציילט איהר געשפרעך מיט דעם מאיאר ארלאוו.

—אונגליקליכע פרוי — האט זיך פולמען געטראכט — ווען דוא זאלסט וויססען וואס דער שיקזאל האט נאך פיר דיך!

נאך איידער א שטונדע איז פארי-ער איז א וואגען געבליעבען שטעהן ביים גי־טער פון הערן אסטי'ס הויז. דער מאיאר און א דאמע זיינען פון איהם ארויסגע־שטיעגען. דיעזע דאמע איז געוועזען, וויא מען פערשטעהט, דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה. זיא איז אריין אין הויז מיט א זיכערן טריט, געקלעהנט אויף'ן ארעם פון מאיאר ארלאוו.

דיא גרעפין איז איהר ארויסגעלאפען אנטגעגען אויף דיא טרעפ אום זיא צו עמפפאנגען. פולמען איז געוועזען מיט איהר. אבער זיא האט מיט קיין מיענע ניט ארויסגעוויזען דאס זיא וואונדערט זיך אדער דאס זיא וויסט עטוואס מעהר אלס דיא גרעפין. דער פעסטער ווילען פון דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט אויף איהר געווירקט פונקט וויא אויף ארמאנד.

וואס דיא גרעפין אנבעטריפט, האט זיא דיא יונגע דאמע געזעהן צום ערסטען מאהל אין איהר לעבען, און האט נור בעמערקט איין זאך, נעמליך, אז דיא אנגעבליכע רוססישע גרעפין בעזיצט איינע שטרענגע האפפערדיגע שעהנהייט.

דיא ארעמע גרעפין פאַ אסטי האט זיך א ן הארצען געטרייסט אז דיעזע שטאלצע שעהנהייט איז א צייכען אויף א גרויסע זעלע און דיא האפנונג דאס איהר מאנן וועט דורך דיעזע דאמע געהיילט ווערען איז נאך ביי איהר שטארקער געווארען.

נאך דיא געוועהנליכע העפליכקייטען האט זיך דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה געלאזט פיהרען צום בעט פון דעם פערוואונדעטען, און האט פערלאנגט צוא בלייבען אליין מיט איהם. דער מאיאר און דיאביידע יונגע דאמען, ד. ה. דיא גרעפין און פולמען, האבען זיך צוריקגעצויגען אין אנאנדער צימער.

א קורצע ווילע האט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה בע־טראכטעט מיט ווילדער פריידע דאס אויסגעמאגערטע געזיכט, דיא איינגע־פאללענע אויגען, דיא טיעפע פאלטען און פריצייטיג ווייס-געווארענע האר פון גראף פון אסטי.

—איך גלויב אז דוא וועסט שוין באלד האבען גענוג געליטען, דוא מערדער — האט זיא געמורמעלט וויא פיר זיך.

זיא האט דאנן ארויסגענומען פון איהר טאשע א קליינע פלעשעלע פון א שווארצליכען קאליר און האט עס געעפענט. דיא גרעפין פאן אסטי וואלט געוויס

אויפגעציטערט ווען זיא וואלט געזעהן דעם ווילדען און שרעקליכען אויסדרוק אויפען געזיכט פון דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה.

דיעזע האט דאנן אריינגעטריפט דריי טראפען אין א לעפעלע, האט מיט גוואלט אויפגעריסען דיא פארקוועטשטע ציינער פון דעם קראנקען, און האט איהם געצוואונגען ארונטערצושלינגען דיא דריי טראפענס.

איז עס געוועזען מעדיצין, אדער גיפט? אזוי שנעל וויא דער פערוואונדעטע האט ארונטערגעשלונגען דיא דריי טראפענס האט זיך גלייך בעוויזען א פלעצליכע ענדערונג אין זיינע ציגע. ער איז געווארן רויט, דאנן בלאס. אלע זיינע גלידער האבען זיך אנגעהויבען צו קארטשען, און ער האט אנגעפאנגען צו קרעכצען. דאנן האט ער צוגעמאכט דיא אויגען און זיין געזיכט האט געוויזען אלע סימנים פון טויט.

דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט געעפינט דיא טיר פון זאל, וואו דיא גרעפין, פולמען און דער מאיאר זיינען געוועזען.

—איהר קענט אריינקומען — דאס זיא געזאגט.

אלס זיי זיינען אריינגעקומען האט דיא גרעפין אויפגעשריען. פולמען האט אנגעפאנגען צו ציטערן.

—זיא האט איהם געטעדטעט — האט זיא געטראכט.

אבער אויף דיא ליפען פון דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט זיך בעוויזען א שמייכעל:

—שרעקט אייך ניט — האט זיא איהר געזאגט — איך האב איהם אבזיכטליך געווארפען אין דעם בעוואוסטלאזען צושטאנד, ער האט עס נייטיג.

—אה, וויא איך האב מיך דערשראקען! — האט דיא גרעפין געזאגט.

—אין דעם צושטאנד וועט ער בלייבען א פאר שטונדען — האט דיא יונגע דאמע ווייטער גערעדט און וועט זיין וויא טויט.

—און נאכהער?

—נאכהער וועט ער קומען צו זיך און וועט קיין פיבער מעהר האבען.

—און ער וועט זיין גערעטעט?

—ניין, דאס נאך ניט. אבער דאנן וועל איך זיין אים שטאנדע צו זעהן וואו עס האלט מיט איהם. דערווייל אבער מוז איך אויפמערקזאם מאכען אויף אייניגע נייטיגע זאכען. איך מוז וויסע אייניגע אומשטענדע אום גענו צו קענען בעשטימען אויב עס איז נאך דא א רפואה צו דער קראנקהייט אדער ניט.

דיא גרעפין האט געפיהלט וויא איהר גאנצעס בלוט קומט איהר אין הערצען. זיא האט מורא געהאט אז דיא רוסישע דאמע האט דיא זעלביגע מיינונג איבער איהר מאנ'ס לאגע, וויא דער פראנצויזישער דאקטאר.

דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט צוגעוואונקען דעם מאיאר און פולמען זיי זאלען זיך צוריקציהען, און זיי האבען אויך גלייך פאר לאזען דאס צימער.

—מאדאם — האט דיא דאמע זיך געווענדעט צו דער גרעפין, אלס זיי זיינען געבליעבען אליין, — עס איז נייטיג איהר זאלט מיר ערלויבען אייך צו בעהאנדלען וויא

איין אלטע פריינדען אז איהר זאלט זיך מיר אין גאנצען אנפערטרויען.

—איך בין בעווייט אויף אלעס, מאדאם — אום צו רעטען מיין אונגליק-ליכען מאנן.

—דער מאיאר ארלאוו, מיין אלטער פריינד, האט מיר פאהרענדיג אהער בע־קאנט געמאכט א ביסעל מיט דער לאגע, לויט וויא ער האט מיר געזאגט איז דער קראנקער מיט דריי טעג צוריק שוין געוועזען גאר אויסער געפאר.

—דאס איז וואהר.

—ער איז געוועזען רוהיג און האט גוט געשלאפען, און דיא וואונדע האט זיך שלעכט געהיילט.

—יא, מאדאם.

—פלוצלינג, נאך אכט טעג, איז אלעס געווארן ערגער, ניט וואהר?

—אך!

—עס האט אלזא עטוואס געמוזט פעראורזאכען דיעזע ענדערונג.

—אבער מאדאם, איך בין ניט אפגעטראטען פון זיין לאגער, און ער האט גע־האט דיא בעסטע פפלעגע.

—דאנן איז דיעזע פלעצליכע ענדערונג צום בייזען געווים ארויסגעקומען דורך א גייסטיגע אורזאכע.

מאדאם פאן אסטי האט געוועכסעלט קאלארען אין איהר געזיכט: — זאל איך געשטעהן מיין סעקרעט? — האט זיא געטראכט.

—איהר פערשטעהט געווים, מאדאם — האט דיא דאמע פארטגעזעצט — דאס אויב איהר ווילט אז איך זאל קענען רעטען דעם גראף, מוזט איהר מיר פריי און אפענהערציג אויף מיינע פראגען אנטווארטען.

דיא גרעפין האט געמאכט איינע אנשטרענגונג איבער זיך;

—איך בין בערייט, מאדאם — האט זיא געזאגט

דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט אויף איהר געריב־טעט א קלארען דורכדרינגליכען בליק, וויא א ריכטער אויף דעם פערברעכער:

—ליעבט איהר אייער מאנן? — האט זיא געפרעגט.

—יא — האט דיא גרעפין געענטפערט, פערגעסענדיג ארמאנד אין דעם אויגענבליק.

—האט איהר איהם אימער געליעבט?

מארגעריטא פאן פאן האט ניט גלייך געענטפערט.

—ניין, מאדאם, איך פרעג עס אום איהם צו רעטען.

—ווען איך מוז.... איך האב אימער געהאט איינע אבנייגונג צו איהם, אבער קען איך......

—פערשווייגען דיא אורזאכע, ניט וואהר?

דיא גרעפין האט צו געשטימט מיטן קאפ אז זיא האט געטראפען.

—אַה, אהנע צווייפעל, דיא אורזאכע איז ניט וויכטיג.

מאדאם פאַן אסטי האט פרייער אויפגעאטהעמט.

—אלזא האט איהר ארויסגעציינט גענען איהם פעראכטונג, האס? — האט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה ווייטער געפרעגט.

—אַך, יא, מאדאם......

—ביז וויא לאנג?

—ביז צו דער שטונדע ווען ער איז פערוואונדעט געווארען.

—און דאן?

—דאנן האב איך אויף איהם מיטלייד געקראגען און האב איהם פערצייהט

—און...... האט ער אייך געליעבט?

—וויא א וואהנזיניגער.

—אלזא דיעזע ענדערונג וועלכע איז פאָרגעקומען אין איהם גיט מיר איינע ערקלע־רונג פיר דעם ערשטען טהייל פון דעם געהיימניס אין דעם קראנקען׳ס לאגע.

דיא גרעפין האט אפגעצויגען דעם אטהעם מיט א זיפץ און האט געמיינט אז דיא אונטערזוכונג וועט זיך דערמיט ענדיגען, אבער דיא דאמע מיט דעם שוואר־צען האנדשוה האט פארטגעזעצט:

—דאס ערקלערט מיר אם בעסטען וויא אזוי דער צושטאנד פון דעם פערוואונדע־טען האט זיך אין דיא ערשטע אכט טעג אזוי שנעל געבעסערט. אבער......

זיא איז ענטשוויגען געווארן און האט ווידער אנגעקוקט דיא גרעפין, און דיעזע האט געציטערט וויא איהר הערץ שלאגט אונגעהייער שטארק.

—אבער — האט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה פארטגעזעצט — אויב אייער ענדערונג אנטקעגען גראף האט געווירקט וואונדער אויף זיין צושטאנד אין דיא ערשטע 8 טאג, דאנן האט וואהרשיינליך עטוואס פאסירט אין אייער בענעהמען וואס האט ווידער געווירקט שלעכט אויף איהם.... האט איהר דא ניט וועמען עס איז עמפפאנגען?

דיא גרעפין איז געווארן טעדטליך־בלאס; דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנד־שוה האט ווידער ערגריפען איהר האנד.

—מאדאם — האט זיא געזאגט — איך בעט אייך מיך צו ענטשולדיגען און מיך צו בעטראכטען וויא אייער פריינדין...... איך האב פאהרענדיג אהער אויסגעפארשט דעם מאיאר, און פון זיינע רייד האב איך פאָרגעפיהלט.... עפעס א סעקרעט......

דיא גרעפין האט געשוויגען. דיא דאמע האט ווייטער גערעדט:

—דער מאיאר האט געהאט א יונגען פריינד...... דיעזער פריינד האט אייך גע־ליעבט...... ער פלעגט אהער קומען...... דער גראף איז געווארן אייפערזיכטיג...

—גנאדע, מאדאם! — האט דיא גרעפין, געבעטען, פארשטעלענדיג איהר געזיכט מיט איהרעביידע הענד.

—אום הימעלס ווילען, מאדאם, אויב איהר ווילט אז אייער מאנן זאל זיין גערע־טעט, בעט איך אייך אז דיעזער יונגער מאנן......

—אָה, ער וועט אהער ניט מעהר קומען! — האט דיא גרעפין האסטינג אויסגערו־פען — איך וויל איהם ניט מעהר ווידער זעהן, איך פערשפרעך עס אייך......

—אבער דאס איז נאך ניט גענוג......

—מיין גאט וואס פערלאנגט איהר נאך פון מיר?

—איך פערלאנג דאס אזוי שנעל וויא אייער מאנן וועט עפענען זיינע אויגען, און איהר וועט בעמערקען אז ער איז בערוהיגט......

—נון מאדאם, וואס זאל איך טהאן?

—דאנן זאלט איהר זיך איבער איהם אריבערבויגען און איהם זאגען: „ער איז פער־רייזט, איך וועל איהם ניט מעהר ווידערזעהן!"

—איך זאג עס אייך צו — האט דיא גרעפין געזאגט.

דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט זיך דאנן אויפגעהויבען, האט ארונטערגענומען דעם פערבאנד פון דער וואונדע.

הערר פאן אסטי איז געלעגען אין א טיעפען לעטארגישען שלאף, זיין הערץ האט כמעט ניט געקלאפט און מען וואלט דיינקען דאס ער איז טויט.

דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט דאנן ארויסגענומען א צווייטע פלעשעלע, האט איינגעטונקט דארין א שטיקעלע וואטע און האט דערמיט בעפייכט דיא וואונדע, און האט צוריקגעלייגט דעם פערבאנד.

—אדיע, מאדאם — האט זיא געזאגט אויפשטעהענדיג — אבענדס ארום עלף אוהר וועל איך צוריקקומען אהער. איך פערלאנג נור אז דער פערוואונדעטער זאל זיך ניט געפינען אין דיזען צימער מיט דער פארשטיקטער לופט.

—וואוהין זאל מען איהם איבערטראנספאָטירען? — האט דיא גרעפין געפרעגט.

—איך וואלט פארגעצויגען דעם ערשטען עטאזש. איהר מוזט דאך דארט האבען וועלכעס שלאף צימער ביין זאל?

—יא, אין נארד, עס קומט ארויס אין גארטען.

—זעהר גוט.

—אבער קען מען איהם אהן געפאהר טראגען?

—יא, אזוי לאנג וויא ער שלאפט פעסט.

דיא גרעפין האט געקלונגען און האט געגעבען בעפעהלע. דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט זיך צוריקגעצויגען, בעגלייטעט פון מאיאר ארלאוו.

....

א שטונדע שפעטער האט הערר אסטי געעפענט דיא אויגען. ער האט זיך צו־ערשט ארומגעקוקט אין צימער גאנץ ערשטוינט, און האט ניט דערקענט זיין צימער און ניט דיא אומגעבונג, אבער זיין בליק האט אנגעטראפען דאס געזיכט פון דער גרע־פין, וועלכע האט זיך בענאסען מיט טרעהרען.

דיא ארמע פרוי האט געהאלטען אין איהר האנד דיא האנד פון איהר מאנן.

—וויא געהט עס אייך, מיין פריינד — האט זיא געפרעגט.

וויא א פריידענשטראהל האט עס אויפגעליכטען אין אויג פון דעם קראנקען. ער האט זיא דערקענט.

—מען האט אייך אריבער געטראגען אהער — האט די גרעפין פארטגעזעצט — אויף דעם בעפעהל פון אייער נייעם דאקטאר.

דאס געזיכט פון גראף האט אויסגעדריקט איבערראשונג.

א, דאס איז א וואונדערבארער דאקטאר — האט די גרעפין פארטגעזעטצט שמייכלענדיג דורך טרעהרען — דאס איז א יונגע רוסישע דאמע, מיין פריינד, וועלכע בעזיצט וואונדערבארע היילמיטעל....

דער בליק פון גראף פאן אסטי האט אויסגעדריקט אלץ מעהר און מעהר ערשטוינונג.

—דאס האט מאיאר ארלאוו, אונזער נאכבאר, זיא געבראכט אהער! זיא האט איבערג בונדען אייער וואונדע, דיא היטץ איז פאראיבער און זיא איז ערב פאר אייער לעבען איצטער.

דער נאמען פון מאיאר ארקאוו האט ארויפגעבראכט דעם אויסדרוק פון שרעק און האס אויפען געזיכט פון גראף. מאיאר ארלאוו — איז ער דען ניט דער פריינד פון ארמאנד?

מאדאם פאן אסטי האט בעגריפען אלעם וואס עס געהט פאר אין הערצען און אין געדאנקען פאן איהר מאנן. און איהרען פערשפרעכען געטריי, האט זיא זיך אדיי־בערגעבויגען איבערן פערוואונדעטען, האט געקיסט זיין שטירן, און האט געזאגט:

—זייט ניט מעהר אייפערזיכטיג, מיין פריינד.... ער פעררייזט.... איך וועל איהם ניט מעהר ווידערזעהן....

און וועהרענד דער אויסדרוק פון פלעצליכער גרויסער פריידע האט זיך בעוויזען אויפען בלאסען געזיכט פון גראף, איז א דיענער אריינגעקומען, און האט איבערגעגעבט דער גרעפין א בריעף. מאדאם פאן אסטי האט איהם געעפינט און האט געלעזען פאלגענדעס:

„מאדאם

„איך האב בעגריפען דאס מיר זיינען געטהיילט דורך אונאיבערוויגדליכע הינ־„דערניסע; דאס אייער טוגענד און מיין פליכט מאכען איין געזעטץ פיר אונז ביידען „מיר זאלען זיך קיינמאהל נים ווידערזעהן. אייער וואונש זאל ערפילט ווערן. איך „פארלאז באדען נאך מארגען פריה, און וועל זעהן אויסצומיידען צו קומען נאד־„העגט צו אייך, און דערפאר וועל איך אפשר ערהאלטען פון גאט דיא גנאדע אייך „אמאהל צו קענען פערגעסען.

„אייער געהארזאמער דיענער

„ארמאנד“

דיא גרעפין האט אויסגעשטרעקט דעם בריעף צו איהר מאנן.

—זעהט איהר מיין פריינד, איך האב אייך געזאגט דעם אמת.

אין דעם אויגענבליק איז אריינגעקומען פולמען, און דאס איז געוועזען פיר דיא גרעפין איינע אונערווארטעטע הילפע דענן דער אבשיעד־בריעף פון ארמאנד האט איהר שיער געבראכען דאס הערץ.

ארום עלף אוהר אבענדס איז געקומען דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנד־

שה, און אין ארייננעפיהרט געוואהרען אין זאל. פולמען האט זיא עמפפאנגען.

—דיא שטונדע איז נאהענט — האט איהר דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנד-שוה געזאגט שטיל.

—איך וועל געהארכען — האט פולמען געשטאמעלט אראפלאזענדיג דעם קאפּ.

—איהר וועט זיא לאזען אליין.....

—יא, מאדאם.

מאדאם אסטי איז ארויסגעגאנגען פון צימער פון קראנקען אויף דיא שפיטץ-פינגער. זיא האט בעגריסט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה און האט איהר מיטגעטהיילט אז דער קראנקער שלאפט.

דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה איז אריין אין צימער צום קראנקען און איז גלייך צוגעגאנגען צום בעט. זיא האט בעמערקט, אז דאס געזיכט פון קראנ-קען איז שוין יעצט פיעל רוהיגער און שוין ניט אזוי פערצעררט וויא דאס איז געוועזען אין דער פריה.

—ווילט איהר מיך איבערלאזען מיט איהם אליין? — האט דיא דאמע געפרעגט זיך ווענדענדיג צו דער גרעפין; — עס איז דערוויילע דורכאויס נייטיג אז דא אין צימער זאל זיין וואס שטילער און איך זאל קענען הערען וויא דער קראנקער ציהט דעם אטהעם.

דיא גרעפין האט צוגעשטימט און האט פארלאזען דאס צימער. זיא איז אריין אין זאל און האט זיך געזעצט נעבען פולמען אין דער פארמוגע פון א פענסטער.

דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט צוגעמאכט דיא טיר וועלכע האט פעראייניגט דעם זאל מיט דעם קראנקען-צימער, וואו זיא איז געזעסען.

נאך צעהן מינוטען האט זיך פולמען אויפגעהויבען.

—איך האב איין שרעקליכעס קאפּ-וועה, — האט זיא געזאגט — ערלויבט מיר גרעפין, צו געהן צו בעט.

—געהט, פריינדין — האט געענטפערט מאדאם אסטי. וועלכע איז געזעסען דיא גאנצע צייט פערטיעפט און געדאנקען.

זיא האט געטראכט וועגען ארמאנד.... וועגען ארמאנד וועמען זיא האט געליעבט, און וועלכער פעררייזט מארגען פריה אום זיא ניט וויעדערצוזעהן.

אלס פולמען האט זי צוריקגעצויגען, האט מאדאם פאן אסטי גענומען איהר געזיכט אין איהרע ביידע הענד און האט געוויינט.

פלוצלונג האט זיא דערהערט הינטער זיך א גערויש וויא פון א פענסטער וואס עפינט זיך.

זיא האט זיך אומגעקעהרט דערשראקען, און פלוצלונג האט זיא זיך אויפגעהויבען און איז צוריקגעשפרונגען בערייט צו שרייען, צו רופען אום הילפע......

א מאנן האט אויפגעפינט א לאדען פון א פענסטער וואס איז געשטאנען אפען, האט איבערגעשפרייזט דיא האלץ-ארבייט און מאדאם פאן אסטי האט גע-זעהן וויא דער מאנן איז אריין אין זאל און איז געלאפען צו איהר.

עס איז לייכט צו פערשטעהן אז די־זער מאַן איז געוועזען ארמאנד, דען דיא גרעפין האט ניט געשריען און ניט גערופען אום הילפע. ארמאנד האט געהאט אריב־ר־געקלערט דיא מויער וואס האט אפגעהיילט ביידע גארטען, אום צוצוקומען צום פענסטער.

דיא גרעפין האט געציטערט ווי א קינד און האט געפיהלט וויא איהרע פיס ביינגען זיך אונטער איהר.

ביין אנבליק פון ארמאנד איז מאדאם פאן אסטי געבליעבען וויא פערשטיי־נערט. זיא האט ניט געהאט קיין כוח ניט צו שרייען און ניט צו אנטלויפען, און האט אפילו ניט בעהאלטען אזוי פיעל מוטה פיר דעם אויגענבליק אום ארמאנד צור־ריקצורוויזען מיט א ווארט אדער מיט א בעוועגונג. ניין, זיא איז געבליעבען אונבע־וועגליך, מיט אראפגעלאזענע אויגען, און פיהלענדיג וויא דיא כחות געהען איהר אויס פאר שרעק און פאר פריידע צוגלייך.

ארמאנד איז צוגעקומען צו איהר און האט זיך אראפגעלאזען אויף דיא קניע:

—פערצייהונג, מאדאם!

דיא גרעפין האט נאך אימער געשוויעגען, דענן זיא האט זיך נאך אימער ניט צורעכטגעפונען פון איהר בעשטירצונג. און ארמאנד האט ערגריפען איר האנד און האט זיא געקיסט.

דיעזע בעריהרונג מיט זיינע ליפען האט זיא אויפגעטרייסעלט און האט אין איהר ווידער אויפגעוועקט לעבען.

—אה, איהר האט מיך בעטראגען! — האט זיא אויסגערופען גאנץ שטיל, ציטער־רענדיג אז איהר שטימע זאל ניט דערהערט ווערין אין דעם צווייטען צימער וואו דער גראף איז געלעגען — איהר האט מיך גענארט!

—מאדאם....

—איהר האט מיר ניט געפאלגט......

—פערצייהונג......

—איהר זייט געקומען דאנן ווען איהר האט מיר פערשפראכען צו פערר ייזען.

—איך פעררייזע אויך מארגען.

—און ווארום קומט איהר דענן? — האט זיא געפרעגט מיט צארן — וואס ווילט איהר פון מיר? וואס האט איהר מיר צו זאגען?

—איך ליעב אייך........

—און יעצט אין מיטען נאכט, ארייננקלעטערענדיג צו מיר ווער ווייס דורך וואנען, קוים צוויי טריט פון מיין קראנקען מאנן וואגט איהר עס....

—פערצייהונג — האט ארמאנד ווידערהאָלט — איך בין וויא וואהנזיניג, וויא פערריקט.... איך האב אייך געמוזט נאך איינמאהל זעהן....

—אבער רעדט שטילער, אום גאטעס ווילען! — האט מארגעריטא געבעטען מיט א פערשטיקטע שטימע — שווייגט און פארלאזט מיך......

—אייך פערלאזען!

—יא, עס איז נייטיג. איהר מוזט!

—אָ, ערלויבט מיר נור איין שטונדע ביי אייך אזוי צו פערווייל'ען, קיסען אייער האנד, און פיהלען אויף זיך אייער בליק.

—פערלאסט מיך! — האט דיא גרעפין נאך אמאהל ווידערהאלט בעוועגט, ציטעררענדיג און כמעט בעטענדיג. זיא האט פערזוכט צו זיין הארט, בייז, אבער איהר הערץ האט ענדליך דאך גענומען אויבערהאנד איבער איהר ווילען, אלס ארמאנד איז געבליעבען דעננאך נעבען איהר אויף דיא קניע. ארמאנד האט געשפיעלט טריי זיין ראָלע אלס פערפיהרער:

—מארגעריטא, איך ליעב אייך.... האט ער געוואגט צו זאגען, ווערענד דיא גרעפין האט גענומען איהר געזיכט אין איהרעביידע הענד און האט זיך בעגאסען מיט טרעהרען — איך האב אייך ליעב און מיר פעהלט דער מוטה צו פעררייזען און אייך ניט ווידערצוזעהן.

דיא שטימע פון דעם יונגען מאן איז געווארן צערטליך, איבערציינענד, בעוועגט, און ווערענד מאדאם פאן אסטי האט קאנוואלסיוו געדריקט ארמאנדס האנד, פערניסענדיג טרעהרען, האט ער פארטגעזעצט:

—מארגעריטא, ווילט איהר איך זאל אייך ווידמען מיין גאנצעס לעבען מיר זאלין זיך ניט דארפען שיידען און לעבען גליקליך צוזאמען?

—אָה! — האט דיא גרעפין גערופען וויא פערצווייפעלט.

—קומט מיט מיר! מיר וועלען פערבארגען אונזער ליעבע ערגיץ־וואו אין א ווינקעל אין דייטשלאנד.... וואו מיר וועלען פערגעסען דיא וועלט.... און וועלען געניסען דאס גליק דער ריינער ליעבע......

אָ, מיין גאט! — האט דיא גרעפין געמורמעלט האלב־וואהנזיניג פון דיא פערשיעדענע עמפפינדונגען וואס האבען יעצט בעוועגט איהר בוזם.

—מארגעריטא! — האט ארמאנד פארטגעזעצט זיין פאלשע נידערטרעכטיגע ראָלע — עס איז איצטער נאכט... אלעס שלאפט.... א פאסטוואגען ערווארטעט אונז אויפען אנדערען ענד פון דער ליכטענטהאל-שטראסע.... ווילט איהר.... אָ זאגט?

ניין! ניעמאלס! — האט דיא גרעפין אויסגערופען האלטענדיג איהר קאפ אין איהרע ביידע הענד, פונקט וויא זיא וואלט מורא געהאט דאס איהר פערשטאנד וועט איהר פערלאזען.

—ניעמאלס! — האט ארמאנד געמאכט.

—און מיין מאנן וועלכער ליעגט אין שטערבען?

ארמאנד האט אויפגעציטערט.

—און מיין קינד? — האט דיא גרעפין גענעדיגט, האפענדיג זיך אן דיא צוויי נעמען מיט דער לעצטער האפנונג פון איינעם וואס טרינקט זיך.

אין דאך האט ארמאנד געלעזען אין איהר בליק אזוי פיעל ליעבע פיר איהם דאס ער האט בעגריפען, דאס וויא שטארק אין איהר זאל ניט ריידען. דיא פליכט וועט זיא ענדליך דאך גאבגעבען. נאך איינינע מינוטען פיליכט און דיא גרעפין וואלט איינגעשטימט איהם צו פאלגען.

זיא האט זיך איין אויגענבליק אויפגעריכטעט, האט אנגערופען דיא

עראינערונג אז איהר קראנקען מאנן און אן איהר שלאפענדעס קינד, האט געוואגט פער־שטויסען פון זיך איהר פערפיהרער.... אבער דיעזער ווידערשפּאנד האט קוים גע־האלטען איין אויגענבליק. מאדאם פאן אסטי האט וויעדער אנגעפאנגען צו ציטערן, צו גיסען טרעהרען און איהר האנד האט וויעדער קאנוואלסיוו געדריקט די האנד פון ארמאנד.

—ארמע פרוי! — האט דיעזער געדאכט.

די עהרליכע נאטור פון ארמאנד האט זיך אויפגעהאפט נאכדעם וויא זיא אין אזוי לאנג אונטערדריקט געוועזען דורך די פאטאלע ליעבע צו דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה, און אין זיינעם אינגערן איז פארגעקומען א גאנצע איבער־קעהרעניס.

צום צווייטען מאהל האט זיך ארמאנד פארשעמט פאר זיך אליין, פאר זיין ניע־דערטרעכטיגע אויפפיהרונג, פאר די ליגען פון דעם גאנצען מאנאט.

דיעזער שקלאפע דער ליעבע און פון א געהיימניספאלען פרעמדען ווילען, האט רעוואלטירט און האט געוואגט ברעכען די קייטען אין דער געגענווארט פון דיעזער פרוי, וועלכע ער האט געבראכט ביז צו דער גרענצע דער פערצוויפלונג, נאכדעם וויא ער האט זיא געמאכט איהם צו ליעבען.... ער האט זיך געשעמט פאר זיך און האט געהאט מיטלייד מיט איהר.

—אָ, מאדאם, מאדאם, פערצייהעט מיר, איך בין איין עלענדער שופט.

—איהר! איין שופט! דוא! — האט די גרעפין גערופען. זיא האט געמליך פער־שטאנען, דאס ארמאנד האט געווים חרטה אויף דאס וואס ער האט זיך אזוי געלאזען הינרייסען פון זיינער ליידענשאפט, און האט איהר אנגערעדט צו ברעכען איהר פליכט.

—איך! — האט ארמאנד געענטפערט מיט טרויער אין זיין שטימע.

און ער האט ערגריפען ביידע הענד פון דער גרעפין און האט זיי בע־דעקט מיט קיססע.

ארמאנד האט אהנע צווייפעל געוואלט אנפאנגען איינע ערקלערונג און גע־שטעהן אלעס, און בעטען פערצייהונג און זיך אפזאגען פון דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה.... אבער פלוצלונג האט זיך געלאזט הערן א גערויש הינטער זיי זיי, זיי האבען זיך דערשראקען אומגעקוקט......

די טיר וועלכע האט אפגעטהיילט דעם זאל פון דעם קראנקענצימער פון הערן אסטי האט זיך פלוצלונג געעפענט און מען האט געהערט די שפעטישע שטימע פון דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה וועלכע האט גערופען:

—זעהט נאר אהין, הערר גראף, בליקט אהין!

....

איידער מיר געהן וויטער איז עס נייטיג צו דערציילען וואס עס איז פארגעקו־מען אין דעם צימער וואו דער גראף איז געלעגען.

די דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט זיך געהאט איינגעשלאסען אין צימער בעטענדיג די גרעפין זיא צו לאזען אליין און איהר ניט צו שטערן. דאנן האט זיא זיך אנידערגעזעצט ביין בעט פון גראף. דיעזער האט געשלאפען.

דארויף האט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה געעפענט דאס קליינע רייזע־טעשיל וואס זיא האט געבראכט מיט זיך און דאט ארויסגענומען פון דארטען צוויי פלעשעלאך, מיט וועלכע זיא האט זיך שוין געהאט בעדיענט פריהער. דאנן האט זיא אנגעריהרט דעם גראף מיט א פינגער און האט איהם אויפגעוועקט.

דער גראף האט געעפענט דיא אויגען, האט דערזעהן א ווייב, און האט געמיינט אז דאס איז מאדאם פאן אסטי.

א לאמפע מיט איין אבא־זשור (קאפטור) איז געשטאנען אין א ווינקעל און האט דאס צימער ווייניג בעלויכטען

איין זיפץ פון צופרידענהייט האט זיך ארויסגעריסען פון דער צוריסענער האלדז פון גראף און א זארט פריידע האט זיך אויסגעמאהלט אין זיינע אויגען.

אבער דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט איהם געזאגט:

—דאס איז ניט דיא גרע־ין, מיין העררּ, דאס איז אייער דאקטאר.

דער קראנקער האט זיך א ריהר געטהאן אין בעט און זיין בליק האט געזוכט צו בעטראכטען דיא געזיכטסציגע פון דער יונגער דאמע.

דיעזע האט פארטגעזעצט:

—מען האט מיך צו אייך גערופען און איך בין געקומען.

דאס אויג פון גראף האט געברענט פאר נייגירדע.

—איך בין דיא פריינדין פון גראף ארלאוו.

דערהערענדיג דיעזען נאמען האט דער גראף וויעדער אויפגעציטערט.

—איך בין אויך דיא פריינדין פון ארמאנד......

דיעזער נאמען האט ארויסגעריססען קרעכצען אוים דער ברוסט פון פערוואונדעטען.

און מען איז געקומען מיך זוכען.... האט דיא דאמע פארטגעזעצט מיט א שפעטישער שטימע — אום איך זאל אייך רעטען.

און וועהרענד דער גראף האט זיך, וויא זיס האט אויסגעוויעזען, מיהע געגעבען צו פערענטפערן זיך, ווארום דיעזע פרוי וועלכע איז געקומען צו איהם אלס רעטערין, רעדט צו איהם אין אזא איראניש[illegible]ן און בייסענד וויא א פיינדין, — איז זיא געגאנגען נעהמען דיא לאמפע, און האט זיא געבראכט צום טיש נעבע בעט. דאנן האט זיא ארונטערגענומען דעם אבא־זשור און דער גאנצער שיין איז געפאלען אויפען געזיכט פון גראף.

—איך קען וועטען אז איהר רערקענט מיך ניט — האט זיא געזאגט.

—ניין — האט דער גראף געוויעזען מיט א לייכטע קאפ־בעוועגונג.

—ווירקליך ניט?

דער גראף האט נאך אמאהל געמאכט דיא זעלבינע בעוועגונג מיטן קאפ. ער האט אבער פון איהר ניט אראפגענומען דיא אויגען, און וואס מעהרער ער האט בעטראכטעט דיעזע בלאנדע האר, דיעזע דונקעל־בלויע אויגען, האט ער געקנייטשט דיא שטירן, פונקט וויא ער וואלט וועלין פאקען עפעס א ווייטע ערינערונג וואס ער האט שוין לאנג פערגעסען.

—אבער בעטראכטעט מיך גוט, הערר ריטטער פאן אסטי — האט זיא ווידערהאלט.

דער טיטעל ריטטער האט אויפגעוועקט אין קראנקען עראינערונגען פון יענע פערגאנגענהייט, און ער האט געפיהלט זאנדערבאר.

—אין דער צייט וואס איך ליעג איבער אייער וואונדע בעטראכטעט מיך גוט...... האט דיא דאמע געזאגט, אין ריידענדיג האט זיא לויז געמאכט דעם פערבאנד פון זיין האלדז, און האט ארויפגעטריפט עטוואס פון א פלעשעלע.

דער קראנקער האט זיך א הויב געטהאן פון בעט פאר שמערץ. איהם האט אויסגעוויעזען דאס דיא דאמע האט ארויפגעטריפט פייער אויף זיין וואונדע.

—אלזא דערקענט איהר מיך ניט, ריטטער? — האט דיא דאמע פארטגעזעצט.

ער האט נאך אגץ פון איהר ניט אראפגענומען זיינע אויגען, און מען וואלט געקענט זאגען דאס ער האט זיך אומזיסט מיהע געגעבען זיינע צערשטרייטע געדאנקען צו זאמלען, און דאס איין ווארט, איין נאמען וואלט איהם גלייך געגעבען דעם שליעסעל צו אלעם.

—איך זעה אז איך מוז אייך דערציילען א זייטעל פון מיין נעשיכטע הערר אסטי, אום איהר זאלט מיך דערקענען. איך מוז אייך דערציילען פון דעם טאג פון מיין האכצייט.

דער גראף האט ווידער אויפגעציטערט.

—צו זעכצעהן יאהר בין איך געוועזען א כלה — האט זיא פארטגעזעצט. מיין חת איז אלט געוועזען דרייסיג יאהר. איך וועל אייך באלד זאגען וויא ער האט געהייסען. ער האט מיך געליעבט און איך האב איהם געליעבט...... אם אבענד פון אונזער האכצייט האט מען געטאנצט אין דער וואוינונג פון מיין פאטער...... איין אלטע פאמיליענוואוינונג אויף דעם פאבורג סעינט-זשערמען, וואוהין פינף הונדערט איינגעלאדענע זיינען געקומען מיר גליק ווינשען צו מיין התונה.... וועהרענד דעם באל, ארום האלבע נאכט, איז ערשיענען א מאנן געקליידעט אין שווארצען...... ער איז צוגעגאנגען גלייך צו מיין מאנן און האט איהם בעגריסט. ביין זיין אנבליק איז מיין מאנן בלאס געווארן און איז צוריקגעטרעטען; אבער דער מאנן אין שווארצען האט געמאכט א צייכען, האט געזאגט איינ׳גע ווערטער גאנץ שטיל, און מיין מאנן האט אראפגעלאזען דעם קאפ און איז געגאנגען מיט איהם.. ער איז מיט איהם דורך דעם גארטען ביי מיין פאטערס הויז און דורך א זייטענטירל איז ער מיט איהם ארויס אין א שטילע געסיל.... וואס דארטען איז פארגעקומען צווישען זיי?.... איך קען וועטען אז איהר דערקענט מיך יעצט, מיין ריטטער?....

און ווירקליך, דיא דאמע מיט דעם שווארצען האדשוה האט בעמערקט וויא דעם גראף׳ס געזיכט ווערט בעדעקט מיט א טויט בלאסקייט, און וויא ער ציטערט אם גאנצען קערפער, האלטענדיג אויף איהר א בליק פון א פערצווייפעלטען.

—אה, איהר הויבט מיך איצטער אן צו דערקענען! — האט זיא ווידערהאלט מיט שפאט — איהר טרעפט וואס צווישען זיי איז פארגעקומען, צווישען דעם שווארץ עקליידעטען העררן און מיין מאנן — ניט וואהר?.... דער שווארץ-געקליידעטער-

מאנן האט איהם ערמארדעט. און דיעזער שווארץ־געקליידעטער מאנן ביסט דוא!—
האט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה געענדיגט, אויסשטרעקענדיג איהר האנר און אנווייזענדיג אויף דעם קראנקען.

חערר אסטי האט זיך געדרייט אין בעט, פונקט וויא מען וואלט איהם געבראַטען. ער האט געפרובט שרייען, רופען, אבער זיין שטימע איז אויסגעלאשען געווארען אין האלדז, און ער האט נור ארויסגעבראכט אונבעשטימטע דומפפע קולות.

—הער מיך אויס! — האט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה פארטגעזעצט — דיין לעצטע שטונדע האט געשלאגען, ריטטער פאן אסטי אבער דוא זאלסט ניט שטערבען איידער דוא ווייסט וועמעס האנד עס האט דיך געטראפפען.

—דיעזע האנד איז מיינע!......

דעם גראף'ס בליק איז געווען ווילד פאר שרעק; ער האט געהאלטען זיין בליק אויף דיא רעכערין און האט, וויא עס האט אויסגעוויעזען, זיך געפרעגט, אויב ער ליעגט ניט אין פיבער, און אויב דאס אלעס איז ניט א שרעקליכער טרוים.

דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט פארטגעזעצט:

—דער גראף אָרלאוו איז מיין שקלאפע, ער האט בלינד געהארכט מיינע בעפעהלע. דאס האט ער געדונגען דאס הויז נעבען דיין וואוינונג. דאס האט ער דורכגעהאקט א פענסטערל דורך וועלכעס מיר האבען אלעס געקענט זעהן וואס ביי דיר געהט פאר......

דיא פערצווייפלונג און דער שרעק וואס האבען זיך געמאהלט אויף דעם געזיכט פון דעם קראנקען זיינען געווען איבערנאטירליך.

—אָ, דוא דארפסט ניט גלויבען, מיין ריטטער, אז דער צופאל אליין האט דיך פערזעצט דעם שלאג. איין קלארעס אויג, איינע זיכערע האנד האט דעם שלאג געפיהרט.... דוא ווייסט פיליייכט ניט, דאס איך האב עמפפאנגען מיין מאנן אלס זיין בלוט האט געפארבט מיין ווייסע האכצייטס־קלייד, דאס דיעזע האנד איז נאך 'עצט בעדעקט פון זיין בלוט, און איך האב מיך פארשווארן ניט אויסצוטהאן דיעזע האנדשוה ביז דער לעצטער פון מיין מאנן'ס מערדער וועט פאלען, יענע עלעגאנטען מערדער, וועלכע האבען זיך גערופען דיא „קאמעראדען פון שווערט“.

איין דומפפעס לאכען האט זיך געלאזט הערען פון דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה.

—מיין ריטטער,— האט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשיה פארטגעזעצט־ געדיינקסט דוא דעם מארקיז־ גאַנטראַן פאן לאסי? געדיינקסט דוא וויא ער האט געליעבט דיעזע מארגעריטא פאן פאָהן וועלכע דוא האסט פון איהם גערויבט?

דיעזע לעצטע ווערטער האבען פעראורזאכט איינע קאנוואולסיע ביין גראף פאַן אסטי.

—אה! דוא האסט זיא ליעב, ניט וואהר? דוא האסט ליעב דיאיעני־

גע וועלכע האסט און פעראכטעט דיך.... דיאיעניגע וועלכע בעטריגט דיך!......

זיא איז געבליעבען שטיל אויף א ווילע און האט געלאכט מיט איהר דע־מאָנישען געלעכטער. און צום צווייטען מאהל האט זיך דער גראף בעוועגט אין בעט און האט פערזוכט צו רופען אום הילפע.

—מען האט מיך גערופען צו דיר אלס א דאקטאר דיך צו היילען; מען האט ניט געוואוסט דאס איך וועל זיין דיין תליון. דיא איינינע טראָפען וואס איך האב יעצט אריינגעטריפט אין דיין וואונדע איז ניט באלזאם, נאר גיפט, אין א שטונדע וועסט דוא זיין טויט......

א שמייכעל האט זיך בעוויזען אויף דיא וייסע ליפען פון דעם פערוואונ־דעטען. עס האט אויסגעוויזען פונקט וויא ער וואלט וועלען זאגען: איהר האט רעכט זיך נוקם צו זיין, אבער דאס לעבען איז מיר אזוי נמאס דאס איך האב פאר טויט קיין מורא ניט.

דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט אהנע צווייפעל פערשטאנען וואס דיעזער שמייכעל בעדייטעט, דען זיא איז צוגעגאנגען צום טיר וואס האט זיך געעפענט אין זאל אריין און האט לעבהאפט אויסגערופען:

—אָ, איך וויים גאנץ גוט אז דאס לעבען איז דיר צולאסט, דען דוא ליעבסט און מען ליעבט דיך ניט; אבער דיין טויט אליין וועט ניט צופריעדען שטעלען מיין ראכע, איך האב געוואלט אז דוא זאלסט אויך שטארבען ענטעהרט....

דער גראף האט געראלט זיינע אויגען ארום זיך אין טויטשרעק, זוכענדיג וועל־כע פיין זיא האט פיר איהם נאך אנגעגרייט.

—דאס האב איך געבראכט ארמאנד נאך באדען, דורך מיינע בעמיהונגען האט זיך דיין פרוי געלאזט נעהמען פון ארמאנד, און זיין דועל איז ניט מעהר געוועזען וויא א קאמעדיע.

דער גראף האט געהערט און יעדעס ווארט איז איהם געדרונגען אין הערץ וויא א פערגיפטעטע שפיעז.

דאס האב איך געלאזט איינפיהרען ארמאנד צו דיר אין הויז, דאס האב איך בעצאהלט דרייסיג טויזענד פראנק פיר דעם שווערטשלאג אין האלדז וואס האט פון דיר געראבט דיין שטימע; דאס האב איך יעדען טאג געשיקט ארמאנד צו זיטצען ביי דיין בעט, אום דיין פרוי זאל איהם זעהן, און איהר ליעבע צו איהם זאל וואכסען....

דער ריטטער פאן אסטי האט אויפגעהויבעןביידע הענד און האט געמאכט א בעוועגונג פונקט וויא ער וואלט זיא פערווינשען.

—מיט איינינע שטונדען צוריק האט זיא דיר געזאגט דאס ארמאנד פעררייזט, דאס זיא וועט איהם ניט וויעדערזעהן—נון, זיא האט דיך בעטראגען!.... זעה, אָט אין דיעזער שטונדע, דארט, אין יענעם צימער, זיצט ארמאנד צו איהרע פיס או קיסט איהרע הענד!......

און דאס זאגענדיג האט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האסטיג אויפגעעפענט דיא צוויי האלבע טירען פון זאל, און האט אויסגערופען:

—זעהט נאר אהין, ריטטער, בליקט אהין!

אזוי וויא דאס בעט איז געשטאנען פונקט אנטקעגען טיר און דער זאל זיין געוועזען בעלויכטען, האט דער אונגליקליכער געקענט זעהן וויא ארמאנד איז געשטאנען אויף די קניע פאר זיין פרוי......

און דאן האט דיעזער מענש, וועמעס לעבען עס האט געהאלטען שוין ביין אויסגעהן, געטהאן מיט זייגע לעצטע קרעפטען א הויב זיך פון בעט, איז אראפגע־שפרונגען אויף דר'ערד, האט געמאכט א פאר טריט פארווערטס, האט אויסגע־שטרעקט די האנד פונקט וויא אום זיינע פרוי צו פערפלוכען, וועהרענד זיא איז אויפגעשפרונגען און איז געבליעבען וויא פערשטיינערט, און ער איז געפאלען טויט!

....

די דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט ניט אויפגעהערט צו לאכען.

די גרעפין איז צו געלאפען צו איהר מאנן, האט איהם אויפגעהויבען, האט גערופען, געשריען, און האט איהם געלאזט פאלען צוריק.

—טויט האט זיא געמורמעלט, און איז געבליעבען וויא פערגליווערט.

אין דעם אויגענבליק האט זיך די טיר האסטיג געעפענט; א פרוי איז ער־שיענען. דאס איז געוועזען פולמען. בלאס, ערנסט און האסטיג איז זיא צוגעגאנגען גלייך צו דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה.

—מאדאם — האט זיא געזאגט — דער גראף אסטי איז טויט און איך בין בעפרייט פון מיין שבועה.

—אָה, איצטער מעגט איהר ריידען, מאדאם — האט די דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה געענטפערט קאלט און שטאלץ — איהר מעגט דערציילען אז דיעזער יונגער מאנן איז געוועזען דאס ווערקצייג פון מיין ווילען; דאס ער האט געהייכעלט א ליעבע וועלכע ער עמפפינדעט ניט, דאס איהר אליין, אום צו שיטצען זיין לעבען......

—איך קען קיין זאך ניט זאגען און האב ניט געזאגט — האט פולמען געשטא־מעלט.

מאדאם פאן אסטי האט אנגעקוקט ארמאנד א ווייל מיט א זארט פער־שטיינערונג. ארמאנד האט זיך אראפגעלאזען אויף די קניע בעטענדיג גנאדע. די גרעפין האט אלעס בעגריפען, ווען אויך נאך ניט גאנץ קלאר.

די געבייגטע פרוי האט זיך אויפגעריכטעט פלוצלונג, אויס איהרע אויגען האבען געשפריצט פונקען, און אויסשטרעקקענדיג לאנגזאם איהר האנד צום טיר, ווייזענדיג ארמאנד'ן, האט איהר געקריינקטער שטאלץ געפונען אויסדרוק אין דעם איינציגען ווארט:

—ארויס!......

דאנן איז זיא צוגעגאנגען גלייך צו דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה, און מעסטענדיג איהר פון אויבען ביז אראפ מיט א דורכדרינגענדען בליק, האט זיא אויסגערופען:

—און ווער זייט איהר וועלכע קומט אהער ריידענדיג פון היילונג און ברייננט אהער טויט און פעררעטה!

—מאדאם — האט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה געענטפערט גאנץ קאלט, אויסהאלטענטיג דעם בליק פון מארגעריטא — ווען איך האב נאך געהאט א נאמען פלעגט מען מיך רופען מארקיזין גאנטראן פאן לאסי.

דיא גרעפין האט אויפגעשריען און האט זיך צוזאמענגעדרייט, פונקט וויא דער בליטץ וואלט זיא געטראפען.

——— דריטטער טהייל, ———

ערשטעס קאפיטעל.

פולמען און איהר מילארד.

—טויז און אכט ! — האט אויסגערופען א פרישע מעלאָדישע שטימע וועהרענד צוויי קארטען זיינען געפאלען אויפען גרינעם טיש — שטעלט אייער געלד, מיינע ליעבע.

—זשהט נאר א וואונדער ! — האט געראפען א מענליכע שטימע — צייט מאלווינא האט מיך געמאכט צו איהר פערטרויטען האט זיא א טייפילשען גליק.

—און מיר הויבט עס ניט אן צו געהן — האט געזאגט אנאנדער דאמענשטימע.

—ראָזא האט קיין גליק, און מאלווינא געהט עס דורך טיר און טויער — האבין צוויי אנדערע שפיעלער געערעדט אונטער זיך.

—דאס רעדעלע דרעהט זיך — האט ראזע זיך געטרייסט — מען לאכט דיענס־טאג, מען וויינט דאנערסטאג, מען ווערט איין אלמנה שבת, און מען האט ווידער חתונה זאנטאג. מאלווינא וועט נאך אויך האבען איהר שלים־מזל׳דיגען טאג.

און ווען זיא וועט מיך האבען בעטראגען — האט בעמערקט דער האלענדישער באנקיער, וועל איך עס מאכען וויא אָטהעלאָ. איך וועל אויפהערן צו צאה־לען איהרע שולדען.

דער זשורנאליסט מארים סטעפען האט זיך צוגעבויגען צו ראזען און און האט בעמערקט : דער באנקיער איז א ליגנער, עס איז שוין ציעמליך לאנג וויא ער צאהלט זיינע אייגענע שולדען אויך ניט.

ראזע האט געלאכט, און האט לאבענדיג ארויסגענומען איהר זיידענע געלד־טאשע און האט ארויסגעלייגט צעהן גאלד־שטיקער אויפען טיש.

—דאס איז מיין רעסט — האט זיא געזאגט.

דיין רעסט ! — האט דער זשורנאליסט געלאכט — און וואו איז לאָרד מאָרען ?

ער האט אָנגעצייגט מיטן פינגער אויף איין ענגלענדער, א הויכער דארער מאנן מיט רויטע גרוילאכע האר וועלכער איז געזעסען איינזאם אין א ווינקעל און האט בעטראכט דיא שניטצונג פון פלאפאָנד.

—מיין ענגלענדער איז צייטענווייז קאפריזנע, איך קען אויף איהם ניט רעכנען.

—אבער ער בייטלט זיך דאך אויס פון דיינטוועגען ?

—דאס מאכט ניט אויס, אבער ער מיינט עס ניט ערנסט.

—ווארום ?

—ער האט אימער ליעב פולמען.

—מיינע דאמען, שפיעלט ! — האט דער האלענדישער באנקיער גערופען — וועמען נעהערט א קארט ?

דיעזער קאן באקאראט איז געשפיעלט געווארן איין אבענד אין מאנאט אקטאבער, א ביסל פאר האלבע נאכט. אין א צימער פון האטעל מעזאן דיאר. דא זיינען געזעסען ביז צעהן אדער צוועלף לעבע־מענשען, דיא זעלביגע וואס מיר האבען געזעהן מיט א יאהר צוריק ביי פולמען אויף אווענו מארבעף, וואו עס איז גערעדט געווארען פון דער דאמע מיט דעם שווארצען האנד שוה. א פאר אדער מעהר האבען געפעהלט דערפאר זיינען צוגעקומען איינינע נייע.

פולמען און ארמאנד האבען נאטירליך געפעהלט.

געצאהלט האט נאך אימער לארד מורען, אבער אלס פולמען איז געוועזען האט ער עס געטהאן אין געהיים, איצטער דאגעגען האט ער זיך געוויעזען צו זיינע געסט און אויף דעם פלאטץ פון פולמען איז יעצט געוועזען ראזא. אזוי געהט דיא וועלט.

—ווייסט איהר, מיינע העררען, ווארום לארד מורען שפיעלט ניט ? — האט גע־פרעגט מאריס סטעפען אין זיין געוועהנליכער לייכטזינניגער וויזע.

—ווארום ? האט דער לארד געפרעגט.

—דערפאר וואס איהר זייט גליקליך אין דער ליעבע, האט איהר מורא צו זיין אונגליקליך אין שפיעל.

—גלויבט איהר עס ? — האט דער אירלענדער פלעגמאטיש געפרעגט.

—דיעזער צייטונג־שרייבער איז נאך נארישער פון מיר, וואס איך בין נור איין איינפאכער מיליאנער— האט דער האלענדישער באנקיער בעמערקט — ער קומט אונז דא מיט א חכמה פון נח׳ס קאסטען.

—דאס קען זיין, אבער ער האט געזאגט דעם אמת — האט ראזא בעמערקט — איך פערגעטער לארד מורען....

—איהר זייט ליעבענסווירדיג — האט לארד מורען געזאגט גלייבגילטיג.

—איהר מעגט מיר האלטען פאר נח אליין און איך בלייב ביי דאס מייניגע — האט דער זשורנאליסט געזאגט — אבער ניט צוליעב ראזא איז ער גליקליך אין ליעבע ראזא האט נאר ליעב פעריל, דימאנטען, גוטע פערד און גאלד־שטיקער.

—אונגעהייר ! דוא בעליידיגסט מיך ! — האט ראזא געלאכט.

—ער ווערט געליעבט פון פולמען — האט סטעפען געענדיגט.

דער נאמען פולמען וואס איז דא אזוי אונערווארטעט דערמאנט געווארען, האט געווירקט פונקט וויא א בליטץ. לארד מורען האט אויפגעציטערט. ראזא האט זיך גע־דרעהט אויף איהר זיטץ. פונקט וויא א שלאנג וואלט איהר א ביס געטהאן.

דער האלענדישער באנקיער האט זיך צוגעבויגען צו מאלווינא:

—מאריס איז אונאיבערטרעפליך — האט ער איהר איינגערוימט אין אויער — ער

האט גערעדט פון פולמען. לארד מוריז וועט ווערן צערטליך און וויינען, ראזע וועט איהם מאכען א סצענע און מיר וועלין לאכען.

לארד מורען האט זיך בערוהיגט און האט אנגעקוקט מאַריס אויפמערק־זאם.

—קענט איהר דען אַזוי גוט פולמען? — האט ער געפרעגט זיך בערוהיגענד.

—מיר האבען זיא אלע געקענט, מילאָרד.

—האט איהר זיא לעצטענס געזעהן?

—פאר זעכס מאָנאטע.

דער ענגלענדער האט געזיפצט.

—וויא אַזוי קענט איהר דען וויסען אז זיא ליעבט מיך נאך? — האט ער גע־פרעגט מיט ענטציקונג.

—אום זיא זאל אייך נאך ליעבען, איז דאך דורכאויס נייטיג אז זיא זאל אייך א מאהל האבען געליעבט — האט ראזע געזאגט.

—זיא האט מיך געליעבט וויא איהר פאטער — האט דער לארד פערזיכערט מיט ריהרונג — און מעהר האב איך פון איהר ניט געפאדערט.

—אה, מי אָרד, איהר ווערט אונטערעגליך!

—ווייסט איהר וואס פון פולמען איז געוואָרן? — האט דער אירלענדער ווייטער געפרעגט:

—פילייכט — האט געזאגט אנאנדערע פון דיא דאמען וועלכע איז ביז איצטער געזעסען שטיל.

דאס איז געוועזען בלידא, דיא אלטע פריינדין פון פולמען, דיא זעלביגע בלידא וועלכע מיר האבען אין אנפאנג ון דיזער ערצעהלונג געזעהן איין אבענד ביי דער טענצערין, אלס זיא האט מודה געוועזען, דאס זיא איז אין דיא הענד פון אונבע־קאנטע לייטע וועלכע צווינגען זיא צו האנדען וויא זיי ווילען, ווייל זאנסטאיז דאס לעבען פון איהר קינד אין געפאהר.

—אה, איהר ווייסט עס!? — האט דער לאָרד אויסגערופען.

—יא.

—בלידא האט דאס ווארט! — האט מאַריס געזאגט.

—איך קען אייך נור אַזוי פיעל זאגען — האט בלידא אנגעפאנגען — דאס פול־מען איז פערליעבט, אַזוי פערליעבט, דאס צוליעב דיעזע ליעבע האט זיא פארלאזען לארד מורען, דאס טהעאטער, און אלעס....

—אין וועמען איז זיא פערליעבט?

—דאס ווייס איך — האט דער זשורנאליסט געזאגט.

—איהר ווייסט עס?

—יא, מילאָרד.

—אין וועמען?

—אין ארמאנד — איהר ווייסט יענעם יונגען מאנן וואס האט געליעבט די דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה.

—קען איהם ניט — האט ראזא געזאגט קורץ.

—און איך זאג אייך — האט בלידא בעמערקט — אז ווען איהר זיצט ביין שפיעל זאלט איהר קיינמאהל ניט דערמאנען די דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה. דער נאמען ברייננט אונגליק.

—בלידא איז זעהר אונטערהאלטענד — האט ראזע געלאכט.

—ווער איז עס די דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה ? — האט געפרעגט לארד מורען.

—דאס איז א פערקערפערטער בייזער שיקזאל — האט בלידא געענטפערט ערנסט.

—א פלאם-פייערדיג ווערטיל — האט מאלווינא בעמערקט.

—צום טייפעל ! — האט מארים סטעפען אויסגערופען — וועלען מיר ענדליך האָבען דעם שליסעל פון יענעם זאנדערבארען געהיימניס !

דער ענגלענדער האט אויפגעהערט צו קוקען אויפ׳ן פלאפאנד, און האט פערוואונדערט אנגעקוקט דעם זשורנאליסט. דיעזער האט פארטגעזעצט :

—אונגעפעהר מיט א יאהר צוריק, אויב איך געדיינקט, האבען מיר געשפייזט ביי פולמען....

—געווים געדיינק איך דאס — האט מאלווינא פערזיכערט.

—אויך איך — האט פערזיכערט א צווייטער.

—און איך אויך — האט געזאגט א דריטער.

—די שענסטע מיידעל ! האט א פיערטער בעמערקט.

—פולמען — א גאָלדענעם הערץ.

—א טייפלישער פערשטאנד.

—פון איין ענגעל.... האט געזיפצט לארד מורען.

—אויב מען וועט ניט אויפהערן צו זינגען די שבחים פון יענער ווייבספערזאן, גיה איך אוועק — האט געזאגט ראזא מיט כעס.

—שווייג, ראזא, לאז ריידען — האט סטעפען ווידער אנגעפאנגען : אלס מיר האבען דאנן געשפייזט ביי פולמען, האט זיא אונז געפרעגט אום איין ראטה....

—אָ, יא, יא, איך דערמאהן מיך ווירקליך — האט דער האָלענדישער באנקיער געזאגט — זיא האט געוואלט הייראטהען מילארד....

לארד מורען איז געווארען בלאס :

—איך וואלט זיא נאך יעצט געהייראטעט, אויב זיא זאל וועלען.

—בראוואָ !

—מילארד איז דאנן ניט געוועזען דערביי, אויף זיין פלאַץ איז געוועזען אונזער פריינד ארמאנד.

דער ענגלענדער האט זיך געבריאכען די פינגער פאר כעס

—אָ, איהר דארפט ניט בייז זיין, מילארד — האט בלידא געזאגט — אויב מארים

ווייס עס ניט וויל איך אייך זאגען דעם סוף פון דער געשיכטע. פולמען ליעבט ארמאנד'ן, אבער ארמאנד ליעבט זיא ניט.

—איז ער נאך אימער איינגעקאכט אין דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה? האט מאלווינא געפרעגט.

—יא.

—און אויב איהר זאלט וועלין הייראטהען פולמען און זיא זאל איינוויליגען, וועט פון ארמאנדס זייטע קיין הינדערניס זיין.

—אבער וואס איז פון איהר געווארן ?— האט דער ענגלענדער געפרעגט.

—פון וועמען ? פון דער דאמע מיט דער שווארצען האנדשוה ?

—ניין, פון פולמען.

—מען זאגט אז זיא איז אין איטאליען — האט ניני פאמפאדור געפרופט טרעפען.

—באה !—האט דער האלענדישער באנקיער געמאכט— וויא נאר איינער פערשוווינדעט פון פאריז זעהט מען איהם גלייך אין איטאליען: באנקראטירט איינער, איז ער אין איטאליען, איין בעטראגענער געליעבטער איז אין איטאליען, דיא דאמען וואס פאהרען ארויס זומער פון שטאדט, הייסט, זיי קומען אויס איטאליען.

—אונזער מילאָנער האט רעכט — האט בלידא געזאגט — פולמען איז ניט אין איטאליען.

—וואו דען איז זיא?

—אין פאריז.

—געהט דאך ! איך רייט טעגליך פארביי איהר האטעל, און זעה אימער א שילד: „צו פערמיטהען".

—פולמען בעוואוינט ניט יענעם האטעל.

-דאנן איז זיא ניט אין פאריז.

—אבער איך שווער אייך אז יא.

—מאדאם, איך שטעל צעהן טויזענד פראנק צו אייער פערפיגונג. איהר קענט מיר פיליכט געבען איהרע, אדרעסע.

—אָ, דער אונגעהייר! — האט ראָזע אויסגערופען, און האט זיך געווענדעט מיט א דורכשטעכענדען בליק צו בלידא: מילארד זאגט דיר צו צעהן טויזענד פראנק, או איך זאג דיר צו אויסצוקראטצען דיא אויגען אויב דוא וועסט זאגען.

—איך בעדויערע זעהר וואס איך קען אייך ניט זאגען וויל דאס איז ניט מיין סעקרעט, זאנסט וואלט איך זעהר גערן געוואלט אויספראבירען דיא ראזע נעגעלאך פון אייער געליעבטער.

—וועמעס סעקרעט איז עס דען ?

—פון דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה.

אה, אזוי ! — האט מאָריס סטעפען אויסגערופען, — דאנן האב איך דער געזעלשאפט צו מאכען א פארשלאג.

—רעדט, זאגט.....

—איך שלאָג פאָר אז דיא פּראָגע זאָלפאָרגעליינט ווערן בּלידאָ, דאָס מען זאָל איהר אוועקלייגען אויפען טיש און אריינגיסען צוויי אדער דריי פלאשען שאַמ־פּאַניער, בּיז זיא וועט זאָגען וואָס זיא ווייס וועגען דיא דאַמע מיט דעם שווארצען האַנדשוה, וועגען וועלכער דיא וועלט הערט ניט אויף צו ריידען.

—בּראַוואָ, בּראַוואָ!

—אַלזאָ, דיא אַנטוואָרט, בּלידאָ!

דיא יונגע נאַררען וואָלטען פּיקנט גלייך דורכגעפיהרט דעם פאָרשלאַג פון מאָרים סטעפען, אבער דיא טיר האָט זיך געעפענט און אַ יונגע פון רעסטאָראַן איז אריינגעקומען.

—לאָרד מורען? — האָט ער געפרעגט.

—דאָס בּין איך.

—אַ דאַמע פרעגט אויף מילאָרד.

—דער ענגלענדער האָט אויפגעציטערט.

—אַ דאַמע? וואו איז זיא?......

דאָרט... וויא זעהן מילאָרד.

דער יונגע האָט זיך געשטעלט אין אַ זייט און אַ שווארץ געקליידעטע דאַמע מיט אַ פערהאַנגענעם געזיכט איז אריינגעקומען.

—דיא דאַמע מיט דעם שווארצען האַנדשוה — האָט מען געמורמעלט.

—איהר האָט אַ טעות — האָט זיא געזאָגט. זיא האָט אויפגעהויבען איהר וואַאל און איין אויסרוף פון איבעררזשונג האָט זיך ארויסגעריסען פון יעדערינס ליפּען.

—פּולמען! — האָט יעדער געזאָגט.

ראָזאַ האָט זיך אויפגעהויבען וויא אַ טיגערין און האָט פערזוכט זיך צומעסטען מיט פּולמען מיט אַ בּליק; אבער דיעזע האָט איהר אנגעקוקט קאַלט.

—ענטשולדיגט, מאַדאַם, איך וויל זעהן לאָרד מורען.

—מאַדאַם — האָט ראָזאַ געשריען — אייער אָרט איז ניט היער. געהט פון דאַנען!

איין פערעכטליכער שמייכעל האָט זיך אריבּערגעגליטשט פּולמען'ס געזיכט.

—אַה, מיינע ליעבּע, דער וואָרט וואָלט דיר טהייער געקאָסט ווען איך וואָלט נאָך געוועזען פּולמען פון אַמאָהל......

זיא האָט אפּגעשטופּט ראָזאַ אין אַ זייט און איז געגאַנגען גלייך צו לאָרד מורען.

דער ענגלענדער האָט זיך אנגעשפּאַרט אין וואַנד אום ניט אומצופאַללען, אַזוי גרויס איז געוועזען זיינע אויפרעגונג.

—מילאָרד, ווילט איהר מיר פאָלגען — האָט פּולמען געזאָגט — איך האָב אייך נייטיג.

וויא איין פריידענסרוף האָט זיך ארויסגעהאַפּט פון דער צוזאַמענגעפּרעסטער בּרוסט פון דעם ענגלענדער.

ראָזא איז געוועזען וויטהענד און האט זיך געוואלט ווארפען אויף פולמען, אבער דיעזע האט זיא אנגעקוקט שארף און האט געזאגט:

—יעדער נעהמט זיין גוט וואו ער געפינט עס. אדיע, מאדאם, מילאָרד וועט אייך מארגען לאזען הערען פון זיך.

פולמען האט בעגריסט איהרע אמאהליגע קאמראדען וועלכע זיינען נאך ניט געקומען צו זיך פאר ערשטוינען, און איז ארויס אם ארעם פון ענגלענדער.

ראזא איז געפאלען אין אהנמאכט.

פולמען'ס פלעצליכע ערשיינונג און איהר פערשווינדען איז געוועזען אזוי אונערוואַרטעט, און האט אזוי איבערראשט אלע אנוועזענדע, דאס עס האט קיינעם גאר ניט געקענט איינפאלען זיא צוריקצוהאלטען אדער זיא צו פראגען וועגען עטוואס.

דער ענגלענדער האט אויך קיין שאלות ניט געפרעגט. זיא האט איהם געדרפען, איז ער גערן געגאנגען. זיין נעבען איהר איז פיר איהם געוועזען א גאנצע וועלט. לארד מורען האט זיא געוואלט פיהרען צו זיין עקיפאזש וואס האט דרויסען געווארטעט, אבער פולמען האט ניט געוואלט.

—קומט מיט מיר — האט זיא געזאגט.

זיא האט אליין געעפענט דאס טירל פון איהר וואגען און איז איינגעשטיגען. לארד מורען האט זיך געזעצט נעבען איהר.

דער קוטשער וועלכער האט שוין וואהרשיינליך געהאט זיינע אינסטרוקציאָנען ואיז אויגענבליקליך אוועקגעפאהרען, האט דורכגעשניטען דיא בולווארדס, און איז געקומען עגדליך דורך פיעל גאסען נאך דער רוע מאדעמאָאזעל, וואו דער וואגען איז געבליעבען שטעהן. דעם גאנצען וועג האט פולמען געשוויגען, און דער לארד האט נור געהאלטען איהר האנד און האט זיא צערטליך געדריקט. ער האט פאר פריידע און פאר אויפרעגונג קיין ווארט געקענט ארויסברייגגען.

דער וואגען איז געבליעבען שטעהן פאר א קליינעם הויז פון צוויי עטאזש, וועלבער האט זעהר קאנטראסטירט מיט דיא גרויסע האמעלס פון דיא זייטען. פולמע איז אויסגעשטיגען, האט געעפענט דאס טירל פון גיטער נעבען הויז, און נעהמענדיג לארד מורען פארן האנד האט זיא איהם אריינגעפיהרט אין א דונקעלע אלעע, וועלכע האט געפיהרט צו א טרעפ.

—נעהמט זיך אין אכט ניט ארונטערצופאלען — האט זיא איהם געזאגט — וויא עס שיינט איז דיא לאמפע אויסגעגאנגען.

פולמען האט איהם ארויפגעפיהרט אויפען צווייטען עטאזש, האט אריינגעשטעלט א שליעסעל אין א טיר און האט געעפינט. א לאמפע האט בעלויכטען דאס אינגערע און לארד מורען האט געקענט זעהן וואו ער געפינט זיך.

דאס איז געוועזען א קליינע פארצימער, ארעם מעבלירט, פונקט וויא דיא מעבלירטע צימער וואס מען פערדינגט צו שטודענטען, אדער צו געוויסע דאמען אין ארעמקייט.

פולמען האט גענומען דיא לאמפע און איז אריין אין דאס צווייטע צימער. דיעזעס איז געוועזען עטוואס בעסער מעבלירט, אבער אלעס איז געוועזען אלט און

אפגעניצט. אין קאמיז האט נאך געפונקעלט א פייערל און האט געמאכט אנגע־נעהמער דא צו זיין וויא אין פארדערצימער.

—זעצט זיך, מילארד — האט פולמען געזאגט צורוקענדיג א שטוהל פיר דעם מאנן.

—אבער, מיין גאט, וואו זיינען מיר? — האט לארד מורען געפרעגט אלס זיין ערשטוינען האט מעהר געוואוסט קיינע גרענצען.

—ביי מיר, מילארד.

—ביי אייך?!

—יא — האט פולמען געענטפערט שמייכלענדיג.

—אה! — האט דער ענגלענדער געמאכט.

פולמען האט געשוויעגען.

—אבער דאס איז דאך גאר ניט מעגליך — האט דער ענגלענדער געשריען — איהר זייט ניט, און איהר קענט ניט זיין אין אזא עלענד! איך האב אייך פעסטגע־שטעלט דרייסיג טויזענד פראנק איינגאהמע יעהרליך, פיר איינינע הונדערט טויזענד פראנק האט איהר געהאט דימאנטען, און אייער האטעל, אייערע פערד......

—דאס אלעס האב איך נאך.

—אלזא?...... ווארום?......

דער ערשטוינטער ענגלענדער האט מער ניט געקענט ריידען פאר ערשטוינען. פולמען האט געשמייכעלט. אבער איהר שמייכעל איז געוועזען איין אומעטיגער, מע־מעלאנכאלישער שמייכעל, און אלס לארד מורען האט זיא גוט בעטראכט האט ער זיך ניט געקענט אפוואונדערן איבער דיא פערענדערונג וואס אין פארגעקומען אין פולמען.

—מילארד — האט זיא אנגעפאנגען — ביין טהעאטער, און אין רוע מארבעף וויא אויך ביי מיינע פריינדע רופט מען מיך פולמען....

—און דא?

—דא הייס איך מאדאם רעוואל. דאס איז אויך מיין ריכטיגער נאמען געוועזען איידער איך האב אנגענומען דעם טהעאטער־נאמען פולמען.

—אבער ווארום.... ווארום זייט איהר דא?

פולמען האט זיך אניעדערגעזעצט נעבען איהם און האט ערגריפען זיין האנד

—מילארד — האט זיא אנגעהויבען — איידער איך וועל אייך געבען דיא פערלאנגטע ערקלערונג, ערלויבט מיר אייך צו ערא‎ינערן א זייטע פון דער פערגאנגענהייט.

—איהר זייט פיר מיך ניט געוועזען קיין ליעבהאבער, זאנדערן איין פאטער, איין פריינד, איין עדעלעד בעשיצער.

—האב איך אייך דען ניט געקיעבט געגוג? — האט דער ענגלענדער געזיפצט.

—א לאנגע צייט האט אייער צונייגונג פון מיר געמאכט דיא גליקליכסטע פרוי אין דער וועלט. אייער שטערן וואס איז עטוואס שוין געפאלטעט, און אייערע האר וועלכע האפען שוין ווערן ווייסלאך זיינען מיר געוועזען פיעל ליעבער און טהייע־רער וויא דיא שווארצע לאקען אדער בלאנדע לאקען פון דיא יונגע לייטע וועלכע פלעג־גען זיך דרייען ארום מיר.

אבער איין טאג, מילארד, האט איהר געבראכט אונגליק פיר מיך און פיל־לייכט אויך פיר זיך.... איהר, דער זאהן פון אירלענדישע לארדס, האט געוואגט מיר פארצוקייגען אייער גרעפליכע קרוין און אייער האנד.

—איך האב אייך געליעבט און איהר האט עס פערדיענט — האט דער לארד גע־שטאממעלט מיט בעגייסטערונג.

—אין יענעם טאג האט איהר פערלארען פולמען. אן יענעם טאג איז אין מיר פארגעגאנגען א קאמפף. איך האב אייך געליבט. ווען איהר וואלט געוועזען איין עהרליכער קויפמאן פון שטאדט און ניט איין לארד, וואלט איך אייך געשפרונ־גען אויפען האלדז, דען איך האב מיך געפיהלט היגעריסען צו איין עהרליך לעבען, צו א שטילער, רוהיגער עקזיסטענץ. אבער איין געדאנקען האט מיר געטריעבען דאס בלוט אין פנים אריין. אויב איך הייראט לארד מורעז, האב איך מיר געטראכט, וועט מען זאגען דאס איך האב מיך הינגעגעבען צו א מענשען צוליב זיין נאמען און זיין געלד, און ניט דערפאר וואס איך האב איהם ליעב, און מען וועט זאגען דאס איך האב איהם ענטעהרט אננעהמענדיג זיין האנד.

—איהר זייט איין עדלעס הערץ, פולמען — האט דער לארד געשטאמעלט.

—און דאן זיינען דא צייטען ווען דאס קאפיגע פאריזער לעבען, וועלכע ווערט אונז אמאהל דערעסען, געפעלט אונז פלוצלונג אין קריעגט פיר אונז א דאפעלטען רייץ, בעזאנדערס דאנן ווען מען האט בדעה דיעזעס לעבען אוועקצו־ווארפען: דעם נעכסטען טאג האב איך בעגאנגען דיא דומהייט צו פרעגען א ראטה ביי מיינע פריינדע. מיינע פריינדע! אויב מען מעג געבען דיעזע ערנסטען נאמען צו דיא טהעאטער־קאמרא־דען, דיא קאמראדען פון פערגעניגען און פון גאלאנטען לעבען! אבער גענוג, איך האב געטהאן דיא נארעשקייט זיי צו דערציילען דאס איהר האט מיר אנגעבאטען אייער האנד, און דיעזע בעקאנטמאכונג איז אויפגענומען געווארן מיט דעם גרעסטען שפאט. איינע האבען מיר פראפעצייהט אז איך וועל שטארבען פאר לאנגווייליע אין איינעם פון אייערע שלעסער, דיא אנדערע האבען גערעדט פון דער פעראכטונג וועלכע איך וועל האבען פון אייער פאמיליע און פריינדע! דיא פאלשעסטע אונטער זייא האבען מיר פארגעשפיגעלט מיין רוהם אלס טהעאטער־העלדין. און דאן, דער לעצטער, א צייטונג־שרייבער, האט מיר געווארפען איינע הערויספאדערונג, וועלכע האט מיך אין גאנצען אויפגערייצט.

—דוא ליעבסט ניט לארד מורען — האט ער געזאגט — דוא האסט נאך קיינעם געליעבט, ווייל אלע מענער ווערן לייכט בעזיעגט פון דיין שטאלצער שיינהייט און זייגען גלייך צו דיינע פיס. אבער איך וויל דיר ווייזען א מאנן וואס ליעבט דיך ניט און וועט דיך ניט ליעבען....

און ער האט מיר ווירקליך געוויעזען אונטער מיינע געסט א יונגען מאנן מיט א בלאסען געזיכט, מיט א טיעפען בליק, מיט דעם אויסדרוק פון טרויער אויף זיין גאנצען וועזען.

און איך, מיין פריינד, האב דערפיהלט וויא ביי מיר אין הערצען בעוועגט זיך א נייע סטרונע וואס איך האב נאר פריהער קיינמאל ניט געשפירט, דאס מיין צו־

ניינונג פיר אייך איז ניט געוועזען ליעבע; דאס איך ליעב צום ערשטען מאהל......

—גלייך דעם נעכסטען טאג, מילארד,—האט פולמען וויטער גערעדט, וועהרענד לארד מורען האט אראפגעלאזען דעם קאפּ און זיינע אויגען האבען זיך אנגעפילט מיט טרעהרען — גלייך דעם נעכסטען טאג האט איהר פון מיר ערהאלטען איין אבש עדס־בריעף מיט א פּאקעט. דיזער פּאקעט האט ענטהאלטען מיינע דיאמאנטען, מיינע ווערטה־פּאפּיערען, און אלעס וואס איך האב פון אייך ערהאלטען. איך האב פיר זיך בעהאלטען נור איינינע טויזענד פראנק וועלבע איך האב פערדיענט פון מיין אנ־שטעלונג ביי דער אָפּערא. איהר אבער אלס וואהרער עדעלמאן, האט עס מיר צוריק־געשיקט מיט א בריעף אהן אלע פּארווירפע, אָהן בעשולדיגונג, נור מיט דער ביטע איך זאל עס אננעהמען אלס ערינערונג אן אייך. איך האב עס אנגענומען, מילאָרד דען וויא האב איך געקענט וואגען אזא עדלעס הערץ צו קריינקען, אבער איך האב מיך דאן געשווארען דאס ניט אנצוריהרען, און עס אמאהל צוריקצוגעבען אייערע יורשים....

—אה, איהר זייט קינדיש!

—ניין, מילארד! דיזע מתנות וואס איך האב פון אייך געהאט ערהאל־טען פיר מיך אליין, האב איך מיר ניט געקענט ערקויבען צו געברויכען זיי אום צו ערָאבערן א מאנן, וועלכע איז איין אנדערער אלס איהר.

—עדלע זעעלע! — האט לאָרד מורען גערופען.

—ווארט, מיין הערר, איך וויל איהר זאלט מיך פערשטעהן. דער מענש וועמע איך האב געליעבט, אהו וועמען איך ליעב נאך, מילאָרד, איז אין א לעבענסגעפאהר. מעבטינע, שרעקליכע אונבעקאנטע פיינדע רינגלען אים ארום. איין איינציגעס וועזען קע איהם רעטען — דאס בין איך. און אום איך זאל קענען אנהאלטען דעם קאמפּף מו איך האבען געלד, פיעל געלד, און איהר פערשטעהט דאך דאס איך האב מיך מיט אייער געלד ניט געקענט בעדיענען....

—אָ, פולמען! — האט לאָרד מורען אויסגערופען.

דערפאר אויך האב איך אריינגעצויגען אהער און בין פיר דיא וועלט וויא גע שטארבען. און איך וויל לעבען אין ארמוטה אום איך זאל קענען אנהאלטען דעם גע־היימניספאָלען קאמפּף מיט דעם געלד וואס איך אליין פערדיען פון טהעאטר.

—אה, פולמען, איהר זייט דיא עדעלסטע פון אלע פרויען, און מיין אונגליק איך צו פערליערען איז דאפּעלט גרויס.

—מילארד, ווילט איהר מיך אויסהערן?

—יא.

—ווילט איהר זיין מיין פריינד?

—אויב איך וויל!

—נו, גוט! אויב אייך פערדריעסט יא אזוי וואס איך בין ניט געווארן אייער... געליעבטע.... פיליכט וועט איהר זיך בערוהיגען ווען איהר וועט ווערן מיין פריינד.

לאָרד מורען האט גענומען איהר האנד און זיא בעדעקט מיט קיסע.

—דאס איז נור דערפאר וואס איך קען אייער גרויסעס הערץ,האב איך געוואגט צו

גומען אין דיא מיטע פון יענע נאררען, אונטער וועלכע איהר האט געזוכט צו פארטרייבען אייער מרה שחורה.

—און איהר האט גוט געטהאן, דען איך געהער אייך מיט לייב און זעעלען.

—פארזיכטיג, מילארד, — האט פולמען געזאגט מיט איין אומעטיגען שמייכעל— פילייכט ווייסט איהר ניט וואס איך געה פון אייך פערלאנגען.

—איך טרעף וואס דאס איז, און וועל אייך ענטפערן נאך איידער איהר זאגט עס.

לארד מורען האט דאנן נאך אמאהל אנגענומען פולמען'ס האנד און האט מעלאנכאליש אנגעפאנגען:

—מיין קינד — האט ער געזאגט — איך בין ווירקליך געוועזען דום צו דיינקען אז איהר קענט ליעבען א מאנן וויא איך, וועלכער האט שוין גרויע האר און פיר וועלכען דיא שטונדע פון עלטער האט שוין געשלאגען. אבער אויב איך בין צו אלט געליעבט צו ווערן פון אייך, פיהל איך דאך אין הערצען גענוג יוגענד־קראפט אום צו זיין אייער פריינד, איין זיכערער ערגעבענער פריינד.

—איהר זייט עדעל און גוט — האט פולמען געמורמעלט.

—וויא איך פערשטעה זייט איהר דאס געקומען מיר פרעגען אום ערלויבניס צו געברויכען מיינע געשענקע, ניט וואהר?

—נון גוט, איך וויל אייך זאגען דאס מיין גאנצעס פערמעגען שטעהט צו אייער פערפיגונג, מיין פערמעגען און מיינע פערזאן, אויך איך קען אייך דיענען.

—איהר זייט מיין ענגעל! — האט פולמען אויסגערופען גערירט צו טרעהרען, און האט דאנן צו געזעצט גאנץ שטיל: „מיין גאט, פילייכט געלינגט עס מיר נאך צו רעטען ארמאנד!“

צווייטעס קאפיטעל.

נאך צוויי „קאמראדען פון שווערט“.

איינינע טעג נאכדעם וויא פולמען האט צוריק ערהאבערט דעם לארד מורען און האט איהם ארויסגעריסען פון ד״ר געזעלשאפט פון איהר אמאהליגע פריינדע, איז א פראכט־פאלע קארעטע מיט א הערדליכען געשפאנן געפאהרען איין פארמיטאג מיט דיא בול־ווארדס צו דער ריכטונג פון דער סיינע. אין קארעטע איז געזעסען דער יונגער מאר־קיז מאנטאגארי.

ער איז ארויסגעפאהרען פון זיין פאלאסט וועלכעס האט זיך געפונען אין דער רוע פאנטהיווער, און איז געפאהרען נאך דער רוסישער געזאנדשאפט. וואו מען האט איהם געזאלט אנטהאן א מעדאל וואס דער רוסישער קייזער ניקאלאי האט איהם גע־שיקט פיר עפעס וועלכע פערדיענסטע.

אויף דער בריק „דע לא קאנקארד“ איז דיא קארעטע דורך א קליינעם אונ־פאל געבליעבען שטעהן און האט ניט געקענט גערן ניט אהין און ניט צוריק. עס האבען זיך גערליך צוזאמענגעפאקט פיעלע וועגען, דארונטער איינינע לאסטוועגען, און עס וואלט געדארפט נעהמען פילייכט א פירטעל שטונדע אום זיך פון דארטען ארויס־

צופלאנטערן. עס איז שוין געוועזען א פירטעל צו צוועלף, און דער מארקיז האט גע־וואוסט אז עס וועט זיין אונפערצייהליך פיר איהם ניט צו זיין פינקטליך.

ער איז הערי־בער ארויסגעשפרונגען פון וואגען און געגאנגען שנעל צו פוס איינ־גע הונדערט טריט, און האט זיך דאנן געווענדעט צום ערשטען קוטשער וואס איז איהם אנגעפאהרען אנטקעגען:

—50 פראנק ווען דוא ברייגנסט מיך צו דער רוסישער געזאנדשאפט אין 15 מינוטען.

דער קוטשער האט געטריבען דעם פערד מיט אלע כחות, און איז דאך אנגע־קומען מיט 5 מינוטען שפעטער.

—צו קומען אין א געדונגענעם פיאקר און דערצו נאך 5 מינוטען צו שפעט — האט דער מארקיז געטראכט — דאס איז שענדליך. איך וועל מוזען ערקלערן דעם פארפאל אויף דער געזאנדשאפט.

אבער אלס דער מארקיז איז בעטרעטען דעם פארזאל פון דער געזאנדשאפט, איז איהם איין דיענער געקומען אנטקעגען:

—זיינע עקסעלענץ איז ערנסט קראנק — האט ער געמעלדעט — און ער לאזט בעטען דעם מארקיז אפצולייגען דיא אודיענץ אויף מארגען.

—אה, צופיעל גליק, צופיעל גליק האב איך — האט דער מארקיז געמורמעלט זיך אונטערן נאז.

אלס ער איז ארויסגעפאהרען אין פיאקר פון הויף פון דער געזאנדשאפט איז א מאנן אריינגעקומען צו פוס. דיעזער מאנן איז געוועזען אנגעטהאן אין א לאנגען מאנטעל, צוגעקנעפעלט ביז אויבען, און האט געהאט א מיליטערישע האלטונג. אבער זיין מאנטעל איז געוועזען א ביסעל אפגעטראגען און האט געצייגט אויף ארעמקייט, וועלכע דער אייגענטהימער האט פיללייכט געזוכט צו פערשטעלען.

דיא בליקען פון דיעזען מאנן האבען זיך צוזאמענגעטראפען מיט דעם בליק פון מארקיז, און דער מאן האט שיער אויפגעשריען פאר איבערראשונג. דער מארקיז דאגעגען האט זיך א קרים געטהאן פונקט וויא איהם וואלט פאסירט עטוואס זעהר ניט אנגענעהמעס.

דער מאנן צו פוס האט א וואונק געטהאן דעם קוטשער צו בלייבען שטעהן, איז צוגעגאנגען און האט אויסגעשטרעקט דיא האנד צום מארקיז.

—דאס זייט איהר, שאלאמבעל?

דער מארקיז איז רויט געווארן און האט געשטאמעלט:

—אה, דאס זייט איהר, באראן....

—איך אליין, ליעבער מארקיז. ענטשולדיגט מיר וואס איך האב אייך גערופען ביי אייער אלטען נאמען; דאס איז איינע אלטע געוואוינהייט. איך פערגעס אימער אז איהר זייט הערר מאנטאנרי.

דער מארקיז האט געצוואונגען געשמייכעלט.

—איהר קומט פון דער געזאנדשאפט? — האט דער מאנן געפרעגט.

— יא, זיינע עקסעלענץ האט מיר היינט געזאלט אנהייגנען א מעדאל....

--אה, ריכטיג, איך האב עס געלעזען אין די צייטונגען.

--אבער זיינע עקסעלענץ איז קראנק — האט דער מארקיז פארטגעזעטצט, און די צערעמאָניע איז אפגעליינט אויף מארגען.

--זייט איהר גוט מיט׳ן געזאנדטען?

--זעהר.

--פיליכט וואלט איהר מיר קענען ערוויזען א דיענסט......

--מיט פערגעניגען.......

דאָ האט דער מאנן ניט געבעטענערהייד געעפינט דאס טירל פון פיאקר, איז אריינגעקראכען אינעווייניג און האט זיך געזעצט נעבען מארקיז. דיזער האט ניט געזאגט איהם צוריקצורויזען.

--רײַדט, באראָן — האט דער מארקיז געזאגט.

--צוערשט, וואוהין געהט איהר?

--איך געה צו זיך נאך הויז.

--טייפעל! איהר מוזט מיך ענטשולדיגען וואס איך קען מיט אייך אהין ניט געהן. מאדאם פון מארדיע, מיינע געוועזענע שוועגערין און אייער פרוי, ציטערט אויף ווען זיא דערזעהט מיך......

--קוטשער, געה דארטען ארונטער! — האט דער מארקיז גערופען.

דער קוטשער איז געפאהרען נאך דער געגעבענער ריכטונג.

--אלזא, וועלכען דיענסט קען איך אייך ערוויזען?

--איהר קענט מיך עמפפעהלען צום געזאנדטען.

--ווילט איהר ווערן א דיפלאָמאט?

--ניין — האט דער באראָן געענטפערט — איך וויל אריינגעהן אין דיענסט ערגיץ וואו אין אויסלאנד. ווען איך האב דורכגעבראכט דעם מיליאָן וואס איהר האט מיר געגעבען און וועלכעס האט, וויא איהר ווייסט, ניט לאנג אנגעהאלטען, האב איך אנגענומען דיא שטעלע פון א קאפיטאן אין דער טירקישען ארמעע. דער סולטאן האט מיך ענטפערט, און איך בין געקומען נאך פראנקרייך צוריק היטענדיג מיין האלדז פון שטריק.

--און יעצט ווילט איהר?......

--איינטרעטען אין רוסישען דיענסט.

--אויסגעצייכענט! — האט הערר שאלאמבעל געענטפערט — איהר קענט רעכענען אויף מיך. דער געזאנדטער וועט מיר קיין זאך ניט אפזאגען. איהר וועט ווערן קאָלאָנעל.

--איך דאנק אייך.

דער מארקיז פאן מאָנטאָגרי, אמאהליגער שאלאמבעל, וועלכער איז ניט בעזאנדערס צופריעדען געוועזען מיט דעם צוזאמענטרעפען מיט דעם בארָאן מאָרדיע האט זיך שוין פארבערייטעט איהם צו געבען די האנד צום אבשיעד, אלס דיעזער האט געפרעגט:

--זייט איהר גליקליך, מארקיז?

--זעהר גליקליך.

—איהר זייט רייך, דאס איז וואהר.

—זעהר רייך.

—אייער אמביציאן איז בעפרידיגט?

—מעהר וויא איך האב געוואונשען; אבער דאס איז ניט מיין גליק אין גאנצען. איך האב ליעב מיינע פרוי און ווער פון איהר געליעבט. איך האב צוויי קינדער וועלכע איך פערגעטערע.

—בעאונרוהיגט אייך ניט אמאהל דער געדאנקען פון...... פערגעלטונג?

—פערגעלטונג? פאר וואס?

—אה, איך זעה איהר האט פערגעסען דיא פערגאנגענהייט.

—כמעט אזוי.

—וויא? איהר געדיינקט ניט מעהר פאר וועלכען פרייז איהר האט געקויפט אייער גליק?

א שפעטישער שמייכעל האט זיך בעוויעזען אויף דיא ליפען פון באראן מארדיע, און דער מארקיז האט אויפגעציטערט.

—איהר זייט אונדאנקבאר, מארקיז — האט ער געזאגט.

—אונדאנקבאר?

—יא.

—קענט איהר מיר פיליכט זאגען מיט וואס?

—איהר האט פערגעסען דיא „קאמראדען פון שווערט".

—איך בין זיך מודה, יא, איך האב זייווירקליך פערגעסען, און דאס פרייט מיך זעהר.

—דאס הייסט, אז ניט דער שאטען פון הערן פאן ווערן, ניט דער גייסט פון מארקיז מאנטנארי, וואס האט אייך אדאפטירט אלס זיין זאהן, און וועמען איהר האט גערירשנט, און ניט דער גייסט פון באראן רוביני און אפילו ניט דער אנדענקען פון יענעם ארעמען גאנטראן, וועלכען אסטי האט דערשטאכען אום צו דיענען דער אלגעמיינער זאכע פון דיא קאמראדען, שטערן אייך ניט פון שלאף.

—עהרענווארט, ניט איך האב זיי געטעדטעט.

—דאס איז וואהר, אבער מען האט זיי געטעדטעט פון אייערטוועגען.

—א באה! איך בין צו גליקליך אום צו האבען געוויסענביסע.

דער באראן האט א ווייל געשוויעגען און האט נאכהער געפרעגט:

—געדענקט איהר נאך, מארקיז, וויא פיעל מיר זיינען געוועזען?

—איך גלויב זיעבען.

—יא, און דריי פון זיי זיינען טויט.

—דריי!

—גאנטראן איז איינער. העקטאר לעמלין איז צוויי.

—וויא?.... לעמלין איז טויט?

—שוין זייט א יאהר.

—אבער פון וואס? וויא אזוי? ווא?

—אין שלאָם רוביני. געטעטעט אין א דועל מיט איינעם איין אונבעקאנטען, דאס שווערט איז איהם אריינגעשטאכען געווארען אין דער ברוסט דורך און דורך.

— און דער דריטער?

— דאס איז אסטי.

—דער ריטער איז אויך טויט?

— יאָ, זייט זעכס מאנאַטען, אין באדען, און אויך דורך א שווערט־שלאג.... ער האט ערהאלטען דעם שלאג אין האלדז, פון איין אונבעקאנטען.

דער מארקיז האט געציטערט, און טראָפּען שוויים האבען איהם ארויס־געשלאגען אויפען שטירן.

—אלזא, זייט פאַרזיכטיג, מאַרקיז — האט דער באראָן געזאגט אלס ער האט גע־עפינט דאס טירל פון פיאַקר און איז ארויסגעשפרונגען אויף דר׳ערד, נאכדעם וויא ער האט דעם מאַרקיז געדרייכט דיא האנד צום אבשיעד — זייט פאַרזיכטיג, מיין ליע־בער; איך היב אן צו גלויבען אין דעם שפּרוך פון דער שריפט: „ווער עס לאגט מיט דעם שווערט וועט אונטערגעהן דורכין שווערט“. איהר זייט גליקליך, מאַרקיז אבער מען קען ניט וויסען וואס דיא נעכסטע שטונדע ברייננט. אדיע!

דער מארקיז מאָנטגאָרי, אדער וויא ער האט אמאהל געהייסען, הערר עמאַ־נועל שאַלאמבעל, איז געקומען צו זיך נאך הויז, וועהרענד זיין געדאנקען איז געוועזען בעשעפטיגט מיט דיא לעצטע ווערטער פון באראָן מאַרדיע.

אריינקומענדיג אין זיין פּראכטפאָלע וואוינונג האט ער זיך בעגעבען צו דיא צי־מערן פון זיין פרוי, וועלכע ער האט געפונען זיך שפּילענדיג מיט זיינע צוויי קליינע טעכטערלאך.

דער מארקיז איז א ווייכע געבליעבען שטעהן אויפען שוועל, פונקט וויא ער האט געוואלט פערטרייבען פון זיך וועלכע שווארצע געדאנקען דורך דעם אנבליק פון דיעזען בילד פון גליק און ליעבע. דער שמייכעל איז גלייך ווידער געקומען אויף זייגע ליפּען און דיא ווערטער פון באראָן מאַרדיע זיינען גלייך פערגעסען געוואָרן.

דיא מארקיזין האט איהם געגעבען איהר שטירן צום קוס, וועהרענד דיאביידע קינדער זיינען צוגעלאפען און האבען געווארפען זייערע קליינע ראזע־און־ווייסע הענ־טעלאך ארום זיין האלדז.

אבער מאדאם מאנטגאָרי האט דענאך בעמערקט דיא בלאסקייט וועלכע האט בעדעקט דאס געזיכט פון איהר מאנן.

—מיין גאט! וואס איז דיר געשעהן, מיין פריינד? — האט זיא געפרעגט במעט מיט שרעק.

—גאר ניט! איך האב מיר נור אויפגערעגט איבער דעם וואס איך האב גאר־ניט אין דער געזעלשאפט ווייל מיין וואגען איז געהינדערט געווארן דורך אנדערע וועגען אויף דער בריק „דע־לא־קאנקארד“.

ער האט זיך געהיט איהר צו דערציילען פון זיין בעגעגעניס מיט דעם באראָן מאָרדע וועלכער האט געטעדטעט איהר ברודער אין א דועל.

נאך א היבשע ווייל האט דער מארקיז צוגעבראכט ביי זיינער פרוי מיט דיא

קינדער, און האט זיי דאנן פערלאזען, אום צו בעזארגען זיינע פאליטישע קארעספאנ־דענץ ביי זיך אין קאבינעט.

אלס דער מארקיז איז אריין צו זיך אין צימער האט איהם דער דיענער אריינ־געבראכט א בריעף.

דיע ער דיענער איז געוועזען שוין איין עלטערער מענש, וועלכער האט נאך געדיענט ביי דעם אלטען מארקיז מאנטגארי און ער האט נאך גערדיינקט דיא צייט ווען עמאנועל שאלאמבעל איז פון מארקיז אויפגענומען געווארן נאך אלס קינד.

זשאן — אזוי האט דער דיענער געהייסען — האט דאס קינד געליעבט און האט איהם כמעט אויפגעהאדעוועט. ווען עמאנועל האט געלעבט אין פאריז אלס סטודענט, איז איהם זשאן נאכגעפאָרען אלס דיענער. אבער זשאן האט נאטירליך קיינע אהנונג געהאט, דאס זיין יונגער הערר האט וואלבע בעציהונגען מיט דער געזעלשאפט, פון דיא „קאמראדען פון שווערט״. אין זיינע אויגען איז דער מארקיז געוועזען דער אונשולדיגסטער מענש, וואס פערדיענט יעדעס גליק אין דער וועלט.

—איין בריעף פיר דען העררן — האט ער געמעלדעט רייבענדיג דען טאס.

—גוט! — האט עמאנועל געענטפערט.

דריטעס קאפיטעל.

דער ערשטער שלאג פון דער אונזיכטבארער האנד.

דער מארקיז פא מאנטגארי האט זיך זיך געזעצט צו זיין שרייב־טיש און האט בעטראכטעט דעם בריעף וואס זיין דיענער האט איהם דערלאנגט. דער בריעף איז געוועזען אהן א פאסטמארקע און דיא אדרעסע איז געוועזען געשריעבען אין א פרויען־האנדשריפט.

—פון וואנען קען דיעזער בריעף קומען? — האט ער זיך געפרעגט.

—איין דיענסטמאן האט עס ארויפגעבראכט — האט דער דיענער געזאגט, מער־קענדיג וויא זיין הערר חידושט זיך.

דער מארקיז האט נאך אמאהל בעטראכטעט דיא האנדשריפט.

—דיא האנדשריפט קומט מיר פאר זעהר בעקאנט — האט ער זיך געטראכט.

—דער דיענסטמאנן ערווארטעט איינע אנטווארט — האט דער אלטער דיענער וויעדער געמעלדעט.

דער מארקיז האט אויפגעריסען דעם קאנווערט און געלעזען:

„מיין ליעבער עמאנועל,

„עס איז שוין זיעבען יאהר וויא מיר האבען זיך ניט געזעהן און איך בין אייך „שוין פיליכט אין גאנצען ארויס פון זינען. איך מוז אייך דעריבער ערינערן איין „אלטע געשיכטע, אום איהר זאלט זיך דערמאהנען ווער איך בין. געדיינקט איהר „נאך, מיין ליעבער עמאנועל, יענע קליינע פראכטפאלע וואוינונג אין דעם אונטער־„שטען עטאזש פון רוע פראשע? איהר האט זיא דאנן הערליך אויסגעפוצט. דער „זאל איז געוועזען מיט רויטע דיוואנעס, דער שלאף־צימער מיט וויאלעט־בעדעקטע סאי־„מעט־מעבעל, און דיא פארטיערען פון דיא בעסטע אריענטאלישע שטאפען. דיא גע„מין פון דיעזען פאראדיז בין איך געוועזען.

„אח מיין פריינד, וויא שנעל גליק און אונגליק וועכסלען זיך אין דער וועלט!
„איין שיינעם טאג האט איהר געהייראטעט און איהר, האט געדיינקט פון מיר אין
„גאנצען פּאָר צו ווערן אינדעם איהר האט מיר צוגעשיקט א קאָנווערט מיט א צעהן
„טויזענד־פראנק־בילעטען און א עמפּפעהלונג איך זאל אכטונג געבען אויף איינינע
„ביכער און פּאַפּיערען וועלכע איהר האט צוריקגעלאזען אין אייער וואוינונג. דאן זייט
„איהר זיך געגאנגען אייער וועג, און איך מיין וועג. איהר זייט געוואָרן מארקיז, דער־
„פוטירטער, מיליאָנער, און ווייס איך וואס נאך!......
„איך בין געגאנגען אלץ ניעדעריגער פון שטופע צו שטופע אויף דער לייטער
„פון דער געגוסזיכטיגקייט, און איצטער, מיין פריינד, וואוין איך אויפען זעכסטען
„עטאזש אין איין אלטען הויז, אין יענעם לאטיינישען קווארטעל, וואו א פאר ארעמע
„שטודענטען זיינען מיינע איינציגע פריינדע.
„פון יענער עלעגאנטער וואוינונג איז מיר ניט מעהר געבליעבען וויא איינע ער־
„אינערונג, און פון אייך — נור א פעקיל בריעף.
„דאס איז וועגען דיעזע בריעף וואס איך קום היינט צו אייך צו שרייבען.
„איהר זאלט זיך אבער ניט איבערשרעקען. איך מיין ניט זיי אייך צו פערקויפען, איך
„וויל זיי אייך אוועקגעבען, איך מיין דיא בריעף וואס איהר האט מיר געשריעבען.
„אבער אונטער דיעזע בריעף האט זיך געפונען איינער וואס איז ניט געשריעבען
„געוואָרן דורך אייך, און איז ניט אדרעסירט צו מיר; דיעזער בריעף האט א גאנץ אנ־
„דערן ווערט. אונטער איהם איז געצייכענט קאַלאַנעל לעאָן".
ביי דיעזער שטעלע פון בריעף איז דער מארקיז אויפגעשפרונגען מיט איין אויפ־
שריי, און זיינע האר האבען זיך איהם אויפגעשטעלט וויא בערג. גליקליכערווייזע איז
שוין דער דיענער געוועזען ארויסגעגאנגען.
עמאנועל האט געלעזען ווייטער:
„איך בין איבערציינגט, אז דיעזעס פּאַפּיער איז ביי אייך גענוג וויכטיג, אום
„איהר זאלט זיך וועגען איהם אליין בעמיהען צו קומען צו מיר דיעזען אבענד, אום
„האלב נאך אכט, אין רוע סאָרבאָן נומער 4. איך ערווארטע אייך און בין אייער
„אלטע פריינדין
„בלידא".
דיא שרייבערקע פון דיעזען בריעף האט אויגענשיינליך רעכט געהאט אלס זיא
האט בעהויפּטעט דאס אין דיא זיבען יאהר האט זיא עמאנועל געדארפט פערגעסען.
דיא איבערראשונג וועלכע העררר עמאנועל שאלאמבעל האט ביי דיעזען בריעף ארויס־
געוויעזען איז געוועזען אונגעהייער.
דיא איבערראשונג איז איהם נאטירליך געוועזען זעהר אנאנגענעהם, דען ער
האט פארשטאנען, דאס זיינע אלטע געליעבטע וועט איהר וואהרשיינליך פערקויפען
דעם בריעף פון קאלאנעל לעאָן זעהר טהייער.
אבער וואס איהם האט דאָ געשראָקען איז ניט געוועזען דיא פראגע פון געלד.
ער איז געוועזען רייך גענוג אום צו געבען בלידא עטליכע שיינע פון טויזענד פראנק
פאר דיעזען בריעף. וואס איהם האט געשראקען איז געוועזען דער בריעף אליין. וואס
שטעהט אין דיעזען בריעף? — האט ער זיך געפרעגט.

זיינע אויפגערעגטע פאנטאזיע האט איהם גלייך פארגעשטעלט דיא פאטאלע פאלגען וועלכע אזא בריעף קען פיר איהם האבען. דורך דיעזען בריעף האט בלידא פיליכט ערפאהרען דעם סעקרעט פון דיא „קאמעראדען פון שווערט" — און א סעקרעט ביי א גאלאנטער דאמע איז גאר שרעקליך, צו דיינקען.

אין איין אויגענבליק האט זיך דער מארקיז געזעהן אין געדאנקען אנגעקלאגט, אנגעצייגט, בעשולדיגט, אין פערדאכט ביין הויף פון וואנען ער האט יעצט ערוואַרטעט א זיטץ הויז פון לאנדעס-אדעל (פעירס), און אין פערדאכט ביי זיינער פרוי, וועלכע וועט פיליכט פלוצלונג אלעס זיך ערקלערן — און דער מארקיז האט געציטערט פאר שרעק.

ער האט אין אויפרעגונג אַנגעקלונגען. זשאן איז אריינגעקומען.

—וואו איז דיעזער דיענסטמאן? — האט געפרעגט.

—אין פאָרדערצימער.

—לאן איהם אריינקומען.

דער דיענסטמאנן איז אריינגעקומען.

—ווער האט אייך געגעבען דיעזען בריעף?

—א דאמע אויף דער עקע פון אקאדעמיע-שטראסע. זיא ערוואַרטעט איינע אנטווארט.

—זאגט דיעזער דאמע דאס נאך דיעזען אבענד וועט איהר וואונש ערפילט ווערען.

—שרייבט דער הערר קיינע אנטווארט?

—עס איז ניט נייטיג.

דער דיענסטמאן וועלכער האט ערהאלטען 5 פראנק פון מארקיז, האט זיך טיעף פארנייגט און איז אוועקגעגאנגען. עמאנועל איז געבליעבען זעהר אונרוהיג, און האט פארבראכט א טהייל פון דעם נאכמיטאג אין נאכדענקען, אונטער וועלכע אומשטענדען האט איהם קאָלאַנעל לעאָן געשריעבען.

—דאס איז וואונדערבאר — האט ער געזאגט ריידענדיג מיט זיך אליין — מאָרדיע האט מיר קוים געזאגט, דאס איך בין מיט מיין גליק ניט זיכער, און שוין האבען זיך אָנגעהויבען צו ווייזען זארגען. ער געהערט אלזא ווירקליך צו דיא לייטע וואס ברייגגען אונגליק.

ענדליך אבער האט ער זיך בערוהיגט. זיין געוואוינהייט אלעס צו קריעגען פאר וייכטהום האט גענומען דיא אויבערהאנד איבער זיין שרעק, און ער האט זיך געדראכט: נאך אלעם וועל אי קענען אָפּקויפען דעם ריעף פיר א געוויסע סומע, און בלידא וועט שווייגען פיר א יעהרליכען געהאלט. מיט געלד קריעגט מען אלעס, אפילו דיא בערוהיגונג פון געוויסען.

אלס ער איז אום זעכס אוהר אריינגעקומען אין שפייזע-זאל, וואו דיא מארקיזין מיט זיינע צוויי קינדער האבען איהם ערוואַרטעט, איז ער שוין געוועזען רוהיג און מונטער וויא אימער.

אין דעמזעלבינען אויגענבליק איז א פריינד געקומען צום בעזוכען, און מען האט איהם אויך איינגעלאדען מיטצושפייזען. דיעזער פריינד איז געוועזען א יונגער שטאַ־

אטס־אנוואַלט (פראָקוראָר), איין זעהר בעגאבטער יונגער מאַנן און מיט אַ געבהאפטע איינבילדונגס־קראַפט, וויא מען געפינט אָפט ביי דיא זידליכע פראַנצויזען און ביי דיא איטאַליענער. ער האט געהייסען אָקטאוו פון ראַמאַ.

—זאָג מיר נור, אָקטאוו, ביסטו אבערגלויביש? — האט איהם דער מאַרקיז געפרעגט ביין טיש.

—וויא איין איטאַליענער.

—גלויבסט דוא דאס עס זיינען פאַראַנען לייטע וואס ברייננגען אונגליק?

—געוויס.

—אויפריכטיג?

—מיטן פולען ערנסט.

דיא מאַרקיזין האט געלאַכט.

—אלזא, נאָך דיין מיינונג מעג עס פאַסירען, דאס אַ מאַנן וואס איז פאַלשטענ־דיג גליקליך בעגעגענט זיך איין טאָג מיט אַ מענשען וואס זאגט איהם פאַראויס איין אונגליק, און דיזעס אונגליק קומט....

—פאַלשטענדיג.

—אַה, העדר ראַמאָ — האט דיא מאַרקיזין אויסגערופען — דאס איז אַ ביסעל איבערגעזאַלצען.

—ניין, מאַדאַם, דאס איז בעשטימט אזוי.

וויא אזוי ווייסט איהר דאס?

—איך בין אליין איין ביישפיעל דערפון.

—איהר?

—יאַ, מאַדאַם, איך.

—וואס האט זיך אייך דען צוגעטראָגען?

—עס איז דאָ אין פאַריז אַ מאַנן וואס ברייננגט אונגליק. איין אבענד האב איך איהם געטראָפען אין אַ סאַלאָן וואו איך האב געשפיעלט. ער האט זיך געזעצט הינטער מיך, און איך האב פערשפיעלט. אויף מאָרגען האט ער מיך געטראָפען אויפען בול־וואַרד און האט מיך בעגריסט; אין אַ ווייל ארום האב איך געמאַכט אַ פאַלשען טריט און האב מיר אויסגעלינקט אַ פוס.

—דאס איז זאָנדערבאַר! — האט עמאַנועל געשטאַטעלט.

—פּופּצעהן טאָג שפּעטער — האט דער ערצעהלער אנגעפאַנגען — בין איך ארויס־געפאָרדעט געוואָרען אויף אַ דועל. פאַהרענדיג צום פעכטפּלאַטץ האב איך ווידער אָנגעטראָפען דעמזעלביגען מענשען, און אַ שטונדע שפּעטער האב איך ערהאַלטען אַ שווערט־שלאַג, וועלכער האט מיך געהאַלטען אין בעט זעכס מאָנאַטע.

—און גלויבסט דוא אז ווען יענער מענש וואלט ניט געקומען אין דיין וועג וואלט דיר דאס ניט פאַסירט?

—דאס גלויב איך. איך בין אימער געוועזען גליקליך. ווען איך בין העררשער, וואלט איך געמאַכט אַ געזעטצע צו פערבאַנען דיא אונגליק־ברייננגער.

עמאנועל האט זיך נעצוואונגען צום שמייכלען, אבער דיא ערצעהלונג פון זיין נאסט האט אויגענשיינליך נעמאכט אויף איהם א טיעפען איינדרוק. אלס ער האט זיך אויפגעהויבען פון טיש אום 8 אוהר איז ער געוועזען אונטער דעם דרוק פון טרויעריגע געדאנקען.

ער האט נאטירליך ניט פערגעסען זיין בעזוך צו בלידא. איבערלאזענדיג דעם העררן ראמא ביי דער מארקיזין, האט עמאנועל געהייסען איינשפאנען זיין קליינע קארעטקע, אין וועלכער ער פלעגט אימער פאהרען אליין. אלס קלוגער מאנן האט ער נאטירליך ניט געוואלט אז איינער פון זיינע הויזלייטע זאלין וויסען, דאס ער שטאטעט אב א בעזוך ביי א גאלאנטער דאמע, אין א מעבלירטען הויז. ער האט דעריבער אפגעשטעלט זיין וואגען מיט'ן קוטשער אויף דער עקע פון דער רוע סעינט אנדרע, און איז געגאנגען ווייטער צו פוס.

ער איז געגאנגען שנעל און פערטיעפט אין זיינע געדאנקען וועגען דיא בייזע נביאות פון באראן מארדיע, אלס ער האט אנגעשטויסען א פארבייגעהענדען, וועלכער איז געגאנגען אין א צו מונטערע שטימונג.

—טאשענדיעב! — האט דער פארבייגעהער אויסגערופען אין כעס און א ביסעל פארשכורט.

—טאשענדיעב ביסט דוא אליין, דוא וואגאבונד! — האט דער מארקיז געענטפערט אויפהויבענדיג זיין שטעקען.

דער בעטרונקענער האט זיך אומגעקעהרט, און האט געזאגט:

—ווען מען איז אומגעקומפערט ענטשולדיגט מען זיך, און מען בעהאנדעלט קיינעם וויא א וואגאנבונד, איהר ברוטאלע בעסטיע וואס איהר זייט.

אויסער זיך פאר וואוטה האט דער מארקיז ארונטערגעלאזען זיין שטעקען אויף דעם בעטרונקענעם.

דיעזער האט אויפגעשריען, האט זיך אווארף געטהאן אויפען מארקיז, האט ערגריפען זיין שטעקען, און האט איהם צוכראכען אין צווייען ביי זיך אויפען קניע. דאנן האט ער ערגריפען דעם מארקיז פארביידע ארעמס און האט איהם צוזאמענגעפרעסט, זאגענדיג;

—איהר האט מיר געשלאגען מיט אייער שטעקע. אזוי וויא איך בין קיין וואגאנבונד נאר א סטודענט, און אזוי וויא א סטודענט איז גלייכגעשטעלט איך וויים ניט ווער ווערט, ווערט איהר מיר אזוי גוט זיין געבען אייער קארטע און איך וועל אייך געבען מיינע. אידר האט מיך בעליידיגט און איהר וועט מיר מוזען געבע רעכענונג דערפאר.

דער פלעצליכער אנגריף און דיא ארט און ווייזע וויא אזוי דיא זאך האט זיך דא ארויסגעדרייט, האבען העררן עמאנועל שאלאמבעל אין גאנצען אראפגעשלאגען פון טראפ.

דער מאנן, וועלכען ער האט יעצט געהאט פאר זיך האט געמאגט זיין א מאנן פון א יאהר דרייסיג אדער פינף־און־דרייסיג, און איז געוועזען שטארק געבויט. עמאנועל האט גלייך איינגעזעהן דאס צו שלאגען זיך מיטן פויסט איז ער פאר איהם ניט קיין פאר. רוהיג זיין איז אלזא פאר איהם געוועזען דאס גלייכסטע.

ער האט זיך שנעל ארומגעקוקט אין דער האָפנונג צו דערזעהן א פּאָליציייא־סערזשאנט, אבער אזוי וויא עס האט גערעגינט שוין זייט א פּאָר שטונדען, איז די גאס געוועזען פערלאסען

—מיין העררע, איך בין געוועזען א ביסל בעטרונקען — האט געזאגט דער מאנן צום מארקיז — און איך האב פיליכט אונרעכט געהאט וואס איך האב געזאגט אז איהר זייט אומגעלומפּערט, אבער אייער שטעקען האט מיך אויסגעניכטערט.

עמאַנועל האט אנגעקוקט דעם מאנן וועלכער האָט איהם נאך אימער געהאלטען צוזאמענגעדריקט ביידע ארעמס. ער איז געוועזען ארעם געקליידעט, האט געטראגען איין איינפאכע היטעל, האט געריבערט א לולקע, און זיינע פערשוואומענע געזיכטס־ציגע האבען בעוויעזען דאס ער האט ליעב צו פיעל דעם ביטערן טראָפּען.

דער מארקיז האט געפיהלט זעהר אונאנגענעהם פון דער בעריהרונג פון דיעזען מאנן.

—וואו, צום טייפעל, בין איך דאָ פארקראָכען? — האט ער זיך געטראכט.

—מיר שיינט, מיין העררע, אז אייער געזיכט איז מיר בעקאנט — האט דער מאנן געזאגט, אבער אייער נאמען איז מיר ענטגאנגען.

—איך קען אייך ניט......

—גיט מיר אייער קארטע......

—אבער, מיין העררע......

—איך האב ערהאלטען א שלאג פון אייער שטעקען, דאס מוזען מיר גוט מאכען מיט וואפען.

—ענטשולדיגט מיין העררע — האט עמאַנועל געזאגט שטאלץ — איך האב געהאט אונרעכט, ווילט איהר אננעהמען פון מיר......

—איך וויל קיינע ענטשולדיגונגען......

—דאך אבער......

דער שטודענט האט זיך פּלוצלינג א סלאפּ געטהאן אין שטערן, אפּלאזענדיג ביידע ארעמס פון מארקיז:

—טייפעל! איך קען אייך דאך — האט ער אויסגערופען — איך האב אייך דערקענט.... איהר זייט איינער פון מיינע אלטע קאמאראדען אין רעכטסשולע, איהר הייסט שאלאמבעל...... ענטשולדיגט, מען רופט אייך איצטער מארקיז פון מאנט־נאָרי, ניט וואהר?

—יאָ, אבער....

—איהם זייט דעפּוטירטער, מיליאָנער, מארקיז או: דער טייפעל וויים וואס נאך......

—ענדליך, מיין העררע, וואוהין ווילט איהר פיהרען? —האט שאלאמבעל אויסגע־רופען אונגעדולדיג.

—איך וויל אייך שיקען מיינע סעקונדאנטען.

—איהר?

—יאָ, מיין העררע! דיינקט איהר אז איך וועל בעהאלטען דעם שלאג פון אייער שטע־

קען וויא דיא בעריהרונג פון א הייליגען ?

—איך ענטשולדיג זיך פאר אייך.

—איך וויל עס ניט! איך וויל מיך שלאגען. איהר מוזט זיך שלאגען.

- מיט אייך ? — האט דער מארקיז געפרעגט מיט דער גרעסטער פעראכטונג.

—מיט מיר, מיין הערר. דער צופאל איז וועניגער דום וויא מען דיינקט פון איהם. איהר האט מיר אמאהל, מיט צוועלף יאהר צוריק שוין אויך געטהאן פיעל אונרעכט, און דער צופאל גיט מיר איצטער דיא געלעגענהייט זיך אפצורעכענען.

דער מארקיז איז געבליעבען וויא פערשטיינערט פאר פערוואונדערונג.

—וויא אזוי האב איך אייך געקענט טהאן וועלכעס אונרעכט, ווען איך זעה אייך צום ערשטען מאהל ? — האט ער געפרעגט.

איין ווײלע האט ער געהאט דיא האפענונג דאס דיזער מענש איז פיליכט פעררירקט און ווייס ניט וואס ער רעדט. אבער דער שטודענט האט וויטער גערעדט :

—אַה, איהר האט שוין אלעס פערגעסען, איהר זייט א גרויסער הערר געווארן. איהר האט שוין פערגעסען דעם לאטײנישען קווארטאל און דעם מאנן וואס רעדט צו אייך.

—אבער ווער, צום טייפעל, זייט איהר ?

—איך היים פערדעריק דילאנג, עראינערט איהר אייך שוין ?

—אה, דער ערשטער געליעבטער פון בלידא, גלויב איך — האט ער אויסגערופען.

—גאנץ ריכטיג מיין הערר, דאן האט זי זיך גערופען לואיזא. זיא האט מיך גע־ליעבט און איך זיא, און מיר זיינען געווען גליקליך אין אונזער קליינעם צימער מיט א מאהלצייט פון זעבצעהן סו.

—איך עראינער מיך ווירקליך — האט עמאנועל געזאגט.

—איך האב פארלאזען פאריז אויף א מאנאט אום צו בעזוכען מיין פאמיליע, און אלס איך בין צוריקגעקומען האב איך געפונען אז איהר האט מיר מיין לואיזע אוועקגערויבט און זיא איז מיט אייך אריבער דיא סיינע. איך בין געוועזען ארעם, איהר רייך, איהר האט זיא ניט געליעבט; איך אבער האב זיא יא געליעבט און דער קומער האט מיך אראפגעשלאגען פון וועג. ווען איך בין היינט איין אלטער שטודענט אנשטאט צו זיין א בעגאבטער אדוואקאט אדער איין ריכטער, דאן איז עס פיליכט אייער שולד.

—אבער, מיין הערר......

—יעצט אלזא ברייננט אייך דער צופאל אין מיין וועג, און דיעזער זעלבער צופאל מאכט עס, דאס איהר הייבט אייער שטעקען אויף מיך. זעהר גוט! דיא געלעגענהייט מיך אפצורעכענען איז צו שעהן אום איך זאל זיא פארבייגלאזען אזוי גלאט. מארגען וועלין מיינע סעקונדאנטען צו אייך קומען....

—דער שטודענט האט זיך פערנייגט און איז אוועקגעגאנגען איבערלאזענדיג דעם מארקיז פאן מאנטנארי אין א צושטאנד פון ערשטוינען. עס זיינען איהם אין דעם אויגענבליק ארויף אויפען זינען דיא ווערטער פון באראן מארדיע: דיא וואס האבען געשלאגען מיט שווערט וועלין פערלארען געהן דורכען שווערט".

—מיין גאט! — האט ער געשטאמעלט — ניט שוין זשע האט דיא לעצטע שטונדען פון מיין גליק געשלאגען?

ער איז געגאנגען ווייטער, זיך וויגענדיג אויף דיא פיס, און בעדעקט מיט א שווייס, און האט גענומען זיין וועג צו דער רוע סארבאן.

דאס ערשטע מאהל אין זיין לעבען האט ער מורא געקראגען פאר א דועל. דער פאקט דאס ער געהט זיך שלאגען מיט א שיכורן סטודענט, און דיא ווערטער פון באַראָן מאָרדיע האבען איהם געדריקט וויא א שווערער מיהלשטיין.

פירטעס קאפיטעל.

דער בריעף און דאס דועל.

עס איז געוועזען איין אבשייליכעס צימער דארט וואו בלידא האט געוואוינט אויף דעם מארקיז פון מאנגארי. א וואשדטישל, א הילצערנע געפארבטע בעט, מיט א רויטען פארהאנג און א דריי שטוהלען — דאס איז געוועזען דיא גאנצע אויסמעבלירונג פון צימער. א ליכט וואָס האט געברענט אויפען קאמין איז געוועזען דיא גאנצע בעלייכטונג.

—עהרענווארט — האט בלידא געמורמעלט ווערענד זיא האט געווארטעט — דאָ איז צו קאלט אפילו פאר א הונד, און איך קען ניט בעגרייפען ווארום דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה פאָרדערט דורכאויס איך זאל איהם עמפאנגען אין אזא פלאטץ.

דא האט עס געקלאפט אין טיר.

—אריין! — האט זיא געזאגט.

דיא טיר האט זיך געעפענט און דער מארקיז פון מאנטגאורי איז אריינגעטרעטען און איז א ווילע געבליעבען שטעהן אויפען שוועל. ער האט געווארפען א בליק אויף דיא אומגעבונג און אויף בלידא וועלכע איז געוועזען אנגעטהאן אין אן אלטען קלייד, און ער האט ביי זיך געטראכט: „וועלכעס עלענד! איך וועל פריינען מיין בריעף פאר פינף הונדערט פראנק".

בלידא האט איהם געריכט דיא האנד מיט דער מינע פון א גרעפין, וועלכע הייסט איהר גאסט ווילקאמען אין איהר פאלאסט.

—גוטען אבענד, מיין פריינד, איך זעה אז איך בין נאך ניט אין גאנצען פערשוואונדען פון אייער הערצען. איהר זייט פינקטליך. איהר זייט נור אויף פינף מינוטען צו שפעט. מיט איין אלטער געליעבטער איז דאס נאך מעהר וויא העפליך. דאס איז א העלדענטהאט.

—ליעבע פריינדין — האט עמאנועל געענטפערט, דריקענדיג דיא ווייסע האנד וועלכע דיא זינדערין האט איהם געריכט — איך דאנק אייך וואס איהר האט געדאכט אן מיר אין אייערע שלעכטע שטונדען, און האב אייך נור איין פארוואורף צו מאכען.

—וועלכען.....

—וואס איהר האט זיך ניט פריהער אן מיר דערמאהנט.

און עמאנועל האט זיך געזעצט אויפען שטוהל וועלכען בלידא האט איהם אָנ־געוויעזען מיט'ן פינגער.

—איהר זייט דאָ זעהר שלעכט איינגעריכטעט — האט ער געזאגט — און איך וויל ניט אז איהר זאלט דאָ נאך לייגגער בלייבען.

בלידא האט געזיפצט און געשוויעגען.

עמאנועל האט ארויסגעצויגען פון זיי טאשע איין קליינעם פּאָרטמאָנע, האט ארויסגענומען איין בילעט פון טויזענד פראנק און האט געזאגט בלומרשט וויא פאר זיך אליין:

—פינף הונדערט פראנק פארן בריעף און פינף הונדערט פאר איהר, איך גלויב דאס איז פיין גענוג.

ער האט גערייכט דעם גאלדש'ין צו בלידא.

—דאנקע, פריינד — האט בלידא געזאגט נעהמענדיג דעם שיין און איהם צוזאַ־מענקנייטשענדיג אין איהר הויפען — איהר זייט שארמאנט.

—אָה — האט עמאנועל געמאכט בעשיידען — רעדט ניט פון אזא קלייניגקייט.

—איהר ניט מאגאריטש.

—מאגאריטש ?

—נו, געוויס ; איהר גיט איין אויפגאַב.

—אויף וואס דען ? — האט דער מארקיז געפרעגט.

—אויף דאס געשעפט וואס מיר געהען דאָ אפמאכען.

—וואס פיר איין געשעפט.

—אח, וואס פאר א קאָפּ איהר האָט — האט בלידא געלאכט — איהר פערגעסט גאר דעם בריעף פון קאַלאָנעל.

דער מארקיז האט א ציטער געטהאן.

—אָה, ריכטיג — האט ער געזאגט — אבער וואס ענטהאלט דען דיעזער בריעף ראס איהר לייגט אויף איהם אזא געוויכט ?

—דאס קען איך אייך גלייך זאגען.

—לאזט מיר איהם זעהן.

איין שפעטישער שמייכעל האט זיך בעוויעזען אויף דיא ליפען פון דיא בעל־עבירה'ניצע.

—נו־נו־נו ! איהר מיינט דאס ניט, מיין פריינד, אזוי נארעש זיינען מיר נאך ניט.

—איך בין דאָ אריינגעפאלען ביי א האלדז־אבשניידערקע — האט זיך עמאנוע[ל] געטראכט — און זיא קען נאך בעטען דאס טעלערל פון הימעל פאר דאס שטיקעל פּאפּיער.

דאן האט ער געזאגט לויט :

—טהייערע פריינדין, איך וויים ווירקליך ניט וואס דער בריעף קען אזוינס ענט־האלטען וואס זאל פיר מיך זיין אזוי קאָמפּראָמעטירענד. איך האב דעם קאָלאָנעל לעאָן אזוי וועניג געקאנט.

—וואס איהר זאגט !

—אלעס וואס איך האב מיט איהם צו טהאן געהאט איז וועגען איינעם אדער א פאר דועלס.

—דאס איז עס אויך.

עמאנועל האט געפיהלט א קעלט איבערן לייב און האט אנגעקוקט בלידא מיט בעזארגניס.

—האט ניט דער קאלאנעל געטעדטעט איין אפיציער מיט'ן נאמען פאן וועךן ?

ביי דיעזען נאמען איז עמאנועל אויפגעשפרונגען, בלאס, ציטערנדיג :

—דאס ווייסט איהר ? — האט ער אויסגערופען.

—נא, דאס שטעהט דאך אין בריעף. איך קען אייך גלייך זאגען וואס אין איהם שטעהט, איך קען איהם אויף אויסווייניג.

„מיין טהייערער פריינד.

„פאן וועךן איז דיעזען פריהמארגען געטעדטעט געווארן דורך גאנטראן פאן לאסי „וועלכער האט זיך ווירקליך ערוויעזען אלס אייערער א פריינד. איהר קענט הייראטהען „דיא באראנעסע מארדיע, זי וועט אייך קיינמאל ניט חושד זיין אז איהר האט פער־ „אורזאכט דעם טויט פון דע'ווערן, איהר אדאפטירטען זאהן. וואס דעם באראן מארדיע „אנבעטרעפט איז ער צופריעדען מיט דעם געשעפט".

עמאנועל האט אויסגעהערט בלידא און דיא האר האבען זיך איהם אויפגע־ שטעלט קאפויר.

—אה, דאס איז געוועזען א טהייערע חכמה פון אייך ניט צו פארברענגען אזא בריעף — האט דיא ארעמע פרוי געזאגט — אין דער וואך פאר אייער חתונה זייט איהר געקומען נאך פאריז און זייט פארפאהרען צו מיר. דער בריעף איז געלעגען אין א קליינעם רייזע־טעשיל וואס איהר האט ביי מיר געהאט פערגעסען. איך האב איהם געפונען ערשט אין ציים ארום.

עמאנועל איז געוועזען טויט בלאס.

—איך האף אז דוא וועסט מיר איצטער דעם בריעף צוריקגעבען.

—חאפט־זשע נישט, לאמיר פריהער א ביסל שמועסין.

—זאל זיין אזוי, מאך דיינע בעדינגונגען.

—ווייסט דוא, ווען דיין ווייב וועלכע דו פערגעטערסט און וועלכע ליעבט דיך אויך און איהר לעבט ביידע וויא צוויי טורטעל־טויבען, זאל וויסען וואס אין דעם בריעף שטעהט, וועט זיא פארגעסען איהר ליעבע ?....

—א, שווייג ! — האט עמאנועל אויסגערופען — זאג מיר וויא פיעל ווילסטו פארן בריעף ?

—וועגען דעם געהען מיר דאך ריידען.... איך גלויב אז זיא וואלט בעטראכט מיט שרעקען דעם מערדער פון דעם זאהן פון איהר ערשטען מאנן....

—שווייג ! שווייג ! — האט עמאנועל געשריען אי מיט א געבעט און מיט א בייזער, מיט כעס. — רייד, וואס ווילסט דוא ?

—פיעל געלד.

—ווילסט דוא צעהן טויזענד פראנק ?

—נו געה שוין געה! — האט בלידא געלאכט — דוא ביסט פונקט וויא יענער וועמען מען האט מימנעטהייכט דאס מען האט געפונען זיין בייטעל מיט הונדערט טויזענד פראנק, און ער האט גרויסמיטהיג געגעבען 5 פראנק דעם געפינער.

א קעלט איז אריבער איבער עמאנועל׳ס לייב. ער האט פארשטאנען דאס בלידא מאכט גוואלטינע פארדערונגען, און ער ועט דא האבען צו זינגען און צו זאגען. ער איז געבליעבען א ווילע וויא אהן לשון פאר ערשטוינען, פונקט וויא איינער וואס וואכט אויף אינמיטען א שרעקליכען טרוים.

—לאמיר זעהן, מיין בחורל, איך פערלאנג ניט פון דיר דוא זאלסט זיין גרויס־מיטהיג, און נאך ווענינער, דוא זאלסט זיין מיט יושר, איך בעט דיר נור, דוא זאלסט זיך ניט מאכען נארעש. דוא אפערירסט מיר צעהן טויזענד פראנק פאר א בריעף וואס קען רואינירען דיין גליק, אויפקלערן דיינע פרוי ווער דוא ביסט, און דיך פערניכטען ביי דער גאנצער וועלט.......

—אלזא, זאג שוין וויא פיעל דוא ווילסט? האט עמאנועל געפרעגט כמעט ציטע־רענדיג פאר צארן און פאר מורא.

—איידער מיר וועלען בעשטימען דיא ציפער וויל איך דיר ריידען פון איין וועזען וועלכעס איך ליעב זעהר פיעל....

—צו וואס דען?

—דאס וועסט דוא באלד זעהן. דא האנדעלט זיך וועגען מיין זאהן.

—דיין זאהן?

—נא־נו, מיין גוטער פריינד, דוא ווייסט גאנץ גוט אז איך האב א זאהן — א זאהן פיר וועלכען זיין פאטער האט קיינמאל ניט געטהאן און מהוט ניט דאס וואס דיין פאטער האט געטהאן פיר דיך.

—וואס מיינסט דוא צו זאגען? — האט עמאניועל געפרעגט שטאלץ.

—דוא האסט פאראיבעל! דוא האסט אונרעכט. דער זאהן געהערט א ביסל...... דיר.

—דאס איז פאלש!

—איך האב אורזאכע דאס צו גלויבען. מינדעסטענס אין דעם אויגענבליק.

—וואָרום?

—אום דוא זאלסט בעזאָרגען מיין צוקונפט.

—דאס איז איין איינפאל.

—איך האב א פריינדין אורעליא, וועלכע האט געמאכט דיא בעקאנטשאפט פון א עדעלמאנן, און האט געבארן א זאהן.... דער ערעלמאנן האט ליעב געהאט זיין קינד, און ער האט זיא געהייראטעט.

עמאנועל האט זיך צולאכט.

— איך גלויב ניט אז דוא וועסט לאזען מאכען אויף בעשטעלונג א גוועטץ וואס ערלויבט צו האבען צווייא ווייבער.

—ניין; אויך פאלט מיר גאר ניט איין איבערצונעהמען דעם פלאטץ פון דער מארקיזין. איך האב אנאנדער גערדאנקען....

—לאָמיר הערן.

—איך וואלט בעסער וועלען אז מיין זאהן זאל האבען וועלכעס פערמעגען....

עמאנועל איז צוריקגעשפרונגען אין שרעק.

—א קליינעס פערמעגען מיט א פינף און צוואנציג טויזענד פראנק א יאָהר איינקונפט.

—איהר זייט משוגע! — האט עמאנועל געזאגט און האט געקוועטשט מיט דיא פינגערס.

—אמביציעזע פּליכט; משוגע געווים ניט. איך גיעב דיר אכט טאג צייט דיא זאכע צו בערעכענען און דאס געלד צו שאפען.

—דוא פערלאנגסט פינף הונדערט טויזענד פראנק! — האט ער אויסגערופען וויא וואהנזיניג — דאס איז דער נרן פון איינער פון מיינע טעכטער.

—נאָ, מיין ליעבער, איך בין איבערצייגט אז דיין פרוי וואלט עס מיר געגעבען.

—שווייג, זאג איך, שווייג! — האט עמאנועל געשריען אויסער זיך — דוא זאָלסט ניט וואגען צו דערמאנען מיין פרוי.

בלידא האט צוגעשאָקעלט מיטן קאָפּ.

—דוא קענסט דאך דאס ניט מיינען אין ערנסט!

—אין געגענטהייל, איך טוין עס זעהר ערנסט.

—דוא ווילסט א האלב מיליאן פראנק?

—פיר מיין זאהן.

—אבער......

—ניט א פראנק וויניגער. בעדיינק דאס.

—גוט! — האט ער געמורמעלט וויטהענד — איך וועל מיך בעדיינקען.

—דוא האסט אכט טאג צייט.

—און ווען איך נעהם דאס אָן?

—ווען מיין וואונש איז ערפיללט האסטו דעם בריעף.

—און אויב ניט?

—דאן וועט מען זעהן אויב דיין פרוי וועט ניט זיין פריינדליכער וויא דוא.

עמאנועל האט זיך האסטיג אויפגעהויבען. א שרעקליכער געדאנקען איז איהם געפלויגען דורכ'ן קאָפּ.

—איך בין דאָ איינער אליין מיט איהר — האט ער זיך געטראכט — אין איין אָפּגעלעגענער גאס און א שטילע אלטע הויז. ווען איך זאל דיעזעס ווייב נעהמען פארן האלז און דערווערגען וועל איך זיין געראטעט.

ער האט האט אפגעמאסטען בלידא' מיט א פינסטערן בליק. דיעזע האט וואהר־שיינליך געשפירט וואס אין איהם געהט דא פאר, דען זיא האט איהם געזאגט.

איך גלויב, דוא ווילסט מיך ערמארדען; אבער נעהם זיך אין אכט! דען בריעף האב איך ניט ביי מיר, און ווען דוא טעדטעסט מיך דאנן וועט ער מארגען זיין אין אין דיא הענד פון קעניגליכען פראקוראר......

עמאנועל האט אויפגעציטערט און דער ארעם וועלכען ער האט שוין געהאט אויפגעהויבען, איז צוריק ארונטערגעפאלען.

—נון, מיין ליעבער, זיי דאך פערנינפטיג, זיי ניט איבעראיילט, לאז זיך ניט היני־רייסען, דאס איז נוטצלאז. בעסער געה נאך הויז, און איבערלייג זיך. דוא האסט 8 טאג פאר

—דוא האסט רעכט — האט עמאנועל געענטפערט — מיר וועלען זיך וויעדערזעהן.

ער האט גענומען זיין הוט, האט געמאכט מיט דער האנד א בעוועגונג צום אבשיעד, וועלכע עס איז מעהר געוועזען ווי א דראָהונג, און איז ארויסגעגאנגען. בלי־א האט איהם געהערט ארונטערשטייגענדיג די טרעפּזאכט, טריט בי טריט, וויא א שכור'ער.

—אויב ער וועט היינטיגע נאכט שלאָפען איז ער שטארקער פון אייזען — האט די קליינע בעל־עבירה'ניצע געמורמעלט.

אין דעמזעלביגען אויגענבליק האט זיך געעפינט א טיר אין א וואנד וועלכען איז געוועזען בעקלעבט מיט פאפּיער אזוי אז די טיר האט זיך ניט געזעהן, און בלידא האט געזעהן אריינקומענדיג די דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה.

זיא איז אימער געוועזען אנגעטהאן אין טרויער, אימער בלאס, טרויעריג, איראָניש, אימער געבויגען אונטער דער לאסט פון א שווערע געדאנקען.

—איהר האט גוט געשפּיעלט אייער ראָלע — האט זיא געזאגט — איך בין מיט אייך צופריעדען.

—אָ, מאדאם, — האט בלידא געמורמעלט וועכסלענדיג פּלוצלונג איהר טאָן און איהרע האלטונג און זיך ארונטערלאָזענדיג אויף די קניע פאר די דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה - וועט איהר ענדליך האבען מיטלייד מיט מיר?

—וואס ווילט איהר דען זאגען?

—ווילט איהר מיר ענדליך צוריקגעבען מיין קינד?

—שפּעטער.

— קען עס ניט זיין גלייך?

—ווען איך וועל אייך ניט מעהר האבען נייטיג — האט די דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה געענטפערט הארט.

זעהענדיג די פערצווייפלונג פון בלידא האט די דאמע צוגעזעצט:

—אויב איהר וועט מיר דיענען געטריי וועט אייער זאהן האבען די פינף הונדערט טויזענד פראנק וועלכער דיעזער מענש וועט געפען.

בלידא האט אויפגעשריען פאר פריידע.

—איהר זייט געוועזען זינדיג — האט די דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה צוגעזעצט,— אבער איהר האט ליעב אייער קינד און די מיטערליכע ליעבע רעכטפערטיגט אין גאט'ס אויגען.

....

דערוויילע איז עמאנועל געקומען צו זיך אהיים. ער האט געהאט געפונען זיין וואגען מיטן קוטשער אויף דער עקע פון דער רוע סעינט אנדריי און וועהרענד דער רייזע וועלכע האט גענומען א 20 מינוטען איז ער געוועזען פערטיעפט אין די פינסטערסטע געדאנקען, וויא וואהנזיניג. ערשט אריינפאהרענדיג אין הויף פון זיין האָטעל איז ער עטוואס געקומען צו זיך.

אבער ער איז געוועזען צו אויפגערעגט, צו פערווירט, אום אריינצוגעהן צו דער מארקיזין אין זאל, וואו זיין יונגער פריינד פאָן ראמאָ איז געזעסען. ער איז אריין צו זיך אין קאבינעט און האט זיך איינגעשלאָסען. דאן האט ער זיך א ווארף געטהאן אין א פאָטעל, האט גענומען זיין קאפּ אין זיינע ביידע הענד און איז אזוי געבליעבע אונבעוועגליך.

—ראמאָ האט רעכט — האט ער געטראכט — עס זיינען דא מענשען וועלכע ברייני־נען אונגליק, און דיעזער באראָן מאָרדיע איז איינער פון דיעזע לייטע.... ער האט געלייגט זיין האנד אין מיינע, און מיין שטערן האט זיך פלוצלונג פערפינסטערט ... פינף־הונדערט־טויזענד פראנק! וויא רייך איך בין, קען איך מיר דאך דיעזע סומע נים פערשאפען אהן דער צושטימונג פון מיין פרוי. מיין רייכטהום בעשטעהט לייד ער אין לענדערייען, און אום מיר געלד צו פערשאפען מוז איך האבען דיא אונטערשריפט פון מיין פרוי.

דיעזע שוויעריגקייט איז געשטאנען פאר איהם וויא איינע אייזערנע וואנד, און זיין מוטה איז איהם גיזונקען. ער וואלט געהאט אוועקגעגעבען פינף־הונדערט טויזענד פראנק, ער וואלט געגעבען א מיליאָן פראנק פאר דעם בריעף אבער מיט דער בע־דינגונג אז זיין פרוי זאל דערפון נים וויסען. צום אונגליק אבער איז דאס אנדערש גאר נים מעגליך געוועזען.

צוואנציג פערשיעדענע פלענער, איינער נארישער פון דעם אנדערן, זיינען איהם געפלויגען דורכען קאפּ. דאָ איז איהם איינגעפאלען צו אנטלויפען, דאָ איז איהם געקור־מען דער געדאנקען צו פאלען צו דיא פים פון זיין פרוי און איהר זאגען אז ער האט זיך אמאהל באנאַרעשט מיט א מיידעל און ער מוז איהר געבען געגוג טהאונג און דאן וויעדער האט ער געטראכט צו פערטרויען דעם פּאָליציי־פרעפעקט, אום צו ארעטירען בלידאַ און פון איהר מיט גוואלט ארויסרייסען דעם בריעף; אבער קיינער פון דיעזע פלענער האט געקענט אויסהאלטען א גרינדליכע בערעכענונג.

אנטלויפען? וואוהין, ווען, ווארום?

זיך ווארפען צו דיא פים פון זיין פרוי און איהר ריידען פון א יוגענדליכער נארעשקייט. א שיינע נארעשקייט וועלכע מוז קאסטען א האלב מיליאָן פראנק.

וואס דעם לעצטען פלאן אנבעטרעפט, איז ער דען נים געפעהרליך? צו ארעטי־רען בלידאַ הייסט זיא צו צווינגען צו ענטדעקען אלעס וואס זיא ווייס, און מאכען דיא נערעכטיגקייט אויפמערקזאם.

עמאנועל האט פערלארען דעם קאפּ אינמיטען פון דיעזען תהום שווערע געדאנ־קען, פון דיעזע פערווירענדע פלענער.

פלוצלונג האט ער דערהערט א גערויש הינטער זיך און האט זיך אומגעדרעהט. דאס איז געוועזען זשאן, זיין טרייער קאמערדיענער, וועלכער איז אריינגעקומען......

—וואס ווילסט דוא? — האט ער איהם געפרעגט האסטיג.

—צוויי לייטע ווילען דורכאוים זעהן דעם הערן מארקיז.

עמאנועל האט א בליק געטהאן אויף דיא וואנד־אוהר; עס איז געוועזען פונקט האלבע נאכט.

—וויא, אזוי שפעט?

—יא, מיין הערר.

דער מארקיז האט א ציטער געטהאן. ער האט זיך דערמאהנט זיין בעגעגנים און זיין צאנקעריי מיט דעם שטודענט פרעדריק דילאנג וועלכע ער האט שוין פמעט געהאט פערגעסען צוליעב דיא גרעסערע צרה וועלכע בלירא האט אוף איהם געהאט ארויפגעלייגט.

—ווער זיינען דיא פערזאנען? — האט ער געפרעגט.

—צוויי יונגע לייטע.

—וויא הייסען זיי?

—דא זיינען זייערע קארטען.

עמאנועל האט א בליק געטהאן אויף איינע פון דיא קארטען און האט איבער געלעזען: „גאסטאן דע ריבא, שטודענט דער יורי".

דאן האט ער איבערגעלעזען דיא צווייטע קארטע און האט אויפגעציטערט פון קאפ ביז דיא פיס.

דיעזע צווייטע וויזיטקארטע האט געטראגען דעם נאמען „ארמאנד לעאן".

דיעזער נאמען איז געוועזען פיר עמאנועל שאלאמעל פונקט וויא א טאדעס אורטהייל. ער האט אנגעפאנגען צו ציטערן, וועהרענד ער האט געמורמעלט:

דער זאהן פון קאלאנעל!

דיא נבואה פון באראן מארדיע האט איהם וויעדער געקלונגען אין דיא אויערן: „דיא וואס האבען געשלאגען מיטן שווערט וועלן פאלען דורכען שווערט."

—זאל איך זיי ארייננבעטען אהער? — האט זשאן געפרעגט.

—יא — האט עמאנועל געענטפערט פערווירט.

דער דיענער האט געעפענט דיא טיר פון קאבינעט און האט געזאגט, זיך אפ־קעהרענדיג פון טיר אן אזייט:

—אריין, מיינע הערען.

דאס געפיהל פון זיין פערזענליכער ווירדע האט דאך גענומען אויבערהאנד איבער זיינע גייסטיגע פערווירונג. ער האט זיך אויפגעהויבען און האט דיא יונגע לייטע בעגריסט.

דער ערשטער וואס האט אנגעפאנגען צו ריידען איז געוועזען ארמאנד.

—ענטשולדיגט אונז, הערר מארקיז — האט ער געזאגט — וואס מיר בעאונרוהיגען אייך אזוי שפעט. דיא זאכע וועלכע פיהרט אונז אהער איז פון אויסערסטער וויכטיגקייט.

—גוט, מיינע הערען — האט עמאנועל געענטפערט — לאמיר פארבייגעהן דיא גע־ברויכליכע העפליכקייטען און געהן צום צוועק.

עמאנועל האט זיי אנגעוויזען זיטצע אבער זיא זיינען געבליעבען שטעהן.

—הערר מארקיז — האט ארמאנד וויעדער אנגעפאנגען — מיר זיינען ד א פריינדע פון הערען פרעדריק דילאנג.

—דאראן צווייפעל איך, מיינע הערען.

--און איהר דארפט אלזא ערראטהען דעם צוועק פון אונזער קומען.

--יא, מיינע העררען. איך האף אז מיין נאמען איז אייך ניט אונבע־קאנט, און דאס איהר צווייפעלט ניט אין מיין וואונש צו האנדלען וויא עס גע־הער צו זיין, און ניט אין מיין מוטה.

--גאט בעוואהרע, מיין העדר.

--איך האב וועה געטהאן העררן דיל‌אַנג אוף דער שטראסע, איך האב איהם זאגאר פערזעצט א שלאג. איך בעקענע מיך אלס שולדיג, און אזוי וויא עס איז קיינע שאנדע איין אונרעכט גוט צו מאכען, בעט איך אייך איהם איבערצובריינגען מיינע אויפריכטיגסטע ענטשולדיגונגען.

--אַה, מיין העדר, אונזער פּאַלמאכט געהט ניט אזוי וויט.

--וואס ווילט איהר זאגען ?

--העדר דילאַנג וועט קיין אנדערע ענטשולדיגונג אננעהמען אלס מיט וואפען, און אונזער ראטה און אונזערע בעוויזע וועלען אויף איהם ניט ווירקען.

--און ער זאגט — האט זיך נאסטאן דע ריבאַ אריינגעמישט — דאס אויב דער העדר מארקיז זאל זיך ענטזאגען מיט איהם צו שלאגען, דאנן וועט ער, דילאַנג, אייך ערוווארטען אויף אייער וועג ביין אריינגאנג אין דעפוטירטען־קאמער און וועט אייך עפענטליך ארויספאדערען.

--גוט, מיינע העררען — האט דער מארקיז געזאגט זיך אויפגעריכטענדיג — איך בין צו אייער בעפעהל, אזוי וויא עס קען ניט אנדערש זיין.

--מארגען אום אכט אוהר, אין וואלד פון ווינסען, הונדערט מעטער פון גרויסען וועג.

--איך וועל דארט זיין ; אייער וואפע ?

--דאס שווערט.

ביידע יונגע לייטע האבען געגריסט און זיינען אוועקגעגאנגען.

--אַה, דער באראָן האט רעכט געהאט — האט דער מארקיז געמורמעלט פיר זיך — „דער וואס האט אומגעבראכט מיט'ן שווערט, וועט אונטערגעהן דורכען שווערט״

קוים זיינע דיא סעקונדאנטען פון העררן דילאַנג אוועקגעגאנגען, איבערלאזענ־דיג עמאנועל שאלאמבעל אין אַ צושטאנד פון פערצווייפלונג און גייסטיגער אבגע־שפאנטקייט, אלס איין גרויסארטיגער עקיפאזש איז אריינגעפאהרען אין הויף פון האטעל.

א דאמע מיט א געדיכטען שלייער איבערן געזיכט איז אויסגעשטיגען. דאס איז געוועזען דער אלטער זשאן וועלכער האט זיא עמפפאנגען.

--דער מארקיז מאנטגאָרי ? — האט זיא געפרעגט.

- מאדאם — האט דער ערשטווינטער דיענער געענטפערט — מיין העדר נעהמט קיינעם ניט אויף אין אזא שטונדע, אבער......

--אבער א דאמע איז וואס אנדערעס, ניט וואהר ?

דער דיענער האט צוגעשטימט מיט א קאפ־בעוועגונג.

--דאנן זאגט אייער העררן, דאס עס איז פיר איהם פון דער גרעסטער וויכטיגקייט מיך צו זעהן.

דיעזע ווערטער זיינען געזאגט געווארן מיט אזא איבערציינונג דאס דער אלטער דיענער האט איינגעזעהן די וואהרהייט דערפון,

—קען מאדאם מיר זאגען איהר נאמען.

זיא האט איהם געריבט איינע קארטע אויף וועלכער דער דיענער האט איבערגעלייענט : „מאדאם רעוואל״.

זשאן האט ארויפגעפיהרט דיא אונבעקאנטע אויפען ערשטען עטאזש פון פאַלאסט, האט זיא געלאזען ווארטען אין א קליינעם זאל מיט א ביבליאָטהעק, וועלכער האט געדיענט אלס פאָרדערצימער צו עמאנועל׳ס קאבינעט.

אלס עמאנועל האט דערזעהן זיין דינער און האט ערהאלטען די קארטע איז ער גאר געווארן וויא פערשטיינערט.

—מיין גאט ! — האט ער געמורמעלט — וואס נאך פיר אונגליקען וועלין מיר דיעזע נאכט בעפאלען ! איך קען גאר דיעזען נאמען ניט.

—דיא דאמע בעהויפטעט אז זיא קומט אים אינטערעסע פון הערדן.

—לאָז זיא אריינקומען ! — האט ער געזאגט, און האט דאן צוגעזעצט — איך פאנג אן מיך צו ריכטען אויף אלעס.

דיא פערשלייערטע דאמע איז איינגעטרעטען. עמאנועל האט זיא בעגריסט און געבעטען זיטצען, וועהרענד דער דיענער האט זיך צוריקגעצויגעצויגען. דאנן האט זיא אריבערגעווארפען איהר שלייער און דער מארקיז איז וויא געבלענדעט געווארן פון איהר שענהייט.

עמאנועל, וועלכער האט זיך שוין געריכט צו ערפאהרען א נייעם אונגליק, האט זיך געפיהלט עטוואס בערוהיגט ביים אנבליק פון דיעזער יוגענדליכער שענהייט. איין אונגליק — האט ער זיך געטראכט — קען ניט קומען אין אזא שיינער פארם.

זיא האט זיך געזעצט אויפען אנגעוויזענעם פלאטץ און האט א ווילע אנגעקוקט עמאנועלן.

—הער מארקיז — האט זיא אנגעפאנגען — ווילט איהר מיר ערלויבען אייך צו פערשוויינען ווארום און וויא אזוי איך דרינג איין אין אייער קאבינעט נאך האלבע נאכט און דורך וועלכען צופאל איך בין אונטעררריכטעט אין געוויסע זאכען, וועלכע געהען נור אן אייער פערזאן ?

—אבער, מאדאם.... האט עמאנועל ארויסגעשטאמעלט אין העכסטען ערשטוינען.

—איהר זייט דיעזען אבענד דורכגעגאנגען רוע סעינט אנדריי, ניט וואהר, מיין הערר ?

—אין דער טהאט, וויא אזוי ווייסט איהר דאס ?

—א מאנן האט אייך ארויסגעפאָדערט......

—דאס איז וואהר.

—און איהר שלאגט זיך מיט איהם מארגען ?

—אויך דאס ווייסט איהר ? — האט עמאנועל גערופען אויסער זיך.

—איך ווייס נאך מעהרער ; איך ווייס אז איהר זייט געוועזען אין נומער 4 רוע סארבאן, ביי בלידא.

דער מארקיז האט געפיהלט וויא א קאלטער שוויס שלאגט איהם ארויס אויפען שטירן.

—בלידא וויל איך פערקויפען א בריעף פאר א האלבע מיליאן פראנק.

—אבער מאדאם, האט איהר צו טהאן מיט גייסטער? אדער זייט איהר דיא פריינדין, דיא מיטפערשווארענע פון יענער פרוי?

—זעה איך ווירקליך אויס אזוי? — האט זיא געפרעגט, וועהרענד איין פערעכט-ליכער שמייכעל האט זיך געוויעזען אויף איהרע ליפען.

—ניין, מאדאם.

—הערר מארקיז, היינט קען איך אייך נאך זיין ניצליך, מארגען וועט עס שוין פיליישט זיין צו שפעט.

—אבער ווער זייט איהר?

—איהר האט מיין נאמען אויף מיין קארטע. מען רופט מיך מאדאם רעוואאל דאס איז אלעס וואס איך קען אייך זאגען. איהר זעהט מיך צום ערשטען מאהל, און פיליישט צום לעצטען מאהל. איך קום צו אייך היינט וויא יענע געהיימניספאלע גע-טין וועלכע הייסט פארטונא (גליקסגעטין), און קלאפ אן פארבייגעהענדיג אין אייער טיר. בלייבט ניט גלייכגילטיג, דען איהר וועט עס ביטער בערייען, ווען איך געה מיין וועג ווייטער.

עמאנועל האט ניט אראפגענומען קיין אויג פון זיין בעזוכערין, און איז געזעסע וויא טרוימענדיג און פרעגענדיג זיך אליין אויב ער איז ביי זיינע ריכטיגע חושים, אדער צו האט ער דא ניט צו טהאן מיט א וואהנזיניגע.

אבער פולמען האט גערעדט אזוי קלאר, אזוי איבערציינענד, דאס דיעזע מיינונג האט ער באלד געמוזט אויפגעבען.

—מאדאם — האט עמאנועל געזאגט — ווילט איהר זיך גיטיגסט ערקלערן דייט-ליך, דען איך הויב ניט אן צו פארשטעהן.

—הערר מארקיז, איך זאג אייך נאך אמאהל דאסזעלבע. ניט איך קען אייך זאגען ווער איך בין, ניט ווער מיך שיקט, און ניט וויא אזוי איך וויים פון אייער דועל; עס וועט גענוג זיין פאר אייך צו וויסען דאס איך קום צו אייך אלס איינע אונערוואר-טעטע הילפע.

—וואס ווילט איהר זאגען, מאדאם?

—איהר זאלט וויסען, דאס דיא צוויי אונגליקען וועלכע דראהען אייך קומען ניט פון צופאל אליין.

עמאנועל האט אויפגעציטערט.

—מען וויל פערניכטען אייער לעבען.

—א, איך וועל עס פערטהיידיגען, איהר מעגט זיין זיכער.

—מען וויל אייך וועה טהאן אין אייער פערמעגען.... און מערקט עס אייך, דיא האלבע מיליאן וואס מען פאדערט פון אייך איז נאך ניט אלעס; ניט דאס איז מען אויסען......

—וואס דען, אלזא?

—מען דיינקט אז איהר זייט ניט אים שטאנדע דיעזע סומע צו שאפען; איהר וועט מוזען אנקומען צו אייער פרוי....

—דאס איז וואהר.... האט דער מארקיז געזאגט, אראפגעלאזענדיג דעם קאפ.

—איהר האט א טעות, מיין הערר......

—איך.... האב.... א טעות?

—יא, דען איך ברייננ אייך דיעזע סומע.

—איהר מאדאם?

פולמען האט צושטימענד געמאכט מיטן קאפ.

—אבער איך קען אייך דאך גאר ניט! — האט דער מארקיז גערופען אין דער ווילדעסטער אויפרעגונג.

דאס איז ניט נייטיג. איך ברייננ אייך דיעזע סומע און פערלאנג פון אייך קיינע אנדערע זיכערהייט אלס אייער עמפפאנגס־שיין. איהר וועט צאהלען 5 פראצענט, און וועט אויסצאהלען דעם קרן וויא איהר וועט קענען.

אזוי ריידענדיג האט פולמען געעפינט א לעדערנעם פארטפעל און האט ארויס־גענומען צוויי אנווייזונגען אויף ראטשילדס באנק אין פאריז אויף א פירטעל מיליאָן יעדע, און צאהלבאר נאך דריי טעג.

עמאנועל האט געמיינט אז ער טרוימט אימער.

—מאדאם — האט ער ענדליך געזאגט—וויא שרעקליך מיין לאגע זאל ניט זיין...

—שרעקליך איז דאס ריכטיגע ווארט דערפאר.

—וויא שרעקליך מיין לאגע זאל אויך זיין, קען איך ניט אננעהמען פון איין אונבעקאנטען פריינד......

—דאס איז ניט פון א פריינד — האט פולמען איהם איבערשלאגען.

—פון וועמען דען, אלזא?

—הערט מיך אויס, הערר מארקיז, לאזט מיר אייך זאגען איין ווארט, דען ווייטער קען איך ניט געהן: דיא רוע סעינט אנדריי, דאס צימער אויפען אויבערשטען עטאזש אין דער רוע סארבאן, אייער האָטעל, דער וואגד פון וועגסען וואו איהר דארפט זיך מארגען שלאגען — דאס אלעס איז ניט מעהר וויא א שאך־ברעט, אויף וועלכען איהר אייער געגנער, און בלידא זיינען ניט מעהר וויא פיגורען. הינטער אייך זיינען דא צוויי הענד וועלכע קעהרעווען אייך.

דער מארקיז האט אויפגעציטערט, דען ער האט געפיהלט וויא א קעלט איז איהם אריבער איבערן קערפער.

פולמען האט פארטגעזעצט:

—איינע פון דיעזע האנד זוכט אייך צו פערניכטען; דיא צווייטע האנד, פון וועלכער איך קום צו אייך, זוכט אייך צו שיטצען, מעהר ניט דערפאר וואס יענע וויל אייך פערניכטען.

—און וועלכע פון דיא ביידע וועט זיעגען?

—גאט אליין ווייס דאס.

פולמען איז געוועזען קאלט, קלאר און פייערליך אלס זיא האט דיעזע ווערטער ארויסגערעדט. עמאנועל האט אויפגעציטערט ביז צו דיא מארך פון דיא ביינער.

—איך וויל אייך געבען א ראטה — האט פולמען פארטגעזעצט — נעהמט דיעזע פינף הונדערט טויזענד פראנק און קויפט אויס דעם בריעף וועלכען איהר מוזט ום יעדען פרייז פערניכטען. און נאכדעם וויא איהר ווערט האבען אריבערגעקומען דעם דועל מיט דעם מאנן וואס האט אייך ארויסגעפאדערט, זאלט איהר אייער וויב און אייערע קינדער אריינזעצען אין א פאסטוואגען און זאלט מיט זיי אוועקפאהרען.

—וואס רעדט איהר! וואוהין זאל איך פאהרען?

—נאך איטאליע, גריבענלאנד, אזיען, וואו דיא וועלט האט איין עק, וואו דיא אויגען וועלען אייך טראגען, נאר וויכט אויס דאס פאטאלע שיקזאל וואס פערפאלגט אייך......

—וואס איז עס פיר א שיקזאל? — האט דער מארקיז אויסגערופען מיט א דערשטיקטע שטימע.

—איין פייערליכער שוואור וועלכער בינדעט מיך, הינדערט מיר אייך דאס צו זאגען. אדיע מיין העהר.

פולמען האט אניעדערגעלייגט דיא ביידע אנוויזונגען אויפען טיש.

—ווילט איהר מיר געבען איין עמפפאנגס־שיין? — האט זיא געפרעגט

—אבער, מאדאם.... האט ער געשטאמעלט, נאך אימער ווידערשטעהענד.

—איך טהו צוליב אייער פרוי און אייערע קינדער — האט זיא צוגעזעצט.

דער מארקיז האט אויסגעשטעלט איין עמפפאנגס־שיין, און האט עס איבערגעבען פולמען; דיעזע האט עס אריינגעלייגט אין איהר פארטפעל, און האט זיך געווענדעט צום טיר.

—ווען האב איך דיעזע סומע צוריק צו צאהלען? — האט דער מארקיז געפרעגט.

—אין פערלויף פון א יאהר וועט צו אייך קומען א מאנן מיט דיעזען עמפפאנגס־שיין! איהר וועט דאנן אפמאכען מיט איהם וויא עס וועט אייך פאסען.

אלס פולמען איז שוין געשטאנען אויפען שוועל, האט זיא זיך נאך אומגעדרייט:

—נאך א ווארט, מיין העהר.

—רעדט, מאדאם.

—איז אייך פיעל געלעגען זיך צו שלאגען מיט פרעדעריק דיקאנג?

—מיט דיעזען שכור? געווים ניט.

—נו, גוט. דאנן פעררייזט נאך דיעזע נאכט, פאהרט אוועק נאך גלייך.

עמאנועל האט אראפגעלאזען דעם קאפ.

—דאס איז אונמעגליך! — האט ער געזאגט.

—ווארום.

—איך וועל בעטראכטעט ווערען אלס איין פייגלינג.

—דענן, אדיע! מעג דער שטורם אבגעווענדעט ווערן פון אייער קאפ.

פולמען איז ארויסגעגאנגען, ווערהרענד עמאנועל האט זיך געפונענט, אויב דאס איז ניט אלעס געוועזען א חלום. אבער דער אנבליק פון דיא צוויי אנווייזונגען האבען איהם ניט מעהר געלאזט צווייפלען.

—דאס אלעס איז זאנדערבאר, אונערקלערליך! — האט ער געשטאמעלט — וועמעס האנד פערפאלגט מיך אין שאטען? ווער איז מיין פיינד?

דיזע פראגע וועלכע עמאנועל האט זיך אליין געשטעלט האט איהם געמאכט ציטערן. צום ערשטען מאהל אין זיין לעבען האט דיעזער מענש, וואס איז געוועזען אי־בערצייגט פון גליק, און וועלכער איז אויסער זיך געווארן ביי דיא ערשטע שטערונגען, געוואגט ארונטערצושטייגען אויפען גרונד פון זיין געוויסען וואס איז אזוי לאנג געוועזען שטום, זוכענדיג אין זיין געדעכטניס דיא האלב־פערגעסענע נעמען פון אלע יענע פער־זאנען, וואס זיינען געטראפען געווארן פון דער האנד פון דיא „קאמעראדען פון שווערד". אבער אלע יענע לייטע זיינען געפאלען, און טויטע קענען זיך ניט נוקם זיין. ווער אלזא, פערפאלגט איהם אזוי?

דער מארקיז מאנטגארי האט צוגעבראכט א שרעקליכע נאכט, און אלס דער אלטער דיענער איז אריינגעקומען אין זיין צימער אום איהם אויפצו־וועקען האט ער איהם געפונען זיצענדיג אויף זיין בעט, מיט'ן קאפ אין זיינעביידע הענד, און דיא אויגען בליקענדיג פאר זיך אונבעוועגליך.

—מיין הערר, איהר האט מיר געהייסען אייך אויפוועקען אום האלב נאך זעכס — האט דער דיענער געזאגט.

—דאס איז ריכטיג, קלייד מיך אן, און לאז איינשפאנען מיין וואגען, און דוא וועסט ארייןלייגען א פאאר שווערדען אין קאפער פון וואגען.

—אה, מיין גאט! — האט זשאן אויפגעשריען אין שרעק — דער הערר געהט זיך שלאגען?

—יא — האט עמאנועל געענטפערט — און איך האב קיינע סעקונדאנטען. אבער דער שווייצער פון האטעל און דער וועכטער זיינען ביידע געוועזען סאלדאטען. געה בעט זיי זיך אנצוקליידען. זיי זיינען עהרליכע לייטע און וועלען מיר בייזשטעהן. זיינען אימער מעהר ווערט אלס יענער שכור פון א סטודענט וואס צווינגט מיך זיך מיט איהם צו שלאגען.

דער מארקיז איז ארויסגעשפרונגען פון בעט און האט ווידער געוואונען יענע פיבערהאפטע ענערגיע, וועלכע בעמעכטיגט זיך געוועהנליך מיט לייטע וואס געהען איינשטעלען זייער לעבען, און וועלכע שיינען אין דעם ערהאבענעם אויגענבליק צו זיין א ביסל שטאלץ דאראויף.

צעהן מינוטען שפעטער איז דער הערר שאלאמעל מאנטגארי געוועזען אנגעקליי־דעט. דיא שווערדען זיינען שוין געלעגען אין וואגען, דיא צוויי סעקונדאנטען זיינען שוין געוועזען בערייט און דער מארקיז האט שוין געהאט בדעה איינצושטייגען אין וואגען, אלס ער האט דערפיהלט וויא זיין הערץ האט זיך איהם צוזאמענגעפרעסט.

ער האט געטראכט פון זיין פרוי און זיינע קינדער.

ארויסצוגעהן פיליכט צום לעצטען מאהל און זיי ניט צו זעהן, ניט ארויפצודרי־קען דעם לעצטען קוס אויף זייערע ענגעל־געזיכטער? עמאנועל, דער מוטהיגער און הארטער פון אמאהל, האט איצטער געציטערט.... ער האט מורא געהאט דיינקענדיג פון דיא דריי טהייערע הויפטער וואס האבען אויסגעמאכט זיין גליק גאנצע זיעבען אהר, דאס ער זאל ניט געטערטעט ווערען.

—ניין, ניין! — האט ער זיך געזאגט — איך מוז זעהן מיינע קינדער.

דיא צוויי קליינע מיידלאך האבען געשלאפען ביידע אין איין בעטעלע, אין א צימער, נעבען דעם בודואר פון זייער מוטער. מען קען איינדרינגען אין דיזעס שלאפ־צימער דורך דאס בודואר פון דער מארקיזין און אויך דורך א גלעזערנע טיר אין דער ענטגעגענגעזעצטער זייטע. דורך דיזע לעצטערע טיר איז דער מארקיז איינגעדרונגען אין שלאף־צימער פון זיינע קינדער, מיט א ליכט אין דער האנד, דען עס איז נאך ניט געוועזען טאג.

ער האט זיך אריבערגעבויגען איבערן בעט איבער דיא שלאפענדע קינדער און האט צארט בעריהרט מיט זיינע ליפען זייערע שטערנס. אבער פו דעם שיין פון ליכט האט זיך דיא עלטערע, בערטהע, אויפגעכאפט, און האט געעפינט דיא אויגען.

דאס קינד האט בעמערקט עמאנועל, האט איהם צוגעשמייכעלט, ווארפענדיג איהרע קליינע ארעמלאך ארום זיין האלדז.

—אה, דאס ביסט דוא, פאפא — האט זיא געזאגט.

—יא — האט דער מארקיז געפליסטערט, מיט ריהרונג, און האט ארויפגעלייגט א פינגער אויף דיא ליפען — ששש! וועק ניט אויף דיין מוטער און דיין שוועסטער.

—דוא האסט זיך נאך גאר ניט געלייגט, פאפא? — האט דאס קינד געפרעגט.

—ניין, גוטע נאכט מיין טאכטער.

עמאנועל האט געפיהלט וויא זיין הערץ ברעכט אין שטיקער. ער האט געוואלט פליהען, אבער וויא א צויבער האט איהם נאך א ווילע צוריקגעהאלטען ביי דעם זיסען קינד וואס האט איהם אנגעקוקט מיט דיא לאכענדע אויגען, און דיא אנדערע געליעבטע קעפ, וועלכע האבען אויך אויסגעוויזען שמייכלענדיג צו איהם פון שלאף. פלוצלינג האט זיך געלאזט הערען א שטימע פון דעם דערבייאיגען צימער:

—צו וועמען רעדסט דוא, בערטהע — האט דיא מארקיזין געפרעגט זיך זעצענדיג.

— צום פאפא — האט דאס קינד געענטפערט.

—עמאנועל! — האט דיא מארקיזין גערופען.

דער מארקיז האט געפיהלט וויא זיינע קניע בייגען זיך, אבער ער האט גע־פאלגט דעם זיסען קלאנג פון דיעזער געליעבטער שטימע, און איז אריין אין צימער פון זיין פרוי.

דיא ערשטוינטע מארקיזין האט זיך אויפגעריכטעט אויף איהר זיטץ און האט אנגעקוקט איהר מאנן.

עמאנועל האט זיך געגעבען דיא גרעסטע מיהע צו געהן מיט א זיכערן טריט,

אבער ער איז געוועזען בלאס און אויף זיין שטירן האבען געפערלט איינינע שוויס־טראפען.

—פון וואנען קומסטו, מיין פריינד? — האט דיא מרקיזין געפרעגט — האסטו זיך נאך גאר ניט געלייגט?

—מיר האט זיך אויסגעדוכט דאס איך הער א גערויש אין צימער ביי דיא קינדער — האט עמאנועל געזאגט, אום אויסצומיידען א גלייכען ענטפער — און איך בין ארויפגעגאנגען זעהן.....

—וויא שפעט איז עס דען יעצט? — האט דיא מארקיזין געפרעגט ווארפענדיג א בליק אויף דיא וואנד־אוהר.

אין דעם אויגענבליק איז איהר אויפגעפאלען דאס איהר מאנן איז ניט אנגע־טהאן אין זיינע הויזקליידער, זאנדערן אנגעקליידעט ביז צום לעצטען קנעפיל, און זיא האט אויסגערופען ערשטוינט:

—וויא, דוא שטעהסט שוין אויף?

—יא — האט עמאנועל געענטפערט — איך געה אוים.

—אום זעכס אוהר פארטאג? וואס האט דען פאסירט?

איין פערדאכט איז אויפגעקומען אין דער זעלע פון דער מארקיזין און עמאנועל האט געזעהן וויא דיא פארבע איז פערשוואונדען פון איהר געזיכט, און ער האט זיא גע־נומען אין זיינע ארעמס.

—אָ, עמאנועל! וואוהין געהסט דוא? וואס האט געטראפען? — האט דיא מארקיזין גערופען אין אנגסט.

—וועלכע העלישע פיין! — האט עמאנועל געטראכט, און האט דאנן געזאגט לויט:

—מיינע טהייערע, איך האב געהאפט אז איך וועל קענען פארהוילען פון דיר דיא וואהרהייט, אבער איך זעה אז עס איז בעסער דיר אלעס צו געשטעהן....

אה, איהר האט א דועל! — האט דיא מארקיזין אויסגערופען.

עמאנועל האט געהאט דיא קראפט צו בלייבען רוהיג און צו שמייכלען.

—ניט איך — האט ער געזאגט — ניט איך וועל זיך שלאגען.

—ניט דוא?

—ניין.

—ווער דען, אלזא?

—א פריינד, וועלכער איז געסטערן אום 11 אוהר ביי נאכט געקומען מיך בעטען איהם בייצושטעהן אלס סעקונדאנט.

און אום דעם ליגען נאך ווארשיינליכער צו מאכען האט ער צוגעזעצט;

—דאס איז א גרויסער אונזינן פיר איין ערנסטען מענשען וויא איך בייצושטעהן אין א דועל א יונגען שנעק, דען מיין שיטצלינג איז איין שטודענט דער רעכטע, א זאהן פון מיינעם א פריינד, וועלכער דועלירט צום ערשטען מאהל.

—ארעמער יונגע! — האט דיא מארקיזין בעדויערט — איך האף אז דוא וועסט איהם ברייננען אהער געזונד אונד מונטער צום אבענדעסען.

דער מארקיז האט אומארעמט זיינע פרוי און האט צוגעזעצט:

—אדיע! — איך מוז געהן אום צו קומען צו דער צייט. איך וועל קומען צוריק צום מיטאָג־עסען.

עמאנועל האט זיך ארויסגעריסען פון דער אומארמונג פון זיין פרוי, איז דורכגעגאנגען דאס צימער פון זיינע קינדער און האט געווארפען אויף זיי נאך א בליק, און איז דאנן שנעל אוועקגעגאנגען.

קוים איז עמאנועל געוועזען אויפען טרעפ האט ער געפיהלט וויא זיינע כחות און זיין מוטה פערלאזען איהם. ער האט זיך א ווייל אנגעשפארט אן פארענץ, דענן זיינע פיס האבען זיך געבויגען אונטער איהם.

—מיין גאט, מיין גאט — האט ער געמורמעלט — אויב איך וועל זיי ניט מעהר וויעדערזעהן!

ער איז ארונטערגעגאנגען זיך וויגענדיג, האט דורכגעשפרייזט דעם הויף מיט דעם אונזיכערן טריט פון א מאנן וואס איז שכור, און איז נור דאנן ערשט געקומען עטוואס צו זיך, אלס ער האט זיך געזעהן געזיכט צו געזיכט מיט זיין געטרייען דזשאן, וועלכער איז געוועזען נאך בלייכער, און האט נצך מעהרער געציטערט וויא ער אליין.

דיעזער האט געעפענט דאס טירל פון וואגען פאר זיין הערין, מורמלענדיג וויא פאר זיך:

—וואט פיר איין אונגליק מיין, גאט מיין גאט!

—זשאן — האט עמאנועל איהם געזאגט שטרענג — דוא וועסט זאגען דער מארקיזין, אויב זיא וועט דיך פרעגען, דאס ניט איך שלאג מיך, זאנדערן איינער פון מיינע פריינדע. איך האב עס איהר אויך געזאגט.

זשאן האט זיך פארניינט, מיט טרעהרען אין דיא אויגען.

עמאנועל האט זיך אריינגעזעצט אין וואגען. איינער פון זיינע סעקונדאנטען האט זיך געזעצט נעבען איהם, וועהרענד דער צווייטער איז ארויפגעשפרונגען צום קוטשער אויפען זיטץ. דער וואגען האט זיך געריהרט אין וועג אריין.

אום אכט אוהר איז דער וואגען געווען אין וואלד פון ווענסען, און איז געבליעבען שטעהן אין א קליינע אלעע. ארויסשטעקעדיג דעם קאפ פון וואגען, האט עמאנועל בעמערקט ניט וויט איין אנדער וואגע, מיט צוויי קליינע פערדלאך און מיט א גלייבגילטיגען איינגעטולעטען קוטשער אויפען זיטץ. עס האט געגאסען א קליינער קאלטער רעגען וואס האט דורכגענומען ביז דיא ביינער.

עמאנועל איז ארויסגעקומען פון זיין וואגען, וועהרענד פרעדריק דילאנג מיט זיינע סעקונדאנטען זיינען ארויסגעקומען פון צווייטען. דער אלטער שטודענט איז יעצט ניט מעהר געוועזען שכור; ער האט זיך געהאלטען גלייך, איז געגאנגען מיט א זיכערן טריט, און פון אינטער זיין אלטען לאנגען ראָק האט זיך געזעהן איין בלענדענד־ווייסע העמד.

ארמאנד און דער אנדער שטודענט וועלכע זיינען געוועזען דילאָנגס סעקונדאנטען האבען געטראגען שווארצע הויזען, און די רעק צוגעקנעפעלט ביז אויבען, ווי סעקונדאנטען פלעגען אימער געהן.

די סעקונדאנטען פון מארקיז מאַנ נאָרי האבען אויך אויסגעזעהן נאר אני־שטענדיג, און נאך זייער אויסזעהן וואלט שווער געוועזען צו טרעפען דאס זיי זיינען דיענער ביין מארקיז.

עמאנועל האט בעגריסט זיין געגנער מיט זיינע סעקונדאנטען, און האט זיך דאַנן אבגעקעהרט אן א זייט אום די סעקונדאנטען זאלען צייט האבען צו בעשטימען די בעריננונגען.

דעם גאנצען וועג האט דער מארקיז ניט געהאט פאנאנדערגעפענט די צעהנער, און איז געזעסען פונקט וויא אין א בייזען חלום. טויזענדער טרויעריגע געדאנקען האבען איהם געפייניגט און האבען שנעלער געמאכט שלאגען זיין הערץ. אבער קוים איז ער געוועזען אויף דעם קאמפף־פלאטץ, אין דער פרישער לופט פון פריה־מאָרגען, האט ער צוריקגעוואונען זיינע גאנצע קאלטבליטיגקייט און רוהיגקייט.

וועהרענד די סעקונדאטען האבען געמאסטען די שווערדען, האט עמאנועל אנגעקוקט זיין געגנער און האט צו זיך אליין געזאגט:

—עס וואלטווירקליך געוועזען א שאנדע געטעדטעט צו ווערען דורך אזא טויגעניכטס......

—מיינע הערען, ווארפט אראפ אייערע קליידער — האט ארמאנד געזאגט.

דער מארקיז האט אראפגעווארפען די אויבערשטע קליידער, האט אויפגע־עפענט דאס העמד אויפען באוסט, האט פארקאשערט די ארביל און האט גענומען דאס שווערט אויס דער האנד פון די סעקונדאנטען.

עמאנועל האט זיך אין דעם אויגענבליק ערוינערט אן זיין פרוי מיט איהר ליעבעפאלען שמייכעל, אן צוויי זיסע טעכטערלאך. אבער דיזער געדאנקען האט נור אנגעהאלטען איין אויגענבליק. קוים האט ער דערפיהלט דאס שווערט אין האנד, אלס זיינע רוהע האט צו איהם צוריקגעקעהרט, זיין בליק האט זיך אוי־געקלערט, און ער האט זיך א שטעל געטהאן צום קאמפף מיט דער זיכערהייט און פלינקייט, מיט וועלכע עס האבען זיך אמאהל אויסגעצייכענט די „קאמראדען פון שווערט“.

—עהע — האט געמורמעלט גאסטאן דע ריבע פון פרעדריקס סעקונדאנטען — איך גלויב אז פרעדריק איז א טויטער מאנן.

—איך דיינק אויך אזוי — האט ארמאנד געענטפערט.

פרעדעריק דילאַנג האט זיך יאָהרענלאנג געאיבט אין פעכטען, אבער דער מאר־קיז איז איהם איבערלעגען געוועזען אין קאלטבליטיגקייט און אונגעוועהנטע מעטהאָ־דען ביין קעמפפע, אויף וועלכע דער געאיבטער געגנער וואלט זיך ניט געקענט ר־כטען.

איינינע מינוטען האט זיך געהערט דער קלאנג פון די שווערטען וויא זיי האָ־בען זיך געקרייצט, איינינע מאהל זיינען געמאכט געווארען פון ביידע זייטען פערזוכען אין איינען אונבעאכטעטען אויגענבליק דעם געגנער צו איבערראשען, אבער דערווייל האט זיך עס נאך קיינעם פון זיי איינגעגעבען. אבער פלוצלונג האבען די סעקונדאנ־טען געזעהן וויא דער מארקיז האט געמאכט איינע אונערווארטעטע בעוועגונג, א גע־שריי האט זיך געלאזט הערען, און פרעדעריק האט געלאזען פאלען דעם שווערט פון האנד, און ער איז אומגעפאלען, וועהרענד בלוט איז איהם געקומען פון האלדז.

עמאנועל האט זיך איבער איהם אריבערגעבויגען און האט איהם פערזוכט אויפצוהויבען, וועהרענד ער האט געשטאמעלט:

—פערציייהעט.... מיין הערר....

דיא סעקונדנאטען זיינען צוגעלאפען וועהרענד דער געפאלענער האט געענטפערט מיט א געבראכענע שטימע:

—יא.... איך פערצייהע אייך;.... איך בין שולדיג.... מען האט מיך געטריע־בען דערצו.... מען האט מיר דעם קאפ פערדרעהט......

דאס בלוט האט זיך שטארקער א גאס געטהאן פון זיין האלדז, און ער האט פערלארען זיין בעוואוסטזיין.

א דאקטאר וועלכער איז דיא גאנצע צייט געזעסען און פרעדריקס וואגען און געווארטעט, איז יעצט צוגעלאפען, האט אונטערזוכט דיא וואונדע און האט ערקלערט אז זיא איז ניט טעדטליך.

דעם פערוואונדעטען האט מען אריינגעטראגען אין זיין פיאקר, וועהרענד דער גראף האט בעשטיגען זיין וואגען.

אריינקומענדיג אין פאריז האט דער מארקיז געהייסען אויסשטייגען זיינע ביידע דיענער וועלכע האבען איהם געדיענט אלס סעקונדאנטען, און האט זיי געהייסען נעהמען א געדונגענעם פיאקר און פאהרען נאך הויז, און ער האט דאנן צוגערופען דעם קוטשער:

—רוע סארבאן!

....

מארקיז עמאנועל מאנטגארי האט געלאזען זיין וואגען שטעהן אויפן פלאטץ פון דער מעדיצינישען שולע, און איז דאנן געגאנגען צו פוס ביז בלידאס וואוינונג: ער איז ארויף אויבען, און האט געפונען איהר טיר פארשלאסען.

ער איז צוריק ארונטער דיא טרעפ און איז אריין צום הויזמייסטער, אום זיך צו ערקונדיגען וואו בלידא איז.

—דיעזע דאמע וואוינט דא ניט — האט מען איהם געענטפערט — אבער זיא קומט אהער יעדען טאג צעהן אוהר.

—זעהר גוט, איך וועל צוריק־קומען — האט דער מארקיז געזאגט.

דיא אוהר איז געוועזען ניין און עמאנועל האט געהאט א שטונדע צו ווארטען. ער האט ארומשפאצירט איבערן גאס רויכערנדיג זיין ציגאר, ניט אראפלאזענדיג קיין אויג פון טיר פון הויז. פונקט אום צעהן אוהר האט ער דערזעהן בלידא קומענדיג און איז איהר נעגאנגען אנטקעגען.

—גוט מארגען, מיין ליעבע — האט ער איהר געזאגט — איך בין איבערצייגט אז דוא האסט זיך אויף מיין וויזיט ניט גערעכענט.

—ניט היינט וועניגסטענס.

—אבער דוא ווערסט מיך דאך עמפפאנגען, האף איך?

—געוויס, וועלכע פראגע!

בלידא האט ארויסגענומען א שליעסעל פון דער טאשע, האט געעפענט דיא טיר און איז אריין דיא ערשטע אין צימער. עמאנועל איז אריין הינטער איהר או האט צוגעמאכט דיא טיר הינטער זיך. בלידא האט ארויסגעוויזען צייכען פו אונרוהע.

—האב נים קיין מורא, מיין טהייערע — האט דער מארקיז געזאגט שמייכלענדיג — איך קוב דיר נים מארדען און האב נים דערצו דיא קלענסטע לוסט.

—קומט איהר מיר פאָרשלאָגען א וועג וויא אזוי זיך אויסצוגלייכען ?

—ניין. איך ברייננ דיא סומע וועלכע דוא אליין האסט פערלאנגט פאר׳ן קאלאנעלס בריעף.

—דיא פינף הונדערט טויזענד פראנק ?

—יא.

—וויא ? — האט בלידא אויסגערופען ערשטוינט — איהר האט געפונען אזוי־פיעל געלד.

—יא.

—זייט געסטערן אבענד ?

—אהנע צווייפעל.

—אבער איהר האט דאך היינט געהאט א דועל ?

—דאס ווייסט איהר אויך ?

—איך האט צוגעבראכט לעצטען אבענד מיט סטודענטען פון וועלכע איך האב עס ערפאהרען. און איהר זייט נים פערוואונדעט ?

—ניין — האט דער מארקיז געענטפערט קאלט — אבער איך גלויב אז איך האב מיין געגנער געטעדטעט.

—טויט ! — האט בלידא אויסגערופען כמעט מיט שרעק.

—נאך ניט, אבער ביז נאכט וועט ער עס זיין !

אזוי ריידענדיג האט דער מארקיז אבגעשפּילעט זיין מאנטעל. האט ארויסגעצויגען זיין פּאָרטפעל, און האט פון איהם ארויסגענומען דיא צווי אנווייזונגען וועלכע דיא געהיימניספּאָלע דאמע האט איהם געהאט געגעבען.

— גיב מיר אהער דעם בריעף — האט ער געזאגט.

—אָ, מיין ליעבסטער, אבער ביסטו א חכם !

—אין וועלכער הינזיכט מיינסט דוא דאס ?

—דיינקסט דוא אז איך וועל האלטען אין אזא נעסט א בריעף וואס איז ווערט א האלב מיליאָן פראנק ?

—וואו דען איז דער בריעף ?

דאס איז מיין געהיימניס.... אבער איהר קענט בעשטימען א שטונדע, און מען וועט קומען צו אייך און אייך געבען דען ביעף געגען דיא צווי אנווייזונגען.

—זאל זיין אזוי — האט עמאנועל געזאגט — צו מיטאג.

—איינפערשטאנדען.

דער מארקיז האט קאלט געגריסט צום אבשיעד און איז ארויסגעגאנגען. א האלבע שטונדע שפּעטער איז ער געוועזען אין זיין האטעל.

פינפטעס קאפיטעל.

שרעקליכעס גייסטערשפּיעל, און געצוואונגענער וואהנזין.

דיא מרקיזין איז געשטאנען ביין פענסטער פון איהר צימער אלס עמאנועל'ס וואגען איז אריינגעפאהרען אין הויף פון האָטעל, און א פריידענרוף האט זיך ארויסגעריסען פון איהר ברוסט, און מיט אויסגעשטרעקטע ארעמס איז זיא נעגלאָפען איהר מאנן אנטקעגען.

—אה, מיין פריינד — האט זיא גערופען — איך האב אלעס ערפאהרען גלייך וויא דוא ביסט אוועקגעפהארען! וויא שלעכט דאס איז פון דיר און וויא אונבעזאָנען!......

דאס ריידענריג האט זיא געלאכט און געוויינט, און האט געדריקט דעם מארקיז אין איהרע ארעמס. דערוויילע זיינען אויך צוגעלאפען דיא צוויי טעכטערלאך און האבען געווארפען זייערע ראזיגע הענטלאך ארום דעם פאטערס האלדז.

עמאנועל האט געפיהלט וויא זיין הערץ וויל איהם שפּרינגען פון בוזעם; איהם האט אויסגעוויעזען דאס איין נייעס לעבען פאנגט פיר איהם אָן. אין דער שטונדע װאס ער איז יעצט געזעסען ביין טיש צווישען זיין וויב און זיינע קינדער האט זיך עמאנועל געפיהלט דער גליקליכסטער מענש אויף דער וועלט.

צומיטאג איז מען איהם געקומען זאגען דאס איין פרעמדער פערלאנגט איהם צ זעהן. ער איז ארונטער אין זיין קאבינעט און האט דעם אונבעקאנטען עמפפאנגען.

דאס איז געוועזען איין אלטער מאנן פון הויכען וואוכס, מיט גרייז-גרויע האר און יוגענדליך גלענצענדע אויגען. אן דיעזען פּאָרטרעט דארף מען לייכט דערקענען דעם גראף אָרלאָוו.

—הערר מארקיז — האט ער געזאגט — איך בין בעאויפטראגט דיעזעס אייך אפצוגעבען פיר פינף הונדערט טויזענד פראנק.

ער האט עמאנועל איבערגעבען איין קאנווערט וועלכעס דיעזער האט אויפגעריסען, האט ארויסגענומען דערפון איין פערגעלבטעס שטיקעל פאפּיער, האט בעטראכטעט דיא אונטערשריפט און האט געלעזען דעם אינהאלט פון דעם בריעף, וועלכער האט וויא א שטורם געקענט אוועקבלאזען דאס גליק פון זיין הויז און פון זיין פאמיליע.

ער פון זיין זייט האט ארויסגענומען דיא צוויי אנווייזונגען און האט זיי דערלאנגט דעם שליח, דיעזער האט זיי אויילע בעטראכטעט, האט צושטימענד צוגעשאקעלט דעם קאפּ, האט זיך דאנן אויפגעהויבען, האט געגריסט און איז אוועקגעגאנגען.

בלייבענדיג אליין, האט דער מארקיז אנגעצונדען א ליכט און האט לאנגזאם פערברענט דאס שטיקעל פאפּיער פאר וועלכער ער האט יעצט בעצאהלט איין גאנצעס פערמעגען.

—איך בין ווירקליך געבארען אונטער א גליקליכען שטערן — האט ער מיט צופריעדענהייט געמורמעלט פאר זיך אליין — אָט איז מיינע רוהע, מיין הייזליכעס גליק

ווידער הערגעשטעלט, נאכדעם וויא עס איז אויף א ווילע געשטערט געווארן. איך בין געקומען פריש און געזונד פון דועל צוריק, און האב ערהאלטען צוריק דיעזען גע־פעהרליכען בריעף.... דאס בייזע שיקזאל קען מיך הפנים נישט בייקומען.

אבער קוים האט ער ארויסגערעדט דיעזע ווערטער, אלס דיא טיר האט זיך געעפענט און דער דיענער זשאן איז אריינגעקומען, טראגענדיג א וויזיטענקארטע אויף א פלאטע. דער מארקיז האט אווארף געטהאן זיין בליק אויף דער קארטע, און האט אויפגעציטערט, פינקט וויא ער וואלט אין איהר געזעהן אויפגעשריעבען איין אונגליק פיר זיך. אויף דער קארטע איז געשטאנען דער נאמען: „באראן פאן מארדיע“.

—אה, דער אונגליק־ברייננער! — האט ער געמורמעלט מיט איינער האלבדער־שטיקטער שטימע — וואס נאך קומט ער מיר פאראויסזאגען?

—מיין הערר, דער מאנן ווארטעט אין פארצימער — האט דער דיענער געמעלדעט.

—דא? — האט דער מארקיז גערופען, אויפשפרינגענדיג פון זיין זיטץ — וויא, ער האט עס געוואגט?......

—מיין הערר האט דאך מיר ניט געזאגט איך זאל איהם ניט אריינלאזען; דער מאנן איז דעקארירט און פיין אנגעקליידעט; וויא אזוי האב איך געקענט איהם ניט אריינלאזען? — האט זיך זשאן פערענטפערט.

-לאז איהם אריין — האט דער מארקיז געזאגט האסטיג.

זשאן האט געעפינט דיא טיר און דער מארקיז האט געזעהן איינטרעטענדיג דעם באראן מארדיע.

דער באראן האט ניט מעהר געטראגען אויף זיך דיא אפגעטראגענע קליידער פון נעכטען. ער איז געוועזען פיין געקליידעט, און האט געטראגען א רויט־און־גרינע לענטעטשקע, אין קנאפ־לאך. ער איז אריין אין קאבינעט צערשטרייט, און האט נאכ־לעסיג גערייכט דיא האנד דעם מארקיז.

—גוטען מארגען, באראן — האט עמאנועל געזאגט און האט ניט ערגריפען דיא אויסגעשטעלטע האנד — זעצט זיך!

—וויא? איהר ווייזט צוריק מיין האנד? — האט דער באראן אויסגערופען.

—ענטשולדיגט מיר, אבער......

—אזוי איז עס?! — האט דער באראן געזאגט מיט שטאלץ — איהר לאכט דאס געוויס, הערר שאלאמבעל! ? איך גלויב אז מיר זיינען גלייך, זעהר גלייך...... און איך זעה ניט מיט וואס איהר נעמט זיך דא איבער געגען מיר.... מיר האבען דאכט זיך געהערט צו דער זעלביגער ברידערשאפט....

—אבער, הערר באראן, איך לייקען עס דאך ניט......

—מיר שטאמען דאכט זיך אויך פון איין משפחה....

—געוויס — האט עמאנועל צוגעגעבען.

—נון, אלזא?......

—מיין הערר — האט איהם דער מארקיז אונטערבראכען — ערלויבט מיר אייך איינציגעס ווארט.

—רעדט....

—ווען איך וויל ניט אננעהמען אייער האנד איז עס ניט אויס פעראכטונג, דען איך בין ניט בעסער פון אייך, אח, איך ווייס עס....

—ווארום דען, אלזא ?

—נור אויס אבערגלויבע: — האט עמאנועל געענטפערט אראפלאזענדיג דעם קאפ.

—איהר זייט פעררינקט, מיין הערר.

—ניין — האט דער מארקיז געענטפערט — איך גלויב אין דיא בייזע ווירקונג פון איין אויג, פון א האנד. איהר מוזט מיר דאס ענטשולדיגען.

—דאס הייסט אלזא אז איך ברייננ אייך אונגליק ?

—איך גלויב עס.

—וואס ווילט איהר זאגען ?

—הערט מיך אויס. געסטערן האב איך אייך געטראפען......

—יא, ביין טויער פון דער גרזאנדשאפט.

—און היינט בין איך קוים מיט'ן לעבען ענטרונען פון א געפאהר.... איך האב געהאט אונרעכט מיך צו ריהמען פאר אייך מיט מיין גליק.

—דאס איז וואהר.... נון?

— אזוי שנעל וויא איך האב אייך פארלאזען האט זיך דאס אונגליק גלייך אויף מיך ארונטערגעלאזען.

—וואס האט אייך דענן פאסירט ?

—צוערשט א בריעף. דיעזער בריעף האט זיך געפינען אין דיא הענד פון מיין געוועזענער געליעבטער, בלידא, און האט געשטאמט פון קאלאנעל לעאן, און איז געוועזען אדרעסירט צו מיר.

—אהא, איך פערשטעה, זיא האט אייך געמאכט צו זינגען און צו זאגען......

—ריכטיג.

נאנו, איהר זייט רייך גענונ, און דאס האט אייך ניט פיעל געקענט שאדען.

—אבער דאס איז נאך ניט אלעס.

—וואס נאך האט אייך פאסירט ?

—א דועל מיט א טויגעניכטס.

—איהר האט זיך געשלאגען ?

—יא.

—דאן זעה איך ניט איין וואס פאר איין אונגליק איך האב אייך געבראכט. ווען מיין איינפלוס וואלט געוועזען אזוי שלימזולדיג פאר אייך, דאנן וואלט איהר יעצט ניט געוועזען אזוי געזונד און פריש.

—איהר האט א טעות ! איך האב געליטען טויזענדער מאהל דעם טויט זייט געסטערן, און איך בין איבערציינט, אז מיין דועל וועט אנמאכען א רעש און וועט מיר נאך פארשאפען פיעל אונאננעהמליכקייט.

א טרויעריגער שמייכעל האט זיך בעוויזען אויף דיא ליפען פון באראן.

—א, איך זעה, איהר הויבט אן צו האבען פארגעפיהלט און געוויסענסביס ! — האט ער געזאגט — דאס איז א שלעכטער סימן.

—פיליכּם— האָט דער מאַרקיז געזאָגט, ערגריפען פון איין אונאַנגענעהמען געפיהל.

—איהר האָט פיליכט רעכט — האָט דער באַראָן געזאָגט — איך בין אַ לאַנגע צייט געוועזען איין אפיקורס, אָבער איצטער גלויב איך.

—אין וואָס?

—אין גאָט — האָט דער באַראָן געענטפערט.

עמאַנועל האָט אויפגעציטערט, וועהרענד דער באַראָן האָט פאָרטגעזעצט:

—איך וואָלט פון דעסטוועגען ניט וועלען זיין פיר אייך וויא דיא קראָהע וועלכע זאָגט אָן שלעכטעס, בעזאָנדערס יעצט ווען איך קום אייך בעטען אַ געפעליגקייט.

—איך וועל טהאָן פאַר אייך אַלץ וואָס איך קען, און איך קען נאָך ציעמליך פיעל טהאָן, אָבער אונטער איין בעדינגונג.

—און דיעזע איז?

—אַז מיר זאָלען זיך ניט מעהר וויעדערזעהן.

—איהר בעשטעהט דאַרויף?

—דורכאויס.

—איהר זייט פעררִיקט — האָט דער באַראָן געמורמעלט — ניט איך ברייננ אייך דיא אונגליקען, דאָס ברייננען......

—ענדיגט, ענדיגט — האָט עמאַנועל פערלאַנגט.

—דאָס ברייננען אונזערע פערברעכען, מאַרקיז.

דער באַראָן האָט דיעזע ווערטער אַרויסגערעדט מיט אַזאַ איבערצייגונג, דאָס זיי האָבען געמאַכט אויף עמאַנועל אַ גוואַלטיגע ווירקונג, און ער האָט געפיהלט וויא דיא האָר שטעלען זיך איהם קאַפויר. ער האָט זיך אָבער שנעל געפאַסט און האָט געפרעגט קאַלט:

—וואָס ווילט איהר פון מיר פערלאַנגען?

—זייט איהר גוט מיט'ן מיניסטער?

—זעהר גוט.

—ניט איהם איבער דיעזע ביטע און אונטערשטיצט זיא.

—דאָס וועט געטהאָן ווערען מאָרגען — האָט עמאַנועל געענטפערט — דערווייל אָבער פערלאָזט מיך, איך בעט אייך, געהט, באַראָן; ווען איך הער אייער שטימע ערגרייפט מיך אַ שרעק.

—צדיע! פערוויינערט איהר מיר נאָך איממער אייער האַנד?

—יאָ — האָט עמאַנועל געענטפערט מיט אַ בעוועגונג פון שרעק.

דער באַראָן האָט זיך אויפגעהויבען און איז געגאַנגען צום טיר, אָבער אויפ'ן שוועל האָט ער זיך אומגעקעהרט:

—מיין אָרעמער מאַרקיז - האָט ער געזאָגט — דיא רייהע וועט אויך קומען אָן אונז, איהר מעגט עס גלויבען...... דיא העלדען פון שווערט וועלען פאַלען דורך דאָס שווערט.

ער האָט געגריסט און איז אוועקגעגאַנגען.

—אָ, נאָך דיעזע פינסטערע פּראָפעזייאונג האָט מיר דיעזער מענש געמוזט צו-וואַרפען — האָט דער מאַרקיז געגרופען האָפענדיג זיך מיט ביידע הענד פאַרן קאָפּ — האָב איך דעם שטורם בערוהיגט נור אויף אַ קורצע ווייל?

איינינע מינוטען איז דער מארקיז געבליעבען פערזונקען אין טרויעריגע געדאנ־קען און אן אלע געהיימניספאָלע זאכען וואס געהן דא איצטער פאר ארום איהם. ער האט געטראכט פון יענער אונבעקאנטער וועלכע האט איהם איבערגעלאזען פינף הונדערט טויזענד פראנק, און האט זיך צוריקגעצויגען, נאכדעם וויא זיא האט איהם געראטהען צו פליהען פאר זיינע פיינדע.

אבער קען דען א מענש אין זיין לאגע פליהען? קען דען א דעפוטירטער, א מיליאָנער, א מארקיז פערשוואונדען ווערן, אז ער זאל פון איהם גאר קיין שפור ניט בלייבען. עמאנועל איז געקומען צו דער איבערצייגונג אז דאס איז ניט מעגליך. דא בלייבען? איז ווידער ניט מעגליך, דען ער האט געפיהלט אז אירגענד איין אונגליק וועט פאלען איבער איהם.

וועהרענד ער איז אזוי געזעסען אין דיזע געדאנקען, איז איהם אריינגעבראכט געווארן א בריעף וואס א בריעף־טרעגער האט געבראכט. דיא האנדשריפט פון דער אדרעסע איז דעם מארקיז געוועזען אונבעקאנט. ער האט געעפינט דעם בריעף און האט דארין געפונען נור איין־איינציגס ווארט: „פליהט!"

מיט וואוטה האט דער מארקיז צוריעבען דעם בריעף אין זיין האנד און איז אויפגעשפרונגען.

—פון וואנען קומען מיר דיזער אלע ווארנונגען — האט ער אויסגערופען— צו איז דאס ניט א נעטץ פון מיינע פיינדע אליין.... פיליכט אבער ניט? פיליכט קומט עס פון יענער גוטער האנד וועלכע וויל מיך שיטצען? אבער וואוהין פליהט מען? און ווען? און וואס זאל איך זאגען מיינע פרוי וועגען מיינע פלעצליכע רייזע?...... איך האב מורא אז איך ווער פערריקט.

ער איז ארוים פון זיין קאבינעט און איז ארונטער צו זיין פרוי. דיא מארקיזין איז געוועזען אין איהר בודואר, לעזענדיג איין פראָמעס בוך. דיא צווי קליינע טעב־טערלאך האבען זיך געשפיעלט אין א ווינקעל.

דער מארקיז איז אריינגעקומען. מאדאם מאָנטגארי האט אויפגעהויבען דעם קאפ און איז צוציטערט געווארן אלס זיא האט בעמערקט דיא בלאסקייט פון איהר מאנס געזיכט, און וויא פערצעהרט זיינע געזיכטסציגע זיינען.

—מיין גאָט! וואס איז מיט דיר מיין פריינד?

עמאנועל האט זיך געזעצט נעבען איהר און האט ערגריפען איהר האנד:

—איך וויל מיט דיר ריידען — האט ער געזאגט.

—רייד מיין ליעבער — האט זיא געזאגט איהם אָנקיקענדיג מיט ליעבע און צערט־ליכקייט, געמישט מיט שרעק.

—געדיינקסט דוא, טהייערע, אונזער נעסטעריגען געשפרעך? — האט עמאנועל אנגעפאנגען.

—מיט אָקטאַוו פון ראמאָ?

—יא.

—איך עראינער מיך זעהר גוט — האט דיא מארקיזין געזאגט — ווארום פרעגסט דוא דאס?

—דאס וועסטו באלד הערן. אָקטאוו האט געזאגט דאס עס זיינען פאראנען לייטע וועלכע ברייגגען אונגליק נור מיט זייער ערשיינען.

—דאס איז וואהר, אבע איך דיינק דאס ניט דוא און ניט איך גלויבען אין אזעלכע דומהייטען.

—דוא האסט אַ טעות מיינע ליעבע....

—וויא, דוא גלויבסט ?

—איך גלויב אז עס זיינען פאראן אזעלכע איינפליסע, וועלכע קענען צערשטערע דאס גליק פון אַ מענשען ווען זיי קומען איהם אין וועג.

—אבער, מיין גאט, ווארום רעדסט דוא מיר דאס יעצט ?

—דערפאר וואס איך האב מורא....

—מורא ?.... דוא ?......

—נעסטערן האט אַ מאנן געקרייצט מיין וועג, וועלכער האט מיר געזאגט: „איהר זייט זעהר גליקליך, מארקיז, אבער אייער גליק וועט נעמען איין ענדע", און מיך האט ערגריפען פורכט, און דעמזעלביגען אבענד האב איך געהאט דיא צאנקעריי, און היינט פריה האב איך מיך געשלאגען....

דיא מארקיזין האט אויפגעשווידערט ביי דער עראינערונג.

—מיין גוטעם גליק האט מיך דעננאך געשיצט. דיזעס גליס, רוא ווייסט עס טהייערע פריינדין, איז דיין זיסער שמייכעל, דיין ליעבער בליק.

—ליעבסטער עמאנועל !......

—אבער יעצט האב איך דיזען מענשען ווידער געזעהן, דיזען אונגליק ברייננער, און......

—ווידער ?

—יא.

—ווען ?

—איצטער־ערשט.

—ביסט דוא געוועזען אויסגעגאנגען ?

—ניין ער איז געקומען אהער.

—אהער ? — האט דיא מארקיזין איבערגעפרעגט — ער האט עס געוואגט ?

—און זייט איינער שטונדע שיינט עס מיר, דאס דיזעס הויז אין וועלכען מיר וואוינען וועט צוזאמענפאלען איבער אונז, און איך האב לוסט צו פליהען פון דאנען. איבער פורכט לאזט זיך ניט דעבאטירען, און מיר ציטערט דאס הערץ פיר דיך, פיר מיך, פיר אונזערע קינדער......

—אבער דוא ביסט אויסען זינען, מיין פריינד !

—פילייכט, איך האב מורא......

—אבער ווער איז דיעזער מענש וואס פעראורזאכט דיר אזוי פיעל שרעק — האט דיא מארקיזין געפרעגט.

דער מארקיז האט אויפגעציטערט ביי דיעזער פראגע.

—דיזער מענש איז איין עלענדער וואגענבונד. וועלכער טראגט ליידער דעם נאמען וואס דוא האסט אמאהל געטראגען....

—דער באראָן! — האט מאדאם מאַנגאָרי אויסגערופען מיט שרעק.

—יא, געליעבטע מיינע, דער באראן דע מאָרדיע האט מיך געסטערן און היינט אנגעקוקט מיט זיין פינסטערן בליק און שפעטישען שמייכעל און האט מיר פאראויס־געזאגט איין אונגליק.

דיא מארקיזין איז געווארען בלאס און האט קאנוואלסיוו אויפגעציטערט. דער נאמען פון באראן מאָרדיע האט פלוצלונג אויפגעוועקט ביי איהר א גאנצע וועלט פון פיינליכע עראינערונגען, וועלכע זיעבען יאהר פון גליק האבען ניט געקענט פערגעסען מאכען. זיא האט זיך דערמאהנט אן איהר ערשטען אלטען מאנן, וועלכער איז געוועזען פיר זיא וויא איין פאטער, אן יענעם גוטען אלטען, וועלכען זיא האט פערזיסט זיינע לעצטע יאהרען, און וועלכער איז אם ענדע אריין אין קבר מיט פערצווייפלונג, דאס ער קען ניט איבערלאזען זיין נאמען א ריכטיגען זאהן, וועהרענד זיין געזעצליכער יורש דער יורש פון זיין טיטעל, איז איינער וועמען ער האט ניט געגעב. פיר זיין אונגעזעצליכען זאהן. זיא האט זיך אויך דערמאהנט וויא אזוי דער פערשטארבענער באראן פאן מאָרדיע פלעגט אימער ריידען מיט האס פון דיעזען קינד דעם פערברעכענס, און זיא־האט אין דעם אויגענבליק געשפירט דאסזעלבע וואס איהר מאנן.

—אבער וויא קומט ער אהער? — האט דיא מארקיזין ענדליך געפרעגט — וואס האט ער דא געמאכט?

דער מארקיז איז נאך אמאהל צוציטערט געווארן ביי דיעזער פראגע. איינינע סעקונדען איז ער געוועזן פערווירט, און דאן האט ער געענטפערט:

—מיינע טהייערע, ווען איך האב דיך געהייראטעט, האב איך דעם באראן פאן מאָרדיע ניט געקענט......

עמאנועל האט געלאָגען, און האט זיך ניט געקענט העלפען אנדערס. האט ער דען געקענט דערציילען זיין פרוי די ווארהייט, דאס ער האט געהערט מיט'ן באראן צו יענער געזעלשאפט, פון וועמעס הענד עם זיינען געפאלען פאן־ווערן, פלאָר־רוביני, און אזוי פיעל אנדערע?

—איך האב ערהאלטען זיין בעזוך איינינע טעג איידער מיר האבען אונז פערבונ־דען — האט דער מארקיז פארטגעזעצט — ער האט מיר דערציילט זיין געשיכטע, און אזוי וויא ער טראגט דעמזעלביגען נאמען וואס דוא, האט ער פערלאנגט איך זאל איהם העלפען מיט א טהייל פון דער ערבשאפט וועלכע איז דיר איבער־געבליעבען.

—וויא? און דאס האט ער געוואגט?......

—איך האב איהם געגעבען דאן פינף הונדערט טויזענד פראנק, מאדאם. איך בין געוועזען רייך, און איהר האט מיר אויך געהאט געבראכט איין גרויסעס פערמעגען. איך האב ניט געוואלט אז דער מאנן וואס האט געטראגען איין נאמען מיט מיין פרוי זאל זיך געפינען אין נויט, און איך האב געמיינט אז מיר וועט קיינמאהל ניט פאר־קומען דערפון צו ריידען.

—דוא ביסט איין עדעלעס הערץ — האט דיא מארקיזין געמורמעלט — אבער וואס וויל ער יעצט פון דיר?

—ער איז געקומען פערלאנגען מיינע פראקטעציאן ביין מיניסטער. ער האט מיר צוריקגעלאזען א בּיטשריפט און האט מיך געבעטען עס איבערצוגעבען צו זיינער עקסעלענץ.

—און דוא ביסט איבערצייגט אז דיזער מענש בריינגט אונגליק? — האט דיא מארקיזין געפרעגט מיט א ציטערנדער שטימע.

—יא — האט עמאנועל געזאגט שטיל.

—און דוא ווילסט פעררייזען?

—יא, איך בעט דיך, לאמיר אוועק פאהרען.

—זאל זיין אזוי! איך בין צופריעדען — האט געזאגט דיא מארקיזין, אויף וועמען דער שרעק פון עמאנועל האט געמאכט א טיעפען איינדרוק — דיינקסט דוא אבער ניט אז דער שטורם פאר וועלכען דוא האססט מורא וועט ניט אויסברעכען איבער אונזערע קעפּ אין דעם אויגענבליק ווען מיר וועלען פאר־לאזען פאריז.

—א, איך האף אז ניט.

—אבער וואוהין וועלען מיר געהן?

—נאך דייטשלאנד, נאך איטאליען, נאך אזיען, וואס ווייטער איז אלץ בעסער

—אבער מיין פריינד, דאס הייסט אלזא געהן אין פערבאנונג? — האט דיא מאר־קיזין געפרעגט נאך א קורצער איבערלעגונג.

—יא, איך לויף פון אונגליק......

—און דוא פארגעסט דיין פאליטישע לאגע, דיין אמביציאן, און דיינע פלענער אויף דיא צוקונפט!

עמאנועל האט געזיפצט און געשוויגען.

—א, מיך שרעקט קיין זאך ניט — האט דיא מארקיזין גערופען, ווארפענדיג איהרע ארעמס ארום איהר מאנ'ס האלדז — ווען מיר זאלען נור זיין צוזאמען קימערט מיך ניט אויב מיר לעבען אין ארמוטה, אדער ערגיץ וואו אין שרעקליכער איינזאמקייט....

אבער דוא, ליעבער עמאנועל, וואס דוא האסט נאך פאר זיך אזא צוקונפט, און וועמען עס ערווארטעט א שטוהל אין הערען־הויז פון לאנד — דוא ווילסט דאס אלעס פארלאזען צוליב א פארנעפיהל, צוליב דיא מורא פאר עטוואס וואס האט קיין פונדאמענט? מיר זיינען ווירקליך נארען, מיין פריינד! וויא? דערפאר וואס דוא האסט דארטען געהאט א נארעשע צאנקעריי, אדער דערפאר וואס איינער מיט איין אונאנגענעהמען געזיכט האט דיר פארויסגעזאגט עטוואס שלעכטעס, זאלען מיר זיך לאזען איינשרעקען? לאמיר זעהן, וואס איז גליק? — האט זיא צוגעזעצט מיט א ריי צענדער שמייכעל — ניט וואר עס איז א גליק צו זעהן דיע צוויי בלאנדע קעפּלאך — און זיא האט אנגעוויעזען אויף דיא צוויי מיידלאך וואס האבען געשפּיעלט אויף דיוואן — און ניט וואהר, אז אונזער הויפט גליק איז אונזער געגענזייטיגע ליעבע?

—געוויס, געוויס, מיינע טהייערסטע.

—נו אלזא, וואס קען אונז דען געשעהן? אונזערע קינדער זיינען פול לעבען און יוגענד, מיר האבען אונז ליעב — איז דאס נים גענוג?

און דיא מארקיזין האט געלאכט אזוי ריידענדיג, און ביין קלאנג פון דיעזער שטימע האט עמאנועל געפיהלט וויא דער מוטה קעהרט צו איהם צוריק און זיין שרעק צערשטרייט זיך, און ער האט זיך אנגעהויבען נאך אמאהל צו פרעגען, אויף דער ראטה פון דער דאמע ער זאל פליהען שטאמט נים פון זיינע פיינדע.

אין דעם אויגענבליק האט דאס טיר־גלעקיל געקלונגען. עמאנועל האט א בליק געטהאן דורכען פענסטער.

—דאס איז אקטאוו פאן ראמא — האט ער געמעלדעט.

—קומט ער וויעדער מיט זיינע דומע געשיכטען דיר איינאָגען שרעק? — האט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה געפרעגט מיט אונווילען.

דער יונגער מאנן איז ארייננעקומען, האט געגריסט דיא מארקיזין, און האט גע־רייכט עמאנועל דיא האנד.

—מיין טהייערער פריינד — האט ער איהם געזאגט — איך ברייננ דיר מיין גליק־וואונש.

—וועגען וואס? — האט עמאנועל געפרעגט איבערראשט.

—וויא דוא ווייסט גאר נים?

—קיין זאך.

—אבער, מיין פריינד, דיינע ערנענונג איז לעצטע נאכט בעשטימט גע־ווארן אין קעניגליכען קאבינעט.

—דער מארקיז האט אויפגעשריען פאר ערשטוינען און פריידע.

—אין דיעזער שטונדע ביסט דוא שוין פיער פון פראנקרייך, און מארגען וועט עס דער „מאָניטאר" אנציינען אָפיציעל. אבער וויא קומט עס דאס דוא ווייסט נאך דערפון גאר נים?

—ביסטו זיכער אין דעם וואס דוא זאגסט? — האט עמאנועל געפרעגט.

—זעהר זיכער.

—וויא אזוי?

—אלס איך האב געסטערן פארלאזען מאדאם מאָנטגאָרי האב איך געמאכט א בעזוך דעם קריעגס מיניסטער; געסטערן איז געוועזען זיין עמפפאנגס־טאג פיר אינ־טימע פריינדע, און דארט האב איך עס ערפאהרען.

דיא מארקיזין האט אנגעקוקט איהר מאנן שמייכלענדיג.

—נו, זעהסטו וואס פאר איין אונגליק דיך האט ערווארטעט, מיין ארעמער עמאָ־נועל! דוא וועסט ווערן פעיר אין פראנקרייך צו 35 יאהר.

עמאַנועל האט אריבערגעפיהרט זיין האנד איבער שטירן און האט געשוויגען. איין שפעטישע שטימע האט איהר געפליסטערט אין אויער: „דיא וואס האבען גע־שלאגען מיט'ן שווערט ווערין פאלען דורכען שווערט".

—שטעלט אייך פאָר, מיין פריינד, — האט דיא מארקיזין געזאגט לאכענדיג — א איהר האט עמאנועל איבערגעשראקען.

—איך ?

—יאָ, איהר האט איהם דערציילט פון דיא אונגליק־ברייננער.

—אָ, עס זיינען געווים פּאראנען אזעלכע, אבער עס איז זעהר וואהרשיינליך אז דער מארקיז קען קיינעם פון אזעלכע פּערזאנען.

—דוא האסט א טעות, מיין פריינד — האט עמאנועל געזאגט.

—וויא, דוא קענסט איינעם איין אונגליק־ברייננער ?

—איך האב איהם געסטערן געטראפען און ער האט מיר פּאַראויס געזאגט איין אונגליק.

—צום טייפעל ! נעהם זיך אין אכט.

—דאס אונגליק האט שוין פּאסירט.

—וויא אזוי דען ?

—א נאַרישער סטודענט האט מיך אריינגעשלעפּט אין א צאנקעריי און היינט פריה האב איך מיך געשלאגען.

—געה דאָך !

—דאס איז וואהר — האט דיא מארקיזין בעשטעטיגט — און אייער פלוידעריי הערר ראמאָ, האט אויף איהם אזא איינדרוק געמאכט....

—פּלוידעריי ? — האט הערר ראמאָ אויסגערופען בעליידיגט.

—וויא דען ווילט איהר זאל איך אנרופען אזעלכע געשיכטען ?

—איהר גלויבט אלזא ניט אז עס זיינען דא לייטע וואס ברייננען אונגליק מיט זייער ערשיינען ?

—ניין — האט דיא מרקיזין געענטפערט.

ביי דיזען פונקט פון דער אונטעררעדונג איז פּלוצלונג אריינגעקומען ניט אנ־געמעלדעט א מאנן פון א יאהר 55 אדער 60, הויך, מאגער, געקליידעט אין שווארצען, מיט איין ערנסטע בייזע מיענע. דאס איז געוועזען דער פּאַרזיצענדער פון דעפּוטיר־טען־קאמער, הערר לערזאָ. ער האט דעם מארקיז ליעב געהאט און האט איהם אימער געשטופּט פּאַרווערטס אויפען פּאליטישען וועג. יעצט אבער איז ער וויא עס האט אויסגעזעהן, געוועזען זעהר אויפגעבראכט.

ער האט קאלט בעגריסט דיא מארקיזין און האט געזאגט, ניט אנקוקענדיג אפילו עמאנועלן:

מאדאם מארקיזין, אייער מאנן וועלכען מען זוכט צו בעטראכטען פאר איין ערנסטען מענשען, בלייבט א לייכטזיניגער נאר. ער האט געזאלט ווערן פּעיר פון פראנקרייך נאך היינט, אבער ער האט זיך דיא מיהע געגעבען דאס צו פערשיעבען אויף איינע אונבעשטימטע צייט.

אָקטאוו פון ראמאָ און עמאנועל האבען אויפגעשריען פאר ערשטוינען.

—דער הערר מארקיז פאן מאנמגארי, — האט דער אלטער פּארטנעזועצט — ואיין דעפּוטירטער, איין בענאבטער אדוואָקאט, א מאנן פון גרויסען פערמעגען שלאגט זיך היינט מיט א שול־יונגען, מיט איך וויים ניט וואס פאר א טויגעניכטס, ועמען ער האט האלב געטעדטעט.

עמאנועל האט אויפגעציטערט.

—דאס איז געוועזען א שטודענט — האט דער מיניסטער פארטגעזעצט, — אום צעהן אוהר אין דער פריה האט עס געוואוסט דער גאנצער קווארטאל, און א שטונדע שפעטער האט עס ערפאהרען דער קעניג. איהר פארשטעהט אז פון אזא פאל קען מען ניט פראפיטירען.

—א, דער אונגליק־בריינגער! — האט עמאנועל געמורמעלט.

דער אלטער מאגיסטראט האט זיך געלאזט פון דער מארקיזין אריינציהען צו איהר אין בודואר, וואו זיא האט איהם אוועקגעזעצט נעבען זיך אויף א קאנאפע, אום איהם אלעס צו פערטרויען. נאכדעם וויא ער האט אויסגעלאזען זיין כעס האט זיך אקטאוו פאן ראמא געווענדעט צו עמאנועל:

—ווער איז ער דענן, דיין אונגליק־בריינגער — האט ער געפרעגט.

—דאס איז דער באראן פון מארדיע.

—ער! האט ראמא אויסגערופען מיט ענטזעטצען און שרעק.

—וויא, דוא קענסט איהם דענן?

—צום טייפעל! איך בין איינגעראדען מארגען פריה אויף זיין לויה.

—דוא ביסט אויסען זינען! דער באראן איז ניט טויט! — האט עמאנועל געזאגט.

—ענטשולדיג מיר, ער איז געשטארבען לעצטען אבענד, געטעדטעט דורך א שווערמ־שלאג.

עמאנועל האט אויפגעשריען וויא פון טאדטעס־אנגסט און איז געפאלען אהנמעכטיג אויפען פוס־באדען.

....

אלס עמאנועל איז געקומען צו זיך האט ער געהאט א שטארקען פיבער, און ער האט זיך געפרעגט אויב ער איז ניט משוגע געווארן.

הערר ראמא, דער אלטער מאגיסטראט און דיא מארקיזין זיינען געשטאנען ארום איהם. אבער עמאנועל האט נאר געקוקט אויף אקטאוו פאן ראמא.

—וויא איז עס מעגליך? — האט ער ענדליך אויסגערופען, קומענדיג עטוואס צו זיך — דוא קומסט מיר זאגען אז דער באראן איז נעכטען געשטארבען ווערענד היינט האב איך איהם געזעהן.

—דאס איז אונמעגליך — האט ראמא געענטפערט מיט איבערצייגונג.

ער האט ארויסגענומען פון זיין טאשע א בריעף מיט א שווארצען זוים און האט עס געגעבען דעם מארקיז. דיעזער האט געלעזען:

„איהר זייט איינגעלאדען בייצו־וואוינען דיא לויה און דיא בעערדיגונג פון „הערר באראן פאן מארדיע, וועלכער איז געטעדטעט געווארען געסטערן דורך איין „איטאליענישען אפיציער אום פיער אוהר נאכמיטאג, אין וואלד מעדאן.

עמאנועל האט זיך אנגעהויבען צו וואקלען.

—אבער איך זאג עס נאך אמאהל — האט ער געמורמעלט — אז דער באראן איז ביי מיר געוועזען מיט א שטונדע צוריק און איך האב איהם געזעהן פונקט וויא איך האב איהם געזעהן געסטערן ביין טויער פון דער געזאנדשאפט, אום מיטאגצייט.

—געסטערן האסטו איהם געקענט האבען געזעהן — האט אָקטאוו פאן ראמאָ געזאגט — אבער אויב דוא האסט איהם ווירקליך אויך היינט געזעהן, דאנן איז עס געוויס געוועזען זיין גייסט.

עמאנועל האט געפיהלט וויא זיינע האר שטעלען זיך קאפויר און א קאלטער שוויס האט בעדעקט זיין געזיכט.

—נון גוט ! דאן וויל איך מיך דארין איבערצייגען — האט ער געזאגט — איך וויל זעהן דעם באראן טויט ! איך וויל מיך איבערצייגען אז איך ווער פעררייקט.

און ער האט זיך אויפגעהויבען מיט דעם אויסדרוק פון שרעק אין זיינע אויגע און אין שרעקליכער אויפרעגונג.

דיא מארקיזין האט ניט געוואגט זיך אריינצומישען, און דער אלטער מאניסט־ראט, וועלבער איז געוועזען א מענש מיט פּאָזיטיווע אנזיכטען, און האט געהערט, ניט פארשטעהענדיג, דעם שמועס פון גייסטער מיט אונגליק־ברייננער, האט זיך געפרעגט אויב ער איז ניט אין א משוגעים-הויז.

אבער עמאַנועל האט ניט געטראכט ניט פון מאניסטראט און ניט פון זיין ווייב. ער האט גענומען דעם ארעם פון אָקטאוו און האט געזאגט :

—ווען דוא ביסט געררופען צו דער קויה דארפסטו דאך וויסען וואו דער בארא וואוינט.

—יא, דער בריעף בעווייזט עס.

אָקטאוו האט אויפגעהויבען דעם בריעף וועלכען דער מארקיז האט געהאט ארונטערגעווארפען, און האט געלעזען :

„צוזאמענקונפט אין דער וואהנונג פון דעם געשטארבענעם, 17 רוע מאָנ־סיע־לע־פרענס“.

עמאַנועל האט שנעל אנגעקלונגען און זשאן איז ערשיענען.

—זשאן — האט זיך דער מארקיז צו איהם געווענדעט. פונקט וויא ער וואלט איהם וועלען נעהמען פאר איין עדות, אז ער איז ניט משוגע — האט זיך דאָ ניט פארגעשטעלט ביי מיר א הערר פון א יאהר 40, דעקארירט, אין א בלויען מאנטעל, וועלבער האט דורך דיך אריינגעשיקט צו מיר זיין קארטע ?

—יא — האט זשאן געענטפערט — דער באראן מאָרדיע.

—אה, דאס איז אונגלויבליך — האט ראמאָ אויסגערופען.

—מיין וואגען ! — האט דער מארקיז אויסגערופען — איך מוז זעהן, איך מוז מיר איבערצייגען.

צעהן מינוטען שפעטער איז דער מארקיז שאַלאמעל מאָנטגאָרי און זיין פריינד אקטאוו פון ראמא געפלויגען צו דער רוע מאָסיע־לע־פרענס.

דאס הויז וואס האט געטראגען אויף זיך דיא נומער 17 איז געוועזען פון א גאנץ בעשיידענעם אויסזעהן, און האט געהאט ביין איינגאנג א צעטעל מיט דער אויפשריפט : „מעבלירטע צימער“.

אָקטאוו איז ארויסגעשפרונגען פון וואגען ביי דעם אנגעצייגטען הויז און האט זיך געווענדעט צו דער פרוי וואס איז געשטאנען ביין טיר.

—האט דא געוואוינט באראן פאן מארדיע?

—יא, מיין הערר — האט זיא גענטפערט העפליך — דאס איז אויבען פינפטען שטאק, צימער נומער 17.

—זיבעצעהען! — האט אקטאוו געמורמעלט — וויעדער דיא אונגליקליכע צאהל! מערקט איהר עס, מארקיז? דאס צימער איז נומער 17, דאס הויז איז נומער 17, און געכטען איז געוועזען דער זיבענצעהנטער, ווען דער באראן איז גע־טעדטעט געווארען.

—אין דער טהאט! — האט געשטאמעלט עמאנועל, וועלכער איז געוועזען בלאס וויא א לייכע.

ער איז נאכגיגאנגען אקטאוו פאן ראמא, וועלכער האט צום ערשטען געקלע־טערט אויף דיא פינסטערע טרעפ פון דעם מעבלירטען האָטעל.

דיא טיר נומער 17 האט זיך געפונען אויפען ענד פון א פינסטערן קארידאר, אבער דער שיין וואס איז געפאלען פון דער געעפינטער טיר האט געדיענט דעם מאר־קיז און זיין פריינד ראמאָ אלס פיהרער.

ביידע זיינען געבליעבען שטעהן א ווילע אויפען שוועל, אונטער דעם איינדרוס וואס דער אנבליק פון טויט האט אויף זיי געמאכט. אין א צווייטען צימער האבען זיי בעמערקט א מענשליכע פאָרם אויף איין אייזערנע בעטיל וואס איז געוועזען בעהאנ־גען מיט רויטע פאָרהאנגען. ביים טויטענס בעט זיינען געזעסען צוויי פערזאָנען; איינער איז געוועזען איין איינפאכער קראנקענוועכטער; דער אנדערער איז געוועזען א מאנן פון א יאהר 45, אין א בלויען לאנגען ראָק און האט זיך געהאלטען מיליטעריש.

ביים אנבליק פון מארקיז און דעם העררן ראמא האט זיך דער לעצטערער אויפ־געהויבען און האט געגריסט.

—מיין הערר! — האט אקטאוו געזאגט — מיר זיינען פריינדע פון דעם זעליגען באראן מאָרדיע.

דער מיליטערישער מאנן האט זיך פערנייגט.

—איך בין ניט געוועזען זיינער א פריינד, מיינע העררן — האט ער געזאגט — איך האב איהם קוים געקענט, אבער איך האב בעוואוינט דיעזעס הויז וויא ער, און מיר פלעגען זיך אימטר צוזאמענטרעפען ביין טיש, אין שפייזע־זאל. פאָרגעסטערן בין איך זעהר איבערראשט געווארן, אלס איך האב איהם געזעהן איינטרעטענדיג צו מיר אום 9 אוהר אבענדס.

—קאפיטאן — האט ער מיר געזאגט — איך קום אייך בעטען מיר צו ערוויזען איין דיענסט. איך האב מארגען פריה איין דועל, ווילט איהר זיין מיין סעקונדאנט?

—יא, מיין הערר — האב איך געענטפערט.

פון דעם אויגענבליק אן וואס דער מארקיז האט בעטרעטען דאס טויטענצימער האט ער ניט אויפגעהערט צו ציטערן. ער האט מיט א פערווירטען בליק בעטראכט דאס טויטענבעט און זיינע פיס האבען זיך אונטער איהם געבויגען.

—מיין הערר — האט אקטאוו וויעדער אנגעפאנגען — אז איהר האט יא ערוויזען דיעזען דינסט צו אונזער אונגליקליכען פריינד וועט איהר אונז דאך קענען מיטטהיילען וועלכע איינצעלהייטען איבער דיעזען טרויעריגען פאל.

נעווים, מיינע העררען, אויב איהר פערלאנגט עס.

—בערוהיג דיך — האט אקטאוו איינגערוימט אין אויער עמאנועלען, וועלכער האט דיא גאנצע צייט ניט אויפגעהערט צוציטערן פאר אויפרעגונג.

ער האט צוגערוקט א שטוהל, האט איהם געצוואונגען זיך צו זעטצען און האט זיך דאן אליין אוועקגעזעצט נעבען איהם.

—וויא איך האב אייך שוין געזאגט, מיינע העררען — האט דער קאפיטאן אנגע־פאנגען — איז דער באראן געקומען מיך בעטען....

—ווען? — האט עמאנועל איהם איבערגעשלאגען.

—פארגעסטערן אבענדס, אום 9 אוהר.

—דאס איז זאנדערבאר — האט דער מארקיז געזאגט — איך האב איהם געזעהן געסטערן נאכמיטאג און ער האט מיר גאר ניט געזאגט.

—איהר האט וואהרשיינליך א טעות, מיין הערר— האט דער קאפיטאן בעמערקט.

—א טעות? ווארום?

—וויל נעכטען צו מיטאג איז דער באראן געוועזען דא.

—ביי זיך אין צימער?

—ניין, ביי מיר.

—פון ווען אן?

—פון צעהן אוהר אין דער פריה.

—אבער ער האט אייך צו מיטאג־שטונדע אויף א קורצע ווילע פאר־לאזען. ניט וואהר?

—ניין, מיין הערר, ער איז ערשט ארויס פון דאנען אום האלב נאך דריי אוהר, און דאס נור צוזאמען מיט מיר און מיין פריינד וועלבע האבען איהם געדינט אלס סעקונדאנטען.

—אבער, מיין הערר, איך זאג אייך נאך אמאהל, אז איך האב איהם געזעהן געסטערן אום מיטאג־צייט — האט דער מארקיז ווידערהאלט מיט א געבראכענער שטימע.

אייער זכרון פערפיהרט אייך פיליבט, מיין הערר — האט דער קאפיטאן נעענטפערט העפליך אבער מיט איבערצייגונג — דער באראן פאן מאַרדיא האט מיך ניט פארלאזען פון צעהן אוהר אין דער פריה. מיר זיינען ארויסגעגאנגען צוזאמען אום צווי אוהר, אום זיך צו בענעבען צום פעכט פלאטץ.

—אבער מיט וועמען האט ער זיך געשלאגען? — האט געפרעגט אקטאוו פון ראמא.

—מיט איין עסטרייכישען אפיציער, מאיאר הערמאן.

און ער האט איהם געטעדטעט?

—אח, מיין הערר, זעהר שנעל! איך האב פארבראכט דיא גאנצע נאכט ביי זיין טויטענקערפער.

עמאנועל האט זיך אויפגעהויבען, איז צוגעגאנגען צום בעט וואו דער טויטער איז געלעגען כמעט וויעגענדיג זיך אויף דיא פיס, און האט אויפגעהויבען דאס טוך

וועלכעס האט געהאט בעדעקט דאס געזיכט פון דעם טויטען און האט איהם אנגע־קוקט. פלוצלונג האט ער אויפגעשריען, האט ציטערנדיג צוריקגעשפרונגען, מורמלענדיג מיט איין דערשטיקטער שטימע:

—דאס איז ער, דאס איז ער!....

זעכסטעס קאפיטעל.

דער שטורם ברעכט אויס איבער עמאַנועלס הויז.

דיא מארקיזין פאן מאנטגאַרי איז געזעסען אין איהר בודואר מיט איהרע קינדער און מיט דעם אלטען מאגיסטראט. דיעזער האט געזאגט צו דער מארקיזין, אלס עמאַ־נועל איז געווען אוועקגעפאהרען:

—מיין קינד, זייט איהר ווירקליך זיכער אז אייער מאנן האט ניט פאר־לארען זיין פערשטאנד?

דיא מארקיזין האט אויפגעציטערט פון דיעזער פראגע.

—מיין גאט! — האט זיא אויסגערופען — וואס זאגט איהר מיר דאַ?

—דאס וואס דאַ איז פאַרגעפאַלען איז עטוואס זאנדערבארעס, מיין קינד. וויא? אייער מאנן בעהויפטעט געזעהן צו האבען איצטער־ערשט א מענשען וועלכער איז שוין טויט זייט געסטערן. דאס איז דאך אמת׳ע משוגעת.

—דאס איז אין דער טהאט שרעקליך.... האט דיא מארקיזין געמורמעלט, און האט א ווײלע שפעטער צוגעזעצט: — איך גלויב אז מיין מאנן איז דאס אָפּפער פון אירגענד וועלכען אירטהום אדער א שווינדעל. ענטוועדער זיינען דאַ צוויי לייטע מיט דעמזעלביגען נאמען, אדער מען טרייבט שפאס מיט איהם.

—דאס לעצטערע שיינט ריכטיגער צו זיין, מאדאם.

אבער דיא מארקיזין האט ארויסגעזאגט איהר מיינונג, אליין ניט גלויבענדיג דארין. זיא האט זיך דערמאנט דיא שרעקליכע אויפרעגונג און פערווירונג וועלכע איהר מאנן האט ארויסגעוויעזען דעם גאנצען טאג, זיין וואונש צו פארלאזען פאריז, צו אנטלויפען פאר עפעס א געפאהר, און דאן: דאס פלעצליכע צוטרויען וועלכע ער האט ארויסגעוויעזען צו דער מיינונג פון אקטאוו ראמאַ ווענען דיא אונגליק־בריינגער.

אונגעפעהר א שטונדע האט זיך דיא מארקיזין נאך אונטערהאלטען מיט דעם אלטען מאגיסטראט, אלס פּלוצלינג האט זיך דער גערויש פון איין עקיפאַזש געלאזט הערען אריינפאהרענדיג אין הויף פון האטעל. דיא מארקיזין איז צו געלאפען צום פענסטער און האט געזעהן אקטאוו אליין אויסשטייגענדיג.

וואו האט געקענט בלייבען עמאנועל?

מאדאם מאנטגארי האט איהם געוואלט לויפען אנטקעגען, אבער איהרע פיס האבען זיך ענטזאגט זיא צו טראגען זיאהאט זיך ארונטערגעלאזען אויף א פאטעל, בלאס, ציטערענדיג, אהן כח און אהן א שטימע, פיהלענדיג וויא איהר גאנצעס בלוט שטרעמט איהר צום הערצען.

ווערענד דער אלטער מאגעסטראט האט געאיילט צו איהר אום זיא צו אונ־טערשטיצן איז אקטאוו פאן ראמא שנעל אריינגעקומען אין בודואר.

— אה, מאדאם, קומט, קומט! — האט ער אויסגעשריען.

—מיין גאט, מיין גאט! — האט דיא מארקיזין געמורמעלט אין טויטעסאנגסט— וואס האט פאסירט?

—עמאנועל.... אין פיבער.... אין דעליריום...... קומט.

—אבער וואו איז ער? — האט דיא יונגע דאמע אויפגעשריען. דיא ליעבע און דיא ערגעבענהייט צו איהר מאנן, האבען איהר געגעבען פרישע קראפט און ענערגיע.

—עמאנועל איז אין דעם הויז וואו דער באראן איז געשטארבען. ער האט דערקענט דעם באראן און ער איז אומגעפאלען פאר ערשיטערונג. א דאקטאר איז שנעל גערופען געווארען, און ער האט מורא דאס זאל ניט מאכען וועלכע ווירקונג אויף זיינע געהירן....

דיא מארקיזין האט אויפגעשריען, אבער דאס געפיהל פון זעלבסטאויפאפפערונג און ערגעבענהייט האבען זיא צוריקגעהאלטען פון אומפאלען.

—קומט מיין הערר! — האט זיא אויסגערופען, נעהמענדיג אקטאוו'ס ארעם — פיהרט מיך שנעל צו איהם.

און זיך קעהרענדיג צום אלטען מאגיסטראט האט זיא צוגעזעצט:

—אדיע, מיין פריינד, אויף ווידערזעהען!

זיא האט געדריקט דיא האנד פון דעם אלטען מאנן, האט אין איילעניש ארי־בערגעווארפען א שאל אויף זיך, און איז ארונטער צום וואגען, געשטיצט אויף אקטאוו'ס ארעם.

—רוע מאָס־ע־לע־פרענס, אין גאלאפ! — האט אקטאוו בעפאהלען דעם קוטשער.

....

א האלבע שטונדע נאך דעם וויא דער וואגען מיט דער מארקיזין האט פארלאזען דעם הויף פון האטעל, איז אריינגעפאהרען אין הויף א קארעטע און איין עלטערע דאמע איז אויסגעשטיעגען און האט פערלאנגט צו זעהען פריילין ראזאליע.

ראזאליע איז געוועזען דיא גובערנאנטין פון עמאנועל'ס צוויי קליינע טעכטער־לאך און אין דעם אויגענבליק איז זיא געוועזען אין גארטען מיט איהרעביידע צענ־קינגע וועלכע האבען נאטירליך קיינע אהנונג געהאט פון אלעם וואס עס געהט פאר ארום זיי.

דיא עלטערע דאמע איז געוועזען געקלייעט אין שווארצען און איז מעהר ענליך געוועזען צו א שוועסטער דער בארעמהערציגקייט. מען האט זיא אריינגעפיהרט אי גארטען און פריילען ראזאליא איז איהר געקומען אנטקעגען.

—מיין פריילין — האט דיא עלטערע דאמע אנגעפאנגען — איך קום פון רוע מאָסיע־לע־פרענס, געשיקט פון דער מארקיזין.

ראזאליע האט געהאט געזעהן דיא מארקיזין אוועקפאָהרענדיג, זיא האט אבער ניט געוואוסט וואוהין. זיא האט דעריבער געפרעגט:

—געפינט זיך דארט יעצט דיא מארקיזין?

—יא, ביין העררן מארקיז. דער הערר מארקיז האט פּלוצלינג געפיהלט שלעכט און האט געשיקט רופען צו זיך דיא מארקיזין. זיא וויעדער האט יעצט מיך געשיקט אהער אייך צו זוכען. איך בין באראנעסע פון מעקאָ, שוועסטער דער בארעמהארציג־קייט; ביי מיר געפינט זיך דאס יעצט דער מארקיז. א דאנק גאט, ער פיהלט יעצט בעסער און פערלאנגט צו זעהן זיינע קינדער.

דיא אלטע דאמע האט גערעדט מיט שיינבארער אויפריכטיגקייט און דיא יונגע גובערנאנטין האט קיין פערדאכט געהאט, אז דא זאל עפּעס זיין ניט וויא עס געהער צו זיין.

גאנץ גערירט פון דעם וואס זיא האט דא יעצט ערפאהרען, האט זיא זיך בעאײלט אָנצוקליידען דיא מיידלאך.

—איך האב דא א וואגען מיט פיער זיטצע — האט געזאגט דיא דאמע — און איך וועל אייך אהין אוועקפיהרען.

אין האטעל האט זיך קיינער ניט געוואונדערט זעהענדיג וויא דיא גובערנאנטין פאהרט אוועק מיט דיא קינדער, אזוי וויא דאס איז געוועזען א גאנץ געוועהנליכע זאכע, אז זיא זאל אויספאָהרען מיט דיא קינדער שפּאציערען. ראזאליע מיט דיא צוויי קינדער און נאכהער אויך דיא עלטערע דאמע האבען בעשטיגען דעם וואגען וועלכער האט געלאסען פארלאזען דעם הויף פון האטעל.

קוים זיינען אריבער צעהן מינוטען וויא דיא קינדער זיינען אויסגעפארען, אלס איין אנדער וואגען איז אריינגעפאהרען אין הויף. דאס איז געוועזען איין פּראכטפאלער עקיפּאַזש געשפּאנט צו צוויי פייעריגע אירלענדישע פערד.

אלס דער שווייצער איז צוגעגאנגען און האט געעפינט דאס טירל איז א מאנן שנעל אויסגעשטיגען און האט געפרעגט מיט א ביסל איין ענגלישען אקצענט:

—איז דיא מארקיזין נאך צו הויזע?

—מאדאם איז ניט לאנג אויסגעפאהרען — האט דער דיענער געענטפערט.

—וויא לאנג צוריק?

—א שטונדע.

—אבער איהרע קינדער זיינען דאך נאך אין האטעל — האט ער געפרעגט האסטיג.

—ניין, מילאָרד, אויך זיי זיינען אויסגעפאהרען.

—אויסגעפאהרען?

—יא, מיט זייער גובערנאנטין.

דער ענגלענדער האט אויסגעוויזען צו זיין אויפגערעגט.

—זיינען זיי אויסגעפאהרען מיט דער גובערנאנטין אליין נור צום שפּאציערען?

—ביטע אום ענטשולדיגונג! דיא קינדער זיינען אויסגעפאהרען מיט פריילין ראזאליע זייער גובערנאנטין, און מיט איין אלטער דאמע וואס איז געקליידעט אין שווארצען, וועלכע איז געקומען אהער מיט א פיאקר זיי אוועקצופיהרען.

דער ענגלענדער האט א טופע געטהאן מיטן פוס און אזוי וויא א פלוך האט זיך ארויסגעריסען פון זיינע ליפען. אויף זיין געזיכט האט זיך געזעהן דער אויסדרוק פון צארן מיט שמערץ און ער האט אויסגערופען:

—צו שפעט!

....

איידער מיר זעטצען פארט אונזער געשיכטע, איז עס נייטיג צו דערציילען וואס עס האט פאסירט מיט דעמזעלבינגען באראן פון מארדיע אין דיא לעצטע דריי טעג, איידער דער מארקיז האט איהם געזעהן טויט אין זיין בעט, אין נומער 17 רוע מאָסיע־לע־פרענס.

מיט דריי טעג צוריק, ארום זעכס אוהר אבענדס, איז דער באראן מארדיע אריבערגעגאנגען דעם קארוסעל־בריס, אום צו געהן נאך פאָבורג סעינט־זשערמען. דער באראן איז געגאנגען ארעם געקליידעט, דער לאנגער מאנטעל איז געוועזען עטו־אס צו־דריבעל ביי דיא ברעגעס און גלאנציג, או איז געוועזען פארשפּילעט ביז אויבען אום צו פארשטעלען דיא וועשע פון צווייפעלהאפטער ווייסקייט.

דיעזער מענש וואס איז געוועזען מיליאנער איז, וויא עס האט אויסגעוויעזען, גע־קומען צום לעצטען גרענעץ פון עלענד.

אויף דער זייטע פון דער קארוסעל-בריקע פון פאָבורג געפינט זיך א בודקע וואו איין אויסגעדיענטער סאלדאט האלט וואכע און קאלעקטירט איין סו פון יעדען פוסגעהער וואס פאסירט דיא בריקע. אלס דער באראן איז געקומען צו יענער בודקע און האט געוואלט פארבייגעהן, האט ער דערהערט דעם אינוואליד רופענדיג הינטער איהם:

—מיין הערר, פינף סענטים געפעליגסט!

דער באראן האט זיך אומגעקעהרט, האט דורכגעזוכט אלע זיינע טאשען און האט ניט געפונען קיין איינציגען פעניג. זיין געזיכט איז געווארען בלאס פאר שאנדע, און ער האט געמורמעלט:

—פערציי־הונג! איך האב פערגעסען מיין פארטמאנע.... און האט דערמיט ער זיך געוואלט אומקעהרען. אבער דער אויסגעדינטער סאלדאט האט בעמערקט דיא רויטע לענטע אין קנאָפּ־לאָך פון באראן און האט דערקענט אין זיין האלטונג א גע־וועזענעם סאלדאט, און ער האט איהם געזאגט מיט א שמייכעל:

—עס איז רעכט, מיין אפיציער, איהר וועט צאהלען צוריקקומענדיג. עס מאכט מיך פערגעניגען אייך צו געבען קרעדיט.

דיא פארבע אין באראנס געזיכט איז פון בלאס איבערגעגאנגען אין רויט......

וועהרענד דער באראן מאָרדיע האט געפיהרט דיעזען קורצען געשפרעך מיט דעם אינוואליד וואס היט דעם בריק, איז א קארעטע אנגעפאהרען אויפען בריק, און א דאמע האט ארויסגעקוקט דורך'ן פענסטער אין טירל פון עקיפאזש.

אין עקיפאזש צו דער לינקען האנד פון דער דאמע איז געזעסען א מאנן פון א

יאהר זעבציג. דיא דאמע האט זיך שנעל געווענדעט צו איהם, און ערנרייפענדיג זיין ארעם האט זיא געזאגט.

—דאָ איז דער מאנן וואס מיר זוכען! דאס איז באראן מאַרדיע!

דיא דאמע האט אויפגעציטערט, אבער איהר אויפרעגונג האט אנגעהאלטען ניט מעהר וויא איין אויגענבליק. באלד האט זיא ארויסגעשטעקט איהר קאפּ דורכען טירל און האט גערופען:

—גוטען טאג, באראן!

באראן פאן מארדיע האט זיך ערשטוינט אומגעקוקט, האט בעטראכטעט דיא אונבעקאנטע דאמע, און האט געפיהרט זיין האנד צום הוט.

—ערלויבט מיר אייך אנצובּיטען א פּלאטץ אין וואגען, ליעבער באראן — האט דיא דאמע געזאגט — איך וויל אייך פיהרען וואוהין איהר דארפט.

דער וואגען איז שוין פריהער געבליעבען שטעהן, אבער יעצט איז אויף א צוויי־טען צייכען פון דער דאמע דער קוטשער ארונטערגעשפּרונגען און האט געעפינט דאס טירל פון עקיפּאזש פאר'ן באראָן.

—שטייגט איין, מיין הערר — האט דיא דאמע איהם אויפגעפאָרדערט.

דיא לאגע פון באראן פאן מארדיע איז געוועזען מעהר אלס זאָנדערבאר. פון איין זייט האט איהם דער אינוואליד איצטער־ערשט געעפינט א קרעדיט פון פינף סענטים וועלכען ער האט מיט חרפּה געמוזט אננעהמען, און אין דעמזעלביגען אויגענ־בליק קומט איינע עלעגאנטע יונגע דאמע פון דער אנדערען זייט, שטעלט אפּ איהר וואגען און לאדעט איהם איין איינצושטייגען.

און אויסער דעם האט דעם באראן אויסגעוויזען דאס ער האט דיא יונגע דאמע קיינמאהל ניט געזעהן, וועהרענד זיי ביידע שיינען איהם צו קענען.

דערווייל אבער איז דיא איינלאדונג פון דער יונגער דאמע געמאכט געווארען אזוי ליעבענסווירדיג, דאס הערר פאן מאַרדיע האט שווערליך געקענט ענטזאגען. ער איז איינגעשטיעגען אין עקיפּאזש דער קוטשער האט צוגעמאכט דאס טירל און איז ארויפגעשפּרונגען אויף זיין זיטץ.

דאן ערשט האט דער באראן אויפגעהויבען זיין ערשטוינטען בליק אויף דיא יונגע דאמע, וועמעס וואונדערבארע שענהייט עס האט אויף איהם געמאכט א טיעפען איינדרוק.

דאס איז געוועזען דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה.

איך קען וועטען, הערר באראן, דאס איך קום אייך פאר זעהר זאנדערבאר — האט דיא יונגע דאמע געזאגט מיט א שמייכעל.

—אבער, מאדאם....

—איהר קענט מיך ניט, איהר האט מיך קיינמאל ניט געזעהן, וועהרענד איך רוף אייך אן ביים נאמען און צווינג אייך איינצושטייגען צו מיר אין עקיפּאזש.

—אין דער טהאט — האט דער באראן געשטאמעלט אלץ מעהר און מעהר איבער־ראשט — איך גלויב איך האב קיינמאל דיא עהרע ניט געהאט....

—מיך צו זעהן, ווילט איהר זאגען, ניט וואהר? איהר האט רעכט, אבער איך קען אייך, און איך זוך אייך שוין פון א לאנגע צייט.

—איהר קענט מיך... און.... און איהר זוכט מיך?......

—ווארט א ווייל", הערר באראן, אויב איהר ווילט מיר פערשאפען דיא עהרע מיך איינינע מינוטען אויסצוהערן, וועט איהר זיך איבערצייגען אז איך קען אייך גאַנץ גוט.

באראן פאן מארדיע האט זיך געפיהלט זעהר אונבעקוועם. ער האט אין דעם בליק און אין דעם שטייבעל פון דיעזער דאמע ענטדעקט עטוואס אנ־היימליכעס, עטוואס פאטאלעס, וואס האט איהם געמאכט גליווערען זיין בלוט אין הערצען.

דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט זיך געווענדעט צו איהר בע־גלייטער, וועלכער איז קיין אנדערער געוועזען אלס דער גראף ארלאוו, און האט איהם געזאגט אייניגע ווערטער אין א פרעמדע שפראכע, וועלכע דער באראן האט ניט פער־שטאנען; אבער ער האט נאך דעם קלאנג דערקענט אז זיי ריידען רוסיש.

דער גראף ארלאוו איז גלייך אויסגעשטיעגען פון וואגען און האט געזאגט אייניגע ווערטער צום קוטשער. דיעזער האט פארטגעזעטצט זיין וועג מיט דעם ברעג פון דער סיינע, נאך דער ריכטונג פון פאסי.

דיא דאמע האט געמאכט מיט א האנדבעוועגונג א צייכען צום באראן, וועל־כער איז געזעסען אנטקעגען, ער זאל זיך איבערזעטצען נעבען איהר, וואס ער האט שווייגענדיג געטהאן, און זיא האט ווידער אנגעפאנגען:

—יא, הער באראן, איך קען אייך זעהר גוט, אבגלייך איהר קענט מיך ניט, און איך וויל אייך דאס בעווייזען אינדעם איך וועל אייך דערציילען אייניגע אייגנצעלהיי־טען פון אייער לעבען.

—אה! - האט דער באראן געמאכט עטוואס אונרוהיג.

—צוערשט בעט איך אום ענטשולדיגונג. ווען איך וועל אייך זאגען; דאס מאדאם מארדיע, אייער מוטער, איז געוועזען א ביסעלע לייכטזיניג....

—מאדאם!.... האט דער באראן אויפגעשריען, גאנץ ענטזעטצט פון דיעזען אנפאנג.

—גוט, איהר האט מיך פערשטאנען — האט געזאגט דיא דאמע מיט דעם שוואר־צען האנדשוה — נאר לאמיר אוועקלייגען אן א זייט אייער געבורט, און דיא אורזאכע־ווארום דער באראן מארדיע האט אייך ענטערבט.

—איהר ווייסט עס! — האט דער באראן אויסגערופען.

—הערט ווייטער...... דער אלטער באראן מארדיע האט געהאט א זאהן, א ריכטיגען זאהן, וועלבען ער האט ניט געקענט פערלייקענען, און דיעזער זאהן האט גע־הייסען פאן ווערן.

דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט אנגעקוקט דעם באראן מיט א שמייכעל, און דיעזער שמייכעל האט איהם געשטאכען אין הארצען פונקט וויא דער קלינג פון א קינזשאל.

—דורך דיא פערוואנדלונג פון דער צווייטער באראנעסע פון מארדיע, דיא יעצטיגע

מאָנטנאָרי — האט די דאמע פאָרטגעזעצט — האט הערר פאן ווערן געוואלט ערבען דעם אלטען באראן מאָרדיע......

—מאדאם — האט אויסגערופען דער באראן ציטערנדיג און בלאס — פון וואנע ווייסט איהר דאס אלעס?

—דאס איז מיין סעקרעט.

—אָבער......

—ווארט נאך אוים א ווילע. הערר פאן ווערן איז געטעדטעט געווארן אין א דועל. הערר שאלאמעל, דער יעצטיגער מארקיז פאן מאנגארי, האט אייך אויסגע־צאהלט א מיליאן פון דעם גדן וואס ער האט ערהאלטען פון אייער געוועזע נער שטיף־מוטער.

—מאדאם, אום הימעלס ווילען!....

—אבער ווארטעט דאך! — האט די דאמע אויסגערופען, ריכטענדיג אויף איהם א שטרענגען בליק — איהר דיינקט דאך נים אז איך רייד אייך דאס אלעס נאר אהן א ציעל.

דער באראן האט אראפגעלאזען דעם קאפ, וועהרענד די דאמע האט פארטגעזעצט:

—פאן ווערן איז געטעדטעט געווארן אין א דועל מיט גאָנטראן פאן לאסי.

דער באראן האט אויפגעשפרונגען פון זיין זיטץ אלס ער האט דערהערט דיעזען נאמען, וועלכער איז שוין כמעט אין גאנצען אויסגעלאשען געוועזען פון זיין געדעכטנים. אבער די דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה איז געבליעבען רוהיג, און דער ביטע-רער שפעטישער שמייכעל איז נים אראפ פון איהרע ליפען. זיא האט וויטער גערעדט:

דער מארקיז גאנטראן פאן לאסי האט געהערט צו א שרעקליכער גע־היימניספאללער געזעלשאפט, וועלכע האט געהייסען „די קאמראדען פון שווערט".

—דאס ווייסט איהר! דאס ווייסט איהר! — האט דער באראן אויסגעשריען, און עס האט איהם געקלאפט א צאהן א צאהן פאר שרעק.

—איך ווייס אויך אז דיעזע געזעלשאפט איז בעשטאנען פון זיעבען מיטגליעדער, פון וועלכע דער הויפטמאן איז געוועזען קאלאנעל לעאן.

דער באראן איז געזעסען וויא אין טויטעסאנגסט און האט נים ארונ-טערגענומען זיין בליק פון דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה. דיעזע האט פארטגעזעצט:

—די איבעריגע מיטגליעדער האבען געהייסען: גאנטראן פאן לאסי, קאפיטאן לעמיקין, עמאנועל שאלאמבעל, גראף רובא, ריטער פאן אסטי, און דער באראן מארדיע.

דער באראן איז געזעסען וויא א פערגליווערטער.

—אבער ווער זיים איהר! — האט ער געמורמעלט מיט א דערשטיקטער שטימע ווער זיים איהר דאס איהר ווייסט אזעלכע זאכען?

די דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט זיך אויפגעריכטעט ביי דיעזער פראגע:

—איך בין איין נעהיימניס — האט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה נעזאגט — אדער פיעל מעהר איך בין איין אונבעקאנטער עדות פון פערברעכען, וועלבער קומט אויף פלוצלונג אין דער שטונדע פון פערגעלטונג, אום אנצוקלאגען דיא שולדיגע. איך האב קיין נאמע, אדער ניין, איך האב נור איינעם, און דיעזער הייסט ר א כ ע.

—איהר האט מיך אלזא נערופען צו זיך אום מיך צו פערפאלגען און צו בעשטראפען – האט דער באראן געפרענט מיט טרויער מעהר אלס מיט שרעק — מאדאם, אויב מיין לעבען קען אייך מאכען פערגעניגען, נעהמט עס, איך האב מטהד קיין מוטה מיין לעבען צו פערטהיידיגען. אין דעם אויגענבליק ווען איהר האט מיך נעטראפען האב איך ניט געהאט קיין סו צו בעצאהלען פארן אריבערגעהן איבערן בריק׳איך האב מעהר קיינע פריינדע, קיין אייגענס, קיינע האפנונגען און דער טויט שרעקט מיך ניט.

—באַ דאס וויס איך! איהר וואלט נערן געשטארבען דורך א שטיך מיט א שווערט אדער א שפיז, ווייל צו פיערציג יאהר זייט איהר שוין איבערזעטיגט מיט אלע פריידען פון לעבען.... אבער ווען מען זאל אייך שיקען שטארבען אויפען עשאפאָט....

—עשאפאָט! — האט דער באראן אויסגערופען, וועהרענד זיינע האר האבען זיך איהם אויפגעשטעלט.

—א פאָר בריעף מיט אייער האנדשריפט וואס זיינען געשריבען געווארען צו מארקיז פאן לאסי, קענען אנמאכען אז דער קעניגליכער פראָקוראָר זאל פאָרדערן אייער קאפּ פון געשווארענע אין געריכט, און איך וואלט וועטען, אז ער וואלט עס געקראגען. אויב ניט, וואלט ער אייך וועניגסטענס אוועקגעשיקט וואו דיא זון שיינט ניט......

איין אויסרוף פון שרעק האט זיך ארויסגעריסען פון באראנס ברוסט, און ער איז געזעסען וויא פערניכטעט.

—דיעזע בריעפע געפינען זיך ביי מיר אין דער האנד — האט דיא דאמע געענדיגט.

דער באראן האט זיך א ציה געטהאן צום טירל פון עקיפּאזש און האט געוואלט עפענען.

—ניין, מאדאם, ניין — האט ער אויסגערופען — ווער איהר זאלט אויך זיין. צום עשאפאט וועט איהר מיך ניט שיקען, דען איך געה מיך גלייך אריינווארפען אין דער סיינע.

—הערט מיך אויס — האט דיא דאמע געזאגט אנפאסענדיג איהם מיט איהר שווארצער האנד פארן ארעם — ערשטענס איז דער עקיפּאזש פערשלאסען און איהר וועט ניט פריהער קענען ארויס, ביז מיין קוטשער וועט עפענען, און דאנן, ווער זאגט אייך דען אז איך וויל אייך שיקען אין קרימינאל־געריכט? פיליכט האב איך פאר אייך אַנאנדער פארשלאג צו מאכען?

דיא טויטדעסאנגסט פון מארקיז האט זיך נעליינט און ער איז געקומען עטוואס צו זיך פון דיעזע ווערטער.

—איך קען אייך פערדערבען — האט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה געזאגט — אבער איהר קענט זיך אויסקויפען.

—וואס פערלאנגט איהר דען פון מיר ? — האט דער באראן געשטאמעלט.

—וויא וואוינט איהר ? — האט געפרעגט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה.

—דיעזען פריהמארגען נאך האב איך געוואוינט רוע מאסיע־לע־פרענס, נומער 17, אבער מען האט מיר געגעבען צו פערשטעהן, דאס אויב איך וועל נאך היינט ניט בעצאלען 12 פ־אנק קריעג איך ניט מעהר דעם שליעסעל.

דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט א ציה געטהאן דעם זיידענעם שנירל וואס האט פעראייניגט דאס אינערע פון עקיפאזש מיט דער אויסענזייט.

דער דיענער וואס זיצט מיטן קוטשער אויפען זיטץ האט זיך איינגעבויגען, אום צו עמפפאנגען דעם בעפעהל פון זיין הערין:

—רוע מאסיע־לע־פרענס נומער 17 — האט זיא געזאגט.

דער קוטשער האט אומגעקעהרט דיא פערד, און האט זיי אנגעטריעבען האס־טיגער. צוואנציג מינוטען שפעטער איז דער וואגען געבליעבען שטעהן ביים אריינגאנג אין דעם מעבלירטען האטעל.

דיא ווירטהין פון דעם האטעל איז געשטאנען דרויסען, און זעהענדיג וויא דער באראן איז צוגעפאהרען אין ברילליאנטען עקיפאזש מיט א יונגער שיינער דאמע, האט זיא ניט געוואגט צו פארדערן איהרע 12 פראנק, און האט איהם גע־געבען דעם שליעסעל.

דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה איז ארויף געשטיגען דיא פינף טרעפ, צום צימער פון באראן, וואו זיא האט זיך עטוואס ערמידעט ארונטערגעלאזען אויף א שטוהל וואס דער באראן האט איהר צוגערוקט.

—זייט אזוי פריינדליך און פארשליעסט דיא טיר, הערר באראן — האט זיא גע־זאגט — און איבערציינגט זיך אז קיינער קען אונז ניט אונטערהערען.

דער באראן האט געווארפען א בליק אין קארידאר, האט צוגעשלאסען דיא טיר, און מיט דעם הוט אין האנד האט ער זיך געשטעלט פאר דער פרוי וועלכע האט אויסגעוויעזען צו האלטען זיין שיקזאל אין איהר האנד.

דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט ארויסגענומען פון איהר פארט־פעל צוויי בילעטין צו טויזענד פראנק.

—צוערשט זייט אזוי פריינדליך און נעהמט דיעזעס — האט זיא געזאגט.

דער באראן וועלכער האט נאך געהאט עטוואס שאמגעפיהל איבערגעבליעבען אין איהם, האט מיט א בעוועגונג פון ווידערווילען אפגעשטופט פון זיך דאסגעלד.

—ענטשולדיגט, מיין הערר — האט זיא געזאגט — איך גיב אייך ניט א נדבה, זאנדערן אויפען רעכנונג

—אויפען רעכנונג ?

—יא, פון דעם אפמאך וואס מיר וועלין מאכען.

דער באראן האט געקנייטשט דעם שטערן:

—איך האב געגלויבט אז איהר וועט פון מיר פערלאנגען וועלכע דיענסט-לייס־טונגען פאר אייער שוויגען.

—מיין הערר, ערקויבט מיר אייך עטוואס צו ערקלערן: ווען איך בעזימץ גענוג סעקרעטען פון א מענשען אום איהם צו שיקען אויפען עשאפאט, בעטראכט איך דיעזען מענשען אלס מיין אייגענטהום, ער געהערט מיר לייב און זעעלע, און אין מיין געדאנקען איז ער א געגענשטאנד וועלכען איך מעג געברויכען וויא וויל.

דער באראן האט אראפגעלאזען דעם קאפ און האט געשוויעגען.

—און אויסער דעם, ווען איך גיעב אייך געלד, איז עס פיליכט וויל איהר וועט עס האבען נייטיג אום מיר צו דיענען.

—אויב אזוי איז וואס אנדערעס — האט דער באראן געזאגט און האט גענומען דיא צוויי טויזענד פראנק.

—יעצט — האט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה פארטגעזעצט — אייר דער איך וועל אייך געבען דיא נייטיגע אינסטרוקציאנען, ערלויבט מיר אייך צו זאגען, אז איך בין יענע געהיימניספאלע רעבערין, וועלכע וועט פריהער אדער שפעטער פערפאלגען און פאסען דיא מערדער.

הערר מארדיע האט אראפגעלאזען דיא אויגען. ער האט געפיהלט וויא ער ציטערט אונטער דעם אנבליק פון דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה זיא האט פארטגעזעצט:

—איך האב א שווערע אויפגאבע צו ערפילען: צו בעשטראפען יענע לייטע וועלכע האבען מיט דעם שווערט אין דער האנד זיך פאו שווארצן צו רויבען, און צו שענדען. צוויי זיינען שוין טויט.

דער באראן איז געווארן בלאס.

—דער ריטער פאן אסטי און קאפיטאן העקטאר לעמלין.

—אלזא, וועט אויך דיא רייהע קומען אן מיך? — האט דער באראן גע־פרעגט.

—יא אויך איהר וועט בעשטראפט ווערן.

—צו וואס דען זאל איך אייך נאך דיענען?

—אייער שטראפע וועט זיין קלענער.

—אלזא, רעדט — האט דער באראן געשטאמעלט

....

וואס איז איז פארגעקומען צווישען דעם באראן מיט דער רעבערין אין יענער שטונדע?

דאס איז געוועזען א סעקרעט, אהנע צווייפעל. עס איז אבער גענוג צו וויסען, דאס ווען דער באראן מארדיע האט זיך געפונען אויפען ווע פון מארקיז עמאנועל שאלאמבעל פאן מאנגארי געהענדיג צו דער רוסישער געזאנדשאפט, איז עס געוועזען אויף בעפעהל פון דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה, צו וועלכער ער האט פון איצטער אן געהערט, וויא דער פעראורטהייטער געהערט דעם תליון.

איצטער קענען מיר צוריקקעהרען צו דעם וואס האט פאסירט אין דעם טור־טענצימער פון באראן מאַרדיע. עמאנועל איז געוועזען געפּאַקען אין אהנמאכט. אלס ער האט אויפגעהויבען דיא דעקע פון טויטענס געזיכט און האט זיך איבערצייגט אז דאס איז וו,רקליך דער באראן.

דער קאפּיטאן וואס האט זיך אנגיגעבען אלס דעם באראן'ס סעקונדאנט, און אַקטאוו פון ראַמאַ, האבען זיך בעאיילט איהם אויפצוהויבען. דער קאפּיטאן האט איהם געגעבען שמעקען פון א פלעשעלע וואס ער האט געהאט ביי זיך, וועהרענד אקטאוו האט גערופען אום הילפע. אויף זיינע געשרייען זיינען צווי פערזאנען געקומען צולויפען. איינע איז געוועזען דיא ווירטהין פון האטעל; דער אנדערער — איין אלטער הויכגע־וואכסענער מאנן מיט גרייז־גרויע האָר.

—אה, גאט אליין האט אייך אהער געשיקט! — האט דער קאפּיטאן אויסגערופען.

—איהר זייט ארצט? — האט אקטאוו געפרעגט, זיך אומקעהרענדיג צו איהם.

—יא, מיין העדר.

דער דאקטאר האט אונטערזוכט דעם קראנקען, און האט געזאגט:

—דער מאנן האט זיך דערשראקען.

—דאס איז וואהר! — האט ראמאַ בעשטעטיגט.

דער דאקטאר האט זיך געווענדעט צו דער ווירטהין פון האטעל:

—מען מוז איבערטראגען דעם קראנקען אין אייגעם פון אייערע לײדיגע צימערן.

אקטאוו פאן ראמא און דער קאפּיטאן האבען גענומען דעם קראנקען אונ־טער דיא ארמע און האבען געפאלגט דער ווירטהין, וועלכע האט זיי אריינגעפיהרט דערביי. אין א צימער דארט האבען זיי דעם מארקיז געלייגט אויפן בעט.

דער אלטער מאנן האט דאנן פערלאנגט א לעפעל, האט אויפגעריסען דיא צו־זאמענגעדריקטע ציינער פון מארקיז, און אט איהם אריינגעגאסען אין מויל איינינע־טראָפּען פון א מעדיצין וואס ער האָ ארויסגענומען פון טאשע אין א קליי־נער פלעשעלע.

במעט אין דעמזעלבינען אויגענבליק האט עמאנועל געלאזט הערען פון זיך א טיע־פען זיפץ און האט געעפענט דיא אויגען. אבער דער בליק וואס ער האט ארום זיך געווארפע האט געברענט פון פיבער.

—דער טויטער? וואו איז דער טויטער? — האט ער געפרעגט מיט א פערענדער־טער שטימע.

דער דאקטער האט איהם אנגענומען פארן ארעם:

—ששש! איהר האט פיבער — האט ער איהם געזאגט — זיין שטיל.

עמאנועל האט איהם אויפמערקזאם אַנגעקוקט.

—אה, איך דערקען אייך — האט ער געזאגט.

דער דאקטאר האט זיך אומגעקעהרט צו אקטאוו:

—ער רעדט פון היטץ — האט ער געזאגט.

עמאנועל האט דיזעם ווארט דערהערט.

—ניין, ניין! — האט ער אויפגעשריען — איך רייד ניט פון היטץ, איך דערקען אייך, דאס זייט איהר געקומען צו מיר דיזען פריהמארגען נעהמען דעם האלב-מיל־יאָן פראנק.

דער דאקטאר האט געצוקט מיט די אַכסלען און האט זיך דאנן צוגעבויגען צו אָסטאָוו און האט איהם איינגערוימט אויפען אויער:

—זייט איהר דער פריינד פון דיזען העררען.

—יאַ, געוויס! 'דאס איז דער מארקיז פאן מאָנטגאָרי.

—דער דעפוטירטער.

—ריכטיג.

—ער האט אַ פרוי און קינדער, ניט וואהר?

—ווארום שטעלט איהר מיר דיזע פראגען?

דער דאקטאר האט אפגערופען ראַמאָ צום אנדערן ענד פון צימער און האט איהם געזאגט גאנץ שטיל:

—איך האב זעהר מורא פאר איין אנפאל פון וואהנזין, איינע גייסטיגע שטערונג וועלכע קען קומען אלס פאָלגע פון דעם שרעק וואס ער איז איבערגעקומען, איין שרעק וועלכען איך קען מיר ניט ערקלערן.

—איך קען עס מיר יאָ ערקלערן — האט אָסטאָוו צו ראַמאָ געזאגט.

—וויא אזוי?

—דער מארקיז איז איבערצייגט דאס ער האט היינט פריה געזעהן אַ מאנן, דעם באַראָן מאָרדיע, וועלכער איז שוין זייט נעסטערן געשטארבען. ער איז געקומען אהער אין דיזעס הויז אום זיך צו איבערצייגען, אז דער באראן איז ווירקליך טויט....

—דאס איבעריגע פערשטעה איך אליין. אבער דאס אליין איז ,דאך שוין איין צייכען פון משוגעת.

—איך גיעב צו!

—און איך זעה איין מיטעל איהם צו העלפען.

—וועלכען?

—מען מוז גלייך לאַזען קומען אהער די מארקיזין. דער אנבליק פון זיין פרוי וועט איהם פילייכט בערוהיגען.

—איך לויף און וועל זיא גלייך אהער ברייגגען — האט אָסטאָוו געזאגט.

—און אויב דאס וועט זיין ווייניג וועט מען אויך שיקען ברייגגען זיינע קינדער.

אָסטאָוו פון ראַמאָ איז ארויסגעלאפען, האט ארונטערגעשפרייזט די טרעפ צו דריי מיט אמאהל, און האט זיך ארייגגעהאפט אין עקיפאַזש צורופענדיג דעם קוטשער „שנעל צו דער וואוינונג פון מארקיז".

דער עקיפאַזש איז אוועקגעפאהרען.

דער דאקטאר איז א ווײלע געשטאנען בײַן פענסטער ביז ער האט געזעהן דיא קארעטע זיך פארקעהרענדיג אום אײנע עקע, דאנן האט ער זיך אומגעקעהרט או איז צוגעגאנגען צו עמאנועל וועלכער האט ניט אויפגעהערט צו בליקען ווילד ארום זיך. דער דאקטאר האט געמאכט א צייכען צום קאפיטאן, וועלכער האט גלייך פאר־לאזען דאס צימער. דאן האט ער זיך געזעצט אויפען ראנד פון בעט און האט גענו־מען דעם קראנקענס האנד:

—אה, איהר האט מיך אלזא דערקענט, הערר מארקיז? — האט ער איהם געזאגט.

—איך דערקען אייך, יא. דאס האט איהר מיר הײנט געבראכט א בריעף.

יא — האט דער מאיאר מאַרלאוו (דאס וואר ער דער דאקטאר) רוהיג געענטפערט און האט דאן צוגעזעצט: — און דאס האב איך פון אייך עמפפאנגען דיא פינף הונ־דערט טויזענד פראנק.

—ווער אלזא זייט איהר?

—א מענש וואס וועט אייך באלד דערקלערן עטוואס וואס איהר בעכט זיך אומזיסט דעם קאפ צו פערשטעהן.

—אה, וועגען באראן!.... האט דער מארקיז געמורמעלט.

—איהר וועט איהם באלד זעהן.... ער קומט אהער.

דער מארקיז האט זיך א הויב געטהאן פון בעטיל און איז געבליעבען זיטצען; זיין אויג האט געברענט און זיינע האר האבען זיך אויפגעשטעלט.

—איהם זעהן!.. ער קומט זאגט איהר!?

אנשטאט איהם צו ענטפערן האט דער מאיאר געגעבען דריי קלעפ מיט דיא הענד, און איינע סעקונדע שפעטער האט זיך געעפענט דיא טיר פון צימער און דער מארקיז האט געזעהן אריינקומענדיג באראן מארדיע, אנגעטהאן בעקוועם אין א שלאף־ראק.

—גוטען מארגען, מארקיז — האט דער באראן געזאגט מיט דער פרייהייט פון א וועלטמענשען וואס קומט אריין אין א זאל אויף א באל.

עמאנועל איז געבליעבען וויא א סטאטוע פון שטיין, און האט געהאלטען זיינ־אויגען אויפען באראן.

דיעזער האט זיך אריינגעזעצט אין גרויסען פאטעל וואס איז געשטאנען דערביי און האט געזאגט:

—איצטער, מארקיז, וועלען מיר א ביסל פלוידערן.

—אַ, איך ווער וואהנזיניג! — האט אויסגעשריען דער מארקיז, ביי וועמען שרעק און ערשטוינען האבען עררייכט דעם העכסטען פונקט.

....

וועהרענד דיא מארקיזין איז אין דער בעגלייטונג פון אקטאוו פאן ראמא גע־פלויגען וויא אהן אטהעם נאך דער רוע מאסיע־לע־פרענס, און וועהרענד דער עגלענ דער וועלכער וואר קיין אנדערער אלס לאָרד מעררייל, איז אוועק פון האָטעל פון מארקיז מאנגארי מיט איין אויסרוף פון צארן און ערגער אויף זיינע ליפפען, אין דער־

זעלביגער צייט זיינען דיא צוויי קליינע מיידעלאך פון מארקיז אוועגעפיהרט געווארע פון זייער גובערנאנטען און דער שווארץ־געקליידעטער דאמע. דער עקיפאזש האט זיך גענומען מיט דער רוע מיראמעניל צו דיא שאנז־עליזעע.

אזוי וויא דאס איז געוועזען דער ריכטיגער וועג אום אנצוקומען צום בריך פון „קאנקארד", און אריבערצופיהרען נאך דעם בולוואר סעינט־דשערמעין איז דיא גובערנאנטין געזעסען פערטרויענספאל, אהן א ברעקיל פערדאכט. אבער אלס דער עקיפאזש האט זיך פארקעהרט צו דיא שאנז־עליזעע איז דער פיאקר פלוצלונג געבליבען שטעהן און דער קוטשער האט זיך איינגעבויגען צום פענסטערל און האט דער קלערט דאס א פערד האט פערלארען א הוף (פאדקעווע) און ער קען ניט געה וויטער.

דיא אלטע דאמע האט געעפינט דאס טירל און איז אויסגעשטיגע דיא ערשטע.

—לאמיר נעהמען איין אנדער וואגען — האט זיא געזאגט.

גראד איז דערביי געשטאנען א דאפעל־שפאניגער עקיפאש ערוואטענדיג פאסאזשירען.

דיא אלטע דאמע האט געמאכט א צייכען, דער קוטשער איז צוגעפאהרען, או א מאנן אין א בלוזע פון איין ארבייטער איז צוגעלאפען עפענען דאס טירל.

דיא שווארץ־געקליידעטע דאמע האט גענומען איינע פון דיא צווייא מיידלאך אונטער דיא ארעמס און האט איינגעשטיגען אין עקיפאזש. דיא גובערנאנטין איז איהר נאכגענאנגען, האלטענדיג דאס צווייטע קינד.

אבער קוים האט זיא זיך אניעדערגעזעצט מיט דעם קינד אויף דיא קניע אונד דער מאנן אין דער בלוזע האט זיך ארייגעהאפט אין עקיפאזש אנשטאט אוועקצוגעהן, און האט שנעל צוגעשלאסען דאס טירל, וועהרענד דער וואגען האט זיך גערירט פון ארט.

דיא גובערנאנטין האט ארויסגעלאזען א געשריי.

—ווער איז דיעזער מענש? — האט זיא געפרעגט מיט שרעק.

—איך קען איהם האט דיא אלטע דאמע געענפערט רוהיג.

—ניין, ניין — האט דיא גובערנאנטען געשריען — איך וויל ארויס פון דאנען, איך וויל ניט פאהרען מיט דיעזען מענשען.

- בלייבט רוהיג מיין טאכטער — האט דיא אלטע דאמע געבעטען.

אבער דיא גובערנאנטען האט אנגעהויבען צו שריען און צו לארמען און האט זיך געווארפען צום פענסטערל אין סירג. דאס גלאז איז געוועזען מאט, און דאס פענסטערל האט זיך ניט ארונטערגעלאזען.

דער מאנן אין דער בלוזע האט זיך צולאכט;

—דיעזער וואגען איז עקסטרא געמאכט געווארען — האט ער געזאגט — מיט מאטע פענסטער וואס לאזין זיך ניט ארונטער.

דאנן אבער אלס דיא גובערנאנטין האט נאך אימער פערזוכט צו עפענען דאס טירל, און אלסביידע קינדער האבען זיך צושריען קוקענדיג אויף זייער גובערנאנטען האט דער מאנן אין בלוזע ארויסגעהאפט א מעסער וויא א קינזשאל, האט עס געעפינט זאגענדיג צו פריילין ראזאליע:

—ווען דוא זאגסט נאך איין ווארט מאך איך דיך קאלט!

דער שרעק האט געשלאסען דעם מונד פון דער יונגער דיענערין. דערווייל האט די אלטע דאמע ארויסגענומען א זעקיל מיט פיינע נאשערייען און האט עס געגעבען צו די קינדער, וועלכע האבען דאס מעסער ניט בעמערקט. די קינדער האבען זיך בערוהיגט און די גוברנאנטין האט געשוויגען. דער וואגען האט פארטגעזעצט זיין וועג מיט אונגעוועהנליכער שנעלקייט.

דורך די מאטע שויבען האט די גוברנאנטין בעמערקט צו איהר גרעסטען שרעק וויא דער טאג געהט צו ענדע און די נאכט קומט אן. עס איז שוין דאנן געוועזען ארום ענדע אָקטאבער, ווען אבענד פאננט זיך א אום פינף אוהר.

א פאר מאהל האט זיך די אונגליקליכע גוברנאנטין, בעגרייפענדיג איהר לאגע, א חאפ געטהאן מיט פערצווייפלונג, אבער דער מאנן אין דער בלוזע האט זיך צוגעבויגען צו איהר און האט געזאגט:

—אייך וועט קיין בייזעס געשעהן — האט ער איהר געזאגט שטיל — אבער אויב איהר וועט ניט זיין קליגער, און איהר וועט ווידער רייסען דאס טירל און רופען אום הילפע, וועל איך מיין מעסער אריינשטעקען אין ברוסט. דאס איז דער בעפעהל וואס איך האט ערהאלטען.

—אבער וואוהין פיהרט מען מיך, מיין גאט? — האט די אונגליקליכע געפרעגט.

—דאס וועט איהר זעהן שפעטער — האט די אלטע דאמע געענטפערט.

דער וואגען איז געפלויגען אונגעהייער שנעל, און פרייליין ראָזאליע האט געשפירט דאס זיא פאהרט אויף א בריימען וועג, אויסער שטאדט. און דא פון די אפטע ווענדונגען וועלכע דער וואגען האט געמאכט, האט זיא פאר־שטאנען אז מען זוכט איהר צו פארדרייען דעם קאפ אז זיא זאל נימ וויסע וואוהין מען פיהרט זיא.

ענדליך איז דער וואגען געבליעבען שטעהן, און די אלטע דאמע האט געזאגט:

—מיר זיינען אנגעקומען אויף אונזער בעשטימונגספלאטץ.

דער מאנן אין דער בלוזע האט אנגעקלאפט אין שויב, דער קוטשער איז ארונטערגעשפרונגען האט געעפענט דאס טירל. די עלטערע דאמע איז ארויס צום ערשטען, פיהרענדיג דאס עלטערע מיידעל פארן הענטיל. נאך איהר איז ארויס די גוברנאנטין מיט דעם צווייטען קינד, און הינטער איהר דער מאנן מיט דער בלוזע.

די אונגליקליכע מיידיל האט זיך ארומגעקוקט, אום צו זעהן וואו זיא איז דער־ וועלט, אבער עס איז שוין ביינאהע געוועזען נאכט, און ווייט איז אונמעגליך געווע־ זען צו זעהן. דער וואגען איז געבליעבען שטעהן אויף א פלאטץ וואס איז געוועזען ארומגענומען מיט א פארקאן, און האט נור געהאט איין גיטער דורך וואָען אריינצור פאהרען. פאר זיך האט די יונגע גוברנאנטין געזעהן איין קליינעס הייזיל, אין וועל בען נור איין איינציגעס פענסטער איז געווען בעלויכטען.

די אלטע דאמע האט אנגעקלונגען, די טיר פון הייזיל האט זיך געעפענט, און די דאמע איז איינגעטרעטען אימער פיהרענדיג איינעס פון די קינדער פארן הענטיל.

—וואו זיינען מיר, פריילין ראָזאַליע — האט געפרעגט איינע פון דיא קינ־דער, אומעטיג.

—איהר וועט זעהן באלד מאמא, מיינע קינדער — האט דיא דאמע געענטפערט דיא טיר פון הויז האט זיך געעפענט. א פרוי אין מיטעלן עלטער האט זיך בעוויזען אויפען שוועל, מיט א לאמפ אין דער האנד, און האט בעגריסט דיא שווארץ־געקליידעטע אלטע דאמע.

דיזע איז דורכגעגאנגען א קליינעם קאָררידאר און איז ארויף א טרעפ וואס האט געפיהרט צו אויבערשטען עטאזש, פיהרענדיג אימער איין קינד פארן האנד און געפאלגט פון דער גובערנאנטין מיט דעם צווייטען קינד.

אין אויבערשטען עטאזש האט דיא דאמע געעפינט דיא טיר פון א גרויסען צימער, וואו עס זיינען אויף געשטאנען דריי בעטין. איינע א גרויסע און צוויא קינדערשע.

—מאמא! וואו איז מאמא? איך וויל זעהן מאמא! — האט זיך צרוויינט דיא קליינע בערטהא, בעטראכטענדיג מיט שרעק אלעם וואס דאָ געהט פאר.

—זיא קומט באלד אהער — האט דיא אלטע דאמע צערטליך געזאגט.

—און פאפא אויך, נימ וואהר?

—געוויס, מיינע קינדער — האט דיא אלטע דאמע געענדיגט, און האט דאן געמורמעלט פאר זיך: — ארמע קינדער! ווער וויים אויב איהר וועט נאך אמאהל זעהן אייער פאטער.

אין דער זעלביגער צייט האט דער מאנן פון דער בלוזע געזאגט צו דער גובער־נאנטין, וועלכע האט נימ אויפגעהערט צו וויינען:

—איך גלויב, מיינע קליינע, אז איהר וועט זיך פערהאלטען רוהיג און וועט נימ זוכען צו אנטלויפען. דא זיינען פאראנען ריגלען אויף דיא טירען און אייזערנע גראטעס אויף דיא פענסטער.

....

זיעבענטעס קאפיטעל.

משוגע און נימ משוגע, ער און נימ ער.

לאמיר צוריקקעהרען נאך פאריז, נאך דער רוע מאָסיע־לע־פּרענס, וואו מיר האבען צוריקגעלאזען מארקיז עמאנועל שאַלאמבעל, וועלכער האט מיט שרעק און ערשטוינען געקוקט אויף באראן מאָרדיע.

דער באראן מאָרדיע האט זיך בעקוועם אויסגעשטרעקט אין פאָטעל און האט אָנגעקוקט עמאנועלן שמייכלענדיג. דיזער איז געזעסען בלאס, צטערנדיג, האלטענ־דיג זיין אויג אויף דעם געמיינטען טויטען, וועלכער האט זיך צופריעדען געטולעט אין זיין שלאָף־ראָק.

—נון, מארקיז! — האט דיזער געפרעגט נאך איינעגע אויגענבליקע פון קאָמישען שטילשווייגען — איך גלויב אז איהר האט זיך נימ געריכט מיך אזוי צו זעהן, נימ וואהר?

דער מארקיז האט איהם נאך אימער אנגעקוקט און געשוויגען.

—איצטער אבער, מיין ליעבער מארקיז — האט דער באראן פארטגע־זעצט — נאכדעם וויא דיא קאמעדיע איז געשפיעלט, וועט מען אייך זאגען דיא ווארהייט.

—דיא ווארהייט? — האט עמאנועל געשטאמעלט, קומענדיג עטוואס צו זיך — דיא ווארהייט?......

—יא, מארקיז, דיא גאנצע ווארהייט. איך בין ניט טויט......

דער מארקיז האט אויפגעשריען.

איך האב מיך קיינמאל ניט געפיהלט אזוי גוט וויא איצטער. זעהט, פיהלט מיין האנד! עס איז דא וואס אנצוגעהמען און איז ווארם, גאר ניט וויא פון א טויטען אדער פון א גייסט.

דער באראן האט אויסגעשטרעקט זיין ארם און האט בעריהרט דעם מארקיז וועלכער האט ניט ווילענדיג אויפגעציטערט.

—אדער גלויבט איהר פיללייכט אז טויטע קומען אמאהל צוריק?

—מיין הערר! — האט דער מארקיז אויסגערופען, בעליידיגט פון דער לעצטער אנשפיעלונג.

—איז עס מעגליך, דאס א מאנן וויא איהר, א פילאזאף, איין אפיקורס, זאל איין אויגענבליק קענען גלויבען דאס טויטע קומען צוריק?

דיעזע ווערטער וועלכע זיינען ארויסגעזאגט געווארען פון באראן מיט א ביטערן שפאט זיינען געוועזען פארן מארקיז פונקט וויא א קאלטע וואנע פאר א שכור. וויא דורך א צויבער האט ער זיך געפיהלט קומענדיג צוריק צום שכל, אין איין אויגענבליק איז ער געוועזען זיין אייגענער הערר, קאלטבלוטיג און בעזעצט, און האט אנגעקוקט דעם באראן מיט א פיקסירטען בליק.

—דאס הייסט אלזא נור בעטרוג? — האט דער מארקיז געזאגט.

—איך גיעב עס צו.

—און איך בין דער בעטראגענער?

—נון, יא, וואס איז דא צו פרעגען!

—זעהר גוט! — האט דער מארקיז אויסגערופען זיך אויפהויבענדיג פון בעטיל מיט איין שבורונג — איהר וועט מיר דערפאר רעכענשאפט געבען, האף איך.

—געווים — האט דער באראן געענטפערט — אבער ווילט איהר פיללייכט אויס־הערן וועלכע אורזאכע מיך האט דערצו געבראכט איך זאל מיט אייך מאכען שפאס?

—איך בין בערייט אייך אויסצוהערן.

דער מארקיז וועלכער איז געוועזען שוין גאר אנאנדער מענש אלס מיט איינינע מינוטען צוריק האט זיך אנידערגעזעצט ביין אנדערן ענד פון צימער, אנקוקענדיג דעם באראן מארדיע און דעם געהיימניספאלען דאקטאר, וועלכער האט זיך פארגעשטעלט ביי איהם דעמזעלבינען פריהמארגען אום צו נעהמען דעם האלבען מיליאן פאר בלידא. דער מאיאר ארלאוו איז אין דער צייט פון דיעזען קורצען געשפרעך צווישן מארקיז און באראן, געבליעבען שטיל און גאנץ אין זיך געקטהרט.

דער באראן האט אנגעוויעזען אויף איהם מיטןפינגער:

—דיעזער הערר איז מיין מיטפערשווארענער — האט ער געזאגט.

—ווער איז דיעזער הערר? — האט דער מארקיז געפרעגט מיט א בליק פון פעראכטונג.

—א פריינד פון מיר און בלידא.

—אה, איהר קענט בלידא?

—גאנץ געוויס.

א שמייכעל פון פעראכטונג האט זיך בעוויעזען אויף די ליפען פון מארקיז עמאנועל שאלאמבעל.

—האט זיא מיט אייך געטהיילט דעם האלבען מיליאן פראנק? — האט ער געפרעגט.

—דורכאויס ניט.

—אבער דיעזער הערר האט דאך געוויס וועלכעס אינטערעסע אין דער זאכע? — האט עמאנועל געענדיגט, אנווייזענדיג פון זיין זייט אויף מיטן פינגער אויף מאיאר ארלאוו.

—איהר האט א טעות, מיין הערר — האט דיעזער געזאגט קאלט — בלידא האט נאך נאר ניט אנגעריהרט דיעזע האלב מיליאן פראנק.

—אה!

—זיי זיינען נאך ביי מיר.

דער מארקיז האט איהם אנגעקוקט ערשטוינט.

—און איך בין בערייט זיי אייך צוריקצוגעבען — האט דער מאיאר געענדיגט.

דאס זאגענדיג האט דער נראף ארלאוו ארויסגענומען זיין פארטפעל, און האט פון דארט ארויסגענומען די צוויי אנווייזונגען און האט זיי איבערגעגעבען דעם מאר־קיז, וועלכער איז געשטאנען וויא א הילצערנער.

—איהר מאכט שפאס מיין הערר! — האט ער אויסגערופען.

—ניין, מיין הערר! מיר זיינען שווארץ־קינסטלער אבער קיינע גנבים.

דער בריעף פאר וועלכען איהר האט אזוי טהייער בעצאהלט געפינט זיך נאך אין אונזער בעזיטץ.

—נו, דאס איז שוין א ביסל איבערגעזאלצען! — האט דער מארקיז געזאגט — איך האב דעם בריעף אליין פארברענט, און אזוי וויא איהר אליין זאגט אז די טויטע קומען ניט צוריק, ווט איהר מוזען צוגעבען אז א פארברענטער בריעף קען ניט צוריק בעשאפען ווערן פון דער אשע.

—אויפען ערשטען בליק איז עס אונמעגליך, אבער דעננאך איז עס וואהר.

—איהר שפאסט, מיין הערר!

דער מאיאר האט ווידער געעפינט זיין פארטפעל או האט פון איהם ארויסגענומען א פערגעלבטען פאפיער וועלכען ער האט געהאלטען אונטער די אויגען פון מארקיז.

דיעזער האט אויפגעשריען פאר ענטזעטצען. דאס איז געוועזען דערזעלביגער בריעף וועלכען ער האט געהאט געלעזען און פארברענט דיעזען פריהמארגען, מיט דער עכטער אונטערשריפט פון קאלאנעל לעאן.

עמאנועל האט זיך א קלאפ געטהאן אין שטערן מיט צארן און שרעק צוגלייך.

—אָ, דאס איז זאָנדערבאר! איך גלויב אז איך ווער פערריקט.

—מיין ליעבער מארקיז — האט דער באראן אנגעפאנגען מיט א שפּעטישען טאָן — אויב איהר וועט אונז געבען עטוואס צייט וועלען מיר אייך דאס אלעס ערקלערען.

—דען ערקלערט עס מיר יעצט, און נעהמט זיך אין אכט! — האט עמאנועל גע־רופען אין וואוטה — דאס קען אייך ביידע קאסטען טהייער!

דער מאיאר האט געצוקט דיא אכסלען וועהרענד באראן מארדיע האט פארטגעזעצט.

—מיין ליעבער מארקיז, איהר דארפט וויסען, אז מיר וואלטען פון אייך ניט פער־לאנגט קיין האלב מיליאן פראנק, ווען מיר וואָרטען פאָראויסגעזעהען אז איהר קענט עס אזוי שנעל שאפען. מיר האבען זיך געקלעהרט אז איהר וועט זיך מוזען אנטרויען אייער פרוי אום דאס געלד צו קריגען.

—אה, איהר האט געמיינט......

בלידא איז געוועזען גאנץ ערשטוינט אלס איהר האט איהר געבראכט דאס געלד. זיא האט אייך איבערוויעזען צו איהרע ראטהגעבער, און אזוי וויא מיר האבען ביי אונז א גוטען פעלשער פון דאָקומענטען, האט מען אייך געגעבען א גוטע קאָפּיע פון קאָלאָנעל לטאָנס בריעף.

—נון גוט! גיט מיר דעם עכטען בריעף און נעהמט אייך דיא פינף הונדערט טויזענד פראנק.

—דאס געהט ניט — האט דער מאיאר געענטפערט.

—ווארום?

—וויל מיר ווילען ניט ארויסגעבען פון האנד אזא טהייערן בריעף, און ווען מיר וועלען שוין יא ארויסגעבען וועט עס נור זיין צו גונסטען פון איין־איינציגער פערזאָן......

—וועלכע! איהר קענט?....

—נו געוויס! דאס איז מיין געוועזענע שטיף־מוטער, דיא מארקיזין פאָן מאָנטנאָרי.

—עלענדער! — האט דער מארקיז געשריען.

אין דעם אויגענבליק האט זיך געלאזט הערן דער געוויש פון א וואגען וועלכער האט זיך אפּגעשטעלט ביים טיר פון האָטעל.

—הערט! איך קען וועטען אז דאס איז זיא, דיא מארקיזין! האט דער באראן אויסגערופען — ענטשולדיגט מיר מארקיז, איהר פארשטעהט דאך אז איך קען ניט אויפטרעטען פאר א דאמע אין דעם לייכטען קאסטיום. איך מוז געהן מאכען מיין טואלעט....

און דער באראן איז ארויסגעגאנגען, איינגעוויקעלט אין זיין שלאָף־ראָק און דער מארקיז האט גאר ניט געדאכט דאראן איהם צוריק צו האלטען דיא פרישע דראהונג וועלכע ער האט דא יעצט געהערט האט איהם אויף דאס נייע גע־טראפען וויא א דאנערשלאג.

דאס איז ווירקליך געוועזען דיא מארקיזין פאן מאנטנארי וועלבע איז אנגעקומען, געפיהרט פאן העררן אקטאוו פאן ראמא.

—מיין הערר — האט זיך דער מאיאר האסטיג געווענדעט צו עמאנועל— לייגט זיך צוריק אויפען בעט און לאמיר ניט אויסזעהן וויא שפיעלענדיג א קאמעדיע.

עמאנועל האט געהארכט אליין ניט אויסענדיג ווארום.

צוויי מינוטען שפעטער האט זיך געעפענט דיא טיר און דיא מרקיזין איז אריינ־געקומען געפאלגט פון אקטאוו פאן ראמא.

מאדאם מאנטנארי האט זיך א ווארף געטהאן מיט איין אויסרוף פון פריידע צו איהר מאנ׳ אין דיא ארמע.

—א טהייערער עמאנועל! — האט זיא אויסגערופען — מיין טהייערער מאנ׳, וואס איז מיט דיר געשעהן?

—א גאר ניט, ביינאהע גאר ניט — האט דער מארקיז געענטפערט.

דיא גענענוואָרט פון זיין פרוי, איהר שטראַ־ענ׳ער צערטליכער בליק איהם איין אויגענבליק געמאכט פערגעסען דיא שרעקליכע דראָהונג פון באראן מארדיע.

—מיינע טהייערע פריינדין — האט עמאנועל געזאגט נאך אין א ווייל ארום — מיר האט פאסירט עטוואס זאנדערבארעס. איך בין דאס אפפער פון א בעט־וג.

—א בעטרוג! — האט אקטאוו אויסגערופען.

—יא — האט עמאנועל געענטפערט.

ער האט אנגעקוקט דעם מאיאר. דיעזער האט נוטמיטהיג געשמייכעלט

—דער מארקיז מארדיע האט געשפיעלט א בייזען שפאס. ער האט זיך גע־מאכט פאר טויט, און ער יז עס ניט.

—וואס מיינט דאס?! — ה ט אקטאוו אויסגערופען, גאנץ ערשטוינט..

—ער איז איצטער־ערשט פ.ן דאנען ארויסגעגאנגען — האט עמאנועל פארטגע־זעצט — ער קומט גלייך צוריק, איהר וועט איהם זעהן....

דיא מארקיזין איז געשטאנען ציטערנדיג פאר וואוטה און פאר ער־שטוינען אין ערעלבינער צייט. אבער נאך איידער זיא האט עטוואס גע־זאגט האט זיך פון קארידאר געלאזט הערען א גערויש וויא פון קלעפ מיט א האממער.

—הערט איהר מאדאם — האט דער מאיאר געזאגט מיט א טרויערינען שמייכעל — דער באראן איז אזוי טויט, דאס יעצט פארק אפט מען זיין זארג.

מאדאם מאנטנארי און אקטאוו האבען ביידע אויפגעשריען פאר ענטזעצען, וועהרענד דער געמיינטער דאקטאר האט צוגעזעצט:

—אייער מאנן איז וואהנזיניג, מאדאם!

ווען א בליטץ וואלט פלוצלונג ארונטער געפאלען צו דיא פיס פון עמאנועל, און איין אבגרונד וואלט זיך פלוצלונג פאר איהם אויפגעעפענט, וואלט אויף איהם ניט געמאכט קיין שרעקליכערע ווירקונג וויא דיעזע אייניגע ווערטער וועלבע דער גראף ארלאוו האט געזאגט צו זיין פרוי: „אייער מאנן איז וואהנזיניג, מאדאם!“

דיזע בעשולדיגונג אין וואהנזינן פיר א מענשען וואס פיהלט זיך פאלשטענ־דיג געזונד קערפערליך און גייסטיג, איז געוועזען ווירקליך אים שטאנדע איינעם וואהנ־זיניג צו מאכען.

עמאנואל איז געבליעבען וויא א פערשטיינערטער. ער האט אין דעם אויגענ־בליק בעגריפען וואס פאר א שרעקליכע פאללע מען האט איהם דא אונטערגעשטעלט. ווען ער זאל נאך אימער בעהויפטען אין דער געגענווארט פון אקטאוו פאן ראמא דאס דער באראן לעבט, נאכדעם וויא אקטאוו אליין האט איהם געזוזען ליעגענדיג צווישן דיא ברענענדע ליכט, און אין דער געגענווארט פון זיין פרוי וועלכע האט גע־הערט יעצט דיא קלעפ פון האמער מיט וועלכען דער זארג ווערט פארשלאגען דאנן וועט ער דערמיט בעשטעטיגען נור דיא בעהויפטונג פון דיזען מענשען וועלכער גיט זיך אן פאר א דאקטאר, און זאגט אז ער, עמאנועל, איז וואהנזיניג. דאס אלעס האט דער מארקיז פארשטאנען, אין דעמזעלביגען אויגענבליק האט ער זיך אויך דער־מאהנט, דאס דיזער מענש האט אויך ביי זיך יענעם בריעף, וועלכער קען דער מארקיזין אויפקלערען דאס איהר מאנן איז א מערדער.

און אלס דער מאיאר האט איהם אנגעקוקט שטרענג און רוהיג, פונקט וויא ער וואלט איהם וועלין זאגען: „נעהמט זיך אין אכט!" האט האט ער מעהר קיין ווארט גערעדט.

דער פאלשער דאקטאר האט דאנן גענומען די מארקיזין פארן האנד און האט זיא אפגערופען אן א זייט.

—מאדאם — האט ער איהר געזאגט — אייער מאנן איז פעררירקט אבער זיי וואהנזין איז נים אונהייליבאר, און איך גלויב זאגאר אז זיין וואהנזין וועט נים לאנג אנהאלטען.

—אה, מיין הערר, קענט איהר איהם רעטען! ? — האט דיא מארקיזין גערופען וועה־רענד טרעהרען זיינען געלאפען איבער איהרע וואנגען.

—איך בין רוסע — האט דער מאיאר פארטגעזעצט — און אין מיין לאנד האב איך געהאט דעם רוף פון א געשיקטען ארצט אין אזעלכע קראנקהייטען.

—אָ רעטעט מיין מאנן — האט דיא מרקיזין גערופען — און מיין גאנצעס פער־מעגען, מיין הערר.........

דער מאיאר האט זיא אונטערבראכען מיט א בעוועגונג פון דער האנד און מיט א שמייכעל.

—איך בעוואוין אין פאססי איין קליינעס הויז ביין וואסער — האט ער געזאגט— דארט הערשט פאלשטענדיגע רוהע, און אויב איהר זייט צופריעדען מיר אנצופער־טרויען אייער טהייערן חולה....

—אה, אויב דאס איז נייטיג... מיין הערר....

—איך וועל איהם אוועק פיהרען נאך דיזען אבענד, און איך פערשפרעך אייך זיינע היילונג.

—אבער וועל איך איהם קענען זעהן?

—יעדען טאג, מען וועט איהם זאגאר נאך דארפען בריינגען אמאהל דיא קינדער אויך.

—יא, מיין הערר, יא — האט געענטפערט דיא בּוּדויערנסווערטהע.

—יעצט, מאדאם, פארלאזט איהם — האט דער מאיאר פארטגעזעצט — אייערע טרעהרען קענען נאך שלעכט ווירקען אויף איהם.... אבער קומט דיעזען אבענד, אום אכט אוהר, נאך פּאסי, און בריינגט אייערע קינדער מיט.

און דער מאיאר ארלאָוו האט געמאכט אַ צייבען צו הערךן אקטאוו פאן ראמאָ און האט איהם גאנץ שטיל געזאגט:

—געהט מיט דער מארקיזין.

עמאַנועל האט דאס אלעס געזעהן און געהערט און איז געלעגען וויא פּאראַליזירט, קערפּערליך און גייסטיג. ער האט געזעהן וויא זיין פרוי איז ארו סגעגאנגען און האט ניט געהאט דיא קראפט זיא צוריקצוהאלטען, אדער איהר עטוואס צו זאגען. ער האט אויסגעזעהן וויא אַ מענש וואס איז געטראפען וויא פון אַ דונער.

ערשט ווען דיא טיר האט זיך צוגעמאכט הינטער זיין פּרוי און זיין פריינד איז ער געקומען עטוואס צו זיך. ער האט זיך אויפגריכטעט אין בעט און האט זיך.געווענדעט צום מאיאָר:

—אה דו עלענדער! ווילסט דוא מיר איצטער אויך זאגען אז איך בין וואהנזיניג?

—ציהט איהר פיליבט פּאָר איך זאל בעסער זאגען אייער פרוי אז איהר זייט אַ מערדער?

דער מארקיז האט פון דיעזע ווערטער אנגעפאנגען צו ציטערן, און האט געמורמעלט:

—מיין גאט וואס ווילט איהר פון מיר מאכען?

—מיר ווילען אז דער מארקיז עמאַנועל מאנטנארי זאל זיין וואהנזיניג!—ביי דיעזע ווערטער האט זיך געעפענט דיא טיר און דער באראן מארדיע איז אריינגעקומען. ער איז ניט מעהר געוועזען אנגעטהאן אין זיין שלאָפ־ראָק, זאָנדערן אין אַ פיינעם אנצוג, מיט דער רויטע לענטעטשקע פון עהרענלעגיאָן אין זיין קנאָפּלאָך.

ביי זיין אנבליק איז ביין מארקיז זיין שרעק און זיינע פערצווייפלונג אומגעוואנדעלט געווארן אין צארן. צום צווייטען מאהל האט ער זיך אַ הויב געטהאן פון בעטיל, איז צוגעלאפען צום באראן מארדיע און האט איהם אבגעמאסטען מיט אַ בליק פון קאפּ ביז דיא פיס:

– באראן—האט ער געזאגט — אזוי וויא איך קען ניט דיעזען מענשען וועל איך מאכען מיין חשבון מיט אייך.

מיט דיא ווערטער „דיעזע מענשע״ האט ער געמיינט דעם מאיאר.

דער מאיאר האט געצוקט דיא אכסלען און האט געשוויעגען. אבער דער באראן האט זיך צולאכט אויפעו קוי, נאר זיין געלכטער האט געקלונגע טרויעריג, וויא דער געלעכטער פון אַ מענשען וואס האט ניט צו פערליערען.

—מיין ארעמער מארקיז — האט ער געזאגט — איך קען וועטען אז איהר בעטראכט מיך איצטער פאר אייער ביטערסטען פיינד, וועלכער איז אייך מקנא אייער גליק, און האט זיך פארגענומען אייך עס צו צערשטערן.

—מיין הערר — האט דער מארקיז געענטפערט — איך גלויב אז אייער אייפפיהרונג נים מיר דאס רעכט אזוי צו דיינקען.

—איהר האט א טעות, מארקיז. אלעס וואס אייך איז געשעהן קומט נים פון מיר.

—פון וועמען דענן ?

—פון א פערזאן ביי וועמען אין האנד איך בין נים מעהר וויא איין אינסטרומענט, און וועמען — אח — איך געהער מיט לייב און זעעלע

—נעהמט זיך אין אכט מיין הערר ! — האט עמאנועל געשריען אין וואוטה— איך ווייס נים פון וועלכער פערזאן איהר רעדט, דאנגעגען אבער ווייס איך אז איהר האט געטריעבען מיט מיר שפאס, פאר וועלכען איהר וועט זיך דארפען שלאגען מיט מיר.

—דאס איז אונמעגליך......

—ווי? דאס מיינט דאס איהר ענטזאגט זיך......

—איך קען מיך מיט אייך נים שלאגען — האט דער באראן געענטפערט קאלט.

—ווארום נים ?

דער מאיאר ארלאוו, וועלכער האט ביז יעצט בייגעוואוינט שווייגענדיג דיא צאנ־ סעריי, האט זיך ענדליך אריינגעמישט.

—איך וועל עס אייך זאגען — האט ער געזאגט.

—אה, איהר ? — האט דער מארקיז געזאגט ווארפענדיג א בייזען בליק אויף זיין פאלשען דאקטאר.

דיעזער האט געענטפערט :

—דער בארא מארדיע קען זיך מיט אייך נים שלאגען דערפאר וואס איהר זיים וואהנזיניג, דערפאר וואס פאר דער וועלט איז עס נייטיג אז איהר זאלט גיכטען אלס וואהנזיניג.

דער מאיאר האט דיעזע ווערטער ארויסגערעדט מיט דער קאלטקייט און גלייכ־ גילטיגקייט, וויא א ריכטער זיין אורטהייל. און זיך ווענדענדיג צום באראן האט ער געפרעגט :

—איז דער וואגען אונטען בערייט ?

—יא.

—מיט מיינע לייטע ?

—יא, זייווארטען אויפען טראָטואר.

—זעהר גוט ! רייכט אייער ארעם דעם מארקיז, מיר פאהרען אוועק.

דער צארען פון עמאנועל האט זיך געלייגט, און דער שרעק האט איהם ערגריפ־ פען. ער האט אנגעהויבען צו ציטערן :

—אבער וואוהין פיהרט איהר מיך ? — האט ער געפרעגט מיט פערצווייפלונג.

—צו מיר, נאך פאססי.

—צו אייך ? אבער ווער זייט איהר ?

—פאר אייער פרוי בין איך א דאקטאר וואס הייכט משוגעים.

—און.... פיר מיך ?

—פיר אייך — האט דער מאיאר געזאגט מעלאנכאָליש — בין איך דער פּאָל־שטרעקער פון א שרעקליכען אורטהייל וועלכער איז געגען אייך אויסגעשפּראָכען געוואָרן.

דיעזע ווערטער זיינען געזאגט געוואָרן אזוי ערנסט, אזוי פייערליך, דאס דער מאר־קיז האט זיך געפיהלט ערשיטערט ביז צום מארך פון זיינע ביינער.

—אח, מיין ארעמער מארקיז — האט דער באראן געמורמעלט, אוועקפיהרענדיג עמאנועלן פאַרן ארעם – מיר זיינען געוועזען „קאמראדען פון שווערט״, און מוזעןביידע איצטער טהייער דערפאר בעצאהלען.

דיעזע לעצטע ווערטער האבען אין גאנצען צונענומען פון מארקיז זיין ווילען און זיין דיינקען, און ער האט געפאלגט דעם באראן און דעם מאיאר פּונקט וויא א קינד.

א וואָגען מיט צוויי פּערד איז געשטאנען אונטען ביים טיר פון דעם מעבליר־טען האָטעל. צוויי לייטע אין לאנגע מאנטלען האבען ארומגעשפּאצירט הין און צוריק אויפען טראטואר.

ביים אנבליק פון מארקיז און זיינע ביידע בעגלייטער האט איינער פון דיעזע מע־נער געעפענט דאס טירל פון וואגען.

—שטייגט איין, מארקיז — האט באראן מארדיע געזאגט.

עמאנועל האט געהאָרכט. דער מאיאר האט זיך געזעצט צו זיין רעכטער זייט און דער באראן צו דער לינקער זייט, וועהרענד איינער פון דיא ביידע לייטע וואס האבען געהאט געווארטעט דרויסען, האט זיך אריינגעזעצט אין וואגען זיי אנטקעגען. דער צווייטער האט זיך ארויפגעהאפּט אויפען זיטץ צום קוטשער.

—דאס זיינען מיינע העלפער — האט דער מאיאר געזאגט, און זיך צובייגענדיג צום אויער פון מארקיז האט ער איהם איינגערוימט: — איך האף, מיין הערר, אז איהר וועט קיין פארזוך מאכען צו לויפען אדער צו רופען א פּאליציסט צו היגפע. איך האב האב ביי מיר מיינע פּאפּירען, צו בעווייזען אז איך בין איין אירדענארצט, און מיינע לייטע וועלין עס בעשטעטיגען.

—זייט רוהיג, מיין הערר — האט עמאנועל געענטפערט — איך וועל אום הילפע ניט רופען.

—נאך פּאסי ! — האט דער מאיאר צוגערופען דעם קוטשער.

דער וואגען האט אוועקגעראלט שנעל, איז צוגעקומען צום ברעג פון דער סיינע, איז אריבער דעם בריק „קאָנקאָרד״, און איז אנגעקומען שנעל נאך פּאסי, וואו ער איז געבליעבען שטעהן פאר א קליינעם הויז וואס איז גע־וועזען געבויט ביים ברעג וואסער.

—דאס איז אייער געפענגניס — האט באראן מאָרדיע געזאגט צו עמאנועל, אנ־ווייזענדיג מיטן פינגער אויף דאס הויז — איהר זעהט, אז דאָ איז גאר ניט אזוי שרעק־ליך וויא מען וואלט פיליכט געקענט דיינקען.

דער מאיאר איז ארונטערגעשטיגען דער ערשטער און האט אנגעקלונגען ביים גיטער פון קליינעם גערטעלע וואס איז געוועזען פארן הויז. איין דיענער איז ארויסגע־קומען פון הויז און האט געעפענט.

דער מאיאר איז געגאנגען פאראויס און האט אריינגעפיהרט דעם געפאנגענעם אין א גרויסען שיינעם זאל, וואו א שיינעם פייער האט געברענט אם קאמין.

—זעצט זיך, מיין חולה — האט ער איהם געזאגט, צו רוקענדיג צו איהם א שטוהל — און ערלויבט מיר אייך צו געבען א פראגראמע נאך וועלכער איהר וועט דא דארפען לעבען.

אבער דער מארקיז האט איהם מיט א האנדבעוועגונג אונטערבראכען.

—מיין הערר האט ער איהם געזאגט — איך האב גענוג פערשטאנד אום מיך ניט אייך גאנץ אונגימטציגערוויזע צו הידערזעטצען. איהר האט אויף אייער זייט אי דיא ברוטאלע און אי דיא מאראלישע מאכט און איך מוז מיך אונטערווארפען. אבער פיי־לייכט וועט איהר מיר ניט ענטזאגען וועלכע קורצע ערקלערונג.

—לאמיר זעהן — האט דער מאיאר געענטפערט.

—ווארום האט איהר מיך אהער געבראכט ?

—אום אייך צו היטען, און, אום דיא מארקיזין צו מאכען דיינקען, אז מען היילט דא אייער משוגעת.

—איהר אבער ווייסט דאך אז איך בין ניט משוגע.

—געוויס ; אבער דער באראן און איך......

—האט איין אינטערעסע מיך צו מאכען משוגע פאר דער וועלט ניט ואהר ?

—גאנץ ריכטיג.

—נון, דיעזעס אינטערעסע קען איך ניט בעגרייפען — האט דער מארקיז געזאגט גאנץ רוהיג......

דער באראן און דער מאיאר האבען זיך ביידע פערשטענדניספאל איבערגע־קוקט. דער מארקיז האט דיעזען בליק, בעמערקט און האט זיך געווענדעט צום באראן מאידיע :

—ענטפערט מיר, באראן. איהר קענט דאך ניט זיין איין ווערקצייג פו ראכע אין דיא הענד פון איין אפפער פון אונזער אלטער געזעלשאפט......

—דער באראן האט געשוויגען.

—אויב איהר װילט מיך פערדערבען אין דיא אויגען פון מיין פרוי, דאנן פער־פאלגט איהר דערביי געוויס א פערזענליכען צוועק. איהר האט געהאט איין רעכט צו האסען ד"א יעניגע וועלכע וואר אייער שטיף־מוטער, און האט געהייסען באראנעסע פאן מארדיע, אבער האט איהר אויך איין רעכט מיך צו האסען ?

—ניין — האט געזאגט דער באראן.

—אויב אייער צוועק איז געלד, מיין גאט, ווארום זאגט איהר ניט, איך בין בערייט צו אלע אפפער.... איך בין גענוג רייך אום צו בעצאהלען פאר מיין גליק......

דער באראן האט געצוקט דיא אכסלען, און האט געשוויגען. דער מאיאר דא־נענען האט איהם שטאלץ אנגעקוקט :

—איהר זייט אין אירטהום, מיין הערר — האט ער איהם געזאגט — ניט געלד דיקטירט דעם באראן זיינע אויפפיהרונג, און דעם בריעף וועלכען מיר האבען וועלען מיר ניט פערקויפען פאר קיין רייכטהום אין דער וועלט. ער וועט בלייבען אין אונזערע הענד און וועט הייגנען איבער אייער קאפ וויא דאס שווערד פון דאמאקלעס.

—דאנן זייט איהר הענקער! — האט עמאנועל אויסגערופען אין פערצווייפלונג, וועהרענד א שוויים האט בעדעקט זיין געזיכט.

—פיליכט......

—אבער היינקער האנדלען אימער מיט דער קראפט פון געזעטץ....

—דאס איז ריכטיג.

—וואו איז יענעם געזעטץ וואס בעוואפנעט אייך נעגען מיך? — האט עמאנועל געפרעגט ציטערענדיג.

—דאס געזעטץ פון וועלכען מיר זיינען ווערקצייגע — האט דער מאיאר געענט־פערט — איז בעשטעטיגט געווארן אין רוים מיט דריי טויזענד יאהר צוריק. דאס געזע‌ץ הייסט: „דיא שטראפע פון פערגעלטונג“.

עמאנועל האט פארדעקט זיין געזיכט מיט זיינעביידע הענד און טרערין זיינע איהם דורכגערונען צווישען דיא פינגער.

—ווייסט איהר מארקיז — האט באראן מארדיע אנגעפאנגען — דאס צו ליעב אייך האט עס דער מארקיז גאנטראן פאן לאסי געטעדטעט אין דועל דעם גענעראל רוביני.

—שווייגט, שווייגט! — האט עמונעל געמורמעלט אלס ער איז דערשראקען אויפ־געשפרונגען ביי דער עראינערונג פון יענע גרוילטהאטען.

—און אויך צוליעב אייך איז עס געוועזען, דאס דער ריטער פאן אסטי האט עס אזוי קאמבינירט, דאס דער מארקיז מאנטנארי, דער מאנן וואס האט אייך אדאפ־טירט אלס זיין זאהן, איז געפאלען פון איין אפאפלעקסיע.... איהר געדיינקט גע־וויס, מארקיז, דאס אייער אדאפטיוו־פאטער האט נאך געהאט בדעה צו הייראט־הען, נאכדעם וויא ער האט ערפאהרען דאס זיין קוזין, גענעראל רוביני איז געשטארבען.

דיעזע ווערטער האבען אויסגעשלאסען יעדען פונקט פון ענערגיע און פערזענליכען ווידערשטאנד אין בוזעם פון מארקיז. ער האט איינגעזעהן אז זיין לעצטע שטונדע איז געקומען, און וויא יענע גרויסע פערברעכער ווען זיי זעהן דיא האק איבער זיך, האט ער נור געהאט איין־איינציגען געדאנקען — צו בעטען אום גנאדע.

—יא — האט ער געמורמעלט — איך בין געוועזען א פערברעכער און האב פער־דיענט דיא שווערסטע שטראפע, אבער איך האב זייט דיא לעצטע זעכס יאהר דאס בערייעט.

דער באראן האט איהם איבערגעשלאגען מיט א האנדבעוועגונג.

—נו, נעהמט דאך! — האט ער איהם געזאגט — איהר פערליערט אייער געדעכטניס מיין ליעבער! האט איהר מיר געסטערן ניט געזאגט דאס איהר שפירט קיין האר געוויסענסביסע, און איהר בעטראכטעט זיך אלס דער גליקליכסטער מענש אויף דער וועלט.

—דאס איז וואהר — האט ער געשטאמעלט.

—דאנן דארפט איהר ניט ריידען פון איינגעבילדעטער רייע (חרטה).

—אבער — האט דער מארקיז אויסגערופען, פערטהיידיגענדיג דעם באדען טריט ביי טריט — איהר דיינקט גאר ניט דאראן, וויא עס שיינט, דאס ווען איהר פערניכטעט מיך, טרעפט אייער האנד אויך דריי אונשולדיגע קעפ, מיינע פרוי און איהרע צוויי קינדער.

דער מאיאר האט געצוקט מיט דיא אכסלען פונקט וויא ער וואלט גע־געוואלט זאגען: דאס איז איין אונגליק וועלכעס מיר אלע בעדויערן, אבער ער איז אונפערמיידליך.

איין שרעקליכער שמערץ האט ערגריפפען דעם מארקיז.

—נון גוט! — האט ער אויסגערופען — צייגט דיעזען בריעף מיינער פרוי, ענט־דעקט איהר אלעס, זאגט געשעהן וואס עס וויל. איך וועל מיך ווארפען צו איהרע פיס, וועל בעטען פערצייהונג, און אזוי וויא זיא איז גוט און ליעבט מיך, וועט זיא מיר פערצייהען, דענן זיית דיא לעצטע זיעבען יאהר האב איך געלעבט וויא איין עהר־ליכער מאנן... וויא א גוטער פאמיליענפאטער, און האב ניט מעהר צו טהאן מיט לייטע....

דער באראן מארדיע האט זיך צולאכט.

—אח, מיין גאט! איהר ווייסט ניט וואס איהר רעדט, מארקיז; איידער איהר געהט זיך ווארפען צו דיא פיס פון אייער פרוי, איידער איהר ענטשליעסט זיך אויף אזא געפעהרליכען טריט, הערט בעסער אויס וואס אייער שטראפע וועט זיין.... פיליכט איז דיא שטראפע וואס ערווארטעט אייך פיעל קלענער אלס דיא יעניגע וואס איהר וועט זיך אליין נעהמען....

—איהר זאגט „פילייכט", איהר ווייסט עס אלזא ניט? — האט דער מארקיז געפרעגט.

—ניין.

—אבער דיעזער מענש וויים עס....

עמאנועל האט געהאט אנגעצייגט אויף מאיאר ארלאוו.

—ניין — האט אויך דיעזער געענטפערט.

דער מארקיז האט אנגעקוקט ביידען.

—אין ווענעס נאמען דען האנדעלט איהר דא, דאס איהר ווייסט קיינער ניט וואס מיין שטראפע איז? — האט ער געפרעגט ציטערנדיג.

דער באראן און דער מאיאר האבען געשוויעגען, אבער א טיר האט זיך געעפינט אין הינטערגרונד פון זאל, און דער מארקיז האט איבערראשט און דערשראקען געזעהן ערשיינען א שווארץ־געקליידעטע פרוי וועלכע איז צוגעקומען צו איהם און האט איהם קאלט אנגעקוקט.

דיא דאמע האט געמאכט א צייכען מיט דער האנד, און דער מאיאר ארלאוו מיטן באראן האבען פארלאזען דאס צימער.

עמאנועל האט אנגעבליקט דיעזע פרוי מיט שטומען שרעק. זיא איז געוועזען יונג און וואונדערבאר שעהן, אבער עס האט אויסגעזעהן אז איהר יוגענד האט פער־וועלקט פאר דער צייט, איהר שעהנהייט האט געהאט עטוואס שטרענגעס, פאטאלעס אין זיך. אויף דיא דינע בלאסע ליפען האט דער מארקיז געזעהן שפיעלען א שמייכעל וועלכער האט איהם געמאכט פיהלען קאלט.

—איהר האט געפרעגט אין וועמעס נאמען דיעזע לייטע האנדלען? — האט זיא אנגעפאנגען.

—יא — האט דער מארקיז געשטאמעלט.

—אין מיין נאמען — האט זיא געענטפערט קאלט.

—ווער זייט איהר דענן?

—דאס מאכט ניט אויס.... איך האב דאס רעכט אייך צו בעשטראפען......

—איהר?

—יא, איך.

—וואס האב איך אייך דען געטהאן? איך זעה אייך צום ערשטען מאהל׳ מאדאם.

—איך האב אייך אויך פריהער ניט געזעהן.

—אלזא?

—העדר מארקיז, איך טראג יעצט טרויער נאך א מאנן וועמען דיא בריעדערשאפט פון שווערט האבען אומגעבראכט.

דער מארקיז האט אויפגעשריען און האט אנגעפאנגען צו ציטטערן.

—ווער זייט איהר אלזא? — האט ער נאך אמאהל געפרעגט.

—איך הייס מארקיזין גאנטראן פאן לאסי — האט זיא ארויסגערעדט לאנגזאם.

דער שרעק האט זיך אויסגעמאהלט אויפען געזיכט פון עמאנועל, ווערהענד דיא דאמע האט געקאזט הערן פון זיך איין געלעכטער פול שפאט און הערויספאָדערונג.

—איך קען וועטען, העדר שאלאבעג, דאס יעצט פארשטעהט איהר מיט וועלכען רעכט איך שטעל מיך אויף אלס רעכערין, און איך וואג עס אנצוגרייפע אייער גליק——

עמאנועל האט געפיהלט וויא זיינע פיס בייגען זיך און ער האט זיך ארונטערגעלאזען אויף דיא קניע פאר דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה.

—גנאדע! — האט ער געמורמעלט.

—אה, ניין — האט זיא געזאגט מיט ביטערן שפאט אין איהר שטימע — איך ווייס פון קיין גנאדע פאר קאמעראדען פון שווערט. אבער עס איז מיר שוין איבערדריסיג געווארן צו טעדטען און איך וויל ענדערן דיא שטראפע. איהר וועט ניט שטארבען מארקיז, וויא דער קאפיטאן לעמלין, אדער וויא דער ריטער פאן אסטי, ניין.... פאר אייך האב איך אנגעגרייט אנאנדער שטראפע....

און אלס דער שרעק פון עמאנועל האט עררייכט דיא העכסטע שטופע, האט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה צוגעזעצט:

—איהר וועט לעבען, מארקיז, און דאך וועט מען אייך האלטען פאר געשטארבען, און אייער פרוי און אייערע קינדער וועלען טראגען טרויער נאך אייך.

איין גערויש איז איינגערונגען פון דרויסען אין זאל, און א קארעטע איז צוגעפאהרען און האט זיך אפגעשטעלט ביים טיער פון הויז. דאס איז געוועזען עמאנועלס קארעטע, דיא זעלבינע וועלכע האט איהם מיט אקטאוו געבראכט נאך דער רוע מאסיע-לע-פרענס, און האט נאכהער אויך געבראכט אהין דיא מארקיזין.

אויך עמאנועל האט בעמערקט דיא קארעטע און אין זיין הערצען האט אויפגעליהט א פונק פון האפנונג. ער האט געהאט געהערט וויא דער רוסישער דאקטאר האט געזאגט פריהער צו זיין פרוי זיא זאל קומען נאך פאסי מיט דיא קינדער, און

דער געדאנקען צו זעהן זיינע פרוי מיט זיינע קינדער האט איהם צוגעגעבען עטוואס מוטה.

נון גוט! — האט ער געזאגט — איך וועל מיך ווערפען צו דיא פיס פון מיינער פרוי, איך וועל נעהמען מיינעביידע קינדער אין מיינע ביידע ארעמס און וועל מיך מיט זיי בעדעקען וויא מיט א פאנצער. דיא דריי ענגעלס-קעפ וועלען פון מיר אב־ווענדען פיליינט דיא פיינדליכע מאכט.

אבער צו זיין גרעסטען שרעק און ערשטוינען האט ער געזעהן וויא נור איין פערזאן איז אויסגעשטיגען פון וואגען, און דאס איז געוועזען אקטאוו פאן ראמא.

דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוע האט דאנן ערגריפען עמאנועל פאר ארעם, האט איהם אריינגעפיהרט אין א צימער דורך דיא טיר, דורך וועלכע זיא אין אריינגעקומען אין זאל, און מיט א בעפעהלערישען טאן האט זיא געזאגט:

—הערט מיך אויס, מארקיז, אויב איהר ווילט לעבען, זאלט איהר קיין ווארט, קיינע זילבע פון זיך ניט לאזען הערן......

דאן האט דער מארקיז געהערט וויא א טיר האט זיך געעפענט אין א צימער דערביי, נאכהער דעם גערויש פון טריט און דיא בעקאנטע שטימע פאן ראמא, וועל־כער האט געזאגט:

—גוטען מארגען, הערר דאקטאר, ענטשולדיגט וואס איך בין אזוי שנעל געקומען אהער.... עס האט פאסירט איין שרעקליכער אונגליק!

—איין אונגליק! — האט דער פאלשער דאקטאר אויסגערופען בכומרשט איבערראשט.

עמאנועל האט אויפגעשפרונגען און ער וואלט געווים געטהאן א געשריי ווען דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה וואלט איהם ניט פארמאכט דעם מונד מיט איהר האנד.

—שווייג! — האט זיא אויסגערופען, און איהם אנגעקוקט אזוי בייז, דאס עמא־נועל איז געבליעבען וויא פאראליזירט.

—פון וועלכען אונגליק רעדט איהר? — האט דער דאָקטאר געפאעגט.

—דיא מארקיזין איז האלב וואהנזיניג — האט אָקטאוו געענטפערט.

—ארעמע פרוי!......

עמאנועל האט געציטערט און האט נאך אמאהל פראבירט עפענען זיין מויל.

—שטיל! — האט דיא דאמע איהם ווידער צוגערופען.

—דאס אונגליק פון איהר מאנן האט דיא ארעמע פרוי שרעקליך אנגע־רופען — האט דער דאקטאר געזאגט.

—אָ, ווען עס וואלט ניט מעהר געוועזען ווי דאס.... זיינע מיידלאך......

ביי דיעזע לעצטע ווערטער האט זיך דער מארקיז געטהאן א ווארף צום טיר פון דעם צימער וואו אקטאוו איז געשטאנען און האט אפגעשטופט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה אן א זייט! אבער זיא האט איהם אומקלאמערט מיט

איהרעביידע הענד ארום האלדז מיט אלע כחות און האט גערופען איהם אין אויער אריין.

—שוויינ, אדער דיינע קינדער זיינען פערלארען....

דיעזע דראהונג האט דעם אונגליקליכען פאטער אזוי וויא פערשטיינערט. ער איז געבליעבען מיט אויסגעגלאצטע אויגען פאר שרעק און זיינע האר האבען זיך איהם אויפגעשטעלט.

—וואס האט דען פאסירט זיינע מיידלאך?

—זיי זיינען פערשוואונדען.

—פערשוואונדען?

—יא, זיי זיינען ענטפיהרט געווארן.

—אבער ווען, וואו, וויא אזוי? — האט דער דאקטאר אויסגערופען, שפיעלענדיג אויסגעצייכענט דיא איבערראשונג — זייט איהר פעררי‍קט, מיין הערר?

—אח, ניין! אין דער צייט וואס איך האב אוועקגענומען דיא מארקיזין פון איהר וואהנונג אום זיא צו ברייגגען נאך דער רוע מאָסיע־לע־פרענס, האט זיך א פרוי פאר־געשטעלט דארט אין האטעל......

—נון?

—זיא האט אנגיגעבען אז זיא איז געשיקט פון דער מארקיזין וועלכע פערלאנגט נאך איהרע קינדער. דיא גובערנאנטין האט עס געגלויבט און איז רוהיג איינגעשטיע־גען מיט דיא קינדער אין וואגען אין וועלכען דיעזע פרוי, איז געקומען צו־פאָהרען, און פון דאנן האט מען ניט מעהר געזעהן, ניט זיא און ניט דיא קינדער.

דאס איז געוועזען וויא א בליטץ־שלאג פיר עמאנועל. דיא דאמע, מיט דעם שווארצען האנדשוה האט איהם ניט מעהר געדארפט צוריקהאלטען, דען ער איז צוזא־מעננעזונקען אויף דעם |ארט וואו ער איז געשטאנען, ער האט זיך ארונטערגעלאזען אויף א שטוהל, מיט דיא הענד פארבראכען און מיט דיא אויגען פערגלאָצט צום הימעל:

דערווייל? האט דער דאקטאר געפרעגט:

—האט מען דיא בעצייכנונג פון דיעזער פרוי?

—זיא איז געוועזען איינע עלטערע פרוי, געקליידעט אין שווארצען....

—דאס איז זיא! האט אויסגערופען דער דאקטאר.

—ווער זיא?!

—דיא קינדער־גנב׳טע.

אקטאוו האט אויפגעשריען פאר שרעק און דער דאקטאר האט שנעל געזאגט;

—איהר האט קיינע איינציגע מינוט צו פערליערען דענן דיעזע פרוי וועט פערלא־זען פאריז נאך איידער דער מארגען קומט. זיא געהערט צו א בעוואוסטע שייקע וועל־כע מאכט דערפון איהר האנדוועריק, צו גנב׳ען קינדער פון רייכע פאמיליען, און זייא אוועקצופיהרען פון לאנד, נאך דייטשלאנד, אונגארן, בעהמען, און אמאהל אויך נאך שפאניען.

—אבער ווארום? צו וועלכען צוועק?

—אום נאכהער דיא פאמיליען צו מאכען צו בעצאהלען גרויסע סומע

דיא קינדער אויסצוקויפען.... אבער קומט מיט מיר...... לאמיר לויפען פיליכט איז נאך צייט!....

דערשראקען, פארקלעמט איז אקטאוו פאן ראמא מיטגעגאנגען מיטן דאקטאר.

עמאנועל האט ווידער געמאכט א בעוועגונג צום טיר, האט געוואלט זייא נאכלויפען, אבער דיא מארקיזין פאן לאסי האט איהם נאך אמאהל עראינערט:

—נעהם זיך אין אכט! ווען דוא בלייבסט ניט רוהיג זיינען דיינע קינדער אויף אייביג פארלארען.

און דער מארקיז איז געבליעבען וויא צוגעשמידט. פון זיינע ליפען האט זיך קיין קול געלאזט הערען קיין מוסקעל האט זיך בעוועגט אויף זיין געזיכט. ער האט געהערט וויא דער פאלשער דאקטאר איז ארויסגעגאנגען מיט אקטאוו פאן ראמא, און וויא דער וואגען איז אוועקגעפאהרען.

דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט זיך צולאכט:

—נה, מארקיז, דיינקסט דוא ניט אז דיא וועלבע דיענען מיר שפעלען זייערע ראללען אויסגעצייכענט? אט האסט דוא דיין דאקטער וועלבער וויים בעסער פון מיר וואו דיינע קינדער זיינען, פיהרט אוועק אקטאוו ראמא דיין פריינד, אין א פלאטץ וואו זיי זיינען ניטא.

דיעזע ווערטער האבען אויגענבליקליך ארונטערגעריסען דעם פינסטערן שלייער וואס איז געלעגען איבער מארקיז פערשטאנד. האלב־וואנזיניג פון שמערץ האט ער זיך אויפגעריכטעט מיט פלאמענדע אויגען און האט אנגעקוקט זיינע פיינדין.

—אה, איהר ווייסט וואו זיי זיינען? און איהר וואגט עס מיר צו געשטעהן? — האט ער אויסגערופען.

זיא האט רוהיג אריבערגעראגען זיין בליק און דיעזען אויסברוך פון צארן, און האט רוהיג געענטפערט:

— נעהט זיך אין אכט, מיין הערע מארקיז, איהר פארגעסט אייער רעספעקט צו מיר און איהר פארגעסט אז איך האב דא דיענער גענוג......

דיעזע ווערטער האבען אין גאנצען אויסגעלאשען דאס פייער וואס האט אויף א ווילע אויפגעפלאמט אין דיא אויגען פון מארקיז און האבען איהם אין גאנצען וויא פערניכטעט. ער האט זיך ארונטערגעלאזען אויף דיא קניע און האט אונטערטהעניג צוזא־מענגעלייגט דיא הענד. אין דעם אויגענבליק האט ער אין גאנצען פערגעסען זיך אליין און האט נאר געטראכט אן זיין ווייב מיט זיינע קינדער וועלכע זיינען ענטריסען געווא־רען פון זייער מוטער. און מיט א געבראכענער שטימע אין וועלכער עס האט זיך גע־הערט יאמער און טרעהרען און וואלט געקענט בעוועגען דאס גרויזאמסטע הערץ, האט ער געמורמעלט:

—אה, מאדאם, זאגט מיר א ווארט, בעפעהלט מיך צו טעדטען, איך וועל אייך געהארכען, נאר גיט צוריק דיא קינדער דיעזער ארעמער פרוי, דיעזער מוטער...

—דאס הייסט אב פון אייך מארקיז......

—רעדט, מאדאם וואס ווילט איהר איך זאל טהאן?

—נה גוט! הערט מיך אויס. אייערע קינדער זיינען אין מיינער מאכט. אויב

איהר געהארכט מיר ניט בלינדערהייד ווען איהר זיי ניעמאלס וויעדערזעהן. איהר ווערט זיך געפינען געזיכט צו געזיכט מיט אייער פרוי וועלכע ווערט אייך האסען און עראכטען, דענן זיא ווערט וויסען דאס איהר זייט א מערדער, און דאס דיא גואלת הדם, דיא רעכערין פון יענע וואס זיינען צוליב אייך געטעטעט געווארן, האבען דיא קינדער פון איהר ענטריסען....

און דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט צוגעזעצט מיט איהר קאלטען און שרעקליכען שמייכעל:

—זעהט איהר מארקיז וואס פאר א לעבען פון שאנדע, פון שטענדיגע פארוואורפען איהר ווערט דארפען פיהרען מיט אייער פרוי אליין, דען אייערע קינדער ווערט איהר נים מעהר האבען, מארקיז, איהר ווערט זיי קיינמאהל נים וויעדערזעהן......

—א, מיין גאט! — האט עמאנועל געבעטען — נעהמט מיין לעבען, נאר גיט מיר צוריק מיינע קינדער....

—דיר, ניין, אבער דיינער פרוי זאלען זיי צוריקגעגעבען ווערען — האט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה געענטפערט — און אויב דוא ווילסט, וועלין דיך דיינע פרוי און דיינע קינדער בעוויינען וויא דעם בעסטען דאנן און פאטער, זיי וועלין טראגען טרויער נאך דיר און וועלין האלטען כהייער דיין אנדענקען.

—אה, איך פערשטעה — האט דער אונגליקליכער פאטער געזאגט — איהר ווילט איך זאל מיך טעדטען......

—פיליייכט.

—אבער וועל איך זיי מינדעסטענס אייגמאהל וויעדערזעהן? — האט ער גע־שריען אין פערצווייפלונג.

—ניין — האט דיא דאמע געענטפערט קאלט. און דאנן האט זיא צוגעזעצט: קלייב זיך אוים: דוא קענסט צוריקקעהרען צו דיין פרוי וועלכע ווערט מארגען וויסען דאס דוא ביסט דער מערדער פון העררן פאן ווערן, און לעבען מיט איהר, אהנע דאס זיא זאל אמאהל וויעדערזעהן איהרע קינדער....

—ניין, ניין, ניעמאלס! — האט ער אויסגערופען אויסער זיך.

—דאנן מוזט דוא געהארכען.

—מיין גאט, וואס האב איך דען צו טהאן?

דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה איז צוגעגאנגען צום קאמין און האט געצויגען דעם שנירל פון א גלעקיל. דא טיר האט זיך באלד געעפינט און דער באַראן מארדיע איז אריינגעקומען מיט א לאמפע אין דער האנד, דען דער אבענד איז שוין געוועזען אנגעקומען, און דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה מיטן מארקיז האבען זיך געפונען אין דונקעלן.

—האט איהר געמאכט אייער טעסטאמענט, מארקיז? — האט זיא געפרעגט.

—יא, מאדאם.

—דאס איז גוט. איהר וואלט עס זאנסט געקענט יעצט אויםשרייבען מיט א פריה־רינגען דאטום, און מען וואלט עס געפונען דערנאך אונטער אייערע פאפיערען. יעצט אבער זעצט זיך דא און שרייבט....

זיא האט איהם אנגעוויעזען א שרייב־טיש, אויף וועלכען עס האבען זיך געפונען אלע שרייב־געצייג.

עמאנועל האט גענומען דיא פעדער אין האנד און האט געוואַרט. דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט אנגעפאנגען צו דיקטירען:

—„היינט, אום צעהן אוהר אבענדס, אלס איך האב מיך געלייגט אויף מיין בעט־„טעל, האב איך געזעהן ערשיינען דעם גייסט פון באראן מאָרדיע, וועלכער פערפאלגט „מיך און בעשולדיגט מיך דאס איך האב איהם בעליידיגט א טויטען, דערמיט וואס „איך האב אויפגעדעקט זיין געזיכט אלס ער איז געוועזען צוגעדעקט מיט דעם טוי־„טעננעוואנד. דער באראן האט מיר געמאכט א צייכען איהם צו פאלגען, און איך „פאָלג איהם. וואוהין פיהרט ער מיך? איך וויים עס נים. אבער דיא טויטע האבען „איינע אונווידערשטעהליכע אנציהונגסקראפט, גגען וועלכער דיא לעבעדיגע האבען „קיינע קראפט צו קעמפפען.

„מארקיז שאלאמבער פאן מאנטנארי“.

איינע מאהל איז עמאנועל געבליעבען שטעהן אונווילליג צו שרייבען אזא און־זינן, אבער דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט איהם אנגעטריעבען מיט דיא ווערטער:

—שרייבט, שרייבט מיין העררי: איהר דארפט פערשטעהן דאס א וואַהנזיניגער קען נים לאזען א צוואה פון א פערנינפטיגען מענשען.

—אבער איך געה מיך דאך טעדטען?

—שרייבט, שרייבט.

עמאנועל האט עס אויפגעשריעבען און האט געצייכענט.

אלס ער האט געהאט געענדיגט האט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה געזאגט צום באראן מאָרדיע:

—האפט זיך ארויף אויף א פערד, מיין העררע, און לויפט צו אהין, וואו איהר ווייסט, און זאגט אז מען מעג דיא קינדער אפשיקען צו זייער מוטער.

דער באראן האט זיך פארנייגט און איז ארויסגעגאנגען.

דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט זיך דאנן ווידער געווענדעט צום מארקיז:

—דיא געשיכטע פון אייער ענדע מעג אזוי דערציילט ווערן: אייער דאקטאר האט אייך איבערגעלאזען זעהר רוהיג און ער האט דעריבער קיינע בעזאנדערע אויפמערק־זאמקיים עמפפאהלען צו אייערע היטער. איהר האט זיך דערמיט בענוצט און זייט ארויסגעגאנגען. דאס גיטער איז געוועזען אָפען. איהר האט זיך ארויסגעגליטשט אויף דרויסען, און אזוי וויא דיעזעס הויז שטייט הארט ביי דער סיינע, האט איהר זיך אריינגעווארפען אין וואסער, איבער ראזענדיג אייער הוט אויפען ברעג.

דער מארקיז וועמען דיא שטענדיגע אויפרעגונג האט אין גאנצען אפגעשטומפפט האט צום לעצטען מאהל אויפגעציטערט.

—איך מוז אלזא שטארבען? — האט ער געפרעגט צום צווייטען מאהל.

דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט ווידער אנגעקלונגען. צוויי מענער יינען ערשיענען, דיא זעלביגע וואס דער מארקיז האט גֿעסטערן געהאט געזעהן וואר־טענדיג אויפען טראָטואר פון דער רוע מאסיע־לע־פרענס.ביידע מענער האבען געטראָ־גען אויף דיא שולטערן א לאנגען פאק. אויף א צייכען פון דער דאמע האבען זיי דעם פאק ארונטערגעווארפען אויפען פוס־באָדען.

—איז אלעס פערטיג ? — האט זיא זיי געפרעגט.

—יא, מאדאם.

—און דער פאסטוואגען ?

—ערוואַרטעט ניט ווייט פון דאנען אויפען ברעג.

—גוט ! ענדיגט אייער ארבייט.

דיאביידע מענער האבען ארויסגעוויקעלט דעם לאנגען געגענשטאנד וואס זייא האבען אריינגעבראכט, און דער מארקיז איז צוריקגעשפרונגען פאר שרעק אין ענטזעצען. דאס איז געוועזען א טויטער קערפער......

דער טויטער קערפער וואס דער מארקיז האט יעצט געהאט פאר זיינע אויגען, האט דאַרגעשטעלט איין שרעקליכעס אנבליק. דאס געזיכט איז געוועזען אזוי פערשטימעלט, דאס עס איז געוועזען אונמעגליך צו דערקענען וואס פאר א געזיכט דער מענש האט געהאט. אבער עס האט אויך אויסגעזעהן אז דיא געזיכטסציגע זיינען צושטערט געווארן אבזיכטליך דורך א כעמישען פראָצעס, וויל אים איבעריגען האט זיך נאך דער גאנצער קערפער גוט געהאלטען. דיא ליפען זיינען געווען צושפאלטען, דער נאז צוזאמענגעקנאפט פונקט וויא פון א שרעקליכען פאלל, און דיא אויגען זיינע געווען אפען און שרעקליך אנצוזעהן.

עס וואלט אונמעגליך געוועזען דעם גענויעסטען אונטערזוכער צו זאגען וואס פאר א געזיכט דער מאנן האט געהאט, און צו איז ער געוועזען העסליך אדער שעהן, אבער זיינע האר זיינען געוועזען בלאָנדלאָך. דער בארד פון דער זעלבער פארבע, און זעהר קורץ געשניטען.

דאס איז געוועזען פונקט דיא זעלביגע פארבע און דיא זעלבע פארם וויא דער מאַרקיז פלעגט טראגען זיינע האר.

דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט איין אויגענבליק בעטראכטעט דעם קערפער שטיל און נאכדענקליך, וועהרענד דער מארקיז האט געקוקט מיט שרעק. דאנן האט זיא זיך געווענדעט צו עמאנועל:

—מאַרקיז, דיעזער מענש האט זיך דערטרונקען היינט פארטאג. ער האט געהייסען וויקטאָר באַרביער. ער איז געוועזען איין ארעמער טייפיל, א בוכהאלטער אהן א שטעלע געבארען אין בעלגיען, און אלט א יאהר זעכס-און-דרייסיג. איז דאס ניט אייער עלטער, מארקיז ?

—יא, מאדאם.

—ער איז אויך געוועזען אין אייער וואוכס און האט געהאט זיינע האר פון דער-עלביגע פארבע וויא איהר......

עמאנועל האט ניט אנגעהויבען צו פערשטעהן וואס זיא וויל דערמיט זאגען.

—ער האט זיך דיעזען פריהמארגען דערטרונקען און איך האב אבגעקויפט דיעזע קערפער פון דיא מאטראזען וואס האבען איהם ארויסגעפישט, און דער מאנן ביי וועמען איהר וואוינט יעצט, איין געשיקטער בעמיקער, האט ענטשטעלט דאס געזיכט פון דער לייכע אזוי וויא איהר זעהט.

—אבער צו וואס דערציילט איהר מיר דאס אלעס ! — האט דער מארקיז ענדליך אויסגערופען.

—אה, איהר פערשטעהט עס נאך ניט? — האט די דאמע געפרעגט מיט א שפעטישען שמייכעל.

—ניין.

—דיעזער מענש וואס האט געהייסען וויקטאר בארביער און אום וועמעס פערשווינדען קיינער ביעקימערט זיך ניט, וועט בעגראבען ווערן מיט גרויס פאראד. ער וועט האבען א לויה ערשטער קלאסע. די גרעסטע דיפלאמאטען און עדעללייטע וועלען געהן הינטער זיין וואגען, מיליטער וועט פאראדירען, און מען וועט איהם בייזעטצען אויפ'ן בית עולם פון פער־לאשעז אין א פאמיליען־גרופט מיט דיעזער אויפשריפט:

היער רוהט

עמאנואל שאלאמבעל

געשטארבען

אין 37־טען יאהר פון זיין לעבען.

עמאנועל האט אויפגעשריען פאר ענטזעטצען.

—אהא, יעצט פערשטעהט איהר עס מארקיז, ווארום מען האט ענטשטעלט די געזיכטסציגע פון דיעזען מענשען, וועלכען מען וועט באלד צוריק אריינווארפען אין דער סיינע און וועלכער וועט נאכהער ווידער ארויסגעפישט ווערן.

—אבער ווער וועט עס וואגען צו זאגען אז דער מענש בין איך? — האט דער מארקיז געשריען.

—אייערע קליידער, אייער ציערונג, אייער טאשענבוך וועלכעס וועט ענהאלטען בריעף און קארטען.

דער מארקיז איז געבליעבען וויא פערשטיינערט און האט ניט געענטפערט. די דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט געמאכט א צייכען צו ביידע מענער, האט דאנן געעפענט א טיר און איז פערשוואונדען.

איינינע מינוטען שפעטער האט זיך דער מארקיז געפונען אזוי נאקעט וויא די לייבע פון דעם אונגליקליכען וויקטאר בארביער.

דאנן האט איינער פון דיעזער מענער געעפענט אן אלמער און האט ארויסגענומען אונטערוועשע און קליידער, און האט עס דערלאנגט דעם מארקיז.

—קליידעט זיך אן — האט ער איהם געזאגט.

געבראכען פון שמערץ, און וויא פערשטיינערט פאר שרעק האט ער געהארכט, און מיט דער הילפע פון איינעם פון די מענער האט ער זיך באלד געפונען אנגעטהאן אין א רייזע־קאסטיום פון א קליינעם קויפמאן וועלכער פאהרט ארום בעזוכען זיינע קליענטען אין דער פראווינץ.

אין דערזעלביגער צייט האט דער אנדערער מאנן אנגעטהאן דער לייבע די קליידער פון מארקיז. דאנן איז ער צוגעקומען צום מארקיז, האט איהם ערגריפען ביי דער

האנד און האט ארונטערגענומען א רינג פון זיין פינגער, אום עס אנצוטהאן אויף דער האנד פון דער לייבע. דיעזע לעצטע האנדלונג האט ארויסגערופען א פערצווייפלונגס־געשריי פון דער ברוסט פון מארקיז. דאס איז געוועזען דער טרוי־רינג פון דער מארקיזין.

דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה איז וויעדער ערשיענגען, אימער רוהיג, אימער שפעטיש־טרויעריג.

—איהר בעגרייפט יעצט, מארקיז, דאס הערר עמאנועל שאלאמבעל איז טויט, דאס דיא מארקיזין מאנטגארי, זיינע פרוי, און זיינע צוויי טעכטערלאך וועלען איהם יעצט בעוויינען.

—וואס ווילט איהר יעצט מאכען מיט מיר ? — האט דער אונגליקליכער פאטער געפרעגט.

—דאס וועט איהר באלד וויסען.

אלס זיא האט ארויסגערעדט דיעזע אויסוויכענדע ווערטער, האט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה אוסגעשטרעקט דיא האנד צום הויף, וואו א וואגען איז אריינגעפאהרען און דער באראן מארדיע איז אויסגעשטיעגען און איז געגאנגען צום טיר פון הויז.

—זעהט איהר, איהר וועט זיך יעצט איבערצייגען אז איך האלט ווארט האט דיא מארקיזין פאן לאסי געזאגט צו עמאנועל.

דער באראן איז אריינגעקומען.

—מארקיז — האט ער געזאגט — אייערעביידע טעכטער זיינען מיט זייער גובער־נאנטין אין וואגען. נאך אין איינינע מינוטען וועלען זיי זיין ביי זייער מוטער.

דיעזע ווארטען האבען הערפארגעבראכט א בליץ פון פרידע אין דעם פערצווייפעלטען הערצען פון מארקיז. אבער דאס איז ניט מעהר געוועזען וויא א בליטץ :

—מיין נאט ! — האט ער אויסגערופען — וועל איך זיי שוין קיינמאל ניט ווידערזעהן ?

דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט געשוויעגען.

—מארקיז — האט דער באראן זיך געווענדעט צו איהם מיט טרויער אין דער שטימע — איהר זייט פעראורטהיילט, און איך האב דעם אויפטראג אייער אורטהייל דורכצופיהרען.

—איהר ! ? — האט עמאנועל גערופען.

—אך, ליידער יא.

דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט דאנן גענומען א פארטפעל פון קאמין, און האט געזאגט :

—דא האט איהר פינף הונדערט טויזענד פראנק און א פאספארט.

—וואהין געה איך דען?

דיא פינף הונדערט טויזענד פראנק וועלען אייך ערלויבען צו לעבען אונטערנעמען וועלכער איז אנגעצייגט אין אייער פאספארט. איהר הייסט פון יעצט אן שארל סעלען. מאר

—אבער וואוהין מוז איך דען געהן? — האט דער מארקיז געפרעגט אין אגאָניע.

—איך וועל איך בעגלייטען נאך האוור — האט דער באראן מארדיע געזאגט.

—און נאכהער?

—אין האוור וועט איהר זיך זעטצען אויף דאס שיף „לא בעלל" וועלכעס פארלאזט דעם האפען מארגען נאך מיטאג.

—און וואוהין וועט דאס מיך דיא שיף פיהרען?

—נאך אינדיען, פון וואנען איך ראטה איך ניעמאלס צוריק צוקומען, אויב איהר האלט עטוואס אויף דיא עהרע פון אייער גוטען נאמען און אנדענקען, אויף דיא טהייערע עראינערונגען פון אייער פרוי און אייערע קינדער....

—מיינע פרוי, מיינע קינדער! .... אָ, מיין גאט!......

עמאנועל האט דיעזע ווערטער ארויסגעבראכט מיט א דערשטיקטער שטימע, און איז צוזאמענגעזונקען בעזינונגסלאז.

—טראגט איהם אין וואגען האט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה בעפאהלען—דיא פרישע נעבטליכע לופט וועט איהם דערקוויקען און ער וועט קומען צו זיך.

—אה, מאדאם, איהר זייט אונערביטליך! — האט הערר מארדיע געשטאמעלט.

—מיין הערר — האט דיא דאמע געענטפערט — דאס איז א קאפיטעל פון אונזער געשיכטע, וועלכעס איהר אלע האט פערגעסען, וויא מיר שיינט. אן יענעם אבענד ווען דער מארקיז גאנטראָן פאָן לאסי האט געהייראטעט, און יענער שווארץ-געקלייד־דעטער ריטער פאן אסטי האט איהם אים נאמען פון דיא „קאמעראדען פון שווערט" געהייסען פארלאזען זיינע עלטערן, זיינע פריינדע, זיינע יונגע פרוי וועלכע איז געווארן אלמנה נאך איידער זיא איז געווארן פרוי... דאנן האט מען איהם אויך געהייסען געהן נאך אינדיען, דריי טויזענד מייל וויט פון דיאיעניגע וועלכע ער האט געליעבט, און מען האט איהם ערמארדעט דערפאר וואס ער האט זיך דערפון ענטזאגט....

—מיין גאט!... האט דער באראן געשטאמעלט — וועלכע שטראפע האלט איהר אנגעגרייט פיר מיך, מאדאם?

דאָס וועט איהר וויסען מאָרגען, ווען איהר וועט צוריקקעהרען אוים האוור.

זיא האט געמאכט א צייכען. דיא צוויא מענער האבען גענומען דעם בעוואוסטלאזען מארקיז אונטער דיא ארמע און האבען איהם ארויסגעטראגען צום וואגען.

—געהט — האט דיא דאמע געזאגט צום באראן.

און באראן מארדיע האט זיי געפאָלגט.

....

אלס עמאנועל האט געעפענט דיא אויגען האט ער זיך געפונען האלב ליעגענ־דיג אין א פאסטוואגען, וועלכער האט שנעלל געראָללט דורך נארמאנדיע, וועהרענד דרויסען האט שטארק גערעגענט, און דיא נאכט איז געוועזען אונ־געהייער פינסטער.

—וואו בין איך דען ? — האט ער געפרעגט.

דאן האט ער בעמערקט דעם באראן מארדיע זיצענדיג ביי זיין זייט, בלאס, טרויעריג, און ער האט זיך אלעם דערמאהנט.

—איהר זייט אויפען וועג נאך האוור — האט דער באראן געענטפערט, — וואו שארל מארסעלען וועט אנטרעטען זיין רייזע נאך אינדיען, וועהרענד דיא זשורנאלען פון פאריז אנאנסירען דעם טויט פון מארקיז עמאנועל פאן מאָנטגאָרי.

אכטעס קאפיטעל.

נאך א דועל פון א פאך „קאמעראטען“.

וועהרענד דיא שיף „לא בעלל“ האט פארלאזען דעם האפען פון פראנקרייך מיט דעם פערצווייפעלטען און פאר שמערצען גלייכגילטיג געווארענעם עמאנועל שאלאמבעל, וועלכער האט געקוקט וויא דער ברעג פון זיין פאטערלאנד פערשווינדעט פון זיינע אויגען, — אין דערזעלבינער צייט האבען דיא פאריזער צייטונגען ענטהאלטען פאלגענדען ארטיקעל:

„אין זייער געהיימניספאלער ערייגניס פטראורזאכט יעצט טרויער אין דער הויכער „געזעלשאפט און אין דער פאָליטישער וועלט.

„הערר מארקיז שאלאמבעל פאן מאָנטגאָרי, איינער פון דיא בעריהמטע יונגע „אדוואקאטען פון פאריז, און א מיטגליעד פון דעפוטירטען־קאמער, איז פלוצלונג „פערשוואונדען געווארן אונטער פאלגענדע אומשטענדע.

„דער מארקיז איז געעסטערן גאר פלוצלינג קראנק געווארן מיט א זאנדערבארער „גייסטיגער קראנקהייט. דיא אורזאכע פון דיזער קראנקהייט איז, וויא מען זאגט, „געוועזען דער טויט פון א בעקאנטער פערזאָן, דער באראן מאָרדיע.

„דער מארקיז איז באלד דארויף אונטערגעבראכט געווארן אין פאסי ביי א רוסי־„שען דאקטאר, וועלכער זאל האבען גענאסען דעם רוף פון א גרייסען דאקטאר אין „זיין לאנד.

„דער דאקטאר האט פערשפראכען דעם מארקיז צו היילען. אבער אונגליקלי־„כערווייזע, וועהרענד דער לעצטער נאכט, האט דער קראנקער אבגענארט דיא וואכ־„זאמקייט פון זיינע היטער פון וועלכע ער איז אנטלאפען, איבערלאזענדיג „אויפען טיש פון זיין שלאף־צימער א זארט מעסטאמענט דיקטירט פון „זיין וואהנזין, און אין וועלכען עס איז געזאגט געווארען דאס דער שאטען פון באראן „מאָרדיע איז צו איהם ערשיענען, און האט איהם איינגעלאדען איהם נאכ־„צופאָלגען.

„—וואוהין איז ער געגאנגען ?

„דאס האט מען אנפאנגס נים געוואוסט, אבער א הוט וואס איז ענטדעקט „געווארן אויפען ברעג פון דער סיינע איז דערקענט געווארן אלס זיינער, און מען ציטערט, „צו האט דער אונגליקליכער זיך נים געווארפען אין וואסער און זיך דערטרונקען. דיא „געגנויעסטע אונטערזוכונגען זיינען נאך דערוו ילע געבליעבען אָהן ערפאלג.“

....

דעם נעכסטען טאג האבען דיא זעלבינע צייטונגען צוגעזעצט :

„דער קערפּער פון מארקיז פאן מאנטנארי איז געפונען געווארען. דער שטראם „פון דער סיינע האט איהם אוועקגעפיהרט ביז סעינט קלוד דאס געזיכט איז ניט „געוועזען צו דערקענען, אבער מען האט דערקענט זיינע קליידער, און מען האט גע־ „פונען ביי איהם זיין פּארטפעיל, זיינע אוהר, זיינע ציערונג, אז"וו אז"וו.

....

און נאך אין צוויי טעג שפּעטער האט מען ווידער געלעזען:

„דיא לויה פון מארקיז שאַמבעל פאן מאַנטנארי ווען שטאטפינדען היינט „מיט גרויס פּאראד אין דער קירכע פון מאדליין." דער מארקיז איז קוים אלט געווע־ „זען 37 יאהר. ער לאזט איבער א וויטווע מיט צוויי רייצענדע טעכטערלאך פון פינף „יאהר, וועלכע וועלין איהם לאנג בעוויינען אלס דעם מוסטער פון א גוטען פאטער א ז „א צערטליכען מאנן און וועגין אייביג טהייער האלטען זיין אנדענקען".

....

—אַ גאַנטראן פאן לאַסי! — האט געזיפצעט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה לעזענדיג דיעזע ציימונגען — אַ דוא פּיעלגעליעבטער, וואס דוא ביסט געוועזען איין אפּפער, וואס פאר גרויסארטיגע הספדים מען מאַכט עס נאך דיינע מערדער!

און דיא רעבערין, דיא פרוי מיט דעם אייזערנעם הערצען וועלכע האט פער־ אורטהיילט אן מיטלייד, האט יעצט בעטראכטעט דעם ביוסט פון גאַנטראן דע לאסי מיט שמערץ, דאנן האט זיא זיך ארונטערגעלאזין אויף דיא קניע און האט זיך צור־ שמאַלצען אין טרעהרין

אם אבענד פון דעם זעלבינגען טאג. אין וועלכען דער בעלגיער וויקטאר בארבי־ ער איז בעערדיגט געווארן אויף דעם פער־לאַזשעז בית־עלמין אונטערן נאמען פון מאר־ קיז מאַנטנארי, האט זיך דער באראן מארדיע פארגעשטעלט אויפען פלאטץ באַווא, אין האטעל, וועלכעס מאיאר ארלאוו האט געהאט געמיטהעט און האט אויסגעמעבלירט פיר דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה.

עס איז געוועזען ארום ניין אוהר אבענדס, און דער באראן איז אויסגעשטיגען אין דעמזעלבינען אויגענבליק, ווען דער פאסטוואגען איז געבליעבען שטעהן צוריקקור־ מענדיג פון האוור.

באראן מארדיע האט זיך גאר ניט געהאט געוויעזען אין פּאריז צייט דיא זשור־ נאלען האבען בעקאנט געמאכט זיין טויט. אבער אויך ווען ער וואלט זיך געהאט געוויזען וואלטען איהם זיינע בעקאנטע שווער דערקענט. זיין געזיכט האט יעצט געהאט איין גאנץ פערענדערטעם אויסזעהן. זיין שנורבארד און זיין „פליעגע" אונטער דער אונטערשטער ליפּ, וועלכע ער האט נאך בעהאלטען פון זיינע מיליטערישע צייט־ טען, זיינען איצטער געוועזן אין גאנצען אראפּראזירט גלאַט, און זיין געזיכטספארבע איז יעצט געוועזען א גאנץ אנדערע, א דינקעלערע וויא פריהער. אויך זיינע קליידער זיינען יעצט געוועזען גאנץ אנדערע. ער האט געטראגען הויזען אין קעסטלאך, וויא רייזענדע ענגלענדער, און א ברייטע פאלערינע פון אויבען.

דער באראן איז אנגעמעלדעט געווארין צו דער דאמע מיט דעם שווארצע האנדשוה. זיא איז געזעסען אליין, און האט, וויא עס האט אויסגעוויעזען, ערווארטעט דעם באראן.

—נון ? — האט זיא געפרעגט אלס ער איז אריינגעקומען.

—ער איז פעררייזט.

—וועו ?

—געסטערן נאכטיטאג.

—איז ער געוועזען רוהיגער ?

—ער איז געוועזען וויא וואהנזיניג — האט דער באראן געענטפערט — אונטער דער אינדישער זאננע איז ער א טויטער מענש.

דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט ניט געענטפערט.

הערר מארדיע איז צוגעקומען נעהנטער צו איהר און מיט אטרויעריגע שטימע אין וועלכער עס האט זיך נאך געהערט עטוואס שטאלץ האט ער געזאגט :

—און איך מאדאם, וואס איך בין געוועזען איין געהארכזאמעס ווערקצייג אין אייער האנד, וואס וועט זיין מיין שיקזאל ?

—ער וועט זיין פיעל לייכטער אלס דער שיקזאל פון מארקיז מאנטנארי. איהר האט קיין ווייב, קיין קינד, איהר ליעבט קיינעם און קיינער ליעבט אייך : איהר דארפט זעהר וועניג האלטען פון אייער לעבען.

—דארף איך אלזא שטערבען ?

—איך וויים ניט.

באראן מארדיע האט זיא אנגעקוקט מיט ערשטוינונג, ווערענד זיא האט פארטגעזעצט :

—איהר זייט געוועזען זיעבען ניט וואהר ? זיעבען „קאמראדען פון שווערט". איינער פון אייך איז אייך אליין געפאלען צום אפפער....

—גאנטראן — האט דער באראן געמורמעלט שטיל.

—זעכס זיינען אלזא געבליעבען — האט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה פארטגעזעצט — פון דיא זעכס איז קאפיטאן לעמלין געשטארבען דער ערשטער, דער ריטמער פאן אסטי דער צווייטער ; מארקיז עמאנועל איז דער דריטער. עס זיי־נען אלזא פאראנען נאך דריי וועלכע דארפען ליידען זייער שטראפע.

דער באראן האט צו געהערט אין אנגסטען.

—אונטער דיא דריי איז פאראנען איינער פאר וועמען איך האב בעהאלטען א שטראפע וואס האט ניט איהר גלייכען, דען דאס האט ער אייך פעראייניגט. דאס האט ער געהאט צו זאגען איבער אייער ארעם און אייער ווילען.

—דער קאלאנעל — האט באראן מארדיע ביי זיך געטראכט.

—אבער פון דיא צוויי איבעריגע, דאס זיינען דער וויקאמט ראמא, דער פעטער פון אקטאוו פאן ראמא, וועלכען איהר האט יעצט קענען געלערנט, און איהר, האב איך ביי מיר בעשלאסען איינעם צו לאזען לעבען, ווייל איהר ביידע האט מיר גע־דיענט אלס אינסטרומענטען צו מיין צוועק.

דער באראן האט אויפגעציטערט.

—הערר מארדיע — האט דיא דאמע פארטגעזעצט — צווישען אייך ביידען זאל דער שיקזאל אליין ענטשיידען. איהר האט אליין וויעדערהאלט דיא ווערטער : „ווער עס האט געטעדטעט מיטן שווערט וועט פאלען דורכין שווערט". גוט גוט ! אדער איהר אדער גראף ראמא זאל פאלען דורכין שווערט.

—איהר ווילט אלזא איך זאל מיך מיט איהם שלאגען?

—יא, איך וויל עס.

—און אויב איך ווער איהם טעדטען?

—דאנן איז אייך אלעס פערגעבען — האט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנד־שוה געענטפערט; — איהר פעררייזט גלייך מארגען נאך דייטשלאנד און איהר וועט געפינען ערגיץ־וואו ביי דיא שפיעלטישען דעם גראף ראמא.... דיא שפיעלער ויא ער זיינען וויא צוגעשמידט צו יענעם באדען ביין גרעג רהיין, און זיי שטארבען ווען זיי בלייבען אהן א פפעניג.

....

דריי טעג שפעטער איז דער באראן אנגעקומען נאך פראנקפורט אם מאין, און איז פון דארטען אוועק נאך האמבורג. דא האט ער געפונען דעם וויקאמט ראמא וועלכען מיר האבען געזעהן פארלאזענדיג באדען, בעלאדען מיט גאלד פון זיין געווינס.

דער באראן איז יעצט געוועזען נאך וועניגער ערקענבאר אלס אין פאריז. ער האט זיך געהאט אראפראזירט יינע אייגענע האר און האט אנגעטאן א בלאנדע פעריקע און פאלשע באקען בארד און האט אויסגעוויזען וויא איין עכטער רייזענדער ענגלי־שער לארד. דערצו נאך האט דער באראן גערעדט איין גוטעם ענגליש און דאס האט דאס בילד ערגענצט. דער באראן האט זיך אויך צוגענומען צוויי ענגלישע דיענער, א לאקיי, און א סעקרעטאר, וועלכער האט איהם אויך געדיענט אלס דאלמעטשער.

הערר מארדיע האט זיך א נאמען געגעבען סער ארטהור קיהן, באראנעט, און־טער דעם נאמען האט ער גערייזט זייט ער האט פארלאזט פאריז.

ווען באראן מארדיע פלעגט צוזאמענקומען מיט א פראנצויזישע, רייזענדער אין א האטעל, האט ער זיך געמאכט ניט פערשטעהענדיג איהם און האט זיך בעדיענט מיט זיין דאלמעטשער.

אין פראנקפורט אם מאין האט דער באראז נור גענעסען פריהשטיק, האט אומגע־וועכסעלט א היבשע אנווייזונג ביי א יידישען באנקיער, און איז דאנן געפאהרען וויי־טער. נאך דריי שטונדען איז ער געוועזען אין האמבורג.

עס איז געוועזען ארום פינף אוהר אבענדס, אלס דעם בעראנס פאסטוואגען איז פארביי־געפאהרען דיא האמבורגער קאזינא, און ער איז אבגעשטיעגען אין האטעל דערביי.

עס איז געוועזען ענדע נאוועמבער, די גאסטען פון דער גרויסער שטאדט זיינען געוועזען בעדעקט מיט שנעע, און מען האט דאנן געזעהן זעהר וועניג אריסטאקראטישע שפיעלער ארום דיא האטעלס פון דער קאזינא, אדער שפיעל־הויז. באנקראטירטע סוחרים, מאמעס זינדלאך פון רואינירטע פאמיליען, פראפעסיאנעלע שפיעלער און געפאלענע שעהנהייט טען זיינען געוועזען דיא איינציגע וועלכע האבען זיך דארט יעצט ארומגעדרעהט.

סער ארטהור קיהן האט געמאכט א גרויסארטיגען איינדרוק אויף דיא אומגעבונג אלס ער איז איינגעטרעטען אין שפייזע־זאל פון האטעל. ער האט זיך געזעצט צום טיש און האט זיך געפונען ביי דער זייטע פון איינער פון יענע אונגליקליכע געשעפפע, וועלכע דיענען אלס פערלאקונגס־ביסען אין דער אדמיניסטראציאן פון דער קאזינע, דאס הייסט, אום אנצוציהען דיא געסט.

—מילארד רעדט קיין פראנצעזיש? —האט דיא שעהנהייט געפרעגט שיבטערן.

אלס דער באראן האט געגריסט אהנע צו ענטפערן האט זיא וויעדערהאלט איהר פראגע. דער באראן האט א שאקעל געטהאן מיטן קאפ אויף „ניין". ועהרענד זיין סעקרעטאר האט אנשטאט איהם געענטפערט:

—מילארד פערשטעהט קיין פראנצעזיש, מאדאם.

דער באראן מארדיע האט נאר אויפגעפינט דיא ציינער אום צו עסין, האט קיין ווארט אויסגעשפראכען צו קיינעם. און האט זיך אויפגעהויבען פון טיש דער לעטצטער דער באראן האט געהערט וויא א פאר שפיעלער האבען זיך וועגען אים אונטערהאלטען, וועגען זיינע מעגליבע רייכקייט און וועגען זיינע מעגליכסט גליק אין קאזינא ביים שפיעל. ער איז אבער געזעסען רוהיג, פערטיפט אין נאכדענקען, פונקט וויא ער וואלט קיין ווארט פערשטאנען פון דעם וואס ווערט גערעדט ארום איהם.

באלד איז דער שפייזע־זאל אין גאנצען געוועזען לעער. עס זיינען ניט מעהר איבערגעבליעבען אלס דער באראנעט, ארטהור קיין. און דיא שיינע זינדערן וועלכע איז אויך געזעסען פארטראכט, ארבייטענדיג לאנגזאם מיט א צאהנשטאכער.

דער יונגער סעקרעטאר איז געוועזען אוועקגעגאנגען, אום פארצוברייטען דיא צימערן פאר זיין הערן.

פלוצלונג האט זיך באראן מארדיע צוגעבויגען צום אויער פון דער יונגער דאמע און האט איהר געזאגט אין זעהר גוטען פראנצעזיש;

—אמיזירט איהר אייך דא גוט ?

זיא האט איהם אנגעקוקט וויא א פערשטיינערטע. זיא איז אזוי איבערציינגט געוועזען דאס ער פערשטעהט קיין ווארט פראנצעזיש. דיזע פראגע האט זיא פערעצט אין העכסטען ערשטוינען. דער באראן האט געשמייכעלט און האט ארויפגעלייגט א פינגער אויף זיינע ליפען.

—ש ש ש! — האט ער געמאכט — איך רייד פראנצעזיש נור פיר אייך......

איין שטראהל פון פריידע האט אויפגעבליצט פון דיא אויגען פון דער יונגער מיידיל.

—אה, איהר זייט פראנצאָזע ? האט זיא גערופען.

—נעווים.

—פאריזער ?

—נאטירליך !

—און איהר קוטט.... שפיעלען ?

דיא לעצטע פראגע האט זיך ארויסגערעדט מיט עטוואס אויפרעגונג אין איהר שטימע.

—פיכייכט.... אבער זייט אונבעזארגט, איך האב גליק....

—אלע וואס קומען אהער דיינקען אזוי — האט זיא געזאגט טרויעריג.

—און וויא געהען זיי אוועק ?

—אָ, זיי געהען ניט אלע אוועק. פיעלע געפינען דא זייער בי־זעס ענדע.... וויא אלפרעד.... מיין ארעמער אלפרעד — האט זיא געענדיגט, און א טרעהר האט זיך בעוויזען אין איהר אויג.

—ווער איז דען אלפרעד ? האט מארדיע געפרעגט.
—א יונגער מאן וואס האט מיך געליעבט.
—און... ער איז טויט ?
—זייט דריי מאנאט.... מיר האבען דא אלעס פערלארן. זיינע פופצעהן טויזענד פראנק איינקינפטע, מיינע ציערונג, זיינע אוהר, אלעס וואס מיר האבען געהאט. און אלפרעדן איז נמאס געווארען דאס לעבען.
—און ער האט זיך גענומען דאס לעבען.
—ניין, מען האט איהם געטעדטעט. איין אבענד איז ער געקומען אין האטעל אלס מען האט צו געמאכט דיא רולעטע, און ער זאגט צו מיר: „מיין קינד מיר האַ־בען מעהר נאָר ניט קיין רויטען פפעניג. אבער איך האב פיר דיך וואס געפונען, מען וועט דיך אויפנעהמען פון דער אדמיניסטראציאן פון קאזינאָ, און דוא וועסט ער־האלטען הונדערט פראנק א מאנאט.
—און דוא ? — האב איך געשריען.
—איך האב שוין מיינע זאכען געבראכט אין ארדנונג — האט ער געזאגט ; — איך האב מורא פאר א זעלבסטמארד און האב מיר צוגעצווינגען איין דועל. איך וועל מיך מארגען שלאגען. מיין געגנער איז זעהר געשיקט, וועהרענד איך האב קיין שווערט בעריהרט אין מיין לעבען. איך וועל געפינען שנעל מיין רעכענונג......
—און יענער האט איהם געטעדטעט ? — האט דער באראן געזאגט, אלס ער האט געזעהען דיא ריהרונג פון דער ארעמער יונגער מיידיל.
—אוי, יא, מיין העדר.
—דורך וועמען ?
—דורך דעם וויקאמט ראמא.
דער באראן האט אויפגעציטערט.
—איך גלויב איך קען איהם — האט ער געזאגט.
—דער עלענדער! ניט געטעדטעט, געמארדעט האט ער איהם!
דער העדר מארדיע האט גענומען דיא האנד פון דער יונגער מיידיל אין, זיינער און האט זיא צערטליך געדריקט.
—מיין קינד — האט ער געזאגט— וואלט איהר וועלין צוריקקעהרען נאך פאריז ?
אה, ווען איך זאל נאר קענען! — האט זיא אויסגערופען — פאריז, אח! דער פאראדיז, מיין פאטערשטאדט, דאס לאנד וואו מען לעבט, וואו מען ליעבט און וואו מען פערגעסט! אה! רעדט מיר ניט פון פאריז, דען מיין העדר ווילל מיר שיער צו־שפריננען ווען איך דיינק אן פאריז. איך האב ניט אויף צו טראכטען פון איהם טאג און נאכט און איך פיהל אז איך וועל גרוי און אלט פאר דער צייט, אין דיעזען לאנד פון שנעע, צווישען דיא פראָפעסיאנעלע שפיעלער, וועלכע פערגעסען דיא גאנצע וועלט אום צו זוכען א געווין.
—נון, עס הייננט אב פון איך אליין, נאך פאריז צוריקצוקומען — האט דער בא־ראן געזאגט.
—מיט איך! — האט זיא אויסגערופען מיט פריידע.

—פיקייבט מיט מיר, פיקייבט אליין....

—וואס דארף איך דען טהאן דערצו, מין גאט?

—גאר ניט, אדער אזוי גוט וויא גאר ניט. איהר דארפט מיך נור פארשטעלען דיעזען אבענד דעם וויקאמט ראמא אלס איין אינטימען פריינד פון אייער ארעמען אלפרעד וואס ער האט געטעדטעט און וועמען איהר בעוויינט.

זיא האט איהם אנגעקוקט מיט ערשטוינונג.

—נאטירליך האב איך אין דעם א מיין — האט דער באראן געזאגט — בייא מיר איז איינגערעדט אז ווען איך וועל טעדטען א מענשען אין א דועל וועל איך האבען גליק אין שפיעל.

—און איהר ווילט?......

—טעדטען דעם וויקאמט. ששש! אבער קיינער דארף דערפון ניט וויסען, איך הייס דא סער ארטהור קיהן און פארגעסט ניט אז איך רייד נור ענגליש. געהט ארונטער אין קאזינא, זעצט זיך ביין שפיעל-טיש וואו דער וויקאמט וועט שפיעלען, אויב ער וועט דארט זיין, און ערווארטעט מיך.

דיא שיינע זינדערין האט זיך אויפגעהויבען, האט גענומען איהר הוט און איהר שאהל און האט פארלאזין דעם שפייזע-זאל, וועהרענד דער באראן איז גבליעבען ביין טיש רויכערנדיג און געניעסענדיג זיין קאפע.

....

א שטונדע שפעטער איז דער שפיעל-טיש פון "טראנט-ע-קאראנט" (דרייסיג און פערציג) אין קאזינא געוועזען זעהר גוט בעזעצט. איין רוססע וועלכער איז ערשט נעכטען אנגעקומען האט געשפיעלט גרויס און האט פיעל פערלארן; נעבען איהם האט א יונגערער מאנן געשפיעלט דאגעגען מיט פיעל גליק, און האט פיעל געוואונען. דיעזער יונגער מאנן איז געוועזען וויקאמט ראמא.

דיעזער האט געשפיעלט מיט פיעל גליק זייט ער האט פארלאזען באדען.

ביי דעם אנדערען עק פון טיש איז געזעסען דיא יונגע פאריזערין און האט געשפיעלט גלייכגילטיג, אהן ליידענשאפט, מיט דיא עטליכע גאלדשטיקער וועלכע זיא פלעגט קריעגען אין דער פריה פון דער אדמיניסטראציאן, און פלעגט מוזען אבגעבען אבענדס מיט רעכנונג. פון צייט צו צייט פלעגט זיא אויפהויבען איהר בליק פול מיט האס אויף דעם מערדער פון איהר געליעבטען אלפרעד, און זיא האט געפיהלט עכטע פריידע אלס סער ארטהור קיהן איז אריינגעקומען אין שפיעל-זאל.

אלס ער איז צוגעקומען צום טיש האבען דיא שפיעלער פאר איהם געמאכט פלאטץ. מיט אויסנאהמע פון וויקאמט ראמא האט יעדער איינער פון דיא שפיעלער געהאלטען אין איין פערליערען.

אבער דער געמאכטער ענגלענדער האט ניט ארויסגענומען קיין געלט-בייטעל; ער האט געגריסט, און האט זיך אניעדערגעשטעלט הינטערן וויקאמט ראמא, און האט אכטונג געגעבען איבער זיינע שולטערן וויא אזוי ער שפיעלט. דאן האט ער צוגעוואונקען צו דער יונגער פרוי וואס איז געזעסען אנטקעגען. דיעזע האט זיך אויפגעהויבען, איז ארומגעגאנגען פון אנדערן זייט טיש און איז צוגעגאנגען צום וויקאמט.

דיעזער האט צום ערשטען מאהל זייט איינער שטונדע פערלארן זיין סטייק

(סטאוקע). ער האט זיך עגעל אומגעדרעהט ווייל ער האט געפיהלט וויא מען בע־אָבאכטעט זיין שפּיעל איבער זיין שולטער, און האט געפרעגט מיט כעס:

—ווער ברייננט מיר דא אונגליק?

דער בליק פון וויקאמט ראמא האט זיך בעגעגענט מיטן בליק פאן באראן מאר־דיע. דער לעצטער איז געשטאנען רוהיג, קאלט, גלייכגילטיג. דער וויקאמט דאנגעגן גא געוועזען אויפגערעגט, וויא געוועהנליך א פּראפעסיאנעלער שפּיעלער.

בעטראכטענדיג דיעזעס בלאסע געזיכט, דיא האהלע אויגען און היינגענדע לי־פען האט הערר מארדיע ביי זיך געטראכט:

—אט וואס הייסט א מענש וואס שפּיעלט אום צו שפּיעלען און וועמען דאס געלד איז גלייכגילטיג. ער לעבט ניט, ער איז טויט......

דער וויקאמט ראמא וויעדער האט אויפגעציטערט אלס ער האט בעטראכטעט דאס געזיכט פון דעם פּאלשען ענגלענדער.

—וואו האב איך געזעהן דיעזען מענשען? — האט ער ביי זיך געטראכט או מיט דער גראבקייט אויף וועלכע נור א פּראפעסיאנעלער שפּיעלער איז פעהיג האט ער איהם געזאגט:

—איהר בריינגט מיר אונגליק, מיין הערר.

דער ענגלענדער האט ניט אראפּגענומען פון איהם זיין בליק און האט געשוויגען.

—שפּיעלט, מיינע הערען! — האט דער אויפזעהער פון שפּיעל גערופען.

—הונדערט לואידאר אויף שווארץ! — האט וויקאמט ראמא אויסגערופען און האט זיך צוריק אומגעקעהרט צום גרינעם שפּיעל־טיש.

דער אויפזעהער האט צו־וואָרפען דיא קארטען:

—איין אכטיל רויט! רויט געווינט! — האט ער אויסגערופען.

דער וויקאמט האט א קלאפּ געטהאן מיטן האנד אין טיש און האט אויסגע־שריען, זיך קעהרענדיג נאך אמאהל צום געמיינטען ענגלענדער הינטער איהם:

—מילארד. איהר בריינגט מיר שלמזל! איך האב שוין איין מאהל געהאט דיא עהרע אייך דאס צו זאגען.

—אָאָ! — האט דער ענגלענדער געמאכט מיט א געצווינגענעם טאָן, פּונקט וויא ער וואלט קיין ווארט פערשטאנען פון דעם וואס מען זאגט איהם. דאן האט ער א פּינטעל געטהאן מיט דיא אויגען, און האט אנגעקוקט דיא יונגע דאמע וועלכע איז געשטאנען ביי זיין זייט. דיעזע האט פארשטאנען וואס דער ענגלענדער מיינט.

—הערר וויקאָמט ראמאָ — האט זיא איהם געזאגט — ערלויבט מיר אייך פאר־צושטעלען סער ארטהור קיהן, באראָנעט, איין אינטימען פריינד פון הערן אלפרעד מעאיראן וועמען איהר האט געטדטעט.

דער וויקאמט האט אויפגעציטערט, האט אוועקגעוואָרפען דאס שפּיעל, איז צוריקגעטרעטען א טריט, פּונקט וויא ער וואלט פארגעפיהלט, אז דא וועט באלד זיין איינע ארויספאָדערונג צו א דועל.

—יעס! — האט געזאגט דער ענגלענדער, אָנריהרענדיג מיט זיין האנדשוה ראמאס באק — אלפרעד מיין פריינד — האט ער געזאגט בלומרשט אין געבראכענעם פראנ־צעזיש — איך אייך טעדטען......

דיזע ווערמער זיינען געזאגט געווארען זעהר לויט, און האבען הערפארגע־בראכט א גרויסע אויפרעגונג אין זאל. אלע האבען אוועקגעלייגט דאס שפיעל און האבען זיי אנגעקוקט.

דיזע ארויספאדערונג האט אויסגעניכטערט דעם וויקאמט ראמא פון יענע עברות וועלכע ווערט געוועהנליך פעראורזאכט דורך ליידענשאפטליכעם שפיעל.

ער האט צוזאמענגענומען דאס געלד וואס איז געלעגען פאר איהם אויפען טיש, האט עס אריינגעשאטען צו זיך אין דער טאשע, דאנן האט ער זיך אומגעקעהרט צום באראן מארדיע וועלבען ער האט אנגענומען, וויא יעדער אנדערער, פאר איין ענגלענדער.

—מילארד, אך בין צו אייער בעפעהל — האט ער געזאגט קאלט.

דער פארשטעלטער ענגלענדער האט זיך צוגעבויגען צו זיין סעקרעטער, וועל־כער האט איהם גהאט בעגלייט אהער, דיזער האט איהם איבערזעצט דיא אנט־ווארט פון ראמא פון פראנצעזיש אין ענגליש.

—אהה, יעס! — האט סיר ארטהור געענטפערט.

נאכ׳ד דארויף האט ער פארלאזען דעם שפיעל־זאל געפאלגט פון וויקאמט ראמא אייניגע ני גיעריגע האבען פארלאזען דעם שפיעל־זאל הינטער זיי, און דער קארטען־טהיילער האט אנגעהויבען ווידער פארנאנדערצוליינע קארטען, זיך ניט מעהר בעקי־מערענדיג וועגען דעם צווישענפאל.

קומענדיג אין דעם קליינעם זאל וואו מען שפיעלט „וויסט“, האט דער ענגלענ־דער געזאגט דורך זיין דאלמעטשער צום וויקאמט:

— מיין הער, איך בין דער פריינד פון הערן אלפרעד און קום אהער פון קאנס־טאנטינאפאל מיט דעם איינציגען צוועק אייך צו טעדטען.

—איך בין בערייט מיך צו שלאגען — האט דער וויקאמט געזאגט — מיינטוועגען מארגען פריה, אויב איהר ווילט.

—ניין, מיר שלאגען זיך גלייך.

—דאס וועט זיין שווער, דען דיא פאליציי שפירט אונז נאך, און מען וועט אונז ניט ערלויבען צו פארלאזען דיא שטאדט.

—וואו דען?

—אין האטעל ביי מיר אין צימער.

דער וויקאמט איז אפגעשפרונגען הינטערוועליך און האט אנגעקוקט ערשטוינט דעם ענגלענדער.

—איין ענגלישער קאפריז, ניט וואהר?

דיזעס איז געוועזען א גענוגענדע ערקלערונג, דען פון אן ענגלענדער מעג מען ערווארטען עקסצענטרישע אויסגיינגע.

—זאל זיין אזוי—האט דער וויקאמט צוגעשטימט — נאר אזוי וויא איך בין דער בעליידיגטער מעג איך וועהלען דיא וואפע. איך קלייב אוים דאס שווערד.

דער סעקרעטער האט עס איבערזעצט.

—א, יעס! — האט דער ענגלענדער צוגעשטימט.

—האט איהר סעקונדאנטען?

—ניין — האט מאַרדיע געענטפערט און האט זיך ארומגעקוקט אין זאל. דאַן האט ער זיך געווענדעט צו זיין סעקרעטאר און האט איהם אנגעוויעזען אויף צוויי יונגע לייט וועלכע זיינען געזעסען אין א ווינקעל פערטיעפט אין א פארטי שאך. דער סעקרעטאר איז צו זיי צוגעגאנגען.

—מיינע הערען — האט ער זיי געזאגט — סער ארטהור סיהן וועט אייך זעהר דאנקבאר זיין אויב איהר וועט אזוי פריינדליך זיין דיענען אלס סעקונדאנ־טען אין זיין דועל מיט וויקאמט ראַמאַ.

דיאביידע יונגע לייט האבען עס אנגענומען מעהר אויס נייגירדע אלס אויס העפליכקייט.

אין דערזעלביגער צייט איז אויך ווילאמט ראמאַ אריין אין גרויסען שפיעל־זאל, און איז נאך איניגע מינוטען ארויסגעקומען צוריק, אין דער בעגלייטונג פון צוויי עלטערע מענער פון מיליטערישע האלטונג.

אל ן זעכס לייטע האבען זיך בעגעבען צום האטעל וואו סער ארטהור קיהן האט פארנומען איניגע פיינע צימערן אויפען ערשטען עטאזש. אין דעם פאַרדער־זאל, וועלכער איז געוועזען זעהר געראומיג, האט דער פאלשער ענגלענ־דער אריינגעפיהרט זיין געגנער און דיא סעקונדאנטען פון ביידע זייטען.

צוויי פאר שווערטען וועלכע זיינען געלעגען אויף א קאנאפע האבען בעצייגט, אז דער ענגלענדער איז געקומען אבזיכטליך אום צו דועלירען.

דער באראן האט געגעבען א וואונק, דער סעקרעטאר האט ארונטערגעצויגען דיא פארהאנגען פון דיא פענסטער און האט אנגעצונדען דיא ליכט אין דיא קאנ־דעלאברען, און דאס צימער איז בעלויכטען געווארן וויא צו א באלל. דער סעקרע־טאר האט דאן פארלאזען דאס צימער, און דער קאמפף האט אנגעפאנגען.

ביידע האבען געקרייצט זייא שווערטען און האבען אנגעהויבען צו פעכטע מיט גלייכער געשיקטהיים. זיי זיינען ביידע געוועזען „קאמראדען פון שווערט“, או ביידע האבען געוואוסט אלע סעקרעטען פון יענער געזעלשאפט, דורך וועלכע יעדער איינער פון זיי האט געזוכט זיין גליק.

—וויקאמט — האט פלוצלונג אנגעפאנגען דער ענגלענדער אין זעהר גוטען פראנ־צוזיש — געדיינקט איהר קאַלאַנעל לעאַן?

באראן מאַרדיע האט געוויס גערעכענט צו איבערראשען דעם וויקאמט ראמא מיט זיין פלוצליכען ארויסגאנג, און ער האט קיין טעות געהאט אין זיין רעכענונג. דער וויקאמט איז אזוי ערשטוינט געוועזען צו הערן דיעזען ענגלענדער, וועלכער בע־דיענט זיך מיט א דאַלמעטשער, ריידענדיג אין ריין פראנצעזיש פון קאַלאנעל לעאן דאס ער האט פאר ערשטוינען אראפגעלאזען איין אויגענבליק דאס שווערט און האט זיך בלויז־געשטעלט. דיעזען אויגענבליק האט באראן מאַרדיע בענוצט, אום א ציה צו טהאן זיין ארעם, און צו טרעפען דעם וויקאמט אין ברוסט.

דיא סעקונדאנטען האבען געהאלטען דעם וויקאמט פיר טוט אויף דער שטעלע: אבער זיי האבען א טעות געהאט; ראמאַ האט ערהאלטען א געפעהרליכע וואונדע ער איז אבער צוריקגעשפרונגען און מיט דעם ווילדען אויסרוף „פעררעטהער! האט

ער זיך א ווארף געטהאן מיטן שווערט אין פערצווייפלונג, און האט דורכגעשטאָכען זיין געגנער דורך־און־דורך.

באראָן מארדיע איז אומגעפאלען.

—וויקאָמט — האט ער געשטאמעלט — עס איז בעשעערט מיר זאלען זיך טעדטען איינער דעם אנדערן; איך בין באראָן מאָרדיע.

—איהר! — האט ראמאָ געשריען.

—יאָ! — האט געענטפערט דער באראָן, ווערענד א בלוטיגער שוים האט זיך בעוויזען ארום זיינע ליפען — ווער עס טעדטעט מיטן שווערט, פאלט דורכ׳ן שווערט!

דאן האט ער אנגעוויזען מיטן האנד אויף א פּאָרטפעל וואס איז געלעגען אויפ׳ן קאמין, און האט צוגעזעצט:

—דאס איז פיר דיא מיידיל וועמעס געליבטען איהר האט געטעדטעט.

—אבער דאס איז אונמעגליך! — האט דער וויקאָמט געמורמעלט. ווערענד ער איז אליין שוואכער געווארן דורך דעם בלוטפערלוסט פון זיין וואונדע — איהר זייט ניט באראָן מאָרדיע!

—איך בין עס געוועזען! — האט דער שטערבענדער געענטפערט און האט אויסגעהויכט זיין אטהעם.

פיערטער טהייל.

ערשטער קאפיטעל.

דער פלאן צו רעטען ארמאנד.

א פאר טעג נאכדעם וויא באראן מארדיע איז בעערדיגט געווארען אין האמבורג האט שטאאטםגעפונדען א קליינע פערזאמלונג פון דריי פערזאן אין דעם שיינעם סאלאן דעם האטעל אויף דעם בולווארד מארבעף, וואו פולמען האט געגעבען דאס הערליכע אבענדעסען אין יענעם אבענד, פון וועלכען מיר האבען אנגעפאנגען אונזער ערצעהלונג.

פולמען האט וויעדער בעצויגען דיעזע פראכטפאלע וואוינונג, און איהרע צוויא געסט מיט וועלכע זיא איז יעצט געזעסען אין בעראטהונג זיינען געוועזען לארד מעררעל, ערנסט און פארזארגט וויא אימער, און דער זשורנאליסט מאָרים סטעפען.

פולמען איז געזעסען האלטענדיג איהר קליינע פיסעל אויפען פארענץ פון קאמין וואו עס האט העלל געברענט א פייער, און איז געוועזען פערטיפט אין געדאנקען.

מאָרים סטעפען איז געזעסען האלב פאר גראָבען אין א טיעפען ווייכען פאָטעל, האט אנגעקוקט אבוועכסעלענד באלד פולמען און באלד לארד מעררעל, און האט זיך געוואונדערט וויא קומט ער אהער און צו וואס דארף מען איהם דאָ.

ענדליך האט דיא שיינע טענצערין אויפגעהויבען דעם קאָפּ, האט אנגעקוקט ביידע מענער און האט געזאגט מיט א מעלאנכאלישען שמייכעל:

—איך קען וועטען אז קיינער פון אייך ביידען קען ערראטהען דעם גרונד וואס מיך האט בעוואויגען אייך אהער צו רופען.

דער לאָרד האט ערנסט געשאָקעלט מיט קאָפּ: ניין.

מאָרים האט געענטפערט אביסעל אומשטענדליכער:

—שוין צעהן מינוטען וויא איך ברעך מיר דעם קאפ קלעהרענדיג, און קען קיין זאך ניט דערקלעהרען.

—איך האב אייך גערופען אהער, אום אייך צו ריידען פון ארמאנד.

לארד מעררי‌ל האט נור ארונטערגעבויגען דעם קאפ און האט געשוויגען.

—וויא? — האט מארים גערופען ערשטוינט — דאס זאגסטו פארן לארד מעררי‌ל אין דיא אויגען?

—מילארד איז מיין פריינד — האט פולמען געענטפערט.

—אויך אין בעצוג אויף ארמאנד?

—געווים.

—יא — האט דער לארד בעשטעטיגט.

—א׳בעריגענס — האט דער זשורנאליסט צוגעזעצט — האט איך שוין אזוי פיעל זאכען געזעהן אין דיזער וועלט, און בעזאנדערס אין פאריז, דאס איך ווייס ניט אויב עס איז נאך עטוואס דא וואס זאל מיך זעטצען אין ערשטוינען.

—אויך מיך ניט — האט דער ענגלענדער צוגעשטימט.

—מיין ליעבער מארים — האט פולמען געענטפערט — איהר זייט צו פיעל ראמאנען־שרייבער אום צו גלויבען אין דיא ווירקליכקייט פון דיעזע ראמאנען. אבער איהר געהערט צו יענע ראמאניסטען וואס זוכען דיא פערוויקלונגען פון זייערע ביכער אין זייער איינבילדונגס-קראפט, אנשטאט זיי צו זוכען אין לעבען.

– דאס רעגעל לעבען האט ווניג פאעזיע......

—איהר האט א טעות.

—און האט ווניג דראמא.

—אזא טעות קען נאר ארויסקומען אוים דעם מונד פון אזא צווייפלער וויא איהר זייט.

—דיא איינציגע פאלשטענדיגע ווארהייט איז דער צווייפעל.

פולמען האט געצוקט דיא אכסלען.

—נון, גוט! איך וועל אייך איצטער דערציילען א שרעקליכע געשיכטע, א פאקענדע געשיכטע, אבער אויך א וואהרע געשיכטע, און ערשט פון געס־טערן, פון היינט, פון מארגען, א געשיכטע פון וועלכער לארד מעררי‌ל ווייס נור א פאר אפגעריסענע זייטלאך, פון וועלכע איהר, ליבער מארים, ווייס קיין ווארט, און וועלכע איך קען פון אנהויב ביזן סוף, און איך גאראנטיר אייך זיא איבערצוגעבען פינקטליך, און וואהר, און איך קען אייך דאס בעשווערן מיט וואס פאר א שבועה איהר ווילט....

—עהרענווארט — האט דער זשורנאליסט געזאגט — איהר רעדט מיט אזא איבערצייגונג, דאס איך וועל אייך מוזען גלויבען.

—אלזא צור זאכע — האט פולמען אנגעפאנגען: — מיט א יאהר אכט, אדער פיליי‌כט א יאהר צעהן צוריק, האט אין פאריז געלעבט א מאנן וועלכער האט דורך זיין מוטה, דורך זיין דרייסטיגקייט און דורך זיין פערשטאנד געמעגט זיין דער העלד פון א ראמאן. דיעזער מאנן האט איינמאל געעפינט א בוך, א בעריהמטען ראמאן, „דיא געשיכטע פון דיא דרייצעהן" פון באלזאק. ער האט אין דיעזען בוך געפונען א

גרויסארטיגע אידעע; ער האט זיך אריינגענומען דעם געדאנקע, דורכצופיהרען אין דער פראקטיק דאס וואס דער בעריהמטער ראמאניסט האט געטרוימט.

—איך גלויב אז דאס איז ניט ארמאנד — האט מארים אריינגעווארפען.

—ניין — האט פולמען געזאגט ערנסט — אבער דאס וועט איהר זעהן ווייטער. דיעזער מאנן האט פעראייניגט נאך זעבס צו זיך, אלע לייטע פון דער העכערער וועלט, אבער יעדערער פון זיי מיט עפעס א פלעק אויף זיין עהרע אדער מיט א געהיימער שאנדטהאט אויף זיין געוויסען.

דיעזע זעכס לייטע זיינען אלע געוועזען פון דער ארמעע און אויסגעצייכענטע פעכטער מיטן שווערט. דער יעניגער וואס האט זיי פעראייניגט און איז געווארן זייער הויפטמאנן, זייער פיהרער, און וועמען זיי האבען געהארכט בלינדערהייד, האט זיי א נאמען געגעבען: „דיא קאמראדען פון שווערט"......

—אהא: דוא פערפאסט א ראמאן, פולמען.

—אבער איך דערצייל ריכטיג דיא געשיכטע, מיין ליעבער.

—דערציילט ווייטער, פולמען — האט לארד מערריל ערנסט געבעטען.

—אין א פערלויף פון פיער אדער פינף יאהר — האט פולמען ווייטער דערצייכט — האבען דיעזע מענשען, פונקט וויא יענע דרייצעהן‎זיך געמאכט ניט קענענדיג איינער דעם אנדערן, און האבען געהאלטען פאריזער וועלט אין זייערע הענד. איינער האט געליעבט דיא פרוי פון א געוויסען גענעראל. דער גענעראל איז געטעדטעט געווארען אין א דועל און ער האט געהייראטעט זיין וויטווע. איין אנדערע האט געזאגט ענטערבט ווערן — איין שווערטשלאג האט איהם בעפרייט פון אמת'ן יורש. און אין פערלויף פון פינף יאהר האבען דיעזע געהיימע מערדער ניט אויפגעהערט צו שטרייען טרויער און אונגליק אויף זייער וועג. און זיי האבען אנגעזאמעלט ירושות און זיינען געקומען צו אלכעס.

—אבער דאס א זאך אונגלויבליך — האט מארים אויסגערופען.

—דאס איז דיא ווארהייט — האט פולמען געענטפערט.

—זאל זיין אזוי! איך גלויב דיר! דערצייל ווייטער!

—אונטער דיעזע זיעבען — האט פולמען פארטגעזעצט — איז געוועזען איינער וואס האט זיך אנגעשלאסען אין דיא „קאמראדען פון שווערט" נור מיט דעם צוועק צו ערלייכען א געוויסע פרוי ער האט זיא ערלייכט און האט זיא נאכהער פערלאכטעט און פערהאסט. שפעטער האט ער זיא געטעדטעט דערפאר וואס זיא איז געוועזען אונטריי און האט פערפלוכט דעם טאג וואס ער האט זיך אנגעשראקען אן דיא „קאמראדען פון שווערט". ער האט חרטה געהאט אויף אלעס. נאך פערלויף פון נאך א פאר יאהר האט ער ליעב בעקומען איין יונגעס עהרליכעס און וואונדערשיינעס מעדכען וועלכע האט קיינע אידעע געהאט פון זיינע פריהעריגע שאנדטהאטען, און וועלכע האט איהם אויך זעהר געליעבט און האט אנגענומען זיין נאמען.

—און דאס האט פאסירט אין פאריז? — האט מארים געזאגט:

—נאטירליך!

—און ערשט זייט צעהן יאהר?

—נאך ניט גאנץ צעהן, ערשט זעכס אדער זיעבען.

—דאס איז זאנדערבאר; אבער וויאזוי ווייסט דוא דאס?

—ווארט נאר אויס! אן דעם טאג פון זיין האכצייט האט דער זיעבעטער „קאמ־ראד פון שווערט" געזעהן, אין מיטען חתונה־באל, צוקומענדיג צו איהם א מאן, וועלכער האט איהם געזאגט:

—איהר האט נים ריכטיג געהאנדעלט צו הייראטהען אהן אונזער צושטימונג, דען אום אינטערעס פון אונזער געזעלשאפט מוזט איהר היינט פעררייזען. איהר געהט נאך אינדיען.

—איך גלויב אז ער וועט זיך ענטזאגען צו געהן — האט מארים געפרובט טרעפען.

—געוויס, אבער זיין ענטזאגען זיך האט איהם געקאסט דאס לעבען. איין פאראגראף פון זייערע געהיימע רעגעלן האט געזאגט, אז ווען איינער פון זיי וועט וועלען ברעכען מיט דער געזעלשאפט, וועט ער זיך מוזען שלאגען מיט אלעמען בסדר.

—און ער האט זיך געשלאגען?....

—נאך דעמזעלביגען אבענד, אין א שטילע געסיל, פון וואנען ער האט געהערט דיא מוזיק פון ארקעסטער וואס האט געשפיעלט אויף זיין חתונה.

—און ער איז געטעדטעט געווארען?

—א שטונדע שפעטער איז ער געקומען און האט אויסגעהויכט זיין אטהעם אין דער אומארמונג פון זיין יונגער פרוי, וועלכער ער האט צוריקגעלאזען א קליינעס קעסטעלע. דאס קעסטעלע האט ענטהאלטען א געשריעבענעס בוך און דאס בוך האט ענטהאלטען זיין לעבענסבעשרייבונג, און דיא געשיכטע פון דיא פערברעכען פון דיא „קאמאראדען פון שווערט".

—און דיא יונגע פרוי?......

—זיא איז גלייך אויף מארגען פערשוואונדען, אבער איידער זיא האט פערלאזען פאריז האט זיא געשווארן, דאס זיא וועט אמאהל צוריקקומען און וועט זיך נוקם זייך אן דיא זעבס „קאמראדען".

—און וואס האבען זיי געטהאן? — האט קארד מערריל געפרעגט.

—א קורצע צייט נאך דעם טראגישען טויט פון זיעבענטע האבען זיך דיא זעבס אנדערע פעראייניגט און האבען ערקלערט זייער געזעלשאפט אויפגעלעזט. יעדער פון זיי האט זיך שוין געהאט דערשלאגען צו וואס עס איז. איינער איז געוועזען רייך, דער אנדערער האט זיך געהאט ערווארבען א גרויסען נאמען, אז"וו, אז"וו.

—און וואס איז געווארען מיט דער יונגער אלמנה?

—אה! — האט פולמען אויסגערופען — איהר עראיננערט אייך געוויס דאס מיט א זעבס מאנאטע צוריק, אלס איהרביידע זייט געזעסען ביי מיר דא צו איין אבענדעסען, האט מען גערעדט פון א דאמע מיט א בלאסען געזיכט מיט א פאטאלען בליק, וועלכע רייזט ארום דיא וועלט און קיינער ווייס נים וואוהין זיא געהט און פון וואנען זיא קומט......

—אה! — האט מארים סטעפען אויסגערופען — דאס איז געוויס יענע דאמע וועלכע א יונגער עקשן האט געטראפען אין איטאליען און האט זיך אין איהר שטערבליך פערליבט......

—יא, דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה.... און ווייסט איהר ווארום זיא טראגט דעם שווארצען האנדשוה?

—ווארום ?

—ווייל זיא האט אויפען האנד איינינע טראפען פערטריקענטע בלוט פון איהר מאנן, פון דעם איינציגען וועזען וועלכען זיא האט געליעבט, און זיא האט זיך פעשווארן נים ארונטער צו ציהען דיעזע האנדשוה און נים אראפצוּוואשען דיא בלוטפלעקען פון דער האנד, ביז דער לעצטער פון דיא „קאמראדען“ וועט פאללען.

—טייפעל ! — האט מארים געשטאמעלט — וויסטו, פולמען, ווען דיין ראמאן ואל....

—מיין געשיכטע — דארפסט דוא בעסער זאגען.

—זאל זיין אזוי ! ווען דיין געשיכטע האט נאר א גוטען סוף וועל איך זיא לאזען דרוקען.

—דער סוף איז נאך אין דער צוקונפט — האט פולמען געענטפערט — און דער־פאר אייגענטליך האב איך אייך איצטער אהער גערופען.

—וואס קען איך דען ?.......

—נים געאייכט ! פריהער מוזט איהר מיר געבען אייער עהרענווארט, דאס קיין אייציגעס ווארט פון דעם וואס איך האב אייך געזאגט, און פון דעם וואס איך וועל אייך זאגען, וועט נים ארויסגעהן פון אייער מונד.

—איך שווער עס דיר פולמען.

—אויך איהר, מילארד ?

—מיטן גאנצען הערצען — האט לארד מעררייל פערזיכערט.

—דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה איז פאר זעכס מאנאטע צוריק געקומען נאך פאריז.... פיער פון דיא זעכס „קאמראדען פון שווערט“ זיינען געפאלען.

—אה ! — האט מארים אויסגערופען.

—דריי זיינען טויט. איינער איז געטעדטעט געווארען אין א דועל אין נאר־מאנדיע, דער צווייטער אין באדען, דער דריטער ערשט געסטערן אין האמבורג.

—געסטערן ?

—יא, דיעזען מארגען האט עס א דעפעשע געמעלדעט.

—און דער פיערטער ?

—דיעזער איז בעערדיגט געווארן מיט זעלטענעם פאראד ערשט מיט איינינע טעג צוריק, אבער ער איז נים טויט.......

מארים סטעפען איז אויפגעשפרונגען פון זיין שטוהל, אבער פולמען האט ערנסט פארטגעזעצט :

—מען האט איהם געמליך געגעבען דיא ברירה : ענטוועדער צו לעבען ענטעהרט, פעראכטעט פון זיין פרוי און זיינע קינדער, אדער געהאלטען צו ווערן פאר טויט אין זייערע אויגען און זיי צוריקלאזען א גוטע עראינערונג.

—און ער האט געוועהלט.......

—וועהרענד מען האט איינע לייבע פארשלאגען אין זיין טרונע, האט ער זיך איינגעשיפט אונטער א פאלשען נאמען נאך אינדיען, פון וואנען ער וועט קיינמאל נים צוריקקעהרען.

—עהרענווארט! — האט מאַרים סטעפען געמורמעלט — ווען דאס זאל זיין וואהר......

איך האב אייך פערשפראכען צו דערציילען נור דיא וואהרהייט. דיא וואהרהייט איז פיעל וואונדערבארער וויא דיא פאנטאזיעס פון דיא אויפרעגענדסטע ראָמאַנען

—אלזא — האט פולמען פארטגעזעצט — בלייבען נאך איבער צוויי „קאמראדען“ וועלכע דארפען פאללען. איינער פון זיי איז מיר גלייכגילטיג, דער אנדערער אבער......

ווער איז דער?

—דאס איז דער הויפממאן, דער אויפטהוער פון דער געזעלשאפט, און וואס אויף זיין בעפעהל זיינען אלע פערברעכען ג טהאן געווארן.

—ווער איז דיעזער?

—דאס איז דער פאטער פון ארמאנד.

—דער קאלאָנעל לעאָן?

—ער אליין.

דער ענגלענדער און מאַרים סטעפען האבען זיך איבערגעקוקט מיט שמערצליכען ערשטוינונג.

—דערפון קענט איהר פארשטעהן דאס דיעזער וועט האבען נאך א שרעקליכערע שטראפע, נאך ענטזעטצליכער וויא דיא אנדערע, דען ער איז דער שולדיגסטער פון אלע, און איהם האט זיא בעהאלטען צום סוף....

—וואס איז דיעזע שטראפע?

—אה, איך גלויב איך האב עס ערראטהען — האט פולמען אויסגערופען — זיא וויל איהם שלאגען דורך זיין זאהן, דורך דאס איינציגע וועזען וועלכעס ער ליעבט מיט זיין גאנצער זעעלע, זיינע איינציגע האפנונג, זיין לעבען. דען דיעזער קאלאנעל לעאָן, דיעזער הארטער אונבארמהערציגער מענש וועלכער האט אזוי פיל געוואגט, און אויף וועמעס בעפעהל אזוי פיעל בגוט איז פארגאסען געווארן — דיעזער אלטער וועלבער איז געבויגען אונטער דער לאסט פון זיינע געוויסענסביסע, האט נור איין איינציגע נייגונג, און אום איהם אם זיכערסטען און אם פיינליכסטען צו טעדטען איז נור נייטיג צו טרעפען זיין זאהן.

—און איהר גלויבט......

—איך גלויב אז דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט עס פערשטאנען — האט פולמען געזאגט מיט טרויער אין איהר שטימע — א לאנגע צייט איז זיא גע־וועזען אונענטשלאסען! א פאר מאהל האט זיא מיר זאגאר געזאגט מיט כעס: נעהמט פון מיר אוועק דיעזען יונגען מענשען, פיהרט איהם אוועק פון דאנען אנ׳עק וועלט ערגיץ־וואו נאר ניט דא, פיהרט איהם אוועק, דען זאנסט איז ער פערלארען.

—נון?

—אבער ארמאנד ליעבט זיא, ארמאנד געהט איהר נאך פונקט וויא א שקלאפע, וויא איין געהאָרזאמעס ווערקצייג: ער האט דיעזער פרוי געדיענט, ער האט איהר געהאלפען דורכפיהרען איהרע ראבע־פלענער.

אָה ! — האט דער ענגלענדער געמאכט.

—און דער אונגליקליכער ווייס ניט אז ער וועט זיין דאס לעצטע אפפער פון דער דראמא אין וועלכע ער האט זיך אזוי אונפאָרזיכטיג ארייגעמישט.

—אבער קענט איהר דען ניט איהם עפענען די אויגען ? — האט מאָרים גע־פרעגט — קענט איהר איהם ניט דערציילען......

—ניין — האט פולמען געזאגט.

—ווארום ?

—ווייל איך בין געבונדען דורך א שרעליכע שבועה.

און פולמען האט דערצייכט איהרע ביידע געסט אלעס וואס האט פאסירט אין באדען אין יענער נאכט ווען זיא האט אריבערגעקלעטערט די מויער פון הערן אסטי׳ס גארטען און איז אריינגעשפרונגען אין גארטען פון מאיאר אָרלאָוו, מיטן דאָלך אין דער האנד, און האט פערלאנגט איינע אויסאיינאנדערזעטצונג פון דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה. זיא האט מיר דאנן דערציילט איהר געשיכטע און האט מיט מיר געשלאסען א זאנדערבארען אפמאך :

—שווערט מיר — האט זיא מיר געזאגט — דאס איהר וועט קיין ווארט ענט־דעקען צו ארמאנד פון אלעם וואס איך וועל אייך דערציילען, און איך לאז אייך דאס שלאכטפעלד פריי; ווענדעט אן אלע אייערע מעגליכקייטען איהם פון מיר צו ענט־ייסען, טהוט וואס איהר קענט, איך נעם איבער דעם קאמפף מיט אייך, אבער איהר זאלט ניט פערגעסען, דאס אן דעם טאג ווען ארמאנד וועט ערפאהרען ווער זיין פאטער איז און וואס מיין צוועק איז, וועט ארמאנד פאלען טויט דורך איין אונבעקאנטע האנד.

—אבער מען מוז איהם דאך ענטרייסען פון יענער דאמע — האט מאָרים סטע־פען אויסגערופען.

—דעריבער האב איך אייך דאך אהער גערופען, אום אייך פארצולייגען מיינע פראָיעקטען און צו פרעגען אייער ראטה... דען ער מוז גערעטעט ווערן — האט פולמען צוגעזעצט שטיל — ער מוז גערעטעט ווערן אום יעדען פרייז...

—מיר וועלען איהם רעטען — האט לאָרד מעררילן געענטפערט מיט זיין ענגלי־שער קאלטבליטיקייט.

איין פונק האָפנונג האט אויפגעלויכטען אין פולמען׳ס גרויסע שווארצע אויגען.

צווייטעס קאפיטעל.

דיא פאַטאַלע דאמע אין ארמאנד׳ס הויז.

פיער און צוואנציג שטונדען נאך דער סצענע וועלכע מיר האבען בעשריעבען אין דעם פאריגען קאפיטעל זעהן מיר ארמאנד וויעדער אין זיין קליינער וואוינונג אין שעיאַט, ביי פאריז.

ארמאנד איז יעצט ניט מעהר געוועזען וויא דער שאטען פון זיך אליין, דער שאטען פון יענעם ארמאנד וועלכען מיר האבען געקאַנט. דיעזער ענערגיעשער פייערי־גער יונגער מאנן איז יעצט געוועזען בלאס, אויסגעמאָגערט, שווייגזאם. זיין בליק איז געוועזען פיעבעריש און מאט, און עס האט אויסגעוויזען אז ער הויבט אן מיעד צו־ווערען פון צו ליידען.

ער איז יעצט געלעגען אויסגעצויגען אויף א דיוואן אין זיין רויכער-צימער און האט געטראכט, ריכטענדיג זיין בליק אויף די בוימער פון גארטען. די טיר האט זיך געעפינט און זיין דיענער זשאן איז אריינגעקומען.

ארמאנד האט לעבהאפט אויפגעהויבען דעם קאפ און האט אנגעקוקט זיין אלטען דיענער מיט איינער ענגסטליכקייט וועלכע איז גאר ניט מעגליך צו ווידערגעבען.

—נון ? האסט דוא זיא געפונען ? — האט ער אויסגערופען.

—יא, מיין הערר.

—האט זיא געלעזען מיין בריעף ?

זשאן האט געטהאן א שאקעל מימן קאפ : יא.

—און... זיא וועט קומען ?

—יא, מיין הערר.

ארמאנד האט אויפגעשריען פאר פריידע.

—אה, דוא זאגסט קיין ליגען, דוא נארסט מיך ניט ? האט ער געזאגט.

זשאן האט געזיפצט און א טרעהר האט זיך אראפגעקייקעלט אויף זיין באק, וועלכעס איז שוין געוועזען אין פאלטען.

—זיא האט אייך פערציזבערט, מיין הערר — האט דער אלטער דיענער געמור־מעלט, און ארמאנד האט אויפגעציטערט פון זיין דיענערס האלטונג.

—איך האב זיא ליעב — האט ארמאנד געזאגט.

—און איך האס זיא, איך פעראכטע זיא ! — האט דער אלטער סאלדאט אויסגערופען.

—שוויג, זשאן !

—איך האס זיא דערפאר וואס זיא האט אייך געמאכט אזוי פיעל צו ליידען... איך האס זיא.... א, פערצייהט מיר, הערר ארמאנד, איך בין איין אלטער סאלדאט, א מענש נים קיין געלערנטער, אבער, פארשטעהט איהר מיך, איך האב פאר־געפיהלט......

—וואס פיהלסטו דען ?

—מיר זאגט מיין הערץ, דאס דיעזע פרוי......

—רייד ארויס, רייד ארויס ! — האט דער יונגער מאן גערופען מיט אתגעדולד, אלס זשאן איז פלוצלונג געבליעבען שטעהן.

—וועט זיין איין אונגליק פאר אונז אלעמען — האט זשאן געענדיגט.

—איך האב זיא ליעב — האט ארמאנד ווידערהאלט מיט עקשנות.

—זעהט נאר אליין, הערר ארמאנד, צייט איהר זייט צוריקגעקעהרט אויס דייטשלאנד זייט איהר בכאס, אומעטיג און אזוי פארענדערט, אז מען קען אייך קוים דערקענען, און ווען איך מיטן קאלאנעל בליקען אייך אן, דריקט אונז צתאמען דאס הערץ און מיר וויינען....

—דוא וויינסט ? — האט ארמאנד געזאגט און האט גערייכט די האנד דעם אלטען דיענער — דוא וויינסט מיט מיין פאטער, מיין ערעטער אלטער ?

— דאס איז נור דערפאר וואס מיר זעהן איך ליידען......

—שווייג !

—מיין ארעמער קאָלאָנעל ! — האט זשאן פארטגעזעצט — ער האט זיך פערענדערט אונטער דער צייט צום ערשרעקען ! ער זעהט אויס מיט 20 יאהר עלטער.

דיעזע ווערטער האבין געמאכט אויף ארמאנד א טיעפערען איינדרוק וויא אלעס וואס דער אלטער האט ביז יעצט געהאט געזאגט. אויף ארמאנדס ליפען האט זיך בעוויזען א שמייכעל:

—נא, דוא ועסט זעהן, מיין גוטער זשאן, דאס איך וועל נאך ווערן צוריק אזוי מונטער, אזוי פריילאך, דאס מיין פאטער וועט יונגער ווערן פאר פריידע....

—ניב גאט עס זאל אזוי זיין, העדר ארמאנד !

—אבער, זעה נאר, דערווייל האב איך גאנץ פערגעסען דיר צו פרעגען וועגען דעם, וויא אזוי דוא האסט דורכגעפיהרט מיין אויפטראג. דוא ביסט געגאנגען נאך דעם באָווא־פלאטץ ?

—איך קום יעצט פון דאָרט.

—דוא האסט זיא געזעהן ?

—יא.

—זיא האט געלעזען מיין בריעף ?

—צוויי מאהל נאך אנאנד.

דיא פריידע האט אויפגעשטראהלט אין ארמאנדס אויגען פון דיעזער בשורה.

—אָה, מיר שיינט יעצט אז זיא האט מיך ליעב — האט ער געמורמעלט — איז זיא געוועזען אליין ?

—ניין, יענער אלטער......

—דער גראף אָרלאָוו.

—איז געוועזען ביי איהר, און זיא האט איהם געוויזען דעם בריעף און האט איהם געפרעגט: — וואס טהוט מען יעצט ?

—אה ! — האט אָרמאַנד געמאכט מיט פערדרוס — זיא האט איהם געפרעגט א ראטה.

—יא, און דאנן האט זיא צוגעזעצט: — זאל איך געהן אהין ?

—און וואס ער האט געענטפערט ?

ער האט געזיפצט, האט מיך אומעטיג אנגעקוקט און האט געזאגט:

—געהט, מאדאם, איך זעה אז מען קען ניט אנטלויפען פון וואס עס איז בעשערט פון שיקזאל.

—איך האב ניט פערשטאנען וואס ער האט דערמיט געמיינט, אבער דיא ווערטער האבען מיך איבערגעשראקען.

—אָה, ביזט דוא דום, זשאן ! איך פארשטעה דאס.

—וואס האט ער דערמיט געוואלט זאגען ?

—דאס זיא ליעבט מיך און קען זיך ניט העלפען.... און מוז עס מיר נטשטעהן....

דער אלטער זשאן האט געשאָסעלט דעם קאָפּ אין צווייפֿעל.

—אלזא, זיא קומט ?

—יא, מיין העրר.

—ווען ?

—זיא האט מיר געזאגט : געהט, איך קום באלד.

און ווירקליך האט זיך אין דיעזען אויגענבליק געלאזט הערן דאס גלעקיל ביין טיר.

—דאס איז זיא ! — האט ארמאנד גערופען און איז בלאס געווארן פאר אויפרעגונג.

ער האט געאיילט אין איין צווייטעם צימער, וואו דיא פענסטער זיינען ארויס צום הויף, און האט זיך ארויסגעבויגען דורך א פענסטער. א קליינער עקיפּאזש האט זיך געהאט אָפּגעשטעלט ביין איינגאנג און א טיעף פערשלייערטע דאמע איז פון איהם אויסגעשטיעגען.

דאס איז געוועזען דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה.

ארמאנד האט איהר געוואָלט אייליג אנטקעגען, אבער זיינע קרעפטען האבען איהם געלאזען אין שטיך, און ער איז געבליעבען אונבעוועגליך און ציטערענדיג אהן כוח און אהן א שטימע, אויבען אויפען טרעפּ. זשאן האט עס בעמערקט און האט איהם אונטערגעחאפּט.

איך האב קיינמאהל קיין מורא געהאט אויפען שלאכטפעלד, און דאָ ציטער איך.... מיר שיינט אז דיעזע דאמע בריינגט אהער טרויער און טויט......

דערווייליע איז דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה לאנגזאם ארויף דיא טרעפּ. אלס זיא איז געוועזען נעבען ארמאנד האט זיא אויפגעהויבען איהר שלייער און האט איהם אנגעקוקט מיא א שמייכעל, עטוואס טרויעריג, אבער אהן יענעם ביטערן שפּאָט וועלכער פלעגט זיך אָפט ווייזען אוי איהרע ליפּען.

ארמאנד האט ערגריפען איהר האנד, האט זיא בעדעקט מיט קיססען, אבער קיין ווארט האט ער געקענט ארויסריידען. ער האט זיא נור אריינגעצויגען צו זיך אין זאל, און האט מיט א בעוועגונג געהייסען דעם אלטען זשאן זיי פערלאסען.

אָ, דיעזע פרוי — האט דער אלטער סאלדאט געמורמעלט פאר זיך — דיעזע פרוי!.... דאס מוז זיין א בייזער טייפיל!....

דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט זיך געזעצט, וועהרענד ארמאנד האט זיך ארונטערגעלאזען פאר איהר אויף דיא קניע, אימער האלטענדיג איהר האנד אין זיינע.

—ענדליך — האט ער געשטאמעלט — ענדליך האט איהר זיך ענטשלאסען מיך צו זעהן.

זיא האט איהם א ווילע אנגעקוקט מיט טרויער און האט דאן געפרעגט:

—איהר ליעבט מיך אלזא נאך אימער ?

--אימער! - האט ער געמורמעלט — און וואס איך האב געליטען אין דיא אכט טאג וואס איך האב אייך ניט געזעהן, דאס קענט איהר גאר ניט בעגרייפען.

--פיקייכט.... האט זיא געזאגט.

--און דאך — האט ער פארגעזעצט מיט טרעהרען אין דיא אויגען און מיט דער צערטליכסטער שטימע — און דאך האב איך אייך געהארכט, האב דורכגעפיהרט אייערע בעפעהלע אהנע צו פראגען, בין געוועזען אין אייערע הענד איין אינסטרומענט און בין געוועזען גליקליך מיט מיין שיקזאל.... אה, מאדאם, וואס האב איך דען געטהאן אום צו פארדיענען אזא אונגנאדע?

--קיין זאך — האט זיא געענטפערט שמייכלענדיג.

--אלזא, אין אייערע אויגען בין איך ניט שולדיג?

--ניין, מיין פריינד.

ער האט געקיסט איהר האנד מיט היגרייסונג. זיא האט דערוויילע פארטגעזעצט אין איהר רוהיגער וויזע אימער שמייכלענדיג:

--מיין פריינד, איהר בעקלאגט זיך אויף מיך, און אויפען ערשטען בליק האט איהר פילייכט רעכט, נאכדעם וויא איך האב אייך אלאנגע צייט אויסגעמיעדען, האב צוריקגעוויזען אייער ליעבע און בין געלאפען פון אייך, האב איך מיך ענדליך געלאזט בעזיעגען פון אייך. אייער שטאנדהאפטיגקייט און אייערע בעווייזע פון ליעבע האבען מיך גערירט. דאן זייט איהר געקומען מיט מיר נאך באדען, איך האב אייך געמאכט אנטהייל נעהמען אן מיינער ראכע, און איהר האט געהאט דעם מוטה......

איבער ארמאנדס געזיכט איז אריבער וויא א וואלקען, ער האט זיך דער־מאהנט וואס פאר א שענדליכע ראלע ער האט געשפיעלט אנטקעגען מאדאם פון אסטי.

--אבער לאמיר אוועקלייגען אן א זייט דיעזע פיינליכע עראינערונגען, מיין פריינד—האט דיא דאמע ווייטער געזאגט;

--איהר זייט צור קגעקומען מיט מיר נאך פאריז, איהר פלעגט מיך בעזוכען טעגליך, מאנכעס מאהל צווייא מאהל א טאג, מיין וואוינונג, איז געוועזען אפען פאר אייך, און איך האב אייך אימער עמפפאנגען....

--איהר זייט געוועזען גוט....האט ארמאנד געמורמעלט.

--איין טאג זייט איהר צו מיר געקומען, און מען האט אייך ניט אריינגע־לאזען, און אלס איהר זייט בעשטאנען דארויף איינגעלאסען צו ווערן, האט מען אייך איבערגעגעבען פון מיר א צעטיל, און וועלכען איך האב אייך ערקלערט, אז איהר מוזט פארלויפיג איינשטעלען אייערע בעזוכע ביי מיר.

--א, דאס איז געוועזען וויא איין בליטצשלאג פיר מיך.

--איך וויים עס, מיין פריינד.

--איהר ווייסט עס?

--יא, דען איך האב אייך געזעהן דורך א פענסטער אוועקגעהענדיג מיטן טויט אין הערצען.

--און פון יענעם טאג או—האט ארמאנד פארטגעזעצט—האב איך אייך יעדען טאג געשריעבען, און מיינע בריעפע זיינען געבליעבען אונבעאנטווארטעט.

דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט א וויילע געשוויעגען, און האט דאנן געענטפערט:

—יא, אויפען ערשטען בליק זעהט עס ווירקליך אויס דאס איך בין אונגע־רעכט אין גרויזאם; אָבער האָט איהר שוין פערגעסען וואס איך האָב אייך גע־זאגט דאן ווען איהר האט מיך אָנגעיאָגט אויפען וועג נאָך דייטשלאַנד: דאס אויב איהר ווילט מיך ליעבען און מיר פאלגען, מוזט איהר אויף אלעס פאר־בערייטעט זיין, און קיין זאך. אין דער וועלט דארף אייך ניט אין ערשטוינען זעטצען, און איהר זאָגט ניט זוכען צו דערגעהן דאס געה׳ימניס פון מיין זאנ־דערבארער אויפפיהרונג.

—דאס איז וואהר—האָט ארמאנד געענטפערט—אָבער זייט דאמאלס האָט איהר מיך דענן אליין ניט בעקאנט געמאכט מיט פיעלע געהיימניסע פון אייער לעבען, און האט איהר מיך ניט געברויכט, וויא איהר אליין זאגט, אלס אינס־טרומענט אין אייער האנד?

—יא, געוויס; און אזוי וויא איהר פערלאנגט עס וועל איך אייך יעצט איבערגעבען מיין לעצטען סעקרעט.

—ארמאנד האָט אויפגעציטערט.

—מיינע ארבייט האָט זיך אין באדען נאָך ניט געענדיגט—האָט דיא דאמע פאָרטגעזעצט—דער העדר מארקיז פאָן מאנטנארי איז אויך נאך ניט געוועזען דער לעצטער פון דיא מערדער וועלכע איך פערפאלגע.

—עס זיינען אלזא פאראנען נאָך אנדערע? האט אַרמאנד געפרעגט.

—געוויס; און דער יעניגער וואס איז געוועזען דער אנפיהרער פון דיא מערדער, דער גאנצער אָרגאַניזאטאָר און וועמעס בעפעהלע זיי האָבען אלע דורכגעפיהרט—דיעזען האָב איך געוואָלט פערניכטען אָהן אייך...

זיא האָט דיעזע לעצטע ווערטער ארויסגעזאגט ציטערנדיג, פונקט וויא א האַמפף וואָלט פארגעגאנגען אין איהר.

—אָ—האָט ארמאנד גערופען—געהער איך דען ניט אייך קערפער און זעעלע? וואט איהר בעפעהלט בין איך בערייט צו טהאן...

—דער מאיאָר האָט רעכט—האָט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה בייזיך געטראכט—מען קען ניט אויסמיידען דאס וואָס איז איינעם בעשערט. און דאן האָט זיא צוגעזעצט לויט:

—נון גוט, זאָל זיין אזוי! איהר וועט צוריק ווערן מיין אינסטרומענט. איהר וועט זיין אין מיינער האנד דיא שרעקליכע פייטשע פון מיינער ראכע. איך האָב אייך געוואָלט דערווייטערן דערפון, אבער דאס שיקזאל שיינט אנדערס צו וועלען.

—איך ליעב אייך—האָט ער געזאגט מיט ליידענשאפט.

זיא האָט זיך אויפגעהויבען און האָט איהם גערייכט דיא האנד.

—קומט מאָרגען צו מיר—האָט זיא איהם געזאגט—איך ערווארטע אייך נאכמיטאג. אדיע.

וויא א שכורער פון פריידע האָט אַרמאַנד זיא ארויסבעגלייטעט צום וואגען און האָט צום לעצטען מאהל בעדעקט איהר האַנד מיט קיססען.

....

איינע שטונדע שפּעטער איז דיא דאַמע מיט דעם שוואַרצען האַנדשוה ווידער אריינגעקומען צו זיך און האָט געפונען דעם גראף אַרקאָוו זיצענדיג אין א ווינקעל אין איהר בודואר.

—איהר האט רעכט, מיין אַרעמער הערמאַן—האָט זיא זיך צו איהם געווענ־דעט—א מענש קען ניט אַנטלויפען פון זיין שיקזאַל. איך האָב פיעל מאָהל פערזוכט אָבצושטויסען פון זיך אַרמאַנד, זיך צו בעפרייען פון איהם און פון זיין ליעבע, איך האָב אויף איהם מיטלייד געהאט און האָב איהם געוואָלט לאָזען לעבען, אָבער דאָס שיקזאַל וואָס טרייבט מיך, האָט אַנדערס בעשטימט. איך האָב איהם געוואָלט פערצייהען, און ער פעראורטהייכט זיך אַליין.

—אַלזאָ, וועט ער קומען.

—יאָ—האָט זיא געזיפצט.

—ווען?

—מאָרגען.

—און וואָס וועט זיין מיט יענעם שרעקליכען פּלאַן....

—איך וועל האָבען דיא קראַפט איהם דורכצופיהרען.

זאָגענדיג דיעזע ווערטער האָט דיא דאַמע מיט דעם שוואַרצען האַנדשוה געפיהלט איהר שטימע ציטערן אין איהר האַלדז, און דער מאַיאָר אַרקאָוו האָט זיא פערדעכטיגט אָנגעקוקט.

—אָה, זעהט נור—האָט ער געזאָגט—איך האָב מורא אז יעצט לעזט איהר ניט מעהר אזוי קלאָר דאָס וואָס עס געהט פאָר אויפען גרונד פון אייער זעעלע, מאַדאַם.

—וואָס ווילט איהר דערמיט זאָגען?—האָט זיא געפרעגט אויפציטערנדיג.

—איך וויל זאָגען, אז דיעזער יונגער מאַנן, ווענען איהר געהט אומברייגנען אָהן רחמנות דערפאר וואָס זיין פאַטער האט געטעדטעט אייער מאַנן

—נון, איהר האט געטענדיגט דערמיט דאָס איהר האָט זיך אין איהם פער־ליעבט!....

דיא דאַמע מיט דעם שוואַרצען האַנדשוה האָט אויפגעשריען וויא אין שרעק און איז געוואָרן טויט־בלאַס.

—אָ, ניין, ניין!—האָט זיא געשריען—ניין, איהר זאגט ליגען, הערמאַן! דאָס איז אונמעגליך! איך האָב קיינמאָל ניט געליעבט און וועל קיינעם ניט ליעבען אויסער דאָס וואָס איך בעוויין! איך בין מאַרקיזין גאַנטראָן פאָן לאַסי!

דיא דאַמע מיט דעם שוואַרצען האַנדשוה האט זיך אויפגעריכטעט שטאָלץ און האָט פאָרטגעזעצט:

—און ווען אפילו דוא האסט רעכט, הערמאַ, אויב איך האָב מיך ווירקליך פערליעבט אין דיעזען יונגען מאַנן, ביז איך דען ניט דיא שקלאַפין פון מיינער

ראכע? איך וועל איהם טראמץ אלעם פערניכטען, דען איך מוז בעשטראפען דעם פאטער, דיעזען באנדיט מיט דיא גרויע האָר; און דיא איינציגע שוואכע זייטע וואו מען קען איהם שמערצליך אנריהרען, איז זיין זאהן.

דריטעס קאפיטעל.

ארמאנד אלס געפאנגענער ביי פולמען.

אלס דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט איהם פארלאָזען אי ארמאנד געבליעבען אין איינער ארט פיעבערהאפטער פריידע, און ביי זיינער נער־וואזיטעט האָט עס נאך אויף איהם מעהר געווירקט, און ער האָט אבוועכסעלנד געוויינט און געלאכט.

זשאן איז אריינגעקומען.

—וואס ווילסט דוא?—האָט ער איהם געפרעגט פערדריעסליך.

—אַ פריינד ווינשט אייך צו זעהן.

—פיהר איהם אריין.

—וויא, איהר פרעגט מיך אפילו ניט וויא ער הייסט?

—דוא זאגסט דאך „א פריינד“, און אין מיין יעצטיגער שטימונג וואלט איך געקענט עמפפאנגען אפילו א שונא.

דער אלטער זשאן האט געעפינט דיא טיר און האט אנגעמעלדעט:

—הערר מאָררים סטעפען!

ארמאנד האָט זיך אויפגעהויבען, איז געגאנגען איינינע טריט אנטקעגען זיין גאסט, און האט איהם הערצליך געדריקט דיא האנד.

—איהר זייט איצטער זעהר זעלטע׳, מיין ליעבער—האט ער איהם געזאגט.

—און אייך קען מען גאר ניט זעהן, מיין טהייערער ארמאנד.

—נא, זייט איהר געקומען מיך זעהן?

—צעהן מאהל, אבער איהר זייט קיינמאל ניט געוועזען צו הויז. דא זייט איהר געוועזען אין באדען, דא אזוי אויסגעגאנגען.

—איך האב פארבראכט דעם זומער אין דייטשלאנד—האט געענטפערט ארמאנד גאנץ איינפאך.

—און אימער מיט דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה?—האט מאררים געפרעגט מיט א שפעטישען טאָן.

—ווער האט עס אייך געזאגט?—האט ארמאנד געפרעגט האסטיג און בעזארגט.

—ווער? גאנץ פאריז וויים דערפון.

—פאריז איז זעהר ליעבענסווירדיג זיך אזוי מיט מיר צו בעשעפטיגען.

—פאריז איז נייגיעריג.

—נון גוט—האט ארמאנד געזאגט בלומרשט גאנץ גלייכגילטיג—פאריז האט זיך געמוזט פיהלען גאנץ ענטטוישט אין איהר נייגיערדע.

—איהר האט א טעות.

—איך זעה ניט וואס מען קען געפינען זיך צו חדושן אין מיינער ליעבע צו א פרוי?

—אבער דיזע פרוי איז א רעטעניס.
—ניט פיר מיך.
—זאל זיין אזוי, אבער זיא איז עס פיר גאנץ פאריז.
—און פאריז בעשעפטיגט זיך מיט אונז?
—זעהר פיעל
—איך ווארט זעהר נייגיעריג געוועזען צו וויסען וואס מען זאגט וועגען אונז— האט ארמאנד געזאגט מיט א שפעטישען שמייכעל.
—צווייא זאכען.
—קאמיר הערן פריהער דיא ערשטע.
—ערשטענס זאגט מען, אז דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה וועלכע איהר ליעבט אזוי פערצווייפעלט, האט אייך ניט ליעב.
—ווער ווייס דאס?—האט ארמאנד געמורמעלט זיך ביסענדיג דיא ליפען.
—מען זאגט אז זיא ליעבט איין אנדערן....
—ארמאנד איז געווארן בלאס..
—און יענער אנדערער איז א טויטער....
פון בלאס איז ארמאנד געווארן לייכענקאליר.
—און א מאנן וואס ווערט געליעבט פון יענער זייט קבר האט קיין מורא ניט פאר געגנער—האט מאריס געענדיגט גאנץ רוהיג.
ארמאנד האט קוים אונטערדריקט דיא אויפרעגונג וועלכע דיזע ווערטער האבען אין איהם פארגעופען, און האט דאן געזאגט, בקומרשט אין שפאס:
—נון גוט, דאס איז דאס ערשטע מיט וואס פאריז בעהרט מיך; און וואס איז דאס צווייטע?
—טייפעלן—האט מאריס געמאכט עטוואס פערלעגען.
—האט איהר עס פערגעסען?
—ניין....אבער....איך בין עטוואס פערווירט....
—ווארום?
—איך האב מורא, אז איהר וועט בייז זיין אויף מיך.
איין אומעטיגער שמייכעל האט זיך בעוויעזען אויף ארמאנדס ליפען:
—איך שווער אייך, אין געגענטהייל—האט ער געזאגט.
—נון גוט — האט מאריס אנגעפאנגען — אין פאריז זאגט מען אז איהר זייט... א נארעשע ווערקצייג אין איהרע הענד.......
—מיין ליעבער פריינד — האט ארמאנד געזאגט מיט א רוהיגען שמייכעל — האט איהר מיר געמאכט דיא עהרע פון אייער בעזוך נור אום מיר צו זאגען אזעלכע ליעבענסווירדיגקייטען?
—ניין — האט מאריס געענטפערט לאכענדיג — אין געגענטהייל איהר קענט יעצט זעהן מיין מוטה און מיין פערטרויען אין אייך. איך זאג אייך דיזע אונאנגענעהמליכקייטען גראד אין א צייט ווען איך דארף האבען פון אייך א געפעליגקייט און וויל אייך ערינערן אן אונזער אלטער פריינדשאפט.

— אויסגעצייכענט! — האט ארמאנד גערופען איהם רייכענדיג די האנד — זייט מיר ווילקאמען. מיט וואס קען איך אייך דיענען?

—איך האב אייך נייטיג.

—האט איהר א דועל? איך בין אייער סעקונדאנט.

—ניין, ניט דאס.

—האט איהר נייטיג געלד?

—אויך ניט.

—אלזא, ערקלערט אייך.

—מיין פריינד, גלויבט איהר אין אויסערגעוועהנליכע זאכען?

—געווים.

—גלויבט איהר אין יענע אונטעראירדישע דראמען וועלכע שפּיעלען זיך אפּ אין פּאריז אהן א פּובליקום, און פון אונבעקאנטע שוישפּיעלער?

—איך גלויב פעסט דארין — האט ארמאנד געענטפערט, טראכטענדיג אין דעם אויגענבליק אן די פינסטערע ראכע - טהאטען פון דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה.

—נון, גוט, מיין פריינד — האט מארים געענטפערט — אין דיעזען אויגענבליק בין איך פארמישט אין איינער פון אזעלכע דראמען און איך קען מיך נור ווענדען צו אייך.

—אבער ערקלערט אייך, מיין פריינד.

—איך קען ניט....

—אבער דאך, וויא אזוי......

—עס איז נייטיג אז איהר זאלט מיט מיר געהן......

—וואוהין?

—אין א פּלאטץ וואס איך קען ניט אנרופען ביים נאמען.

—אבער וואס זאל דאס בעדייטען? איהר ווארפט אין רעטענים נאך דער אנדערען.

—נור דארט וועל איך אייך דאס קענען ערקלערן — האט מארים געענטפערט.

—מיין גוטער מארים, ערלויבט מיר איין-איינציגע פראגע.

—פרעגט.

—ווען מוז איך מיט אייך געהן?

—אויגענבליקליך.

—איז דער פּלאטץ ווייט ארויס פון פּאריז?

—ניין.

—וועל איך קענען צוריקקעהרען אין איינינע שטונדען?

—איך וועל אייך געווים דארין ניט הינדערן — האט מארים געענטפערט.

—גוט איך געה מיט אייך.

—נעהמט א ווארעמען מאנטעל — האט איהם מארים סטעפען דערמאהנט — די נעכט זיינען קאלט.

—האט איהר א וואגען?

—יאָ, ביין מיר.

ארמאנד האט אנגעצויגען א מאנטעל און האט גענומען הוט און האנדשוה.

—דארף מען מיטנעהמען וואפען — האט ער געפרעגט אין שפאס.

—ניין, עס איז ניט נייטיג.

דער צייטונג־שרייבער איז ארויס צום ערשטען, און ביידע זיינען איינגעשטיעגען אין וואגען, וועלכער איז געשטאנען דרויסען ביים טיר. דער קוטשער האט וואהרשיינליך שוין געוואוסט וואוהין ער האט צו פאָהרען, דען ער האט זיך גלייך געריהרט פון אָרט, ניט ווארטענדיג אויף מאָריסעס בעפעהל.

א ווייכע זיינען זיי געפאהרען שווייגענדיג; דאן האט מאריס אנגעפאנגען:

—געדיינקט איהר אייערע ליעבע פון צוואנציג יאהר מיט דער קליינער באַראָנעסע פאן סעינט־לוס?

—געוויס — האט ארמאנד געענטפערט — ווארום?

—געדיינקט איהר אויך דאס יעדען אבענד, אזוי לאנג וויא זיא איז נאך געוועזען פאר אייך איין געהיימניס, פלעגט א וואגען ווארטען אויף אייך אויפען בולוואר?

—פאָלשטענדיג.

—און דער מאנן וועלכער האָט געהאט דעם אויפטראג אייך צו פיהרען פלעגט אייך פארבינדען דיא אויגען!

—יאָ.

—נון, איך מוז יעצט טהאן דאסזעלבע — האט מאָריס געזאגט, ארויסציהענדיג א טאַשען־טוך.

—איהר לאַכט?

—דורכאויס ניט! דאס איז נייטיג.

מאָריס האט דיא לעצטע ווערטער ארויסגעבראכט אזוי געהיימניספאָל, דאָס ארמאנד איז געווארן געשפאננט.

—וואו, צום טייפעל, פיהרט איהר מיך דען?

—ווען איך זאל אייך וועלען זאגען, וואלט איך אייך דאך ניט פארבונדען דיא אויגען.

—אבער דאך....

—מיין גוטער ארמאנד, איך האב אפעלירט צו אייערע פריינדשאפט — האט מאָריס אנגעפאנגען — אויב דיעזע פריינדשאפט איז ניט היגרייבענד אום איהר זאלט זיך מיר אנפערטרויען, דאן פיהר איך אייך גלייך צוריק.

—דאס איז א משוגעת.... אבער ווען איהר ווילט דורכאויס.......

און ארמאנד האט איהם אויסגעשטעלט זיין שטירן, און מאריס האט איהם פעסט פערבונדען דיא אויגען.

דער וואגען האט דערווייל פארטגעזעצט זיין וועג און ארמאנד האט געפיהלט וויא ער האט זיך איינינע מאהל פארקעהרעוועט, באלד רעכטס און באלד לינקס. ער האט געשוויעגען פערטיעפט אין געדאנקען, וועגען דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה, און אויך מאריס האט קיין ווארט גערעדט.

דיזע וואונדערבארע רייזע האט געדויערט אונגעפעהר א האלבע שטונדע, און דער וואגען איז געבליעבען שטעהן.

—דאס איז היער — האט מארים געמעלדעט.

זיי זיינען ביידע אויסגעשטיעגען און מארים האט גענומען ארמאנד פאהן ארעם און האט איהם ארויפגעפיהרט א טרעפ. דאן האט זיך געעפענט א טיר, און ארמאנד האט דערפיהלט אז דיא לופט האט זיך געענדערט.

דאנן האבען זיך נאך א פאר טירן פאר זיי געעפענט און צוגעמאכט, און דאנן האט מארים געמעלדעט ארמאנדן דאס ער מעג ארונטערנעהמען דעם פער־באנד פון דיא אויגען.

ארמאנד האט האסטיג ארונטערגעחאפט דיא בינדע און האט זיך ער־שטוינט ארומגעקוקט. ער האט זיך געפונען אין א קליינעם זאל. מיט זעהר בעקוועמע מעבעל.

דער פוס־באָדען איז געוועזען בעדעקט מיט א פיינעם טעפיך און דיא ווענד זיינען געוועזען געשמאקפאל טאפעצירט און בעהאנגען מיט בילדער. צווישע צווייא פענסטער איז געשטאנען איין ביכער־שראנק פאָללגעפאקט מיט ביכער. אינמיטען זאל איז געשטאנען א טיש מיט צייטונגען. אנטקעגען קאמין האט זיך געפונען א פיאַנאָ.

ארמאנד איז געוועזען מוזיקער.

—וואו צום טייפעל, בין איך דען ? — האט ארמאנד געפרעגט, אנקוקענדיג מאריסען.

—דאס וועט מען אייך באלד זאגען — האט דער צייטונג־שרייבער געענט־פערט, און האט אויפגעהויבען א פארטיער איבער א טיר און איז פארשוואונדען.

ארמאנד איז געבליעבען אליין, נאך מעהר ערשטוינט וויא פריהער. א פירטעל שטונדע איז פאָראיבער, קיינער איז ניט ערשיענען. ארמאנד איז געלאָפען צום טיר דורך וואנען מאָרים איז פארשוואונדען, אבער דיזע טיר איז געוועזען פאר־שלאָסען. ער האט זיך אומגעקעהרט און האט דערזעהן א צווייטע טיר. ער האט אויך היער פערזוכט צו עפענען, אבער אומזיסט. ארמאנד איז געלאָפען צו דיא פענס־טער. זיי זיינען געוועזען מיט גראטעס.

—וואס זאל דאס בעדייטען ? — האט ארמאנד אויסגערופען.

איבערן קאמין האט ארמאנד דערזעהן דאס זיידענע שניר פון א גלעקיל. ארמאנד האט עס ערגריפען און האט האסטיג געצויגען.

איינע פון דיא צוויי טירען האט זיך אין א ווייל שפעטער געעפענט און א מאנן איז ערשיענען.

—דער הערר האט עס געקלונגען ? — האט יענער געפרעגט.

—יא — האט ארמאנד געענטפערט מיט ערשטוינען און אונגעדולד צוגלייך.

—איך בין צו אייער בעפעהל, מיין העדר.

—צו מיין בעפעהל ?

דער מענש האט זיך פערנייגט.

—צוערשט וועסט דוא מיר זאָגען וואו איך בין.

—דער הערר איז ביי זיך צו הויז.

—ביי מיר?

ווידער האט זיך דער מענש פערנייגט און ארמאנד האט איהם אבגעקוקט פון קאפ ביז די פיס.

—וואס איז דאס פאר א שפאס? – האט ארמאנד געפרעגט בייז.

—איך זאג די ווארהייט, מיין הערר. איהר זייט ביי זיך. איהר האט דאָ ביכער, א פיאַנאָ, צייטונגען. מיין הערר וועט זיך ניט לאנגווײלען. דאָ איז דעם הערר'ס שלאָפצימער.

און אונטער דער האנד פון דיענער האט זיך געעפענט די טיר וועלכע ארמאנד אליין האט ניט געקענט עפענען. אויס נייגירדע האט ארמאנד אריבער־געטרעטען די שוועל פון שלאָפצימער. דיעזעס צימער איז געוועזען קליין ווי דער זאל. אבער פריש, ציערליך, און האט אויסגעוויעזען פונקט ווי א פרויענהאנד וואלט איהם געהאט פערציערט.

—דוא טויגעניכטס! — האט ארמאנד געשריען — דוא וועסט מיר שוין זאגען וואו איך בין, אבער......

ארמאנד האט ניט געענדיגט דעם זאטץ, דענן א צווייטע פערזאן איז ערשיע־נען. דאס איז געוועזען א מאנן פון א יאָהר 50, מיט עטוואס גרויע האר און מיט א לאנגען ערנסטען געזיכט. ארמאנד האט אין איהם דערקענט דעם ענגלי־שען לאָרד מערריל.

—מיין הערר, איך וועל אייך ענטפערן — האט דער לאָרד געזאגט — איהר זייט ביי זיך, אדער, אויב איהר ווילט דורכאויס ניט אנדערש, איהר זייט ביי מיר.

ארמאנד האט זיך פארנייגט.

—ווער זייט איהר, מיין הערר? — האט ער געפרעגט.

—איך הייס לאָרד מערריל — האט דער ענגלענדער געענטפערט — און וועגען אורזאכען וועלכע איך קען אייך ניט דערקלערען, זייט איהר מיין געפאנגענער.

די ווערטער פון לאָרד מערריל האבען ארמאנד ווי פערשטיינערט. ער האט איינינע אויגענבליקע אנגעקוקט דעם ענגלענדער איידער ער האט געקענט ארויסברייג־גען א ווארט. ענדליך האט ער גערופען:

—אה, מיין הערר, האב איך דאָ צו טהאָן מיט א פערריקטען?

—מיין הערר, איך בין ביי מיין גאנצען פערשטאנד.

—אבער מיט וועלכען רעכט מאכט איהר מיך דען פאר אייער געפאנגענעם?

—איך האב דעם אויפטראג אייך דאָ צו היטען.

—פון וועמען האט איהר דיעזען אויפטראג?

לאָרד מערריל האט געשוויעגען.

—ווילט איהר אזוי גוט זיין מיר דאס ערקלערן? איך געפין אז דיעזער שפּאס יז פון שלעכטען געשמאק.

—מין הערר, איך בין 50 יאהר אלט — האט דער לאָרד געזאגט — און איך טרייב ניעמאלס שפּאס.

—אלזאָ, איז דאס וואס איהר זאגט מיר, ערנסט?

—זעהר ערנסט.

—איהר ווילט מיך דאָ האלטען געפאנגען?

—פאָלקשטענדיג.

—און איך זאג אייך אז איך וויל פון דאנען ארויס.

לאָרד מעררילל האט זיך צולאכט.

—און איך וויל גלייך ארויסגעהן — האט ארמאנד צוגעזעצט, זיך ריכטענדיג צים טיר, דורך וועלכע לאָרד מעררילל איז אריינגעקומען.

—מיין העררע, דיא טירען זיינען דאָ זעהר פעסט — האט לארד מעררילל געזאגט — און דיא פענסטער זיינען מיט גראטעס. איהר געפינט זיך אין הינטערשטען טהייל פון א גארטען אין א ענטלעגענער געגענד פון פאריז, און אז איהר וועט שרייען וועט אייך דאָ קיינער דערהערן.

—נו, דאס וועלען מיר זעהן!

—און איבעריגענס מוז איך אייך אויך דאס זאגען, דאס אויב איהר וועט זיך פיהרען וויא איין עקשן און וועט מאכען א פערזוך צו אנטלויפען, וועט מען אייך בינ־דען. איך דארף נור מאכען א צייכען.

דער לארד האט א קלאפּ געטהאן דריי מאהל מיטן פוס, און ארמאנד האט געזעהן איינטרעטען נאך צווייא לאקייען, אזוי געקליידעט וויא דער ערשטער.

—איהר זייט אין דיענסט פון דיעזען העררען — האט לאָרד מעררילל געזאגט, זיך ווענדענדיג צו דיא דריי לאקייען — איהר זאָלט איהם בעדיענען און איהם געבען אלעס וואס ער פערלאנגט; אבער ביי דעם קלייינסטען פערזוך צו פליהען פון דאנען זאָלט איהר איהם בינדען הענד און פיס, און אויב ער וועט שרייען זאלט איהר איהם פארשטאפּען דעם מויל.

ארמאנד איז געוועזען ווילד פאר צארן.

—זיי וועלין מיר אבער ניט הינדערן צו ווארפען אייך מיין האנדשוה אין געזיכט און אייך זאגען אז איהר זייט איין פייגלינג.

—מיין ליעבער העררע — האט לאָרד מעררילל געענטפערט שמייכלענדיג — איך מוז אייך אויפמערקזאם מאכען, דאס איין ריכטער וואס פעראורטהיילט אדער איין בעאמטער וואס ארעטירט איינעם נעהמט ניעמאלס אן ערנסט דיא ארויספאָרדע־רונגען פון זיין געפאנגענעם. ווען אייער געפאנגענשאפט וועט זיין צו ענדע וועלען מיר דאמאלס זעהן.

דיעזע לעצטע ווערטער האבען ארמאנד מעהר בערוהיגט אלס אויפגעטרעגט. ער האט זיך זאָגאר פאנאנדערגעלאכט מיט א נערוועזען געלעכטער. דאן האט ער זיך ארונטערגעלאזען אויף א קאנאפּע וואס איז געשטאנען הינטער איהם.

—איך זעה, מיין הערר, אז איהר האט געמאכט אלעס זעהר פאָרזיכטיג.

—זעהר פאָרזיכטיג. מיין הערר.

—איך דארף מיך אלזא בעטראכטען אלס אייער געפאנגענער און ניט זוכען צו אנטלויפען.

—יא, מיין הערר.

—אבער ווערט איהר מיר מינדעסטענס געבען וועלכע ערקלערונג?

—פיליכט.

—דיזער מאָריס סטעפען, וועלכען איך האב געהאלטען פאר א פריינד....

—ער איז עס, מיין הערר.

—ער איז אלזא אויך אריינגעפאלען אין נעטץ, אזוי וויא איך.

—ניין מיין הערר, דאס נעטץ פון וועלכען איהר רעדט האט ער אייך אליין אונטערגעשטעלט.

—וואָרום?

—דערפאר וואס ער איז אייער פריינד.

—איך זאג אייך אויפריכטיג אז איך קען דאס ניט בעגרייפען.

—ווירקליך ניט?

—ניין, אבער וואו בין איך דען?

—ביי מיר.

—ווער זייט איהר?

—לאָרד מעררילל.

—וואס ווילט איהר פון מיר און מיט וועלכען רעכט רויבט איהר פון מיר מיינע פרייהייט?

—איך האנדעל אין אייער אינטערעססע.

—ווער האט אייך געגעבען דאס רעכט דערצו?

—איהר וועט מיך אמאהל דאנקען דערפאר.

ארמאנד האט געצוקט דיא אכסלען און האט צוגעזעצט:

—ערלויבט מיר נאך א פראגע.

—פרעגט.

—וועל איך דאָ בלייבען לאנג?

—דאס וועט מיר שווער זיין אייך צו זאגען.

—וועט מיר זיין ערלויבט צו שרייבען?

—ניין.

—איך וואלט נור וועלען מיטטהיילען פון מיר איינער פריינדין......

—דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה — האט דער לארד מעררילל געזאגט.

—וואס קימערט עס אייך — האט ארמאנד געענטפערט רויט ווערנדיג.

—מיין הערר — האט לארד מעררילל אנגעפאנגען — איהר וועט מיר ענט־שולדיגען דאס איך מוז אייך איצטער פארלאזען, אבער איך וועל האבען דיא עהרע אייך ווידער צו זעהען אייך גוט נאכט.

—אבער, מילארד.... נאך איין אויגענבליק.... איך וויל אייך נור פרעגען....

—גוטע נאכט — האט לארד מערריל ווידערהאלט; דאן האט ער געעפענט דיא טיר און איז פערשוואונדען געווארן, איבערלאזענדיג ארמאנד אזוי ערשטוינט מיט זיין פערשווינדען וויא מיט זיין ערשיינען.

—זאנדערבאר! זאנדערבאר! — האט דער יונגער מאנן געשטאמעלט.

צוויי לאקייען זיינען אויך באלד ארויסגעגאנגען ווערענד איינער איז צוריק געבליעבען, און האט גענומען צורעכט מאכען דאס בעט אין שלאף־צימער, און האט זיך דאן געווענדעט צו ארמאנד:

—ווען דער הערר האט מיך נייטיג דארף ער נור קלינגען. פיכייבט וויל דער הערר טהעע?

—ניין — האט ארמאנד געענטפערט.

דער לאקיי האט זיך פערנייגט און האט פערלאזען דאס צימער.

אלס ארמאנד איז געבליעבען אליין האט ער זיך גענומען פרעגען וואס וויל מען פון איהם און צו וועלכען צוועק האט מען איהם דא געפאנגען? פלוצלונג איז איהם א געדאנקען ארייגעקומען אין קאפ און ער האט אויסגערופען: „פולמען!“

ער האט זיך עראיננערט אז דיא טענצערין האט איהם ליעב, דאס זיא האט געמאכט אלע אנשטרענגונגען אום איהם אפצוריייסען פון דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה, און ער האט ניט מעהר געצווייפעלט, דאס מאריס סטעפען איז דער מיטפערשווארענער פון פולמען.

—איך וועל מיך ענדליך פון דאנען בעפרייען — האט ארמאנד געזאגט — און דאנן וועל איך פארדערן רעכענשאפט פון פולמען און איהרע מיטפערשווארענע.... אבער וויא רייסט מען זיך ארויס פון דאנען?....

דיעזער געדאנקען האט איהם געווארפען אין פערצווייפלונג. דאס בעוואוסטזיין פון זיין הילפלאזיקייט האט איהם געמאכט ווילד. עס האט איהם גענומען א היבשע ווייכע ביז ער האט זיך בערוהיגט עטוואס. ער האט גענומען א צייטונג לעזען און האט עס אוועקגעווארפען. ער האט זיך געזעצט ביים פארטעפיאנא און האט פרובירט שפיעלען, אבער איהם איז ניט געגאנגען......

דאן האט ער אנגעקלונגען און דער דיענער איז איינגעטרעטען.

—מיין פריינד — האט ארמאנד אנגעפאנגען מיט זיסע רייד — איהר זייט געוויס זעהר איבערגעבען דעם הערען וועלכער צאהלט אייך.

דער דיענער האט צושטימענד געשאקעלט מיטן קאפ.

—איך וועל אייך ניט פערזוכען אונטערצוקויפען, אבגלייך איך בין גענוג רייך......

—מיין הערר בעליידיגט מיך ווען ער דיינקט דאס איך קען מיך פערקויפען.

—איך בעט אייך אום פערצייהונג! איהר וועט מיר דאך אבער ניט ענטזאגען א לייכטען דיענסט......

—וועלכען מיין הערר.

—איך וואלט וועלען שרייבען צ בריעף.

או וועמען?

—אן איינע פערזאן מיט וועלכ'ער איך האב מיך געזאגט היינט צוזאמענטרעפען.. ועט איהר מיר בעזארגען א בריע?

און ארמאנד האט איהם אנגעקוקט מיט א בליק וועלכער האט בעדייטעט: „איך ווען צאהלען דערפאר פיעל א הר ווילט".

—דאס היינגט אפ דערפון....

—פון וואס?....

—אויב דער הערר דיינקט צו שרייבען צו א פערזאן וואס וואוינט אויפע פלאטץ באוואַ, וועט עס ניט געהן.

—ווארום?

—ווייל איך וועל דעם בריעף ניט אוועקשיקען.

ארמאנד איז אויפגעשפרונגען פאר צארן:

—ארויס! פארלאזט מיך!

פירטעס קאפיטעל.

דער רעטונגס-קאנטראקט צווישן פולמען מיט דער רעכערין.

אויף מארגען נאך דער ענטפיהרונג פון ארמאנד, ארום מיטאג־צייט, איז דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה געזעסען ביי זיך אין צימער, מיט מאיאר ארלאוו.

—נון, מאדאם, — האט דער מאיאר געפרעגט — וועט איהר האבען דעם מוטה אייער אויפגאבע דורכצופיהרען?

—יא, הערר־מאן.

—צו שלאגען דעם פאטער דורך דעם זאהן?

—יא.

דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט דיעזע לעצטע ווערטער ארויס־געבראכט מיט א פערשטיקטער שטימע, האט דאנן געשוויעגען אייניגע מינוטען או האט נאכהער געזאגט:

—יא, איך וועל האבען מוטה מיין פלאן אויסצופיהרען, ווייל איך וויל מיך אליין בעשטראפען.

—דער מאיאר האט אויפגעציטערט.

—איך וויל מיך בעשטראפען דערפאר וואס איך האב איין אויגענבליק כמעט פער־געסען מיין איינציגע אויפגאבע און צוועק אין לעבען, דען מיין הערץ האט איין אויי־גענבליק געשלאגען פיר דיעזען מענשען, וועמעס פאטער איז דער מערדער פון מיין מאנן.... א גאנטראן פאן קאסי! איך שווער עס דיר, איך וועל מיך פיר דיך נוקם זיין ביז צום סוף!

דער גערויש פון א וואגען וועלכער האט זיך אפגעשטעלט ביים האטעל האט זיך געלאזט הערן אין צימער.

—דאס איז ער! — האט דיא יונגע דאמע געזאגט — ער האט דיא פינקטליכ־קייט פון א פערליעבטען.

אבער דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט געהאט א טעות. דאס איז ניט געוועזען ארמאנד. דער וואגען איז אריינגעפאהרען אין הויף און איין אלטער מאני איז פון איהם אויסגעשטיגען. דאס איז געוועזען דער אלטער זשאן, דער דיענער פון קאלאנעל לעאן און דער ערגעבענער היטער פון ארמאנד. ער איז איינגעטרעטען זעהר אויפגערעגט.

—מאדאם — האט ער געזאגט האסטיג — וואס האט איהר געמאכט מיט הערן ארמאנד?

—איך? — האט זיא אויסגערופען איבערראשט — אבער גארנישט!

—איז ער ניטא דא ביי אייך?

—ניין.

– איהר האט איהם נים געזעהן?

—זייט געסטערן אבענדס.

—אח, מיין גאט, מיין גאט! — האט דער אלטער סאלדאט געיאמערט — וואס איז איהם געשעהן?

—אבער ערקלערט זיך דאך, זשאן — האט דיא יונגע דאמע געבעטען.

—הערר ארמאנד האט דיעזע נאכט ניט גענעכטיגט צו הויזע. איך האב איהם ערווארטעט דעם גאנצען פריהמארגען, ער איז ניט צוריקגעקומען. איך בין געגאנגען צום קאראנעל — דיעזער האט איהם אויך ניט געזעהן.

—ער איז אלזא לעצטע נאכט אויסגעפאהרען?

—יא, גלייך נאך אייער אוועקגעהן.

—אליין?

—ניין, מיט איינעם פון זיינע פריינדע אין א וואגען.

....

פיער־און־צוואנציג שטונדען נאכדעם וויא ארמאנד איז פערשוואונדען געווארען האט פולמען געזעהן איינטרעטענדיג צו איהר אין הויז לארד מערריל.

—נון, מיין פריינד, וואס קומט איהר מיר מיטטהיילען?

—ארמאנד איז אימער דערזעלבינער — האט לארד מעררילל געענטפערט.

—ארעמער ארמאנד.

—ער ווארפט זיך פון ווידער אויפרעגונג אין פערצווייפלונג און פארקעהרט.

—האט ער דיא נאכט געשלאפען?

—ניין. דער דיענער זאגט דאס ער האט א גאנצע נאכט ארומשפאציערט איבערן צימער רעדענדיג צו זיך אליין.

—דיינקט איהר דאס ארמאנד פארשטעהט דאס זיינע געפאנגענשאפט קומט פון מיר?

—איך גלויב עס.

—אח, מוז ער מיך יעצט האסען!

—יא — האט דער ענגלענדער געמורמעלט.

—האט ער פערלאנגט צו שרייבען?

—ער האט פערזוכט אונטערצוקויפען מיינע לייטע איבערצושיקען א צעטעלע צו דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה.

—האט ער זיך נאכגעפרעגט נאך דיין פאטער, נאך זשאן, אדער נאך זיין הויז?

—ניין.

—דער ארעמער יונגע. ער ליידעט אן יענער קראנקהייט וועלכע הייסט אין איטאליען: דיא שרעקען דער ליעבע.—

אלס לארד מעררילע איז אוועקגעגאנגען און פולמען איז געבליעבען אליין, האט זיא ארויפגעחאפט אויף זיך א שאל און א הוט און איז אויסגעגאנגען, אום צו שעפען פרישע לופט. אין איהרע ליידען און איינזאמקייט האט זיא עס נייטיג געהאט.

ביז צוויי שטונדען האט זיא אזוי שפאציערט ביז צו דער באררייער פון עטאאל, און זיא וואלט נאך געוויס לייגנער שפאציערט טראטץ דעם קאלטליכען נאוועמבערוועטער, ווען נים א בעקאנטע שטימע וואלט זיך פלוצלונג אנגערופען: „מאדאם"!

זיא האט זיך אומגעקעהרט. דאס איז געוועזען יאזעף, איינער פון איהרע הויז־דיענער.

—איך האב פארשטאנען אז איך וועל אייך דא טרעפען — האט דער דיענער געזאגט.

—וואס האט פאסירט, יאזעף?

—מען פערלאנגט מאדאם.

—ווער?

—א דאמע.... זיאווארטעט אין האטעל.

—אזוי שפעט?

—יא, זיא איז אזוי צוגעשטאנען, און איך האב געמוזט געהן אייך זוכען.

מיט שנעללען טריט האט זיך פולמען אומגעקעהר נאך הויז. פארן טיר פון איהר וואוינונג האט זיא געפונען דיא פארמאכטע קארעטע פון איהר בעזוכערין.

פולמען איז ארויף אויפען ערשטען עטאזש וואו איהר עמפפאנג־זאל האט זיך געפונען, איז איינגעטרעטען און האט געטראפען איהר בעזוכערין זיצענדיג אין א פאטעל ביים קאמין.

ביים אנבליק פון פולמע האט זיך דיעזע דאמע אויפגעהויבען און האט צוריקגעווארפען דעם דיקען שלייער וואס האט פערהאנגען איהר געזיכט.

—אה, איך האב פארשטאנען אז איהר זייט עס, מאדאם — האט פולמען געזאגט.

דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט זיך פערניינגט און האט נעענטפערט מיט א שמייכעל:

—ווירקליך? איהר האט מיך ערוואַרטעט, מיין פריילין?

—אייער בעזוך? ניין. אבער ווען מען האט מיר געזאגט דאס א דאמע ער־וואַרטעט מיך, האב איך גלייך פערשטאנען אז דאס זייט איהר.... אבער וועלכען ערעייגניס האב איך צו פערדאנקען דיא עהרע פון אייער וויזיט?

—זעהר העפליך געזאגט, מיין פריילין! אבער מיין בעזוך גלויב איך דארף איך ניט ערשטוינען....

—וויא אזוי?

—מיר האבען זיך שוין עטליכע מאהל צוזאמענגעטראָפען, און יעדעס מאהל גיב איך, נור אלס פיינדינען.

—דאס איז מעגליך, מאדאם.

—איהר ליעבט ארמאנד?

—פונקט וויא איהר האססט איהם.

—פיליייכט, מאדאם.

—איהר זוכט איהם מיר צו ענטרייסען.

—דאס איז מיין פליכט און שולדיגקייט.

—ערזיינערט איהר אייך אויך, דאס ביי יעדעס מאהל פון אונזער צוזאמענטרעפען יך האב איך אייך געבעטען איהר זאלט פון מיר צונעהמען דיעזען יונגען מאנן אויב איהר ליעבט איהם, איהר זאלט איהם ערגעץ וואוהין אוועקפיהרען, אויב איהר ווילט איהם רעטען — האב איך אייך דאס אלעס ניט געזאגט?

—יא, מאדאם.

—אבער ארמאנד האט מיר איבעראל געפאלגט, איבעראל האט ער זיך געפונען מיר אין וועג.

—אח, ליידער! — האט פולמען געזיפצט

—און האב איך אייך ניט געזאגט דאסזעלבע און יענעם אבענד אין באדען, ווען איהר זייט מיר איבערפאלען אין מיין גארטען?

—יא מאדאם.

—און האב איך אייך דאס ניט וויעדערהאלט אין פאריז צום דריטען מאהל.

—יא, מאדאם.

—נון, אלזא — האט ריא רעבערין פארטגעזעצט מיט א בייזען שמייכעל — איז עס דען מיין שולד ווען דיא פאטאלע ליעבע פון דיעזען יונגען מאנן ווארפט איהם אימער צוריק אויף מיין וועג? איז עס מיין שולד ווען דער שיקזאל וויל, דאס דער מענש וואס האט געטעדטעט מיין מאנן זאל נור האבען איין שוואכע זייטע—זיין זאהן?

פולמען האט געפיהלט וויא איהר בלוט ווערט פארגליווערט. אבער איהר פערווירונג האט ניט לאנג אנגעהאלטען. זיא האט זיך אויפגעריכטעט וויא איינע לאָווין, שטאָלץ, צאָרניג, און האט אויסגערופען:

—אָ, איך בין נאך דאָ! און איך בין נים מעהר געבונדען צו אייך מיט קיינעם שוואור.

—איך ווייס עס, און ווייס זאגאר אויך אז איהר זייט פאַרבעררייטעט צו קעמפ־פען. איך ווייס אז איהר האט פערזוכט מיר צו ענטרייסען מארקיז מאָנטגאָרי און זיינע קינדער, אום מיט זיי אויסצוקויפען דעם מאנן וועלכען איהר ליעבט.

—דאס איז וואהר — האט פולמען געזאגט.

—אבער אייך איז נים געראטהען, און טראָטץ אייער ליבע צו ארמאנד טראָטץ אייער טוטה און פערשטאנד, און טראָטץ דער ערגעבענהייט פון לאָרד מעררייל....

—אויך דאס ווייסט איהר ? — האט איהר פולמען איבערגעשלאגען.

—איך ווייס זאגאר אויך אז איהר האט צום לעצטען מאהל פערזוכט מיר צו ענט רייסען ארמאנד.

—אהה, און איהר דיינקט אז דיעזעס מאהל איז עס מיר געלונגען ? — האט פולמען געזאגט מיט א שמייכעל.

—נעסטערן אבענד איז ארמאנד ענטפיהרט געווארן, איך ווייס נים וואו־הין ; אבער איך פערשטעה אז ער איז אונטער דער אויפזיכט פון לאָרד מעררייל....

—פיליייכט איז עס וואהר — האט פולמען געזאגט א ביסל ערשטוינט.

—אבער אלע דיעזע פארזיכט איז איבעריג — האט דיא דאמע ־מיט דעם שווארצען האנדשוה געזאגט — דאס איז פונקט וויא קינדערשפיעל.

—דאס וועלען מיר נאך זעהן — האט פולמען געזאגט.

—דערווייל ווייס איך נאך נים וואוהין איהר האט ארמאנד אוועקגעפיהרט, אבער איך וועל דאס וויסען.

—איך צווייפעל דאראן.

—נא, איך קען דאס ויסען פון אייך אליין ווען איך זאל וועלין.

—דאס איז אביסל צו פיעל פרעטענדירט פון אייער זייטע — האט פולמען געזאגט איראָניש.

—איך קען אימער בעווייזען וואס איך זאג. איהר ליעבט ארמאנד, נים וואהר ?

—מיט מיין גאנצער, זעעלע, מאדאם...

—נון, ווען מען זאל אייך פרעגען וויא ווילט איהר בעסער, איהם זעהן פאלען אין א דועל דורך דאס שווערט, אדער איהם זעהן לעבענדיג אין שאנדע און שמאך.... וואס וואלט איהר געוועהלט ?......

—אָ, מאדאם, מיינע וואהל וואלט זיין בעשטימט ; איך וואלט פאָרגעצויגען איהם צו זעהן טויט .. אבער אזוי ווייט האָרט עס נאך נים, האָף איך. ארמאנד האט איין גרויסעס הערץ, איין עדעלע נאטור, און שאנדע וועט צו איהם נים צושטעהן.

—איהר האט א טעות.

—ניין, מאדאם. ארמאנד ווערט פון יעדען געהערט און געאכטעט.

—דאס איז וואהר, אבער דיעזע אכטונג קען זיך לייכט אומוואנדלען אין פעראכטונג.

—דאס גלויב איך ניט, מאדאם.

—איהר פערגעסט, ניין פריילין, דאס מארגען קען איך שיקען דעם קאָראָנער געהן, זיין פאטער, צום עשאפאט, אלס מערדער און רויבער.... און מיר, שיינט אז דיא שאנדע פון פאטער וועט אבסעל צושטעהן צום זאהן אויך, ניט וואהר.

פולמען האט אויפגעשריען און האט אנגעקוקט דיא רעכערין מיט שרעק.

נון, זעהט איהר — האט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה געזאגט — דאס איהר אליין וועט מיר יעצט אויסזאגען וואו ארמאנד איזבעהאלטען......

....

ארמאנד האט פארבראכט א נאכט מיט א טאג אין דעם מאַדנעם געפענגניס, אין וועלכען זיין פריינד מאָריס סטעפען האט איהם וויא איין פעררעטהער אריינגעגנארט, און ער האט זיך אנגעהויבען צו פרעגען, אויב דאס איז ניט אין גאנצען איין בייזער טרוים.

דעם גאנצען טאג האט זיך לארד מערריל צו איהם ניט בעוויעזען מעהר, נאר דיא דריי לאקייען פלעגען שנעל ענטפערן אויף דעם קלענגסטען קלונג פון גלעקיל, און יעדער פערלאנג וואס איז פון איהם אויסגעשפראכען געווארען, איז אוגענבליקליך געקומען אין ערפילונג.

ער האט אבער קיין אויגענבליק אויפגעהערט צו דיינקען וועגען דיא אוראכע פון זיין געפאנגענשאפט. אין אנפאנג האט ער געגלויבט אז דאס איז א שפאס; נאכהער אבער האט ער בערעכינט אז דאס מוז געווים זיין א מיסטיפיקאציאָן, א געהיימניספאָלער בעטרוג.

אלס אום האלבע נאכט איז א דיענער אריינגעקומען פרעגען, אויב ער וויל געהן צו בעט, האט ארמאנד פערלאנגט צו זעהן לאָרד מערריל.

דער דיענער איז געגאנגען און געקומען, און האט געמעלדעט אז דער לארד מערריל וועט גלייך ערשיינען. קוים זיינען אריבער צוויי מינוטע איז דער ענגלענדער ווירקליך אויך אריינגעקומען.

—איהר האט נאך מיר פערלאנגט, מיין העדר — האט ער געזאגט.

—יא, מיין העדר, איך וואלט וועלין וויסען, אויב דער שפאס....

—איך האב אייך געזאגט, מיין העדר, דאס איך טרייב קיינמאל קיין שפאס.

—דאנן זאגט מיר אויב דיעזע מיסטיפיקאציאָן וועט נאך לאנג דויערן?

—איך וויים ניט....

—וויא? איהר ווייסט ניט? ווער דען וויים?

—אייער געפאנגענשאפט הייננט אב פון אומשטענדע, איך וויים ניט וויא לאנג דאס וועט דויערן, אבער אין יענעם טאג ווען א געוויסע פערזאן וועט פארלאזון פאריז פיר אימער, וועט איהר זיין פריי.

—איז עס דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה?

—פיליכט.

—איהר שפאסט, מיין הערר.

—אויף עהרע, איך מיין עס ערנסט.

—אין יענעם טאג ווען איך וועל פריי ווערן, וועל איך פארדערן אייער לעבע.

—איך וויים עס— האט לארד מערריל רוהיג געענטפערט. האט דאנן געגריסט און האט שוין געוואלט פארלאזען דאס צימער, אלס דער קלונג פון א גלאק האט זיך גע־לאזט הערן פון אויסען.

א ווילע איז לארד מערריל געבליעבען שטעהן פארוואונדערט, פרעגענדיג זיך, ווער קען דאס דארט זיין אזוי שפעט. נאך איינינע אוינענבליקע האט זיך א טיר געעפינט און פולמען איז ערשיענען.

לארד מערריל און ארמאנד האבעןביידע אויפגעשריען פון איבערראשונג.

—איהר קומט נעווים זעהן, מאדאם, אויב אייער געפאנגענער איז אין זיכערהייט, נים וואהר? — האט ארמאנד געשפאטעט.

—אין געגענטהייל, ארמאנד, איך קום אייך זאגען אז איהר זייט פריי.

—פריי! — האט ארמאנד אויסגערופען מיט פריירע.

—יא, איהר מעגט געהן.

פולמען האט איהם דאנן איבערגעגעבען א קליינעם קאנווערט, וועלכען ארמאנד האט צוגעה פט מיט האסט, דען אן דעם פארם וויא אן דעם האנדשריפט האט ער דערקענט פון וואנען דא קומט. ער האט אויפגעריסען דעם קאנווערט און האט געלעזען:

„מיין פריינד,

„עס איז האלבע נאכט. ווען איהר וועט ערהאלטען דיעזען בריעף אוים פולמענס „האנד וועט עס זיין שפעטער וויא איינס אוהר. קומט גלייך, עס ערווארטעט אייך, דיא וועלכע איהר ליעבט„.

דער ארעמער נאר האט גענומען קיסען דעם בריעף מיט בעגייסטרונג. דאנן האט ער געמאכט א טרים צו לארד מערריל און האט איהם אנגעקוקט קאלט.

—מילארד, געדיינקט איהר וואס איך האב דא איך נים לאנג צוריק געזאגט?

—נים גאנץ, מיין הערר.

—איהר זייט מיר שולדיג אייער לעבען.

—איך בין צו אייער בעפעהל.

—אום 3 אוהר, אין בולאנער וואלד, מארגען פריה.

—רעכט.

—איך נעהם דאס שווערט.

—מיר איז עס גלייכגילטיג וואס איהר נעהמט.

—הערר ארמאנד – האט זיך פולמען אריינגעמישט — איהר ווייסט אז לארד מערריל איז א מאנן פון מוטה וועלכער שרעקט זיך נים צוריס פון אזעלכע זאכען....

—איך ווייס עס.

—אבער ער וועט זיך מיט אייך מאַרגען ניט שלאגען.

—ווארום ניט?

—ווייל איך הייס איהם ניט.

—זעהר גוט, דאנן שלאג איך מיך ניט — האט דער ענגלענדער געזאגט.

—מאדאם, מילאָרד האט מיך בעליידיגט! — האט ארמאנד געשריען אין צאָרן.

—קיין האר! ער האט דורכגעפיהרט מיין פערלאנג.

—וואס קימערט מיך וועמעס פערלאנג ער האט ערפיללט!

—יעצט געהט, ארמאנד, און אויב איהר וועט ניט קומען נאך אכט טעג זיך ענט־שולדיגען פאר לארד מערריל — דאן וועט ער זיך מיט אייך שלאָגען; יעצט געהט, ארמאגד — האט פולמען פארטגעזעצט מיט א געבראָכענע שטיממע — דאס בייזע שיקזאל האט זיין צייכען אויף אייער שטירן.

דיעזע ווערטער האבען געמאכט א זאָנדערבארען איינדרוק אויף ארמאנד.

—וואס ווילט איהר זאגען? — האט ער געמורמעלט.

—גאר נישט! .... געהט! מיין צונג איז געבונדען......

זיא האט געקלונגען, און איין דיענער איז ערשיענען.

—בעגלייטעט דיעזען העררן צום וואגען—האט זיא געזאגט, און מיט איין האנדבע־וועגונג האט זיא גענומען פון ארמאנד אבשיעד.

ארמאנד האט פארלאזען זיין געפענגניס, נאכדעם וויא ער האט געזאגט צום לארד מערריל:

—מיר וועלען זיך נאך זעהן.

....

אזוי שנעלל וויא ארמאנד האט פארלאזען דאס צימער, איז פולמאן צוזאמענ־געזונקען אויף א שטוהל, פארגיעסענדיג ביטערע טרעהרען.

—וואס איז געשעהן? — האט לארד מערריל געפרעגט.

—אה, דיעזע פרוי איז שטארקער אלס מיר ביידע.... אלעס וואס איך האב פו איהר געקענט אויסווירקען איז — זיין לעבען.

וועהרענד פולמען האט דערציילט לארד מעררייל אלעס וואס איז פאָרגעפאלען צווישען איהר און דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה, איז ארמאנד געפאהרע א שכורער פאר פריידע, צו דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה. בעקלעה, רענדיג אלעס וואס דאָ איז מיט איהם פארגעפאלען, האט ער זיך געפרעגט:

—וואס פאר איין אינטערעסע האבען פולמען און לאָרד מערריל געהאט אין מיין געפאנגענשאפט ווען זיי האבען מיך אזוי שנעלל בעפרייט?

—איך מוז צוגעבען — האט דער יונגער מאנן געזאגט צו זיך אליין נאך א קורצען נאכדענקען — דאס מיין לעבען איז אין דיא לעצטע זעכס מאנאטע אזוי דורכ־געפלאכטען פון זאָנדערבארע ערייגניסע, דאס מיר שיינט מאנכעס מאהל אז איך טרוים. נאך איין זאך איז מיר בעזאנדערס זאנדערבאר: איך האב ליעב דיא

דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה; פולמען ליעבט מיך; דיאביידע פרויען האסען זיך, וויא עס שיינט. און דאך קומען זיי זיך צייטענווייז צוזאממען וויא זאל איך מיר דאס דערקלערען.

וועהרענד ארמאנד האט זיך געבראכטן דעם קאפ טראכטענדיג וועגען דעם רע־מעניס, איז דער וואגען אנגעקומען צו זיין בעשטימטען פלאטץ.

דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט איהם ערווארטעט. זיא איז געוועזען אביסעל ערנסט און טרויעריג.

—מיין פריינד — האט זיא געזאגט, רייכענדיג איהם דיא האנד — איך ווייס פון וואנען איהר קומט.

—איהר ווייסט עס ?

—און איך ווייס אויך ווארום מען האט אייך ענטפיהרט און געהאלטען 24 שטונ־דען געפאנגען.

—אָ, זייט רוהיג, מאדאם — האט ארמאנד געמורמעלט זיך ארונטערלאזענדיג אויף דיא קניע פאר איהר — לארד מעררעל און מאַרים סטעפען ווען מיר געבע רע־בענשאפט דערפאר. זיי וועלין זיך מיט מיר מוזען שלאגען....

—זיי וועלען זיך מיט אייך ניט שלאגען.

—ווארום ?

—וויל איך וויל עס ניט.

ארמאנד האט אויסגעלאצט דיא אויגען און איז געשטאנען וויא פערשטיינערט. אבער דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט זיך דארום ניט געקימערט און האט פארטגעזעצט:

מיין פריינד, איך האב אייך געשריעבען אז איך האב אייך נייטיג און נור דער פאר וואס איך האב אייך נייטיג.

—רעדט, מאדאם.

—איהר וועט זיך יעצט ארייינזעטצען צוריק אין וואגען, וועלכער וועט אייך אוועק־פיהרען נאך רוע טרעוויז, אין א שפיעל־הויז.

ארמאנד איז גאר געשטאנען וויא פערשטיינערט פון דיעזער איבערראשונג, וועהרענד דיא דאמע האט פארטגעזעצט:

—איהר וועט דארט געפינען לייטע שפיעלענדיג אין קארטען זעהר הויך, און איהר וועט מיטשפיעלען, איהר וועט דארט אויך טרעפען מאיאר אַרקאוו.

—וואס דארף איך דארט טהאן ? — האט ארמאנד געפרעגט נאך מיט מעהר פערוואונדערונג.

—איהר וועט דאָרט אנטרעפען איין איטאליענער, מארקיז סאנטא־קראָס. אז איהר וועט האלטען אינמיטען שפיעל זאלט איהר איהם א פרעג טהאן, אויב ער קען ניט א נעאפאָליטאנער הערן, גראף פולסינעללא ?

—און וואס וועט ער מיר ענטפערן ?

—איך ווייס ניט. וואהרשיינליך וועט ער אייך ארויספאָדערן אויף א דועל.

ארמאנד האט זיך אויפגעהויבען.

—געהט מיין פריינד, — האט דיא דאמע געזאגט מיט א שמייכעל — דאס ענדען פון אייער געשיכטע איז נאהענט.

—דיא געשיכטע איז א ראָמאן — האט ארמאנד געזאגט וויטציג — ווען זעה איך אייך ווידער?

—נאך אייער דועל, ניט פריהער.

—דאנן וועל איך זעהן מארגען צו טעדטען דעם איטאליענישען מארסיז. אדיע!

ארמאנד האט געקיסט דיא האנד פון דער דאמע, האט פון איהר עמפפאנגען א פאָרטפעל מיט געלד צום שפיעלען און האט בעשטייגען דעם וואגען.

פינפטעס קאפּיטעל.

ארמאנד ענטדעקט זיין פאטערס געהיימניס.

דער וואגען האט געבראכט ארמאנד נאך רוע טרעוויז, צו דער אנגעגעבענער נומער. ארמאנד האט אנגעקלונגען, און טראטץ דעם וואס עס איז שוין געוועזען שפעט אין דער נאכט, האט זיך טיר שנעל געעפינט. ארמאנד האט איבערגעגעבען זיין קארטע דעם מאנן וואס האט איהם געעפינט, און דיעזער האט זיך טיעף פער־נייגט פאר איהם. איין שווארץ־געקליידעטער לאקיי האט איהם דאנן אריינגעפיהרט אין א גרויסען זאל. וואו אונגעפעהר א דוצענד לייטע, דאמען און הערען, זיינען געזעסען ארום א גרויסען גרינעם טיש און האבען געשפיעלט.

אלס ארמאנד איז אנגעמעלדעט געווארן האט זיך אויפגעהויבען גראף ארלאו וועלכער איז אויך געזעסין ביים טיש, האט גענומען ארמאנד ביי דער האנד, או האט איהם פארגעשטעלט דער געזעלשאפט. אין א ווילע ארום איז ארמאנד געזע־סען ביי דער האנד פון גראף אָרלאוו און האט געשפיעלט. צו זיין לינקער האנד איז געזעסען א מאנן פון דונקעלער הויט־פארבע, אלמ א יאהר פיער־ציג, וועלכען ארמאנד האט דערקענט אלס מארקיז סאנטא־קראָס, פון וועלכען די דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט גערעדט.

ביים שפיעלען האט זיך ענטוויקעלט א געשפרעך, און אינמיטען געשפרעך האט ארמאנד געפרעגט זיין נאכבאר דיא פראגע וועלבע דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט איהם געלייגט אין מונד:

—מיין הערר, האט איהר געקענט אונטער אייערע לאנדסלייטע דעם גראף פון פולצינעללא?

דער איטאליענער האט פון דיעזער פראגע אויפגעציטערט. דאנן האט ער זיך אומגעבויגען צו ארמאנד, וועהרענד א בלאסקייט האט בעדעקט זיין געזיכט, און האט איהם געזאגט שטיללערהייט:

—ווייסט איהר, מיין הערר, דאס אזעלכע פראגען קאסטען דאס לעבען? איך וועל האבען דיא עהרע אייך צו ענטפערן אויף אייער פראגע ווען מיר וועלען פון דאנען ארויסגעהן.

דער מאיאר ארלאוו האט אויסגעוויזען בלומרשט ניט צו מערקען אללעס וואס

איז פארגעפאללען צווישען ארמאנד און דעם איטאליענער. דאס שפיעל איז רוהיג געגאנגען ווייטער. ארמאנד האט אין אנהויב געוואונען פיעל געלד אבער נאכהער האט ער אין פערלויף פון צוויי שטונדען פערלארען דאס געוואונענע, און דאס געלד וואס דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט איהם געהאט מיט געגעבען, און ווען דאס שפיעל האט אויפגעהערט איז ער געוועזען שולדיג גוואלטיגע גרויסע סומע דעם זעלביגען איטאליענער. - וועלכען ער האט געהאט געפרעגט דיא פראגע.

ארמאנד האט זיך אויפגעהויבען פון טיש א פערצווייפעלטער. ער האט געהאט פערשפיעלט פיעל, און ער מוז איצטער אנקומען צו זיין פאטער אום צו בעצאהלען דיא עהרענשולד. ער האט געהאט זיין אייגענעם הויז, פערד, ווירטשאפט, אבער באארעס געלד האט ער ניט געהאט.

—מיין העדר — האט דער יונגער מאנן זיך געווענדעט צו זיין געווינער — ווילט איהר מיר געפעליגסט זאגען וואו איך וועל אייך קענען געפינען אין 24 שטונדען?

—ענטשולדיגט, מיין העדר — האט דער נעאפאליטאנער געענטפערט — איך גלויב אז איהר פערגעסט עטוואס.

—וואס, דען?

—האט איהר מיך דען ניט געפרעגט אויב איך קען גראף פולצינעלא?

—געוויס, מיין העדר — האט ארמאנד געענטפערט — און איך האב ניט פערשטאנען ווארום דיא פראגע האט אייך אזוי אונרוהיג געמאכט.

—איך וויל מיר פערדינען אייער דאנק און איך געבען דיא געווינשטע אויסקונפט.

—מיר?

—יא, אייך.

א שטארצער שמייכעל האט זיך בעוויזען אויף ארמאנדס געזיכט. דער נעאפאליטאנער האט אבגערופען ארמאנד אן אזייט.

—מיין העדר, דער גראף פולצינעלא איז געוועזען א באנדיט מיטן נאמען דשיאזעפפע.

—וואס געהט עס מיך אן?

—ווארט אויס, מיין העדר! דער באנדיט דשיאזעפפע האט געמאכט איין פערמעגען און איז געווארן איין ערליכער מאנן. ער האט זיך געלאזט איינפיהרען פון קעניג צוריק אין זיינע טיטלען, האט אויפגעריכטעט זיין שלאס פולצינעלא אין דיא אפענינע, און איז דאנן אוועקגעפארען נאך פאריז זוכען א פרוי וועלכע ער האט זעהר ליעב געהאט. דיעזע פרוי האט געהייסען לעאנא. דער גראף פאן פולצינעללא האט זיא געפונען, געבראכט נאך נעאפאל און זיא עפענטליך געהייראטעט.... אבער דיעזע לעאנא איז געליעבט געווארן פון א מאנן וועלכען זיא האט פערלאזען אין פאריז, און וועלכער האט געשוואר, זיא ווידער צו געפינען.

דיעזער מאנן האט געהערט צו א באנדע "געזעלשאפט, וועלכע האט געמאר־

דעם און נערויבט אין דער הויכער וועלט, און דער אנפיהרער פון דיעזער באנדע האט געהייסען.... אָ, איך גלויב אז דער נאָמען וועט אייך גוט בעקאנט זיין — האט זיך דער נעאַפּאָליטאנער אונטערבראָכען מיט א שפּעטישען געלעכטער — און וועט אייך א ביסעל אויפרעגען.

—לאמיר זעהן! — האט ארמאנד געזאגט רוהיג.

—ער האט געהייסען קאלאנעל לעאָן.

ארמאנד האט אויפגעשריען וויא פון א ביס פון א שלאנג. זיין אויג האט אויפגעפלאמט און זיין געזיכט האט זיך פערשטערט.

—דאס איז געוועזען אייער פאטער — האט דער נעאפאליטאנער צוגעזעצט.

אַרמאנדס שמערצליכע איבערראשונג האט ניט לאנג אנגעהאלטען. ברענענדי פאר צארן האט ער אבגעמאסטען דעם איטאליענער מיט זיין בליק, דאנ האט ער אראפּגעצויגע א האנדשוה פון זיין האנד אום עס צו שליידערן דעם מארקיז סאנטא-קראָס אין געזיכט, אלס ארויספאָדערונג. אבער יענער האט איהם ערגריפע יין ארעם.

—אח, מיין העררע, צו וואס דען דיעזע צערעמאָניעס; ביי אזעלכע לייטע וויא מיר זיינען איז עס גאנץ איבעריג.

—איהר האט בעליידיגט מיין פאטער!

—קיין האר. איך האב געזאגט דיא ווארהייט. אייער פאטער איז געוועזען א מערדער און א דיעב. זיין פערמעגען און אייער פערמעגען איז דער פרייז פון בלוט, פון דיא אפּפער פון דיעזער געזעלשאפט.

דער מארקיז האט דיעזע ווערטער ארויסגערעדט מיט אזוי פיעל איבערצייגונג, דאס דעם קאלאנעלס זאהן האט געפיהלט וויא זיין גאנצעס בלוט ווערט פערגליווערט.

—דאָס איז מיין פאטער! — האט ארמאנד וויעדערהאלט מיט א דערשטיקטער שטימע — און דער פאטער פון א מענשען וויא איך קען ניט זיין דאס וואס איהר אגט. איהר זייט מיר שולדיג אייער לעבען ביז צום לעצטען טראפּען בלוט.

—מיין העררע, איך הייס מאַרקיז פאן סאַנטא קראָס, און איך וואהנע רוע טעטבו נומער 44. איך וועל ערווארטען אייערע סעקונדאנטען דעם גאנצען טאָג.

—זיי וועלען זיין ביי אייך אין א שטונדע — האט ארמאנד געשריען אויפגערעגט.

—אבער מיט דעם געלד וואס איהר זייט מיר שולדיג — האט דער איטאליענער געזאגט מיט שפּאָט — דען איהר ווייסט דאך וואהרשיינליך, דאס מען שלאגט זיך מיט א מענשען אזוי לאנג וויא ער האט ניט בעצאהלט זיינע עהרענשולדען.

—איהר זאלט עס האבען.

ארמאנד האט פארלאזען דעם זאל אין פיבערהאפטער אויפרעגונג, מיט פלאמענדע אויגען און מיט געפרעסטען הערצען. פארן הויז האט ער געפונען דעם וואגען אם האט איהם אהער געבראכט. ארמאנד איז איינגעשטיגען און האט זיך געווארפען אויפען זיטץ.

—וואוהין געהט מיין העד? — האט דער קוטשער געפרעגט — פלאטץ באָווא?

—ניין, ניין, נאך פאסי, צו מיין פאטער! שנעל!

דער וואגען האט אוועקגעראָללט, און אין וועניגער וויא א שטונדע איז ער גע־וועזען פארן טיר פון קאָלאָנעל כעאַן.

עס איז שוין געוועזען ארום 9 אוהר אין דער פריה. דער אלטערקאָלאָנעל איז גשוין געוועזען אויפגעשטאנען, און האט ארומשפאציערט לאנגזאם אין גארטען בייא זיין הויז.

—זיט זעכס מאנאטע האט דער אלטער אונגעהייר געליטען גייסטיג צוליעב זיין זאָהן, וועלכער איז געוועזען זיין איינציגע טרויסט אין לעבען. דיעזע זארגען האבען איהם עלטער געמאכט וויא ער איז געוועזען, און ער האט ארומשפאציערט, עבויגען אונטער דער לאסט פון שווערע געדאנקען, וויא אונטער דער לאסט פון יאָהרען.

דערזעהענדיג זיין זאָהן האט ער אויפגעשריען פאר פריידע; אבער אים נעכס־טען אויגענבליק האט זיך זיינע פריידע אומגעוואנדעלט אין שרעק. ארמאנד איז געווע־זען בלאס, פערשטערט, זיינע קליידער אין אונאָרדנונג, און וויא א מענש וואס האט צונעבראכט א נאכט אהן שלאָף.

—פאטער — האט ארמאנד אנגעפאנגען מיט א פערענדערטער, אבער פעסטער שטימע — ענטשולדיגט מיך וואס איך מייד אוים אלע ערקלערונגען און אויסאיינ־אנדערזעטצונגען! דאָ האנדעלט זיך פון איינער ערנסטען זאכע און איך וויל אייך מאכען אייניגע פראגען גלייך צום פונקט. דיא ציים דריינגט מיך זעהר.

—מיין גאט! אום וואס האנדעלט זיך דאָ, מיין קינד! — האט דער קאָלאָנעל גערופען.

—וויא גרויס איז דאס פערמעגען וואס איהר האלט פיר מיך?

—א מיליאָן — האט דער קאלאנעל גענטפערט — אבער....

—קען מען דיעזעם פערמעגען מאכען טהיילס צו געלד?

—געוויס. אבער ווארום?

—איהר וועט מיך שפּפען נאכהער, פאטער, אבער היינט מוז איך רעטען מיינע עהרע.

—דיא עהרע! — האט דער קאָלאנעל אויסגערופען.

—איך האב פערשפיעלט איבער הונדערט טויזענט פראנק און מוז גלייך בעצאה־לען מיינע שולד.

—דוא זאלסט עס האבען — האט דער קאָלאנעל געזאגט מעהר מיט טרהיער אלס מיט צאָרן.

—איך מוז בעצאהלען און מיך שלאגען.

דער קאלאנעל האט זיך אויפגעריכטעט פונקט וויא אין יענעם טאג ווען ער האט בעגעגענט דעם קאפיטאן העקטאר לעמלין. זיין אויג האט אויפגעפלאמט:

—דוא ווילסט זיך מיט איינעם שלאגען? — האט ער געפרעגט — מיט וועמען? ווער האט דיך בעליידיגט?

—ניט מיך האט מען בעליידיגט, מיין פאטער, זאנדערן אייך האט מע פערליימדעט.

—מיך ? מיך ? —האט דער אלטער אויסגעשריען מיט א פארביטענעם קול.
—אייך, פאטער.
—נון גוט, דאנן וועל איך מיך שלאגען.... איך קען מיך נאך שלאגען......
—פאטער – האט איהם ארמאנד ערנסט אונטערבראכען — דעם מענש וועמען איך בין שולדיג דאס געלד און וועמען איך וועל טערטען נאכען בעצאהלען, האט געוואגט צו זאגען......
—נון ? — האט דער קאלאנעל געפרעגט אין אנגסטען.
—ער האט מיר געזאגט דאס איהר זייט געוועזען דער אנפיהרער פון א מאָרד־באנדע, און אז דאס פערמעגען וואס איהר בעזיצט און וועלכעס איך געניעסען איז דער פרייז פון בלוט, און קומט פון רויבען. איז דאס וואהר, מיי פאטער ?
דיזע ווערטער זיינען געפאלען וויא א בליטצשלאג א יפען קאפ פון אלטען. ער האט אויפגעהויבען דיא ארמע, האט געלאזט הערען פון זיך א פאר־שטיקטען רוף פון פערצוויפלונג און איז ענדליך געפאלען אויף דיא קניע, פאר זיין זאהן, ארויסברייגענדיג מיט א פארשטיקטע שטימע דאס איינציגע ווארט :
—גנאַדע !
—אה, דאס איז אלזא וואהר ! האט גערופען ארמאנד זיך האפענדיג מיט'ן האנד צום שטירן. איך פיהל דאס איך ווער וואהנזיניג !
אום ניט צו פערדאמען דיזען גרויסען פערברעכער, וועלכער איז געוועזען זיין פאטער, האט זיך דער יונגער מאנן שנעל אומגעקעהרט און איז אנטלאפען פון זיין פאטערס הויז.
אלס ארמאנד איז איינגעשטיגען אין זיין וואגען צוריק איז זיין געזיכט געוועזען אזוי פערשטערט, דאס דער קוטשער האט ניט געוואגט צו פרעגען וואהין ער וויל פאהרען. ער האט זיך ארויפגעהאפט אויף זיין זיטץ און האט פארקעהרעוועט דיא פערד נאך פאריז צו, אויף טרעף אדער פעהל.
אין דער צייט פון פאהרען איז ארמאנד געוועזען איבערוועלטיגט פון איין־איינ־ציגען געדאנקען : בעצאהלען דעם מארקיז סאנטא קראָס, איהם טערטען, און נאכ־הער זיך אליין אומברייגנען.
—אבער.... וויא אזוי בעצאהלען ? האט איהם דען דער מארקיז ניט געזאגט, אז זיין פאטערס פערמעגען קומט פון מאָרדען און רויבען ? און האט עס דען זיי, פאטער אבגעלייקענט ? האט ער זיך דען געוויעזען וויא איין עהרענמאנן וואס ווערט פערליימדעט ?.... ניין ניעמאלס ! אזעלכע געלד וועט קיינמאל ניט דיענען צו דעקען מיינע שולדען.
ער האט געקלעהרט פון פערקויפען זיין הויז, זיינע פערד, זיינע ציערונג — אבער צו דענן קומט דאס אלעס ניט פון דער זעלביגער קוועלע ? קומט עס דען ניט פון זיין פאטער ?
דערווייל איז דער וואגען אנגעקומען אויף פלאטץ באָווא, אזוי

יא דער קוטשער האט ביי זיך געטראכט אז אהין וויל ארמאנד ווארשיינליך פאהרען.

אלס דער וואגען האט זיך אניעדער געשטעלט האט ארמאנד ארומ־געקוקט דורך טיר און האט דערקענט דיא וואוהנונג פון דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה.

—אָ, זיא וועט מיך רעטען! — האט ער זיך געזאגט אלס ער איז ארויסגעשפרונ־גען פון וואגען און איז געלאפען צום אריינגאנג.

אבער דער שווייצאר וואס איז געשטאנען ביין טיר האט איהם אבגעשטעלט:

—דיא מארקיזין איז דיעזען מארגען אויסגעפאהרען איבערלאזענדיג פיר אייך דיעזען צעטעל — האט ער געמעלדעט.

ארמאנד האט געפיהלט וויא זיינע פיס בייגען זיך אונטער איהם. ער האט גע־עפינט דעם קאנווערט וואס מען האט איהם געגעבען, האט געווארפען זיין בליק אויפען אינהאלט, און האט זיך אנגעשפארט אן וואנד פון שווייצארס לאזשע אום ניט אומצופאלען. דער צעטעל האט ענטהאלטען פאלגענדעס:

„פריינד, איך פעררייזע פיר דריי טעג. נאך דיא דריי טעג וועל איך אייך דאנקען“.

—אבער, ענדליך אין דאך מאיאר ארלאוו דא פאראנען! ער וועט מיך רעטען!

—אויך דער מאיאר איז פעררייזט! — האט דער שווייצאר געענטפערט.

—אָ, וויא גערן איך וואלט יעצט געשטארבען! — האט ארמאנד געטראכט ביי זיך אלס ער איז צוריקגעגאנגען צו זיין וואגען מיט איין אונזיכערן טרים.

—וואוהין? — האט דער קוטשער געפרעגט.

—צו מיר נאך הויז — האט ארמאנד געענטפערט.

וועהרענד דיעזער פאהרט איז דער אונגליקליכער יונגער מאן געלעגען וויא אין היצ־הער־פלעקט. צו־ווילען האט זיך איהם געדאכט, דאס ער ליידעט פון א בייזען טרוים.

אלס דער וואגען איז אריינגעפאהרען אין הויף פון זיין הויז, איז איהם זיין ערגעבענער דיענער זשאן געקומען אנטקעגען. מיט טרעהרען אין דיא אויגען, שטיל און ערנסט.

—זשאן מיין פריינד — האט איהם ארמאנד געזאגט מיט א געבראכענער שטימע — דוא ביסט אלט, געבראכען און דוא פערדינסט צו האבען א ביסל רוהע אויף דיינע אלטע טעג. אבער, מיין ארעמער זשאן, דוא וועסט מוזען אנהויבען דיין לעבען פון דאס נייע און זוכען נייע מיטעל צום לעבען, דיין הערר איז אזוי ארעם וויא דוא, און דיינקט נור צו שטערבען.

זשאן האט ניט געענטפערט און האט קיינע איבערראשונג ארויסגעוויעזען, או נור טרעהרען זיינען איהם גערונען איבערן געזיכט.

אנגעלעהנט אן זיינעם אלטען דיענער איז ארמאנד ארויף צו זיך אין ציממער און איז צוזאמענגעזונקען אין זיין פאטעל ביין שרייבטיש.

נאך איינינע מינוטען פון שרעקליכער שטילקייט האט ער זיך געווענדעט צום אלטען דיענער:

—מיין גוטער אלטער זשאן, וואס וואלסט דוא געטהאן ווען דוא וואלסט געוועזען אזוי וויא איך, דער זאהן פון א מערדער און א רויבער?

—דאס וואס איהר געהט טהאן, הערר ארמאנד — האט דער אלטער סאלדאט געענטפערט איינפאך.

—אה, דוא האסט עס פארשטאנען! — האט דער יונגער מאנן אויסגערופען אונטערדריקענדיג איין שלוכצען.

—יא — האט זשאן געענטפערט — איך וויים אלעס.

ארמאנד האט גענומען א פעדער און האט געשריעבען פאלגענדע צייכען.

„מיינע טהייערע פולמען,

„ארמאנד, וועלכען איהר ליעבט, האט אם לעבען נים געקענט אננעהמען „פון אייך קיינע גאבע, אבער איהר קענט רעטען פון שאנדע דאס אנדענקען פון „דעמזועלביגען ארמאנד.

„פולמען איך געה שטערבען, איבערלאזענדיג איינע עהרענשולד. ווען איהר „וועט דיעזען בריעף דאבען ערהאלטען, וועל איך שוין מעהר נים זיין. „בארגט ביי אייערע פריינד און בעצאהלט דיעזע שולד.... דער אונדאנקבארער „שטארבט האבענדיג פערטרויען אין אייך און בעטענדיג אום פערגעבונג".

„ארמאנד".

דער זאהן פון דעם מערדער האט צוגעזיגעלט דעם בריעף און האט עס איבערגעגעבען זשאן.

—דוא וועסט דעם בריעף אבליעפערען ווען אלעס וועט זיין געענדיגט.

—יא, מיין הערר — האט דער אלטער סאלדאט געענטפערט.

—יעצט לאדע מיינע פיסטאלעטען.

....

זעכסטעס קאפיטעל.

דיא „שווארצע האנד" ווערט וויס.

איידער מיר געהען ווייטער אין דיא ערצעהלונג וועט עס נייטיג זיין צו ערקלערן, וויא אזוי עס האט פאסירט, דאס זשאן, דער אלטער דיענער, וועלכער איז אזוי פערצווייפעלט געוועזען איבער דאס פערשווינדען פון זיין יונגען הערן, האט גאר נים ארויסגעוויזען קיין ערשטוינען אלס ער האט געזעהן ארמאנד צוריקקומענדיג, און האט זיך גאר נים אנגענומען דיא קריוודע פון אלטען קאנאל, אלס ער האט געהערט דיא ווערטער פון זיין זאהן, און האט עס געפונען גאנץ נאטירליך וואס ארמאנד וויל שטערבען.

מיט איין שטונדע פריהער, ד. ה., וועהרענד ארמאנד האט פארלאזען זיי פאטערס הויז און איז געפאהרען צום פלאטץ באווא, האט זשאן געזעהן דעם קאנאל קומענדיג צו איהם.

דער אונגליקליכער פאטער, גאנץ געבראכן פון שמערץ, האט געוואלט צום לעצטען מאהל זעהן זיין זאהן, ער האט געוואוסט אז ער קען ניט לייגגער לעבען. די פעטערליכע לעבע האט צו גיגעבען דיעזען געבראכענעם מענשען כח, צו פאהרען נאך שעיאט, אין דער האפנונג צו זעהן זיין ארמאנד.

ביין אנבליק פון זיין אלטען אפיציער, איז זשאן צו איהם געלאפען אום איהם צו אונטערשטיצען, דען ער האט געזעהן דאס דער קאלאנעל שפרייזט אונזיכער און זיך וויגענדיג.

—מיין קאלאנעל!— האט איהם זשאן גערופען אנטקעגען.

אבער דער קאלאנעל האט צוריקגעשטופען זיין האנד, רופענדיג:

—זשאן, איהר זייט געוועזען א בראווער סאלדאט און איין עהרליכער מענש, אייער לעבען איז ריין פון יעדער שאנדע....

—אזוי וויא אייערעס, מיין קאלאנעל.

—איהר אירט זיך, זשאן — האט דער אלטער געמורמעלט — איך בין ניט מעהר יענער מענש וועמען איהר האט געזעהן אויפען שלאכטפעלד זיך טראגענדיג מיט שטאלץ צווישען פייפענדע קוילען און קארטעטשען, אין פאראויס פון מיין רעגימענט.... איך בין איין עלענדער פערברעכער!

—איהר! — האט זשאן אויסגעשריען אויסער זיך, גלויבענדיג דאס זיין הער איז אראפ פון זינען.

—זשאן — האט דער קאלאנעל פארטגעזעצט — איך האב הינטער מיר, צוויש מיין רודמרייכע פערגאנגענהייט און דער געגענווארט, צוואנציג יאהר פון שאנדע, פערברעכען און ניעדערטראכט. זשאן, איך בין געווארן א פערברעכער דערפאר וואס איך האב געהאט א זאהן, און איך האב איהם געליעבט און פערגעטערט, און האב געוואלט ער זאל זיין רייך און גליקליך, געעהרט און געאכטעט. און אום איהם צו געבען רייכטהום בין איך געווארען א רויבער, איין מערדער......

און דער אלטער קאלאנעל האט אראפגעלאזען דעם קאפ פאר דיעזען אלטען דיענער, וועלכער איז געשטאנען מיט איין אויפגעהויבענעם קאפ, או אונטער שלוכצען און פארשטיקטען געוויין, האט ער אין קורצע ווערטער אבגעלענט זיין געשעטענדניס...... דער אלטער דיענער איז צוריקגעשפרונגען פאר ענטזעצען.

—אה דוא פערדאממסט מיך, זשאן! — האט דער אלטער קאלאנעל געמורמעלט.

—איך פערדאממע אייך ניט — צוליעב אייער זאהן! — האט דער אלטער דיענער געענטפערט ערנסט.

דער קאלאנעל האט פערצווייפעלט אויפגעשלוכצט.

—מיין זאהן, מיין זאהן — האט ער געשריען — א, איך בין עס אהער געקומען אום מיך צו ווארפען פאר איהם אויף די קניע אום איהם צו זעהן נאך איין מאהל, צום לעצטען מאהל, פון איהם גנאדע צו בעטען.... זשאן, פעריאג מיך ניט פון דאנען, זיי גוט צו מיר, זייט גרויסמיטהיג, פיהר מיך צו מיין זאהן......

—אייער זאהן איז ניטאָ! — האט זשאן געענטפערט — איך ווייס ניט וואו ער איז......

—מיין גאט! — האט דער קאָלאָנעל אויפגעשריען אין אנגסטען.

אין דעם אויגענבליק האט זיך דיא טיר פון הויז געעפענט און א פרוי איז ערשיענען, וועלכע האט געזאגט צום קאלאנעל:

—איך ווייס אייך זאגען וואו אייער זאהן איז.

דאס איז געוועזען דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה.

דער אלטער קאלאנעל האט איהר אנגעקוקט מיט ערשטוינען, וועהרענד זיא האט איהם ערגריפען פארן ארעם און האט איהם כמעט מיט גוואלט מיטגעשלעפט,

זיא האט איהם מיט געצויגען אין הויז אריין און האט איהם אריינגעפיהרט אין יענעם צימער וועלכער האט געהאט פענסטער אי אין גארטען און אי אויפען הויף, און וועלכעס איז געוועזען ארמאנדס רויך־צימער. דאנן האט זיא צוגעשלאָסען דיא טיר און איז צוגעגאנגען צום קאלאנעל:

—קאָלאָנעל לעאָן — האט זיא אנגעפאנגען — איהר האט מיך קיינמאהל ניט געזעהן, ניט וואהר? אבער איהר האט וואהרשיינליך געהערט ריידען פון מיר.

און דאס זאגענדיג האט זיא איהם געוויזען דיא האנד מיט דעם שווארצע האנדשוה.

—איך בין יענע געהיימניספאללע פרוי וועלכע דיין זאהן האט פערפאלגט מיט זיין ליעבע......

—דיאדאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה! — האט דער קאלאנעל אויסגע־רופען, אלס ער האט זיך ציטטערנדיג ארונטערגעלאזען אויף א זיטץ, און איז צו־זאמענגעזונקען אונטער דעם פייערינגען בליק פון דער רעבעקין.

—קאלאנעל לעאן — האט דיא דאמע פארמעגעזעצט מיט א קאלטער שפעטישער שטימע — ווייסט דוא דאס דיין זאהן האט עס דורך מיך ערפאהרען דיינע פערברעכען, דאס איינער פון מיינע ערגעבענע שקלאפען האט פון איהם אבגע־וואונען יענע סומע אין שפיעל, און האט איהם באלד דארויף געזאגט, „אייער פאטער איז א מערדער און א רויבער!"

דער קאלאנעל האט זיא אנגעקוקט מיט טויטשרעק.

—ער וועט באלד נאך אויס קומען אהער: און אין זיין פערצווייפלונג וועט ער זיך וואהרשיינליך נעהמען דאס לעבען!

אין פערצווייפעלטער געשריי האט זיך ארויסגעריסען פון דעם אלטען קאָלאנעלס ברוסט, ער האט זיך געוואלט אויפהייבען, אבער ער איז צוריקגעזונקען אין זיין זיטץ, דען ער האט בעמערקט דורכין פענסטער איין וואגען, אויס וועלכען ארמאנד איז אויסגעשטיגען בלאס און וואקלענדיג, און זיך אנלעהנענדיג אויפען אלטען זשאן.

דיא רעבעקין האט ארונטערגעצויגען דעם שווארצען האנדשוה פון איהר רעב־

האנד. דיעזע האנד איז אין איינינע ערטער געוועזען בעדעקט מיט דונקעל־רויטע פלעקען, וויא פון פארטריקענטע בלוט.

דוא פרענסט זיך געוויס ווער איך בין, קאלאנעל לעאן, מן גוט, בליק אן דיעזע האנד! — האט זיא פארטגעזעצט — איך האב זיא איינמאהל געלייגט אין דער האנד פון א געליעבטען מאנן ביין אלטאר, און איינינע שטונדען שפעטער איז דיעזער מאנן געוועזען ערמארדעט..... און דוא האסט איהם געלאזט ערמארדען.... און איך האב מיך דאנן פארשווארען ניט אראפצונעהמען דעם האנדשוה און ניט אראפצוואשען דיעזע בלוט־פלעקען, ביז איך וועל מיך האבען נוקם געוועזען פאר מיין מאנן!.... קאלאנעל לעאן, איך הייס מארקיזין גאנטראן פאן קאסי, און דיא שטונדע פון דיין שטראף איז געקומען!

דער אלטער קאלאנעל איז געבליבען זיטצען מיט איין אפענעם מויל און מיט אויסגעגלאצטע אויגען פאר ענטזעטצען.

—אה, יעצט פערשטעהסט דוא, עלענדער, ווארום איך האב עס געמאכט אז דיין זאהן זאל זיך אין מיך פערליעבען — האט זיא צוגעזעטצט מיט שפאט.

זיא האט געלאכט, און איהר געלעכטער האט געקלונגען סאטאניש־קאלט און שטעכענדיג.

—א, איך האב זיי אלע צערשמעטערט! — האט זיא פארטגעזעצט — איך האב זיי געוואלט בעשטראפען צוערשט, און נאכהער דיך.

איינעם האסטו אליין געטעדטעט מיט אכט מאָנאט צורים: דאס איז געוועזען העקטאר לעמלין.

דער אנדערער, דער ריטטער פאן אסטי, איז געשטארבען, גלויבענדיג דאס זיינע פרוי איז איהם אונטריי און פלוכענדיג מיט זיין בליק. דען ריידען האט ער ניט געקענט וועיל זיין שטימע איז געוועזען אויסגעלאשען.

דער דריטער ווערט געהאלטען פאר טויט ביי דער וועלט, און זיין פרוי מיט זיינע קינדער בעוויינען איהם, און ער האט אליין געלעזען זיין הספד אין דיא צייטונגען.

דער פירטער האט ערהאלטען איין שווערטשלאג.

דער פינפטער איז סאי־וויא־סאי א פערלארענער; ער איז א פראָפעסיאָנעלער שפיעלער.

דא איז דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה א ווילע געבליעבען שטעהן און האט בעטראכטעט ארמאנדס פאטער מיט א שפעטישען בליק אונטער וועלכע דיעזער האט געציטערט:

— דיך האב איך געהאלטען צום לעצטען פיר דיא העכסטע שטראף דען דו ביסט דער שולדיגסטער פון זיי אללעמען! דאס האסט דוא פארגעלייגט דיין שענדליכען בונד צום אונגליקליכען גאָנטראן פאן קאסי. דוא ביסט געוועזען דער אנפיהרער פון דער רויבער־באנדע, און דאס האסטו מיך געמאכט וויטווע נאך איידער איך בין געווארן א ווייב, און דאס האסטו פערוואנדעלט אין טרויער מיין ווייסעס האָכצייטסקלייד......

דער קאָלאָנעל איז אימער נעזעסען ציטערנדיג, וויא איין פערוּרטהייל־טער צום טויט.

—א, מיינע ראַבע! — האט זיא וויטער גערעדט — מיינע טהייערע זיסע ראַ־בע! ווייסטו, דאס יעדע נאכט אזוי שנעל וויא מיין אויג מאכט זיך נור צו, זעצט זיך איין בלוטיגער שאטען אויף מיין בעט, דער שאטען פון גאָנטראַן! ווייסטו, דאס יעדען טאג, צו יעדער שטונדע, אין דער איינזאמקייט אדער אין רויש פון דער וועלט, הער איך אימער א שטימע קלינגען אין מיינע אויערן:

—זיי זיך נוקם פיר מיך!

דאס איז דיא שטימע פון גאָטראַן!

און ווייסטו, דאס יעדעס מאהל ווען מיין הערץ ווערט בעוועגט פון מיטלייד צו איינעם פון דיא מערדער, אזוי הער איך דיזע שטימע רופענדיג: ניין, ניין! דיין אויפגאַבע איז נים צו ענדע! פאָרוועַרטס, ביז דער לעצטער פאַללט!

דער לעצטער ביסטו, קאָלאָנעל! דער תּליון, ווען ער האט צווי מערדער פאר זיך, נעהמט ער זיך פריהער צום אינגערן. יונגקייט איז א שטיקעל ענטשולדי־גונג. דער עלטערער מעג האָבען א ביסעל מעהר יסורים, זעהענדיג וואס זיין סוף וועט זיין. איך האב אויך אזוי געהאנדעלט, און ווען איך בין געוועזען פערטיג מיט אלעמען, האָב איך גטראכט אן דיך.

ביי דיזע לעצטע ווערטער האט דער שרעק ערגריפען דעם אלטען מאנן, ער האט געמאכט א פערזוך זיך אויפצוהייבען און צו פליהען.... אבער דיא רעבעדין האט איהם ערגריפען פאַרן ארם און האט איהם צוריקגעוואָרפען אויפען זיטץ.

—אבער וואַרטעט דאך קאלאָנעל, — האט זיא פּארטגעזעצט מיט איהר רוהי־גען שפּאָט — איהר ווייסט דאך נים צו וועַבער פיין איהר זיים פעראורטהיילט.

און דער קאלאנעל איז וויערער געבליעבען זיטצען וויא א סטאטוע, א בילד פון עלענד און זעלענפיין, האלטענדיג זיין בליק אויף דיזע פרוי.

—הער מיך אוים — האט זיא פּאָרטגעזעצט — איך קען דיין לעבען און דאס לעבען פון אלע קאמראַדען פון שווערט טאג פאר טאג, און פיליכט שטונדע פאר שטונדע. אויף מאָרגען נאָך דער בעערדיגונג פון מיין פיעלגעליעבטען גאנטראַן, האָב איך פארלאזען פּאַריז, פיהרענדיג מיט זיך א קעסטעלע מיט שריפטען וואס גאָנטראַן האט מיר איבערגעלאזען. איך האָב פארלאזען פּאַריז, ווייל איך האָב נים געוואָלט דאס מיין אלטער פאטער וואס האט נאך דאנן געלעבט זאל עטוואס ערפאַהרען פון גאָנטראַן׳ס פערגאַנגענהייט, פון יענער פינסטערער פערגאַנגענהייט וועלבע דו, עלענדער שופט, האסט געשאפען.

איך האָב געשוואָרען ראַבע דער באַנדע, אבער ביז מיין פאטער האט צור־געמאכט זיינע אויגען אויף אימער האָב איך מיין ראַבעווערק נים געקענט אנפאַנ־גען. אלס איך בין נאך זעכס יאהר צוריקגעקומען נאך פּאַריז אום אנצופאַנגען מיינע צערשטערונגס ארבייט, האָב איך געגלויבט אז איך וועל דיך געפינען אזוי וויא

גאנטראן האט דיך געשילדערט אין זיינע שריפטען — ענערגיש, מוטהיג. א באנדיט מיט א זיבערן בליק און מיט א זיבערע האנד.

אבער איך האב מיך געאירט. דוא ביסט ניט מעהר געוועזען וויא איין אלטער געב־עבליבער מאנן, איינגעפויינגען אונטער דער לאסט פון געוויסענסביססע, מיעד פון לעבען, און האפענדיג אויפען טויט. דיך אומברייננגען? — האט דיא רעבערין גע־שפאטעט — דאס איז פיר דיך קיינע שטראפע, דאס איז א בעפרייאונג פיר דיך....

איין זיפץ האט זיך געלאזט הערען אויף דעם קאלאנעלס ברוסט, און דיעזער זיפץ האט געזאגט זאגען:

—יא, טעדטעט מיך.... איהר וועט מיך מאכען גליקליך!

אבער דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט פארגעזעצט:

—אבער צום גליק פיר מיינע ראכע האסטו געהאט א זאהן.... א זאהן צוליב וועלכען דוא ביסט געווארן א פערברעכער.......

א גערויש האט זיך געלאזט הערען פון נעבעטען צימער, און דיא רעבערין האט זיך אליין אונטערבראכען:

—היער! דא קומט ער יעצט אריין אין זיין צימער......

דער קאלאנעל האט נאך אמאהל געמאכט דעם פערזוך אויפצושפרינגען און צו לויפען אנטקעגען זיין זאהן. אבער דיא האנד פון דער דאמע האט איהם צוריק־געהאלטען. זיא האט איהם געצוואונגען צו שווייגען מיט דעם איינציגען רוף:

—שווייג, אדער דיין זאהן איז פערלארען!

און דער אונגליקליכער פאטער איז געבליעבען שטום און אונבעוועגליך.

דיא רעבערין האט דאנן פארטגעזעצט אין א גאנץ שטילער שטימע, אימער שפעטיש און דראהענד:

—דיין זאהן האט מיר אימער נאכגעפאלגט, ער האט מיך געליעבט וויא א וואהנזיננינגער. ווען איך וואלט איהם געשיקט אין די העללע וואלט ער גערן פיר מיך אונטערנומען דיעזע רייזע.

א, איך האב אין אנפאנג מיט איהם מיטלייד געהאט — האט זיא געזאגט אונטער־דריקענדיג א זיפץ, — איך האב איהם געוואלט פון מיר פאריאגען, פערשטויסען, איהם מאכען פליהען פון מיר, דען איך האב דעם אונשולדיגען ניט געוואלט טרעפען צוליעב זיין פערברעכערישען פאטער.

אבער טראץ מיינע אנשטרענגונגען איהם צו דערוויטערן פון מיר האט איהם דאס שיקזאל אימער ווידער צוריקגעווארפען אויף מיין וועג. דאן איז ער געווארן מיין ווערקצייג, פונקט וויא דיא קאמראדען פון שווערט זיינען געוועזען דיינע ווערקצייגע. דער אונגליקליכער האט געדיענט זיינער ראכע, ניט וויסענדיג, דאס דער לעצטער וועמען מיין האנד וועט טרעפען, וועט קיין אנדערער זיין אלס זיין פאטער, דוא, וועמען ער ליעבט.... אך, איין אויגענבליק איז געקומען וואו דער מוטה האט מיר געפעהלט דאס דורכצופיהרען, וואו איך בין געריהרט גע־ווארען פון אזוי פיעל ליעבע, פון אזא יוגענד, פון אזא טוגענד, און האב איינינע אויגענבליק פערגעסען מיינע בלוטיגע מיסיאן, און האב געווארפען א צערטליכען בליק

אויף דיזען יונגען מאנן, אויף דיזען שיינעם יונגען קאפּ.... איין אויגענבליק האב איך מורא געהאט דאס איך וועל איהם מוזען ליעבען.... הערסט דוא קאַלאנעל?

אבער דיא שטימע וועלכע האט מיר אימער גערופען אין דיא אויערן: „פאָר־ווערטס אין דער ראכע!“ איז געוואָרען שטארקער, דראָהענדער, שרעקליכער. איך האב דאנן בעגריפען דאס מיר איז ניט בעשערט נאך אמאהל צו לעבען אויף דיזער וועלט; דאס מיין ארעם מוז טעדטען, פערניכטען, צושטערען אהן אויפהער.

און מיין הערץ האט זיך צונעשלאסען, און איך האב געהארכט דעם רוף פון יענער בלוטיגער שטימע וועלכע האט פעראורטהיילט דיין זאהן....

זיא האט געלאזט הערען איהר נערוועזען שפּאָטישען געלעכטער און האט פאָרגעזעצט:

—הערסט דוא, דיין זאהן קאמט יעצט אריין צו זיך אין צימער, און וועט פון דארט שוין ניט מער ארויסקומען. ער קומט מיט א געבראָכענעם הערצען פערשולדעט, און איס שטענדע צו בעצאהלען זיין שולד פון א פערמעגען וואס איז בעדעקט מיט בלוט און נערויבט.... מען האט איהם געזאגט אז דוא ביסט א מערדער און א רויבער, און וועהרענד ער איז געקומען צו דיר ביסטו געפאלען פאר א הם אויף דיא קניע, ארונטערלאזענדיג דעם קאָפּ — ניט וואהר?

אין דעם אויגענבליק האט זיך פון א צווייטען צימער געלאזט הערען דאס גע־שפּרעך צווישען ארמאנד און זיין דיענער, און דיא דאמע האט זיך אונטערבראָכען, אום צו האפּען עטוואס פון יענעם געשפּרעך. אין צימער זיינען איינגעדרונגען ארמאנדס ווערטער, צו זשאן:

—דוא וועסט אוועקטראגען דיזען בריעף נאך דער אדרעסע, און יעצט, לאדע מיינע פּיסטאָלעטען.

דאן האט דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה פארטגעזעצט:

—יעצט פערשטעהסט דוא אלעס, ניט וואהר? דיין זאהן וועט זיך באלד אומ־ברייננען, ווייל ער איז א מאנן פון עהרע און קען ניט אריבערלעבען דיא שאנדע....

דער קאלאָנעל האט געמאכט א געוואלטיגע פערצווייפעלטע אנשטרענ־גונג זיך אויפצוהויבען, און אונדייטליכע קולות האבען זיך ארויסגעריסען פון זיין ברוסט.

—שוויג, שוויג! — האט זיא געזאגט — זאנסט שטארבסט ער. דיזע דראהונג האט וויעדער פּאראליזירט דעם אונגליקליכען אלטען. דיא דאמע מיט דעם שווארד צען האנדשוה האט דאנן ארויסגעצויגען א קליינעם דאָלך ביי זיך פון בוזעם:

—היער! — האט זיא געזאגט — אין דער לעצטער שטונדע האב איך מיטלייד מיט דיר.... ווילסט דוא רעטען דיין זאהן? זיין שולד וועט בעצאהלט ווערן, זיינע עהרע וועט ניט זיין בעפלעקט, דיא וועלט וועט ניט וויסען דאס דוא ביסט געוועזען איין עלענדער שופט.... זאג, ווילסט דוא?

דער אלטער האט אויסגעשטרעקט זיינע הענד אין געבעט. דיא רעכערי האט איהם דערלאנגט דעם דאָלך מיט דיא ווערטער:

—טערטע זיך!

דער אלטער האט ערגריפען דעם זאַלך מיט ענטציקען. ער האט איהם זיכער געמאכט אין זיין שוואכער האנד און האט דיא האנד אויפגעהויבען איבער זיין ברוסט.... אבער אין דעם אויגענבליק, איידער ער האט דיא האנד ארונטערגע־לאזען, איז ער צוזאמענגעזונקען, איז ארונטערגעפאלען פון זיין שטוהל, און איז גע־בליעבען ליעגען אויפען טעפיך אונבעוועגליך.

דיא פריידע איבער דעם געדאנקען דאס זיין הייסגעליעבטער זאהן וועט ניט שטערבען, האט דעם אלטען קאָלאָנעל געטעדטעט פיל זיכערער אלס דער דאלך וואס ער האט גענומען פון דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה.

דער קאלאנעל איז געפאלען טויט אפילו ניט א פיפס טהוענדיג, אהן איין אוי־גענבליק פון גסיסה, פונקט וויא א ליכט וואס ווערט פלוצלונג אויסגלאשען.

אין דיעזען אויגענבליק האט זיך געעפינט דיא טיר. דאס איז זשאן אריינגעקו־מען אים אויפטראג פון זיין יונגען העררן נעהמען דיא פיסטאָלעטען וועלכע זיינע איטער געלעגען אין דיעזען צימער.

ביין אנבליק פון קאָלאָנעלס לייכע אויפען באָדען איז זשאן געבליעבען שטעהן אויפען שוועל שטום און בלאס.

דיא רעבעקין האט צוגעלייגט א פינגער צו דיא ליפען צום צייכען אז ער זאל שווייגען, און האט דאנן געזאגט אזוי שטיל וויא מעגליך:

—פערשטעקט דיעזע לייכע! טראגט זיא אוועק פון דאנען.... ערגיץ־וואו אין א ווינקעל.... אונטער א בעט.... וואו איהר ווילט.... אבער זיין זאהן זאל עס ניט זעהן.

—מאדאם — האט זשאן געענטפערט — איך האב אייך געלאזען טהאן מיטן פאַ־טער וואס איהר האט געוואלט, אבער....

נון?

—איהר האט מיר צוגעזאגט, דאס אויב דער פאטער וועט שטארבען וועט דעם זאהן גאר ניט געשעהן.

—איך וועל האלטען מיין פערשפרעכען.

—איהר שווערט מיר דאס?

—איך שווער.... יעצט לאדע אן דיא פיסטאָלעטען — האט זיא צוגעזעצט, אויסשטרעקענדיג דיא האנד וועלכע איז נאך געוועזען בעדעקט מיט דעם פערטריקנע־טען בלוט פון איהר מאנן.

—אבער.... האט זשאן געשטאמעלט.

—לאדעט זיי אן! — האט זיא נאך אמאהל בעפאהלען — און פערשטעקט ערגיץ־וואו דיא לייכע.

זשאן האט געהאָרכט. וועהרענד ער האט געטהאן זיינע ארבייט האט זיך דיא רעבעקין ארונטערגעלאזען אויף דיא קניע:

—מיין גאט! — האט זיא געמורמעלט — איך האב ערפיללט מיינע שרעקליכע

אויפגאבע: וועסט דוא מיר יעצט פערגעבען, און וועט עס מיר ערלויבט זיין זיך צו צו הערן צו דער שטימע פון מיין הערצען?....

....

זיבענטעס קאפיטעל.

דיא רעכערין שטארבט, ארמאנד איז גערעטעט.

וועהרענד דיא סצענע וואס איז בעשריעבען אין פאריגען קאפיטעל האט זיך אפגעשפיעלט אין ארמאנדס רויך־צימער, האט ארמאנד אליין ביי זיך אין שלאף־צימער אויפגעשריעבען א טעסטאמענט פון דיא פאלגענדע צייל
ען:

„מיין הויז, מיינע ציערונג, מיינע קליידער און פערדע, און אלעס וואס איך בעזיטץ זאלען פערקויפט ווערען דורך אוקציאן, און דאס געלד זאל פערטהיילט ווערען אונטער ארעמע. זשאן איז דער פאלשטרעקער פון מיין טעסטאמענט".

און אין דיעזער לעצטער שטונדע, לויט וויא ער האט געמיינט, ערוואַרטענדיג זשאן מיט דעם פיסטאָלעט וועלכער וועט מאכען איין ענד צו זיין לעבען, האט ער געטראכט צום לעצטען מאהל אן יענער פרוי וועלכע ער האט געליעבט און וועלכע האט איהם געקאסטעט דאס לעבען, און יענער פרוי וועלכע האט איהם געשיקט אהי, אין יענעם הויז, וואו ער האט צום ערשטען מאהל ערפאהרען דיא שמאך פון זיין פאטערס פערברעכען.

ער האט ערגריפען דיא פעדער און האט געשריעבען צו איהר פאלגענדע צייל
ען:

„מאדאם,

איהר, וועמען איך האב געליעבט, איהר וועמען איך קען ניט פערגעסען אויפע שוועל פון קבר....

ער איז אונטער בראָכען געווארען אין זיין שרייבען, דען זשאן איז אריינגעקומען און האט שטיל אוועקגעלייגט דיא פיסטאָלעטען אויפען טיש. ארמאנד האט איהם געדרייכט דיא האנד, האט געדריקט צערטליך דיא האנד פון דעם אלטען סאָלדאט, און האט געזאגט:

—איך דאנק דיר.... אדיע!.... דוא קענסט געהן!......

זשאן איז ארויסגעגאנגען שטילל, אהנע צו ריידען א וואָרט, וועהרענד ארמאנד האט פאָרטגעזעצט זיין בריעף:

„.... איהר זאלט זיך ניט וואונדערן, מאדאם, ווען אין דעם לעצטען אויגענבליק פון מיין לעצטער שטונדע דיינק איך נאך אן אייך, און שיק אייך דיזעזן לעצטען אנדענקען, און פערלאנג איין טרעהר פון אייך, איין בעדויערן......

ער האט זיך אונטערבראכען, דען ער האט געפיהלט וויא דיא האלדז פרעססט זיך איהם צוזאמען און ער האט מיטלייד געהאט מיט זיך אליין, דאס איהם איז בעשערט אזוי צו ליידען, טראָטץ דעם וואס ער האט געקוקט אזוי רוהיג דעם טויט אין געזיכט.

—מיין גאט, מיין גאט! — האט ער געשטאמעלט — ניט מעהר זיא זעהן!....

דיינע ווערטער זיינען וואהרשיינליך אונטערהערט געווארען פון הינטערן טיר

דענן אין דעם אויגענבליק האט זיך געפינט דיא טיר דורך וועלבע זשאן איז ארויס געגאנגען און דיא דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה האט זיך בעוויזען אויפען שוועל, און ארמאנד האט אויפגעשריען פאר ערשטוינען און פריידע:

—איהר! איהר!......

—איך! — האט זיא געענטפערט שרייטענדיג פארווערטס אין צימער, איהם אנטקעגען.

זיא איז יעצט נים מעהר געוועזען יענע פרוי מיט דעם שפעטיש־ביטערע שמייכעל אויף דיא ליפען...... דאס איז נים מעהר געוועזען דיא רעבערין וועלבע פערפאלגט אהן ראסט און אהן רוהע דיא מערדער פון איהר מאנן......

זיא האט געהאט פערניכטעט דעם לעצטען מערדער פון גאנטראן פאן לאסי און פון דעם אויגענבליק אן איז זיא צוריק געווארען ווייב.

זיא איז געקומען אנטקעגען ארמאנד טרויעריג, בלאס, ציטערנדיג; זיא האט ער־גריפען זיינע ביידע הענד און האט געזאגט:

—יא, דאס בין איך, ארמאנד, איך, וועלבע קומט אייך רעטען.

—אה, איהר ווייסט אלזא......

—אלעס.

—נון אלזא, דאנן זעהט איהר דאך אז איך מוז שטערבען, דען איך טראג איין ענטעהרטען נאמען.

—ניין אייער נאמען וועט בלייבען ריין — האט דיא דאמע געזאגט — דיעזער מענש וועט שווייגען.

—וואס מאכט עס דען? צו דען ווייס איך עס נים? וועט מיר דענן נים אויס ווייזען ווען איך וועל געהן דורך דיא גאסען, דאס מען צייגט אויף מיך מיט דיא פינגער.

—דאנן פארלאזען מיר פאריז און פעררייזען.

—פעררייזען?

—יא, האט זיא געזאגט מיט ריהרונג — יא איהר וועט געהן מיט מיר, איהר וועט מיר פאלגען, דענן יעצט בין איך פריי, מיינע בלוטיגע אויפגאבע איז ערפילט, און איך קען מיך ענדליך צוהערן צו דער שטימע פון מיין הערצען.... דען איך האב דיך ליעב....

ווען ארמאנד וואלט מיט א צוויי טעג פריהער געהערט אזא ווארט פון דיא ליפפען פון דער דאמע מיט דעם שווארצען האנדשוה, וואלט איהם דיא פריידע פיל־לייכט פעררוקט געמאכט אדער געטעדטעט...... אבער יעצט, אנשטאט צו זעהן וויא דער הימעל עפענט זיך, אנשטאט אויסצושרייען פאר פריידע אז דיא וועגד זאלין ציי־טערן, האט זיך ארמאנד אויפגעהויבען שטום, ציטערנדיג, זיין שטירן בעדעקט מיט שוויים.... ער איז א טריט צוריקגעטרעטען פון דיעזע פרוי, וועלבע האט איהם ענדליך געזאגט דאס זיא ליעבט איהם, און וועלבע איז געוועזען בערייט צו קניען פאר איהם.

—אה, איהר ליעבט מיך! — האט ער אויסגערופען נאך איינינע סעקונדען

שטיקשווייגען — יעצט זאגט איהר אז איהר ליעבט מיך, נאכדעם ווי איהר אויפ־נאבע איז ערפילט ?......

—יא — האט זיא געמורמעלט שטיל, פערוואָרען און רויט־ווערענדיג — יא, איך האב אייך ליעב...

אבער ארמאנד איז געבליעבען רוהיג און קאלט.

—איהר ליעבט מיך, ווייל איהר האט פערניכטעט דעם לעצטען פון אייער מאן׳ס מערדער, ניט וואהר ? אָה, איך האב אלעס ערראטהען, מאראם, איך האב אלעס פארשטאנען.... דיעזער מערדער, דיעזער לעצטער פעראורטהיילטער איז איין אל־טער מאנן וועלכען זיין אייגענער זאהן האט יעצט פערפלוכט און צוריקגעשטויסען ניט וואהר, מאדאם ?

זיא האט אראפגעלאזען דעם קאפ און האט געשטאמעלט.

—ער האט געטעדטעט מיין מאנן......

דער יונגער מאנן האט אויפגעשריען מיט א געבראָכענער שטימע :

—דאס איז מיין פאטער !

דיעזע ווערטער, דיעזער בליק, דיעזע שטימע האבען די רעכערין געוואָרפען אין שרעק. זיא האט זיך ארונטערגעלאזען אויף די קניע, האט צוזאמענגע־ יגט די די הענד וויא אין געבעט, און מיט יאָמער אין דער שטימע האט זיא געשריען :

—פערצייה מיר.... איך ליעב דיך.... איך וועל פארגרייכען מיין לעבען צו דיינע פיס... איך וועל דיך מאכען פערגעסען דיעזען מענשען....

—ער איז מיין פאטער !— האט ארמאנד ווידערהאָלט.

—זאל זיין אזוי ! ווען איך בין דיר פעראכטעט וועל איך דיך פערלאסען ! — האט די רעכערין גערופען מיט א געבראכענע שטימע — איך וועל געהן אין עק וועלט, דוא וועסט מיך ניעמאלס ווידערזעהן, דוא וועסט ניט מעהר הערן מיין נאמען...... אבער פערצייה מיך !......

—איהר האט מיך געמאכט פערפלוכען מיין פאטער ! האט ארמאנד געמורמעלט:

זיא האט שיער אויפגעשלוכצט, האט זיך אויפגעהויבען, האט געמאכט א טריט הינטערוועהרליכס, און האט געזאגט :

—אדיע, ארמאנד, אדיע.... איך האב אייך בערויבט פון אייער פערמעגען, וועלכעס איהר האט געהאט בעטראכטעט אלס עהרליכעס.... איך געה אין א קלויס־טער, און וועל אייך איבערלאָזען מיין פערמעגען......

נאָך איידער זיא האט געענדיגט ריידען און נאך איידער ארמאנד האט בע־וויזען צו ענטפערן, האט זיך געעפענט די טיר, און זשאן איז אריינגעקומען :

—הערר ארמאנד — האט אויסגערופען דער אלטער סאלדאט, אריינקומענדיג מיט פלאמענדע אויגען און הויך אויפגערעגטע — הערר ארמאנד, פאריאגט דיעזע פרוי און ווארפט איהר איהר געלד אין געזיכט !.... זיא האט יעצט געטעדטעט אייער פאטער......

און דער אלטער סאלדאט האט אויסאיינאנדער געעפענט די טירען פון רויך־צימער, און דער יונגער־מאנן האט מיט ענטזעצען דערזעהן דעם קערפער פון זיין פאטער אויפען פוסבאָדען.

איין אנפאלל פאן צאָרן און טרויער האט ערגריפען דעם יונגען מאנן. ער האט געפאקט דעם פאָרטפעיל וואס דיא דאמע האט געליינט פאר איהם אויפען טיש, און האט עס געשליידערט צו איהרע פיס:

—ארויס, מאדאם, ארויס! — האט ער געשריען:

—ניין, ניין — האט זיא געענטפערט אין דער העכסטער אויפרעגונג — און ווע דאַ האסט בעשלאסען צו שטערבען, דאנן שטערבען מיר ביידע צוזאמען, או פיליכט וועסט דוא מיר געבען פון יענער זייט קבר דיא פערצייהונג וועלכע דוא ענטזאגסט מיר יעצט....

און נאך איידער דער יונגער מאנן האט צייט געהאט איהר צו שטערן, האט זיא ערגריפען איינעם פון דיא פיסטאָלעטען וואס זיינען געלעגען אויפען טיש, האט איהם גער בטעט געגען איהר ברוסט און ערגריפען דעם האהן....

אים נעכסטען אויגענבליק האט געקנאלט א שוס, און דיא רעכערין אי געפאלען טויט!

ארמאנד האט געהאט ערגריפען דעם צווייטען פיסטאָלעט מיט דער אב־זיכט צו פאָלגען איהר ביישפיעל; אבער אין דיעזען אויגענבליק זיינען צוויי נייע פער־אָנען ערשיענען אויף דער סצענע, און האבען זיך אריינגעבראָכען אין צימער מיט אללער האסט.

דאס זיינען געוועזען לארד מעררילל און פולמען.

דיא לעצטערע האט זיך א וואַרף געטהאן אויף ארמאנד און האט ארויסגע־שלאגען דעם פיסטאָלעט אויס זיינער האנד.

—אייער גלויבינער איז בעצאהלט! — האט זיא אויסגערופען, און אנווייזענדיג מיט'ן האנד אויף דיא לייכע האט זיא צוגעזעצט: זיא האט זיך אליין פערשאפט גע־רעכטיקייט און האט מיר פארשפאָרט איין פערברעכען. דענן זייט וויסען, ארמאנד, דאס איך וואכע איבער אייך שוין א לאנגע צייט, און ווען איהר וואלט זיך געהאט געטעדטעט, וואלט איך זיא געטעדטעט....

—מאדאם — האט דער יונגער מאנן אנגעפאנגען מיט טרויער אין דער שטימע — איהר האט מיר גערעטעט מיינע עהרע, זייט מיר געזעגנעט.... אבער איהר וועט נאך טהאן דיא גרעסטע וואלטהאט וואס איהר קענט מיר טהאן, ניט וואהר? איהר וועט זיין גוט און ערגעבען ביז צו ענדע, ניט וואהר?

—וואָס ווילט איהר זאל איך טהאן פאר אייך, זאגט?

—נאר ניט, לאזען מיך שטערבען.

—שטערבען!

—יא, איך מוז שטערבען.

—שטערבען?.... איהר ווילט שטערבען, דאנן ווען דיא יוגענד לייכטעט נאך אויף אייער געזיכט, און דיא צוקונפט געהערט אייך.... איהר ווילט שטערבען?!......

—מיין נאמען איז ענטעהרט, פולמען, און מיינע צוקונפט איז דיא ערינערונג אן דיעזען אונגליקליכען פאטער וועלכער איז געוועזען א פערברעכער.

פולמען האט ניט געקענט ענטפערן, דען זיא האט אויסגעבראכען אין א שלוכצען און יאמער.

ארמאנד האט ערגרייפען איהר האנד מיט בעגייסטערונג און האט זיא געפיהרט צו זיינע ליפען:

– מיין גאט! — האט ער געמורמעלט — וויא בין איך געוועזען אונדאנקבאר און נארעש!

דאנן האט ער זיך געווענדעט צו לארד מעררילל:

—מילארד — האט ער געזאגט — קענט איהר מיר פערגעבען מיינע דומהייט?

דער עדלער גרויסמיטהיגער ענגלענדער איז פארגעטרעטען, האט פערטרויליך ארויפגעלייגט זיין האנד אויף ארמאנדס שולטער, און מיט זיין געוועהנליכער ערנסטער און איינדרוקספאללער שטיממע האט ער געזאגט:

—יונגער מאנן, זעהט מיך גוט אן; איך בין אלט, און האב אויף מיין אייגענע קאסטען געלערנט דיא וויסענשאפט פון לעבען. אלזא, ערלויבט מיר אייך צו געבען א גוטען ראטה: מען שטארבט ניט צו 26 יאהר דערפאר וואס מען האט געהאט א פערברעכערישען פאטער און דערפאר וואס מען געפינט זיך רואינירט נאכדעם וויא מען האט געהאט איין אייגענעס הויז און פערד. דערצו איז דא א מיטעל, וועלכעס ניט איין צווייטעס, איין בעסערעס פערמעגען, און האפנונג אויף דיא צוקונפט: דאס איז ארבייט!

—אה, מילארד, מיר שיינט אז איהר האט רעכט! — האט ארמאנד גערופען.

—איהר זייט א זאהן פון דיעזען ריטטערליכען לאנד — האט לארד מעררילל פארטגעזעצט — וואו עפאלעטען שפיעלען א גרויסע ראללע נאכדעם וויא זייא האבען געזעהן דעם רויך פון פולווער אויפען שלאכטפעלד, און ווערן געשעצט מעהר אלס גאלד! איין אויפריכטיגער דיענסט דעם לאנד פערדעקט אלע מעגליכע פלעקען פון פערגאנגענהייט. טרעט אריין אין דיענסט פון אייער פאטערלאנד!....

ארמאנד איז בעגייסטערט געווארען פון דיעזע ווערטער און האט זיך אנגעכאפט אן דעם וויא איינער וואס טרינקט זיך כאפט זיך אן א רעטונגס שיפעל.

—קומט מיט מיר, מילארד, —האט ארמאנד גערופען — קומט גלייך איך וויל מיך לאזען אויפנעהמען אין דיענסט.

פולמען איז געבליעבען ערנסט און שטום, וועהרענד דער אלטער זשאן האט געוויינט פאר פריידע....

....

עפילאג, אדער ענדע גוט אלעס גוט.

1.

פינף טעג נאך דיא עראייגניסע וועלכע מיר האבען דא דערציילט איז א דאמפף שיף איינגעלאפען, אום צעהן אוהר פריה, אין האפען פון מארסייל.

אין דערזעלבער צייט איז איין עקיפּאַזש געבליעבען שטעהן ביים ברעג, ביים האַטעל־דע-וויל (שטאדט־ראַטה), און דריי פערזאנען זיינען פון איהם אויסגעשטיעגען.

איינער איז געוועזען לאָרד מערריל, דיעזער גרויסמיטהיגער און זיכערער פריינד מיט דעם ריטטערליכען הערצען. דער אנדערער איז געוועזען א יונגער סאָלדאַט אין דעם איינפאכען אוניפאָרם פון דיא אפריקאנישע יעגער, אין רויטע פאַנטאַלאָנס מיט א טוניק פון הימעל-קאָליר.

עס פערשטעהט זיך, אז דיא הערצען און דיא דאַמען וועלכע שפּרינגע רייטענדיג דורך דעם בולאָנער וואלד אין פּאַריז, אדער אין פּאַטאַנס, א דיא אלע פראנטען און פראנטיכעס וואלטען דעם איינפאַכען סאָלדאַט ניט געווירדיגט אפילו מיט א בליק; דיא דאַמען פון דער גרויסער וועלט וואלטע איהם געוויס גאר ניט דערקענט; אין דאך איז ער געוועזען א יונגער מאן וואס האט געהאַט א פערמעגען צו זיין פערפיגונג און א ראָמאַנטישע פערגאנגענהייט וויא עס איז זעלטען איינע צו געפינען. דאס איז געוועזען ארמאנד, און פולמען מיטן לאָרד מערריל האבען איהם בעגלייטעט.

איין שיפעל האט זיך אבגעטהיילט פון דאמפף־שיף און איז צוגעשוואומען צום ברעג. לאָרד מערריל האט געדרייכט דיא האנד פולמען און איז מיט איהר איינגעשטיעגען.

ארמאנד איז שוין דארט אריינגעשפרונגען דער ערשטער און האט ערגריפען דיא הענד פון ביידען.

זיי זיינען אלע צוגעשוואומען צום שיף, זיינען ארויפגעשטיגען, און האבען זיך געזעצט אין איינער עקע ריידען.

ארמאנד איז געוועזען פערקלעהרט און נאך אויפגערעגט פון דיא עראייגניסע וועלכע ער האט ערשט ניט לאנג דורכגעלעבט. פולמען איז געזעסען אומעטיג און ערנסט, וויא איינער וואס ליידעט שווער.

פלוצלונג האט זיך א מאטראז גערעדעט צו לאָרד מערריל און האט איהם געמעלדעט, אז דאס שיף מוז גלייך אבזעגלען, און ער מוז פארלאזען דאס שיף אויב ער וויל ניט מיט־פאהרען.

לאָרד מערריל האט ערגריפען ארמאנדס ביידע הענד:

—אלזא, אדיע קאַפּיטאַן — האט ער געזאגט.

—אָ, צו שנעלל! — האט דער יונגער מאנן געענטפערט לאבענדיג און האט געקיסט דיא האנד פון פולמען.

—אדיע, אויף ווידערזעהן — האט אויך זיא געמורמעלט מיט א דערשטיקטער שטימע.

—זיי שטארק, מיין קינד — האט איהר לאָרד מערריל איינגערוימט אין אויער און האט זיא ערגריפען פארן ארעם און מיטגעצויגען אום אבצושטייגען אין דאס קליינע שיפעל צוריס.

דער ים איז געוועזען רוהיג און גלאט און א שוואכער ווינטעל האט גע־בלאָזען. דאס שיף האט זיך געריהרט פון אָרט, וועהרענד פולמען און לאָרד מערריל

האבען נאך א לאנגע צייט נאכגעקוקט דעם שיף און געזוכט צו אונטערשיידען דאס רויטע היטעלע אויפען קאפ פון דעם יונגען סאלדאט.

—פולמען׳ מיין קינד — האט דער ענגלענדער געזאגט נאכדעם וויא דאס שיף איז אין גאנצען פערשוואונדען געווארן פון דיא אויגען — מיר קעהרען ניט צוריק נאך פאריז.

—און וואוהין דענן וועלען מיר געהן? — האט זיא געפרעגט גלייכגילטיג, וועהרענד טרעהרען זיינען איהר גרונגען איבערן געזיכט.

—נאך מאלטא.

—ווארום?

—ווייל מאלטא איז ענגלישער באדען און איך וויל אייך הייראטען — נאך דיא געזעטצע פון מיין לאנד.

—מיך הייראטען? — האט פולמען געראפען וויא אין שרעק — וואס פאלט אייך איין, מ׳לארד.

—קינד — האט לארד מעררילל געענטפערט מיט זיין מעלאנכאלישען שמייכעל — איך וויל אז דיא וועלט זאל וויסען וואס דוא ביסט ווערטה, איך וויל דיר לאזען מיין נאמען און מיין רייכטהום.... ארמאנד וואלט אייך געמעגט ליעבען דיא גע-וועזענע געליעבטע פון לארד מעררילל, אבער איך וויל ער זאל הייראטען דיא אלמנה פון לארד מעררילל.

—אה, איהר זייט פעררירקט, מיין פריינד! האט פולמען זיך געערגערט בלאס-ועהרענדיג — איהר דיינקט דאך ניט צו שטערבען?......

—ניין, נאך ניט אזוי שנעל. איידער מיר זיינען אוועקגעפאהרען פון פאריז האט מיר מיין דאקטאר געזאגט, דאס מיין הערץ־ליידען וועט מיר נאך לאזען לעבען פיער־פינף יאהר. ביז דאנן וועט ארמאנד זיין קאפיטאן, און ליידי מעררילל וועט זיין געעהרט און געאכטעט פון דער וועלט....

פולמען האט ערגריפען דיא האנד פון לארד מעררילל און האט זיא בעדעקט מיט קיסע און מיט טרעהרען.

2.

אין איינע פון יענע אפריקאנישע נעכט, ווען דער בלויער הימעל, מיט דיא גאלדענע שטערן איינגעשפריצט, זעהט אוים וויא א קעניגליכער מאנטעל, איז איינע אבטהיילונג סאלדאטען צוריקגעקעהרט פון א שלאכט געגען אונבעזיעגט׳ע שטעמע. אן דער שפיטצע פון דער אבטהיילונג איז געריטען א יונגער קאפיטאן מיט איין איינבאנדאזשירטען קאפ און מיט דער לינקער האנד אין א של־ינגע (פעטלע). זיא זיינען אזוי אריינגעריטען אין קאנסטאנטין, וואו דער גארניזאן איז געשטאנען, און פיעל אפיציערען זיינען ארוים זייערע וואפענבריעדער אנטקעגען.

—זעהט נאר, דער קאפיטאן לעאן קומט ווידער פערוואונדעט! — האבען אייניגע יונגע אפיציערען געראפען—דיעזער מוטהיגער אפיציער ווערט נאך א מאהל מארשאל פון פראנקרייך.

—ער איז אין פיער יאהר געווארן קאפּיטאן און האט די בעסטע אויסזיכט צו ווערען קאָמאנדיר אויפען פינפטען—האט איין אנדערער בעמערקט.

אונטער די לייטע וואס זיינען ארום עמפפאנגען די צוריקקעהרענדע אפטהיילונג יענער איז אויך געוועזען איין אכטער־מאנן אין א בלויען ראָק, מיט א רויטער לענטע און ווייסען שנורבּארט, אין וועלכען מען האט לייכט געקענט דער קענען איין אלטען סאלדאט.

דאס איז געוועזען זשאן.

אלס דער יונגער קאפּיטאן האט איהם בעמערקט איז ער צו איהם געלאפען מיט אויסגעשטרעקטע ארעמס.

זשאן האט געבראכט א בריעף וועלכער איז געוועזען איינגעראהמט אין שווארצען, און וועלכער האט געמעלדעט ארמאנד פון דעם טויט פון לאָרד מעררילל, וועלכער איז ערלעגען זיינעם הערצלליידען אין איטאליען, איבערלאזענדיג איהם ארמאנדין, און ליידי מעררילל פאר זיינע איינציגע יורשים.

דער בריעף האט ענטהאלטען פאלגענדעס:

„מיין יונגער פריינד,

„פולמען ליעבט אייך. און איך גלויב אז יעצט ליעבט איהר אויך פולמען.

„אבער פולמען עקזיסטירט ניט מעהר, זיא האט געמאכט פלאטץ פיר ליידי מעררילל,

„און ווען איהר וועט לעזען דיעזע צייכלען וועט זיא נייטיג האבען וועלכען בעשיטצער.

„וועט איהר עס ענטזאגען אייער פריינד פון יענעם זייט קבר?

„געוועזענער לאָרד מעררילל".

אלס עכטער ענגלענדער האט דער ערשטער מאנן פון פולמען געענדיגט זיין לעבען מיט א קבר־שפּאס, וועלכער דיענט אויך אלס ענדע צו אונזער געשיכטע.

ע נ ד ע.

לעצטע שריפטען

— פון —

מענדעלי מוכר ספרים.

(ש. י. אבראמאוויץ)

דיא לעצטע שריפטען איז א זאמלונג פון פערשיעדענע זשורנאלען אינד
צייטונגען וואו דער פאטער פון דער אידישער ליטעראטור ש. י. אברא־
מאוויץ האט אין דער לעצטער צייט געשריבען.

יעדע פון די שריפטען איז א מייסטערהאפטע קריטיק איבער דעם אי־
רישען לעבען אונד ווירקען אין רוסלאנד, אונד אין דער זעלבער צייט אי־
עס פול מיט הומאר, וויטץ אונד שארפזינן אונד זעהר אינטערעסאנט אינד
שפאנענד צו לעזען.

אין איינע פון דיא שריפטען ווערט געשילדערט מיט דער קראפט פון
מענדעלי'ס פעדער די לעצטע אידישע צרות אונד פאגראמען אין רוסלאנד.
אונד דיעזע שילדערונג אליין איבערשטייגט אללעס וואס ער האט פארהער
געשריבען, אפילו פון זיינע צוויי בעריהמטע ווערק ווי דיא „קליאטשע" אונד
„פישקע דער קרומער" עס איז א קונסט ווערק אונד עס איז ווערטה צו לע־
זען אונד שטודירען.

פרייז 35 סענט (פארטא פרייא)

צו בעקומען ביי אלע בוכהענדלער. ווי אויך ביי די פערלעגער

THE HEBREW PUBLISHING COMPANY,

83-85-87 Canal Street. New York

— די —

אימיגראנטען

— פון —

לעאן קאברין

דיעזער ראָמאַן פון דעם בעוואוסטען אידישען שריפטשטעלער און דראַמאַטורג לעאָן קאָברין איז איין אמת׳ער פעריל אין דער אידישער ליטעראַטור. אין איהם ווערט געשילדערט מיט ברענענדיגע פאַרבען דאָס לעבען פון די אידישע אימיגראַנטען אין אַמעריקאַ, דער שווערער שטרייט, וואָס די אימיגראַנטען האָבען צו פיהרען אין דיעזער לאַנד פאַר זייער עקזיסטענץ. דאַן פיהרט דער פערפאַסער פאַר אונז אַרוים אין דיזען ווערק אַ גאַנצע גאַלערעע פון טיפען און כאַראַקטערע, פון׳ם לעבען אין אונזער אידישען קוואַרטאַל.

אויך ווירד דאָרט געשילדערט ציוניסטען, אידישע אַסימי־ליאַטאָרס, סאָציאַליסטען, אַנאַרכיסטען און אַזוי ווייטער. אויסער דעם איז דער ראָמאַן אַליין זעהר אַנ׳אינטערעסאַנטער. די לעזער וואָס ווילען זיך בעקענען מיט דער אידישער נאַציאָנאַלער פראַגע און מיט דער אידישער לאַגע בכלל, דאַרפען לעזען

„די אימיגראנטען“

און די וואָס זוכען אין אַ ראָמאַן אַנ׳אינטערעסאַנטע האַנד־לונג, אויפרעגענדע סצענען, וועלען דאָס אלעס געפינען אין דיזען ווערק פון לעאָן קאָברין.

✦✦✦✦✦✦✦✦✦✦✦✦✦

פּרייז 30 סענט.

צו בעקומען ביי אלע בוכהענדלער, ווי אויך ביי די פערלעגער:

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

83-85-87 Canal Street, New York.

נייע מוזיק שוין ערשיענען

שוין ערשיענען די מוזיק פון דער בעריהמטער מוזיקאלישער דראמא

נר תמיד

פון וועלכע עס איז ביז יעצט ערשיענען בלויז דער ערשטער נומער אליין.
זיינען יעצט ערשיענען די איבריגע נומערן אויך, נעמליך:

האלט עס אייך — ציון מארטש
די סוכה — קאמיש דועט
א ווייבעל ווי א טייבעל

דאמיט איז די מוזיק פון דיעזער דראמא קאמפלים.

„דער פוילישער איד” פאר פיעדעל

קאמפליט אין 1 בוך.

זיי געבענשט דו פרייע לאנד!

זעהר א שעהנע פאטריאטישע ליעד זיסע מוזיק און שעהנע ווערטער.
מוזיק פון רומשיסקי, פערפאסט פון שמולעוויץ.

קירצליך ערשיינט

א בעריהמטע הערצרייסענדע טרויער-ליעד אויף די טרייענגעל פייער קרבנות

„מאמעניו”

פיר פיאנא מיט ווערטער פון אנשל שאהר און מוזיק פון רומשיסקי.

א בריוועלע דעם טאטען

פון שמולעוויץ און מוזיק פון רומשיסקי פיר פיאנא מיט ווערטער.

Hebrew Publishing Co.

83-85 Canal St. NEW YORK.

— פאלט׳ס ענדינעס —

ענגליש־יודישעס און יודיש־ענגלישעס

וועֿרטער־בוך

פון אלכסנדר הארקאווי.

אין צוויי טהייל.

ערשטער טהייל ענטהאלט אללע ענגלישע ווערטער נאכן איי־בי־סי, מיט זייער אויסשפראכע און איבערזעטצונג אין אידיש.

צווייטער טהייל ענטהאלט אללע יודישע ווערטער נאכן אלף־בית מיט דיא איבערזעטצונג אין ענגליש.

ביידע טהיילען זיינען געבונדען אין איין באנד.

פרייז, 3.50

ענגליש־יודישעס האנד־ווערטער־בוך:

פון אלכסנדר הארקאווי,

ענטהאלט כמעט אזוי פיעל ווערטער, וויפיעל דער פאלשטענדיגער ענגליש־יודישעס ווערטער־בוך, מיט דער אויסנאהמע וואס דיא ערקלערונגען זיינען אביסעל אבגעקירצט.

פרייז, 1.00

ענגליש־יודישעס און יודיש־ענגלישעס

טאשען־ווערטער־בוך:

פון אלכסנדר הארקאווי,

ענטהאלט אללע ענגלישע ווערטער נאכן איי־בי־סי, מיט זייער אויסשפראכע און איבערזעטצונג אין יודיש, און אללע אידישע ווערטער נאכ׳ן אלף־בית מיט דיא איבערזעטצונג אין ענגליש.

פרייז, אין קלאטה באנד, 65 סענט. אין לעדער באנד, 90 סענט.

100 געקליבענע

שריפטען

— פון —

ז. ליבין.

דאס איז דער נאמען פון ליבינ'ס לעצטע ערצעהלונגען וועלכע זיינען געווען געדרוקט אין פערשיעדענע צייטונגען און זשורנאלען און זיינען יעצט ערשיענען אין בוך-פארם.

די „געקליבענע שריפטען" זיינען ערשיענען אונטער פאלגענדען סדר:

I. גלות-בילדער.

II. ליעבע.

III. סוזשעטען.

IV. בילדער פון דעם ארימען לעבען אין נויארק.

V. דער קריזיס.

VI. פערשיעדענעס.

VII. ערנסטער שפאס.

מר. ליבין האט א נאמען געגעבען זיינע לעצטע שריפטען „געקליבענע שריפטען" וויל ער האט זיי אויסגעקליבען פון די טויזענדער וועלכע זיינען לעצטענס פון איהם ערשיענען. און נור די בעסטע וועלכע זיינען אינטערעסאנט און בעלעהרענד האט ער אונז איבערגעבען צו דרוקען אין בוך-פארם.

די „געקליבענע שריפטען" פון ז. ליבין איז געדרוקט אויף שעהנעם פאפיער און געבונדען אין א פראכטפאלען באנד.

פרייז 1 דאלער.

צו בעקומען אין אלע בוכהאנדלונגען ווי אויך ביי די פערלעגער:

HEBREW PUBLISHING COMPANY,

83-85-87 Canal Street, New York.

געקליבענע

שריפטען

— פון —

י. י. זעווין („תשר״ק״, „ידקאָוויטש״).

דאס איז דער נאָמען פון תשר״ק׳ס ערצעהלונגען וועלכע זיינען יעצט ערשיענען אין בוך־פאָרם און וועלכע זיינען געווען געדרוקט אין „טאגעבלאט״ אונטער די נעמען:

ווים דער קאסטאמער פעדלער.	שמחה דער שמש.
רזשאו דער ווייטער.	בערל דער בוטשער באי.

מר. זעווין האט א נאָמען געגעבען זיינע ערצעהלונגען „געקליבענע שריפטען״, ווייל ער האט זיי ניי אויסגעקליבען פון די טויזענדע ערצעהלונגען וועלכע ער האט פערפאסט, און נור די בעסטע וועלכע זיינען פול מיט וויטץ און הומאָר, האט ער איבערגעגעבען צו דרוקען אין בוך־פאָרם.

מר. זעווין האט אויך א סך פון די ערצעהלונגען אין די „געקליבענע שריפטען״ אויסגעבעסערט, פיעל וואָגער אין גאנצען איבערגעארבייט; זאָ, דאס די לעזער וועלען דערינען געפינען גאנץ נייעס לעבען און וועלען זיך אויף דאס ניי גוט אמוזירען.

מר. זעווין איז אהנע צווייפעל דער גרעסטער אידישער הומאָריסט אין אמעריקא ווייל איהר קענט ניט דורכלעזען זיינע צוויי אָדער דריי צייל‍ען וואו איהר זאלט זיך ניט פארנאנדערלאכען, ער שטעהט דעריבער אזוי הויך, אלס הומאָריסטישער שרייבער אין אמעריקא פונקט ווי „שלום־עליכם״ אין אייראָפּא.

מר. זעווין איז א מאָדערנער אידישער הומאָריסט, זיינע הומאָריסטישע ערצעהלונגען זיינען ניט פון דעם לעבען און ווירקען פון דעם אלטען דור, נאר פון דעם נייעם דור, אויך ניט פון דער אלטער וועלט, נאר פון דער נייער וועלט. אין זיינע שריפטען שפּיעגלט זיך אָפּ דער גאנצער אידישער לעבען אין אמעריקא; זיין האנדעל און וואנדעל, זיין פרייד און לייד, זיין גליק און אונגליק. אלעס ווערט אזוי איינגעוויקעלט אין הומאָר און וויטץ, דאָס אפילו ווען איהר לעזט א זאך וואס מען דארף דארויף וויינען, מוזט איהר אויך לאכען.

די „געקליבענע שריפטען״ פון י. י. זעווין וועט אמוזירען דעם גאנצען אידישען פובליקום, און אפילו דיעזע וועלכע האבען שוין די שריפטען געלעזען אין „טאגעבלאט״ וועלען עס יעצט מיט פערגעניגען נאך אמאל לעזען אין בוך־פאָרם.

די „געקליבענע שריפטען״ איז געדרוקט אויף שענעם פּאפּיר און געבונדען אין קלאָטה באנד.

פּרייז 1 דאָלער.

צו בעקומען אין אלע בוכהאנדלונגען ווי אויך ביי די פערלעגער:

HEBREW PUBLISHING CO.,

83-85-87 Canal St.   New York.